STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01764

DI GESHIKHTE FUN DER GRIKHISHER LITERATUR

P. S. Kogan

*Permanent preservation of this book was made possible
by Robert Roth
in honor of
his parents, Yetta & Milton Roth*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. קאָגאַן

די געשיכטע פון דער גריכישער ליטעראטור

איבערגעזעצט פון אָריגינאַל פאָלק הײלפערין

ווילנע — 1927

פאַרלאַג „טאָמאָר“ פון יוסף קאַמערמאַכער

PRINTED IN POLAND

P. Kogan. — „Dzieje literatury Greckiej".

Drukarnia Notes i Szweilich, Wilno.

הקדמה צו דער ערשטער אויפלאַגע.

אין די דאָזיקע „סקיצן צו דער געשיכטע פון די אַלטער־טימלעכע ליטעראַטורן" האָב איך מיך באַמיט צו האַלטן פאַר דעם זעלביקן פּלאַן, וואָס אין די שוין ערשינענע צוויי בענדער „סקיצן צו דער געשיכטע פון די מערב־אייראָפּעישע ליטעראַטורן". צום באַדויערן האָבן די אָרעמע רעשטן, וואָס זיינען פון דער אַמאָל רייכער און קאָמפּליצירטער גריכישער ליטעראַטור צו אונז דערגאַנגען, ניט ערלויבט צו זיין אַ גרויסער אויסקלייבער. מען האָט צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער עפּאָכע און פון די אָנשויונגען פון דער געזעלשאַפט געמוזט נעמען ניט דאָס מער בולטע, נאָר דאָס, וואָס די אַכזרישע צייט האָט פאַרהיט פון פאַרניכטונג. אָבער אומעטום, וואו ס'איז מעגלעך געווען, האָב איך געזען פאָרצושטעלן די ירושה־פאַרבינדונג צווישן די אידעען און שטימונגען, מיט וועלכע עס האָט געלעבט דאָס פאָלק, וואָס איז געשטאַנען ביים וויגבעט פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע, און ניט איך בין דער שולדיקער אין די פאַלן, ווען מיר איז עס ניט געלונגען צו דערגרייכן. אין דעם דאָזיקן בוך האָב איך מיין אויפגאַבע באַגרעניצט מיט דעם איבערזיכט פון דער קינסטלערישער שאַפונג פון די גריכן, ניט אָנרירנדיק די דענקמעלער, וואָס זיינען שייך צו דעם געביט פון דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע און רעדנער־קונסט. דער צווייטער באַנד, וועלכער גרייט זיך איצט צום דרוק, וועט געווידמעט זיין דעם איבערזיכט פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור פון רוימישן פאָלק. — די קוואַלן, מיט וועלכע איך האָב מיך באַנוצט, האָב איך אָנגעוויזן אין באַמערקונגען אונטער די שורות.

1907:

פּ. ק.

די דאָזיקע צווייטע אויפלאַגע דרוקט זיך מיט קליינע תיקונים און שינויים.

יולי 1910.

פּ. ק.

ערשטע אָפּטיילונג.

דער עפּאָס און דער אָנהייב פון דער ליריק. האָמער. העסיאָד.

I.

די באַדייטונג פון דער גריכישער ציוויליזאַציע און ליטעראַטור. — דער איינפלוס פון דער גריכישער ליטעראַטור אויף דער נייער אייראָפּעאישער. — די אַלמענטשלעכע באַדייטונג פון דער גריכישער ליטעראַטור. — דער איינפלוס פון די געאָגראַפישע באַדינגונגען אויף דער אויסבילדונג פון דעם גריכישן כאַראַקטער: די טיפע איינגעשניטנקייט פון די גריכישע ברעגן, די אָרעמקייט פון דעם באָדן, די שיינקייט פון די פּייזאַזשן און דער קלימאַט. — די גרונדשטריכן פון גריכישן כאַראַקטער. — די באַזונדערהייטן פון דער גריכישער רעליגיע, פילאָסאָפיע, וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור. — די פאַר-האָמערישע ליטעראַטור. — די פראַגע וועגן דעם אַוטאָר פון דער „איליאַדע" און דער „אָדיסעע"; וועגן דער צייט און דעם אָרט פון זייער אַנטשטיין. — דער סוזשעט פון דער „איליאַדע". דער סוזשעט פון דער „אָדיסעע".

מער איידער פינף=און=צוואַנציק יאָרהונדערטער טיילן אונז אָפּ פון יענער עפּאָכע, פון וועלכער עס זיינען פאַרבליבן די ערשטע דענקמעלער פון דער גריכישער ליטעראַרישער שאַפונג. אָבער די ווייטקייט פון צייט האָט ניט אָפּגעשוואַכט אונזער אינטערעס צו די ערשטע שאַפונגען פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. יאָרטויזנטער—דאָס איז אַ פּראָבע, וועלכע עס האַלטן ניט אויס אַפילו די סאַמע גרויסע ווערק. אַ פולע פון די שפּעטערדיקע שאַפונגען פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור זיינען שוין פאַרגעסן געוואָרן ביים לעזער=עולם און זיינען געוואָרן אַ עניין בלויז פאַר ספּעציאַליסטן. אָבער די איליאַדע און אָדיסעע הערן ניט אויף צו ערשיינען אין אַלץ נייע און נייע אויסגאַבן. דידאָזיקע אומשטערבלעכע פּאָעמען זיינען ניט בלויז די טייערסטע קוואַלן פאַר דעם היסטאָריקער וועגן די ערשטע טריט פון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע; נאָר זיי דינען שטענדיק אַלס געליבטסטער מאַטעריאַל צום לייענען פאַר דער געבילדעטער געזעלשאַפט. אַפילו אונזער רוסישע קלאַסישע שול, וועלכע האָט פון דער אַלטערטימלעכער ליטעראַטור געמאַכט אַ פייניקונגס=אינסטרומענט פאַר די יונגע מוחות, האָט ניט אינגאַנצן געקענט אָפּטויטן אין אונז דעם אינטערעס צו האָמערס פּאָעמעס און צו סאָפאָקלעס טראַגעדיעס.

דער דאָזיקער אינטערעס צו דער גריכישער ליטעראַטור איז גאַנץ
נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך. ביי גאָר דער ווייטקייט פון יענער עפּאָכע,
מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן איר בליונגס=פעריאָד, ביי דעם פאַר אונז
פרעמדן כאַראַקטער פון די מידות און די טיפּן, וועלכע זיינען פאַראייביקט
אין דער דאָזיקער ליטעראַטור, מוזן מיר דאָך אין איר באַמערקן די
וואָרצלען פון אונזער היינטיקער ליטעראַטור. זי, ווי די רוימישע ליטע=
ראַטור, וועלכע איז אַנטשטאַנען נאָך איר און אונטער איר השפּעה, האָט
קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו ווירקן אויף די נייע אייראָפּעישע ליטע=
ראַטורן. די אייראָפּעישע געזעלשאַפט האָט זיך ניט איינמאָל מיט ליב=
שאַפט געווענדט צו די אַלטערטימלעכע שאַפונגען, געזוכט אין זיי אַ באַ=
לויכטונג פון זייערע אייגענע געפילן, תשובות אויף זייערע אייגענע פראַגן.
אַפילו אין מיטלעלטער, ווען די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט אין אַזאַ
שאַרפער סתירה צו די געצנדינערשע אידעאַלן, זיינען די אַלטערטימלעכע
סוזשעטן ניט פאַרשוואונדן פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור, און אין
אַריסטאָטעלעסן האָט מען געוואָלט זען דעם „אָנזאָגער פון קריסטוס“.
ווען אָבער די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט האָט אין דער רענעסאַנס=
עפּאָכע פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די פענטעס פון דעם קירכלעכן אַווטאָרי=
טעט, און די מענטשהייט האָט זיך אָנגעהויבן באַפרייען פון די קייטן פון
סכאָלאַסטיק און אַסקעטיזם, האָט זיך דער געזעלשאַפט געדאַכט, אַז אין
דער אַלטער פילאָסאָפיע און ליטעראַטור האָט זי געפונען אַ פאַרטיקן
אויסדרוק פאַר אירע אידעאַלן, אַז די היידנישע וועלט האָט שוין לאַנג
אויסגעאַרבעט יענע לעבנספאָרמען, געדאַנקען און שאַפונגען, וועלכע אַנט=
שפּרעכן די נייע באַדערפענישן און געשמאַקן, אַז די געזעלשאַפט האָט
שוין ניט קיין טעם צו זוכן נייע וועגן, נאָר ס׳איז גענוג, מען זאָל זיך
אומקערן צו דער פאַרגאַנגענער קלאַסישער ציוויליזאַציע. אין XVII און
אין XVIII י״ה איז די גריכישע טראַגעדיע געוואָרן דער מוסטער פאַר
דעם אייראָפּעישן טעאַטער, און אַריסטאָטעלעסעס פּאָעטיק איז געוואָרן
די עוואַנגעליע, בנוגע צו וועלכער בואַלאָ און לעסינג האָבן געשפּילט
פונקט אַזאַ ראָלע, ווי די טעאָלאָגן פון פאַרשיידענע שולן שפּילן בנוגע
צו די הייליקע שריפטן. זיי גייען זיך פונאַנדער, ווען זיי קומען זי אויס=
טייטשן, אָבער זיי וואַגן ניט אַוועקצושטעלן איר אַווטאָריטעט אונטער
אַ ספק. אויב די עפּאָכע פון הומאַניזם איז געווען די אויפלעבונג פון
דער אַנטיק=וועלט, איז דער ראָמאַנטיזם געווען דער תחית=המתים פון
דעם מיטלאַלטער. און פונדעסטוועגן האָבן אַפילו די ראָמאַנטיקער, וועל=
כע האָבן ערקלערט אַ מלחמה אויף טויט און לעבן דער אַזוי=גע=
רופענער פּסעוודאָקלאַסישער ריכטונג, ניט גאָר אינגאַנצן מבטל געמאַכט

די רייכע ירושה פון דער אַלטער שאַפונג. דער אינטערעס צו די אַלטערטימלעכע שריפטשטעלער האָט געשטאַמט פון דעם ראָמאַנטישן אינדיווידואַליזם, פון דער שטרעבונג מצד די ראָמאַנטיקער אויפצודעקן די אַרויסווייזונג פון דעם אַבסאָלוטן יסוד אין דער געשיכטע און אין דער נאַטור. אַזעלכע באַגייסטערער פונם ראָמאַנטיזם, ווי הערדער און געטע, און אַזעלכע טעאָרעטיקער זיינע, ווי די ברידער שלעגעל, האָבן טיף באַגריפט דעם גייסט און דעם זינען פון די בעסערע ווערק פון דער אַלטערטימלעכער פאָעזיע. און היינטיקע צייט, ווען די געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע אינטערעסן טרעטן אַרויס אויבנאָן, האָט די וויסנשאַפט אין דער אַנטוויקלונג פון דער גריכישער ציוויליזאַציע געפונען פיל אַזוינס, פון וואָס אונזער עפאָכע קאָן זיך אַראָפנעמען אַ מוסר, און דער מחבר פון דער גרעבטער אויספאָרשונג איבער דער אַלטער געשיכטע, עדואַרד מייער, האָט געפונען אַן אַנאַלאָגיע אין דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער אַלטער און דער נייער צייט; דערביי איז די עפאָכע פון האָמער און העסיאָד אין דער געשיכטע פון גריכנלאַנד, לויט מייערס מיינונג, אַנאַלאָגיש צו דער גערמאַנישער מיטלאַלטערישער עפאָכע. דאָס איז — „די עפאָכע פון דער מעכטיקייט, וועלכע עס האָבן געהאַט די מיוחסים, די עפאָכע פון ריטערישע גבורות און העראָאישער דיכטונג“ 1).

דער אינטערעס צו דער אַלטערטימלעכער וועלט, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט עד־היום, דינט פאַר דעם בעסטן באַווייז, אַז עס עקסיסטירט אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן דעם אורפשרינגלעכן פעריאָד פון דער אייראָפעישער ציוויליזאַציע און דער נייער צייט. מען מעג זאָגן, אַז גרינדלעך צו פאַרשטיין אַ פולע פון די היינטיקע פילאָסאָפישע און קינסטלערישע אידעען איז לחלוטין אוממעגלעך אָן דער באַקאַנטשאַפט מיט דער קלאַסישער ליטעראַטור. „די גאַנצע נייע ליטעראַטור איז באַגרינדעט אויף דער גריכישער קולטור. די גריכן האָבן מיר צו דאַנקען פאַר אַלדאָס גוטס, וואָס גיט צו אַ ווערט אונזער לעבן: פאַר אונזער וויסנשאַפט, פאַר אונזער קונסט, פאַר אונזערע אידעאַלן פון גייסטיקער און פאָליטישער פרייהייט“ 2).

אָבער ניט בלויז דער אינטערעס צו דעם היסטאָרישן סדר־הירושה פון די אידעען, ניט בלויז די גרויסע באַדייטונג פון דער גריכישער ליטעראַטור, אַלס פאָרשטייערין פון דער נייער אייראָפעישער שאַפונג, וועקט אין אונז דעם פאַרלאַנג מיט איר צו באַקענען זיך. די גריכישע ליטעראַ=

1) עדואַרד מייער. געשיכטע פונם אַלטערטום.

2) י. בעלאָך. געשיכטע פון גריכנלאַנד.

טור איז געווען אַן אויסדרוק פון די מחשבות און די געפילן פון אַ פאָלק, וואָס האָט געהאַט אַ הויכע קולטור. ס'דאָזיקע פאָלק האָט זיך געמאַטערט איבער דער באַשיידונג פון אייביקע פראַגן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט און וועלן, אפנים, קיינמאָל ניט אויפהערן צו עקסיסטירן ביי דער מענטשהייט. ס'דאָזיקע פאָלק האָט געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן פילע פון יענע אידעאַלן, וועלכע זיינען געוואָרן אומאָפּטיילבאַרע עלעמענטן פון דעם מענטשלעכן גייסט. „אַלץ, פאַרוואָס מיר קעמפן נאָך עד-היום — אמת, פרייהייט, גלייכהייט — האָבן שוין פאַר דעם אַלעמען געקעמפט די גריכן" 1). די גריכישע ליטעראַטור האָט פאַראייביקט יענע קאָנפליקטן פון לעבן, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אויף דעם באָדן פון דעם דאָזיקן קאַמף און פון די דאָזיקע שטרעבונגען, זי האָט באַלויכטן די אינערלעכע וועלט פון מענטשן, וועלכע זיינען אונז נאָענט מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע אידעאַלן. מיט איין וואָרט, די גריכישע ליטעראַטור האָט אונז איבערגעלאָזן רייכע קוואַלן צום פאַרשטיין די עיקרשטע יסודות פון דעם מענטשלעכן גייסט, די אייביקע באַוועגונגען פון דעם מענטשלעכן שכל און האַרצן, די אומאָפּשטאַרבנדיקע קאָליזיעס פון פּערזענלעכן, פון פאַמיליען- און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די העלדן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור זיינען שוין פאַר אונז לאַנג געוואָרן פאַרשטענדלעכע סימבאָלן, כלל-נעמען פון די אָדער יענע באַגריפן, די גריכישע מיטן און סוושעטן — זיינען פאַר אונז געוואָרן שאַרפזיניקע פאָרמען, אין וועלכע עס איז אָנגעקליידט די אָדער יענע טיפּישע ערשיינונג פון לעבן. באַנוצנדיק זיך היינטיקע צייט מיט די אויסדרוקן „פּראָקרוסט-געלעגער", „צירצעאַס פּישוף" אָדער „דער רייץ פון דער סירענע", צאָלן מיר דערמיט גופא, אָפט גאָר אומבאַוואוסטזיניק, מס דעם גאַנצן גרויסן פאָלק, וואָס האָט די אייביקע ערשיינונגען פון דעם מענטשנס נאַטור און לעבן אָנגעקליידט אין אַזעלכע העלע קינסטלערישע געשטאַלטן, אַז זיי פאַרבלייבן דער בעסטער אויסדרוק זייערער אויך נאָכדעם, ווי עס זיינען אַריבערגעגאַנגען טויזנטער יאָרן. אַזוי אַרום איז די גריכישע ליטעראַטור ניט בלויז אַ גרויסער היסטאָרישער דענקמאָל, נאָר אויך אַ טייערע קוועלע צום פאַרשטיין דעם מענטשן און דאָס לעבן.

דאָס פאָלק, וואָס האָט געשאַפן די דאָזיקע ליטעראַטור, האָט אין דעם גרעסטן טייל זיינעם געלעבט אין אַ פיינעם לאַנד, צווישן פיינע לאַנדשאַפטן און אין גליקלעכע באַדינגונגען. אמת, היינטיקע צייטן קענען מיר שוין ניט טיילן צוזאַמען מיט רענאַנען זיין התפעלות, מיט וועלכער

1) י. בעלאָך. געשיכטע פון גריכנלאַנד.

ער פאַרזיכערט אונז, אַז אין דעם דאָזיקן געבענטשטן קאַנט „זעט אַפילו דער קראַנקער, וועלכן מען קען ניט אויסהיילן, אויס ניט טרויעריק, נאָר ער קוקט רויִק אויף דעם טויט, וואָס דערנענטערט זיך צו אים". היינטיקע צייטן ווייסן מיר, אַז דער לעבנספרייידיקער געפיל און די פריילעכקייט זיינען ניט געווען די גרונדשטריכן פון דעם כאַראַקטער ביי אַלע גריכן, אַז „האָבן פיינע פייערונגען" איז געווען „די הויפטזאָרג" לגמרי ניט פון יעדן גריך, ווי עס האָט פאַרזיכערט טען [1]. מיר זיינען איצט באַפרייט פון איבערגעטריבענע פאָרשטעלונגען וועגן דער גוטער ווירקונג פון דעם גריכישן קלימאַט אויף די איינוואוינער פונם לאַנד. מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער קלימאַט האָט ניט בלויז געבענטשטע אייגנשאַפטן, וועלכע לאָזן זיך אַנטוויקלען גליקלעכע און אָפענע כאַראַקטערן, אַז דער מזרח-טייל פון גריכנלאַנד ליידט פון טריקעניש אין דער לופט, די שאַרפע וואַקלונגען פון דער טעמפעראַטור אין אייניקע ערטער זיינען געפערלעך פאַרן געזונט, און אַז אין די זומערדיקע חדשים דערגרייכט די היץ אין אַטיקע ביז אַ גרויזאַמער קראַפט [2]. און פונדעסטוועגן, ווען מען זאָל אָפוואַרפן די עקסטרעמען און די גוזמאות, מוז מען מודה זיין, אַז די די נאַטור פון דעם לאַנד האָט אַרויפגעלייגט אַ טיפן שטעמפל אויף דער גריכישער געשיכטע און ליטעראַטור. אויב היינטיקע צייטן האָבן די אייזנבאַנען און דער טעלעגראַף צעשטערט די גרעניצן, וועלכע טיילן אָפ פעלקער איינס פון אַנדערן, זיינען די דאָזיקע ערפינדונגען ניט געווען מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק. מחמת דעם האָט די קעגנזייטיקע ווירקונג פון די פעלקער איינס אויפן צווייטן ניט געקאָנט דערגרייכן צו אַזאַ אינטענסיווקייט, צו וועלכער זי האָט דערגרייכט היינטיקע צייט. יעדעס פאָלק האָט לייכטער און לענגער פאַרהיט יענע נאַציאָנאַלע באַזונדערהייטן, וועלכע זיינען אויסגעבילדעט געוואָרן אָפהענגיק פון די אָרטיקע באַדינגונגען. אין אונזער צייט גיבן זיך די מאָדעס און די געשמאַקן פון צפון לייכט איבער צו דעם מענטשן אויף דרום, און נאָכטוענדיק דער מאָדע, קאָן ער זיך אָנטון אין אַ קאָסטיום, וועלכער אַנטשפרעכט ניט דעם קלימאַט און דעם באָדן פון זיין פאָטערלאַנד, קאָן ליב קריגן די שאַפונגען פון איבסענען, די דאָזיקע פראָדוקטן פון דעם פרעמדן פאַר אים סקאַנדינאַווישן גייסט, מער פאַר דעם אייגענעם טעאַטער. אין דער אַלטערטימלעכער צייט איז די ליטעראַטור געווען אַ מער בולטער אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אויף איר האָט אַ טיפערן שטעמפל אַרויפגעלייגט די נאַטור, אין וועלכער עס זיינען אויסגעוואַקסן אירע שעפער.

1) ה. טען. די פילאָסאָפיע פון דער קונסט אין גריכנלאנד.

2) ר. וויפער. לעקציעס איבער דער געשיכטע פון גריכנלאַנד.

די גריכישע ליטעראַטור איז מער פאַר אַנדערע עלעמענטן פון דער גריכישער קולטור פריי פון פרעמדע השפעות. אויב אויף דעם געביט פון רעליגיע, קונסט און מוזיק דאַרפן די גריכן ביז אַ געוויסער מדרגה דאַנקען יענע, וועמען זיי האָבן מיט פאַראַכטונג גערופן באַרבאַרן, פאַרבלייבט די גריכישע ליטעראַטור זייער אָריגינעלע שאַפונג. אָן מוסטערן פון פרעמדע לענדער, אָן פירער פון דער זייט נעמט זיך די גריכישע ליטעראַטור זעלבשטענדיק פאַר דער באַשיידונג פון די העכסטע אויפגאַבן און לייגט זיך אַדורך אייגענע וועגן [1].

טוט אַ בליק אויף דער קאַרטע פון גריכנלאַנד, וועט זיך אייך וואַרפן אין די אויגן פריער פאַר אַלץ די שאַרפע געאָגראַפישע באַזונדערהייט פון דעם האַלבן אינזל, וואָס עס פאַרנעמט — די אומגעוויינלעך איינגעשניטענע ברעגן: דאָ איז אויף יעדן טריט אַ פראַכטפולער נאַטירלעכער האַפן. דער ים האַקט איבער במעט אויף דער העלפט די גריכישע טעריטאָריע, שניידט זיך טיף אַריין אין אירע ברעגן; ער זעט זיך פון פילע אינעווייניקסטע ערטער, וועלכע ליגן זעלטן ווייטער איידער זיבנאַכט מייל פון די ברעגן [2]. דער ים, וואָס טיילט גריכנלאַנד אָפּ פון קליין=אַזיע, איז באַזייט מיט אינזלען, זיי זיינען דאָ אָנגעשאָטן ווי שטיינער צום אַריבערגיין איבער אַ פלאַכן אָרט ערגעץ אויף אַ טייכל. פון איין אינזל קאָן מען אין אַ גוטן וועטער זען די סילועטן פון דעם צווייטן. פון דעם קאַפּ מאַלעי זעען זיך די שפיצן פון די בערג אויפן אינזל קריט, פון קריט זעען זיך די בערג פון ראָדאָס, פון ראָדאָס — די בערג פון קליין=אַזיע [3]. דער ים פאַרלאָקט צו זיך יעדן איינוואוינער פון דעם דאָזיקן קליינעם לאַנד, וואָס זיין ברעגליניע שטייגט אַריבער די ברעגליניע פון פירענעישן האַלבאינזל. יעדער גריך איז אין דער נשמה אַ ים=רייזנדער. די ברייטקייט פון די פלענער, די תשוקה צו עקספּעדיציעס און צו

1) טעאָדאָר בערגק. גריכישע ליטעראַטור-געשיכטע I ב.

2) ר. וויפּער. לעקציעס וועגן דער געשיכטע פון גריכנלאַנד.

3) בילדעריש איז די דאָזיקע נאָענטקייט פון די אינזלען געשילדערט ביי עסכילאָס. וועגן דעם חורבן פון טראָיע האָט זיך גריכנלאַנד דערוואוסט אין דעם טאָג גופא, ווען ס'איז געפאַלן איליאָן. וועגן דעם האָבן אָנגעזאָגט סיגנאַל-פייערן. „צוערשט האָט מען אָנגעצונדן אַ העלן פלאַם אויף אידאַ, די סיגנאַל-פייערן האָבן זיך אָנגעצונדן איינער נאָכן צווייטן ביז זיי זיינען דערגאַנגען אַהער. דאָס פייער פון אידאַ האָט געלאָזט אָנצינדן אַ פלאַקער אויף דעם באַרג פון הערמעס אויף דער לעמנאָ. דעם דריטן נאָכן אינזל-פלאַקער האָט מען אָנגעצונדן אויף דעם געהייליקטן צו צעאוס באַרג אַטאָס. דער גרויסער פלאַם איז פונקט ווי געלאָפן איבערן ים. דער פריידיקער פלאַם איז אַריבערגעגאַנגען פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווי אַ שטורקאַץ, אַ ברענענדיקער מיט אַ גאָלדיקן גלאַנץ, ווי די זון, ביז ער איז דערגאַנגען ביז מאַקיסט„ און אַז. וו. עסכילאָס. אַגאַמעמנאָן.

זיבן נייע לענדער, די ליבע צו וויסן, דרייסטקייט, כיטרעקייט און ערפינדערישקייט, מיט איין וואָרט — יענער גייסט פון אונטערנעמערישקייט, וואָס שטאַמט פון קאָלאָניזאַציע, פון ים־רויבעריי און ים־מסחר — ער הערשט אין דער איליאַדע און אין דער אָדיסעע. ס'איז קיין ספק ניט, אַז די דערמאָנטע געאָגראַפישע באַדינגונגען האָבן ניט ווייניק מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיקן גרונדשטריך אין דעם כאַראַקטער פון דעם גריכישן פאָלק. די פּאַרצייטיקע גריכן זיינען געווען ניט בלויז פּראַקטיקער; זיי האָבן געזוכט נייע לענדער ניט בלויז צו פאַרברייטערן זייערע מערק און צו באַפרייען זיך פון דעם איבערפלוס פון דער באַפעלקערונג. אין זיי האָט זיך אויך אַנטוויקלט דער גייסט פון פאָרשן לשמה און מחמת ציוויליזאַטאָרישע נטיות. זיי האָבן דעם האַנדל ניט געמאַכט פאַר זייער ספּעציאַליטעט, דער מאַטעריעלער וואוילשטאַנד האָט פאַר זיי גרעסטנטייל געדינט נאָר אַלס אַ תנאי, וואָס האָט געשאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַר דעם פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן. 1) די דאָזיקע אידעלע שטרעבונג צו העכערע צילן האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן די גריכן אַפילו ווען זייערע מאַטעריעלע און עראָבערישע שטרעבונגען, און, אפשר, טאַקע דווקא דאָס איז איבערהויפּט די סיבה פון יענער שטאַרקער ווירקונג, וואָס עס מאַכט אויף אונז זייער ליטעראַטור. דערמיט קאָן מען אויך דערקלערן זייערע ערפאָלגן אין דער וויסנשאַפט. די גריכן האָבן ליב געהאַט דעם אמת אַליין פאַר זיך, און ניט נאָר פאַר יענע פּראַקטישע אויספירן, וואָס מען קאָן פון אים מאַכן. די סיצילישע מאַטעמאַטיקער, וועלכע האָבן אָנגעווענדט זייערע אַנטדעקונגען צו בויען מאַשינען, האָט פּלאַטאָן פאַרגעוואָרפן דערפאַר, וואָס זיי דערנידעריקן די וויסנשאַפט; לויט זיין מיינונג דאַרף זיך די וויסנשאַפט באַגרעניצן מיט דעם צוקוקן בלויז די אידעאַלע ליניעס. 2)

אָבער די גריכן זיינען ניט נאָר ענערגישע אונטערנעמער און טיפע דענקער. זיי זיינען קינסטלער. גריכנלאַנד איז באַדעקט מיט בערג און איז אָרעם און גלייכע פליינען. דער באָדן איז דאָרט אַן אָרעמער, אָבער די פּייזאַזשן—וואונדערלעכע; אין גרעסטן טייל גריכנלאַנד איז אַן אָנגענעמער, וואַרעמער קלימאַט. מחמת דעם איז די באַפעלקערונג געוואוינט צו דערנערן זיך מעסיק און פאַרברענגען פיל צייט אויסער די ווענט פון הויז. לויט די רייד פון איינעם אַ קענער פון דעם היינטיקן גריכנלאַנד,

---

1) ו. קעניגעס. די ציוויליזאַציע פון מערב פון עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט.

2) ה. טען. די פילאָסאָפיע פון דער קונסט אין גריכנלאַנד

נעכטיקט געוויינלעך דאָס פאָלק עד היום פון האַלב מאַי ביז סאַמע סוף סעפטעמבער אין די גאַסן, און די פרויען שלאָפן אויף די טעראַסן. און וואָס נוגע שפּייז, באַנוגענען זיך דאָ אַפילו רייכע מענטשן מיט אַ געריכט פון גרינס צו מיטאָג, און די אָרעמעלייט — מיט אַ הויפן איילבירטן, אָדער מיט אַ שטיקל געזאַלצענע פיש. די שפּייז פון איין ענגלישן ערד־אַרבעטער וואָלט דאָ געקלעקט פאַר אַ משפחה פון זעקס מענטשן. מיט איין וואָרט, לויט טענס גערעכטן אויסדרוק לעבט אין אַזאַ לאַנד אַלץ אויף דער פרייער לופט, דאָ איז שפּייז מער פאַר די אויגן, איידער פאַרן מאָגן: „אַזאַ לאַנד מאַכט געבוירן שטאַלטנע, טעטיקע, מעסיקע אין עסן און טרינקען באַרג־מענטשן, וועלכע זיינען מער אויסגעהאָדעוועט מיט דער ריינער לופט“. די גריכן האָבן זיך ניט פאַרשפּאַרט אין די דושנע צימערן, זיי האָבן זיך כסדר געפונען אין פאַרקער מיט דער נאַטור, האָבן אויך געשעצט די שיינקייט, ליב געהאַט די געראַמקייט און די פרייהייט, געשטרעבט צו פולער אַנטוויקלונג פון אַלע זייערע פיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן.

די האַרמאָנישע באַהעפטונג פון די גייסטיקע און עסטעטישע פעיקייטן ביי דעם גריכישן פאָלק האָט באַקומען אַ באַזונדערע אָפּשטעמפּלונג אַדאַנק דער מיניאַטורער מאָס פון זייער מלוכה. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אַפילו די בכלל קליינע טעריטאָריע, וועלכע האָט געדינט אַלס אַרענע פאַר די געשעענישן פון דער גריכישער געשיכטע, האָט ניט פאָרגעשטעלט קיין פּאָליטישע גאַנצע, נאָר זי איז צעפאַלן געווען אויף אַ מאַסע קליינע מלוכות. מחמת דעם איז דער באַגריף פאָטערלאַנד פאַר דעם גריך ניט געווען עפּעס אַזוינס אַבסטראַקטס, גראַנדיעזס, צעשוואָמענס אין אומבאַשטימטע שטריכן. פאַר אים איז דאָס פאָטערלאַנד געווען אַ ממשותדיקע זאַך. קאָנקרעטס. דאָס איז געווען די געבירטיקע שטאָט מיט ניט קיין גרויסער דערביי ליגנדיקער געגנט. די מלוכה האָט ניט דערשטיקט די פערזענלעכקייט אין נאָמען פון אירע שטרעבונגען. ניט אומזיסט האָט די גריכישע געמיינדע אויסגעוויזן ווי אַ אידעאַל אין די אויגן פון זשאַן־זשאַק רוסאָ, דעם הייסן אַפּאָלאָגעט פון פאַטריאַרכאַלן לעבנסשטייגער און פון נאַטירלעכן צושטאַנד. אַזעלכע ניט קיין גרויסע מלוכה־אָרגאַניזמען דאַרפן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין קיין קאָמפּליצירטע מעכאַניזמען מיט מאַסן געקינצלטע און פאַרצווייגטע אַנשטאַלטן. דאָ איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן די אינטערעסן פון די בירגער מיט די מלוכה־אַנשטאַלטן קלאָר. דאָ מאַכט דער בירגער אונטערטעניק די אַנשטאַלטן צו זיך, און ניט פאַרקערט. אפשר דערמיט דערקלערט זיך די קלאָרקייט און די ניכטערקייט פון דעם גריכישן שכל, וועלכע האָבן זיך אָפּגע-

שפּיגלט אין די לעבנס=אידעאַלן פֿון די גריכן, אין זייער רעליגיע, פֿילאָסאָפֿיע און וויסנשאַפֿט. ווי איינפֿאַך און קלאָר עס איז, למשל, זייער פֿאָרשטעלונג וועגן גליק. סאָלאָן האַלט פֿאַר דעם גליקלעכסטן מענטשן דעם אַטענער איינוואוינער טעלל. ערשטנס, איז די פֿאָטערלענדישע מלוכה פֿון טעלל געווען אַ גליקלעכע, ער האָט געהאַט פֿיינע קינדער און דערלעבט ביז דער צייט, ווען ביי זיי אַלעמען זיינען געבאָרן געוואָרן קינדער און אויסגעוואַקסן גרויסע; צווייטנס, זיינען זיינע מיטלען צום לעבן, לויט אונזערע באַגריפֿן, געווען גענינגנדיקע, און געענדיקט האָט ער זיינע טעג מיט אַ רומפֿולן טויט, דהיינו: אין דער שלאַכט פֿון די אַטענער מיט די שכנים ביי עלעווסין האָט ער זיינע אייגענע מיטבירגער געהאָלפֿן צו פֿאַריאָגן די שונאים און איז געשטאָרבן מיט דעם טויט פֿון אַ מוטיקן מענטשן; די אַטענער האָבן אים באַגראָבן אויף דעם חשבון פֿון דער מלוכה אויף דעמזעלביקן אָרט גופֿא, וואו ער איז געפֿאַלן, און האָבן אים אָנגעטאָן גרויס כּבוד 1). זעען מיר, אַז דער דאָזיקער אידעאַל פֿון גליק טרעט ניט אַריבער די גרעניצן פֿון משפּחה און פֿון איר מאַטעריעלער פֿאַרזיכערטקייט, און דאָס יאָגן זיך נאָך כּבוד איז באַגרעניצט מיט דעם שטח פֿון קליינעם פֿאָטערלאַנד און מיט דער ליבשאַפֿט פֿון די מיטבירגער.

אין די רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען ביי די גריכן איז דאָס ערדישע לעבן ניט בטל געוואָרן לגבי דער אייביקייט. זייער פֿאָרשטעלונג וועגן דער וועלט איז פֿריי געווען פֿון פּחדנישער שרעקעדיקייט פֿאַר דער אומענדלעכקייט; זייערע געטער זיינען איינפֿאַכע און קלאָרע און ביז די מינדסטע פּרטים ענלעך צו מענטשן: זיי האָבן ליב זייערע קינדער, קעמפֿן צווישן זיך, און שיידן זיך אונטער פֿון די מענטשן סיידן נאָר מיט זייער גרעסערן כּוח און מיט זייער אומשטערבלעכקייט. די משפּחה פֿון די געטער אויפֿן אָלימפּ איז אַ פּינקטלעכע קאָפּיע פֿון דער מענטשלעכער משפּחה. 2) אַזעלכע מענטשלעכע געטער, — זאָגט טען, — וועלן, פֿאַרשטייט זיך, ניט ברענגען אין צעמישונג, ניט איבעררײַשן דעם מוח, וואָס האָט זיי אויסגעטראַכט. זייער וויסנשאַפֿט און פֿילאָסאָפֿיע זיינען פֿריי פֿון יענער אָנגעשטרענגטער, פֿולער מיט זאָרגן אַרבעט, פֿון די באַאָבאַכטונגען און עקספּערימענטן אָן אַ צאָל, וועלכע מוזן קומען פֿאַר די אויספֿירן פֿון די געלערנטע אין היינטיקע צייטן. אין גריכנלאַנד איז די פֿילאָסאָפֿיע אַ שמועס, אַ מין אונטערהאַלטן זיך. זי ווערט געבוירן אונטער די פּאָרטיקעס אין דעם שאָטן פֿון גרינע אַלעען. פֿונם ערשטן טריט אָן שטרעבן

1) העראָדאָט I.

2) בעלאָך. געש. פֿון גריכנל.

אַלע צו העכערע אויספירן, צו אַלגעמיינע בליקן אויף דער גאַנצער וועלט, מען זאָרגט ניט וועגן בויען אַ גוטן פעסטן וועג פאַר פאָרשונגען. זייערע ראיות באַגרעניצן זיך געוויינלעך מער ניט ווי מיט וואָרשיינלעכקייטן. דאָס זיינען — מענטשן פון ספּעקולאַטיוון דענקען, מענשן, וועלכע האָבן ליב צו וואַנדערן איבער די שפּיצן, דורכצולויפן, ווי האָמערס געטער, מיט ריזיקע טריט איבער עפּעס אַ נייעם ברייטן געביט, מיט איין בליק אַרומצונעמען פאַר אַמאָל אַ גאַנצע וועלט. סיסטעם — דאָס איז ביי זיי עפּעס אַ מין אָפּערע, — אַן אָפּערע פון שׂכלען מיט שנעלער תּפיסה און אויסערגעוויינלעך פאָרשנדיקע. פון טאַלעסן אָן ביז פּראָקלאָסן האָט זייער פילאָסאָפיע, נעגליכן צו דער טראַגעדיע, זיך געדרייט אַרום דרייסיק אָדער פערציק הויפּט-טעמעס, דורכגייענדיק דורך אָן אַ שיעור וואַריאַציעס, פאַרברייטערונגען און צונויפמישונגען. דער פילאָסאָפישער דמיון האָט ביי זיי געאַרבעט מיט אידעען און מיט היפּאָטעזן, פּונקט אַזוי ווי דער מיטאָלאָגישער דמיון האָט געאַרבעט מיט לעגענדעס און מיט געטער. 1) די דאָזיקע קלאָרקייט פון שכל, די דאָזיקע נטיה צו קאָנקרעטע פאַרענדיקטע געבויען האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט בלויז אין דער רעליגיע און אין דער וויסנשאַפט, נאָר אויך אין דער קונסט און אין דער ליטעראַטור. „זייער טעמפּל, — זאָגט טען, — שטייט אויף אַ הויכן אָרט; ער זעט זיך פון אומעטום, ער צייכנט זיך בולט אויס אין דער לופט. ער איז ניט צונויפגעדריקט, ניט פאַרשטיקט דורך אַ שורה הייזער, ווי די מיטלאַלטערישע, ניט דורכגעשמוגלט, ניט האַלב פאַרהוילן פונם אויג, אַחוץ סיידן עפּעס דעטאַלן און אויבערשטע טיילן פונם בנין. זיין פונדאַמענט, זיינע זייטן, די גאַנצע מאַסע זיינע און די גאַנצע גרייס זיינע שטעלן זיך פאַר אַמאָל אַרויס פאַרן אויג. ניטאָ די נויטווענדיקייט צו שטויסן זיך וועגן גאַנצן לויט עפּעס איינעם אַ טייל זיינעם". „די מאָס גופא זייערע איז ניט קיין גרויסע און קאָן ניט ווערן פאַרגליכן מיט די גראַנדיעזע מאָסן פון די מצרישע, בבלישע און היינטיקע אייראָפּעישע בנינים. אונזערע טעאַטערן קאָסטן אָפּ צענדליקער מיליאָנען, שטעלן מיט זיך פאָר גראַנדיעזע בנינים מיט ריזיקע לאָקאַלן פאַר מאַשינען און דעקאָראַציעס, מיט דורכגאַנגען אָן אַ צאָל, פאָיעס און בופעטן, און די דאָזיקע קונציקע קאָמפּליצירטע לאַבירינטן האַלטן אין זיך איין קוים צוויי-דריי טויזנט צושויער. אין גריכנלאַנד האָט דער טעאַטער אין זיך איינגעהאַלטן צענדליקער טויזנטער צושויער און נעקאָסט צוואַנציק מאָל ביליגער פאַר אונזערן. דאָרט האָט די נאַטור, לויט טענס שאַרפזיניקן

2) טען, די פילאָסאָפיע פון דער קונסט אין גריכנלאַנד.

אויסדרוק, גענומען אויף זיך אַלע הוצאות. דאָרט האָט דער אַראָפּבאַרג פון אַ פעלז געדינט פאַר אַ נאַטירלעכן אַמפיטעאַטער, די זון — פאַר אַ ליוסטרע, און דער גלאַנצנדיקער ים און די בערג־גרופּן, אָנגעקליידטע אין סאַמעטענער ליכטיקייט — פאַר דעקאָראַציעס. דער דאָזיקער געפיל פון מאָס און פּראָפּאָרציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אין דער גריכישער ליטעראַטור. אויך דאָ האָבן די גריכן אַרויסגעוויזן דעם זעלביקן טיפן און קלאָרן פאַרשטאַנד פאַר האַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פאָרם, און זיי האָבן די ערשטע אייַנגעשטעלט אַלע יענע מינים פון פּאָעזיע און פּראָזע, וועלכע זייַנען פאַרבליבן כמעט אומגעענדערטע עד היום. זייער פּאָעזיע האָט זיך אַנטוויקלט אַזוי פיין און נאַטירלעך, די רייפנדיקע געפילן און געדאַנקען האָבן זיך אויסגעגאָסן אין אַזעלכע פאַרענדיקטע פאָרמען, אַז די דאָזיקע פּאָעזיע, דאַכט זיך, איז באַשאַפן געוואָרן לויט אַ באַשטימטן עסטעטישן פּלאַן. זיי האָבן געפילט, אַז עס איז ניטאָ קיין געמייַנזאַמע פּאַסיקייט און קיין שיינקייט, ווען די ווערטער זייַנען דער־הויבענער, אָדער שוואַכער פאַרן געדאַנק, אַז דער סטיל, וועלכער איז לחלוטין באַקוועם פאַר איין ווערק, טויג ניט פאַר אַ צווייטן. דעריבער שיידט זיך ביי זיי דער עפּישער סטיל שטרענג אונטער פון דעם לירישן, די היסטאָרישע פּראָזע — פון דער אָראַטאָרישער. דאָס איז ניט געווען קיין געקינצלטע אונטערטעניקייט צו דער טעאָריע, קיין שטרעבונג אייַנ־צושליסן דעם געדאַנק אין פעסטגעשטעלטע ראַמען. דאָס איז געמאַכט גע־וואָרן נאַטירלעך, וואָרעם דער שכל גופא פון דעם גריך, אַ ליכטיקער און אַ קלאָרער, האָט לייכט און פריי קלאַסיפיצירט די אַרויסווייַזונגען פון דעם מענטשלעכן גייסט, און די טעאָריע איז געווען ניט קיין דריקנ־דיקע קייטן, נאָר די נאַטירלעכע פאַראַלגעמייַנערונג פון פאַרשיידענע שאַ־פונגס־פאָרמען. ביי זיי האָט זיך אַנטוויקלט איין אַרט פּאָעזיע נאָך דער צווייטער אין אַ שיינער אָרדענונג. די לירישע פּאָעזיע איז געקומען נאָך דער עפּישער, די דראַמע — נאָך דער ליריק. 1)

אַזאַ איז געווען דער נאַציאָנאַלער טיפּ, אין וועלכן עס האָט זיך אויסגע־פורימט דער כאַראַקטער פון דעם גריך לפּחות אויף די ערשטע מדרגות פון דער געשיכטע, וועלכע זייַנען צוטריטלעך פאַר אונזער בליק. דער גריך האָט זיך אַליין האַרמאָניש אַנטוויקלט. „ער האָט אין איינער און דער זעל־ביקער צייט געקאָנט זיין אַ פּאָעט, אַ פילאָסאָף, אַ קריטיקער, אַ גרויסער מלוכה־באַאַמטער, אַ פּריסטער, אַ ריכטער, אַ בירגער, אַן אַטלעט, איבן

---

1) מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז ניט אַלע אָנערקענען דעם דאָזיקן אין אַלגעמייַן אָנגענומענעם בליק אויף דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער גריכישער פּאָעזיע.

זיינע איבֿרים, זיין שכל און זיין געשמאַק, פֿאַראייניקן אין זיך צוואַנציק פֿאַרשיידענע פֿעיִקייטן אַזוי, אַז קיינע פֿון זיי זאָל דערבײַ ניט שטערן אַלע איבֿעריקע, זיין אַ קריגער, ניט זייענדיק קיין אַוטאָמאַט, אַ טענצער און אַ זינגער, ניט פֿאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ טעאַטראַלן פֿיגוראַנט, זיין אַ דענקער און אַ שריפֿטשטעלער, ניט ווערנדיק קיין ביכער־פֿרעסער און קיין אָפּגעשלאָסענער קאַבינעט־מענטש, אַנטשיידן געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, ניט איבֿערגעבנדיק זיין מאַכט צו פֿאָרשטייער, דינען צו זיינע געטער, ניט פֿאַרשליסנדיק זיך אין קיינע דאָגמאַטישע פֿאָרמולן, ניט בייגנדיק זיך אונטער דער טיראַניי פֿון קיין איבֿערמענטשלעכער קראַפֿט, ניט פֿאַרשלונגען ווערנדיק אינגאַנצן אין דער הסתּכלות פֿון אַן אומבאַשטימטן און אַן אַלגעמיינעם וועזן" 1). בקיצור, דאָס איז געווען אַ פֿאָלק אַ נאָענטס צו דער ערד, וואָס האָט ליידנשאַפֿטלעך ליב געהאַט די זון און די נאַטור, אַ פֿאָלק, וואָס איז פֿול מיט ענערגיע, אונטערנעמעריש, פֿראַקטיש, מוטיק און מעסיק; אַ פֿאָלק מיט קלאָרן שכל, אין אַלגעמיין ניט גענייגט צו קרענקלעכע אַרייסווייזונגען פֿון מענטשלעכן גייסט.

אָבער די דאָזיקע ניכטערקייט און רעאַליזם זיינען ניט אַריבערגעגאַנגען אין האַרצלאָזיקער אויסגערעכנטקייט, האָבן ניט פֿאַרניכטעט די קינסטלערישע באַגייסטערונג, די העכערע פֿאָדערונגען פֿונם שכל. זיי האָבן בלויז צוגעגעבן דער פֿילאָסאָפֿישער, וויסנשאַפֿטלעכער און קינסטלערישער טעטיקייט פֿון די גריכן יענע קלאָרקייט, יענע איידעלע איינפֿאַכקייט, וואָס אַדאַנק איר, האָט די גייסטיקע אַרבעט פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק זיך געלייגט אין דעם יסוד פֿון דער צוקינפֿטיקער ציוויליזאַציע.

ביים באַשטימען דעם נאַציאָנאַלן טיפּ מוז מען אַלע מאָל האָבן אין אַכט, אַז דער דאָזיקער טיפּ ענדערט זיך אָפּהענגיק פֿון די היסטאָרישע באַדינגונגען, ווי אויך אונטער דער ווירקונג פֿון דעם פֿאַרקער און דער באַקאַנטשאַפֿט מיט פֿעלקער פֿון אַנדערע לענדער. דעריבער זיינען די גריכן ניט געווען קיין פֿאָלק, וואָס האָט זיך איינמאָל אויף אַלע מאָל אויסגעפֿורימט אין אַ באַשטימטן טיפּ. די ליכטיקע און לעבנספֿריידיקע שטימונג איז געווען די הערשנדיקע ניט אין אַלע פּעריאָדן פֿון זייער געשיכטע און ניט ביי אַלע קלאַסן. אַפֿילו אין די האָמערישע פּאָעמען, וואו דער נאַציאָנאַלער טיפּ, וועלכן מיר האָבן געשילדערט, ווייזט זיך אַרויס אין זיין מער אָדער ווייניקער ריינעם אויסזען, איז פֿאַראַן, ווי מיר וועלן עס זען, אָנווייזונגען דערויף, אַז אין איין שורה מיט שיינע, מוטיקע, שנעלפֿיסיקע מלכים

1) מען. די פֿילאָס. פֿון דער קונסט אין גריכנל.

און גיבורים האָבן עקסיסטירט פּראָטעסטירנדיקע, פאַרביטערטע קלאַסן, וואָס זייערע זאָרגן זיינען לגמרי ניט באַגרענעצט געווען מיט גימנאַסטישע שפּילן און מיט געוועט=לויפן פון פערד. אין דער גריכישער געשיכטע זיינען געווען פּעריאָדן פון ירידה, ווען דער קלאָרער געזונטער בליק אויף זאַכן פלעגט פאַרשווינדן, און זיין אָרט פלעגן פאַרנעמען קרענקלעכע שטרעבונגען און דעקאַדענטישע געשמאַקן. לסוף, איז גריכנלאַנד ניט געווען קיין איינאַרטיק גאַנצס; זי איז געווען צעשפּליטערט אויף אַ מאַסע קליינע מלוכות, וועלכע האָבן אָפט פאַרפאָלגט יעדע אירע ספּעציפישע צילן. אין די דאָזיקע מלוכות האָבן זיך אויסגעבילדעט אייגנאַרטיקע, אָפט=מאָל ווייט ניט קיין ענלעכע אָנשויונגען אויף דער אַרומיקער וועלט, אויף די פליכטן פון דעם בעל=משפחה און דעם בירגער. אין די דאָזיקע מלוכות האָבן עקסיסטירט אייגענע געטער=באַשיצער. און פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף דער אָפּגעזונדערטקייט און אויף דער מחלוקת צווישן זיך, האָבן די גריכן קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו פילן זייער איינהייט, וועלכע האָט זיך שאַרף אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס די גאַנצע אַרומיקע וועלט האָט, להיפך צו די גריכישע שבטים, געטראָגן ביי זיי דעם נאָמען באַרבאַרן. און דווקא די ליטעראַרישע טיפּן, וועלכע מיר געפינען אין די האָמערישע פּאָעמעס, די דאָזיקע ערשטע צו אונז דערגאַנגענע שאַפונגען פון דער גריכישער פּאָעזיע, שטימען מיט דער אָנגענומענער אַלגעמיינער פאָרשטעלונג וועגן דעם גריכישן כאַראַקטער.

צי האָט אין גריכנלאַנד עקסיסטירט אַ ליטעראַטור ביז האָמערן? עס קאָן קיין ספק ניט זיין אין דעם, אַז אויף דער דאָזיקער פראַגע וועט מען מוזן געבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער. וועגן דער עקסיסטענץ פון אַ פאַרהאָמערישער פּאָעזיע זאָגן עדות פריער פאַר אַלץ האָמערס פּאָעמעס גופא. די דאָזיקע געניאַלע שאַפונגען האָבן ניט געקאָנט ערשיינען, ווי אַטענע פון צעוסעס קאָפּ. זייערע הויכע קינסטלערישע מעלות זיינען עדות, אַז זיי זיינען געווען אַ פאַרענדיקונג, ניט קיין אָנהייב פון אַ דויערנדיקן ליטעראַרישן פּעריאָד. אין דער אָדיסעע זיינען אַרויסגעפירט זינגער אַ שטייגער ווי דעמאָדאָקאָס, וועלכע האָבן אויף מאָלצייטן געזונגען וועגן די גבורות פון די העלדן. באַזונדערס מוז זיך אונזער אויפמערקזאַמקייט פאַרהאַלטן אויף טאַמיראָסן פון טראַקיע. עס איז דאָ אַ יסוד צו טראַכטן, אַז אונטער דעם דאָזיקן נאָמען באַהאַלט זיך אַ פּאָעט, וועלכער איז געווען פאַר האָמערס עפּאָכע.

„. . . באַגעגנט טאַמיראָסן פון טראַקיע דעם מאַן דעם באַרימטן מיט לידער, האָבן די מוזעס ביי אים זיין באַגאַבונג אָפּגענומען. גייענדיק פון אייריטן, דעם קיניג פון די אייכאַליער, האָט דער שטאָלצער געוואַגט צו באַרימען זיך, אַז ער

פ. קאַגאַן.

וועט דעם נצחון אין לידער אויסכאַפּן, אַפילו ווען די מוזעס וועלן פאַר אים באַזינגען עגיאָבס טעכטער. די דערצאָרנטע מוזעס האָבן אים בלינד געמאַכט, באַרויבט די זיסע געטלעכע פעיקייט צו לידער און די קונסט צו שפּילן אויף דער קיטאַרע" [1]).

אָבער ווען עס וואָלטן אַפילו ניט געווען די דאָזיקע לאַקאָנישע שורות, אין וועלכע די געלערנטע האָבן גרינדלעך געשטרעבט צו געפינען די געשטאַלט פון דעם סודותדיקן פאָעט, זאָגט דאָך עדות דערויף, אַז עס האָט עקסיסטירט אַן אַלטע פאָעזיע, אַ גאַנצע ריי זינגער, וועגן וועלכע עס ריידן די גריכישע היסטאָריקער, און וואָס זייערע נעמען זיינען געווען זייער פּאָפּולער אין די היסטאָרישע צייטן. אָבער די קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען פון די געלערנטע, די גריבלדיקע פאָרשונגען און די שאַרפזיניקע השערות האָבן ניט געקענט אויפהייבן דעם פאָרהאַנג, וואָס פאַרדעקט די דאָזיקע נעמען, וועלכע פאַרשווינדן אין דער פינסטערניש פון די יאָרהונדערטן און זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ פאַרשפּעטיקטן אָרעאָל פון רום. בלויז אין טונקעלע שטריכן שטייען פאַר אונז אויף די געשטאַלטן און די רעיונות פון דער פאַרהאָמערישער ליטעראַטור, וואָס אירע וואָרצלען פאַרגייען אין יענער ווייטער עפּאָכע, ווען די גריכן האָבן צוזאַמען מיט די אינדוסן, גערמאַנער און סלאַווען נאָך געבילדעט איין אַלגעמיינע אינדאָ-אייראָפּעישע משפחה. דאָס ערשטע לאַנד, אין וועלכן עס האָבן זיך אויף שטענדיק באַזעצט די גריכן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אַנדערע צווייגן פון דעם אינדאָ-אייראָפּעישן שטאַם אַוועקגעלאָזן זיך זוכן נייע פיטער-ערטער, איז אַפּנים געווען טעסאַליע. דאָ האָט אפשר דער גריכישער שטאַם צום ערשטן אָנגעהויבן פאָרמירן זיך אין אַ באַזונדער נאַציאָנאַליטעט, און פון דאַנען האָט עס אַפּנים בימלעכוויז גענומען באַזעצן זיך איבער די בערגיקע קאַנטן אויף מערב און אויף דרום, בשעת די באַוועגונג אויפן צפון האָט זיך אָפּגעהאַלטן דורך דעם שטראָם פון אַנדערע נאָך די גריכן גייענדיקע אינדאָ-אייראָפּעישע שבטים [2]). מיר ווייסן כמעט גאָרנישט וועגן דער צייט פון דער דאָזיקער איבערוואַנדערונג, אויך ניט וועגן דעם, ווער זיינען געווען די איינוואוינער פון דעם האַלבאינזל פאַר דער איבערוואַנדערונג, ווי האָבן זיך די גריכן באַגעגנט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג א. אַז. וו. אין די סאַמע אַלטע לעגענדעס, וועלכע זיינען אונז באַוואוסט, זעען מיר שוין דאָס לאַנד באַזעצט דורך גריכן. אין פיעריע, אין דעם צפון-מזרחדיקן טייל פון טע-

1) איליאַדע II, שורות 594—600.

2) בעלאָך. די געש. פון גריכנלאַנד.

סאַליע האָט געלעבט דער שבט פון די טראַקיער, און טאַקע מיט דעם דאָזיקן שבט איז פאַרבונדן די לעגענדע וועגן די ערשטע פאַקטן. אַלס טראַקיער שול האָט געגאָלטן די גרופּע פּאָעטן, וועלכע האָט געשאַפן דעם קולט פון די מוזעס, די באַגייסטערינס פון דער פּאָעזיע. אַ „טראַקיער" איז געווען דער באַרימטער אָרפעוס, דער פּאַטריאַרך פון דער איראָפּעישער פּאָעזיע, דער ערשטער לעגענדאַרער פּאָעט פון גריכנלאַנד, וואָס אונז איז פון אים גאָרניט געבליבן אויסער דעם נאָמען און דעם יראת=הכבודיקן אָנדענק אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטן. וועגן דעם דאָזיקן סודותדיקן זינגער דערמאָנען פּלאַטאָן, העראָדאָט 1) און אַנדערע שריפטשטעלער פון דער היסטאָרישער עפּאָכע. פאַר פּלאַטאָנען איז אָרפעוסעס פּאָעזיע געווען אַ קוואַל פון דער פּאַרצייטיקסטער חכמה. ביי אים האָט פּלאַטאָן פּונקט ווי ביי האָמערן געפונען די גרונט=געדאַנקען פון דער העראַקליטישער לערע. אייניקע שריפטשטעלער האָבן האָמערן געהאַלטן פאַר אַ חבר פון זיין צייט, אַנדערע אַפילו פאַר אַ פּאָרגייער 2). די פאָלקס=מסורה האָט אין דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן אַלטן זינגער אַריינגעפלאָכטן אַ פולע פּאָעטישע לעגענדעס. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער אונטערערדישער קיניגרייך, כדי דאָרט אויפצוזוכן זיין פרוי, און אַפילו די אונטערערדישע געטער זעלבסט האָבן ניט געקאָנט ביישטיין קעגן דעם רייץ פון זיינע פאַרכישופנדיקע לידער. איבער זיין קבר אויפן אָלימפּ האָט דער סאָלאָוויי געזונגען אַ סך רירנדיקער, איידער אין אַנדערע ערטער 3). מיט אָרפעוסעס נאָמען האָבן די גריכן פאַראייניקט די אַנטשטייונג פון דער מיסטישער לערע וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה און פון פאַרשיידענע קאָסמאָגאָנישע און טעאָגאָנישע טראַדיציעס. די סעקטע פון די אָרפיקער איז זייער פאַרשפּרייט געווען אין גריכנלאַנד. אין איין ריי מיט אָרפעוסן דערמאָנט די איבערליפערונג אַן אַנדער טראַקיער, מוזעוס, זיין תלמיד, וועלכער איז געקומען אַלס געטרייער פאָרטזעצער פון זיין לערער, און אויך איימאָלפּאָס, וועלכן עס ווערט צוגעשריבן די פאַרעפנטלעכונג פון מוזעוסעס פּאָעטישע ווערק. די פאָלקס=מסורה האָט פאַרהיט עטלעכע אַנדערע נעמען: כריזאָטעמיס, פילאַמאָן, אָלען, פאַמפאָס, וועל=

1) העראָדאָט. רעדנדיק וועגן די מצרים, זאָגט העראָדאָט, אַז זייערע מנהגים זיינען ענלעך אויף די אָ ר פ ע י ש ע.

2) העראָדאָט. אַפּנים האָבנדיק אין זינען אָרפעוסן, זאָגט העראָדאָט: „בנוגע די פּאָעטן, וועלכע מען רופט אָן די עלטערע, איידער האָמער און העסיאָד, דאַכט זיך מיר, אַז זיי זיינען געווען שפּעטער פאַר זיי". איבעריקנס, אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער, אַז דעם נאָמען אָקעאַן האָט אויסגעטראַכט האָמער, אָדער עמעצער אַן אַנדער פאַרצייטיקער פּאָעט.

3) טעאָדאָר בערגק. גריכ. ליטער.-געש. I ב.

כע האָבן געזונגען הימנען לכּבוד אַפּאָלאָנען, און אויך דער נאָמען פון
דעם שוין דערמאָנטן טאַמיראָס. אַזוי אַרום קאָנען מיר וועגן דער דאָזיקער
פאַרהאָמערישער פּאָעזיע מאַכן בלויז אַן אַלגעמיינעם באַשלוס: אַפּנים,
אַז זי האָט געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, און איר עיקרשטער אינ=
האַלט זיינען געווען הימנען לכּבוד די מוזעס און די געטער. עס איז
שווער פעסטצושטעלן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די דאָזיקע הימנען און
די האָמערישע פּאָעמעס. עס איז פאַראַן אַ סברא, אַז די הימנען לכּבוד די גע=
טער זיינען געלעגן אין יסוד פונם העראָישן ליד אָדער פון דעם העלדן=עפּאָס.
ס'קאָן זייער מעגלעך זיין, אַז די זינגער האָבן אָנגעהויבן אַריינפירן אין
דער באַשרייבונג פון די הימלשע געשעענישן היסטאָרישע העלדן, ובפרט,
אַז פיל אָרטיקע געטער זעלבסט זיינען דערנידערט געוואָרן צו דער מדרגה
פון העראָיען. אין די דאָזיקע העראָיען=לידער האָט זיך דער היסטאָרי=
שער אמת אַדורכגעפלאָכטן מיט אויסגעטראַכטער פאַנטאַזיע, די אַקציע
האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון הימל אויף דער ערד און פאַרקערט. גע=
טער און מענטשן האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער דערציילונג פון דעם
זינגער, ווי דאָס קומט פאָר אויך אין האָמערס פּאָעמען. ווי די זאַך זאָל
ניט זיין, ס'איז אָבער קיין ספק ניטאָ, אַז אַזעלכע העראָיען=לידער האָבן
עקסיסטירט, איידער די א י ל י אַ ד ע איז שוין ערשינען, און זיי זיינען
ברייט פאַרשפּרייט געווען. דער אַוטאָר פון דער א י ל אַ י ד ע און אָ ד י=
ס ע ע רעדט וועגן אַגאַמעמנאָנען, אַכילעסן און אַנדערע העלדן, ווי וועגן
פּערזאָנען, וועלכע זיינען גוט באַקאַנט, און זיין ערציילונג זאָגט אָפּט עדות
דערויף, אַז ער רעכנט אויס, אַז זיינע צוהערער האָבן באַקאַנטשאַפט מיט
די געשעענישן פון דער טראָיער מלחמה.

אַלע אָנשטרענגונגען פון דער אייראָפּעישער וויסנשאַפט האָבן, אוי=
סער די דאָזיקע קנאַפּע השערות, מער גאָרנישט געקענט געבן וועגן דער
גריכישער ליטעראַטור פון דער פאַרהאָמערישער צייט. די באַרימטע
פּאָעמען זיינען אויך מיט אַזאַ נעפּל פאַרהילט. דער היסטאָריקער געפינט
זיך אין אַ טרויעריקער לאַגע: צוטרעטנדיק צום אַנאַליז פון די שענסטע
שאַפונגען פון דעם מענטשלעכן שכל, קאָן ער ניט דורכלאָזן דעם טרוקע=
נעם וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל, וועלכער האָט זיך אָנגעקליבן גאַנצע
בערג אַרום דער א י ל י אַ ד ע און דער אָ ד י ס ע ע. די פּראָבעס צו צע=
טרייבן די דאָזיקע פינסטערניש, וועלכע רינגלט אַרום זייער באַשעפער
און די עפּאָכע פון זייער אַנטשטיין, האָבן אַרויסגערופן אַ קאָלאָסאַלע
ליטעראַטור. עס האָבן זיך געבילדעט גאַנצע שולן, און די געשיכטע פון
די דאָזיקע ריזיקע אָנשטרענגונגען פונם מענטשלעכן געדאַנק איז, אפשר,
ניט ווייניקער אינטערעסאַנט, איידער די געשיכטע וועגן דער אָפּשטאַמונג

פון די פּאָעמען גופא, וועלכע די מענטשהייט באַמיט זיך אומזיסט אויפ=
צודעקן. עטנאָגראַפן און פילאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן און עסטעטן, סאָציאָלאָגן
און אַרכעאָלאָגן הערן ניט אויף צו אַרבעטן איבער דער דאָזיקער פּראָב=
לעם. און די גרויסע פּאָעמען בלייבן פּאָרט אַ רעטזלהאַפטער ספינקס,
וועלכער ציט צו זיך צו דורות מיט זיין סודותדיקער שיינקייט.

די גריכישע טראַדיציע האָט צוגעשריבן די פאַרפאַסונג פון די ביי=
דע פּאָעמען האָמערן, און די דאָזיקע איבערצייגונג איז פאַרבליבן כמעט
ביזן סוף פון XVIII יאָרהונדערט. אָבער קיינע זיכערע ידיעות וועגן האָ=
מערס פּערזענלעכקייט האָבן מיר ניט. וועגן אים האָבן פיל געשריבן סיי
גריכישע, סיי נייע שריפטשטעלער, אָבער וואָס ווייניקער זיכערע פאַקטן
עס האָט וועגן אים פאַרהיט די געשיכטע, אַלץ מער רחבות האָט זיך
אַנטפּלעקט פאַר דער פאַנטאַזיע. מיר האָבן קיינע גלויבנסווערטע ידיעות
וועגן דעם אָרט און דער צייט פון זיין געבורט. די באַוואוסטע עפּיגראַמע
דערמאָנט זיבן שטעט, וועלכע האָבן פּרעטענדירט אויף דעם כבוד צו
זיין די היימאַט פון האָמערן [1]. די צייט ווען האָמער האָט געלעבט,
וואַקלט זיך שוין ביי די גריכישע שריפטשטעלער צווישן XI און IX יאָר=
הונדערטן פאַר קריסטוסעס געבורט [2]. די מסורה האַלט האָמערן פאַר
אַ בלינדן זקן. אָבער די אַלע ידיעות, וואָס די גריכישע שריפטשטעלער
טיילן מיט, פאַרדינען ניט קיין צוטרוי, און די פראַגע וועגן דעם, צי איז
האָמער ווירקלעך אַ היסטאָרישע פּערזאָן, אָדער נאָר אַ סימבאָל, וועלכן
די שפּעטערדיקע דורות האָבן צעגויפגעגאָסן מיט אַ לעבעדיקער פּערזאָן —
די דאָזיקע פראַגע בלייבט אַן אָפענע [3]. ווער=זשע איז געווען דער אַוו=
טאָר פון דער אילאַידע און דער אָדיסעע? שוין אין פאַרצייטיקן
גריכנלאַנד זיינען אַנטשטאַנען ספקות בנוגע דער אָנגעהעריקייט פון די ביידע
פּאָעמען צו האָמערן. אין צווייטן פאַרקריסטלעכן י״ה האָט איינער פון
די אַלעקסאַנדרינישע געלערנטע, העלאַניקאָס, אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען

---

1) „זיבן שטעט האָבן געקריגט זיך פאַר דעם כבוד אָנצורופן זיך האָמערס היימאַט:
סמירנע, ראָדאָס, קאָלאָפאָן, סאַלאַמין, יאָס, אַרגאָס און אַטען“.
מען דאַרף מוסיף זיין, אַז עס עקסיסטירן נאָך וואַריאַנטן פון דער עפּיגראַמע מיט
נעמען פון אַנדערע שטעט.

2) העראָדאָט, זאָגט: „האָמער און העסיאָד האָבן געלעבט פריער פאַר מיר
ניט מער ווי מיט פיר הונדערט יאָר“. ד. ה. לויט העראָדאָטן זיינען ביידע פּאָעטן פון
איין צייט און דאַרפן געהערן צום IX פאַר קריסטלעכן יאָרהונדערט.

3) ס'עקסיסטירט אַ ריי פּראַוון אַרויסצופירן דאָס וואָרט ‏Ὅμηρος‏“ פון פאַר=
שיידענע ווערטער, למשל ‏ὁμοῦ‏ און ‏ἄρω‏ אין דעם זינען „באַהעפטער פון לידער“. מען
האָט ס'דאָזיקע וואָרט אויסגעטייטשט אויך אין דער באַדייטונג ערבותניק, בלינדער, חבר
און אַנדערע.

דעם געדאַנק, וואָס פריער נאָך האָט אַרויסגעזאָגט איינער קסענאָן, וועגן דעם, אַז האָמער איז געווען דער פאַרפאַסער פון דער איליאַדע אָבער ניט פון דער אָדיסעע. איבעריקנס, אינניכן איז דער דאָזיקער געדאַנק פאַרגעסן געוואָרן אַדאַנק דעם, וואָס קעגן אים איז אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן אַריסטאַרכאָס, איינער פון די סאַמע באַרימטע קענער פון האָמערן אין גריכנלאַנד. אין דער נייסטער צייט איז אַנטשטאַנען אַ ספק בנוגע דעם פאַקט פון אינדיווידועלער אַווטאָרשאַפט גופא. דער איטאַליענישער געלערנטער וויקאָ (1668—1744) אין זיינע יסודות פון דער נייער וויסנשאַפט האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז די נעמען פון די גרויסע מענטשן פון דער אַלטערטימלעכקייט זיינען נאָר סימבאָלן. אַזוי אַרום איז האָמער בלויז אַ סימבאָל פון דער גריכישער עפישער פאָעזיע, פון דער גרויסער עפאָכע אין איר געשיכטע, אַ צייכן פאַר אַ געוויסער שטופע פון קולטורעלן באַוואוסטזיין [1]. אַן אַנטשיידענעם קלאַפ דער טראַדיציע האָט דערלאַנגט די ערשיינונג פון די באַוואוסטע Prolegomena פון פ. א. וואָלף אין 1795 יאָר. ס'דאָזיקע ווערק האָט ערשיינט אין יענער צייט, ווען די ראָמאַנטישע ריכטונג, וועלכע איז אַריינגעדרונגען אין דער דייטשער ליטעראַטור, האָט גענייגט די געזעלשאַפט אָנהייבן אַכטונג צו געבן אויף דער אוראַלטער פאָלקס=פאָעזיע. קורץ פאַר דעם איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער פינסטערניש פון פאַרגעסונג דער נאַציאָנאַלער דייטשער עפאָס און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַלזייטיקע אויספאָרשונג פון דעם ניבעלונגען=ליד. וואָלף איז געקומען צו דער מסקנא, אַז אפילו אַ הויך באַגאַבטער פאָעט וואָלט ניט געקאָנט זיין אַליין דער שעפער פון ביידע פאָעמען אין יענער עפאָכע, ווען אַלץ איז געווען נאָענט צו דער נאַטור און קיין באַוואוסטזיניקע קינסטלערישע שאַפונג האָט ניט געקאָנט עקסיסטירן. לויט וואָלפס מיינונג, זיינען די פאָעמען פאַרפיקסירט און פאַרשריבן געוואָרן פאַר פיזיסטראַטאָסן, וועלכער האָט אין סוף פון VI פאַרקריסטלעכן יאָרהונדערט פאַראָרדנט אַ באַזונדער קאָמיסיע, זי זאָל אָננעמען מיטלען צו פאַרהיטן די פאָעמען. ביז דעמאָלט האָבן עקסיסטירט באַזונדערע לידער וועגן די געשעענישן פון דער טראָיער מלחמה, וועלכע האָבן זיך פאַרהיט דורך מונדלעכן איבערגעבן פון איינעם צום צווייטן. וואָלף האָט געמאַכט דעם אָנהייב פון דער באַרימטער פאָלעמיק, וועלכע האָט נאָך עד היום ניט אויפגעהערט, הגם ביידע פיינדלעכע צדדים האָבן איינע די אַנדערע געמאַכט באַדייטנדיקע הנחות. אַלע אויסטייטשער פון די האָמערישע פאָעמען האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי קעמפנדע לאַגערן. איין גרופע האָט ווייטער אַנטוויקלט וואָלפס אידעע און געשטיצט די מיינונג

1) ז. דזשעב, וויפער, בעזעסקול, אַנגער. ווערק.

וועגן קאָלעקטיווער שאַפונג, די צווייטע האָט דערוויזן די איינהייט פון די פּאָעמען און האָט אין הסכּם מיט דער טראַדיציע צוגעשריבן זיי צו איין שעפער. לויט מאַהאַפים גערעכטער באַמערקונג, איז אויף דער וועלט ניטאָ נאָך אַזאַ פּאָלעמיק, וואו יעדער צד זאָל דערווייזן זיין גערעכטיקייט מיט גרעסערן ערפאָלג און זאָל צוזאַמען דערמיט זיין אַזוי שוואַך אין אָפּוואַרפן די טענות פון דעם אָפּאָנענט. די פּאַרטיידיקער פון דער איינהייטס־טעאָריע האָבן מיט גלענצנדער געשיכטלעכער און פּסיכאָלאָגישער אַרגומענטאַציע פעסטגעשטעלט, אַז עס איז אין די פּאָעמעס פאַראַן אַ באַשטימטער קינסטלערישער פּלאַן, פעסטגעשטעלט אַ האַרמאָניע צווישן באַזונדערע טיילן, קלאָר געמאַכט די טיפע הדרגה אין דעם צייכענען די העלדן. קעגן די דאָזיקע איבערצייגנדיקע אַרגומענטן האָבן די אָנהענגער פון דער קעגנערישער טעאָריע אַרויסגעשטעלט ניט קיין ווייניקער שאַרפזיניקע סברות, וועלכע דערוויזן די ניט־קאָנסעקווענטקייט פון די באַזונדערע טיילן, וועגן אַזעלכע ערטער, וועלכע זיינען זיכער אַריינגעשטעלטע, וועגן עפּיזאָדן, וועלכע האַרמאָנירן קנאַפּ מיטן גאַנצן, און אַז. וו. קיינער פון די אָנהענגער פון דער איינהייטס־טעאָריע האָט ניט געקענט צעקלאַפּן די דאָזיקע טענות לטובת דער היפּאָטעזע וועגן קאָלעקטיווער שאַפונג, פּונקט אַזוי ווי קיינער פון די קעגנער פון דער דאָזיקער טעאָריע האָט ניט געקאָנט מבטל מאַכן די קלאָרע ראיות פון יענעם געדאַנק, אַז דער שעפערישער גני פון איין גרויסן פּאָעט האָט אָנטייל גענומען אין דער שאַפונג פון די פּאָעמען. אַלס רעזולטאַט פון דער פּאָלעמיק האָט זיך גענומען אַרויסרוקן דער בליק, וועלכער האָט פאַרנומען דעם מיטן צווישן די צוויי עקסטרעמע מיינונגען. אין דער איליאַדע, פּונקט אַזוי ווי אין דער אָדיסעע, דאַרף מען אונטערשיידן דעם אורשפּרינגלעכן קערן פון יענע אָנוואוקסן, וועלכע זיינען בלי־ספק צוגעקומען צו דעם דאָזיקן קערן אפשר אין אַ משך פון יאָרהונדערטן. באַזונדער שטאַרקע ענדערונגען האָט איבערגעטראָגן די פּאָעמע, וועלכע איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער איליאַדע. דער אורשפּרינגלעכער קערן האָט געקענט זיין די שאַפונג פון איין געניאַלן פּאָעט. די שפּעטערדיקע מחברים האָבן צו אים צוגעגעבן נייע עפּיזאָדן, אין וועלכע דער געניווער אַנאַליז פון די פּאָעמען האָט אַנטפּלעקט שפּורן פון סוביעקטיווע געשמאַקן, וועלכע זיינען אָפּט אָפּהענגיק געווען פון די פאָדערונגען פון דער צייט, אָדער פון דער שטימונג פון דער געזעלשאַפט. דורך אַזעלכע שטימונגען קאָן מען דערקלערן גאַנצע עפּיזאָדן, למשל, דעם סוף פון דעם צווייטן ליד פון דער איליאַדע. דאָס אויסרעכענען די אָנפירער, די שיפן און די פעלקער, וועלכע זיינען געקומען צו די ווענט פון איליאָן, מאַכט דעם איינדרוק, פּונקט ווי עטלעכע

זינגער האָבן קאָנקורירט צווישן זיך אין רימען יעדער זיין אייגענע שטאָט און זיין אייגענע געמיינדע. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז די שפּעטערדיקע פּאָעטן האָבן זיך געמיט יעדער אויסצוטיילן דורך אַריינשטעלונגען די בכבודיקע ראָלע פון זיין היימאַט אין דער באַרימטער מלחמה. דורך דעם פּאַטריאָטישן געפיל לאָזן זיך אפשר אויך דערקלערן דאָס VIII און XI בוך פון דער איליאַדע. נאָך דער קריג צווישן אַגאַמעמנאָן מיט אַכילעסן האָט צעוס באַשלאָסן צו העלפן די טראָיער. אָבער די מפּלה פון די אַכעער איז געווען אַ באַליידיקונג פאַר דעם גריכישן געפיל, און די פּאָעטן שטעלן אַריין מעשיות וועגן די נצחונות פון די אַכעער, וואָס האָט געזאָלט לינדערן די באַליידיקונג פאַר דער מפּלה, און וואָס האָט דירעקט צעשטערט דעם פּלאַן פון דער פּאָעמע, אין וועלכער דער צענטראַלער מאָמענט איז „טויזנט אומגליקן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך אַכילעסעס צאָרן“. אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן די אָדיסעע. היינטיקע צייט שטימען דאָס רוב פאָרשער איין דערויף, אַז די אָדיסעע איז אַנטשטאַנען שפּעטער פאַר דער איליאַדע. און קוים וועט עמעצער איינשטעלן זיך דערפאַר, אַז ביידע פּאָעמען זיינען ווערק דווקא פון איין שעפער. דער גענויער אַנאַליז פון ביידע פּאָעמען ברענגט צו דעם אויספיר, אַז די אַוטאָרן פון די ביידע פּאָעמען מוזן זיך אונטערשיידן איינער פון דעם אַנדערן נאָך דעם געאָגראַפישן קרייז פון זייער בליק און נאָך זייער פּאָעטישן טעמפּעראַמענט, אַז די אָדיסעע איז באַשאַפן געוואָרן אין אַ עפּאָכע, ווען די עפּישע טעכניק איז שטאַרקער אַנטוויקלט געווען, איידער אין דער צייט ווען די איליאַדע איז באַשאַפן געוואָרן און אַז. וו. די געלערנטע האָבן דורכגעפירט אַ ריזיק שווערע אַרבעט: זיי האָבן איבערגעציילט, וויפיל מאָל ווערן אין ביידע פּאָעמען דערמאָנט געאָגראַפישע נעמען, נעמען פון מעטאַלן און פון חיות; זיי האָבן גענוי אויסגעפאָרשט די העלדן; האָבן זיך געמיט צו געפינען אין דעם דערהויבן־רויקן טאָן פון די פּאָעמען שאַטירונגען פון די פּערזענלעכע שטימונגען פון זייערע שעפער, און פעסטצושטעלן די קאָנטראַסטן אין די דאָזיקע שטימונגען. זיי האָבן אפילו באַמערקט די שוואַכע שפורן, וועלכע זאָגן עדות דערויף, אַז דער שעפער פון דער אָדיסעע איז ניט פריי געווען פון דעם קנאה־געפיל לגבי זיין פאָרגייער, — אַ גענוג גרינדלעכע השערה בנוגע דער עפּאָכע, ווען זינגער־טורנירן פלעגן שטאַרק אָנגיין. ווי די מעשה זאָל ניט זיין, די פעסטשטעלונג פון דעם פאַקט, אַז די אָדיסעע איז אַנטשטאַנען שפּעטער, איידער די איליאַדע, איז אפשר דער זיכערסטער רעזולטאַט פון דער גרויסער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וועלכע איז געווידמעט געווען דער פראַגע וועגן דער אַנטשטייונג פון די פּאָעמען. דער קערן גופא פון דער

אָדיסעע, וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן שפּעטער, איידער דער קערן פון דער איליאַדע, האָט אַפּנים איבערגעטראָגן אויך ווייניקער ענדערונגען.

פּונקט אַזוי ווייניק, ווי וועגן דעם אַוטאָר אָדער וועגן די אַוטאָרן פון די פּאָעמען, קאָנען מיר זאָגן וועגן דער צייט, ווען זיי זיינען אַנטשטאַנען. דער סוזשעט זייערער איז ענג פאַרבונדן מיט דער קאָלאָניזאַציע פון די אינזלען אויפן עגעישן ים און פון קליין=אַזיע. די באַזעצונג פון די דאָזיקע לענדער איז אַרויסגערופן געוואָרן, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, דורך דעם, וואָס עס איז פאַרגרעסערט געוואָרן די באַפעלקערונג אויפן באַלקאַנישן האַלבאינזל אויך מיט דער ליידנשאַפט צו אַוואַנטורעס, וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט אַדאַנק דער נאָענטקייט צום ים.

נאָר די הויפּט=סיבה איז אַפּנים געווען די אָרעמקייט פון דעם באָדן, וועלכער האָט ניט געגעבן קיין רחבות פאַר ברייטער אַנטוויקלונג פון פי=צוכט. ניט האָבנדיק קיין גענוגנדיקע קוועלן אונטערצוהאַלטן זייער קיום, האָבן די אָנפירער ווילנדיק ניט ווילנדיק געמוזט זוכן רויב אויסער גריכנלאַנד, און אָנפאַלן אויף די שכנים. וועלכע עס זאָלן ניט זיין די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די קאָלאָניזירונג פון די אינזלען און פון קליין=אַזיע דורך די גריכן, איז דער פּראָצעס פון דער דאָזיקער קאָלאָניזאַציע פאָרגעקומען אין דער פאַרהיסטאָרישער עפּאָכע און האָט זיך פאַרענדיקט אין אָנהייב פון דעם ערשטן יאָרטויזנט פאַר קר. געב. 1) אין דער איליאַדע געפינען מיר מאַקע בילדער, וועלכע גיבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען דאָס אַיינגעמען דורך די גריכן די ברעגן פון קליין=אַזיע. די דאָזיקע ברעגן זיינען זיי ניט לייכט אָנגעקומען. די גריכישע אונטערנעמער פלעגן עמאָל פאַרלירן גאַנצע יאָרן און מאַסן מענטשן אויף איינצונעמען עפּעס אַ וועלכן גרויסן צענטער, און עס פלעגט טרעפן, אַז מ׳פלעגט זיך אומקערן אַהיים מיט גאָרנשט. ווען דער פּראָצעס פון איינעמען די ברעגן פון קליין=אַזיע איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ רייך און פרייליך לעבן. דאָ האָט זיך באַפעסטיקט די גרויסע גריכישע אַריסטאָקראַטיע. פאַרכאַפנדיק די אָדער יענע שטאָט, פלעגן די גריכן אויסטויטן די גאַנצע אָרטיקע מענלעכע באַפעלקערונג, און די פרויען מיט די קינדער — פאַרוואַנדלען אין קנעכט. די דאָזיקע ריטערישע אַריסטאָקראַטיע, געגליכן צו דעם מיטלאַלטערישן ריטערטום, האָט ליב געהאַט צו הערן לידער, וועלכע דערציילן וועגן די גבורות פון זייערע עלטערן, און דאָ אויף די ברעגן פון קליין=אַזיע זיינען פאַרפאַסט געוואָרן און האָבן זיך אַנטוויקלט די הויפּט=טיילן פון דעם

1) בעלאָך. אַנגער. ווערק.

האָמערישן עפּאָס, וועלכע האָבן אַנטשפּראָכן די געשמאַקן און פאָדערונגען פון דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטיע. ס׳איז מעגלעך, אַז צו זיי זיינען צוגעקומען נאָך אַלטע לידער און דערציילונגען, וועלכע די קאָלאָניסטן האָבן מיט זיך געבראַכט פון דעם אייראָפּעישן גריכנלאַנד, און עס איז קיין ספק ניטאָ, אַז אין שפּעטערדיקע צייטן, ווען דער עפּאָס איז פון די ברעגן פון קליין־אַזיע אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער מעטראָפּאָליע, האָט מען דאָרט צו אים צוגעגעבן באַדייטנדיקע הוספות, דערביי זיינען די דאָזיקע אַריינגעשטעלטע הוספות געמאַכט געוואָרן אין פאַרשיידענע קאַנטן פון דער גריכישער מלוכה. אין VII י. ה. האָבן די גריכישע פּאָעטן שוין געוואוסט וועגן דעם האָמערישן עפּאָס. דאָס גיט אַ יסוד משער צו זיין, אַז די פּאָעמען זיינען אין זייערע הויפּטטיילן פאַרפאַסט געוואָרן ניט שפּעטער ווי אין דעם VIII י. ה. פאַר קריסטנטום, בשעת די מער עלטערע לידער דערגרייכן וואָרשיינלעך צו דעם IX יאָרהונדערט. מיר ווייסן ניט, ווער איז דער אַווטאָר פון די פּאָעמען. מיר קאָנען נאָר אומגעפער משער זיין די צייט, ווען זיי זיינען אַנטשטאַנען. פּונקט אַזוי ווייניק איז אונז אויך באַוואוסט די צייט, ווען זיי זיינען צום ערשטן מאָל פאַרשריבן געוואָרן. דער עלטסטער מאַנוסקריפּט פון זיי איז געפונען געוואָרן אין ווענעציע און געהערט צום X יאָרהונדערט נאָך קריסטוס געב. די גריכן האָבן די קונסט פון שרייבן איבערגענומען ביי די פעניציער, אָבער ווען נעמלעך האָבן זיי אָנגעהויבן זי אָנצווענדן, וועגן דעם האָבן מיר ניט קיינע ידיעות. די ערשטע אָנווייזונג וועגן דער אָנווענדונג פון שריפטלעכע סימנים געהערט צו דעם VII יאָרהונדערט. מיר ווייסן, אַז דער עפּאָס איז געווען די עוואַנגעליע פונם גריכישן פאָלק, צו אים האָט מען זיך געווענדט ווי צו אַ פעסטשטייענדיקן קאָמענטאַריום אין רעליגיעזע, מאָראַלישע און פּאָליטישע פראַגן; אים האָבן שטודירט קינדער אין די שולן. אין V י. ה. האָבן עקסיסטירט „בירגערלעכע“, אָדער „עפנטלעכע“ אויסגאַבן פון אים, וועלכע פאַרשיידענע שטעט האָבן אויסגעפאַרטיקט, און וועלכע מען האָט גענוצט אויף געזעלשאַפטלעכע פייערונגען 1). אָבער דאָס אַלץ לייזט ניט די פראַגע וועגן דעם, ווען זיינען די פּאָעמען צום ערשטן ערשינען אין שריפטלעכער פאָרם, צי זיינען זיי שוין געווען אין געשריבענע קאָפּיעס ביז דער קאָמיסיע פון פּיזיסטראַטאַס, אָדער ערשט אין זיין צייט, ד. ה. אין VI יאָרהונדערט, זיינען זיי פאַרשריבן געוואָרן צום ערשטן מאָל. ווייטער ווייסן מיר, אַז שוין אין דעם פאַרצייטיקן גריכנלאַנד האָט דאָס קריטישע שטודירן פון האָמערן אָנגעהויבן זיך גאַנץ פרי (די מסורה פאַראייניקט דעם אָנהייב פון דעם דאָזיקן שטודיום מיט

1). דזשעבס. דאָס אַנגער. ווערק.

דעם נאָמען פון סאָלאָנען—די ערשטע העלפט פון VI י. ה. פאַר קר. געב.),
אַז באַזונדער פיל האָבן געאַרבעט איבערן אויספאָרשן דעם טעקסט פון
די פאָעמען די אַלעקסאַנדרינישע געלערנטע און דערהויפט דער דערמאָנ=
טער אַריסטאַרכאָס (אין II י. ה. פאַר קר. געב.), וואָס זיינע אַרבעטן זיינען
געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דעם דערמאָנטן ווענעדיגער מאַנוסקריפט
און דעם אומעטום היינט פאַרשפרייטן טעקסט.

אין דער צייט, ווען די געלערנטע האָבן פאַרלאָרן אַזוי פיל מי,
כדי כאָטש וויפיל ניט איז צו פאַרטרייבן דעם נעפל, וואָס הילט אַרום
די האָמערישע פאָעמען, האָט די לייענענדיקע מענטשהייט ניט אויפגעהערט
נתפעל צו ווערן פון די שיינקייטן פון די דאָזיקע ערשטע אונז באַקאַנטע
שאַפונגען פון דער אייראָפּעישער פאָעזיע. די מאַסע האָט ווייניק זיך אינ=
טערעסירט מיט די געשיכטלעך=ליטעראַרישע אונטערזוכונגען; זי האָט
גלייך הנאה געהאַט סיי פון דער איינהייט פון דעם פאַרטראַכטן פלאַן,
סיי פון די געהויבענע עפּיזאָדן. און די ווייטקייט פון דער עפּאָכע, פון
וועלכער די ספּעציאַליסטן זיינען אַזוי צעמישט, פאַרגלעט די סתירות אין
די אויגן פון דעם געוויינלעכן לעזער. דער רעטולהאַפטער ספינקס פאַר
דער געשיכטלעכער וויסנשאַפט, דער האָמערישער עפּאָס בלייבט אַן איינ=
פאַכע און אַ ליכטיקע שאַפונג פאַר דעם לעזער. דאָס העלע לעבנסבילד
פון דעם גרויסן קולטורעלן פאָלק, די רייכסטע זאַמלונג פון אַנטפּלע=
קונגען פון שכל און פון הארצן, דער אומדערשעפּלעכער קוואַל פאַר דעם
פאַרשטיין די מענטשלעכע נשמה, די דערציילונג וועגן די פּריםטע סאָ=
ציאַלע און לעבנס=קאָנפליקטן, — דער האָמערישער עפּאָס בלייבט דאָס
געליבטע בוך פון דער מענטשהייט, דער מעכטיקער פונדאַמענט, אויף
וועלכן עס איז אויסגעבויט דער גראַנדיעזער בנין פון דער אייראָפּעישער
שאַפונג. דרייסיק יאָרהונדערטן, וועלכע טיילן אונז אָפּ פון יענער אומ=
באַוואוסטער עפּאָכע, שטערן אונז ניט צו פאַרשטיין די געפילן און די
ליידנשאַפטן פון יענע העלדן, משיג צו זיין דעם זינען פון זייערע שטרע=
בונגען, באַמערקן די קאָנטורן פון די גזועלשאַפטלעכע גרופן, זען די צע=
לאָזנקייט און דעם ענאָיום פון די ליבליינגען פון דעם גורל, הערן די
קרעכצן און דעם פאַרביטערטן פּראָטעסט פון זיינע שטיפקינדער, באַמערקן
די הויפּט=טיפן, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אויף דעם באָדן פון אַן
איינגאַרטיקער פאַר אונז פרעמדער קולטור. די דאָזיקע קולטור, וועלכע
איז געבאָרן דורך דעם גייסט פון אונטערנעמערישקייט, האָט פון דעם
מענטשן געפאָדערט צוויי הויפּט=אייגנשאַפטן: מוטיקייט און שכל. דרייסט=
קייט און ערפינדערישקייט זיינען געווען די גרעסטע מעלות, וועלכע האָבן
דעם מענטשן פון יענער עפּאָכע פאַרזיכערט דאָס רעכט צו פאַרנעמען

אַן אָרט אויבנאָן. יעדע צייט שטעלט אַרויס אירע אידעאַלן. דער שרעקלאָזער אַכילעס און דער כיטרע-קלוגער אָדיסעוס זיינען געוועזן די אידעאַלן פון דער האָמערישער צייט. דער קריגער און דער סוחר האָבן זיך דעמאָלט פאַראייניקט אין איין פּערזאָן. דאָס וואַגן און די כיטרעקייט זיינען געווען די וויכטיקסטע געווער ביי דעם מענטשן אין זיין קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ. מיר וועלן קוים אַ טעות האָבן, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז יעדע פון די דאָזיקע פּאָעמען איז אין אַלגעמיין אַן אָפּשפּיגלונג פון איינער פון די דאָזיקע זייטן פונם דעמאָלטיקן אידעאַל. דער גייסט פון שרעקלאָזיקייט און פון קראַפט האָט גערוט אויף דער איליאַדע, די פאַלשקייט און די פעיִקייט צו געפינען זיך פון אַן אומטערנעמערישן קאָמערסאַנט — איז דער הויפּט-מוטיוו פון דער אָדיסעע. אמת, אין אַזאַ צעטיילונג איז פאַראַן פיל באַדינגטס. די העלדן פון דער איליאַדע זיינען ניט פריי פון גיריקע הענדלערישע אינסטינקטן, און אין די פרידלעכע אַוואַנטורעס פון דער אָדיסעע איז ניט ווייניק פאַראַן פאַרכאַפּנדיקע ביישפּילן פון וואַגן און העראָיִזם. ס'איז אָבער בלתי-ספק, אַז אין דער פּאָעמע פון אַ פריערדיקער צייט האָבן זיך דער עיקר אָפּגעשפּיגלט די קאַמפסמאָמענטן פונם דעמאָלטיקן לעבן, וואָס האָט באַשאַפן מוטיקע מענטשן, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין זכרון פון דעם פאָלק אַלס האַלב-געטער און ריזן, און אין דער אָדיסעע — יענס פול מיט אַוואַנטורעס לעבן פון אַ וואַנדערנדיקן אונטערנעמער, וואָס האָט געבוירן פאַנטאַסטישע ערציילונגען וועגן משונהדיקע לענדער און מערנהאַפטע מענטשן, וואָס האָט באַשאַפן אויסגעשאַרפטע און געניאַל ערפינדערישע מענטשן און לעגענדאַרע ערציילונגען וועגן די גבורות פון שכל און פון גייסטיקער פלינקייט.

„געטין, באַזינג דעם צאָרן פון אַכילעס, פּעלעאַכעס זון, דעם פורכטבאַרן, וועלכער האָט די אַכעער פאַרשאַפט טויזנטער אומגליקן, פיל נשמות מעכטיקע פון העלדן באַרימטע געשליידערט אין פינסטערן האַדעס און זיי אַליין געוואָרפן פאַר שפּייז צו די פלייש-פרעסערישע פייגל פון אַרום און פאַר הינט. ס'איז מקויים געוואָרן צעוסעס ווילן פון יענעם טאָג אָן, ווען עס האָבן זיך אָנגעצונדן מיט שנאה דער מנהיג פון פעלקער, דער אַטריד, און דער העלד אַכילעס דער איידעלער, וועלכע האָבן די מחלוקת געשאַפן".

די דאָזיקע ווענדונג צו די מוזעס, מיט וועלכע די עפּישע פּאָעטן האָבן אָנגעהויבן זייער ערציילונג, באַשטימט דעם סוזשעט פון דער איליאַדע. דאָס איז אַן ערציילונג וועגן יענע אימות, וועלכע די טראָיער מלחמה האָט אַרויסגערופן און באַזונדער איין עפּיזאָד אירער, נעמלעך דער קריג צווישן אַגאַמעמנאָן און אַכילעסן, וועלכע האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דעם לעצטן און האָט נאָך זיך נאָכגעשלעפּט שרעקלעכע אומגליקן פאַר די גריכן. צען יאָר געדויערט שוין די באַלאַגערונג פון

טראָיע. פּאַריס דער זון פון דעם טראָיאַנישן קיניג פּריאַמאָס האָט אויסגענוצט די גאַסטפריינדלעכקייט פון איינעם אַ גריכישן קיניג מענעלאַאָס, האָט אַוועקגעגנבעט זיין פרוי, די שיינע העלענע, און האָט זי אַוועקגעפירט מיט זיך אין דער הייליקער שטאָט איליאָן. גאַנץ גריכנלאַנד האָט זיך אויפגעהויבן קעגן דעם באַליידיקער און האָט באַשטימט נוקם צו זיין זיך. די גריכישע קיניגן מיט זייערע פעלקער האָבן אין דער שפּיץ פון פלאָט אַוועקגעשטעלט מענעלאַאָסעס ברודער אַגאַמעמנאָן און זיינען געקומען צו די ברעגן פון טראָיע און האָבן באַלאַגערט די דאָזיקע שטאָט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די דאָזיקע פאַרניכטנדיקע מלחמה צוליב העלענע דער שיינער פון אַרגאָס, „צוליב וועלכער הינטער טראָיע זיינען פאַרלאָרן געוואָרן אַזוי פיל דאַנאַיער, ווייט פון זייער ליבער היימאַט". צען יאָר האָבן זיך די טראָיער ניט אַנטשלאָסן אַרויסצוטרעטן אין אַן אָפענעם קאַמף מיט די גריכן, מחמת אין דעם חייל ביי די גריכן איז געווען דער גרויסער אַכילעס, וואָס בלויז זיין נאָמען האָט שוין אָנגעוואָרפן אַן אימה. אָבער אויפן צענטן יאָר פון דער מלחמה איז פאָרגעקומען אַ מחלוקת צווישן אַגאַמעמנאָן מיט אַכילעסן. דער פּריסטער פון אַפּאָלאָן כריזעס האָט געבעטן אַגאַמעמנאָנען אומצוקערן אים זיין טאָכטער, וועלכע איז אַריינגעפאַלן אַלס רויב צו דעם מנהיג פון די גריכן. בשעת אַגאַמעמנאָן האָט כריזעסן אַנטזאָגט, און דער דערצאָרנטער אַפּאָלאָן „האָט אַ מגפה אָנגעשיקט אויף דעם בייזן חייל", נוקם זייענדיק זיך פאַר זיין באַליידיקטן פּריסטער, האָט דער „פאַסטעך פון פעלקער" געמוזט אומקערן די געפאַנגענע צוריק, אָבער אָנשטאָט איר האָט ער אָפּגענומען ביי אַכילעסן זיין געפאַנגענע די טאָכטער פון בריזעוס. דער דערצאָרנטער אַכילעס האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין די שלאַכטן מיט די טראָער, האָט אויפגעהערט צו זיין „אין די ראַטן, וועלכע באַצירן די מענער מיט רום, אויך אין די פירכטערלעכע קאַמפן". ער האָט זיך געזעצט ביי דער גראָער טיפעניש און קוקנדיק אויפן פאָנט דעם פולוואַסערדיקן, האָט ער מיט טרערן אָנגעהויבן בעטן זיין מוטער די געטין טעטיס, נוקם צו זיין זיך פאַר דער באַליידיקונג, דערפאַר וואָס „דער שטאָלצער מיט מאַכט קיניג אַגאַמעמנאָן האָט אים אַנטערט, די מתנה פון גבורות=מלחמה אָפּגערויבט און הערשט איבער איר". טעטיס האָט אַיינגערעדט צעוסן אָנצונעמען זיך פאַר איר זון, און זינט דעמאָלט איז דאָס גליק אַריבער אויף דער זייט פון די טראָיער. די לעצטע נעמען = אונטער אַן אָנפאַל פון שטאָט אַרויס, עס קומען פאָר אַ ריי דועלן צווישן באַזונדערע העלדן, עס פאַרבינדן זיך אַלגעמיינע שלאַכטן. אַזוי, למשל, טרעטן אַריין אין אַ צווייקאַמף די שולדיקע פון דער מלחמה מענעלאַאָס און פּאַריס, דערביי איז

מענעלאַאָס מנצח, אָבער די קיפּרידע איז מציל פּאַריסן און טראָגט אים אַוועק קיין טראָיע אין זיין שלאָפצימער. עס טרעט אין קאַמף אַריין אַיאַקס מיט העקטאָרן; העקטאָר ווערט פאַרוואונדעט, אָבער אַפּאָלאָן האַלט אים אויס, און נאָר די נאַכט שיידט פונאַנדער צווישן ביידע העלדן. די געטער גופא אויפן אָלימפּ האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן. טעטיס און צעוס, וועלכער האָט איר געגעבן זיין צוזאָג, ווערן די הויפּט-פּאַרטיידיקער פון די טראָיער, הערא און אַטענע האַלטן אונטער דעם מוט פון די דאַנאַיער. אַ גאַנצע ריי העלדן ווייזן דערוויל אַרויס זייער דרייסטקייט און זייער קראַפט אין דער צייט פון אַכילעסעס צאָרן. אויסער די ביידע אַרטרידן, אַגאַמעמנאָן און מענעלאַאָס, מאַכן אָן גרויסע צרות אין די רייען פון די טראָיער די צוויי ברידער פון אַיאַקסן, דער בייזער דיאָמעדעס, אָדיסעוס, ליפּאָלעמאָס און אַנדערע. מצד די העלדן פון איליאָן צייכנט זיך באַזונדער אויס דער „העלמגלענצנדיקער" העקטאָר, דער מוטיקער זון פון אַנכיזעס, ענעאַס, דער העלד פון דער צוקונפטיקער פּאָעמע פון דעם רוימישן פּאָעט ווירגילי, „ליקיאַס דער קיניג פון די סאַרפּעדאָנער" און פיל אַנדערע מוטיקע העלדן. ווען די צאָל פון די הרוגים דערגרייכט ביז אַ גרויסער מאָס, שליסן ביידע צדדים אַ צייטווייליקן שלום און באַגראָבן די געפאַלענע. אָבער נאָך דעם צייטווייליקן שלום צעברענט זיך דער קאַמף מיט נייער קראַפט. די געטער אַליין ווערן פאַרכאַפּט פון דעם גרימצאָרן פון די מענטשן, און צעוס מוז פאַרבאָטן די געטער אַריינצומישן זיך אין דער מחלוקת פון די גריכן מיט די טראָיער. ניט געקוקט אויף גאָר זייער דרייסטקייט, ניט געקוקט דערויף, וואָס, געדריקט פון די אַכעיער, האָבן די טראָיער ניט איינמאָל דורך אַנטלויפן זיך מציל געווען הינטער די ווענט פון דער שטאָט, האָבן דעם נצחון אין הסכם מיט דעם באַשלוס פון דעם גורל און צעוסעס הבטחה באַקומען די טראָיער. די צעשלאָגענע אַכעיער אַנטלויפן צו זייערע שיפן; דער טריומפירנדיקער העקטאָר פאַרפאָלגט זיי. די נאַכט האָט אָפּגעשטעלט די פאַרפאָלגונג. די פריידיקע טראָיער „האָבן פאַרברענט אַלס קרבן צו די געטער „פולע העקאַטאָמבעס" און, שטאָלץ טריומענדיק, „זיינען זיי אויפן וועג פון דער מלחמה געזעסן די גאַנצע נאַכט, און זייערע אומצאָליקע פייערן האָבן אין פעלד געפלאַמט, פונקט ווי אין הימל די שטערן אַרום דער לבנה דער העלער". אַן אַנדער שטימונג איז געווען אין דעם גריכישן לאַגער. „דער קיניג אַגאַמעמנאָן, געטראָפן מיט טיפן טרויער אין האַרצן, איז געגאַנגען אַרום... די מענער פון ראַט זיינען געזעסן טרויעריקע". מען שיקט צו אַכילעסן שלוחים פון די בעסטע העראָיען. אַגאַמעמנאָן איז גרייט אומצוקערן די בריזעידע. די דערציילונג וועגן די גריכישע צרות מאַכט אויף

אַכילעסן אַ גוואַלדיקן איינדרוק, אָבער זיין האַרץ בלייבט האַרט, און ער לאָזט זיך ניט איבערבעטן. די לאַגע פון די אַכעיער ווערט אַלץ ערגער.

די טראָיער האָבן שוין חרוב געמאַכט אַ טייל פון דער וואַנט, הינטער וועלכער עס האָבן זיך פאַרפעסטיקט די גריכן, זיי דראָען שוין זייערע שיפן, די אַכעיער זיינען גרייט צו אַנטלויפן אַהיים, פיל גרויסע אָנפירער זיינען שוין געפאַלן פון ביידע זייטן, נאָך מער—פאַרוואונדעטע. אין דעם דאָזיקן מאָמענט פון עקסטער סכנה, ווען די גריכן האָבן ווי לייבן פאַרטיידיקט זייערע שיפן, האָט אַכילעסעס פריינד פאַטראָקלעס, „וועלכער גיסט זודיקע טרערן, ווי אַ פלוס פון די בערג אַ שוואַרצוועסעריקער פאַרגיסט זיינע טונקעלע וואַסערן פון שטוילן זייט פעלזן״, אָנגעהויבן בעטן זיך ביי דעם דערצאָרנטן העלד, ער זאָל קומען צו הילף זיינע מיטבירגער. אַכילעס שפאַרט זיך איין, אָבער ער גיט אָפּ זיין וואָפן צו זיין פריינד, ער זאָל טאָן דערמיט, וואָס ער וויל. פאַטראָקלעסן געלינגט אָפּצוווערן זיך פון די טראָיער און אַפילו אָפּצוטרייבן זיי ביז די ווענט פון איליאָן, אָבער דער העלד אַליין פאַלט דורך העקטאָרס שפּיז; העקטאָר נעמט פון אים אַראָפּ אַכילעסעס געווער. די אַכעיער אַנטלויפן ווידער.

פון די פיראונצוואַנציק לידער פון דער *איליאַדע* האַלטן אין זיך די ערשטע זיבעצן איין די באַשרייבונג פון די דאָזיקע שרעקלעכע רעזולטאַטן פון אַכילעסעס צאָרן. דאָס, וואָס עס האָבן ניט געקאָנט מאַכן די געבעטן פון די נאָענטע און דאָס אומקומען פון טויזנטער ברידער פון זיין פאָטערלאַנד, האָט געמאַכט דער טויט פון זיין פריינד. אַכילעס פאַרשילט „דעם צאָרן, דעם פיינדלעכן, וועלכער פירט אַפילו חכמים אַרויס פון די כלים״. ער שווערט נוקם צו זיין זיך אָן העקטאָרן; דאָס לעבן גופא איז אים געוואָרן דערווידער, כּל זמן עס לעבט דער רוצח פון פאַטראָקלעסן. „ניט איינע צווישן די פולברוסטיקע טראָיער פרויען, — זאָגט ער, — וועל איך מיט זיפצן מיט שווערע די ברוסט זיך נייטן צערייסן און אין צער פון די באַקן די צאַרטע מיט ביידע הענט ווישן די טרערן!״ לויט טעטיסעס געבעט פאַרטיקט העפאַיסטאָס אויס פאַר אַכילעסן אַ נייעם וואָפן, צווישן אַנדערע דעם באַרימטן שילד, אויף וועלכן דער גאָט האָט אויסגעמאָלט בילדער פון אַלטגריכישן לעבן, וועלכע פאַרבלייבן אַלס אַ טייערע קוועלע צום פאַרשטיין יענע עפּאָכע. אַכילעס איז איצט גלייכגילטיק צו זיין פערזענלעכער באַליידיקונג, אים אינטערעסירט ווייניק די בריזעידע, וועלכע אַגאַמעמנאָן קערט אים אום, ער ברענט מיטן פאַרלאַנג נקמה צו נעמען. די גאַנצע וועלט=אַל נעמט אָנטייל אין דעם שרעקלעכן שלאַכטפעלד. צעוס, וועלכער האָט מקיים געווען זיין צוזאָג, פאַרבאָט שוין מער ניט די געטער אַריינצומישן זיך אין די ענינים פון די גריכן מיט די טראָיער.

דער אָלימפּ צעטיילט זיך אויך אויף צוויי פּאַרטייען. הערא, אַטענע, פּאָסיידאָן, הערמעס, העפאַיסטאָס נעמען זיך אָן פאַר די אַכעיער; אַרעס, אַפּאָלאָן, אַרטעמיס, קיפּרידע און אַנדערע—פאַר די טראָיער. אין די הימלען הערן זיך שרעקלעכע קלעפּ פון דונערן, די ערד קומט אין אַ באַוועגלעכן צושטאַנד, פאַר וועלכן עס ווערט דערשראָקן דער האַדעס גופא. אַכילעסעס שווערד מאַכט אָן שרעקלעכע חורבנות אין די טראָיער רייען. צוויי פון פּריאַמאָסעס זין פאַלן טויטע. ענעאַס און העקטאָר, וועלכע האָבן געוואַגט אַריינצוטרעטן אין קאַמף מיט דעם פירכטערלעכן קעגנער, זיינען זיך קוים מציל אַדאַנק דער הילף פון די געטער, וועלכע פּראָטעזשירן זיי. די געטער שלאָגן זיך אין די רייען פון די העראָיען און טרעטן אַריין אין קאַמף צווישן זיך גופא. לסוף באַשליסט זיך העקטאָר אַרויסצוגיין אין אַ צווייקאַמף מיט אַכילעסן, און נאָך אַ פאַרעקשנטן געשלעג, אַ דורכגעשטאָכענער מיט אַ שפּיז, פאַלט דער גרעסטער פון די טראָיער, „דער געטלעכער העקטאָר וועלכן די זין פון טראָיע האָבן געגרויסט ווי אַ גאָט". אַכילעס האָט צוגעבונדן דעם קערפּער פון דעם געטויטן צו זיין רייטוואָגן, און האָט אים מיט חרפה אַוועקגעשלעפּט אין לאַגער. „איבער דער ערד צעבראַסטעטע, האָבן זיך די שוואַרצע לאָקן געדרייט; דער קאָפּ פון דעם פּריאַמיד האָט זיך איבער שטויב געשלאָגן; אַ פּראַכטפולער פּריער, האָט איצט דער אָלימפּיער אים איבערגעגעבן צו די שונאים אויף חרפה אין דעם אייגענעם לאַנד פון איליאָן". גאַנץ טראָיע איז פּאַרציטערט געוואָרן, דערזעענדיק די מפּלה פון פּריאַמאָסעס זון. די יללות פון דער מוטער, „וועלכע האָט געריסן אויף זיך די גראָע האָר" און די געשרייען פון דעם זקן דעם פאָטער, זיינען פאַרטויבט געוואָרן דורך די קרעכצן פון די בירגער, וועלכע האָבן זיך אָנגעקליבן המונים. „עס איז געווען גלייך, ווי דער גאַנצער הויכער איליאָן, פון עק ביז עק, וואָלט זיך פון זיינע פונדאַמענטן אין פייער צעשאָטן". דערווייל אָרדנט אַכילעס איין אַ רייכע קבורה פּאַטראָקלעסן און גיט איבער צו פאַרשוועכונג העקטאָרס קערפּער. דער אומגליקלעכער פּריאַמאָס באַשליסט זיך אויף אַ געפערלעכער גבורה. מיט רייכע מתנות גנבעט ער זיך ביידערנאַכט אַדורך אין גריכישן לאַגער און קומט אין אַכילעסעס הויפּטקוואַרטיר. גערירט דורך די געבעטן פון דעם ישיש, גיט אים אַכילעס אָפּ דעם קערפּער, וועלכן די טראָיער באַגעגענען מיט אַן אַלגעמיינעם געוויין. די פּאָעמע פאַרענדיקט זיך מיט דער פייערלעכער קבורה פון העקטאָרס קערפּער אין טראָיע.

די איליאַדע איז אַ פּאָעמע פון קריגס־גבורות, די אָדיסעע — אַ געשיכטע פון אַוואַנטורעס, אַן ערציילונג וועגן דעם פילגעפּרווטן מאַן, וועלכער

„לאַנג וואַנדערנדיק, פון דעם טאָג אָן, ווען דער הייליקער איליאָן
איז דורך אים חרוב געוואָרן,
האָט ער מענטשן אָן שטעט באַזוכט און מנהגים געזען".

דער דאָזיקער „פילגעפּרוּווטער מאַן" — איז אָדיסעוס, דער קיניג פון איטאַקע, איינער פון די ערשטע העלדן פון דער טראָיער מלחמה, וואָס זיין כיטרעקייט האָבן די גריכן צו דאַנקען פאַר דעם נצחון איבער דער שטאָט איליאָן. צו דעם סוף פון דער מלחמה שטרעבט ער צוזאַמען מיט זיינע באַגלייטער צו זיין געבירטיקן אינזל איטאַקע, וואו ער האָט איבערגעלאָזן זיין ווייב, די געטרייע פענעלאָפּע, און דעם זון טעלעמאַכאָס, אָבער דער פיינדלעכער צו אָדיסעען גאָט פּאָסיידאָן האָט אים אַ לאַנגע צייט געשטערט אומצוקערן זיך; ער האָט אומגעטריבן זיין שיף אין פאַרשיידענע זייטן, האָט אויף אים אויפגעהויבן שטורעמווינטן און פאַרשיידעשטערונגען. אין אָנהייב פון דער פּאָעמע דערוויסן מיר אים אויפן אינזל אָגיגיע, וואו אים „האָט אין אַ גראָט אין אַ טיפן די ליכטיקע נימפע קאַליפּסאָ, די געטין פון געטינס, ווילקירלעך מיט כוח פאַרהאַלטן, אומזיסט נאָר פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל איר ווערן אַ מאַן". דערווייל מוז פענעלאָפּע אין איטאַקע אויסשטיין אַ ביטערן קאַמף מיט די חתנים, וועלכע האָבן זיך באַנוצט דערמיט, וואָס אָדיסעוס איז ניטאָ אין דער היים און האָבן זיך פאַרקליבן אין זיין שטוב אַריין; זיי צערייבן זיין פאַרמעגן, עסן און טרינקען און פאָדערן, אַז פענעלאָפּע זאָל ווערן אַ ווייב צו איינעם פון זיי. לויט דער עצה פון דער געטין אַטענע לאָזט זיך טעלעמאַכאָס אַוועק אין פאַרשיידענע גריכישע שטעט אויפצוקלייבן ידיעות וועגן אָדיסעוסן. ער קומט צו פאָרן קיין פּילאָס צו דעם זייער אַלטן קיניג נעסטאָר, איינער פון די גרעסטע העלדן פון דער טראָיער מלחמה, דערנאָך אין ספּאַרטע צו מענעלאַאָסן, וועלכער האָט זיך נאָכדעם, ווי מען האָט איינגענומען טראָיע, צוריקגעקערט אַהיים מיט העלענען. דאָ האָט דער נביא פּראָטעוס דערציילט וועגן דעם גורל פון די גריכישע העראָיען, וועלכע האָבן מלחמה געהאַלטן אונטער טראָיע. ניט אַלע האָבן זיי זיך צוריקגעקערט, און אויף אַנדערע האָט אין דער היימאַט געוואַרט אַ טרויעריקער סוף, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען: אַיאַקסן, דעם זון פון אָילעוס, האָט איינגעשלונגען „דער ברייטרוישנדיקער ים", און דער „פּאַסטעך פון פעלקער" אַגאַמעמנאָן האָט „אַרויפטרעטנדיק אויפן ברעג פון זיינע עלטערן" געפונען שוואַרצע פאַרראַטונג און איז פאַררעטעריש דורך אייגיסטאָסן געטויט געוואָרן אויף אַ מאָלצייט. ביי פּראָטעוסן האָט זיך טעלעמאַכאָס דערוואוסט, אַז זיין פאָטער „גיסט טרערן אַ שפע אין דער ליכטיקער וואוינונג פון קאַליפּסאָ". דערווייל לאָזט די נימפע קאַליפּסאָ אָפּ, לויט

דעם באַפעל פון די געטער, וועלכע האָבן רחמנות געהאַט אויף אָדיסעוסן,
איר געפאַנגענעם, אָבער פּאָסיידאָן צעברעכט זיין שיף, און די שטורעמ=
דיקע כוואַליעס טראָגן דעם פיל=ליידנדיקן קיניג פון איטאַקע דריי טעג
איבערן וואַסער. אַדאַנק אַטענען קומט ער אָן אויף אַ ברעג פון אַן אומ=
באַוואוסטן לאַנד, וואו ס׳איז, ווייזט זיך אַרויס, די מדינה פון פעאַקישן
קיניג אַלקינאָאָס. דעם איינגעשלאָפענעם אויפן ברעג אָדיסעוסן געפינט
אַלקינאָאָסעס טאָכטער נאַוויקאַיע. זי ברענגט אים אין קיניגלעכן פּאַלאַץ,
וואו אָדיסעוס קומט אָן אויף אַ מאָלצייט. דאָ זינגט דער באַגייסטערטער
זינגער דעמאָדאָקאָס פאַר די געסט, וועלכע עסן און טרינקען, לידער, און
פון זיי דערוויסן מיר זיך, מיט וואָס האָט זיך געענדיקט די טראָיער מלחמה:
די גריכן האָבן כלומרשט פאַרלאָזן דעם ברעג פון טראָיע, איבערלאָזנ=
דיק אַ ריזיקן הילצערנעם פערד, אין וועלכן אינעווייניק זיינען געווען באַ=
האַלטן אָדיסעוס מיט אַ קאָמפּאַניע קריגער. די טראָיער האָבן דעם
פערד אַריינגעבראַכט אין שטאָט און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן
מיט אים. סוף=כל=סוף האָבן זיי באַשלאָסן „איבערלאָזן אים אין איליאָן
אַלס אַ פרידנס-קרבן פאַר די געטער". ביידערנאַכט זיינען די אינע=
ווייניק אין פערד באַהאַלטענע גריכן אַרויסגעגאַנגען, און האָבן אין
שטאָט אַריינגעלאָזן דאָס גריכישע חייל, וואָס האָט זיך דערווייל אומגע=
קערט, און די הייליקע שטאָט איליאָן איז געפאַלן. „אַזוי האָט וועגן די
אַבעיער געזונגען דעמאָדאָקאָס, אומבאַשרייבלעך געריהרט געווען איז אָדי=
סעוס, און זיינע ברעמען זיין באַפייכט געוואָרן מיט טרערן". דער קלו=
גער קיניג אַלקינאָאָס האָט באַמערקט אָדיסעוסעס טרערן און בעט אים
אויסזאָגן זיין נאָמען און דערציילן וועגן זיינע וואַנדערונגען. אָדיסעוסעס
דערציילונג פאַרנעמט פיר לידער (IX—XII); דאָס איז אַ צוויבערלעכע
ערציילונג וועגן לעגענדאַרע לענדער, — אַפנים, די פּאָעטישע אָפּשפּיגלונג
פון די אומגעווינלעכע אַוואַנטורעס און משונהדיקע באַגעגענישן, מיט
וועלכע עס איז רייך געווען דאָס לעבן פון די גריכישע סוחרים, וועלכע
האָבן געפירט זייערע סחורות אין די סאַמע ווייטע לענדער. „איך בין
אָדיסעוס, דער זון פון לאַערט, וועלכער איז אומעטום מיט דער ערפינ=
דונג פון פיל כיטרעקייטן באַרימט, און מיט אַ גרויסן נאָמען ביזן הימל
דערהויבן. אין דער זוניק=ליכטיקער איטאַקע וואוין איך, דאָרט הייבט
נעריאָן, וועלכער זעט זיך אומעטום פון ים, זיין באַוואַלדיקטן שפּיץ".
אַזוי הייבט אָדיסעוס אָן זיין דערציילונג. נאָך דער צעשטערונג פון טראָיע
פאַלט ער אַריין אין דעם לאַנד פון די לאָטאָפאַגן, וועלכע נערן זיך מיט
דעם „לאָטאָס דעם זיס=האָניקדיקן". ווער עס האָט פאַרזוכט פון דעם דאָ=
זיקן וואונדערלעכן געוויקס, יענער פאַרגעסט אין איין כהרף=עין אַלע

אין דער וועלט און פילט אַן אומבאַזיגבאַרן פאַרלאַנג אייביק „דעם געשמאַקן לאָטאָס צו קלייבן, אויף שטענדיק פון זיין פאָטערלאַנד זיך אָפּזאָגנדיק”. אָדיסעוּסן איז קוים מיט גוואַלד געלונגען אַרויפצופירן אויפן שיף יענע פון זיינע מיטרייזנדער, וועלכע האָבן פאַרזוכט די וואונדערלעכע שפּייז פון די לאָטאָפאַגן. זיי האָבן זיך באַגאָסן מיט טרערן, און עס איז זיי אויסגעקומען צוצובינדן צו די בענק פון די שיפן. צויבערלעכע לענדער און לעגענדאַרע אומגעהייערס קומען איינע נאָך די אַנדערע, פּונקט ווי אין אַ פאַנטאַסטישן קאַליידאָסקאָפּ. אָדיסעוּסעס ערציילונג טראָגט אונז אַריבער פון דעם לאַנד פון צערטלעכע תענוגים און פון גליק אין די מדינות פון די איינאויגיקע ריזן ציקלאָפּן „שטאַרקע, בייזע, וועלכע ווייסן קיין אמת ניט”. איבערגעלאָזן די מיטפאָרער אויפן ברעג, לאָזט זיך אָדיסעוּס אַוועק מיט צוועלף חברים אויסצופאָרשן דעם קאַנט. זיי פאַלן אַריין אין אַ הייל, וואו זיי געפינען אַ פולע פּראָוויאַנט. דער באַלעבאָס פון דעם דאָזיקן הייל, ווייזט זיך אַרויס, איז דער שרעקלעכער ציקלאָפּ פּאָלפעמאָס. ער פרעסט אויף צוויי פון אָדיסעוּסעס חברים, פאַרלייגט דעם אַריינגאַנג אין דער הייל מיט אַזאַ שטיין, וועלכן „אַפילו צוויי און צוואַנציק וועגענער פיר־רעדערדיקע וואָלטן פון אָרט רירן ניט געקענט”, און, פאַרטרונקען נאָך זיין שרעקלעכן אָוונטברויט מיט מילך, ווערט ער רויק אַנטשלאָפן. אָדיסעוּס באַשליסט זיך ניט צו טויטן דעם שלאָפעדיקן קאַניבאַל, מחמת אים וואָלט אויסגעקומען צו שטאַרבן אין דער הייל. אַלע זיינע מיטפאָרער צוזאַמען וואָלטן ניט געווען אימשטאַנד אָפּצורוקן דעם שטיין, מיט וועלכן עס איז פאַרלייגט דעם אַריינגאַנג אין דער הייל. ער נעמט אָן אַן אַנדער מיטל. ער האָט דער ציקלאָפּ אָנגעשיכורט און האָט אים אויסגעשטאָכן דאָס איינציקע אויג, ווען יענער האָט געשלאָפן. דער אויפגעבראַכטער ציקלאָפּ האָט זיך געזעצט ביים אַריינגאַנג אין דער הייל און גענומען אַרויסלאָזן זיין טשערעדע, כדי אויפצווכן אין דער הייל זיינע שונאים. אָבער אָדיסעוּס האָט צענויפגעבונדן די שעפּסן צו דריי צוזאַמען און אונטער יעדן מיטלסטן אונטערגעבונדן אַ מענטשן. אַזוי־אַרום זיינען די שעפּסן דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם בלינדן מענטשנפרעסער, וועלכער האָט אַרומגעטאַפּט ביי יעדערער דעם רוקן און האָט אַרויסגעלאָזן אָדיסעוּסעס מענטשן. אָדיסעוּס האָט זיך געראַטעוועט אויפן שיף מיט זיינע איבערגעבליבענע מענטשן און שפּאָטיש געשריען צו דעם אומגעהייער:

„אויב, ציקלאָפּ, ביי דיר וועט עמעצער פון די מענטשן פון דער ערד געבוירענע פרעגן, ווי איז פאַרדאָרבן געוואָרן דאָס איינציקע אויג דיינס, טאָ ענטפער דערויף אַזוי: דער קיניג אָדיסעאוּס, דער צעשטערער פון שטעט, דער זון פון דעם העראָי לאַערט, דער באַרימטער הערשער פון איטאַקע, האָט מיר אויסגעשטאָכן מיין אויג”.

ווייטער זיינען מיר אויפן אינזל עאַליע אין דער מלוכה פון דעם קיניג איבער די ווינטן. עאָל גיט אָדיסעוסן אַלס באַגלייטער זיין אונטער־טעניקן זעפיר מיט אַ לאָגל, אין וועלכן עס זיינען פאַרבונדן די ווינטן. אָבער אָדיסעוסעס באַגלייטער בינדן, בשעת ער שלאָפט, פונאַנדער דעם לאָגל מיט דער האָפענונג צו געפינען דאָרט גאָלד. „דער לאָגל איז פו־נאַנדערגעבונדן געוואָרן, און רוישיק האָבן זיך אַרויסגעריסן די ווינטן אויף דער פרייהייט. אויפגעהויבן אַ שטורעם, האָבן זיי זיך מיט די שיפן זייערע (ד. ה. די רייזנדער), הויך יאָמערנדיק, ווידער אַוועקגעטראָגן פונם ברעג פונם פאָטערלאַנד אין אָפענעם ים אַריין". אָדיסעוס, וועלכער האָט שוין פון ווייטן געזען די ברעגן פון איטאַקע, איז ווידער אַריינגע־פאַלן אין אומבאַוואוסטע קאַנטן. ער איז אויפן אינזל פון „דער צויבערין דער כיטרער, צירצעע". אַדאַנק דער הילף פון „דעם געטלעכן ערמי", געלינגט אָדיסעוסן מציל צו זיין זיך פון דעם כישוף פון דער דאָזיקער געטין־פאַרפירערין. אַ גאַנץ יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין אירע פאַלאַצן אין אַ וואונדערלעכער נאַטור, אַ באַצויבערטער פון דעם צאַרטן דאַווירן אים און פון דער צויבערינס לאַסקעס. נאָר די קאַטעגאָרישע פאָדערונג פון די חברים האָט גענויט דעם פאָרזיכטיקן און קלוגן העראָי, ער זאָל זיך דערמאָנען אָן דעם פאָטערלאַנד. לויט צירצעעס עצה, לאָזט זיך אָדי־סעוס אַראָפּ, איידער ער זעצט פאָר ווייטער זיין וועג, אין דער אונטער־ערדישער מלוכה, אין דעם לאַנד פון אַיד, וואו עס האָבן געלעבט די שאָטנס פון די געשטאָרבענע מענטשן. דאָ זאָגט דער נביא טיירעזיאַס אָדיסעוסן פאָר זיין ווייטערדיקן גורל, ער דערציילט אים וועגן די צרות און די סכנות, וועלכע עס וואַרטן נאָך אויף אים אין זיין וועג איבער דעם „טונקל־בלויען ים", וועגן די חתנים, וועלכע עס פאַרפאָלגן פענע־לאָפּען אין זיין געבירטיקער איטאַקע און ער גיט אים קלוגע עצות. אין יענוועלטיקער קיניגרייך שמועסט אָדיסעוס מיט זיין מוטער, מיט אַ פולע נשמות פון די געשטאָרבענע העראָיען, צווישן אַנדערע מיט אַגאַמעמנאָנען, וועלכער דערציילט אים די טרויעריקע געשיכטע וועגן דער פעלשונג פון זיין פרוי קליטעמנעסטרע. זי האָט ניט אָפּגעהאַלטן די האַנט פון איר געליבטן אייגיסטאָס, וועלכער האָט געשאָכטן דעם „פאַסטעך פון פעלקער", וועל־כער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה צוזאַמען מיט זיינע חברים. „בשעת אַלע זיינען מיר אויף דער פּאָדלאָגע, וועלכע האָט זיך גערעמפּט מיט אונזער בלוט, געלעגן, — דערציילט אַגאַמעמנאָן, — האָט זי גלייכ־גילטיק דעם בליק אָפּגעווענדט, און מיר, וואָס איך האָב מיך אָפּגעשיידט צו גיין אין דעם געביט פון האַדעס, האָט זי די טריבע אויגן און די טויט־ווערנדיקע ליפּן פאַרמאַכן ניט געוואָלט". באַזונדער אינטערעסאַנט

איז די באַגעגעניש פון אָדיסעוּסן מיט אַכילעסן. אין דער באַוואוסטער רעדע, מיט וועלכער עס ווענדט זיך צו אָדיסעוּסן דער שאָטן פון דעם גרעסטן גריכישן העראָי, האָט זיך בולט אַנטפּלעקט די ליכטיקע וועלט-אַנשויונג פון די גריכן, זייער ליידנשאַפטלעכע צוגעבונדנקייט צו דעם לעבן, זייער פינסטערער בליק אויף דער עקסיסטענץ פון יענערוועלט. אין דער דאַנטישער פּאָעמע איז פּאַר די צדיקים אָנגעברייט אַ גליקלעכער קיום, וועגן וועלכן מענטשן קענען אַפילו ניט טרוימען. אין דער היידנישער עפּאָפּעע בענקען אַפילו אַזעלכע מענטשן ווי אַכילעס, וועלכן מ׳האָט אויף דער ערד „געערט ווי אַ גאָט, אַן אומשטערבלעכן”, וועלכער בלייבט אין אַיד דער קיניג איבער די רוחות, ד. ה. דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון שכר, — דאָרט בענקען אַפילו אַזעלכע צדיקים נאָך דעם לעבן אויף דער ערד:

א, אָדיסעוּס, זאָלסט ניט האָפן קיין טרייסט אין מיין טויט מיר צו געבן.
כ׳וואָלט ליבער, גלייך אַ שכר-יום, אין די פעלדער שווער אַרבעטן,
דורך דינסט ביי אַן אָרעמען פויער טאָג-טעגלעכן ברויט זיך פאַרדינען,
איידער דאָ איבער זעל-לאָזע טויטע אַ טויטער צו הערשן.

נאָך צירצעעס צויבערן, פון וועלכע עס איז אָדיסעוּסן קוים געלונגען זיך צו באַפרייען, קומען נייע סכנות. אים קומט אויס צו שווימען פאַרביי דעם אינזל פון די סירענעס. דער צויבערלעכער געזאַנג פון די דאָזיקע נימפעס האָט אַזאַ רייצנדיקע קראַפט, אַז, איינמאָל דערהערט אים, איז שוין דער שטערבלעכער ניט בכוח אַוועקצוגיין פון דער „בלומענשפראָצנדיקער לאָנקע”, וואו עס האָבן געוואוינט די געטינס. אָדיסעוּס האָט מיט וואַקס פאַרקלעפּט די אויערן פון זיינע מיטפאָרער, און זיך האָט ער געהייסן צובינדן צו דער מאַסט. ווען די שיף האָט זיך אויסגעגליכט מיט דעם אינזל פון די סירענעס, האָבן זיי „קלאַנג-קלינגענדיק” אָנגעהויבן צו זינגען:

צו אונז אָדיסעוּס, דו גלייכער צו געטער, דו רום פון אַכעיע,
צו אונז מיט דיין שיף קום צו נענטער, פונם זיסן געזאַנג פון סירענעס
האָב תענוג,
דאָ גייט ניט קיין ים-פאָרער קיינמאָל פאַרביי מיט זיין אָקרענט
ניט הערנדיק ס׳הערצער-באַזיסיקן זינגען אויף אונזערע לאָנקעס,
באַוואוסט איז אונז אַלץ, וואָס געשען אויף דער טראָיִשער ערד, און אַ וועלכער
סוף האָט געטראָפן לויט ווילן פון געטער די טראָיער און אויך די אַכעיער.
באַוואוכט איז אונז אַלץ, וואָס אויפן שוים פון דער ערד רייך-
באַשענקענדער טוט זיך.

ניט קוקנדיק אויף די געבעטן פון אָדיסעוּסן, וועלכער איז באַצויבערט געוואָרן דורך „דעם רייצנדיקן זיס-געזאַנג”, און וועלכן עס האָט

זיך געוואָלט אַן אויפהערן די צויבערדיקע קלאַנגען, האָבן די חברים ניט נאָר אים ניט אָפּגעבונדן די הענט, נאָר „מיט נייע קייטן שטאַרקער די הענט און די פיס אים צונויפגעצויגן", און האָבן גענומען רודערן מיט געטאָפּלטער קראַפט. אַזוי האָט דער קלוגער אָדיסעוס אויסגעמיידט די גרויסע געפאַר, און האָט אומבאַשטראָפט געהערט דאָס געזאַנג, וואָס איז פאַר אַנדערע שטערבלעכע אַ לוויה-הימן. אויסגעמיטן בשלום דעם אינזל פון די סירענעס, באַגעגנט אָדיסעוס אַ נייע געפאַר אין אַ שמאָלן דורכפלוס, וואו ער מוז דורכשווימען צווישן צוויי שרעקלעכע אומגעהייערס — סצילע און כאַרבידע. „סצילע האָט געדראָט פון איין זייט, און פון דער צווייטער האָט כאַרבידע דאָרשטיק געשלונגען דאָס געזאַלצענע וואַסער. ווען דאָס וואַסער איז געפאַלן פון איר בויך, זידנדיק ווי אין אַ קעסל, אַן אָנגעברענטן אויפן פייער, האָט עס מיט אַ פייפן געזאָטן, כאָרכלענדיק און בוירענדיק זיך; און דער שוים איז ווי אַ וויכער געפלויגן אַרויף צו די ביידע שפּיצן פון די פעלזן". פאַרלאָרן זעקס מאַן פון די חברים, וועלכע זיינען דערשלאָגן געוואָרן דורך דעם אומגעהייער, האָט זיך אָדיסעוס מיט די איבעריקע מיטפאָרער געראַטעוועט און איז אַוועקגעשוואומען ווייטער. דאַן צעברעכט אַ שטורעמווינט אָדיסעוסעס שיף, אַלע זיינע מיטפאָרער ווערן דערטרונקען, און נאָר ער אַליין ווערט ניצול אויפן אינזל פון דער נימפע קאַליפּסאָ. דערמיט פאַרענדיקט זיך אָדיסעוסעס דערציילונג. אַלקינאָאָס ריכט אויס אַן אָקרענט, און איצטיקן מאָל דערגרייכט אָדיסעוס צו זיין געבירטיקן אינזל איטאַקע. ער טוט זיך איבער פאַר אַן אָרעמאַן, און פאַרבאָרגט זיך אין אַ משך פון עטלעכע טעג ביי זיין פאַסטעך איימאַיאָס, וועלכער דערקענט ניט זיין האַר. צו איימאַיאָסן קומט אויך טעלעמאַכאָס, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים לויט דער עצה פון אַטענע. אָדיסעוס אַנטפּלעקט זיך פאַרן זון, און צוזאַמען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי נוקם צו זיין זיך אָן די חתנים, ערשיינען זיי אין פּאַלאַץ, וואו די חתנים עסן נאָך און טרינקען און פאַרשווענדן דעם קיניגס גוט. פּענעלאָפּע מעלדעט די חתנים, אַז זי וועט ענדלעך מסכים זיין חתונה צו האָבן מיט יענעם, ווער עס וועט מנצח זיין אַלע איבעריקע און שיסן פון אָדיסעוסעס בויגן. אָבער „אַ מאַן אַזאַ פולקרעפטיקער, ווי אָדיסעוס איז געווען", האָט זיך צווישן די חתנים ניט געפונען, און קיין איינציקער פון זיי האָט ניט געקענט אַפילו אָנציען דעם בויגן. דעמאָלט בעט אָדיסעוס, מען זאָל אים ערלויבן אויסצופּרוּוון דעם וואונדערלעכן בויגן, און דאָס וואָס די חתנים האָבן ניט געקענט מאַכן, דאָס איז, צו זייער גרויסע שרעקן, געלונגען צו טאָן דעם אָרעמען שלעפּער. „מיט דער רעכטער האַנט אָנגעצויגן דעם שטאַרקן שנור, האָט ער מיט אים דערלאַנגט אַ קנאַק; די

פֿייל האָט אַ פֿישטשע געטאָן, ווי אַ שוואַלב אַ הילכיקע אין הימל. דאָס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן אין דער ברוסט ביי די חתנים, און ביי אַלעמען האָבן זיך די צורות געענדערט". אָדיסעוס הייבט אָן זיין אכזרישן משפּט איבער די חתנים. ער ציט ווייטער אָן דעם בויגן און טרעפֿט דעם סאַמע פֿרעבן פֿון די חתנים, אַנטינאָאוס, וועלכער האָט בשעת מעשה צוגעטראָגן אַ בעכער מיט וויין צום מויל. „אויף אַ זייט איז געפֿאַלן אַנטינאָאוס, אַ קייקל געטאָן זיך איבער דער ערד האָט דער בעכער, אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט, און ווי אַ הייסער קוואַל האָט פֿון די נאָזלעכער פֿייפֿן גענומען דאָס שוואַרצע בלוט". די חתנים זיינען פֿאַרטרייסלט געוואָרן פֿון אימה, און דערהערנדיק פֿון דעם אָרעמאַנס מויל זיין סוד, בעטן זיי אָדיסעוסן ער זאָל רחמנות האָבן און הייסן באַצאָלן אויסקויף-געלט. אָבער אָדיסעוס נעמט ניט אָן דעם געבעט. עס הייבט זיך אָן אַ פֿאַרביטערטער קאַמף. אַלע חתנים פֿאַלן טויטע. אָבער דערמיט האָט זיך נאָך ניט פֿאַרענדיקט די נקמה. אָדיסעוס באַשטראָפֿט אָן רחמנות די שקלאַפֿינס און די באַדינער, וועלכע עס האָבן אים געפֿעלשט און האָבן געהאָלפֿן די חתנים. די פּאָעמע ענדיקט זיך מיט דער באַשרייבונג פֿון דער מרידה, וואָס די מיטבירגער האָבן מורד געווען אין אָדיסעוסן פֿאַר דעם טויט פֿון אַזוי פֿיל מיוחסדיקע לייט. אָדיסעוס איז מנצח, און צווישן פֿאָלק און קיניג שטעלט זיך צוריק איין שלום און שלוה.

דאָס איז דער אינהאַלט פֿון דעם עפּאָס, וועלכער פֿאַרבלייבט אַלס דאָס גרעסטע עדות וועגן די ערשטע טריט פֿון דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, דאָס בעסטע בילד פֿון מידות פֿון דער עלטסטער אונז באַקאַנטער עפּאָכע אין דער אייראָפּעיִשער געשיכטע.

II.

די אַריסטאָקראַטישע טענדענץ פון די האָמערישע פּאָעמען. — די שטריכן פון דער האָמערישער אַריסטאָקראַטיע: ניט-אײַנגעהאַלטנקייט, גיריקייט, דער גייסט פון אוטיליטאַריזם, פּאַרשייטקייט, לוקסוס און עפּיקורעיזם, דער פּאַטריאַרכאַלער שטייגער, די קולטורעלקייט אין באַגיין זיך מיט מענטשן, דער עטיקעט, די אַכטונג צו קונסט און צו זינגער, די שיינקייט און דער העראָיזם. — די שילדערונג פון די נידעריקערע קלאַסן ביי האָמערן. — זיין באַציונג צו דער פּאָלקסמאַסע. — דער ראָט און די פּאָלקס-פאַרזאַמלונג. — טיפּן פון די נידעריקערע קלאַסן: טערסיטעס און איימאַיאָם. — טיפּן פון העראָיען: אַכילעס און אָדיסעוס. — טיפּן פון פרויען: פּענעלאָפּע. — די באַדייטונג פון דעם האָמערישן עפּאָס.

ס'איז אָנגענומען צו רעכענען האָמערס שאַפונגען פאַר דעם גרויסן מוסטער פון עפּישער רויִקייט און קינסטלערישער אָביעקטיווקייט. דאַכט זיך, אַז ליידנשאַפטן און אויפרעגונגען זיינען כלומרשט ניט באַקאַנט געוועזן דעם שעפער פון די באַרימטע פּאָעמען, כלומרשט די פּערזענלעכקייט פון דעם דערציילער איז דערטרונקען געוואָרן אין דער דערהויבנקייט פון די העלדן און אין דער גראַנדיעזקייט פון די געשילדערטע געשעענישן, און די אוראַלטע חכמה האָט אַריינגעטראָגן אַ פרידנשאַפנדיקע שטימונג אין די בילדער פון דעם ביטערן קאַמף. אָבער די דאָזיקע רויִקייט דאַכט זיך נאָר, יאָרהונדערטן פאַרהוילן דעם קאַמף-קאָלאָריט פון אונזערע אויגן, און ווען מען זאָל צעטרייבן דעם געדיכטן נעפּל, מיט וועלכן די וויטקייט פון יאָרהונדערטן האָט פאַרוויקלט די פּאָעמען און זייער אַווטאָר, וועט זיך פאַר אונז אויסמאָלן די געשטאַלט פון אַ זינגער מיט באַשטימטע געשמאַקן און שטימונגען. ווען אַפילו די פּאָעמען גופא זאָלן אַליין פאַר זיך ניט ריידן, דאַן וואָלטן די אַנטדעקונגען, וואָס די וויסנשאַפט האָט געמאַכט אַדאַנק די מיקענישע אויסגראָבונגען פאַר די לעצטע יאָרן, געקענט באַשטעטיקן, אַז דער האָמערישער עפּאָס איז ניט קיין פּראָדוקט פון אורשפּרינגלעכער פּאָלקס-פּאָעזיע, נאָר אַ שאַפונג פון אַן עפּאָכע, וועלכע האָט מיט זיך געשלאָסן אַ לאַנגדויערנדיקן פּעריאָד פון קולטור.

דער שעפער פון די פּאָעמען — איז דער פּאָעט פון דער אַריסטאָקראַטיע. ער האָט געזונגען וועגן איר און פאַר איר. לייענט אַדורך די גאַנצע איליאַדע און די גאַנצע אָדיסעע, וועט איר כמעט ניט באַגעגענען קיין בולטע פיגורן פון פּאָלקסמענטשן. דערפאַר טרעטן דאָ אַרויס

די קיניגן און די אָנפירער אין די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע לאַגעס, אין
אַלע מאָמענטן פון זייער לעבן. ווען מען לייענט די פּאָעמען, שטעלט
זיך ניט ווילנדיק פאָר אין דמיון דער רייכער מאָלצייט ביי דעם קיניג
פון פעאַקיע אַלקינאָאָס, און עס דאַכט זיך, אַז דעמאָדאָקאָס פאַרשאַפט
תענוג דעם געהער פון די אָנטיילנעמער אין דעם מאָלצייט מיט דערציי=
לונגען וועגן די גבורות פון זייערע עלטערן אָדער קרובים. דער אַוטאָר
פון די פּאָעמען ווייס גוט די גענעאַלאָגיע פון זיינע העלדן. ער וועט קיינ=
מאָל ניט פאַרגעסן עפּעס צו זאָגן וועגן דעם פאָטער זיינעם, אָדער וועגן
זיינע אורפאָטערס, אָדער נאָך אַמאָל איבערחזרן אַ באַוואוסטע מיט
וועגן דעם גאָט דעם שטאַמפאָטער פון דעם העראָיִם משפחה. בקיצור,
מיר האָבן פאַר זיך אַ פּאָעט פון אַ סביבה, וועלכע שטאָלצירט מיט איר
יחוס ניט ווייניקער פאַר דעם אייראָפּעישן ריטערטום. דער שעפער פון
די פּאָעמען איז ניט נאָר אַ באַשרייבער פון לעבן, נאָר אויך אַ מיטגליד
פון דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטישער משפחה. ער איז ניט בלויז אַ וואָר=
האַפטיקער שילדערער פון אירע מידות—ער איז דורכגעדרונגען מיט איר
גייסט און מיט אירע אָנשויונגען. ער שטעלט זיך אָפּ מיט ליבשאַפט אויף
די טרעגער פון יענע אידעאַלן, וועלכע האָבן געקאָנט באַשאַפן ווערן
צווישן דער מיליטעריש=העגדלערישער אַריסטאָקראַטיע. ער איז וייט ניט
פריי פון זעלבסטהערשערישע טענדענצן, אים איז ניט פרעמד די גאווה=
דיקע גרינגשאַצונג צום המון און די אַריסטאָקראַטישע ערפורכט פאַר יחוס=
בריוו. אויב ער איז ניט געווען קיין קיניג, איז ער דאָך אויסגעוואַקסן
און האָט געלעבט ביי עפּעס אַ מין הויף, אַ שטייגער ווי דער פעאַקישער.
ער האָט זיך אויסגעלערנט צו קוקן אויף דער וועלט פון דעם שטאַנד=
פונקט פון דער הויפישער אָנשויונג. ווען די געשיכטע וואָלט אונז פאַר=
היט ידיעות וועגן דעם לעבן פון די משוררים, וועלכע האָבן פאַרפאַסט
די באַרימטע פּאָעמען, וואָלט זיך אפשר פאַר אונז געעפנט אַ טשיקאַווע
וועלט פון אייגנאַרטיקע אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען, מעצענאַטן, וועלכע
גיבן רייכע מתנות די דינער פון די מוזעס, און פון דינער פון די מוזעס,
וועלכע שענקען זייער באַגייסטערונג די מעצענאַטן.

כמעט אַלע העלדן פון דער פּאָעמע זיינען קיניגן. זעלטן ווען עס
שיינט דורך אַ פריסטער[1], פון אַ געטרייען קנעכט אַ שטייגער ווי איי=
מאַיאָס[2], אָדער אַ באַליידיקטן פונם גורל אָרעמאַן ווי אַ מין טערסיטעס[3].

1) איליאַדע I, 11 און ווייטער.
2) אָדיסעע XIV.
3) איליאַדע II, 212 און ווייטער.

דער גרונדשטריך פון דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטיע איז איר גאווה, דער שטאָלצער באַוואוסטזיין פון איר מאַכט. די דאָזיקע מענטשן זיינען אויסגעוואַקסן און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין שלאַכטן און אין סכנות. זיי זיינען געוווינט צו פאַרלאָזן זיך אויף זיך זעלבסט, און פאַר דעם העכסטן שופט האַלטן זיי זייער שווערד. אַגאַמעמנאָן, „דער פאַסטעך פון פעלקער", וועלכער שטייט אין דער שפיץ פון דעם פאַראייניקטן גריכישן פלאָט, ווייס ניט קיין גבול פאַר זיין גאווה, וועלכע גרענעצט ביי אים מיט טיראַניי. מיט גרינגשעצונג און מיט צאָרן פאַרטרייבט ער דעם פריסטער כריזעס, אַפּאָלאָנס ליבלינג, אַרויסרופנדיק דערמיט דעם דאָזיקן גאָטס צאָרן אויף די גריכן. אין לאַגער קען מען אים גוט. קאַלכאַס, דער קילינער פויגל־טרעפער, וועלכער האָט „געוואוסט אַלץ וואָס געווען, וואָס עס איז און וואָס עס וועט זיין", האָט מורא אויסצוזאָגן די סיבה פון דעם אומגליק, וואָרעם ער וויל ניט דערצאָרענען דעם קיניג. דער חכם ווייס גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ נוקם־ונוטר דער דעספּאָט איז: „צופיל מעכטיק איז דער קיניג, וועלכער צאָרנט אויף אַ מענטשן, וואָס איז אים אונטערטעניק. הגם ער האַלט פון אָנהייב איין דעם אויפגעפלאַמטן צאָרן, אָבער די באַהאַלטענע בייזקייט האַלט ער פאַרבאָרגן אין האַרצן, ביז ער פירט זיינס אויס" [1]. אַגאַמעמנאָן קען ניט פאַרליידן, ווען מען רעדט אים אַנטקעגן. אַכילעסעס ענטפער רופט ביי אים אַרויס אַ גרימצאָרן, און ער איז זיך אָן אים נוקם דערמיט, וואָס ער נעמט אָפּ ביי אים זיינע קריגסגעפאַנגענע, אַוועקשטעלנדיק אויף משקולת דעם גורל פון דער עקספּעדיציע צוליב אַ קאַפּריז פון אַ רגע. דער צווייטער שטריך פון דער דאָזיקער אַריסטאָקראַטיע — דאָס איז דער גייסט פון גיריקייט און פאַרכאַפּן רייכטימער, וואָס באַהערשט זי, — דער גייסט, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט, מחמת די פריער דערמאָנטע באַדינגונגען. אין די מעשים און אין די רעדעס פון די העראָיען שפּילט דער יאָגן זיך נאָך רויב אַזאַ אָנגעזעענע ראָלע, אַז עס בלייבט כמעט ניט איבער קיין ספק, אַז דאָס איז געווען דער הויפּטשטריך, וואָס האָט געבראַכט די גריכישע חיילות אונטער די ווענט פון טראָיע. די שטאָלצע און מעכטיקע קיניגן פאַלן אַריין אין גרימצאָרן, ווי נאָר מען הייבט אָן צו ריידן וועגן דער צעטיילונג פונם רויב. געניט אומצוקערן כריזעסן די טאָכטער זיינע, דראָט אַגאַמעמנאָן „אַרויסצורייסן פון געצעלט דעם שכר פון אַכילעס, איאַקס אָדער אָדיסעוס". ווי צו יענעם, — שרייט ער אויס, — קענען ווערן איך שטעל מיך אָפּ [2]. אַכי־

1) איליאַדע I, 80—83.
2) איליאַדע I, 139.

לעם איז אין כעס, דערפאַר וואָס מען פאַרזעט אים ביי דער חלוקה פונם רויב.

ניין, ניט געקוקט, וואָס די משא די שווערסטע פון די גרויזאַמסטע שלאַכטן
הייבן אויף מיינע הענט, אָבער ווי נאָר עס דערגייט צו חלוקה,
קומט אָן די רייכסטע מתנה צו דיר און איך מיט אנגענעמס ווייניק
גיי אויך צופרידן אַהיים, אַ מידער פון שלאַכטן.
ב׳גיי היינט אין פטיע; ס׳איז ניט צו פאַרגלייכן מיר ליבער
פאָרן אַהיים אויף די שיפן די שנעלע. דורך דיר אַ באַליידיקטער
וויל איך פאַר דיר ניט פאַרמערן דאָ אוצרות פון רייכטום און רויב.

די הערצער פון די דאָזיקע גערימטע העלדן, וואָס זייערע נעמען גייען אַריבער פון דור צו דור, אַלס סימבאָלן פון זעלבסטאָפּפערדיקער מוטיקייט, שלאָגן דאָ ניט נאָר צוליב רום, נאָר אויך צוליב רייכקייט. אין די גלענצנדע קליידער פון דעם שרעקלעכן קריגער, איז אָפט ניט שווער צו דערקענען דעם הענדלער. בשעת דער חלוקה פונם רויב פאַל, די העלדן מיט פאַרביטערונג אָן איינער אויפן צווייטן. די גיריקייט נאָך רויב איז אַריינגעדרונגען אין אַלע זייטן פון לעבן. טייערע מאַנטלען אָדער שאָף און רינדער — זיינען די מאָס סיי פון פריינדשאַפט, סיי פון פרומקייט, סיי פון ליבע, סיי פון אונטערטעניקייט צו די געטער. ווען מ׳באַזוכט איינער דעם צווייטן, טוישן זיך די קיניגן מיט מתנות. די דאָזיקע מתנות זיינען ניט קיין טויש פון ליבלעכקייט; מען נעמט ניט אָן די מתנות אַלס אַ קלייניקייט, וועלכע איז טייער ניט פאַר איר גרויסן ווערטן נאָר אַלס זכר. אויף די דאָזיקע מתנות וואַרט מען, דער באַלעבאָס באַטראַכט זיי אויפן אָרט צוזאַמען מיט דעם גאַסט. ווען מענעלאַאָס לאָזט אָפּ טעלעמאַכאָסן, לייגט ער פאַר דעם גאַסט אַ בליק צו טאָן אויף די מתנות מיט די אייגענע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט וועלן איבערצייגן אים, אַז ער וועט אים ניט אָפּנאַרן. מענעלאַאָס גיט אַפילו דעם יונגן גאַסט אַן עצה אַרומצופאָרן איבער גאַנץ העלאָס, צוזאָגנדיק אים, אַז אומעטום וועט ער באַקומען מתנות: „אָדער אַ טייערן פון מעש געגאָסענעם דרייפוס, אָדער אַ קרוג, אָדער שטאַרקע מוילאייזלען, אָדער אַ גאָלדענע כלי מיט צוויי אויערלעך". און אויב טעלעמאַכאָס איז ניט מסכים אויף אַזאַ פאָרשלאָג, ערקלערט זיך עס אויסשליסלעך מיט דעם, וואָס ער האָט מורא, אַז פאַר דער צייט וואָס ער וועט אַרומוואַנדערנדיק זוכן דעם פאָטער, קען ביי אים אין דער היים „טרעפן זיך עפּעס אַן אומגליק, אָדער מען וועט אַוועקגנבענען עפּעס טייערס" 1).

דער געדאַנק וועגן רויב, וועגן מיטלען צום לעבן גייט ניט אַרויס

1) אָדיס. XV, 91.

פון זינען בײַ די העראָיען אַפילו אין די סאַמע שווערע מאָמענטן פון לעבן. אויף מתּנות קוקט מען אַזוי ווי מיר קוקן: כמעט מען פאָדערט זיי, און מען באַהאַלט לגמרי ניט די גײַציקייט. ווען אָדיסעוס זעגנט זיך מיט אַלקינאָאָסן, זאָגט ער אָפן ווענן די מתּנות, אַז זיי זײַנען געוואונטשענע און ליבע פאַרן האַרצן. ווי דער העראָי זאָל זיך ניט אײַלן, ווי טיף עס זאָל ניט זײַן דאָס געפיל פון אַ זון צו די עלטערן בײַ טעלעמאַכאָסן, ווי שטאַרק עס זאָל ניט זײַן די בענקשאַפט נאָך דער היימאַט בײַ אָדיסעוסן אין האַרצן — איז ניט דער, ניט יענער פאַרגעסן דאָך ניט צו באַציִען זיך מיט אויפמערקזאַמקייט און מיט אַכטונג צו די מתּנות. די געטער אַליין זײַנען אָנגעשטעקט מיט דער דאָזיקער לײַדנשאַפט צו באַקומען עפּעס נוצן. זיי זײַנען זיך נוקם אָן די מענטשן פאַר קאַרגע קרבּנות און פּראָטעזשירן זיי פאַר רײַכע. בעטנדיק זיי אום הילף, פאַרגעסן די מענטשן ניט צו דערמאָנען די אײַנוואוינער פונם אָלימפּ וועגן די געשאַנקען, וועלכע זײַנען זיי געבראַכט געוואָרן. די תּפילות פון די מענטשן דערמאָנען אָפט אָפּמאַכן און תּנאָים. כריזעס, וועלכער איז באַליידיקט געוואָרן פון אַגאַמעמנאָנען, בעט הילף בײַ אַפּאָלאָנען גלײַך ווי אַ חוב לויט אַ התחייבות:

...אויב איך האָב ווען דײַן היכל דעם הייליקן באַפּוצט,
אויב איך האָב ווען פאַר דיר געברענט די פעטע דיכן
פון ציגן און פון קעלבער — דערהער און דערפיל איינעם פון מײַנע וואונטשן:
זיי זיך נוקם פאַר מײַנע טרערן פון די אָרגיווער מיט די פײַלן פון דײַן בויגן.

אַזוי האָבן זיך אויסגעבילדעט די דאָזיקע כאַראַקטערן, שטאַרקע און פּראַקטישע. די דאָזיקע מענטשן זײַנען געווײנט געווען צו פאַרלאָזן זיך נאָר אויף זיך, אויפן אייגענעם שכל און אויף דער אייגענער ענערגיע. זיי האָבן אויך אַזוי געקענט גוט לײַדן נויט, ווי געבן רחבות ווײַערע לײַדנשאַפטן און אינסטינקטן. זיי האָבן זיך ניט געסטאַרעט צו באַצוימען זיך, און די צעשטערונג פון דער געטרײַהייט אין דער משפּחה איז געווען אַ געוויינלעכע ערשײַנונג אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. דאָס לעבן, פול מיט אַוואַנטורעס און מיט סכּנות, האָט אין די העראָיען אַנטוויקלט די תּשוקה צו אַוואַנטורעס, אַזוי אַז די וואַנדערנדיקע ריטער פון דער מיטלאַלטערצײַט וואָלטן געקענט האַלטן אָדיסעוסן און פאַריסן פאַר ווײַערע אורעלטערן. די צעלאָזנקייט אין די אויפפירונגען האָבן זיך אײַנגעלעבט אין איין רײַ מיט העראָיזם און מיט טיפער ליבע צו דער משפּחה. אַגאַמעמנאָנען פירט אַרויס פון די כּלים דער געדאַנק, אַז ער מוז זיך אָפּזאָגן פון כריזעידען. ער „ווינטשט זיך די שוואַרצאויגיקע יונגפרוי אַרײַנצופירן אין זײַן הויז“. ער „וואָלט זי בעסער געוואָלט, איידער אַפילו קליטאָמ=

געסטרען, וועלכע איז אַלס בתולה גענומען געוואָרן פאַר אַ פרוי; כריזעידע איז פאַר איר ניט ערגער מיט דער פראַכט פון אויסזען, מיט איר אָנגענעמקייט אין שכל און מעשים!" לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אין דער צייט, ווען דער „פאַסטעך פון פעלקער גרייט זיך צו פאַרבייטן זיין ווייב מיט דער שוואַרצאויגיקער יונגפרוי", איז יענע, דאָס ווייב, אים געווען ניט געטריי: זי האָט צוזאַמען מיט איר געליבטן געשאַרפט דעם שווערד פאַר דעם קאָפּ פון דעם גערימטן העראָי,—דאַן וועלן מיר מסכים זיין, אַז די משפּחהקייטן זיינען אין דער דאָזיקער סביבה ניט געווען אַזוי „הייליק אין אַלע הינזיכטן", ווי עס באַהויפּטן אייניקע פון האָמערס מפרשים[1]. אַפילו די חתונה פון אָדיסעוסן און פענעלאָפּען, וועלכע איז אין די אויגן פון דעם גריכישן פאָלק דער סימבאָל פון אידעאַלער פאַרבונדקייט צווישן מאַן און ווייב, איז בשום אופן ניט געווען קיין שיינע באַהעפטונג פון צוויי ריינע הערצער. אויב פענעלאָפּע פאַרבלייבט אַלס בולטער מוסטער פון אַן אשת חיל און אַ געטרייער ווייב, האָט זיך דער „צו גאָט=ענלעכער" אָדיסעוס אין דער צייט פון זיינע צעניאָריקע וואַנדערונגען ווייט ניט באַגרענעצט מיט אָכצען און קרעכצען וועגן „פון די כוואַליעס געהאַלטער" איטאַקע און מיט טרויעריקע מחשבות וועגן דער פאַרלאָזענער ווייב. אויף דעם אינזל, וואו די ליכטיקע נימפע קאַליפּסאָ האָט אים „מיט ווילקירלעכער קראַפט געהאַלטן", האָט אָדיסעוס פאַרבראַכט די צייט פריילעך און „שעה איין שעה אויס פייניקנדיק זיך און טרויערנדיק", האָט ער פונדעסטוועגן געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז פענעלאָפּע קאָן זיך ניט פאַרגלייכן מיט דער יונגער געטין, „ניט מיט איר שטאַלטנער פיגור, ניט מיט דער שיינקייט פון איר געזיכט". אַ גאַנץ יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין צירצעיעס הויף, דאָט „געגעסן פרעכטיק פלייש און געלאָבט זיך מיט זיסן ווייַן"[2]. דאַכט זיך, דער ווייזער הערשער פון איטאַקע האָט אין די אָרעמס פון דער באַצויבערנדיקער כישוף=מאַכערין לגמרי פאַרגעסן וועגן דער ליבער היימאַט און אָן דער געטרייער ווייב. און ווען זיינע מיטרייזנדע „וואָלטן ניט צוגעטראָטן צו אים מיט איבערצייגנדיקע רייד", איז שווער צו זאָגן, אויב ער וואָלט פאַרלאָזן „דעם פרעכטיקן געלעגער פון דער געטין". דאָס איז די עפּאָכע פון הפקרות און צופרידנקייט. לאָמיר אַ בליק טאָן אויף דעם לעבן פון די דאָזיקע מענטשן ביי זיך אין שטוב. זיין אידעאַלע פאַרקערפּערונג שטעלט פאָר מיט זיך דאָס רייצנדיקע בילד, וואָס אָדיסעוס געפינט אויף דעם אינזל פון די פעאַקיער. אויך דאָ טרעטן פאַר אונז

1) דושעבס. האָמער. איינלייטונג צו דער איליאַדע און צו דער אָדיסעע.

2) אָדיס., X, 468.

בולט אַרויס די פיגורן פון די קיניגלעכע משפחה=מיטגלידער — דער קיניג אַלקינאָאָס אַליין, זיין ווייב אַרעטע און זייער טאָכטער נאַוויקאַיע. אין דעם דאָזיקן גליקלעכן ווינקעלע אויף דער ערד דערציילט אַלץ וועגן צופרידנקייט און גליק: „אַלץ שטראַלנשייִנענדיק, ווי אין הימל די ליכ=טיקע זון אָדער די לבנה, איז געווען אין די סאַליעס פון דעם פּאַר צעזעמען ליבנסווערדיקן קיניג אַלקינאָאָס“. אין דער שילדערונג פון די עשירות פון דעם פעאַקישן קיניג פילט זיך די וועלט=אָנשויונג פון דעם אַוטאָר גופא, וועלכער איז מיט אומצערייסבאַרע קייטן פאַרבונדן מיט דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, — פון דעם אַוטאָר, וועלכער האָט דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס באַקומענע עשירות איז דער בעסטער באַווייזער פון דעם קיניגס מעכטיקייט און קראַפט. מיט איבערגעטריבענע עפּיטעטן כאַראַקטעריזירט ער ס'דאָזיקע עשירות. די קופּערנע ווענט, דער „קאַרניז פון גלאַזורענעם שטאָל“, די טירן פון ריינעם גאָלד“, „זייערע אושאַקעס פון זילבער“, וועלכע זיינען פעסטגעשטעלט אויף אַ קופּערנעם שוועל, דער בייזשטידל פון זילבער, דער גאָלדענער רינג, — די דאָזיקע הורבעס טייערע מעטאַלן זיינען דאָ גלייך ווי בכיוון פאַרזאַמלט, כדי זיי זאָלן דינען אַלס אויסשטעלונג פון דעם קיניגס גליק און מעכטיקייט [1]. דאָס הכנסת=אורחים גופא פון דעם האָמערישן גריכנלאַנד איז ניט פריי פון באַרימעריי. דעם גאַסט שטאָפּט מען ווי צו דער שחיטה, און מען לייגט אים שלאָפן אויף ווייכע קאָבריצעס און קישנס, ניט בלויז מיט דעם ציל אָפּצוהיטן דעם געבאָט פון צעוס דעם באַשיצער פון וועגפאָרער: דאָס הכנסת=אורחים דאַרף דינען פאַר אַ באַווייז פון רייכקייט און פון דער שפע פונם באַלעבאָס. דער זקן נעסטאָר לאָזט טעלעמאַכאָסן ניט אַוועק=גיין נעכטיקן אויפן שיף: „צי דען וועלן קליידער ניט קלעקן ביי אונז? צי דען בין איך אַן אָרעמאַן? אפנים אין מיין שטוב איז ניטאָ קיין דע=קעס, קיין ווייכע געלעגערס, אַז איך אַליין און מיינע געסט זאָלן קאָנען געניסן אַ רויִקן שלאָף?“ [1]) דעם פעאַקישן קיניגס הויז איז פול מיט טומל. דאָס לעבן איז דאָ אַ פייערונג, וועלכע הערט קיינמאָל ניט אויף, אַ יובלענדע שמחה, וועלכע ווערט קיינמאָל ניט אַנטשוויגן. מאָלצייטן קומען איינע נאָך די אַנדערע. די טעג און די נעכט פליסן אין קלוגע און לייכטע גע=שפּרעכן, אין שפּילן און אין לידער. ערגעץ איז דאָס אַרט=לעבן, וואָס איז אויסגעאַרבעט דורך דער נאַטור און דורך דער געשיכטע, ניט באַוויזן אַזוי העל, ווי אין דער מלוכה פון די פעאַקיער. דאָס איז אַ לעבן פון עפּיקורעער, וועלכע ווייסן ווי אויסצונוצן פיין די תענוגים, וועלכע דאָס

---

1) אָדיס., VII, 86 און ו.

לעבן גיט אונז, אָבער אין דער זעלביקער צייט זעען די דאָזיקע ליב=
לינגען פונם גורל דעם אידעאַל פונם לעבן לגמרי ניט בלויז אין פרעסן
און אין זויפן. דאָ קען מען אין איין שורה מיט דער פיזישער קראַפט
און מיט דער פלינקייט שעצן אויך די ראַפינירטקייט פון שׂכל, די באַ=
גייסטערונג פון דעם זינגער און דאָס שיינע ריידן פון דעם אָראַטאָר. דאָס
איז די פּאַטריאַרכאַלע פריילעכקייט אונטער דעם פרעכטיקן הימל. מענטשן
לעבן, ניט זאָרגנדיק וועגן מאָרגנדיקן טאָג [1]. דאָס זיינען איינוואוינער פון
אַ קליינער געמיינדע. די גאַנצע וועלט איז אין זייערע אויגן קאָנצענטרירט
אַרום זיי. די צעברעקלונג פון גריכנלאַנד אויף קליינע מלוכהלעך האָט
באַשאַפן די דאָזיקע פּאַטריאַרכאַלע לעבנסאָרדענונג. דאָס איז אַפילו ניט
קיין מלוכה, נאָר אַ שטאָט, אָדער, ריכטיקער, אַ גרויסע משפּחה, אין
וועלכער די אַרבעט איז צעטיילט צווישן אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה,
אָנהייבנדיק פון איר הויפּט און ענדיקנדיק מיט די קנעכט, אויף אַזאַ
אופן, אַז מען זאָל מיט די קרעפטן פון דער משפּחה אַליין קאָנען באַ=
קומען אַלץ, וואָס פאַר די מיטגלידער אירע איז נייטיק. אַלע איינוואוי=
נער פון דער געמיינדע געפינען אין די גרענעצן פון דער געמיינדע גופא
אַלץ, וואָס עס איז נייטיק צו באַפרידיקן זייערע באַדערפענישן [2]. אין דער
גריכישער געמיינדע אַרבעטן אַלע: די קיניגין אַרעטע אַליין אַרבעט אויס
געוועבעכץ [3]. די בת-מלכּה נאַוזיקאַיע וואַשט וועש [4]. דער זקן לאַערט,
אָדיסעוסעס פּאָטער, גיט אַליין אַכטונג אויף דער פעלד-אַרבעט [5] און אַז. וו.

אַזעלכע זיינען די גרונדשטריכן פון דער האַלב ערדאַרבעטערישער
האַלב מיליטערישער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז געשילדערט ביי האָ=
מערן. אָבער די מעכטיקע ענערגיע, וועלכע איז געווען פאַראייניקט מיט
גאווה און מיט צעלאָזנקייט, דער דאָרשט נאָך תּענוגים און נאָך עשירות,
די עפּיקורעישע געשמאַקן, און אַ געוויסע מאָס פון אויספיינערייַ זיינען
געמילדערט דורך אַנדערע שטריכן, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט, זיינען
אויסגעוואַקסן אויף דעם זעלביקן באָדן פונם אומרויִקן לעבן אויף דער
מלחמה און פון דעם זעלביקן פּאַטריאַרכאַליש-ריטערלעכן לעבנסשטייגער
אין דער צייט פון פרידן. דער סאַמע סימפּאַטישער שטריך פון דער דאָ=
זיקער געזעלשאַפט איז איר קולטורעלקייט, איר אומדערמידלעכע גייסטיקע
ענערגיע, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אין איין שורה מיט דעם פויסטן=

---

1) אַנרי פראַנקאָט, L'industrie dans la Gréce ancienne.

2) אויך דאָרט.

3) אָדיס., VII, 234—235.

4) אָדיס., VI, 59.

5) אָדיס., XVI, 140.

געריכט און מיט בלוטיקער נקמה[1]. די רעדעס פון די העלדן זיינען פול מיט איידלקייט און מיט ריטערישער פיינקייט. אַריינגעקומען אין אַלקינאָאָסעס פּאַלאַצן, ווענדט זיך אָדיסעוס צו דער קיניגין אַרעטאַ מיט אַזעלכע ווערטער, אין וועלכע עס איז לייכט צו דערקענען אַ ראַפינירט־ערצויגענעם מענטשן. יעדער מאָמענט אין די באַציונגען צווישן די האָמערישע העלדן זאָגט עדות, אַז אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָט עקסיסטירט אַ קאָמפּליצירטער און ראַפינירטער עטיקעט. אין ענלעכע פאַלן ווערן אָנגעווענדט ענלעכע מעטאָדן. ענדיקנדיק זיין רעדע צו דער קיניגין, גייט אָדיסעוס אונטער צום פייער און זעצט זיך אויפן אַש. אַלע שווייגן, און דער ערשטער רייסט די שטילקייט איבער עכענעוס „פון אַן איידעלן שטאַם אַ זקן, וועלכער איז פריער פאַר אַלע פעאַקאַנער פון זיין צייט געבוירן געוואָרן". ער ווענדט זיך צו אַלקינאָאָסן מיט דער באַמערקונג, אַז עס פּאַסט ניט צו לאָזן דעם אורח זיצן אויפן אַש פונם שטויביקן פייער". „פונם אַש אויפגעהויבן, לאָז אים איין זיך צו זעצן אויף אַ שטול אַ זילבערגעשמידטן צוזאַמען מיט אונז, און דעם אויסרופער הייס אָנגיסן אין די בעכערס גאָלדיקן וויין, כדי מיר זאָלן קענען פאַר דעם דונערליבנדיקן צעוסן, דעם באַשיצער פון אַלע בעטנדיקע וואַנדערער, אָפּריכטן אַ גיסונג; און דעם גאַסט זאָל די היטערין פון די שלעסער דערלאַנגען נערונג צום אָוונט". אַ רייכער שטאַט פון באַדינער מיט פאַרשיידנאַרטיקע פונקציעס איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכער אָנטיילנעמער פון דעם קאָמפּליצירטן צערעמאָניאַל, וועלכער האָט געהערשט אין דער משפחה. אַלקינאָאָס באַגלייט אָדיסעוסן ניט צום ערשטן שטול, וואָס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט, נאָר צו דעם, וואָס איז געשטאַנען בשכנות מיט זיין אייגענעם. דערביי לאָזט ער זיין געליבטן זון, וואָס האָט פריער פאַרנומען דעם דאָזיקן שטול, אָפּטרעטן זיין אָרט פאַרן גאַסט[2]. די דאָזיקע פיינקייט פון באַגיין זיך זאָגט עדות אויף אַ קאָמפּליצירטער קולטור, אַלס פּראָדוקט פון אַ לאַנגן פעריאָד פון באַציונגען. דער אָפּטער פאַרקער צווישן די שטעט האָט אויסגעלערנט די גריכן, זיי זאָלן אַכטן די מנהגים פון יעדן לאַנד, האָט אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע סיסטעם פון אויסערלעכע מעטאָדן. די באַקאַנטשאַפט מיטן עטיקעט, די ליבנסווערדיקייט פון ריידן האָבן געדינט פאַר אַ סימן פון שיינעם טאָן, און לויט זיי דערקענט מען אָפּט אין דעם איבערגעטאָנענעם אָדיסעוסן אַ מיוחסדיקן און אַ גערימטן אורח.

1) נעכטאָר און טעלעמאַכאָס רימען די נקמה פון דעם רוצח מצד די קרובים פון דעם דערמאָרדעטן. אָדיס., III, 195 און ווו.

2) אָדיס., VII, 145—171.

די זעלביקע פּאָרזיכטיקייט און פרייהייט פון צייט האָבן מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון די קינסטלערישע געשמאַקן אין דער האָמערישער געזעלשאַפט. שיינקייט און האַרמאָניע זיינען געווען דער שטענדיקער סימן פון אַלע זייטן פון זיין עקסיסטענץ. אַפילו אַזעלכע זאַכן, ווי אַכילעסעס שילד, וועלכער איז געווען באַשטימט פאַר פּראַקטישע צילן, פאַרוואַנדלט דעם פּאָעטס פאַנטאַזיע אין אַ דינע שאַפונג פון קונסט. אַלקינאָאָסעס פּאַלאַץ — דאָס איז אַ שאַפונג ניט פון קיין אַרכיטעקטאָר אַ בעל-מלאכה, נאָר פון אַ געניאַלן אַרטיסט. אָבער אין ערגעץ האָט זיך די גריכישע פאַנטאַזיע ניט אַרויסגעוויזן אַזוי בולט, ווי אין זייער ערפּאָרכטיקער אַכטונג צו דער פּאָעזיע. אַ זינגער — דאָס איז אַ נויטווענדיקע באַפּוצונג צו יעדן מאָלצייט. די שטימע פון זיין „קלונג-קלינגענדיקער לירע“ גיט צו אַ שאַטירונג פון איידלקייט און פון שיינקייט צו דער פריילעכקייט פון די אָנטיילנעמער אין דעם מאָלצייט. דער זינגער — דאָס איז דער אויסדערוויילטער פון גאָט. „צעוס מיט זיין ווילן שיקט פון אויבן אַראָפּ די באַגייסטערונג צו מענטשן פון הויכן גייסט“. דער זינגער איז „פאַנגענדיק דעם געהער, צו די געטער מיט זיין הויכער באַגייסטערונג געגליכן“. פאַר די קלאַנגען פון זיין לירע ווערן אַנטשוויגן די קולות פון די מענטשן, וואָס קריגן זיך. דעמאָדאָקאָסן, וועלכער זינגט אויף דעם מאָלצייט ביי אַלקינאָאָסן, גיט מען דעם בעסטן חלק פון די געריכטן, דערביי ווייזט אָדיסעוס אָן אויף דער גרויסער באַדייטונג פון די זינגער אין דעם האָמערישן גריכנלאַנד:

„פאַר אַלע מענטשן, וועלכע וואוינען אויף דער פולער מיט שפע ערד, זיינען ליב, דורך אַלעמען ווערט פיל כבוד אָפּגעגעבן צו די זינגער. די מוזע אַליין האָט זיי אויסגעלערנט זינגען; איר איז ליב דער איידעלער שטאַם פון די זינגער“.

ניט געקוקט אויף אַזאַ טיפע אַכטונג צו די זינגער און צו זייער קונסט, דינט דאָס געזאַנג פאַר דער דאָזיקער זשורנדיקער געזעלשאַפט פריער פאַר אַלץ אַלס פאַרווײלונג. די באַשטימונג פון דעם זינגער — איז פריילעך צו מאַכן די געזעלשאַפט, און ניט צו וועקן אין איר געהויבענע געפילן. בשעת די באַגייסטערטע ערציילונג פון דעמאָדאָקאָסן רופט אַרויס טרערן אויף די אויגן פון דעם גערירטן אָדיסעוס, מוז די „קלינגענסטרונעקע לירע“ אַנטשוויגן ווערן לויט אַלקינאָאָסעס באַפעל, כדי „עס זאָלן דאָ גלייך קענען פרייען זיך סיי אונזער גאַסט סיי מיר אַלע“ 1).

אויב די האָמערישע קיניגן האָבן געהאַט גרויסע פּריווילעגיעס און האָבן פאַרנומען די בעסטע ערטער ביי דעם מאָלצייט-טיש פונם לעבן,

1) אָדיס. I 345, 365—367, VIII, 477, 452 און אַז. וו.

פּ. קאַץ.

האָבן זיי דערפאַר, ווי מיר זעען, געקאָנט זיין די בליִונג פון זייער פאָלק. זיי האָבן ניט בלויז באַשאַפן אַ פיינע קולטור, אַ דין געזעלשאַפטלעך לעבן, וואונדערלעכע דענקמעלער פון קונסט און אַן אומשטערבלעכע פאָעזיע; זיי זיינען געווען די ערשטע גיבורים אויף דער מלחמה. אין יענער עפאָכע האָט ניט די מאַסע, נאָר די העראָיען האָבן אַנטשיידן דעם גורל פון די שלאַכטן און פון די פעלקער. זיי זיינען שטענדיק געגאַנגען אין דער ערשטער ריי פון זייערע מחנות. זיי דינען אַלס אַ ציל פאַר די פיילן און שפיזן, זיי נעמען אויף זיך איבער די ערשטע קלעפ און די ערשטע סכנות אין דער מלחמה. זיי האָבן געהאַט פריווילעגיעס, אָבער דערפאַר האָבן זיי אויף זיך געטראָגן וויכטיקע חובות. פאַריס האָט דורך דעם, וואָס ער האָט אַוועקגערויבט די שיינע העלענע, אַרויסגערופן אַ בלוטפאַרגיסנדיקע מלחמה, אָבער ער איז גרייט געווען אַליין צו ענטפערן פאַר זיין טאַט. געגליכן צו דעם מיטלעלטערישן ריטער, האָט ער דעם אידעאַל פון זיין לעבן צונויפגעפלאָכטן פון ליבע און קאַמף. ווען „עס האָבן זיך שוין דערנעענטערט די חיילות, וואָס זיינען געגאַנגען צום געשלעג", האָט פאַריס אַרויסגערופן אויף אַ דועל עמעצן פון די גריכן. זיין געשטאַלט איז געמאָלט מיט געהויבענע פערזן. ער „איז פאָראויס אַרויס פון צווישן די טראָיער, צו אַ הימלזיצער אַ גלייכער, מיט אַ בויגן אַ קרומען הינטער די פלייצעס, און מיט אַ שווערד אויפן דיך, און אין די הענט צוויי שפיזן קופערגעפיטיקע שטאָלץ טרייסלענדיק, האָט ער אַרויסגערופן אַלע סאַמע דרייסטע פון די דאַנאַיער אַרויסצוגיין קעגן אים און שלאָגן זיך אין אומרחמנותדיקן געשלעג" 1). פחדנות רעכנט זיך פאַר דעם גרעסטן חסרון אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. ווען דאָס האַרץ האָט ביי פאַריסן אַ ציטער געטאָן, דערזעענדיק מענעלאַאָסן, איז העקטאָר אין כעס. עס געפינט ניט קיין גענוג באַליידיקנדיקע ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל קענען אויסלאַכן דעם „ווייבערניק דעם פאַרנאַרער", וועלכער דרייט זיך אַרום פון דועל. פאַריסעס פחדנות לייגט אַרויף אַ חרפה אויף אַלע טראָיער. „די רייען פון די לאָקן-קעפיקע דאַנאַיער לאַכן אויס פון פריאַמאָסעס זון, וועלכער איז שיין נאָר מיטן אויסזען, אָבער ער האָט ניט קיין כוח און קיין דרייסטקייט". די מאָראַל פון די האָמערישע העלדן האָט געפאָדערט, אַז דער פאַרפירער זאָל זיך שטעלן ברוסט קעגן ברוסט מיט דעם באַליידיקטן מאַן. שיינקייט און פעיִקייט צו זינגען לידער האָבן ניט געקענט געבן קיין אַכטונג, אויב די דאָזיקע מעלות זיינען ניט געווען פאַראייניקט מיט שרעקלאָזיקייט און מיט מוטיקייט. העקטאָר איז אין גרימצאָרן ניט בלויז מחמת דעם פאַקט גופא, וואָס העלענע איז אַוועקגערויבט, נאָר

1) איל., III, 15—20.

דערפאַר וואָס דאָס האָט געוואַגט צו טאָן אַ פחדן. „פאַרוואָס־זשע האָסטו מיטן געווער ניט באַגעגנט דעם קיניג מענעלאַאָס? דעמאָלט וואָלסטו זיך דערוואוסט, וואָס פאַר אַ קריגסמאַנס אַ ווייב אַ בליענדיקס דו באַזיצט; עס וואָלטן דיר העלפן ניט געקענט ניט די קיטאַרע, ניט דער געשאַנק פון אַפראָדיטען, די רייכע לאָקן און די פראַכט, ווען דו וואָלסט מיטן שטויב פון דער ערד זיך צעמישט" 1). העקטאָרס שטראָפרייד מאַכן די געהעריקע ווירקונג. פאַריס האָט זיך פאַרשעמט מיט זיין פחדנות, און ער גייט אויף אַ דועל מיט מענעלאַאָסן. דאָס איז די עפּאָכע פון די העראָיען, ווען אין דעם פּאָעטס דמיון טרעט די מאַסע אָפּ אין הינטערגרונט צוליב די אומגעווייגלעכע פערזענלעכקייטן. אין דער איליאַדע ווערט עטלעכע מאָל דער רעזולטאַט פון דער שלאַכט אַנטשיידן דורך אַ צווייקאַמף פון די אָנפירער. האָבנדיק פריווילעגיעס, ערשיינען די דאָזיקע מענטשן אַלס די הויפּט־פיגורן פון די בילדער, ניט בלויז צוליב זייער אָפּשטאַמונג אָדער דער טראַדיציע, נאָר אויך צוליב זייערע פערזענלעכע מעלות. דאָס זיינען ווירקלעכע אַריסטאָקראַטן, ניט געקוקט אויף אַלע זייערע חסרונות. די צעלאָזנקייט גופא זייערע איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַוואוסטזיין, אַז זיי שטייען העכער, איז אַ פועל־יוצא פון די פרעטענזיעס פון אַ שטאַרקער און אויסגעדריקטער אינדיווידואַליטעט. דער פּאָעט איז דער פאַרערער פון די דאָזיקע העראָיען. אין דער שילדערונג פון זייערע גבורות און נצחונות פילט זיך אַפילו פאַרבאָרגענע ערפורכט, אין דער שילדערונג פון זייערע חסרונות — צופיל גרייטקייט דן צו זיין לכף זכות. די קריטישע באַציונג צו אייניקע העלדן, וועלכע גלימשט זיך דורך אָפטמאָל אַלס מאָראַלישע סענטענציעס, דאָס איז די קריטיק פון אַן „אייגענעם" מענטשן, וועלכער קוקט אויף דער וועלט אין אַלגעמיין מיט די אויגן פון די קריטיקער.

און יענע מאַסע, וועלכע טראָגט די לאַסט פון דער עקספעדיציע, וואָס פון איר פאַלן אַוועק טויזנטער אומבאַוואוסטע העלדן, וועלכע זיינען דורך דעם פאָעט ניט פאַראייביקט געוואָרן, דער פאָלקס־ים, וואָס זיין ניט קלאָרער גערויש דערטראָגט זיך זעלטן ביז די יובלענדיקע פאַלאַצן פון פעאַקישן קיניג—האָט דער שעפער פון דעם עפּאָס געקאָנט די דאָזיקע מאַסע? האָט ער אין איר אונטערגעשיידט באַזונדערע העלדן? האָבן זיך אויף אירע געדאַנקען און קרעכצן אָפּגערופן אין דעם פּאָעטס נשמה די בעסטע סטרונעס, ווי זיי האָבן געקלונגען מיט אַן ענטפערנדיקן עכאָ אויף דעם קלאַנג פון דעם געווער און אויף די פריילעכע רעדעס פון די שטאַרקע און פון די יחסנים?

1) איל., III, 39—55.

האָמער קוקט אויף דאָס פאָלק מיט דעם אויג פון די אויסדער־ווילטע. אין דעם עפּאָס איז די פאָלקסמאַסע—אַן אומבאַשטימטע קראַפט, וואָס אירע באַשטאַנד־עלעמענטן זיינען קוים אויפנעמבאַר פאַרן אויג. אמת, ביי אַ באַוואוסטער אָנשטרענגונג קאָנען מיר אונטערשיידן באַזונדערע גרופן. אַזוי זעען מיר, למשל, די פרייע האַנטווערקער (δημιοεργοί)[1], וועלכע קומען, אַפנים, לויט אַן איינלאַדונג אין די אַריסטאָקראַטישע הייזער און פירן דאָ אוים פאַרשיידענע אַרבעטן. ווייטער גייט דער קלאַס פון פאַראָבקעס (θῆτες), געדונגענע אַרבעטער, וועלכע האָבן, אַפנים, גאָרנישט ניט געוואוסט פון לעבן, אויסער שווערע פראַצע, באַליידיקונגען און פאַרגוואַלטיקונג מצד די רייכע. לסוף, קנעכט (δοῦλοι δμῶες און אַנד.), מענטשן, פאַר וועלכע עס איז קיין אַחריות לגמרי ניט געווען, וועלכע זיינען געווען אָפהענגיק פון דעם רצון פון זייער האַר. קנעכט פלעגט מען באַקומען אויף דער מלחמה דורך דעם, וואָס מען פלעגט די קריגס־געפאַנגענע פאַרוואַנדלען אין קנעכטשאַפט. אָפטמאָל פלעגן, אַפנים, די רייכע דורך ווילקיר און פאַרגוואַלטיקונג פאַרקנעכטן די פאַראָבקעס און זיי אויך פאַרוואַנדלען אין קנעכט. אין עפּאָס דערמאָנען זיך אויך אַרומשלעפער (πτοχοί, ἀλήμονες), וועלכע האָבן געלעבט פון נדבות, וואָס זיי האָבן באַקומען אין די הייזער פון די אַריסטאָקראַטן, וועלכע פלעגן זיך פאַרוויילן און חוזק מאַכן פון זיי[2]. אָבער אין אַלגעמיין אינטערעסירט זיך האָמער ווייניק מיט דער פסיכאָלאָגיע פון די דאָזיקע מענטשן. אַלץ וואָס עס געהערט ניט צו דער אַריסטאָקראַטיע, צו דער וועלט פון די מלכים, פון זייערע נאָענטסטע קרובים און מיטהעלפער — דאָס אַלץ דינט בלויז אַלס פאָן, וועלכער שפּיגלט אָפּ דאָס רייכע, פולע מיט דראַמאַטישער באַוועגונג און מיט פאַרשיידנאַרטיקייטן לעבן פון די העראָיען. דאָס פאָלק — דאָס איז אַן אומבאַשטימטער פּיעדעסטאַל, אויף וועלכן

1) איין אָרט אין דער אָדיסעע באַשטימט קלאָר, וועלכע פּראָפעסיעס עס פאַראייניקן זיך אונטער דעם נאָמען דעמיורג: „לאַדט דען עמעצער איין אַ מענטשן אַ פרעמדן אין הויז אָן אַ נויטווענדיקייט? מען לאַדט נאָר יענע איין, וועלכע זיינען נייטיק פאַר אַן אַרבעט: אָדער טרעפער, אָדער רופאים, אָדער גוטע בויער, אָדער זינגער, וועלכע גיבן טרייסט דער נשמה דורך זייער געטלעכן וואָרט“. אָדיס., XVII, 382—385.

2) אַ גענויערע גרופירונג פון באַזונדערע קלאַסן קען מען געפינען ביי פּעטרושעווסקין: „די געזעלשאַפט און די מלוכה ביי האָמערן“. און איבערהויפּט ביי וויפּערן: „לעקציעס וועגן דער געשיכטע פון גריכנלאַנד“. אין דעם צווייטן קאַפּיטל פון די דאָזיקע לעקציעס האָט דער אַווטאָר דורך אַ פיינעם אַנאַליז פון די פּאָעמען גרופירט אַלע דאַטן, וועלכע מען קען געפינען אין דעם עפּאָס, בנוגע צו דער יורידישער און עקאָנאָמישער לאַגע פון באַזונדערע גרופן פון דער האָמערישער געזעלשאַפט.

עס דערהויבט זיך דער דענקמאָל פאַר די אָנפירער. אָט איז ביי האָמערן די שילדערונג פון דער מאַסע, וועלכע קלייבט זיך צונויף אויף אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג לויט אַגאַמעמנאָנס רוף:

...און די פעלקער האָבן געשוועבט צו דער פאַרזאַמלונג. גלייך ווי די בינען, פון די בערגהײלן אַרויספליענדיק מחנותווייז, פליען זיי געדיכט, יעדע רגע אַ נייע מחנה נאָך אַ מחנה; אין דעם געשטאַלט פון הענגלעך ווייִנטרויבן שוועבן זיי איבער די פרילינגדיקע בלומען, אָדער, אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט אין המונים ניט איבערצוציילן פליען זיי אַדורך, — אַזוי האָבן די שטאַמען פון די אַרגיווער פון זייערע אָקרענטן און פון די געצעלטן אַרום איבער דעם אומגעמעסלעכן ים, אומגליקלעכע, צו דער פאַרזאַמלונג שנעל זיך געצויגן מאַסן נאָך מאַסן...

שטורעמדיק האָט די פאַרזאַמלונג זיך געכוואַליעט; די ערד האָט גענומען קרעכצן אונטער די המונים פון די גייענדיקע פעלקער; עס האָט זיך אויפגעשטעלט אַ טומל צווישן זיי; ניין אויסרופער, וועלכע האָבן געדונערט אויפן קול, איינשטילנדיק דאָס אומרואיקע ריידעריי, האָבן הילכיק געשריען, מען זאָל אויסהערן די קיניגן, די פון צעאוסן אויפגעצויגענע.

די דאָזיקע טשערעדע, וועלכע באַוועגט זיך לויט דעם קיניגס ווילן, וועלכע דערמאָנט אַ מחנה זשומענדיקע בינען, שטעלט זיך דעם פאָעט פאָר ווי אַ פילקעפיקער אומגעהייער. וואו עס טרעט אויף דער סצענע אַרויס דאָס פאָלק, ערשיינט עס כמעט אומעטום בלויז אַלס אַקסעסואַר. אָדיסעוסעס מיטפאָרער, וועלכע ווערן אויפגעפרעסן דורך דעם אומגעהייער פאָליפעמאָס, אָדער וועלכע גייען פאַרלאָרן אין סצילעס בויך, די רייען פון די אַכעיער און טראָיער, וועלכע פאַלן אונטער די קלעפ פון די שווערדן, — דאָס אַלץ שטרייכט נאָר בולטער אונטער די סכנות פון די מלחמות און פון די נסיעות, אין וועלכע עס ווערט גערימט דער נאָמען פון די העלדן, דאָס אַלץ גילט נאָר אַלס נייע טראָפעיען, וואָס פאַרגרעסערן דעם רום פון די לעצטע. אמת, אַמאָל מערקט האָמער אָן די שווערע לאַגע פון די נידעריקע קלאַסן. זעלטן אַמאָל רייסן זיך דעם אָרעמאַנס קרעכצן אָדער דעם פאַרעבאָקס באַקלאָגן זיך אַריין ווי אַ דיסאָנאַנס אין דעם אומאויפהערלעך יובלענדיקן יום־טוב פון שלאַכטן און שמחות. אַזוי, למשל, איז פון דעם שמועס צווישן אַפאָלאָנען און פאָסיידאָנען, „וועלכע האָבן לויט דעם ווילן פון קראָנידן אַ יאָר געאַרבעט פאַר אַן אָפגערעדטן געצאָלט", ד. ה. וועלכע זיינען צייטווייליק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעטן, ניט שווער אויפצושטעלן די בילדער פון פאַרגוואַלטיקונג און פון ווילקיר, וועלכע האָבן געלאַסטיקט איבער די פאַראָבקעס [1]. העקטאָרס טרויעריקע מחשבות וועגן דעם גורל וואָס וואַרט אויף אַנדראָמאַכען אין דעם פאַל פון זיין טויט, באַווייזט, אַז דעם אַוטאָר פון

1) איליאַדע, XXI, 443 און ווייטער.

דעם עפּאָס איז באַקאַנט געווען „די ביטערע אומצופרידנהייט" און „דער קלעגלעכער געשריי" פון דער קנעכטשאַפט [1]. נאָר דער פּאָעט דערמאָנט וועגן דעם טרויעריקן גורל פון די נידעריקערע קלאַסן אָדער צופעליק, אָדער דאַן, ווען ער דאַרף בולטער אונטערשטרייכן די סכנות און די ליידן, וועלכע לויערן אויף די געטער און אויף די העראָיען. דער האָמערישער עפּאָס קען די פאָלקספאַרזאַמלונגען. די מאַכט פונם קיניג איז באַגרענעצט דורך דעם ראַט און דורך דער פאָלקספאַרזאַמלונג. דער ערשטער באַשטייט פון דעם קיניג און פון די עלטסטע, ד. ה. די הויפּטן פון די שטאַמען. אין דער איליאַדע שטעלט זיך דער ראַט צונויף פון אַלע קיניגן און אָנפירער. אין פאָלקספאַרזאַמלונג נעמען אָנטייל אַלע פרייע בירגער. די קיניגן זאַמלען אָפט צונויף דאָס פאָלק, באַזונדערס אין יענע פאַלן, ווען עס אַנטשטייען וויכטיקע פראַגן. אין דער דאָזיקער אַנשטאַלט זעען זיך אָנפאַנגען פון דער צוקונפטיקער דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין די גריכישע מלוכות. דער אַוטאָר פונם עפּאָס פאַרהוילט כמעט ניט זיין גרינגשעצונג צו די פאָלקספאַרזאַמלונגען; אינסטינקטיוו קען ער זיך ניט באַפרייען פון דעם אַריסטאָקראַטישן בליק אויף זיי. אַ קלאָגעדיקע ראָלע שפּילט די דעמאָקראַטיע אין דעם עפּאָס. אָדיסעוס, וואָס יעדער וואָרט זיינער ווערט באַגלייט מיט דעם אַוטאָרס הסכּמה, מעלדעט הויך דעם פּראָטעסטירנדיקן פאָרשטייער פון פאָלק: „אַלע קאָנען דאָ ניט הערשן, אַלע קענען דאָ ניט קיניגן איבער די אַרגיווער! פון פילהערשערשאַפט קען קיין גוטס ניט אַרויסקומען. זאָל זיין איינאיינציקער הערשער, זאָל ביי אונז זיין איינאיינציקער קיניג, וועלכן צעוס דער פאָרוויסנדיקער האָט דעם סצעפּטער געשענקט און די געזעצן: זאָל ער קיניגן איבער אַנדערע" [2]. גרעסטנטייל איז די ראָלע פון דער פאָלקספאַרזאַמלונג אַ פּאַסיווע. דאַכט זיך, אַז די אַריסטאָקראַטיע האָט אין דער פאָלקספאַרזאַמלונג געזען אַן אָרגאַן, וועלכער איז מחויב בלויז אויסצוהערן דעם ווילן פון די עלטערע. אין דעם באַוואוסטן בילד פון דער פאָלקספאַרזאַמלונג אין דער איליאַדע איז דירעקט געזאָגט, אַז די אויסרופער, „איינשטילנדיק דאָס אומרויִקע ריידעריי", רופן צום פאָלק, „מען זאָל הערן די קיניגן די פון צעוסן אויפגעצויגענע" [3]. און אומעטום הערט דאָס פאָלק בלויז אויס דעם ווילן פון דעם קיניג. אַלקינאָאָס מעלדעט דער פאָלקספאַרזאַמלונג וועגן דעם צערעמאָניאַל, מיט וועלכן עס וועט באַגלייט זיין דער כּבוד, וואָס מען וועט אָנטאָן אָדיסעוסן און ער

1) איליאַדע, VI. 465—556 און ווייטער.
2) איליאַדע, II, 203—206.
3) איל., II, 98.

לאַדט איין צו קומען אַלע „הערשער און שופטים", צוגעבנדיק, אַז „אָפּזאָגן זיך איז קיינער ניט באַמעכטיקט" [1]. בשעת אייגיסטאָס האָט אויסגעפירט זיין מערדערלעכע זאַך אין אַרגאָס, האָט זיך „דאָס פאָלק אונטערגעגעבן אָן אַ וואָרט צו זאָגן", און דער רוצח האָט „זיבן יאָר געהערשט אין דער מיט גאָלד רייכער מיקענע" [2]. בכלל באַציט זיך דאָס פאָלק צו די הויפאינטריגעס און צו די רייסערייען צווישן די קיניגן פּאַסיוו. דאָס פאָלק נעמט כמעט קיין אָנטייל ניט אין דעם קאַמף צווישן טעלעמאַכאָסן מיט די חתנים. דעם פּאָעטס אַריסטאָקראַטישער דמיון דערלאָזט ניט גערן דאָס פאָלק, זאָל זיך אַריינמישן אין די חשבונות פון די האַרן צווישן זיך, און וויל בעסער זען אין דער פאָלקסמאַסע אַן אונטערטעניקע טשערעדע.

און דאָ איז זיך די דאָזיקע מאַסע פאַרבליבן געטריי מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, פונקט אַזוי ווי היינטיקע צייט. אין דער צייט ווען די זשווירנדיקע און קריגנדיקע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך פאַרנומען מיט מאָלצייטן און מלחמות, האָט די פאָלקסמאַסע געלעבט מיט אירע טעגלעכע אינטערעסן. און ביי גאָר דער שטאָלצער אומאויפמערקזאַמקייט מצד האָמערן צום פאָלק, האָט דער גרויסער קינסטלער ניט ווילנדיק איבערגעלאָזן פענסטערלעך, דורך וועלכע מיר קענען אַריינקוקן אין דעם פאָלקס נשמה אַריין. דאָס פאָלק האָט ניט ליב געהאַט און ניט געוואָלט קיין מלחמה. דאָס וואָס עס האָט נעגעבן רום און עשירות זיינע פירער, האָט אים פאַרשאַפט צרות און פאַרלוסטן. יעדער קלאַנג וועגן דעם סוף פון דער מלחמה פילט אָן מיט פרייד די הערצער פון די אויסגעפייניקטע סאָלדאַטן. די בלומרשטיקע איינלאַדונג אומצוקערן זיך אין דער היימאַט, רופט אַרויס אַנטציקונג ביי דעם חייל: „מיט אַ שרעקלעכן געשריי האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו די שיפן; אונטער זייערע טריט האָט זיך דער שטויב געגומען הייבן אין דער לופטן ווי אַ וואָלקן; מען שרייט, מען איבערצייגט איינער דעם אַנדערן שנעל, די שיפן צו פאַרכאַפן און אַוועקצולאָזן זיך אויף דעם ברייטן ים; די גראָבנס רייניקט מען אויס; שוין ביזן הימל האָבן זיך אויפגעהויבן די געשרייען פון די דאָרשטיקע נאָך די היימען; מען האָט שוין די אונטערלעגען פון די שיפן אַרונטערגעריסן". פונקט אַזאַ פרייד האָט אָנגעכאַפט אַלעמען, ווען פּאַריס און מענעלאַאָס ווילן אַנטשליסן דעם גורל פון דער מלחמה דורך אַ צווייקאַמף. און סיי די טראָיער, און סיי די גריכן, „וועלנדיק אָפּרוען, לסוף, פון די שווועריקייטן פון דער אויספייניקנדיקער מלחמה, נעמען פון זיך

1) אָדיס., VIII, 25—45.
2) אָדיס., III, 304—305.

שנעל אַראָפּ די כּלי=זיין״ [1]). וואָלט זיך געדאַכט, אַז ביי אַזאַ שטימונג
פון די מאַסן, וואָלט די פאָלקספאַרזאַמלונג באַדאַרפט צו נייטן די אָנ=
פירער צו מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה. אָבער גראָד אין קיין שום אַנ=
דער אָרט האָט די מאַכטלאָזיקייט פון פאָלק ניט אַזוי קלאָר זיך אַרויס=
געוויזן, ווי אין דער דאָזיקער פראַגע. פאַר דעם אַנטשיידנדיקן דועל
האָט דער ראַט פון די אָנפירער באַשלאָסן אָפּצושפּילן אַ קאָמעדיע פון
אַ פּראָוואָקאַטאָרישן כאַראַקטער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, צו מעלדן
דעם חייל, אַז עס ס'איז אָנערקענט געוואָרן, אַז ווייטער פירן די מלחמה
איז פרוכטלאָז, און פאָרצולייגן אַלעמען פונאַנדערצוגיין זיך אַהיים. אויף אַזאַ
אופן האָבן די קיניגן געוואָלט אויספּרוּוון די שטימונג פון די פעלקער.
ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די פאַרלאַנגען פון די פירער און פון
די מאַסן גייען זיך פונאַנדער, ווען די אַכעיער האָבן זיך פריידיק אַ לאָז
געטאָן צו די אָקרענטן, האָבן די קיניגן אָנגעהויבן אויפצוואַרפן און זיד=
לען די קריגער, און טערסיטעסן, וועלכער האָט געהאַט די העזה צו פּראָ=
טעסטירן אין נאָמען פון פאָלק, האָט אָדיסעוס אָן רחמנות צעמזיקט, צו
דער גרויסער פרייד פונם פאָעט, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַפילו פון
רויקן געוויינלעכן טאָן, כּדי אויסצולאַכן דעם אומגליקלעכן פּראָטעסטאַנט.
אַזאַ איז די באַציונג מצד די קיניגן צו דער מיינונג פונם פאָלק. אַכזריש
אָפּרעכענען זיך — דאָס איז דער געוויינלעכער ענטפער פאַר די פּראָ=
טעסטירנדיקע [2]).

האָמער האָט אונז ניט איבערגעלאָזן קיין בולט געצייכנטע גע=
שטאַלטן פון פאָרשטייער פון די נידעריקערע קלאַסן. צווישן די ניט פּי=
לע פיגורן פון דעם דאָזיקן מין טיילן זיך אויס צוויי געשטאַלטן: טער=
סיטעס און איימאַיאָס. אַז מען זאָל משפטן נאָך זיי, פאַלט אין דער פאָר=
שטעלונג פון דער סביבה, וואָס איר וועלטאָנשויונג שפּיגלט אָפּ דער עפּאָס,
די פאָלקס=מאַסע זיך פונאַנדער אַזוי ווי אויף צוויי טיפּן. איינע
זיינען פּראָטעסטירנדיקע, אומצופרידענע, די אַנדערע — איבערגעגעבענע
און אונטערטעניקע קנעכט. צו די ערשטע איז די אַריסטאָקראַטישע מאָ=
ראַל שטרענג אָן רחמנות, די צווייטע האָבן סימפּאַטיע מצד די האַרן.
אויב דער אַווטאָר פון די פּאָעמעס האָט זיך ניט געקענט דערהויבן דער=
צו, אַז ער זאָל אָנערקענען פאַר די קנעכט און פאַראָבקעס מענטשלעכע
רעכט, דאָס רעכט צו דענקען און צו אורטיילן, האָט ער געפאָדערט מצד
די האַרן אַ גוטע און רחמנותדיקע באַציונג צו זיי. ער איז אַ שונא פון
האַרצלאָזיקייט און ער רימט די באַרעמהאַרציקע באַציונג צו די אונטער=

1) א י ל., II, 149—154 ; III, 111—115.
2) א י ל., II, 198—199 ; אָ ד י ס., X, 440; XXIV, 495 און ווייטער.

טעניקע. ער שטעלט זיך אָפּ מיט ליבשאַפֿט אויף יענע חסדים, וועלכע אַדיסעוּס האָט געטאָן איימאַיאָסן. מיט איין וואָרט, אויב דער שעפֿער פֿון דעם עפּאָס איז אַן אַריסטאָקראַט לויט זיין וועלט=אָנשויונג, איז עס בלתּי ספק אַ הומאַנישער אַריסטאָקראַט. ער האָט ליב די האַרן, וועלכע זיינען גוט צו זייערע קנעכט, און די קנעכט, וועלכע זיינען געטריי צו זייערע האַרן. ער האָט אָבער קיין שום רחמנות ניט פֿאַר די ניט=פֿאָלגער, און אין דער באַשרייבונג פֿון דעם אכזרישן משפּט פֿון אַדיסעוּסן איבער זיינע קנעכט, וועלכע זיינען ניט געשטאַנען אויף דער הייך פֿון זייער פּליכט, לייכט זיך דורך דער באַפֿרידיקטער געפֿיל פֿון דעם יושרדיקן אָבער שטרענגן אַריסטאָקראַט.

טערסיטעסעס געשטאַלט האָט איבערגעלעבט הונדערטער דורות. דער נאָמען פֿון דעם אומגליקלעכן קאַליקע איז אין דעם באַוואוסטזיין פֿון די מאַסן געוואָרן דער סימבאָל פֿון פּחדנות און אָפּשיילעכער פֿאַרביטערונג, ווי דער נאָמען פֿון דאָן=קיכאָט — דער סינאָנים פֿון פֿאַרבלענדעטן אידעאַליזם, אָדער דער נאָמען פֿון טשאַילד האַראָלד — דער סימבאָל פֿון אַנטוישונג. „וויפֿיל רומפֿולע האָט דאָס לעבן געלאָזט פֿאַרוויאַנעט ווערן, וויפֿיל נידעריקע האָט דער גורל פֿאַרהיט. ניטאָ דער גרויסער פּאַטראָקלעס, ס׳לעבט דער פֿאַראַכטעטער טערסיטעס!” גאַנצע דורות האָבן געגלויבט אין דעם דאָזיקן פּסק=דין פֿון דעם סענטימענטאַלן פּאָעט. ערשט אין דרייסיק יאָרהונדערטן אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די רעוויזיע פֿון דעם באַוואוסטן צוזאַמענשטויס צווישן דעם גלענצנדיקן קיניג אַדיסעוּס מיט זיין קלאָגעדיקן קעגנער, און דער משפּט פֿון דער געשיכטע איז, אַפּנים, גרייט צו סקאַסירן דעם באַשלוס, וואָס איז געהייליקט דורך יאָרהונדערטן און אַרויסצוטראָגן דעם באַשולדיקטן אַ פֿרייזשפּרעכנדיקן ווערדיקט. דער פּאָעט האָט זיך צו הילף גערופֿן די גאַנצע מאַכט פֿון זיינע פֿאַרבן, כּדי אויסצומאָלן די עקלהאַפֿטע פֿיגור פֿון דעם מיאוסן פּחדן. טערסיטעסעס אויסערלעכער אויסזען גופֿא איז שוין פֿעיִק אַרויסצורופֿן אַ געפֿיל פֿון עקל. ער, „דער מענטש דער מיאוסטער, איז צווישן די דאַנאַיער געקומען צו דער שטאָט איליאָן: ער איז קאַסאָקע, הינקט אויף די פֿיס; די לחלוטין פֿון הינטן הויקערדיקע אַקסלען זיינען זיך צונויפֿגעגאַנגען אויף די ברוסטן; דער קאָפּ האָט זיך ביי אים אויפֿגעהויבן אינדערהויך ווי אַ שאַרף, און איז געווען באַזעצט נאָר מיט אַ שיטערן פּוך”. ער האָט, לויט דעם פּאָעטס ווערטער, „פֿאַראַכט אָנשטענדיקייט”. און וואָס=זשע איז באַשטאַנען טערסיטעסעס פֿאַרברעכן? ער האָט גערעדט דעמאָלט, ווען אַלע האָבן געשוויגן: „צווישן שטילשווייגנדיקע האָט ער איינער אַליין געקראַקעט פּוסטע דיבורים”; ער האָט געהאַט די העזה צו

ריידן אומאָנגענעמע זאַכן צו די גרויסע לייט פון דער וועלט, אָדער, ווי דער פּאָעט דריקט זיך אויס: „ער האָט שטענדיק די קיניגן באַליידיקט". ער האָט געהאַט די דרייסטקייט פאָרוואורף צו מאַכן אָדיסעוסן און אַבילעסן און אַפילו דעם אַטריד גופא. לויט דעם פּאָעטס ווערטער, „רעדט ער פוסטע דיבורים". אָבער ס'איז גענוג זיך אַיינצוהערן, וואָס ער זאָגט צו אָדיסעוסן, כדי מיר זאָלן פון דער פינסטערניש פון די אייביקייטן אַרויס דערזען פאַר זיך אויסגעוואַקסן די איידעלע געשטאַלט פון דעם ערשטען דעמאָקראַט אין אייראָפּע, דעם ערשטן מליץ פאַר די רעכט פון די פאַראומגליקלעכטע מאַסן. יעדעס וואָרט פון דער דאָזיקער רעדע — איז אַ קאָסטבאַרער פּערל. זי באַווייזט, אַז אויך אין יענער דערווייטערטער פון אונז עפּאָכע פון הפקרות און ווילקיר, האָבן זיך שוין אין אַנדערע מוחות גענעסטלט מחשבות, וועלכע זיינען געוואָרן דער הייליקער אידעאַל פון דער מענטשהייט אין יאָרהונדערטן אַרום. ער וואַרפט אַגאַמעמנאָנען אין פנים דעם פאָרוואורף אין גייציקייט, ער דעקט אויף דעם אמתן אונטערשלאַק פון דער פאַרניכטנדיקער מלחמה. די געצעלטן „פון דעם פאַסטעך פון פעלקער" זיינען פול מיט קאָסטבאַרע מעטאַלן און מיט קריגסגעפאַנגענע פרויען. צו אים דעם ערשטן ברענגט מען די רייכטימער פון די אַיינגענומענע אַכעאישע שטעט. „דו דאַרשט דען נאָך מער גאָלד?... דו ווילסט דען נאָך אַ ווייב?" די דאָזיקע צאָרנדיקע פראַגן פאַלן, ווי קלעפּ פון אַ האַמער, אויף די קעפּ פון די עקספּלאָאַטאַטאָרס. אָבער טערסיטעס אין ניט בלויז דער באַשולדיקער פון די אומווערדיקע קיניגן. אין זיין רעדע קלינגט דער אומקלאָרער באַוואוסטזיין, אַז די פאַרטיילונג פון דעם גוטס אויף דער ערד אַנטשפּרעכט ניט דער אַרבעט, וועלכע עס טוען די פאַרשיידענע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז דער אומקלאָרער סאָציאַלער פּראָטעסט. ער רופט די ברידער פון זיין שטאַנד אַוועקצוגיין, כדי אַגאַמעמנאָן זאָל זיך אין דער פּראַקטיק איבערציינגן, צי דינט אים די מאַסע אַלס הילף, אָדער דעם אויסגאַנג פונם קאַמף אַנטשליסן די העראָיען אַליין. ער און די זעלנער גיבן די אָנפירער רויב. טערסיטעס איז אַ רעוואָלוציאָנער. ער רופט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. ער פאָדערט, אַז דאָס חייל זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דעם אומווערדיקן אָנפירער, וועלכער נוצט אויס זיין לאַגע אַלס הויפּט פונם פאָלק און שלעפּט אַריין די אַכעיער אין צרות: „אַ שוואַכער, פחדנישער שטאַם זיינען מיר, אַכעיערינס זיינען מיר, ניט אַכעיער!" ענדלעך, איז טערסיטעס — אַ פּאָליטיקער. ער וויל ניט זיין קיין שטומער מיטגליד פון דער פאַרזאַמלונג. ער מישט זיך דרייסט אַריין אין די עסקים פון די האַרן. ער טרעט אַרויס אַלס שופט צווישן אַגאַמעמנאָנען און אַבילעסן און

נעמט אָן דעם צד פון דעם לעצטן. אויף דער דאָזיקער צאָרנדיקער רעדע, וואָס איר אומדערבאַרמלעכע לאָגיק קאָן פון אונז ניט באַהאַלטן אַפילו די טענדענציעזקייט פון דעם פּאָעט, האָט דער „גאָט=גלייכער" אָדיסעוס ניט געקאָנט געפינען קיין אַנדער ענטפער, אויסער דעם, וואָס אויך נאָך דעם ביטרע=קלוגן קיניג בלייבט ער שטענדיק דער זעלביקער מאָטיוו פון די דעספּאָטן אין אַלע יאָרהונדערטן און ביי אַלע פעלקער: אַנטשטום, משוגע=ריידעוודיקער, הגם הויכשטימיקער רעדנער! דעם נאָמען פון אונזערע קיניגן ניט דריי אויף דיינע ליפּן, פּילריידנדיק! ניט האָב די העזה זיי צו מאַכן פאָרוואורפן. אויב איך וועל דיך נאָך אַמאָל זען אַן אומפּאַרשטענדיקן, ווי היינט, טאָ זאָל דער קאָפּ פון אָדיסעוסן אויף די מעכטיקע אַקסלען ניט זיין, זאָל איך פון יענעם טאָג אָן ניט הייסן דער פאָטער פון טעלעמאַכאָס, אויב איך וועל דיך ניט כאַפּן, ניט אַראָפּרייסן דיינע מלבושים, די כלענע פון דער ברוסט און דעם כיטאָן און אַפילו דאָס, וואָס די שאַנד פאַרדעקט, און, אַ יאָמערדיקן, מיט יללות אָפּשיקן אויף די שיפן און אַרויס פון דער פאָלקס=פאַרזאַמלונג און מיט חרפּה דיך צעשלאָגן מיט מיינע אייגענע הענט". אָפּהאַקן דאָס פרייע וואָרט און דערשטיקן—דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר די בעסטע מיטלען פון פאַרוואַלטן אין די אויגן פון דער דעספּאָטיע אויך אויף די ערשטע טרעפּ פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע.

עס זיינען אַוועק יאָרהונדערטן; דער קליינינקער אינצידענט, וועלכער איז אויסגעמאָלט אין דעם עפּאָס פאַרבלייבט שטענדיק אַלס אַ פריש בילד צו יעדער צייט. זינט דער צייט, וואָס דער קלאָגעדיקער מיאוסקייט האָט צום ערשטן מאָל אַ „משוגע=ריידעוודיקן" אַרויסרוף געוואָרפן צו די מעכטיקע פון דער וועלט, איז די באַפרייונגס=באַוועגונג געווען ניט אַנדערש ווי אַ קאָלאָסאַלער קאָמענטאַר צו טערסיטעסעס קורצן באַשולדיקונגס=אַקט. אָבער אויב די אומגליקלעכע וואַריירן זינט דעמאָלט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן זיין רעדע, אויב זיין פאָרמעל איז געוואָרן דער גרונד פאַר די צוקונפטיקע פּראָטעסטירנדיקע רעדעס, זיינען די רעזולטאַטן פון טערסיטעסעס אינצידענט, אויב מען זאָל גלויבן האָמערן, געווען טרויעריקע. זיין אָנשרייען האָט אָדיסעוס פאַרפעסטיקט מיט פּילבאַרע מאָטיוון: „ער האָט אים איבערן רוקן און איבער די אַקסלען אַ זעץ געטאָן". אויף דעם רוקן פון דעם אומגליקלעכן האָט זיך „פּלוצלונג אַ פּאַס אונטער דער משא פון דעם גאָלדערנעם סצעפּטער אָנגעבלאָזן אַ ברוין=רויטער". אַלע, „ווי טרויעריק מען איז ניט געווען, האָבן זיך פון גאַנצן האַרצן איבער אים פונאַנדערגעלאַכט". און אייניקע האָבן זייער פרייד אַזוי ווייט אויסגעשטרעקט, אַז זיי האָבן געריימט אָדיסעוסן, האַלטנדיק

„די באַצוימונג פון צעבושעוועטן זידלער" פאַר דער גרעסטער גבורה פון דעם לאַערטיד, וועלכע האָט פאַרדעקט מיט זיך אַלע אַנדערע פריערדיקע זיינע אויפטועכצן. דערווייל האָבן פון דעם אָראַטאָרס אויגן אַ שטראָם געטאָן די טרערן, „ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, ציטערנדיק פון פחד, און פון ווייטאָג זיין מיאוסן אויסזען פאַרקרימענדיק, האָט ער די טרערן געווישט פון די באַקן" [1]. עס איז שווער צו זאָגן, פון וואָס האָבן די טרערן אַ שטראָם געטאָן; צי מחמת מורא האָט ער געוויינט, אָדער מחמת די טרויעריקע געדאַנקען, קוקנדיק אויף דעם פאָלק, וואָס קען ניט אונטערשיידן אַ שונא פון אַ גוטן פריינד, און וואָס האָט איבערגעגעבן צום שונא דעם קאָפ פון זיין דרייסטן פאַרטיידיקער. און ס'איז אַ פראַגע, צי האָבן ווירקלעך „פונם גאַנצן האַרצן" געלאַכט יענע, וועלכע זיינען, לויט דעם אויסדרוק פונם פאָעט גופא, „געווען אומעטיק". מיר האָבן ניט קיין אַנדערע עדות פון דער דאָזיקער סצענע, אויסער דעם שעפער פון דעם עפאָס, אָבער מיר האָבן פיל גרונדן נישט צו געטרויען זיין אָביעקטיווקייט.

אויב דעם אַוטאָר ברענגט אַריין אין גרימצאָרן „דער שונא פון אָדיסעוסן און דער פיל ערגערער פיינד פון פעלעאַסן", ווערט ער ווייך-מילד, קוקנדיק אויף דעם איבעריקן פאָלק, וועלכער האָט שוין געווען געטרוימט וועגן אומקערן זיך צוריק צו די געבירטיקע היימען לויט דעם אויסרוף פון די פאַלשע פירער, און אין עטלעכע רגעם נאָכדעם האָבן זיי זיך לויט דעם באַפעל פון די זעלביקע פירער, ווי אַ געהאָרכזאַמע טשערעדע, אומגעקערט צוריק. „אויף דעם פלאַץ פון די פאַרזאַמלונגען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן די מאַסן פון זייערע שיפן און פון זייערע געצעלטן מיט אַ געשריי, געגליכן צו די כוואַליעס פון דעם אומאויפהערלעך רוישנדיקן ים... אַלע האָבן זיך באַרויִקט, שטיל אויף די ערטער באַשטימטע געזעסן" [2]. ס'דאָזיקע בילד פון די מאַסן מענטשן, וועלכע זיצן שטיל אויף די באַשטימטע ערטער, אַנטשפרעכט, אפנים, פולקום די פאָרשטעלונג פון דעם פאָעט. שטילקייט און הכנעה — דאָס איז די העכסטע ווערדע פון דעם פראָסטן המון-מענטשן. אין דעם עפאָס זיינען אַרויסגעפירט ניט בלויז פיינדלעכע פראָטעסטאַנטן, נאָר אויך געשטאַלטן פון „אידעאַלע" קנעכט. צווישן די לעצטע איז די סאַמע בולטע פיגור איימאַיאָס, דער קנעכט פון אָדיסעוסן. די באַציונגען צווישן איימאַיאָסן מיט זיין האַר האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך, אפנים, אַ טיפ פון פולקומע באַציונגען לויט די השגות פון דער דעמאָלטיקער וועלטאָנשויונג. אין דער פאַטרי-

1) אי ל., II, 211—277.
2) אי ל., II, 207—211.

אַרכאַלער אידיליע, וועלכע דער פּאָעט האָט אויסגעמאָלט, איז פאַראַן פיל רירנדס און אָנציענדס. איימאַיאָס איז דורכגעדרונגען מיט זעלבסטאָפּפערנדיקער ליבשאַפט צו זיין באַלעבאָס, וועלכער וואַנדערט אַרום איבער ווייטע לענדער. ער איז נידערגעשלאָגן פון דעם געדאַנק וועגן דעם, וואָס ער איז געניייטיקט צו פאַרשווענדן זיין ווירטס טשערעדעס צוליב די אומגערופענע געסט אין דער צייט, ווען אפשר אָדיסעוּס אַליין „וואַנדערט אַרום אָן אַ דאַך, אָן שפּייז, אין פרעמדע לענדער, צווישן פעלקער פון אַנדערע שפּראַכן, אויב נאָר ער פרייט זיך נאָך ערגעץ מיט דער שיין פונם טאָג“. דאָס האַרץ פון דעם קנעכט באַגיסט זיך מיט בלוט יעדער מאָל, ווען עמעצער דערמאָנט וועגן דעם גוטן האַר. אָדיסעוּס איז פאַר אים טייערער, איידער די היימאַט און דער פאָטער. ער איז געווען אַ זון פון אַ קיניג, נאָר איינמאָל זיינען צו זיין אינזל אָנגעקומען „די כיטרע געסט פונם ים, מענטשן פון פעניציע“. מיט דער הילף פון אַ פאַררעטערין אַ שקלאַפין האָבן זיי איימאַיאָסן אַוועקגענבעט און אים פאַרקויפט צו לאַערטן. דער קיניגלעכער זון איז אויסגעוואַקסן אַלס קנעכט, אָבער ער האָט זיך אַזוי צוגעוויינט צו זיין גורל און אַזוי ליב געקראָגן אָדיסעוּסן, אַז ער האָט בעסער געוואָלט דעם גורל פון אַ קנעכט, איידער אומצוקערן זיך אין זיין פאָטערלאַנד: „קיינמאָל וועל איך שוין ניט געפינען אַ האַר אַזאַ גוטן, וואו איך זאָל ניט וואוינען, אַפילו ווען איך וואָלט פון דאָס ניי, מיט דעם ווילן פון די אומשטערבלעכע, צוריק געבראַכט געוואָרן צו דעם פאָטער און צו דער ליבער מוטער אין דער שטוב אַריין, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, וואו איך האָב די יאָרן די יונגע פאַרבראַכט. אָבער ניט וועגן דעם איז מיין האַרץ צעבראָכן, הגם איך וואָלט טאַקע וועלן כאָטש איין מאָל זען זייער געשטאַלט מיט די אויגן, כאָטש איין מאָל באַזוכן זיי אין פאָטערלאַנד,—ניין, נאָר וועגן אָדיסעוּסן אַליין וויין איך“ 1). איימאַיאָס טראָגט זיין ליבשאַפט אַריבער אויך אויף אָדיסעוּסעס זון, ער זעט אין אים „אַ צווייג אַ יונגע“, ער לעבט מיט דער האָפענונג, אַז „מיט דער צייט, דערגרייכנדיק צו מענלעכער קראַפט, וועט ער זיין צום פאָטער געגליכן, פיין סיי מיטן אויסזען סיי מיט דעם קערפער“. אין דער צייט, ווען דאָס רוב פון די קנעכט האָט שוין לאַנג געפעלשט קעגן דעם האַר, און האָט זיך איבערגעגעבן צו די חתנים, בלייבט איימאַיאָס געטריי צו אים; און דאָס פילן אַפילו די חתנים, וואָס דער ערלעכער קנעכט זאָגט זיי אָפט אַרויס ביטערע אמתן. אין דער צייט פון די ראַבירונגען, וועלכע די חתנים באַגייען, טוט איימאַיאָס נאָר און באַהאַלט אַלץ, וואָס עס געלינגט אים צו ראַטעווען פון די רויבערס הענט. איימאַיאָסעס איבערגעגעבנקייט איז דער

1) אָדיס., XIV, 138—144.

רעזולטאַט פון אָדיסעוסעס גוטער באַציונג צו די קנעכט. דער קיניג פון איטאַקע איז, לויט דעם פּאַסטעכס רייד, געווען זיין וואוילטעטער. נענטער באַקענענדיק זיך מיט איימאַיאָסעס לעבן, זעען מיר, אַז דעם קנעכטס געטרייע דינסט האָט זיך אָפּגעצאָלט ניט באַזונדער רייך אין דעם מאַטעריעלן הינזיכט. איימאַיאָס איז אַן אָרעמאַן, ער קען דעם גאַסט ניט פאַרלייגן אַפילו קיין קלייד. „קיין איבעריקע מאַנטלען זיינען דאָ ביי אונז ניט פאַראַן. מיר זיינען ניט רייך מיט קליידער, יעדער האָט נאָר איין מלבוש: ביז ער ווערט ניט צעטראָגן, וואַרפט מען אים פון קערפער ניט אַראָפּ“ 1). דער העכסטער שכר, אויף וועלכן עס קען אויסרעכענען דער קנעכט, וואָס האָט אָפּגעדינט מיט אמת און מיט געטריישאַפט צו זיין האַר, איז, אַפּנים, באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט דעם קנעכט געשענקט די מעגלעכקייט צו לעבן זעלבשטענדיק אויף אַן אייגענער ווירטשאַפט. איימאַיאָס איז זיכער, אַז אָדיסעוס וועט אים מיט דער צייט געבן „אַלץ, וואָס אַ גוטער האַר גיט דעם קנעכט פאַר פלייסיקער דינסט: אַ פעלד, אַ הויז און אַ ווירטין“. איבערצייגט, אַז פון אַלע זיינע קנעכט זיינען אים געטריי געבליבן נאָר צוויי, גיט זיי אָדיסעוס פאָלגנדיקע הבטחה: „אויב איר וועט מיר העלפן אויסצוראָטן די חתנים די פיל-צעיושעטע, וועל איך פאַר אייך ביידן געפינען כלות, איך וועל יעדערן געבן נדן און פאַר אייך אויסבויען הייזער לעבן מיין הויז, און, ווי ברידער, וועט איר לעבן מיט מיר און מיט מיין זון טעלעמאַכאָסן“ 2).

טערסיטעס און איימאַיאָס — דאָס זיינען צוויי קעגנזעצלעכע פּאָעטן. איינער איז דער פאָרשטייער פון דעם פּראָטעסטירנדיקן יסוד; דער צווייטער — דער פרידלעכער פּראָדוקט פון דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג. אין די דאָזיקע צוויי טיפּן האָט זיך אויסגעגאָסן דער האָמערישער פאַרשטאַנד פאַר דעם פאָלק און פאַר זיין באַדייטונג. פאַר די פאָרשטייער פון די נידעריקערע קלאַסן האָט דער עפּאָס ניט אויסגעטיילט קיין זעלבשטענדיקע ראָלע. עס באַוועגן די געשיכטע, שטעלן צילן און פאַרווירקלעכן זיי — די קיניגן און די העראָיען. די באַדייטונג פון די מאַסן איז צו שפּילן אַ באַדינונגס-ראָלע אין דער דאָזיקער אַרבעט פון די אָנפירער. יענע, וועלכע זיינען שלום מיט אַזאַ אָרדענונג און שטיצן זי, — פאַר זיי איז גרייט שכר. זיי וועלן קאָנען דערגרייכן צו הויכן מאַטעריעלן וואוילשטאַנד, ווערן געאַכטע, גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון דער משפחה, מיט וועלכער עס פאַרוואַלטעט דער הויפּט פונם שטאַם. פאַר די פּראָטעסטירנדיקע איז גרייט אַן אומברחמנותדיקע שטראָף.

1) אָדיס., XIV, 513—515.
2) אָדיס., XIV, 62—64; XXI, 213—216.

ווער זשע זיינען זיי געווען די דאָזיקע העראָיען, וואָס צו זייערע צילן האָבן געדינט די קנעכט און די קריגער? דער עפּאָס האָט איבערגעלאָזן אַ אידעאַלע געשטאַלט, וועלכע זאָגט עדות אויף דעם, אַז דער אמתער אַריסטאָקראַט אין די אויגן פון יענער עפּאָכע האָט געדאַרפט האָבן גרויסע מעלות. דאָס איז די געשטאַלט פון אַכילעסן. דער העראָי, אַרום וועלכן עס גרופּירן זיך אַלע הויפּט־געשעענישן פון דער איליאַדע, איז פאַר דער אַלטגריכישער וועלט געווען די פאַרקערפּערונג פונם נאַציאָנאַלן אידעאַל, געגליכן דערצו, ווי איליאַ מוראָמעץ איז געוואָרן די געשטאַלט פונם פאָלקומען גיבור אין די אויגן פונם רוסישן פאָלק, אָדער ווי ראָלאַנד — דער אידעאַל פון אַ ריטער אין די אויגן פון דער פעאָדאַלער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. אַכילעסעס נאָמען האָט מען מיט ערפורכט אַרויסגערעדט אין די גריכישע שולן אין אַ משך פון יאָרהונדערטן, אונטערהאַלטנדיק דעם געפיל פון ערלעכקייט, דעם קריגערישן, פאַטריאָטישן געפיל, דעם באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער געהויבנקייט. אין דער דאָזיקער פיגור פונם מעכטיקן העראָי זיינען צונויפגעקליבן די שטריכן, וועלכע זיינען געווען אַנטוויקלט אין די איידלסטע מענטשן פון דער עפּאָכע פון ערֹאָבערונגען און איבערוואַנדערונגען. אַכילעס איז ניט באַהערשט דורך דעם גייסט פון גייציקייט און יאָגעניש נאָך רייכקייט אין אַזאַ מאָס, ווי אַנדערע העראָיען. ער איז געקומען צו די ווענט פון טראָיע מלחמה האַלטן פאַר דער אַלגעמיינער זאַך, און ניט מיט רויבערישע צילן. ער באַנוגנט זיך ביים טיילן מיט אַ קלענערן חלק פון דעם רויב, הגם ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ער איז די סאַמע גרעסטע קראַפט אין דער גריכישער מחנה. נאָר די פרעכע פאָדערונג פון אַגאַמעמנאָנען רופט ביי אים אַרויס אַ שטאַרקן צאָרן און ברענגט אים דערצו, ער זאָל אָנהייבן ריידן וועגן דער חלוקה פונם רויב. און דאָס איז אויך ביי אַכילעסן מער באַליידיקט דער געפיל פון יושר, איידער דער אינסטינקט פון גייציקייט. דער דאָזיקער אידעאַליזם — דאָס איז דער הויפּט־שטריך אין דעם העראָי פון דער איליאַדע. אַדאַנק דעם האָט דער קאָלאָריט פון הענדלערישן פּראַקטיציזם, וועלכער באַפאַרבט די העראָאישע פּאָעמע, ווייניק אָנגערירט אַכילעסן. אין זיין צאָרן, פּונקט ווי אין זיין שלום־שליסן, נעמען די איבערהאַנט איידעלע געפילן, און דער מאַטעריעלער היזק טרעט אָפּ אָן אַ זייט. זיין ענטפער צו אַיאַקסן, דעם שליח פונם גריכישן פאָלק, אָטעמט מיט איידעלן צאָרן. אַיאַקס לייגט אים פאָר אָנשטאָט בריזעידען, וועלכע מען האָט ביי אים אָפּגענומען, „זיבן פיינסטע יונגפרויען, אויך פיל אַנדערע מתנות". ער דערמאָנט אים, אַז יעדע באַליידיקונג קאָן מען דערווייטערן דורך אויסקויף: „אַ ברודער פאַר דעם ברודער דעם געטויטן,

אַפילו אַ פֿאָטער פֿאַר זיין זון — כופר נעמט אָן". אָבער אַכילעסן איז פֿרעמד דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט. אין פֿראַגן פֿון כבוד אָנערקענט ער ניט די לאָגיק פֿון די הענדלער און וואַרפֿט אָפּ די פֿאַרלאָקנדיקע פֿאָר־שלאָגן פֿון אַיאַקסן.

> איידעלער זון טעלעמאָנס, דו אַיאַקס דער באַהערשער פֿון פֿעלקער! כ׳פֿיל שוין אַליין, אַז דו רעדסט אַלץ פֿון האַרצן פֿון טיפֿן, נאָר מוטיקער! ס׳האַרץ בײַ מיר הייבט זיך מיט צאָרן, ווי נאָר איך דערמאָן זיך, ווי מיך האָט באַליי־דיקט פֿאַר גאָר דעם אַכעישן פֿאָלק דער קיניג אַגאַמעמנאָן, גלייך ווי געוועזן אַ פֿאַר־אַכטעטער וואַנדרערער וואָלט איך! [1].

אים ברענגט אַרויס פֿון די כלים ניט אַזוי דעם אַטרידס באַגיין זיך, ווי די גאווה, מיט וועלכער ער איז זיך מיט אים באַגאַנגען. ער האַלט זיך פֿאַר אַ גלייכן צו דעם „קיניג פֿון די פֿעלקער", און דאָ האָט מען אים גאָר דערנידעריקט. „אַן אומרחמנותדיקער צאָרן פֿילט מיר אָן דאָס האַרץ און אויך די נשמה, ווען איך זע, ווי אַ גלייכער אַ גלייכן וויל באַרויבן, וויל אָפּנעמען דעם שכר, דערפֿאַר בלויז, וואָס ער איז מיט דער מאַכט העכער פֿאַר מיר" [2]. אָבער אַכילעס, וואָס זיין האַרצן האָבן ניט געריִרט די המונים פֿון פֿאַלנדיקע מיטברידער זיינע, קלאָגט ווי אַ קליין קינד, ווען ער באַקומט די ידיעה וועגן דעם טויט פֿון פּאַטראָקלעסן. ער פֿאַלט אויף דער ערד, רייסט אויף זיך די האָר. זיין ערשיינען ענדערט תּיכּף די קראַפֿט פֿון די קעמפֿנדיקע צדדים. ער גייט אַרויס פֿון זיין געצעלט גלייך, ווי אַ גאָט. אַלע אַכעיער אײַלן זיך גיכער מאַסנווייז אויף דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג, ווי נאָר זיי באַקומען די ידיעה, אַז „אַכילעס דער איידעלער האָט זיך ווידער באַוויזן, דער וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג פֿרעמד געהאַלטן צו דער מלחמה". ער דערלאַנגט גרויסמוטיק די האַנט זיין שונא אויף אַ צייכן פֿון פֿרידן. ער דריקט אויס דעם טיפֿסטן מיטלייד צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך „צוליב אַ געפֿאַנגענער מיידל אָנגעצונדן מיט שנאה, וועלכע נאָגט די נשמה אַרויס", און ער פֿאָ־דערט גלייך מלחמה. אַכילעס — איז דער קנעכט פֿון זיינע שטימונגען. מיט וואונדערלעכער שנעלקייט גייט ער אַריבער פֿון איין שטימונג צו צו דער צווייטער. נאָך מיט אַ טאָג פֿריִער פֿאַר דעם איז ער געבליבן גלייכגילטיק צו דעם קלאַנג פֿון די שווערדן, צו דעם שענדלעכן אַנטלויפֿן פֿון די אַכעיער, וועלכע די טראָיער האָבן אָפּגעטריבן צו די סאַמע שיפֿן. איצט ברענט ער מיט קריגערישן פֿייער. ער הערט כמעט ניט די רעדע, מיט וועלכער אַגאַמעמנאָן פֿאַרענטפֿערט זיך; ער באַציט זיך גלייכגילטיק

---

1) א י ל., IX, 644—648.

2) א י ל., XVI, 52—54.

צו דעם פאָרשלאָג וועגן אומקערן אים בריזעידען און וועגן די רייכע מתנות פאַר דער פאַרשאַפטער באַליידיקונג. די באַליידיקונג איז פאַרגעסן געוואָרן, דער צאָרן האָט זיך פאַרביטן אויף אַ נייעם געפיל, וואָס האָט אים אינגאַנצן באַהערשט און אויך אַזוי מעכטיק, ווי פריער די פאַרביטערונג קענן אַגאַמעמנאָנען. ער ברענט איצט מיט דעם געפיל פון נקמה, ער רייסט זיך אין שלאַכט אַריין, און בלויז נאָכגעבנדיק דער פאָדערונג פון דעם קלוגן אָדיסעוס, איז ער מסכים אָפּצוואַרטן, ביז די אַכעיער וועלן זיך קרעפטיקן אַ ביסל מיט שפייז. אָבער ער אַליין זאָגט זיך אָפּ פון עסן. ער איז אינגאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין פאַרלאַנג, אין איין געדאַנק. דער טרויער וועגן דעם אומגעקומענעם פריינד און דער דאָרשט נאָך נקמה פילן אָן זיין נשמה. „ער האָט געטראַכט בלויז וועגן פּאַטראָקלעסן, וועגן אים גערעדט, געזיפצט".

מיר האָבן געזען דעם דאָזיקן שרעקלאָזן העראָי אין יענע מאָמענטן, ווען אין זיין נשמה האָבן ערוואַכט די סאַמע שטאַרקסטע געפילן, אין דעם פעריאָד פון איינגעשפּאַרטן, אומבאַקעמפּבאַרן צאָרן, און די רגעס, ווען, געגליכן צו אַ גאָט, טראָגט ער זיך איבערן שלאַכטפעלד, שיטנדיק זיינע פאַרגיכטנדיקע קלעפּ, און יענעם מאָמענט, ווער ער שווערט זיך פאַר דעם טויטן קערפּער פון זיין פריינד צו פייערן אַ בלוטיקן טרויער־מאָלצייט, לסוף, אין דעם מאָמענט, ווען ער פאַרווירקלעכט די נקמה גופא; אכזריש שלעפּט ער אַרום איבערן שטויב העקטאָרס קערפּער, אַ צעשעדיקטן און אַן אויסגעשמירטן אין ערד; ער וויל אים אָפּגעבן פאַר די הינט זיי זאָלן אים צעררייסן, און קעפּן צוועלף פון די סאַמע באַרימטסטע יונגע זין פון טראָיע, „נוקם זייענדיק זיך פאַר דעם טויט" פון זיין פריינד. אָבער די געשטאַלט פון דעם דאָזיקן העלד וואָלט געווען ווייט פונם אידעאַל, ווען דער פּאָעט וואָלט אים ניט אַרויסגעפירט אין דעם בעסטן, אפשר, מאָמענט פון זיין לעבן. אַ פולע העלדן, אויב זיי זיינען ניט גלייך געווען, זיינען זיי דאָך נאָענט געווען צו אַכילעסן מיט זייער שרעקלאָזיקייט און מיט זייער קראַפט. כדי צו וואַרפן אַן אימה אויף די שונאים, קלעקט צו באַזיצן אַ שטאַרקן פיזישן כוח און אַן אומבאַצוימטן גייסט. אָבער כדי צו טאָן אײדעלע גבורות פון גרויסמוטיקייט, וואָס מיט זייער באַשרייבונג ענדיקט זיך די פּאָעמע, דאַרף מען האָבן די געהויבענע נשמה פון אַכילעסן. דאָס בילד, וואו עס זעען זיך דער אַלטער פּריאַמאָס מיט דעם שטרענגן העלד — איז איינע פון די שענסטע בילדער אין דער איליאַדע. זי איז פול מיט דראַמאַטישער באַוועגונג. מיר זעען ווידער, ווי שנעל עס קומען פאָר די איבערגאַנגען פון איין געפיל צו דעם אַנדערן אין אַכילעסעס נשמה; ווי אונטער דער ווירקונג פון דעם אומדערוואַרטן

אויסערלעבן שטוים פאַרבייט זיך דער משוגענער צאָרן אויף רירנדיקע טרערן, ווי דער ראַבלעבער געפיל צעשמעלצט זיך אונטער די שטראַלן פון מיטלייד. זעענדיק דעם אומגליקלעכן אַלטן מאַן, וועלכער דריקט צו די ליפן די האַנט פון דעם רוצח פון זיינע קינדער, פאַרגעסט אַכילעס וועגן דער נקמה, וועגן יענער שרעקלעכער שאַנד, וועלכע ער האָט געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף דעם געטויטן העקטאָרן:

גענומען דעם זקן פאַר דער האַנט, האָט ער אָפּגעווענדט שטיל אים פון זיך, ביידע ערינערנדיק זיך: פּריאַמאָס — זיין זון, דעם גערימטן, — האָט ביטער געוויינט, צו די פיס פון אַכילעס אין שטויב אויסגעצויגן; קיניג אַכילעס האָט דאַ זיך דערמאָנט אָן דעם פאָטער און דאָ אָן זיין פריינד אָן פּאַטראָקלעסן און האָט געוויינט. און דער ביטערער זיפצן פון זיי האָט אַרום זיך אין שטוב געלאָזט הערן.

אַכילעס קערט דעם אַלטן אום דעם קערפּער פון זיין זון און זאָגט צו אין אַ משך פון צוועלף טעג אָפּצוהאַלטן זיך פון שלאַכט, כדי די טראָיער זאָלן האָבן צייט צו באַקלאָגן העקטאָרן און איינצואָרדענען אים אַ פייערלעכע לוויה.

אַזאַ איז געווען דער נאַציאָנאַלער העלד פון דעם גריכישן פאָלק, וועלכער איז געוואָרן זיין אידעאַל,—דער העלד, וועלכער איז פּונקט אויף די סאַמע אבורישע און אויף די סאַמע צאַרטע געפילן, וועלכער איז גלייך גרוים אין ליבשאַפט ווי אין פיינדשאַפט, אין נקמה און אין מיטלייד. אַזאַ איז געווען די געשטאַלט פון דעם העלד, וועלכער איז פאַר אַ שורה פון דורות פאַרבליבן דער מוסטער פון ריטערישע גבורות. די דאָזיקע געשטאַלט האָט האַרמאָנירט מיט די פאָרשטעלונגען פון די גריכן וועגן פיזישער קראַפט און מוטיקייט, אַלס וועגן די גרונד-מעלות פון אַ פולקומען מענטשן; די דאָזיקע געשטאַלט איז אויפגעשטאַנען אין איר גאַנצן ריזיקן וואוקס פאַר דעם גייסטיקן בליק פון די היסטאָרישע קיניגן און העראָיען יעדער מאָל, ווען זיי האָבן געוואַגט זיך צו לאָזן אויף געפערלעכע מעשים; ער האָט באַגייסטערט אַלעקסאַנדער מוקדונען, און דער יונגער מנצח פון מזרח האָט אין די וויסטענישן פון פרס זיך דערמאָנט אָן דעם טראָיער העלד און אין די ערציילונגען וועגן זיינע גערימטע גבורות האָט ער געשעפּט נייע כוחות און ענערגיע.

אויב אַכילעס האָט פאַרקערפּערט די אידעאישע זייט פון דעם נאַציאָנאַלן גריכישן כאַראַקטער, האָט דער קלאָרער פאַרשטאַנד פונם פאָלק, דער פּראַקטישער גייסט פון אונטערנעמערישקייט און וויסנליבשאַפט געפונען זיין פאַרקערפּערונג אין דער פּערזאָן פון אָדיסעוסן. אַכילעס — דאָס איז די צענטראַלע פיגור פון דער איליאַדע, אָדיסעוס — פון דער אָדיסעע. דאָס איז אַ מאַן, וועלכער איז פול מיט תחבולות פאַר-

שיידענע און מיט קלוגע עצות. דער גרונדשטריך פון אָדיסעוסן — דאָס איז זיין שכל, אַ פאָרזיכטיקער און אַזעלכער, וואָס געפינט זיך שטענדיק. דאָס איז יענע פאָרזיכטיקייט און ערפינדערישקייט, וועלכע אַנטוויקלען זיך ביי רייזנדער, וואָס זייגען געוויינט אין זייערע וואַנדערונגען אָן אַ שיעור צוצופּאַסן זיך צו די סאַמע אומדערוואַרטע און פרעמדע באַדינגונגען, אַרויסדרייען זיך פון די סאַמע פאַרפּלאָנטערטסטע לאַגעס. סכנות אָן אַ שיעור און אָן אַ צאָל, פון וועלכע עס זיינען אָדיסעוסן מציל זיין כיטרעקייט און זיין שאַרפזיניקייט, גיבן דער אָדיסעע צו אַ כאַראַקטער פון אַ שפּאַנענדער ערציילונג. וויפיל קאַלטבלוטיקייט און פעיקייט שנעל זיך צו אָריענטירן ווייזט אָדיסעוס אַרויס אויף דעם אינזל פון די ציקלאָפּן, וויפיל פאַרשטאַנד פאַר מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע! פון פּאָליפעמאָסעס ערשטע רייד האָט ער פאַרשטאַנען, ווער איז אַזוינס זיין שרעקלעכער באַלעבאָס. ער איז אינגאַנצן געוואָרן פאָרזיכטיק; קיין איינציקן ניט באַטראַכטן וואָרט; ביי אים אין קאָפּ איז גלייך באַשאַפן געוואָרן אַ מעטאָד, ווי צו באַגיין זיך מיט דעם אומגעהייער. פון דעם ערשטן מאָמענט אָן פון דעם שמועס ערשיינט שוין יעדער וואָרט אָדיסעוסעס, יעדער טריט זיינער אַלס אַ נייער מיטל, ווי צו פאַרווירקלעכן אַ באַשטימטן פּלאַן. די דאָזיקע אינערלעכע אַרבעט ווערט אין אים אָפּגעטאָן כמעט אינסטינקטיוו. די ערפאַרונג פון אַ פולע יאָרן, די רייכע פּראַקטיק האָבן אים כמעט באַפרייט פון דער נויטווענדיקייט אָנצושטרענגען דעם שכל, וועלכער האָט זיך שוין צוגעגרייט אַ פאַרשיידנאַרטיקן אַרסענאַל פון געווער אויף אַלערליי פאַלן פון לעבן. אויף פּאָליפעמאָסעס פראַגע וועגן דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך זיין אָקרענט, האָט ער שנעל פאַרפּאַסט אַן אויסגעטראַכטע, אָבער אַן ענלעכע צום אמת געשיכטע. בשעת דער ריז האָט, אויפפרעסנדיק צוויי פון זיינע מיטפאָרער, זיך אויסגעצויגן און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, גיט זיך אָדיסעוס ניט אונטער דער ערשטער באַוועגונג פון דער נשמה. ער שטעכט זיין האַרצן ניט דורך מיטן שווערד, ווי עס וואָלט, בלתי־ספק, געטאָן דער איידעלער, אומגעדולדיקער אַכילעס. אָדיסעוס קען מקריב זיין דאָס נאָענטע לטובת דעם וויטן, דאָס פּריוואַטע לטובת דעם אַלגעמיינעם. דאָס איז אַ קלוגער שיפפירער, וועלכער וואַרפט גלייכגילטיק אין דער טיפעניש פון ים זיין לאַסט, אָבער דערפאַר איז ער מציל די שיף. ער ווייס, אַז דאָס אָפּציען וועט קאָסטן דאָס לעבן פון נאָך עטלעכע מיטפאָרער זיינע, אָבער דערפאַר ווערן גרעסער די שאַנסן צו ראַטעווען די איבעריקע. ניט קיין פולע וואָלטן אין אָדיסעוסעס לאַגע געקענט פאַרהיטן אַזאַ זעלבסטבאַהערשונג און מוטיקייט, ווי זיינע. ער קוקט גלייכגילטיק, ווי צוויי אַנדערע חברים זיינע פאַרשווינדן ווי-

דער אין דעם ריזם שרעקלעכן מויל און ער באַטראַכט דערביי אַ פּלאַן, ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין. דער צוגעטראַכטער מיטל, מיט וועלכן אָדיסעוס האָט זיך לסוף נוקם געווען פון דעם ציקלאָפּ און זיך מציל געווען מיט די איבעריקע מיטפאָרער, איז אַ וואונדערלעכער מוסטער פון שכל און פון דער פעיקייט אויף געלונגענע איינפאַלן. בלויז מענטשן, אויסגעפּרוווטע דורך אַלערליי קלעפּ פונם גורל, וועלכע האָבן זיך פאַרהאַרטעוועט אין שווערן קאַמף מיט דער נאַטור, וועלכע האָבן געזען די כאַמע פאַרשיידנאַרטיקע מענטשן, סיי קולטורעלע, סיי ווילדע, קאָנען איינזעהן די גאַנצע קלאָרקייט פון זייער שכל אין אָדיסעוסעס אויסגאַנגס-לאָגע, צוקוקנדיק דאָס שרעקלעכע בילד פונם קאַניבאַלישן מאָלצייט.

פאָרזיכטיקייט, קאַלטבלוטיקייט, אויסגערעכנטקייט און רמאות — דאָס איז דאָס הויפּטגעווער פון דעם קאָמערסאַנט. די דאָזיקע אייגנשאַפט פונם שכל פאַרלאָזן קיינמאָל ניט אָדיסעוסן — זיי ראַטעווען אים אויך אויף דעם אינזל פון צירצעיע, אויך אויפן אינזל קאַליפּסאָ, זיי העלפן אים דורכצוגיין צווישן סצילע און כאַריבדע מיט די קלענסטע קרבנות. אָדיסעוס רעכנט שטענדיק אויס; ער רעכנט אוים אַפילו דעמאָלט, ווען דער סאַמע קאַלטער שכל וואָלט געקענט פאַרלירן זיין רויקייט און נאָכגעבן דעם אומפאַרשטענדיקן געפיל פון האַרצן. ער ווייס, אַז זעקס מיטפאָרער זיינען פאַרמשפּט אַלס קרבן צו דער שרעקלעכער סצילע, און פאַר דעם פּרייז פון זייער טויט וועט געקויפט ווערן די רעטונג פון דעם אָקרענט. וואָלט דען אַכילעס איינגעגאַנגען אויף אַזאַ דערנידערנדיקן מס? אמת, דער קאַמף מיט דעם שרעקלעכן אומגעהייער איז אומזיסט. אָבער צי וואָלט דען דער זון פון פּעלעאַס ניט געמאַכט דעם זינלאָזן און האָפענונגסלאָזן פּרווו, און צי וואָלט ער אַפילו באַוואוסטזיניק ניט אויסגעקליבן בעסער אַלע זאָלן אומקומען, איידער אויף אַזאַ שענדלעכן אופן פאַרראַטן די חברים? פאַראַן העראָיען, וועלכע שטעלן העכער דעם אידעלן אומזין פאַר דעם רומלאָזן שכל-הישר. אָבער אָדיסעוס געהערט ניט צו דער צאָל פון אַזעלכע העראָיען. ער פאַרבאָרגט שאַלקהאַפטיק פון זיינע חברים דעם טויט, וועלכער שטייט פאָר זעקסן פון זיי. ער איז איינגעגאַנגען אויף צירצעיעס עצה: „ס'איז טרייסטלעכער צו פאַרלירן זעקס מיטפאָרער פון אייך, איידער פלוצלונג אי דעם אָקרענט צו דערטרינקען, אי אַלע זאָלן אומקומען“ [1]. קיינער וועט אָדיסעוסן ניט באַשולדיקן פאַר זיין רמאות, זיין חשבון איז געווען אַ ריכטיקער: דערווייַנדיק זיך דעם אמת, וואָלטן זיך די מיטפאָרער צוזויפגעקליבן אינעווייניק אינם

[1] אָדיס., XII, III, 109.

אָקרענט און וואָלטן אויפגעהערט צו רודערן. אָבער מיר קענען מיט זיכערהייט זאָגן, אַז קיינע אויסרעכענונגען וואָלטן ניט געלאָזן אַכילעסן טאַטלאָזיק צוצוקוקן דאָס דאָזיקע בילד, וואָס אָדיסעוסעס האַרץ האָט אויסגעהאַלטן!

„אַזוי געפלאַטערט האָבן זיי אין דער הויך, אַוועקגעטראָגן פון דער גייציקער סצילע. דאָרט פאַר דעם אַריינגאַנג אין דער הייל האָט זי זיי אויפגעפרעסן, שרייענדיקע הויך, און צו מיר די הענט אויסשטרעקנדיקע אין שרעקלעכע יסורים. שרעקלעכס האָב איך דאָ מיט די אויגן דערזען און מער שרעקלעכס איז מיר קיינמאָל אין אַלע מיינע וואַנדערונגען ניט אויסגעקומען צו זען" [1].

רמאות אין אָדיסעוסעס מעשים איז אַ געוויינלעכער אויסגעפרוווטער מיטל. אָדיסעוס ליגט ניט נאָר דאַן, ווען עס פאָדערן דאָס די אומשטענדן. ער ליגט אויך דעמאָלט, ווען ער ווייס ניט, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און אַפילו אין אַזוינע פאַלן, ווען ער האָט צו טאָן בלי־ספק מיט גוטע פריינד. אָדיסעוס ענטפערט כמעט קיינמאָל ניט דירעקט אויף אַ פראַגע, ער זאָגט ניט דירעקט זיין נאָמען און מעלדעט ניט וועגן דעם ציל פון זיין רייזע. אַפילו פאַר די פעאַקיער אַנטפּלעקט ער זיך ניט גלייך, און אַפילו פאַר איימאַיאָסן זעלבסט פאַרהאַלט ער זיך נאָך אינקאָגניטאָ, הגם די איבערגעגעבנקייט און די געטרייקייט פון דעם דאָזיקן קנעכט האָט אונטער קיין שום ספק ניט געקענט געשטעלט ווערן. די אומצוטרויַלעכקייט און די חשדנות האָבן אין אָדיסעוסן אויסגעאַרבעט די רגילות צו ליגן און צו כיטרעווען אַפילו אין יענע פאַלן, ווען אין דעם איז קיין שום נויטווענדיקייט ניט געווען. אַטענע, וועלכע האָט זיך באַוויזן צו אים אין דער געשטאַלט פון אַ יונגן בחור, הערט פון אים אויס אַן אויסגעטראַכטע מעשה פון זיינע אַוואַנטורעס. די געטין איז פאַרוואונדערט פון דער דאָזיקער גלענצנדער אימפּראָוויזאַציע, פון דעם דאָזיקן פּראָדוקט פון וואונדערלעך פּאָעטישער פאַנטאַזיע, און האָט ניט ווילנדיק אויסגעשריען:

„עס מוז זיין פאַרבאָרגן אין זיך און כיטרע אָן אַ שיעור דער, וואָס וועט דיר וועלן איבערשטייגן אין אויסגעטראַכטע מעשיות פאַרשיידענע; דאָס וואָלט שווער געווען אַפילו פאַר אַ גאָט. דו, וואָס דו טראַכסט אויס פאַרשיידענע שפּיצלעך, ביסט אויף שאַלקהאַפטיקע אויסטראַכטונגען פרעך, קענסטו ניט, אַפילו צוריקקערנדיק זיך אין דיין לאַנד, אָפּרייסן זיך פון די פינסטערע ליגנס און פון ווערטער, וועלכע האָבן אַ צווייאיקע באַדייטונג, צוגעוויינענדיק זיך צו זיי פון דער יוגנט אָן" [2].

דער דאָזיקער שכל אַרויסצודרייען זיך פון אַלע לאַגעס איז געריכטעט דער עיקר אויף דערגרייכן פּראַקטישע צילן. אָדיסעוס איז פריער פאַר אַלץ אַ פּראַקטיקער. סיי אין די מיליטערישע ראַטן, סיי אין פאָלקס־

1) אָדים., XII, 254—259.

2) אָדים., XIII, 291—295.

פאַרזאַמלונג, סיי אין לעבן פאַרגעסט ער קיינמאָל ניט די נוצן און די
פּראַקטישע צילן. ער באַרויקט די אָנפירער, וועלכע קריגן זיך, ער האַלט
אָפּ אַבילעסעם אום־עדולה, ווען ער רייסט זיך אין שלאַכט, פּאָדערנדיק,
אַז דאָס חייל זאָל זיך קרעפטיקן מיט שפּייז און אַז בריזעידע זאָל זיך
צוריקקערן. אַפילו ביי דעם רירנדיקן זעען זיך מיט דער אייגענער איטאַקע,
פאַרגעסט ער ניט פריער פאַר אַלץ צו זאָרגן וועגן די אוצרות, וועלכע
ער האָט באַקומען אַ מתנה פון אַלקינאָאָסן און צו באַהאַלטן זיי אין
אַ זיכערן אָרט. אָבער דער דאָזיקער ערפינדערישער שכל איז ניט נאָר
קיין פּראַקטישער שכל. אין אים איז פאַראַן אַ פולע פרייע פון איינגנוצן
און אַפילו זעלבסט=אָפּפערנדיקע וויסנליבשאַפט און נטיה צו פאָרשונג, אין
אים איז פיל ליבע צו קענשאַפט, שטרעבונג צו אומבאַוואוסטע לענדער
און מענטשן. יעדע פּראָפעסיע אַרבעט אויס איר טיפּ פון אַן ערלעכן
טוער, וועלכער ערשיינט אין איר אַלס דינער צו דער קונסט צוליב דער
קונסט. צווישן די קאַרגע זיינען פאַראַן פיל מענטשן, וועלכע האָבן דער=
פירט די קונסט פון געלט=קלייבן ביז דער מדרגה פון אמתער ווירטואָזיש=
קייט, לגמרי פאַרגעסנדיק, וועגן דעם גוטס, וואָס מען קאָן פאַר דעם
געלט באַקומען. צווישן די קריגער זיינען פאַראַן העלדן, וועלכע זיינען
גלייכגילטיק צו דעם ציל פון דער מלחמה און צו אירע ענדע=רעזולטאַטן,
וועלכע האָבן די שלאַכט פאַרוואַנדלט אין אַ זאַך פון ספּאָרט, וועלכע
האָבן הנאה פון דעם פּראָצעס פון געשלעג גופא. דער ים, וועלכער האָט
צעקאַרבט די ברעגן פון דעם גריכישן לאַנד, און האָט ביי זיין באַפעל=
קערונג אַרויסגערופן אַ לעבהאַפטע קאָלאָניזאַטאָרישע און הענדלערישע
טעטיקייט, האָט אויפגעוועקט אין זיי ניט בלויז דעם פּראַקטישן גייסט
פון קענען אויסדרייען זיך. ער האָט געבראַכט צו דער פאַרברייטערונג
פונם בליק אויף דער וועלט און צו ציוויליזאַטאָרישע שטרעבונגען. די
שטרעבונג צו וויסן אַלץ און אָנצוקלייבן נייע קענטענישן—דאָס איז דער
איידלסטער שטריך אין אָדיסעוסעס כאַראַקטער. דאָס איז יענע נאַציאָנאַלע
באַזונדערהייט פון די פאַרצייטיקע העלענער, וועלכער מיר האָבן אפשר
מער איידער אַלעם אַנדערן צו דאַנקען פאַר דער לעבנספעיקייט און פאַר
דער פאַרשפּרייטונג פון דער גריכישער ציוויליזאַציע. וויפיל פאָרשונגס=
קראַפט פון אַ געלערנטן טוריסט ווייזט אָדיסעוס אַרויס אין דעם לאַנד
פון די ציקלאָפּן! וואָס ציט אים אין דעם דאָזיקן קאַנט מיט גראַנדיעזע
בנינים „מיט שוואַרצקעפּיקע דעמבעס און סאָסנעס? אמת, אויך דאָ
שפּילט די הויפּט=ראָלע, אפשר, דער אינסטינקט פונם קאָמערסאַנט, די
שטרעבונג צו פאַרבינדן באַציִונגען מיט נייע מענטשן; „מיר האָט זיך
אים געוואָלט זען, — זאָגט אָדיסעוס, — מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט

אונז מכבד זיין און געבן אַ מתנה". אָבער דאָס איז גאָרניט די איינציקע כיבה. ביי דעם קיניג פון איטאַקע זיינען געווען טעמים פון אַ העכערער קאַטעגאָריע, וועלכע האָבן אים גענויט אַפילו צו פאַרגעסן זיין געוויינלעכע פאָרזיכטיקייט, אַפילו ניט פאָלגן „דאָס נאַרישע האַרץ", וואָס האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט באַגעגענען „אַ שרעקלעכן מאַן פון אומגעהייערער קראַפט, פון ביין כאַראַקטער" 1). ער גייט ניט בלויז צוליב נייע מערק און מתנות, ער ווייס, אַז דער דאָזיקער וועג איז פול מיט סודות און אומדערוואַרטע זאַכן, אַז ער דראָט מיט אומבאַוואוסטע סכנות, דעריבער לאָזט ער אַלעמען איבער אויף דעם ברעג און נעמט מיט זיך נאָר די בעסטע דרייסטע.

איר אַלע, חברים געטרייע, אַליין וועט פאַרבלייבן אָן מיר דאָ, און איך מיט מיין אָקרענט און לייט מיינע וועל איך אַוועקגיין פרוון דערוויסן זיך, וואָס פאַר אַן אומה עס וווינט דאָרט. איז זי אַ ווילדע, מיט מידות מיט בייזע, וואָס האָט ניט קיין גלויבן, קיין אמת, אָדער אַ פריינדלעכע, אַ גאַסטפאָרכטיקע און אַ גאַסט-פריינדלעכע?

די האָפענונג אָפצוזוכן נייע מענטשן, ווילדע אָדער קולטורעלע, דער דאָרשט נאָך ניט קיין איבערגעלעבטע געפילן נייטן גאַנץ אָפט אָדיסעוסן ניט צו קוקן אויף סכנות. דורך דעם דאָזיקן פאָרשער-אינסטינקט לאָזט זיך דערקלערן דער געפערלעכער נסיון, אויף וועלכן עס לאָזט זיך אָדיסעוס לעבן דעם אינזל פון די סירענעס, זיין באַאָבאַכטונגס-פעיקייט, די גענויע באַשרייבונג פון די מידות און די מנהגים פון יעדן לאַנד. באַשרייבנדיק דעם קאַנט פון די לאָטאָפאַגן, רעדט ער וועגן די איינגשאַפטן פון די געוויקסן, מיט וועלכע זיי דערנערן זיך. אין דעם לאַנד פון די ציקלאָפּן שטעלט זיך אָפּ זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די באַזונדערהייטן פון זייער פּאָליטישן און שטובּיקן לעבן; אים ברענגט אין רוים פאַרוואונדערונג, וואָס ביי זיי זיינען ניטאָ „ניט קיין פאָלקס-פאַרזאַמלונגען ניט קיין אַלגעמיינע ראַטן", וואָס זיי לעבן אין „פינסטערע היילן, אָדער אויף די שפּיצן פון די הויכע בערג", יעדער דאָרטן „ווייס נאָר פון זיך אַליין, ניט זאָרגנדיק וועגן אַנדערע". מיט איין וואָרט, דער קאָמערסאַנט און דער קריגער ווערט פאַרביטן אויף אַ געאָגראַף און אַ עטנאָגראַף. די פאַנטאַזיע פון יענער לייכטגלייביקער עפּאָכע האָט באַזעצט די וועלט מיט מערכנהאַפטע ברואים און די ערד באַשאָנקען מיט וואונדערלעכע געוויקסן, אָבער דער פאַנטאַסטישער כאַראַקטער פון די ערציילונגען וועגן פרעמדע לענדער זאָגט עדות, אין וואָס פאַר אַ משונהדיקן צוציענדיקן ליכט עס האָבן זיך פאַר דעם דעמאָלטיקן שכל געמאָלט די סוחריש-קריגערישע

1) אָדיס. IX, 213—214, 229—230.

אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדען מיט גרויסע געפאַרן, מיט אומגעוויינלעכע באַגעגענישן און מיט וואונדערלעכע אַוואַנטורעס.

צווישן די שוועריקייטן און די סכּנות האָט דער דרייסטער אַוואַנטוריסט פון דער האָמערישער עפּאָכע ניט פאַרגעסן זיין פאָטערלאַנד און זיין היים. דער געדאַנק וועגן פאָטערלאַנד גייט אַדורך ווי אַ רויטער פאָדים איבער אָדיסעוּסעס אַלע מחשבות און געפילן. ווי דער דרייסטער ים־רייזנדער איז ניט פאַרטאָן אין די וואונדער פון די פרעמדע לענדער, „דאָך ווייס ער ניט קיין לאַנד, קיין שענערס פאַר דעם ליבער איטאַקע". אומזיסט „האָט קאַליפּסאָ, די געטין פון געטינס, אַ לאַנגע צייט אַ פאַרשפּאַרטן אויף געוואַלט מיך פאַרהאַלטן, איבערצייגנדיק, אַז איך זאָל זיין איר מאַן; אומזיסט האָט מיך די צויבערין, די הערשערין פון עאַ, צירצעאַ אין איר הויז געהאַלטן, איבערצייגנדיק, איך זאָל זיין איר מאַן, — די ביטרע חניפות זייערע האָבן ביי מיר אין דער ברוסט ניט געפּענטעט מיין האַרצן. ניטאָ פאַר אונז קיין זאַך, זיסער פאַר דער פאָטערלאַנד און פאַר אונזערע קרובים, אַפילו ווען מיר זאָלן לעבן אין לוקסוס אין אַ רייכער וואוינונג אין אַ פרעמדן לאַנד, ווייט פון די ליבע עלטערן אונזערע"[1]. די דאָזיקע בענקשאַפט נאָך דער היימאַט און נאָך די נאָענטע פריינד פאַרלאָזט ניט אָדיסעוּסן אַפילו אין די מאָמענטן, ווען ער ווערט היננעריסן פון זיינע געפילן, און אין די רגעם פון פעלשונג. מיט איין וואָרט, זיין געשיכטע — דאָס איז די גענויע געשיכטע פון דעם שטורעמדיקן און ענדערלעכן גורל פון אַ ים־רייזנדער. אויב אין אַכילעסן איז פאַרקערפּערט דער קריגערישער גייסט פונם גריכישן פאָלק, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אויפן באָדן פון קאָלאָניאַלע כּיבושים, זיינען אין אָדיסעוּסעס כאַראַקטער צונויפגעקליבן יענע שטריכן, פאַר וועלכע די גריכן האָבן צו פאַרדאַנקען זייערע פרידלעכע קולטורעלע עראָבערונגען.

אַזעלכע העלדן, ווי אַכילעס און אָדיסעוּס, האָבן אָפּגעשטויסן אָן אַ זייט ניט בלויז די נידעריקערע קלאַסן. אין דער עפּאָכע פון מלחמות און פון געפערלעכע אונטערנעמונגען, וועלכע האָט אויפן אויבנאָן אַרויסגערוקט דרייסטע און קלוגע אונטערנעמער, האָט די פרוי ניט געקענט שפּילן קיין אַקטיווע ראָלע. איר ראָלע אין דעם לויף פון געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט זיך בלויז ווייניק אונטערגעשיידט פון דער ראָלע פון די קנעכט. אמת, די פרוי האָט אין שטוב גאַנץ גיכּט געהאַט אי ליבע אי אַכטונג, — אָבער די דאָזיקע באַציִונג מצד די אַרומיקע האָט ניט געענדערט איר אונטערטעניקע לאַגע. לויט דעם ווילן פון די מאַנסביל איז זי אַריבער־

1) אַדים., IX, 28—36.

געגאַנגען פון דער פאַטערס הענט אין דעם מאַנס הענט, פון איין באַזיצער צו אַ צווייטן. איר אייגענע מיינונג האָט מען ניט געפרעגט. איר באַשטימונג אויף דער וועלט איז געווען צו דינען אַלס הויזפירערין און פרייד פאַרן מאַן. זי איז אַ מין עלטסטע צווישן די שקלאַפינס, און, ווי עס שיינט, האָבן אַפנים די מאַנסביל ניט אַלעמאָל געהאַלטן פאַר אַ חוב צו לאָזן זי אין דער דאָזיקער לאַגע, וועלכע זי האָט פאַרנומען אין שטוב, ביזן סוף פון איר לעבן. אַלנפאַלס, אַגאַמעמנאָן מעלדעט אָפן, אַז ער האָט געוואָלט אַריינפירן בריזעיסעס טאָכטער אין זיין הויז אין דער ראָלע פון אַ פרוי. „איך וואָלט זי העכער געשטעלט אַפילו פאַר קליטעמנעסטרע גופא, וועלכע איך האָב אַלס יונגפרוי גענומען פאַר אַ ווייב. די בריזעידע איז פאַר איר ניט ערגער מיט דער פראַכט פון איר אויסזען, מיט דער אָנגענעמקייט אירער, אויך מיטן שכל און מיט די מעשים" 1). געגליכן צו די קנעכט, פלעגט די ווייב אָפטמאָל אויך זיין אַ קריגסרויב, און ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס די קריגער האָבן ווייניקער פאַר אַלץ זיך אינטערעסירט מיט די געפילן און מיט די פאַרלאַנגען פון דער פרוי, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם זיגער. אין דער צייט פון דעם דועל צווישן פאַריסן און מענעלאַאָסן, זאָגט איריסאַ צו העלענען: „דער העראָי אַלעקסאַנדער און דער אַרטריד מענעלאַאָס דער קאַמפסטרעגער וועלן מיט שפיזן מיט לאַנגע אַרויסגיין אַליין פאַר דיר קעמפן; און אָנרופן דיך ליבע ווייב וועט דער זיגער" 2). די פרוי באַשאַפט ניט קיין געזעלשאַפטלעכן לעבן, זי באַוועגט ניט די געשיכטע פאָראויס, זי האָט קיין איניציאַטיוו ניט אַפילו אין דער איינאָרדענונג פון שטובּיקן לעבן. געגליכן צו דער פאָלקסמאַסע און צו די קנעכט, איז זי אַ מיטל, דער העראָי — אַ ציל. איר ראָלע איז אַ באַדינונגסראָלע, זי איז איינע פון די עלעמענטן אין דער באַשאַפונג פון יענע באַדינגונגען, וועלכע עס ערלויבן די קיניגן און די העראָיען צו פאַרווירקלעכן פאָליטישע אויפגאַבן, אָדער באַשאַפן דאָס לעבן פון דער משפחה. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער אידעאַל פון אַ פרוי אין דער האָמערישער עפּאָכע האָט זיך ניט דערהויבן העכער פאַר דעם טיפ פון אַ געטרייער ווייב אוןווירטין, ווי אַ מין פענעלאָפע, אָדער אַ צאַרטער ווייב און מוטער, ווי אַ מין אַנדראָמאַכע, און דער נעגאַטיווער טיפ פון אַ פרוי האָט זיך געמאָלט פאַרן פאָעט אַלס די פאַררעטערין קליטעמנעסטרע. מיר וועלן ערגעץ אין דעם עפּאָס ניט באַגעגענען קיין רמז דערויף, אַז דער פאָעט באַציט זיך פאַראורטיילנדיק צו די מעשים תעתועים פון אָדיסעוסן אין די פאַלאַצן פון

1) אָדיס., I 113—115.
2) איל., III, 136—138.

צירצעיע און קאַליפּסאָ, אָדער צו אַגאַמעמנאָנס פּלאַן צו פאַרבייטן קליטעמנעסטרען אויף דער כריזעידע. אָבער די געטרייהייט פון פּענעלאָפּען, וועלכע האָמער האָט אַזוי געריממט, איז פאַר די ווייטערדיקע דורות געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון שיינהייט און געהויבנקייט פון אַ פרויען־נשמה, און קליטעמנעסטרעס פאַרראַט איז דערפירט צו דער מדרגה פון דעם גרעסטן פאַרברעכן. אין יענע צייטן האָט דער פאַרברעכן מצד אַ פרוי נאָך ניט געקענט זיין קיין רעזולטאַט פון ערגייציקע שטרעבונגען, ווי ביי אַ מין לעדי מאַקבעט. די פרוי האָט געקענט באַגיין בלויז איין פאַרברעכן: פאַלש זיין צו איר געזעצלעכן הערשער צוליב אַן אַנדערן, און אין דעם דאָזיקן הינזיכט שיידט זיך קליטעמנעסטרע, פון דעם פאָטעם שטאַנדפּונקט, ניט פיל אונטער פון יענע אָדיסעיִשע קנעכט, וועלכע האָבן זיך איבערגעגעבן צו די חתנים.

פּענעלאָפּע איז דער אידעאַל פון אַ פרוי פון דער האָמערישער צייט. זי איז קלוג און קיניגלעך רויִק. אירע רייד זיינען אַלע מאָל פול מיט איידעלער ווערדע. זי באַהערשט זיך ניט ערגער, ווי דער אויסגעפּרוּווטער דורך ערפאַרונג הערא. דער דאָזיקער געפיל פון זעלבסטווערדע איז, אפשר, דער סאַמע צוציענדיקער שטריך אין פּענעלאָפּעס כאַראַקטער. איר צרה איז טיף, אָבער זי טראָגט עס ניט אַרויס אויפן משפט פון דער גאַס.

„ס'האָט מיר אַ גרייִלעכע צרה דער דעמאָן דער פיינדלעכער אָנגעשיקט.
ביי טאָג אין מיין טרויער און פיין טו איך קרעפטיקן זיך די נשמה מיט האַנטאַרבעט, ווירטשאַפט, השגחה, דערויף וואָס עס טוען די דינסטן; אָבער ביינאַכט, ווען עס ווערט שטיל, און אַלע אַרויִקע פאַרזינקען אין זיסע חלומות, זיי רוען זיך זאָרגלאָז אין זיכער, — איך איינע אַליין דאַן פיניק מיך אומרויִק אויפן געלעגער, אין שלאָפלאָזיקייט שווערער ווייִנענדיק זיץ איך" [1].

בלויז די נאַכט איז דער שטומער עדות פון אירע טרערן. פאַר די חתנים ערשיינט זי אַלע מאָל אַ שטאָלצע און אַ רויִקע, און אַפילו די דאָזיקע פרעכע און פאַרשייטע רויבער בלייבן אין אַ געוויסער מאָס באַהערשט פון פאָרכטיקער אַכטונג פאַר פּענעלאָפּעס טיפער צרה. וויפיל שטאָלצע פאַראַכטונג צו די חתנים לאָזט זיך פילן אין איר ענטפער צו דער פאַרוואַלטערין איירינאָמע, וועלכע ראָט איר, איידער זי גייט אַרויס צו זיי „זאָל זי זיך אויסוואַשן און אָנרייבן זיך מיט שמעקעדיקן אייל די באַקן", מחמת „עס טויג ניט אַרויסצוגיין מיט אַ פּנים, אַ פאַרדאָרבענעם פון טרערן: די שיינקייט פאַרוועלקט פון באַשטענדיקן טרויער". די חתנים זיינען אין פּענעלאָפּעס אויגן ניט ווערט אַפילו די דאָזיקע געוויינלעכע ווייבערישע זאָרג וועגן אונטערהאַלטן די אויסערלעכע שיינקייט: „ניין,

1) אָדיס., XIX, 512—517.

קיין מאָל, איירינאָמע, וועל איך פאַר זיי, וואָס איך האָב זיי פּיינט, מיך ניט וואַשן און די באַקן זיך ניט אָנרייבן מיט שמעקעדיקע אייל. די געטער, די הערשער פונם אָלימפּ, האָבן פאַרניכטעט מיין שיינקייט אין דער זעלביקער שעה, ווען אָדיסעוס איז אַוועק קיין טראָיע דער ווייטער" 1).

די דאָזיקע געהויבנקייט און רויקייט פון גייסט פאַראייניקן זיך אין פּענעלאָפּען מיט אַ דינעם שכל און מיט פיינע איינפאַלן, און אין דעם שטייט זי ניט אָפּ פון איר ביטרען קלוגן מאַן. עס האָט ניט קיין גרענעצן די ערפינדערישקייט, וועלכע זי ווייזט אַרויס, אָפּציענדיק די חתונה. זי לייגט די חתנים פאָר צו וואַרטן, ביז זי וועט ענדיקן די וועבעכץ, וואָס זי האָט אָנגעהויבן; ס'דאָזיקע געוועב דאַרף דינען אַלס אַ דעקע איבער דעם אָרון פון דעם אַלטן לאַערטעס. און ביידערנאַכט לאָזט זי פונאַנדער דאָס, וואָס זי האָט בעסן טאָג אָנגעוועבט. דריי יאָר געדויערט די דאָזיקע רמאות. אָבער איינע פון די דינסטן גיט אַרויס איר געהיימעניש. לסוף כאַפּט זיך פּענעלאָפּע פאַרן לעצטן מיטל און לייגט פאָר די חתנים, זיי זאָלן זיך אויספּרוּוון אין שיסן פון אָדיסעוסעס בויגן, צוזאָגנדיק דערביי, אַז זי וועט ווערן די ווייב פון דעם זיגער. אָבער דעם דאָזיקן פאָרשלאָג מאַכט זי מיט גאווה, ניט פאַרבאָרגנדיק פון די פּרעטענדענטן, וועלכע דערעסן איר, די פאַראַכטונג אירע צו זיי. זי שליידערט זיי ווידעראַמאָל אין פּנים דעם ביטערן פאָרוואורף, וואָס זיי ראַבירן דעם פאַרמעגן פון איר מאַן; זי באַשטעטיקט ווידעראַמאָל איר ליבע צו דעם וואַנדערנדיקן, זאָגט, אַז איר איז דערווידער די חתונה, וואָס זיי פאָדערן, אַז זי זאָל האָבן מיט איינעם פון זיי, און מעלדעט, אַז איר אייגענע הויז, אַפילו ווען זי וועט פון דאָרט אַוועקגיין, וועט פאַר איר בלייבן „אַ ליכטיקע און פיל רייכע" וואוינונג פון גליק, אַ זאַך, נאָך וועלכער זי וועט אייביק בענקען. דער דאָזיקער שטאָלצער מוח, די דאָזיקע גרויסקייט פון דער נשמה איז ביי איר קאָנצענטרירט אויף איין געפיל. די אומבאַרירלעכקייט פון דער משפחה און פון דער היים, און דער מאַטעריעלער וואוילשטאַנד פון דער שטיב — דאָס איז דער ציל, וואָס אויף זיין פאַרווירקלעכונג פאַרשווענדט פּענעלאָפּע איר גרויסע ענערגיע, איר גאַנצן איידעלן שכל. די בענקשאַפט נאָכן מאַן שטערט איר ניט אויסצופירן די חובות פון אַ ווירטין. זי פאַרבעט ווי אַלעמאָל, אין דער צייט, ווען דאָס אומגליק האָט נאָך ניט באַזוכט אָדיסעוסעס הויז. די צייט גייט ביי איר אַוועק צווישן האַנטאַרבעט און השגחה אויף די דינסטן; זי היט זאָרגעוודיק אָפּ אַלץ, וואָס איז נאָך מעגלעך צו פאַרהיטן אין דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם חורבן. אָבער די הויז,

1) אָדיס., XVIII, 178—181.

וואו זי האָט, לויט איר אייגענעם אויסדרוק, „געפונען גליק", איז פאַר איר געווען אַ קערפּער אָן אַ נשמה, זינט אַדיסעוס איז פון איר אַוועק. פּענעלאָפּע איז אַ גרויסער כאַראַקטער, אָבער נאָר כל-זמן לעבן איר איז ניטאָ איר הערשער. איר גאַנצע קראַפט און שכל פאַרלירן דעם רעזאָן ד'עטר, ווען אַדיסעוס קערט זיך אום צוריק. פאַר דער ווירטשאַפט דאַרף מען ניט האָבן יענע טייערע מעלות פון גייסט, יענעם מעכטיקן ווילן און פיינעם שכל, וועלכע האָבן געמאַכט, אַז פּענעלאָפּען זאָל מען באַוואונ-דערן אין משך פון הונדערטער יאָרן. בשעת מען לייענט האָמערס פּאָע-מען, נעמט ניט ווילנדיק אָן אַ פרייד, וואָס אַדיסעוסן האָט געטראָפן דאָס אומגליק, וואָס האָט דעם פּאָעט געגעבן די מעגלעכקייט צו באַשאַפן איי-נעם פון די פּרעכטיקסטע פרויענגעשטאַלטן אין דער אַלוועלטלעכער פּאָעזיע, און ניט ווילנדיק קומט די מחשבה, אַז די מענטשהייט וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערוואוסט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ געהויבענע פרויענכאַראַק-טערן עס זיינען געווען אין דער צייט, ווען עס איז אויפגעגאַנגען די איי-ראָפּעישע ציוויליזאַציע, ווען ניט אַדיסעוסעס אויסערגעוויינלעכער מזל. דאָס געוויינלעכע גריכישע לעבן האָט אַפּנים ניט געגעבן קיין רחבות פאַר דער אָנווענדונג פון די איידלסטע מעלות פון דער פרויען-נאַטור. אַלס שכר פאַר דער פרוי האָט געקאָנט דינען מער ניט ווי די ליבע פון דעם מאַן. די מענער האָבן די געטרייע ווייבער נעצאָלט מיט טיפער ליב-שאַפט און אַכטונג און האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט אויסערלעכן כבוד; אַזעלכע זיינען געווען די באַציונגען צווישן העקטאָרן און אַנדראָמאַכען, און באַזונדערס צווישן אַלקינאָאָסן מיט אַרעטען. דער טיפּ פון דער לעצ-טער איז באַזונדער טשיקאַווע. די שילדערונג פון איר לעבן אין אַלקינאָ-אָסעס פּאַלאַץ איז איינער פון די זעלטענע עפּיזאָדן, אין וועלכע מען קען געפינען אַ רמז אויף דער געזעלשאַפטלעכער לאַגע פון דער פרוי. ביי זיין ערשיינען אין דעם פּאַלאַץ פון דעם פעאַקישן קיניג, נעמט אַדיסעוס אַרום אירע קני, כדי זי „זאָל איילן זיך, דעם טאָג פון זיין צוריקקערן אין דער היימאַט" אים „צו שענקען". אַלקינאָאָס האָט זי געאַכטעט, „ווי קיינמאָל איז נאָך אַ פרוי ניט געאַכטעט געווען פון מאַן". דאָס פּאָלק האָט זי פאַרגעטערט. ווען זי האָט זיך באַוויזן אין גאַס, האָבן זיך אַלע שטאָטלייט צו איר געשטופּט מיט אַ פריידיקן טומל: „אַ מילדע מיטן האַרצן, — גיט צו דער פּאָעט, — האָט זי אויך אַ געהויבענעם פאַר-שטאַנד, אַזוי אַז גיט זעלטן אַנטשיידט זי שווערע מחלוקתן פון די מענער" 1).

---

1) בוזעסקול. די פרויענפראַגע אין דעם אַלטן גריכנלאַנד.

אַזאַ איז די באַדייטונג פון דעם האָמערישן עפּאָס: די העראָישע עפּאָכע פון דער גריכישער געשיכטע שטייט פאַר אונז אויף אין איר גאַנצן ריזיקן וואוקס. אויב דער פּאָעט קוקט אויף דער וועלט מיט דעם אויג פון יענעם קלאַס, וועלכער האָט אין יענע צייטן געשאַפן די געשיכטע, פאַרקלענערט אָבער די דאָזיקע, אַ ביסל איינזייטיקע באַלייכטונג פון די געשעענישן ניט דעם ווערט פון די פּאָעמעס. דער קינסטלערישער געני, וועלכער מערקט שטענדיק אָן דאָס אייביקע און אַלגעמיינע אין פּריוואַטן און צייטווייליקן, האָט דעם שעפּער פונם עפּאָס געהאָלפן, ער זאָל איבערלאָזן פאַר די צוקונפטיקע דורות ניט בלויז דאָס גרויסע היסטאָרישע בילד, נאָר אויך דעם דענקמאָל פון חכמהשן פאַרשטיין די אַלגעמיינמענטשלעכע ליידנשאַפטן און אייביקע קאָנפליקטן.

III.

האָמער און העסיאָד אַלס אידעאָלאָגן פון פאַ־שיידענע קלאַסן. — ידיעות וועגן העסיאָדס פערזענלעכקייט און וועגן זיין היימאַט. — די שטימונג, וועלכע הערשט אין דער פּאָעמע „אַרבעטן און טעג“. — דער מיטאָס וועגן פּאַנדאָר און די לעגענדע וועגן פינף יאָרהונדערטן. — דער פּעסימיזם אין העסיאָדס מאָראַלישע און היסטאָרישע אָנשויונגען. — דער גייסט פון פּראָטעסט. — דאָס לעבן און דער אידעאַל פון אַגריקולטורעלן אַרבעטער־קלאַס לויט „אַרבעטן און טעג“. — „טעאָגאָניע“ און אַנדערע ווערק פון דער עפּישער פּאָעזיע. — קאָמישער עפּאָס. — „די מלחמה צווישן די מייז מיט די פרעש“. — „מאַרגיטעס“. — דער עמבריאָן פון די קינפטיקע אידעען אינם עפּאָס.

מיט העסיאָדן הייבט זיך אָן דער איבערגאַנג פון עפּאָס צו ליריִשער פּאָעזיע. עס עקסיסטירט אַ לעגענדע וועגן אַ געוועט צווישן האָמערן און העסיאָדן. די צוויי פּאָעטן, וועגן וועלכע מיר האָבן קיין שום זיכערע ידיעות ניט שיר ביז דעם סאַמע פאַקט, צי זיי האָבן ווען געלעבט, זיינען פאַרבליבן אין דעם זכרון פון די שפּעטערדיקע דורות אַלס צוויי קאָנקורענטן. אַ ניט קיין גרויס ווערק, וואָס באַציט זיך צו דער עפּאָכע פון דעם קייזער אַדריאַנוס, טיילט מיט טשיקאַווע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן דועל פון די פּאָעטן. זיי האָבן זיך באַגעגנט אין כאַלקידע אויף דעם אינזל אירבעאַ, אויף די שפּילן, וועלכע זיינען געווען איינגעאָרדנט לכבוד דעם קיניג אַמפידאַמאַס. די קריין פון מנצח האָט מען שוין געוואָלט אָנטאָן אויפן קאָפּ פון האָמער, אָבער פּאַניד דער שופט פון די שפּילן האָט געמאָלדן, אַז די קריין פאַרדינט יענער, ווער עס באַזינגט די פעלד־אַרבעט און פרידלעכע באַשעפטיקונגען, און ניט דער, וועלכער עס באַזינגט די מלחמות און רציחות. ביי די דאָזיקע ווערטער האָט פּאַניד דערלאַנגט העסיאָדן אַלס מתנה פאַרן נצחון אַ דרייפוס, וועלכן העסיאָד האָט געווידמעט די מוזעס פון העליקאָן [1]. באַמערקונגען וועגן די קאָנקורסן צווישן די ביידע פּאָעטן אין פאַרשיידענע ערטער באַגעגענען זיך אָפט ביי די פאַרצייטיקע שריפטשטעלער [2]. עס זיינען פאַראַן פיל יסודות צו רעכענען די דאָזיקע לעגענדעס פאַר אויסגעטראַכטע פאַנטאַזיעס. כמעט אַלע פאָרשער קומען זיך צונויף אין דער איבערצייגונג, אַז העסיאָד האָט ניט גע־

1) שטאָל. די גרויסע גריכישע שריפטשטעלער.
2) ט. בערגק. די גריכ. ליטער.־געש. I.

קאָנט זיין פון האָמערס צייטן, און אַז ער האָט געלעבט אַן ערך מיט הונדערט יאָר שפּעטער פאַר זיין קאָנקורענט. און פונדעסטוועגן קאָנען לויט זייער ווערט קיינע פאַקטישע דאַטן פון דער ביאָגראַפיע פון דעם שריפטשטעלער זיך ניט פאַרגלייכן אין די אויגן פון דעם ליטעראַטור-היסטאָריקער מיט די דאָזיקע ערציילונגען וועגן דעם געוועט פון די צוויי זינגער. די לעגענדעס, מיט וועלכע דער דמיון פונם פאָלק האָט אַרומגערינגלט די גרויסע פּערזענלעכקייט, גיבן אונז אָפּטמאָל אַ מער קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער גייסטיקער השפּעה פון דער פּערזענלעכקייט, איידער די וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלטע פאַקטן. אין די פאַקטן דערקענען מיר אָפט בלויז דעם פּריוואַטן מענטשן, אין די לעגענדעס—דעם גייסטיקן מנהיג פון דורות. אין די ערשטע שפּיגלט זיך אָפּ זיין פּערזענלעך לעבן, אין די אַנדערע — דאָס, וואָס עס האָט אים אויפגעהויבן העכער איבער דעם געוויינלעכן פלאַך און צווישן מיליאַסן פאַרגעסענע מענטשן זיין נאָמען געגעבן אומשטערבלעכקייט. אין דער דאָזיקער לעגענדע האָט אַ גרויסן ווערט ניט די פאַקטישע זייט, נאָר די אָפּשפּיגלונג פון דעם וואונדערלעך ריכטיקן בליק אויף דעם אונטערשייד און דעם שאַפן פון די ביידע פּאָעטן, — דעם בליק, וועלכן דאָס גריכישע פאָלק האָט געהאַט. פאַר אונז איז וויכטיק ניט אַזוי העסיאָדס נצחון, ווי די מאָטיוון, וועלכע זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך דעם שופט פאַניד. האָמער און העסיאָד— דאָס זיינען צוויי קעגנזעצלעכע פּאָלן. זיי דערפילן איינער דעם אַנדערן. און אויב די געשיכטע וואָלט פאַר אונז איינגעהיט בלויז די איליאַדע און די אָדיסעע, וואָלטן מיר זייער ווייניק געוואוסט וועגן די געפילן און די געדאַנקען פון די אומגליקלעכע, ליידנדיקע, מיט וועלכע עס האָט זיך ניט איבעריק אינטערעסירט דער שעפער פון די העראָישע פּאָעמען. האָמער האָט אויפן לעבן געקוקט מיט די אויגן פון אַן אַריסטאָקראַט, און אַפילו צו דעם אָרעמאַן איז ער צוגעגאַנגען מיט דער מאָס פון אַן אַריסטאָקראַט. העסיאָדס פּאָעזיע איז געווען די אידעאָלאָגיע פון האָרעפּאַשניק, וועלכער קעמפט אויס דורך שווערן שטרייט זיין שטיקל ברויט ביי דער אומפריינדלעכער נאַטור. אין דער איליאַדע און דער אָדיסעע האָבן מיר העראָיען מיט אַ ליכטיקער און פריידיקער וועלט-אָנשויונג; אין דער העסיאָדישער פּאָעמע „אַרבעטן און טעג" — דעם באַליידיקטן פון גורל מענטש מיט פּעסימיסטישע אָנשויונגען, וואָס קוקט מיט אַ טרויעריקן בליק אויף דאָס שלעכטס און אויף דער אומגערעכטיקייט, וועלכע הערשן אין דער וועלט. העסיאָדס שאַפונגען זאָגן עדות דערויף, אַז אויף די ערשטע שטאַפּלען פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע איז לעבן די גליקלעכע אויסדערוויילטע פונם גורל, וואָס דאָס

לעבן איז פאַר זיי געווען אַ כסדרדיקער יום=טוב, די האָרעפּאַשנע מאַסע
אויסגעזאַנגען פון שווערער אַרבעט איבער די קרעפטן, און האָט דאָס לעבן
אויפגענומען אַלס אַן אומפאַרמיידלעכן וועג, וועלכער איז באַדעקט מיט
צרות און פורעניות. אין דער לעגענדע וועגן דעם קאָנקורס צווישן האָמערן
און העסיאָדן האָט דער דמיון פונם פאָלק אפשר אומבאַוואוסטזיניק אָנגע=
מערקט די גרויסע איבערקערעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער לי=
טעראַטור. די פּאָעזיע פון די „פרידלעכע באַשעפטיקונגען" איז געקומען
פאַרנעמען דעם אָרט פון דער פּאָעזיע פון מלחמות און הריגות, די הע=
ראָישע צייט איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַן עפּאָכע פון פרידלעכער אַרבעט.
אין דער לעגענדע וועגן האָמערס און העסיאָדס דועל איז פאַראייביקט
דער קאַמף צווישן צוויי שולן: דער העראָיש=ראָמאַנטישער און דער גע=
זעלשאַפטלעך=רעאַלער, ווי מיר וואָלטן עס אויסגעדריקט אין אונזער צייט;
און איר איז פאַראייביקט דער נצחון פונם רעאַליזם איבער דעם ראָמאַנ=
טיזם. ווען די נאָכמאַכונגען אָן אַ שיעור, וואָס מען האָט נאָכגעמאַכט דעם
האָמערישן עפּאָס, די דאָזיקע „נישטיקע קאָפּיעס פון די גרויסע אָריגי=
נאַלן", האָבן פאַרפלייצט גריכנלאַנד, האָט דער העראָישער עפּאָס אָנגע=
הויבן פאַרלירן זיין רייץ 1). יעדער מין ליטעראַטור איז פאַרמשפּט אויף
וועלקונג, ווען ער הערט אויף צו שעפּן נייע קרעפטן פון דעם סאַמע
מעכטיקן קוואַל — פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט. און דאָס לעבן
איז געגאַנגען פאָראויס. די לעגענדעס וועגן די גריכישע גבורות און
נצחונות האָבן פאַרלאָרן די פאַרבונדנקייט מיט די נייע פאָדערונגען און
געשמאַקן; אונטער די דאָזיקע מסורות איז שוין מער ניט געווען קיין
רעאַלער באָדן, זיי זיינען געוואָרן פאַרגאַנגענהייט, געריממטע און שיינע,
אָבער וואָס איז שוין געווען אָפּגעגאָסן אין דער שיינער פאָרמע פון האָ=
מערישן עפּאָס. דער פּאָעטישער געני האָט פון דער דאָזיקער פאַרגאַנגענ=
הייט אַרויסגעצויגן אַלץ, וואָס עס האָט זיך געלאָזן אַרויסציען. די נייע
ווירקלעכקייט האָט געפאָדערט אַ נייע פּאָעזיע. מען האָט געדאַרפט אַ פּאָ=
עזיע, וועלכע זאָל דינען ניט נאָר אַלס פאַרוויילונג פאַר דער רייכער
זאַטער אַריסטאָקראַטיע, נאָר וועלכע זאָל באַשיינען דעם וועג פאַר די
אָרעמע קלאַסן, וועלכע זאָל זיי העלפן פונאַנדערקלייבן זיך אין זייערע
פּראַקטישע נויטן, וועלכע זאָל זיי געבן מאָראַלישע לעקציעס, זאָל זיי
מיטטיילן די נייטיקע ידיעות וועגן רעליגיע און נאַטור, וועלכע זאָל פאַר
זיי קאָנען דינען אַלס טרייסט אין די מינוטן פון רו אין זייער האָרע=
פּאַשנעם לעבן. העסיאָדס פּאָעזיע איז געווען דער ענטפער אויף די פאָ=
דערונגען פון דעם גריכישן פאָלק.

1) מאַהאַפי. אָנגער. וו.

זיין פערזענלעכקייט איז פאַרדעקט מיט אַ נעפּל פונקט אַזוי ווי האָמערס פערזענלעכקייט. מיר האָבן ניט קיין זיכערע ידיעות וועגן דער צייט, ווען ער האָט געלעבט. הערָדאָט און מיט אים צוזאַמען גאַנץ גריכנלאַנד האָבן געהאַלטן ביידע פּאָעטן פאַר מענטשן פון איין צייט; אַנדערע האָבן אַפילו דעם שעפער פון די אַ ר ב ע ט ן אָנגערופן עלטערער צייט־חבר פון דעם אַווטאָר פון דער איליאַדע, אַזוי אַז גלייך ווי העסיאָד וואָלט ביי האָמערן אָפּגענומען דעם בכבודיקן אָרט פון דעם שטאַמפאָטער פון דער גריכישער ליטעראַטור. די דאָזיקע מחלוקת איז נאָך מער קאָמפּליצירט געוואָרן אַדאַנק זייטיקע, דער וויסנשאַפט פרעמדע השערות, אין וועלכע ניט קיין קליינע ראָלע האָט געשפּילט דער אָרטיקער פּאַטריאָטיזם: העסיאָדס מיטבירגער האָבן געוואָלט דערהויבן דעם זון פון זייער פאָטערלאַנד 1). די נייסטע קריטיק איז, אויפן יסוד דער עיקר פון האָמערס און העסיאָדס שאַפונגען גופא, גענייגט געווען צו דער מיינונג, אַז מען דאַרף אָנערקענען האָמערס עלטערקייט, און זי פאַררעכנט העסיאָדס טעטיקייט צו די VIII—VII יאָרהונדערטן. ניט געקוקט דערויף, וואָס עס איז דאָ ווייניק ידיעות, טרעט העסיאָדס פערזענלעכקייט פאַר אונז אַרויס אין אַ ביסל אַ מער באַשטימטן ליכט, איידער האָמערס פערזענלעכקייט. ער אַליין האָט וועגן זיך איבערגעלאָזן ידיעות אין זיינע שאַפונגען, אין דער צייט וואָס האָמער רעדט ערגעץ ניט וועגן זיך אין דער א י ל י אַ ד ע און אין דער אָ ד י ס ע ע. זיין פאָטער איז אַ געבוירטיקער געווען פון קימע, אַ עאָלישע שטאָט אין קליין־אַזיע. נויט און צרות זיינען אַפנים געווען די ערשטע איינדרוקן פון דעם צוקונפטיקן פּאָעט אין די קינדערשע יאָרן. ניט עשירות און רחבות, נאָר די „בייזע אָרעמקייט" האָט גענויט העסיאָדס פאָטער צו פאַרלאָזן קימע און אַריבערוואַנדערן אין אַסקרע, אַ שטעטעלע אין בעאָטיע, ניט ווייט פון דעם באַרג העליקאָן. די דאָזיקע פאַקטן פון דעם פּאָעטס ביאָגראַפיע, קען זיין, האָבן אין אַ באַדייטנדער מאָס פאָראויס אָנגעוויזן די ריכטונג פון זיין פּאָעזיע. אָנשטאָט דעם בלינדן אַלטן, דעם ליבלינג פון די מוזעס, דעם געוואונטשענעם גאַסט פון קיניגן, ווי אין דעם דמיון פון די פאַרצייטיקע מענטשן האָט זיך אויסגעמאָלט האָמער, אַנטשטייט אין העסיאָדס פּערזאָן אַ נייער טיפּ פון אַ פּאָעט, — ניט פון אַ פרייען זינגער, וועלכער איז אָפּגעריסן פון לעבן, נאָר פון אַ פּאָעט אַ האָרעפּאַשניק, וועלכער איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער ערד. האָמער האָט געזונגען, העסיאָד האָט געפּיטערט די טשערעדעס. זיין לעבן — דאָס איז אַ געשיכטע פון שווערן קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ. דאָס אייראָפּעישע גריכנלאַנד איז ווייניק ענלעך צו די קאָ־

1) טעאָדאָר בערגק. גריכישע ליטעראַטור־געשיכטע I ב. פ קאַיאַן.

ניעם פון קליין=אַזיע, וואו עס האָט געהערשט אַ פריי הפקרדיק לעבן. אין אייראָפּעישן גריכנלאַנד זיינען געווען כסדר ברודער=קריגן, פאָרגעקומען איבערוואַנדערונגען פון פעלקער. די הערשאַפט פון די קיניגן און פון דער אַריסטאָקראַטיע אין קליין=אַזיע האָט אין זיך געהאַט לפּחות אַ געוויסע שיינקייט און פּאָעזיע; דאָ, אין אייראָפּעישן גריכנלאַנד, האָט זיך די דאָזיקע הערשאַפט געלייגט מיט שווערער לאַסט אויף די נידעריקערע קלאַסן. אָט פאַרוואָס צוזאַמען מיט דעם נאָכמאַכן דעם האָמערישן עפּאָס, וועלכער איז געווען מיט אַנטציקונג באַגעגנט, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין אייראָפּעישן גריכנלאַנד, איז אַנטשטאַנען אויך די נייע העסיאָדישע שול. דעם פּאָעטס יוגנט איז אַריבער אויף דער אומפריינדלעכער נאַטור פון זיין פאָטערלאַנד, אין אַסקרע, „וואו דער ווינטער איז שלעכט, און דער זומער מיאוס, און עס איז קיין גוטעס ניטאָ". מסתמא האָט דער קלימאַט פון זיין היימאַט אָנגעטריבן די פּאָלנדיקע באַשרייבונג פון דעם אומעטיקן ווינטער אין די „אַרבעטן און טעג": „ווען דער צפונדיקער ווינט טראָגט זיך אַדורך איבער די פליינען פון טראַקיע, פאַרפרירט ער מיט זיין אָטעם די ערד און הייבט אויף די בייזע ים=כוואַליעס, דאָס פעלד און דער וואַלד קרעכצען; פיל הויכע דעמבעס און יאָדלעס וואַרפט ער, יושענדיק משוגענערווייז, אַראָפּ אין די אָפּגרונטן, און דער טומל טראָגט זיך פונאַנדער ווייט איבערן וואַלד. די חיות ציטערן פון קעלט און פאַרדרייען אונטער זיך דעם עק, הגם זיי זיינען אָנגעטאָן אין וואַרעמע פוטערס. די קאַלטע אויסברוכן פון ווינט דרינגען דורך די פעל ביי דעם בוהיי און ביי דעם באָק און נויטן דעם אַלטן צו לויפן ווי אַ יונגערמאַן. די זון שפּאַצירט ווייט, באַלייכטנדיק די וואוינונגען פון די שוואַרצע מענטשן, און שפּעט באַווייזט זי זיך צום העלענישן פאָלק. די איינוואוינער פונם וואַלד, די באַהאָרנטע און די אָנהערנערדיקע קלאַפּן טרויעריק מיט די ציינער און זיי לויפן אַרום איבערן וואַלד, זוכנדיק פאַר זיך אַ שוץ אין די שפּאַלטן פון די בערג און אין די היילן. מענטשן גייען אַרום צונויפגעקאָרטשעטע, ווי אַלטע לייט, און זוכן צו באַהאַלטן זיך פון די שטיקער פאַלנדיקן שניי". אָבער העסיאָד איז געווען אומגערעכט קעגן זיין היימאַט. אויב איר האָט ער צו דאַנקען פאַר די אומפריינדלעכע לעקציעס פונם לעבן, האָט זי גופא דאָך אויף אים אָנגעווייעט די ערשטע באַגייסטערונגען. ער האָט געלעבט צופוסנס ביי דעם באַרג העליקאָן, וואו עס האָבן געוואוינט די מוזעס, און אין זיין „טעאָגאָניע" ברענגט ער אַליין אַ פּאָעטישע דערציילונג וועגן דעם, ווי די מוזעס האָבן אים געגעבן דעם שטאָק פון אַ פּאָעט. זיי האָבן אים אויסגערעדט דערפאַר, וואָס די פּאַסטעכער דינען נאָר צו זייער בויך. „מיר אָבער, — האָבן די מו=

זעם געזאָגט, — הגם מיר קענען טאַקע דערציילן אַ ליגן, וואָס איז ענלעך אויף אַן אמת, נאָר מיר קענען אויך, ווען מיר ווילן נאָר, פריידיקן דעם אמת״ [1].

זיין יוגנט איז אַריבער אין שווערער אַרבעט אויף דער אומפריינדלעכער נאַטור. בשעת זיין פאָטער איז געשטאָרבן, איז אים אויסגעקומען איבערצוטראָגן נייע קלעפּ פון דעם גורל און איבערציינגן זיך אין דער אומגערעכטיקייט פון מענטשן. זיין ברודער פּערסעס האָט אָנגעהויבן מיט אים אַ פּראָצעס צוליב דער ירושה און, אונטערגעקויפט די שופטים, האָט ער העסיאָדן דערבראַכט דערצו, אַז ער האָט געמוזט פאַרלאָזן אַסקרע. דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע פאַרפאָלגונגען מצד דעם ברודער איז עס טאַקע געווען די פּאָעמע אַרבעטן און טעג, וועלכע איז אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון אַ מוסר צו פּערסעסן. דאָס פּערזענלעכע אומגליק אין דעם לעבן פון די גרויסע מענטשן האָט אָפט געדינט אַלס אַ שטויס צו דעם, אַז זיי זאָלן באַשאַפן טיפע ווערק. די פיזישע שוואַכקייט און מאַטעריעלע דורכפאַלן פון לעאָפּאַרדי האָבן געבראַכט צו דעם, אַז ער זאָל באַשאַפן די באַוואוסטע טעאָריע פון Infelicità, און די באַליידיקונג, וועלכע מאָליער האָט איבערגעטראָגן אין דער הויפישער געזעלשאַפט פון לודוויק XIV, זיינען געווען די פאַקטן, וועלכע זיינען געלייגט געוואָרן אין דעם יסוד פון דאָן זשואַן און טאַרטיוף (זע מיין געשיכטע פון די מערב=אייראָפּעישע ליטעראַטורן ב״ב I און II). העסיאָד האָט, געגליכן צו זיינע שפּעטערדיקע חברים, אַרויסבאַקומען פון זיין פּערזענלעכן טרויעריקן לעבן גרויסע אויספירן, דורך דער פּריזמע פון זיין צרה האָט ער אַ בליק געטאָן אויפן לעבן און אויף דער נאַטור. אויב מיר קענען ניט איצט, אויף אַ שטרעקע פון טויזנטער יאָרן, אָפּטיילן די לעגענדע פון דער געשיכטע אין זיין ביאָגראַפיע, קאָן דאָך דער טרויעריקער קאָלאָריט, וועלכער באַפאַרבט זיין לעבן, ניט פאַרהוילן ווערן אין דעם נעפל פון די יאָרהונדערטן. אין די מסורות און אין די לעגענדעס האָבן זיך געקאָנט אַריינגנבענען פאַקטישע פעלערן און אומוואָרשיינלעכע פּרטים, אָבער אין זיי קלינגט באַשטימט און קלאָר דער גרונדטאָן פון דעם דאָזיקן לעבן, וואָס איז פאַרדאָרבן דורך די אכזרישע קלעפּ פונם גורל, דורך דער מענטשלעכער פאַרקויפלעכקייט און אומגערעכטיקייט, דורך די געזעלשאַפטלעכע אומאָרדענונגען און דער אומפריינדלעכער נאַטור. די לעגענדעס, וועלכע ווערן שטענדיק געשאַפן אַרום די גרויסע פּערזענלעכקייטן, האָבן מיט פּאָעטישע פּרטים אַרומגערינגלט אויך דעם סוף פון העסיאָדן. דער דעלפישער אָראַקל האָט אָנגעזאָגט דעם פּאָעט, ער זאָל זיין

1) שטאָל, די גרויסע גריכישע שריפטשטעלער.

פאָרזיכטיק און ניט באַזוכן דעם הייליקן וואַלד פון דעם נעמעישן צעוס, וואו אים איז באַשערט געווען, לויט די רייד פונם אָראַקל, צו שטאַרבן. דער פּאָעט האָט נאָך דעם גענומען אויסמיידן נעמעע און פעלאָפּאָנעס. אָבער קיינער, — זאָגט די לעגענדע, — קאָן ניט אויסמיידן זיין גורל. העסיאָד האָט זיך באַזעצט ביי זיינע פריינד אין איינער פון די לאָקרעישע שטעט, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס הייליקטום פון דעם נעמעישן צעוס. דאָ האָבן אים די פריינד געטויט, ניט ריכטיק חושד זייענדיק אים, אַז ער האָט כּלומרשט אַנטערט זייער שוועסטער, ביי וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן דער באַוואוסטער פּאָעט סטעסיכאָראָס. דעם פּאָעטס קערפּער האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין ים. אָבער די דעלפינעס האָבן דעם טויטן אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג פּונקט אין דער צייט פון אַ פייערונג, און דער המון האָט דערקענט דעם פּאָעט. אינגיכן האָט נעמעזידע באַשטראָפט די רוצחים. זיי האָט אַרויסגעגעבן העסיאָדס הינט, און ראַטעווענדיק זיך אויף אַ שיף, זיינען זיי אומגעקומען אין דער צייט פון אַ שטורעם; לויט אַן אַנדער מסורה האָבן די לאָקרעיער אַליין זיי דערטרונקען און חרוב געמאַכט זייערע הייזער. ענדלעך עקסיסטירט נאָך אַ לעגענדע, וועלכע באַשטעטיקט, אַז העסיאָד האָט דערלעבט ביז טיפן עלטער. אויך נאָכן טויט האָט העסיאָד ווייטער פאָרטגעזעצט צו שאַפן וואונדער. זיין קערפּער איז באַגראָבן געוואָרן אין נעמעיע אין אַ פעלזן, אָבער אַרום דעם VII י. ה. אַן ערך, אין דער צייט פון אַ מגפה אין אָרכאָמען, האָט דער דעלפישער אָראַקל אַן עצה געגעבן די איינוואוינער פון אָרכאָמען, זיי זאָלן אַריבערטראָגן דעם פּאָעטס קערפּער צו זיך, און ווען מ'האָט די דאָזיקע עצה דערפילט, האָט די מגפה אויפגעהערט. לכבוד העסיאָדן האָבן די איינוואוינער פון אָרכאָמען אויסגעבויט אויפן מיטן שטאָט-פּלאַץ אַ דענקמאָל מיט אַן אויפשריפט, אין וועלכער דער פּאָעט ווערט אָנגערופן דער אויפקלערער פון די מענטשן, וועלכע זוכן אַ וועג צו דער חכמה. העסיאָדס אָנדענקען האָט מען שטאַרק געאַכטעט אין פאַרשיידענע ערטער פון גריכנלאַנד, וואו מען האָט אים געשטעלט דענקמעלער, לכבוד אים געשריבן אַנטאָלאָגישע לידער, פון וועלכע איינס, וואָס געהערט צו אַלקאַיאָס פון מעסענע, זאָגט פאָלגנדיקס:

„דעם קערפּער פון דעם זינגער העסיאָד, וועלכער איז טויט געפאַלן אין די לאָקרעישע וועלדער, האָבן די נימפעס איבערגעגעבן דער ערד, אָפּוואַשנדיק אין ריינע שטראָמען; זיי האָבן אַליין אויסגעבויט דעם אָרין. און די פּאַסטעכער פון די ציגן האָבן אַלם קרבן צו אים געגאָסן זיסן מילך, צונויפגעמישט מיט גאָלדיקן האָניק. זיס האָבן זיך געגאָסן די לידער פון דעם מויל פון דעם געשטאָרבענעם זקן: מיט אייער קאַסטאַלישן שטראַל, מוזעס, איז ער געווען אָנגעטרונקען![1]).

1) ז. בערגק, אַנגער. וו.; שטאָל, אָנגער. וו.; אַלעקסעיעוו, די אַלטגריכישע פּאָעטן אין ביאָגראַפיעס און מוסטערן.

אָט דאָס איז אין קורצע שטריכן די געשיכטע פֿונם פּאָעט, וואָס די שפּעטערדיקע דורות האָט זיין געשטאַלט פֿאַרהיט אין זכרון אַלס דעם פֿריינד, דעם טרייסטער און לערער פֿון די אומגליקלעכע מאַסן. דער האָמערישער עפּאָס איז געווען אַ לוקסוס, אַ גרויס באַפּוצונג אויף די מאָל־ציַיטן פֿון די ליבלינגען פֿונם גורל; העסיאָדס פּאָעזיע איז געווען דער טאָג־טעגלעכער גייסטיקער ברויט פֿון דעם אָרעמאַן. די איליאַדע און די אָדיסעע זיינען געווען דער קאָדעקס פֿון די ריטערישע מצוות, דאָס לערבוך פֿון מאָראַל און ערע, די זאַמלונג פֿון די העראָישע אידעאַלן, און פֿון דער סוחריש־קאָלאָניאַלער חכמה. די אַרבעטן און טעג זיינען געווען דאָס האַנט־בוך פֿונם פֿעלד־אַרבעטער; אין זיי האָט ער גע־פֿונען אַן ענטפֿער ניט בלויז אויף זיינע מחשבות, נאָר אויך פֿריינדלעכע עצות אויף אַלע פֿאַלן פֿון זיין שווערן לעבן. זיי האָבן אויך באַפֿרידיקט זיין שטרעבונג צו וויסן און פֿאַרשטיין, ווייל דאָ האָט ער געפֿונען ערציי־לונגען וועגן דער וועלט און וועגן דער געשיכטע, וועלכע האָבן פֿולקום אַנטשפּראָכן זיינע פֿאָרשטעלונגען; לסוף זיינען זיי געווען זיין טרייסט, מחמת זיי זיינען דער פּאָעטישער עכאָ פֿון זיין אייגענעם טרויער און בענקשאַפֿט.

אַרבעטן און טעג — דאָס איז אַ גרויסער דענקמאָל, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אויף אַ גאַנצע און פֿאַרענדיקטע וועלטאָנשויונג פֿונם פּאָעט, וועלכער איז געווען בכוח צו שאַפֿן אַ האַרמאָנישע סיסטעם פֿון אָנשויונגען אויף דער נאַטור, אויף דער געשיכטע און דאָס לעבן, פֿונאַנ־דערטיילן די באַזונדערע טיילן מיט אַזאַ געשיקטער האַנט, אַז עס האָט זיך באַקומען אַן אַלאומפֿאַסנדיק האַרמאָניש בילד. העסיאָד האָט זיין קאָסמאָגאָניע, זיין היסטאָרישע סכעמע, זיין מאָראַלישע פֿילאָסאָפֿיע, לסוף זיין באַשטימטן בליק אויף אַלע מאָמענטן און פּרטים פֿון פּראַקטישן לעבן. און אַלע די דאָזיקע פֿראַגן זיינען באַשיינט מיט איין ליכט, צו אַלע פּראָבלעמען גייט ער צו מיט איין מאָסשטאַב, מיט דער גאַנצער נשמה פֿון אַ מענטשן, וועלכער ווייס ניט קיין וואַקלענישן און אָפּנייגונגען. אויך זיינע לידער זיינען ניט פֿריי פֿון אַריינגעשטעלטע שטיקער און שפּע־טערדיקע פֿעלערן, אָבער זיי קאָנען פֿון אונז ניט באַהאַלטן די האַרמאָ־נישקייט פֿונם גאַנצן, די איינהייט פֿון דעם שטאַנדפּונקט. זיין בליק אויף דעם גורל פֿון דער מענטשהייט איז אַ טרויעריקער. די געטער זיינען ניט קיין פֿריינד, נאָר שונאים פֿון דער מענטשהייט; אַרבעט און צרות האָבן זיי געגעבן דעם מענטשנמין פֿאַר זיין חלק אין לעבן. „צעוס האָט צו־געטראַכט פֿאַר די מענטשן דריקנדיקן טרויער“ דערפֿאַר, וואָס פּראָמע־טעוס האָט אים אָפּגענאַרט; צעוס האָט ביי די מענטשן אָפּגענומען דאָס

פייער, נאָר דער איידעלער זון פון יאַפעטאָס האָט דאָס פייער צוריקגעגעבן די מענטשן. דעמאָלט האָט דער קיניג פון די געטער און די מענטשן באַשלאָסן אַראָפּצושיקן אויף דער ערד דאָס שלעכטס צו גרויסע לײדן סײ פאַר דעם רויבער פון דעם פייער, סײ פאַר די קומענדיקע דורות. ער האָט באַפוילן העפייסטאָסן באַשאַפן אַ פּרעכטיק מיידל, געגליכן מיטן געזיכט צו די געטינס גופא. אַלע איינוואוינער פונם אָלימפּ האָבן זי באַשאָנקען מיט מתּנות „צום אומגליק פון די מאַנסביל די אַרבעטנדיקע“, און דעריבער האָט זי באַקומען דעם נאָמען פּאַנדאָרע. די גאָלדענע אַפּראָדיטע האָט איר קאָפּ אַרומגערינגלט מיט שיינקייטן, „מיט פאַרלאַנגען, וועלכע וועקן אויף ליידן, און מיט זאָרג וועגן באַפּוצן די איברים“. הערמעס האָט איר געגעבן אַ מתּנה דעם אומפאַרשעמטן שכל, „רמאותן און חניפהדיק ריידן און נטיות צו פאַלשקייטן“. אַטענע האָט איר אויסגעלערנט וועבן אויפן וועב־וואַרשטאַט און אַז. וו. ווען פּאַנדאָרע איז שוין געווען באַשאַפן, האָט צעוס זי אַוועקגעשיקט צו עפּימעטעוסן, פּראָמעטעוסעס ברודער. ניט געקוקט דערויף, וואָס פּראָמעטעוס האָט אים געוואָרנט און געראַטן ניט אָנצונעמען קיין געשאַנקען פון צעוסן, האָט עפּימעטעוס צוגענומען פּאַנדאָרען, און זי האָט פאַרשפּרייט דאָס שלעכטס איבער דער ערד. „פריער האָבן אויף דער ערד געלעבט דורות פון מענטשן, וועלכע זיינען געווען ווייט פון שלעכטס, אָן שווערער אַרבעט און אָן פּיינלעכע קראַנקהייטן, וועלכע ברענגען מענטשן דעם טויט. אָבער ווען די פרוי האָט מיט די הענט אַראָפּגענומען פונם קרוג דאָס גרויסע דעקל און האָט זיי צעשאָטן, דעמאָלט זיינען ביי די מענטשן אַנטשטאַנען טרויעריקע זאָרגן. מער ניט ווי איין האָפענונג איז אויפן אָרט אינעווייניק אינם קרוג פאַרבליבן, אונטער זיין האַלז, און האָט ניט געקענט אַרויספליען אין דרויסן, ווייל די פרוי האָט באַוויזן באַצייטנס דעם קרוג צו פאַרדעקן מיטן דעקל לויט דער פאָראויסבאַשטימונג פון דעם פאָנטרעגער צעוס דעם וואָלקנטרייבער. אַנדערע אָבער טרויערן אָן אַ שיעור וואַנדלען אַרום צווישן די מענטשן. די ערד איז פול געוואָרן מיט שלעכטס; מיט דעם איז אויך דער ים פול. די קראַנקהייטן קומען אַריין אין דער סביבה פון די מענטשן סיי ביי טאָג, סיי ביינאַכט אומגעבעטענע, ברענגענדיק מענטשן אומגליק אין דער שטיל, וואָרעם קיין שטימע האָט זיי דער אַלצוויסנדיקער צעוס ניט געגעבן — עס איז אוממעגלעך אויסצומיידן צעוסעס רצון“.

מיט דעם דאָזיקן מיטאָס וועגן פּראָמעטעוסן און פּאַנדאָרען הייבט העסיאָד אָן זיין פּאָעמע, און דער געדאַנק, וועלכער ליגט אין דעם יסוד פון דעם מיטאָס, איז צוזאַמען דערמיט אויך דער גרונדגעדאַנק פון דער פּאָעמע גופא. שלעכטס און אומגליק זיינען באַשאַפן ניט פון מענטשן, זיי

זיינען אויף דעם מענטשלעכן געשלעכט אַראָפּגעשיקט געוואָרן דורך די העכערע קרעפטן און זיינען אומפאַרמיידלעכע עלעמענטן פון לעבן. די מענטשן וועלן קיינמאָל ניט דערלייזט ווערן פון זייערע שרעקלעכע שונאים, וועלכע זיינען אויף זיי אַראָפּגעשיקט פאַר דער שולד פון פּראָמעטעוסן. דער דאָזיקער מיטאָס, וועלכער רעדט וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון די ליידן אויף דער ערד, קאָן לויט איר פינסטערן פּעסימיזם זיך פאַרגלייכן מיט דער האָפענונגסלאָזער לערע פון לעאָפּאַרדי און פון שאָפּענהויער [1]. דער דאָזיקער מיטאָס האָט ניט געקאָנט אויפגעבאַפּט זיין פון די פרייליכע יאָגער אין קליין-אַזיע. זי האָט געפונען אַ מעכטיקן ווידערקלאַנג אין די הערצער פון די גריכן, ווען דאָס ריטערישע לעבן, דערגרייכנדיק זיין הויכפּונקט אין דער עפּאָכע פון דער טראָיער מלחמה, האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט פאַר דער וואָכעדיקער אומרויִקייט פונם שטאָטישן און דאָרפישן לעבן. די נייע פרידלעכע אָרדענונג האָט זיך ניט גלייך איינגעשטעלט. פיל מענטשן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייער היימאַט צוליב די קאָלאָניעס, האָבן זיך אַנטוישטע צוריקגעקערט אַהיים. אפשר איז איינער פון זיי געווען אויך העסיאָדס פאָטער, וועלכער איז אַנטלאָפן פון קליין-אַזיע קיין בעאָטיע. די ממשלה פון די קיניגן אין אַסקרע, גלייך ווי אין פיל אַנדערע ערטער פון גריכנלאַנד, איז פאַרביטן געוואָרן אויף דער אָפּגעשלאָסענער הערשאַפט פון דער אַריסטאָקראַטיע, אַ דעספּאָטישער און אומגערעכטיקער, וועלכע האָט איינגעשטעלט אַן אַכזרישן רעזשים [2]. די עפּאָכע און די אָרמיקע באַדינגונגען האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער בעאָטישער פּאָעט זאָל ווערן דער אויסדריקער פונם גריכישן פּעסימיזם, ווי האָמער איז געווען דער זינגער פון דער גריכישער הפקרות און פרייליכקייט. אין דער דאָזיקער סביבה איז דער מיטאָס וועגן פּאַנדאָרען אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט מיטגעפיל.

די זעלביקע פּעסימיסטישע טענדענץ, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען העסיאָדס לערע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון שלעכטס, האָט נעהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף זיינע היסטאָרישע פאָרשטעלונגען. די געשיכטע פון דער מענטשהייט — דאָס איז די געשיכטע פון איר כסדרדיקער ירידה. די געשיכטע וועגן די פינף תקופות פון דעם לעבן פון דער מענטשהייט האָט פאַר העסיאָדן אין דער באַשרייבונג פון זיינע היסטאָרישע אָנשויונגען געהאַט די זעלביקע באַדייטונג, וואָס דער מיטאָס וועגן פּאַנדאָרען — אין זיין מאָראַלישער לערע. דער ערשטער דור פון מענטשן,

---

1) זע II ב. פון מיין געשיכטע פון די מערב-אייראָפּעישע ליטעראַטורן.

2) ט. בערגק. דאָס אָנגער. ווערק.

וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן אַלס אומשטערבלעכע געטער, האָט נאָך געלעבט אין יענע צייטן, ווען איבער דער וועלט האָט געהערשט ניט צעוס, נאָר זיין פאָטער קראָנאָס. די דאָזיקע מענטשן האָבן ניט געוואוסט פון אַרבעט און פון צרות. זיי „האָבן זיך געפרייט אויף מאָלצייטן, פרעמדע פון יעדן בייז, געשטאָרבן זיינען זיי, גלייך ווי פאַרזונקען אין שלאָף; אַלדאָס גוטס איז געווען זייער אַרבּ״ [1]). די ערד האָט אַליין געלאָזן וואַקסן פאַר זיי פרוכט. גרויסע טשערעדעס זיינען געווען גרייט פאַר זיי. די דאָזיקע גאָלדענע תקופה האָט אָפּגעטראָטן איר אָרט פאַר אַ זילבערנער. דער נייער דור פון מענטשן איז שוין ניט געווען אַזוי גליקלעך, ער איז שוין ניט געווען ענלעך אויף דעם פאָריקן „ניט מיט זיין שטאַלטנעקייט, ניט מיט זיין שכל״. די דאָזיקע מענטשן האָבן ניט געוואָלט ערן די אומשטערבלעכע, און האָבן ניט געקענט „איינהאַלטן זייער פאַרשייטן כאַראַקטער״, און דער דערצאָרנטער צעוס האָט זיי באַהאַלטן אונטער דער ערד, וועלכע האָט שוין פריער פאַר זיי באַהאַלטן דעם גאָלדענעם דור. די מענטשן האָבן זיי אָנגערופן „די צווייטע אונטערערדישע גליקלעכע״ און גיבן זיי אָפּ כבוד, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי זיינען געפאַלן. אָנשטאָט דעם זילבערנעם דור איז געקומען אַ מעשענער, וועלכער איז אין קיין שום הינזיכט ניט ענלעך געווען אויף דעם, וואָס איז געווען פריער. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער און אַ שטאַרקער דור; זיי האָבן געהאַט „אַ גייסט אַ האַרטן, ווי שטאָל, און הענט אומבאַזיגלעכע״. גוואַלט און בייז — „די מעשים פון אַרעס״ — דאָס זיינען געווען זייער הויפּטזאָרג. די הייזער, דאָס געווער און אַלע כלים זיינען ביי זיי געווען פון קופּער מחמת „עס איז נאָך ניט געווען דער שוואַרצער אייזן״. אָבער אויך זיי, ווי שטאַרק זיי זיינען ניט געווען, האָט „באַהערשט דער שוואַרצער טויט, און זיי האָבן פאַרלאָרן די גלענצנדע שיין פון דער זון״. דער פערטער דור — דאָס איז „דער געטלעכער דור פון מענער-העראָיען״. זיי האָט מען „אויף דער ערד דער גרענעצלאָזער גערופן האַלבגעטער״. זיי זיינען געווען יושרדיקער און בעסער פאַר זייערע פאָרגייער. דאָס איז טאַקע דער דור פון דער עפּאָכע פון דער טראָיער מלחמה. „די בייזע מלחמה און די שרעקלעכע שלאַכטן האָבן פאַרניכטעט פילע פון זיי אונטער דער זיבנטויעריקער שטאָט טעבען, אין יענע צייטן, — אין אַנדערע „ווען דורך דער גרויסער טיפעניש פונם ים האָבן זיי געפירט צו טראָיע אויף אָקרענטן די חיילות צוליב העלענען דער שיינגעלאָקטער״. צעוס האָט זיי באַזעצט אויף די ראַנדן פון דער ערד, אויף די גליקלעכע אינזלען לעבן דעם טיפאָפּגרונדיקן אָקעאַן. „גליקלעכע העראָיען; מיט פרוכטן ווי האָ-

1) אַרבעטן און טעג.

ניק=זיסע באַשענקט זיי דריי מאָל אַ יאָר דאָס בליענדיקע פרוכטבאַרע פעלד". אַזוי וויקלט זיך פונאַנדער די געשיכטע פון דער מענטשהייט אין העסיאָדס באַשרייבונג, די העראָישע עפּאָכע, וועלכע איז באַזונגען דורך האָמערן, מאָלט זיך פאַר דעם אַווטאָר אַלס דער לעצטער דור פון די טיטאַנען. ערגעץ איז דער אונטערשייד צווישן דעם אינהאַלט פון דער האָמערישער און דער העסיאָדישער פּאָעזיע ניט אַזוי בולט, ווי אין דער שילדערונג פון דעם פערטן און פינפטן דור. די צייט פון ברייטע פּלענער, פון גרויסע פריידן און איידעלע טרוימען איז אַריבער. עס איז אָנגעקומען די עפּאָכע פון גראָען אינדערוואָכן, פון באַנאַלע שטרעבונגען און נישטיקן קאַמף. „אָ! — שרייט אויס דער פּאָעט, — פאַרוואָס מוז איך לעבן אין דעם פינפטן דור פון מענטשן, פאַרוואָס בין איך ניט געשטאָרבן פריער אָדער ניט געבוירן געוואָרן שפּעטער! היינט איז דער פּעריאָד פון דעם אייזערנעם דור. ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט הערן ניט אויף די פּלאַגע און די דאגות. דאָס איז אַ פאַרדאָרבענער דור. די געטער שיקן אים אַראָפּ שווערע זאָרגן". אין דעם דאָזיקן דור קריגן זיך אַ פאָטער מיט אַ זון און אַ זון מיט אַ פאָטער, אַ פריינט מיט זיין גאַסט און אַ חבר מיט זיין חבר. קינדער פאַרשאַפן חרפּה זייערע אַלטע עלטערן. מענטשן פון גוואַלט זיינען פעיִק חרוב צו מאַכן די אייגענע שטאָט אויס בייזקייט איינער צום צווייטן. גוטע וואָרהאַפטיקע און געטרייע צו זייער שבועה זיינען פון קיינעם ניט געאַכטעט. כבוד האָבן די, וועלכע טוען בייז און גוואַלט. די קנאה, פרייענדיק זיך איבער דעם בייז, גייט אַרום צווישן די נישטיקע מענטשן, מיט אַ הויכן געשריי, מיט אויגן פולע מיט שנאה״.

אַזוי גייט העסיאָד אַריבער פון זיינע פילאָסאָפישע און היסטאָרישע אָנשוייונגען צו דער קריטיק פון דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג. דער פּאָעט=דענקער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סאַטיריקער, און זיין ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון לעגענדעס און מיטאָסן, ווערט דער עכאָ פונם פאָלקס=אומגליק און דער פּראָטעסט קעגן דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג. דער בעל=מום טערסיטעס, וועלכן מען האָט געניט אָנטשוויגן צו ווערן דורך די קלעפּ פון אָדיסעוסעס שטעקן, אַנטוויקלט איצט זיינע אָנקלאָגעס אין אַ גאַנצער פילאָסאָפישער און לעבנס=פּאָעמע, אַטאַקירט די גוואַלדטאַטן און דעקט אויף און באַשולדיקט דעם אומגערעכטיקן משפט. דאָס קלאָגן זיך אויף דער ווילקיר און אויף דעם זוכן אייגענע נוצן מצד די קיניגן, וואָס צעשטערט זעלטן דעם פרייליכן גערויש פון דער א י ל י אַ ד ע און דער אָ ד י ס ע י ע, באַקומט אין די „אַ ר ב ע ט ן א ו ן ט ע ג" באַשטימטערע פאָרמען. דאָ ווערט די קיניגן געוואָרפן אין פנים די באַשולדיקונג אין שוחד נעמען און אין אומגערעכטיקייט, און דער פּאָעט ווענדט

זיך צו זיי מיט אַ מוסר. אין די דאָזיקע אָפּקלאַנגען פון אומצופרידנקייט און פון באַקלאָגן זיך מצד דעם פאָלק אַנטפּלעקט זיך די ירידה פון יענע באַגריפן און געפילן, וועלכע האָבן געוועזט געבילדעט דעם יסוד פון דער גריכישער מאָנאַרכישער אָרדענונג. „די געשלעכע אָפּשטאַמונג און דער הייליקער כאַראַקטער פון דער קיניגלעכער מאַכט, וועלכע זיינען אַ זאַך פון איבערצייגונג פאַר די קיניגנדיקע משפחות, ווערן אויסגעשטעלט און אונטערגעשטראָכן דורך זייערע הויפּישע זינגער, אָבער דאָס פאָלק פילט עס שוין נאָר אין אַ שוואַכער מאָס. די פאַרשטאַרקונג פון די קריגער און זייער פאַרוואַנדלונג אין אַן אַמטלעכער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז גרייט צו דינען אַלס שטיצע פאַר דעם טראָן צוליב כיבודים און חסדים, וואָס קומען פונם טראָן, האָט אין גריכנלאַנד ניט געקאָנט האָבן קיין אָרט, מחמת דעם שנעלן און אַנטשיידעניעם איינשטעלן אַ שטאָטישן געמיינדעלעבנסשטייגער" 1). העסיאָדס ליד מערקט אָן דעם אָנהייב פון דעם דאָזיקן פּראָצעס. ס'דאָזיקע ליד איז די ערשטע קלאָרע אָפּשפּיגלונג פון דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין גריכנלאַנד און דערביי — פון די ערשטע טריט פון דער דאָזיקער באַוועגונג. דאָס זאָגט עדות דערויף, אַז אין איין שורה מיט די אַריסטאָקראַטישע אָנשווינגען, האָט אונטן, אין די פאָלקסמאַסן, געררייפט אַ געדאַנק, האָבן זיך פאָרמירט אייגנאַרטיקע בליקן אויף דער נאַטור און אויף די מענטשלעכע באַציונגען, — בליקן, וועלכע האָבן געבראַכט צו דער באַשאַפונג פון אַ ציוויליזאַציע, וועלכע ווערט באַוואונדערט פון דריי יאָרטויזנטער.

מיט דעם פילאָסאָפישן און דעם סאַטירישן עלעמענט איז ווייט ניט אויסגעשעפּט דער אינהאַלט פון דער העסיאָדישער פּאָעזיע. עס איז אָנגענומען זי צו רופן דידאַקטישע. געגליכן צום רוסישן Домострой, אָדער די לערע פון מאָנאָמאַך, האַלט זי אין זיך איין אַ ריי עצות אויף אַלע פאַלן פון לעבן, אָנהייבנדיק פון די רעליגיעזע חובית פון דעם מענטשן, און ענדיקנדיק מיט די קלענסטע פּרטים פון זיין ווירטשאַפט און פון דער פירונג אין שטוב. העסיאָדס ברודער פּערסעס איז צו אים געקומען מיט דער בקשה וועגן הילף, און העסיאָד, אָנשטאָט צו העלפן דעם אומזיסטן עסער און אויסברענגער, גיט אים אַ ריי עצות וועגן דעם, ווי אַזוי ער זאָל זיך אָנקלייבן פאַרמעגן אויף אַן ערלעכן אופן. די דאָזיקע עצות קאָנען דינען אַלס אַ טייערער מאַטעריאַל צו אורטיילן וועגן די אידעאַלן, וועלכע זיינען געווען ביי די אַגריקולטורעלע אַרבעטערקלאַסן, געגליכן דערצו. ווי דער האָמערישער עפּאָס איז אַ קוואַל צום אורטיילן וועגן די אַריסטאָקראַטישע אידעאַלן.

1) אַלאַנדסקי, די געשיכטע פון גריכנלאַנד.

די רעליגיע און דער אייגענער אינטערעס — זיינען דער איינציקער שוץ פאַר יושר, די גאַראַנטיע פאַר ערלעכקייט. זיי ליגן אין דעם יסוד פון העסיאָדס חכמה. ערגעץ פילט זיך ניט קיין צוטרויען צו די געזעצן און צו דער מאַכט. דראָענדיק דעם אומערלעכן, אָדער דעם באַליידיקער, איז זיך העסיאָד סומך אויף צעוסעס צאָרן, אָדער אויף דעם היזק, וואָס די אומגערעכטיקייט קאָן ברענגען דעם מענטשן. קיין געזעצן זיינען ניטאָ, קיין מאַכט איז ניטאָ, און דעריבער דאַרפן די מענטשן אַליין זאָרגן וועגן דער וואוילגעפעליקייט אין די אויגן פון גאָט און וועגן דער קעגנזייטיקער אָפּהיטונג פון זייער רעכט און רויִקייט. פאַר אונז וויקלט זיך פונאַנדער אַ לעבנסבילד פון די ערדאַרבעטערישע קלאַסן און די פסיכאָלאָגיע פון דעם פאַרשטענדיקן פאָרשטייער פון דער דאָזיקער סביבה. פריער פאַר אַלץ איז ער רעליגיעז. קרבנות צו די געטער — דאָס איז זיין ערשטער חוב. די בעסטע טיילן פון די חיות, גיסונגען און דעמפונגען פאַרזיכערן הילף מצד די געטער. די מורא פאַר עונש מצד צעוסן האַלט אים אָפּ פון אויסגעלאַסנקייט, פון באַדריקן יתומים, פון אומאַכטונג צו די אַלטע עלטערן. מיר זעען, אַז דער יסוד פון זיין רעליגיעזיטעט איז דער עיקר די שטרעבונג צו מאַטעריעלן וואוילשטאַנד, דער ציל פון דער דאָזיקער אינטערעסיקייט צו די געטער איז — „באַקומען אַ פרעמד פעלד, און ניט פאַרלירן דאָס אייגענע". די זעלביקע זאָרג וועגן די מאַטעריעלע אינטערעסן באַדינגט אויך די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען פון די ערד־אַרבעטער. דער פּאַטריאַרכאַליש־ערד־אַרבעטערישער לעבנסשטייגער, נאָך אַ פרייער פון אינדוסטריעלע און קאָמפּליצירטע קאָמערציעלע באַציִונגען, רופט אַרויס די נויטווענדיקייט אונטערצוהאַלטן גוטע באַציִונגען דער עיקר מיט די נאָענטסטע שכנים. מיט זיי איז דער ערדאַרבעטער פאַרבונדן דורך קניפּ אָן אַ צאָל. קעגנזייטיקע הילף און גוטע באַציִונגען זיינען נייטיק פאַר זיין וואוילשטאַנד. די מענטשן, וועלכע וואוינען אין ווייטערע ערטער, שפּילן ניט אַזאַ וועזנטלעכע ראָלע אין זיין לעבן. „רוף אויף אַ מאָלצייט דעם, וואָס האָט דיך ליב, באַזונדערס רוף יענעם, וועלכער וואוינט נאָענט לעבן דיר". אין די באַציִונגען צווישן שכנים איז ניטאָ קיין אידעאַלעס ערלעכקייט און אַלטרויִזם — דאָס איז דער רעזולטאַט פון חשבון. „ווער עס גיט אַליין, יענעם ניט מען אויך; די וואָס גיבן אַליין גאָרניט, וועט מען אויך גאָרנישט ניט געבן". דעריבער דאַרף מען שענקען יענעם, וואָס האָט אַליין געשענקט, אָבער: „ניט גיב דעם, ווער עס האָט דיר ניט געגעבן". שפּאָרזאַמקייט איז דער דריטער שטריך פון דעם פאַרשטענדיקן און ערלעכן ערדאַרבעטער. אין דער דאָזיקער עפּאָכע פון שווערן קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ אין דעם דאָזיקן קאַנט מיטן אָרעמען באָדן האָט

מען ניט געקענט האָפן גיך רייך צו ווערן, און זעלטן האָט זיך געלאָזט מערקן אַ שפע און אַ רייכקייט. אָט פאַרוואָס די מעסיקייט איז געווען נייטיק און מען האָט געדאַרפט טראַכטן וועגן אַן ערגערער צייט. „עס איז גוט צו נעמען פון דעם, וואָס עס איז פאַראַן; עס איז אַ צרה פאַר דער נשמה צו נייטיקן זיך אין דעם, וואָס עס איז ניטאָ". די אומרויִקייט פאַר דער נייט פילט זיך אין די דאָזיקע עצות, די שטימע פון דער מאַסע, וועלכע שלאָגט זיך פאַר דעם שטיקל פשוטן ברויט, קלינגט אין די דאָזיקע כללים, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן דורך הונגער-צייטן און דורך נייט. די ביטערע דערפאַרונג האָט אויסגעשאַרפט דעם שכל פון די דאָזיקע מענטשן און האָט זיי אויסגעלערנט צו זיין פאָרזיכטיק און געדולדיק. זיי געטרויען ניט און זיינען איינגעהאַלטן בנוגע די שכנים, זיי זיינע האָרעפאַשנע און פאַרעקשנטע אין דעם קאַמף מיט דער נאַטור. די דאָזיקע שטריכן דערפילן דעם כאַראַקטער פון דעם אידעאַלן פעלדאַרבעטער אין העסיאָדס אויגן. „אַפילו מיט דעם ברודער שפּאַסנדיק, האָב אין זינען, עס זאָל זיין דערביי אַן עדות: געטרויִלעכקייט פטרט אַוועק מענטשן פונקט אַזוי ווי ניט-געטרויִלעכקייט". באַזונדער דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק בנוגע צו פרויען: פאַרטרויען זיך צו אַ פרוי איז אַלץ איינס ווי אָנגעטרויען אַ גנב. זיין אין זיך באַהאַלטן און פאָרזיכטיק איז ביי העסיאָדן אַ אידעאַל, פונקט אַזוי ווי ביי האָמערן. אונטער אַ פולע עצות פון די אַרבעטן און טעג וואָלט זיך מן הסתם גערן אונטערגעשריבן דער ביטרע-קלוגער זון פון לאַערטעס. דער לינן איז געווען אַ ניט געשיידטער מיטגייער אין אָדיסעוסעס אַלע מעשים. ער האָט זיך פאַרשטעלט און באַהאַלטן זיינע געפילן אַפילו דעמאָלט, ווען אין דעם איז ניט געווען קיין שיינבאַרע נויטווענדיקייט. העסיאָד זאָגט: „זאָל דיין פנים ניט אַרויסגעבן דעם צושטאַנד פון דעם גייסט, זאָל מען דיך ניט אָנרופן צופיל גאַסטליבהאָבער און גאַסטפריינדלעכער, ניט חבר פון אויסוואורפן, ניט זידלער פון ערלעכע לייט... די צונג איז פאַר מענטשן באמת אַ טייערער אוצר, אויב מען זאָל זיך מיט איר באַנוצן אין דער מאָס". אַזוי-אַרום דרינגט דורך דער גייסט פון פראַקטיציזם און רמאות, וועלכער אַנטוויקלט זיך שטענדיק אויפן באָדן פון דער שטרעבונג צו רייכקייט, ניט בלויז דעם האָמערישן עפּאָס, נאָר אויך אין העסיאָדס פּאָעמע, ניט קוקנדיק אויף דעם אָפּגרונד, וועלכער טיילט פונאַנדער די ביידע שאַפונגען. אין די אידעאַלן ביי דעם און ביי יענעם זיינען פאַראַן פיל עלעמענטן, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ. נאָר אין האָמערס פּאָעמעס איז דער דאָזיקער קאַמף פריי פונם טראַגישן שטעמפּל, וואָס ליגט אויף די אַרבעטן. אין די אונטערנעמונגען פון די האָמערישע העראָען איז

פאַראַן פיל קונדייסעריי און שיינקייט, אין די אַקציעס פון דעם העסיאָדישן המון=מענטשן איז פאַראַן פיל אָנגעווייטאָגטע צרות און באַהאַלטענע בענקשאַפט. ווען מיר זאָלן זיך דערמאָנען, אַז העסיאָד אַליין האָט אַרויסגעטראָגן זיין לעבנס=חכמה פון דעם שווערן קאַמף מיט דעם לייבלעכן ברודער, וועלן מיר פאַרשטיין, פאַרוואָס זיין חשדנות און זיין באַציִונג צו מענטשן זיינען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אָנרחמנות פינסטערער שטימונג. ער האָט אַליין צופיל געליטן, אַז ער זאָל נאָך ריידן וועגן רחמנות און חסד. ניט טו דער ערשטער דיין פריינד קיין בייז און ניט לייג וועגן אים אומזיסט; נאָר אויב ער האָט דער ערשטער דיר געטאָן עפעס שלעכטס, פאַרגעס ניט נוקם צו זיין זיך אָן אים צוויי מאָל מערער. די מאַטעריעלע פאַרזיכטיקייט האָט דאָ געפאָדערט צו גרויסע קרבנות און אָנשטרענגונג, כדי מען זאָל זיך קענען איבערגעבן צו ראָמאַנטישע אַוואַנטורעס און מיליטערישע עקספעדיציעס. שווערע, קליינע אַרבעט איז געווען דער איינציקער מיטל אָנצוקלייבן פאַרמעגן און דערביי אָנקלייבן עס לאַנגזאַם און אָרעם. העסיאָד גיט דער אַרבעטזאַמקייט פונקט אַזאַ אָרט, ווי האָמער — דער דרייסטקייט. „קיינמאָל וועט דער פוילער אָדער נאַכלעסיקער ניט אָנפילן זיין קאָרנשפייכלער; נאָר די זאָרגעוודיקייט פאַרמערט די פרוכט פון אַרבעט. דער מענטש, וואָס קערט זיך אָפ פון זיין עסק, קעמפט שטענדיק קעגן צרות". דער מענטש איז פאַרמשפט אויף אַרבעט דורך די געטער גופא. קבצנות און אויסשטרעקן די האַנט נאָך נדבות פאַרדינען פאַראַכטונג. יעדער איז מחויב צו אַרבעטן, אויב ער וויל ניט הונגערן צוזאַמען מיט זיין משפחה.

אַזאַ איז די מאָראַל אין דער דאָזיקער פאָעמע פון אַרבעט און נויט. אין איר זיינען ניט נאָר באַוויזן די אידעאַלן פון דעם ערדאַרבעטערישן קלאַס, זיינע קלאָגענישן, זיין רעליגיע און זיינע מחשבות וועגן דעם עבר. אין העסיאָדס ווערק זיינען פאַראייביקט אויך בילדער פון דאָרפישער אַרבעט אין פאַרשיידענע צייטן פון יאָר. פונקט אַזוי ווי אין אונזער צייט האָט אויך מיט דרייסיק יאָרהונדערטן צוריק דאָס לעבן פון דעם האָרעפאַשניק אויף דעם לאַנד זיך פאַרמירט אָפהענגיק פון די אַרבעטן אין פעלד. ער טוט די זומערדיקע אַרבעטן אונטער אומבארחמנותדיקע שטראַלן פון דער זון. אַן אויסגעטאָנענער זייט ער, אַן אויסגעטאָנענער שניידט ער, פאַרשלונגען פון איין געדאַנק: „באַצייטנס אָפצוטאָן אַלע אַרבעטן פון דעמעטרע", אַלץ זאָל צו דער צייט אויפגיין, און די ביטערע נויט זאָל אים ניט ברענגען צו הונגער. ווען אָבער „עס ווערט שוואַכער די ברענענדיקע קראַפט פון דער זון, וועלכע רופט אַרויס אַ הייסן שווייס, און ווען עס פאַלט אַרויס דער האַרבסטרעגן פון דעם גרויסמעכטיקן

צעוּם, דעמאָלט באַוועגט זיך אויף דעם מענטשנס קערפּער פיל לייכטער". דעמאָלט קומט אָן די צייט צו האַקן וואַלד. דער פויער טראָגט צו זיך אין שטוב דעם אייביק גרינענדיקן דעמב, ער מאַכט זיך אַקערס. און ווען הויך אין די וואָלקנס הייבט אָן צו קלינגען די שטים פון די בושלעס, הייסט עס, אַז עס איז געקומען „די רעגנדיקע צייט פון ווינטער", די צייט צו אַקערן. פון פרימאָרגן איילט זיך דער פויער „צו אַקערן די טרוקענע און די פייכטע ערד באַצייטנס, כדי דאָס פעלד זאָל געבן אַ רייכע שניט. נאָר אָט באַווייזט זיך נאָך דעם ווינטערדיקן זונענאָפּקער דער שטערן אַרקטור צום ערשטן מאָל אין גאָר זיין גלאַנץ, פאַרלאָזנדיק דעם הייליקן שטראָם פון אָקעאַן. עס קומט אָן דער פרילינג, און דער אַרבעטער איילט זיך אַראָפּצושניידן די וויינשטאָקן". „ווען אָבער די שנעקן הייבן אָן פון דער ערד צו קריכן אויף די געוויקסן, אַנטלויפנדיק פון די פּלעיאַדעס", דעמאָלט איז ניט די צייט צו שניידן וויינטרויבן, — מען דאַרף שאַרפן די קאָסע און אונטערטרייבן די דינערשאַפט; ניטאָ קיין צייט צו שלאָפן פאַרטאָג אין דער צייט פון שניט, ווען די זון טריקנט אויס דעם קערפּער.

דאָס איז דער אינהאַלט פון דער העסיאָדישער פּאָעמע, וועלכע דערמאָנט אָן אַ דידאַקטישן טראַקטאַט. דער אוטיליטאַרישער גייסט מאַכט זי קרובהש מיט דעם האָמערישן עפּאָס. די דעמאָקראַטישע און די פּעסימיסטישע טענדענץ דערווייזט, אַז זי איז געווען אַ סימפּטאָם פון רעאַקציע קעגן דעם קולט פון דער האָמערישער ראַפּסאָדיע און זי האָט ערשיינט אין סאַמע אָנהייב פון דער גרויסער היסטאָרישער איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין גריכנלאַנד אין VII—VI יאָרהונדערטן: דהיינו די מאָנאַרכיע איז פאַרביטן געוואָרן אויף דער אָליגאַרכיע און אויף דער טיראַניי, וואָס עס האָט אין פיל ערטער געבראַכט צו דעם, אַז מען זאָל אַראָפּוואַרפן די טיראַנען און איינשטעלן אַ דעמאָקראַטישע אַרט רעגירונג, די אַרבעטן און טעג — דאָס איז אַן אָפּקלאַנג פון יענע אויפטרייסלונגען, מיט וועלכע אס איז געווען באַגלייט דער אָנהייב פון דער דאָזיקער דעמאָקראַטישער באַוועגונג.

העסיאָדס פּאָעזיע איז די פאָרגייערין פון דער ליריק, וועלכע איז געקומען צו פאַרבייטן דעם עפּאָס. האָמער און העסיאָד זיינען ניט געווען קיין איינזאַמע קאָלאָסן אין אַ מדבר. די צו אונז דערגאַנגענע פראַגמענטן, אָפּטמאָל איינציקע פראַזן, זאָגן עדות וועגן דעם, אַז עס האָט עקסיסטירט אַ מער-וויניקער דויערנדיקער פּעריאָד, ווען די עפּישע פּאָעזיע האָט זיך אַנטוויקלט, אַז עס איז געווען אַ ריי פּאָעטן, קען זיין, גרויסע טאַלאַנטן, און פיל פּאָעטישע ווערק. אונז, למשל, זיינען באַוואוסט: די

קליינע איליאַדע, קיפּריע, דער חורבן פון טראָיע און אַז. וו. דער גרעסטער טייל זייערע, ווי עס באַווייזן שוין די טיטלען גופא, האָבן באַזונגען פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון דער טראָיער מלחמה. נאָר צום באַדויערן זיינען פון די אַלע ווערק צוזאַמען גענומען דערגאַנגען צו אונז נאָר עטלעכע צענדליק פערזן. האָמערס נאָמען איז געווען אַרומגערינגלט אין דעם אַלטן גריכנלאַנד מיט אַזאַ גלאָריאָל, אַז כמעט אַלע דער פּאַרצייטיקער וועלט באַקאַנטע פּאָעטישע שאַפונגען האָט מען גערעכנט פאַר זיינע. עס האָט אַפילו עקסיסטירט אַ לעגענדע וועגן אַ גאַנצער ריי האָמערידן, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר אָפּשטאַמענדיקע פון האָמערן. ס'איז מעגלעך, אַז די עפּישע לידער זייגען איבערגעגאַנגען דער־הויפּט אין דעם דאָזיקן שטאַם פון איין דור צו דעם צווייטן. אפשר איז דאָס געווען אַ שול פון פּאָעטן, וועלכע האָבן אונטערגעהאַלטן די האָמערישע טראַדיציעס. פאַר העסיאָדס האָט מען, אויסער אַרבעטן און טעג, געהאַלטן די שילד פון הערקלעס, אַ פּאָעמע, וועלכע איז ניט באַזונדער אינטערעסאַנט, און טעאָגאָניע, אַ פּאָעמע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די געטער. דער ציל פון טעאָגאָניע איז געווען צוזאַמענצוקלייבן די פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן די געטער, געבן אַ גאַנצע, אַ געבונדענע סיסטעם פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. אפשר האָט העסיאָד, וועלכער האָט אַזוי פיל געטראַכט וועגן מאַטעריעלער און גייסטיקער הילף פאַר זיינע ברידער, געוואָלט פאַר דער מאַסע איבערלאָזן אַ גייסטיקע וועגווייזונג אין יענער ספערע, וועלכער איז פאַר איר געווען דער הויפּט־שוק, וואוהין מען איז געקומען זוכן הילף אין די מאָמענטן פון צרות און יאוש, נעמלעך אין דער ספערע פון רעליגיע. די טעאָגאָניע איז פאַר די צוקונפטיקע דורות געוואָרן דער אַווטאָריטעטער קוואַל, פון וואַנען מען האָט געשעפּט ידיעות וועגן די געטער און וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער וועלט.

אויב די פּאָעטן פון דער האָמערישער און העסיאָדישער שולן האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן ווייניק אַזוינס, וואָס זאָל אונז אינטערעסירן, און זייערע ווערק זיינען ווי פאַרשלונגען געוואָרן דורך די שאַפונגען פון די צוויי גרעסטע פאָרשטייער פונם עפּאָס, אויב זיי איז ניט געלונגען צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון עפּעס אַן אָריגינעלער ליטעראַרישער ריכטונג, — דאַרף מען דאָך פונדעסטוועגן אָנמערקן איינע פון די דאָזיקע ווערק, אָדער ריכטיקער איין ליטעראַרישן שטראָם פון דעם דאָזיקן עפּישן פּעריאָד. צווישן די פראַגמענטן פון די עפּישע פּאָעמען איז צו אונז דערגאַנגען אַ קליינע און קאָמישע פּאָעמע די מלחמה צווישן די מייז מיט די פרעש, כמעט דאָס איינציקע רעשט פונם קאָמישן עפּאָס. דער־

לעבערלעכער עפּיזאָד, וואָס ווערט אין איר נעשילדערט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּאַראָדיע אויף דער גריכיש=טראָיער מלחמה, דערביי איז פאַרהיט דער פייערלעכער סטיל פונם אמתן עפּאָס, וואָס פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם קאָמישן איינדרוק. דער פּאָעט הייבט אָן פון דער געוויינלעכער ווענדונג צו די מוזעס, און לאַדט איין אַלע „שטערבלעכע צו הערן" וועגן דעם „ווי נאָכמאַכנדיק די ריזן, וועלכע די ערד האָט אויף דער דאָזיקער וועלט געבוירן, זיינען די מייז אויף די דיקע פרעש אָנגעפאַלן, יאָגנדיק זיך נאָך רום". אַ מייזל, געפייניקט פון דאָרשט, האָט געוואָלט אָפּנעצן זיין נעזל אין דעם זומפּ, אָבער דער „חשובער זומפּיקער הערשער", דער קיניג גראָבע=מאָרדע, דער אָנפירער און דער שופט פון די גראָבבייכיקע פרעש שוין אין אַ משך פון לאַנגע יאָרן", האָט אויף אים בייז אָנגעשריען. דאָס מייזל שטעלט זיך פאָר אין דעם סטיל פון דער איליאַדע: „איך רוף מיך ברעקלפרעסער ביים נאָמען, און מיט כבוד טראָג איך דעם נאָמען פון דעם זון פון דעם גערימטן אין מלחמות פאָטער ברויטנאָגער, און פון דער יחסנטע דער מוטער דער ליבער טאָכטער פונם קיניג פלייש=נאָגער, דער אונטערפּאָדלאָגעדיקער לעקערין. אין אַ פרעכטיקן קעלער בין איך געבוירן און צערטלעך אויסגעהאָדעוועט מיט לאַסונקעס: מיט געשמאַקע פייגן, מיט אַלערליי קערנער, און אַנדערע מאכלים". גראָבע=מאָרדע, דערוויסנדיק זיך וועגן דער יחוסדיקער אָפּשטאַמונג פון דעם פרמדן, ליינט אים פאָר זיין פריינדשאַפט, זעצט אים אַוועק צו זיך אויפן רוקן און שווימט מיטן גאַסט צו זיין וואוינונג. נאָר אָט האָט זיך אויף דער אויבערפלאַך פון בלאָטע באַוויזן אַ שלאַנג, און דער דערשראָקענער גראָבע=מאָרדע האָט זיך אַראָפּגעטונקט אונטערן וואַסער, „ער האָט דעם שרעקלעכן טויט אויסגעמיידט", איבערלאָזנדיק זיין פריינד, וועלכער קען ניט שווימען, אין גאָר אַ קריטישער לאַגע. אונטערגעטונקט זיך עטלעכע מאָל, איז דאָס מייזל געפּגרט. דאָס גאַנצע מייזישע קיניגרייך קומט אַריין אין גרימצאָרן, דערוויסנדיק זיך וועגן גראָבע=מאָרדעס פאַררעטערישן טאָט. די הכנות צו דער מלחמה, און די רעדע פון דעם קיניג ברויטנאָגער — דאָס איז ווידער אַ שאַרפזיניקע פּאַראָדיע אויף די בילדער פון די פאָלקספאַרזאַמלונגען אין האָמערישן עפּאָס: „אַלע האָבן זיי זיך מיט צאָרן צעפלאַקערט, דערהערנדיק די טרויעריקע נייעס. גלייך אויפן אָרט, דורך די אָנזאָגער, האָט מען אַלעמען באַפוילן צו קומען אויפן פּלאַץ, כדי צו מעלדן וועגן דעם אומגליק אין די סאַליעס פון דעם קיניג ברויטנאָגער, — ווי זיין זון ברעקלפרעסער איז דערטרונקען געוואָרן, און איצט איבערן וואַסער, ליגנדיק אויפן רוקן שווימט ער — אַן אויסגעלאָפּענער פּגר, ווייט פון דער טריקעניש. אין ים אין ברעגלאָזן טראָגט ער זיך אויף דער הויכער כוואַליע".

ברויטנאָגער דערציילט וועגן זיין צרה, און אַלע צינדן זיך אָן מיט דאָרשט נאָך נקמה, געוועקט זיי האָט אויך אַרעס, דער איינאָרדנער פון הייסע שלאַכטן. דער אַווטאָר באַשרייבט גענוי אין האָמערישן סטיל די קלענסטע פּרטים פון דער מייזישער באַוואָפענונג: פוסשיידלעך פון באָבסטרוטשעס, פּאַנצערן „פון פישענע באַפלוספעדערטע פעלכעלעך", וועלכע האָבן באַדעקט זייערע „מעכטיקע ברוסטן", שילדן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון „רעדעלעך פון אויסגעבּרענטע לאָמפּן": „און לאַנגע נאָדלען, די קונסט פון אַרעסן — האָבן פאַרביטן אַ שפּיז; אַלס אַ העלם אַ זיכערן האָבן געדינט שאָלעכצלעך פון טערקישע ניס. אַזוי אויסגעשטאַט זיך צו דער עקספּעדיציע, האָבן זיך די מייז מוטיק געלאָזן גיין אויף דער מלחמה".

די ידיעה וועגן דעם, אַז ס'דערנענטערט זיך דער פיינד, האָט אַרויסגערופן אַ מהומה צווישן די פרעש. דער קיניג גראָבע-מאָרדע וועקט אין זיי דורך אַ הייסער רעדע זייער מוטיקייט, און די פרעש הייבן זיך אויך אָן צו באַוואָפענען; פון די בלעטער פון מאַלוועס האָבן זיי געמאַכט פוס-שיידלעך. פאַר פּאַנצערן האָבן זיי געדינט רעדעלעך פון גרינע בוריקעס, קרויטבלעטער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שילדן, „אַ שאַרפער און אַ לאַנגער קאַמיש האָט זיי פאַרביטן שטאָלענע שפּיזן". אָנשטאָט העלמס האָבן זיי אָנגעטאָן די מויערקעפּלעך פון שנעקן, און אויסגעשטאַט זיך אויף אַזאַ אופן זיינען זיי אַרויס אויפן ברעג. אַלע האָבן „מיט די שפּיזן געטרייסלט און האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט קריגערישער דרייסטקייט". געגליכן צו דעם האָמערישן עפּאָס, נעמען די געטער אָנטייל אין דעם גורל פון די קעמפנדיקע צדדים. צעוס רופט צונויף די געטער, „כדי צו באַווייזן זיי די אומצאָליקע חיילות פון די קריגער די שרעקלעכע, אין גרויסע המונים מיט לאַנגע שפּיזן צום טויטגייענדיקע, צו דעם חייל פון קענטאַוורען און שטאָלצע ריזן לויט זייער קראַפט געגליכענע". אַטענע זאָגט זיך אָפּ צו העלפן די מייז דערפאַר, וואָס זיי האָבן אין איר טעמפּל „קאַליע געמאַכט די בלומענקראַנצן, און זיי קריכן אין די לעמפּלעך נאָך דעם הייליקן אייל", און אַנוסטן האָבן זיי צענאָגט אַ מאַנטל, וועלכן זי האָט אַליין אויסגעוועבט. אָבער פון דער צווייטער זייט זאָגט זיך די געטין אויך אָפּ פון הילף די פרעש, מחמת „זיי זיינען ניט שטאַנדהאַפט אין זייערע מחשבות, דערביי אויך בויאַנעס". און איינמאָל האָבן זיי מיט זייער געשריי אויפגעוועקט די מידע געטין. דער געשפּרעך פון צעוס און אַטענע — דאָס איז אַן אומפאַרגלייכלעכע פּאַראָדיע אויף די רעדעס פון די האָמערישע אָלימפּיער, די דאָזיקע געטער, וועלכע זוכן שטענדיק אייגענע נוצן, וועלכע טרעטן מיט די שטערבלעכע אַריין אין אמתע הענדלערישע אָפּמאַכן. די באַשרייבונג פון דער שלאַכט גופא איז

באַגלייט מיט דעם אויסרעכענען פון אַלע געפאַלענע העלדן, מיט דער שילדערונג פון די דועלן פון די אַממערסטן באַרימטע מלחמה־אָנפירער. באַזונדער גוט איז דעם שטאַרקן פעלדשצורם זון, טעלערלעקער, אַן אומפאַרגלייכלעכער מוטיקער שלאָגער און אַ רייטער איבער טעלער און מאכלים פאַרשיידענע, מיט זיין דרייסטקייט געגליכן צו אַרעסן, אַ קעמפער צווישן מייז אַן אומפאַרגלייכלעכער. שטעלנדיק זיך לעבן דער בלאָטע מיט פרעכן וואַגן, אָפגעזונדערט פון אַנדערע, האָט ער געדראָט מיט אויסראָטונג דעם גאַנצן מין דעם פרעשישן, — וואָס ער וואָלט טאַקע געקאָנט אויספירן, האָבנדיק אַ גרויסע קראַפט, ווען דער פאָטער און דער הערשער איבער מענטשן און געטער וואָלט ניט קיין טראַכט געטאָן, און מיט מיטלייד צו די אָרעמע פרעש זיך ניט באַצוויגן". דאָס אַריינמישן זיך פון צעוס, וועלכער האָט אָנגעשיקט די קרעבסן, די "שנעל־זיך־דרייענדיקע, די שאַרבנפעליקע־ביין־אַרטיקע", האָט מציל געווען פון אונטערגאַנג די פרעש, וועלכע די מייז האָבן אָנגעהויבן צו טרייבן. די קרעבסן האָבן אָנגעהויבן אָפבייסן ביי די מייז די עקן.

"די פחדנישע מייז האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זיי זיינען דאָ ניט פאַרבליבן, מיט חרפה געלאָזן זיך לויפן... דערוויילי איז די זון אונטערגעגאַנגען, און צוזאַמען מיט איר אונטערגאַנג האָט זיך אויך געענדיקט די שלאַכט די איינטאָגיקע".

די דאָזיקע שאַרפזיניקע פאַראָדיע האָבן די גריכן אַ לאַנגע צייט געהאַלטן פאַר האָמערס, וואָס זיין נאָמען איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ אָרעאָל, אַז דער דמיון פונם פאָלק האָט גלייך ווי מורא געהאַט אַוועקצושטעלן אין איין שורה מיט אים אַן אַנדער פאָעט. היינטיקע צייט איז די אָפשטאַמונג פון דעם דאָזיקן קאָמישן עפּאָס און זיין אַוטאָר פאַרהילט אין אַזאַ פינסטערניש, ווי די האָמערישע פאָעמען. ס'איז מעגלעך, אַז ס'דאָזיקע ווערק דאַרף מען גיכער פאַררעכענען צו דער העסיאָדישער, איידער צו דער האָמערישער שול. פאַר אַזאַ מין השערה רעדט אויך די אַריינטריטס־ווענדונג צו די מוזעס פון העליקאָן, וועלכע דערמאָנט דעם אַריינטריט צו דער *טעאָגאָניע*, און ניט די ווענדונג צו די מוזעס פון דער *איליאַדע* און דער *אָדיסעע*. ווען מען זאָל נעמען אין אַכט, אַז די העסיאָדישע פאָעזיע איז געווען אַ רעאַקציע קעגן דער פריילעכער יאָנישער פאָעזיע, וועט וואַרשיינלעך ווערן די השערה, אַז אין בעאָטיע גופא איז אַנטשטאַנען די שטרעבונג אַרויסצוטרעטן מיט אַן אָפענער סאַטירע אויף די מיליטעריש־ראָמאַנטישע לידער, וועלכע האָט פאַרשאַפט הנאה דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. אָבער דאָס זיינען אַלץ השערות, וועלכע האָבן ניט אונטער זיך קיין פעסטן גרונט... דער היסטאָריקער, וועלכער פאָרשט אויס דעם ליטעראַרישן אַנטוויקלונגס־גאַנג

פון דעם פּאַרצייטיקן גריכנלאַנד, געפינט זיך אין אַ גאַנץ באַזונדערער לאַגע. צוליב דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אָדער יענער גייסטיקער און ליטעראַרישער ריכטונג, מוז מען זיך אָפּשטעלן ניט אויף יענע מוסטערן, וועלכע האָבן געהאַט די שטאַרקסטע ווירקונג, נאָר אויף די, וועלכע די קאַפּריזע שפּיל פון דעם צופאַל האָט פאַרהיט פאַר די שפּעטערדיקע דורות. די עדות פון די מענטשן פון יענער צייט, און דער ענטוזיאַזם פון די שפּעטערדיקע דורות רעדט אונז אָפּט ווען דער עקסיסטענץ פון שאַפונגען און פאַקטן מיט אַ גרויסער השפּעה אויף דעם גריכישן געדאַנק און לעבן, אָבער זיי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען אויף שטענדיק, און די דאָזיקע ידיעות פון דער צווייטער האַנט דינען נאָר צו דעם, אַז מען זאָל מער אָדער ווייניקער קאָנען אָפּהיטן די פּערספּעקטיוו ביי דער באַשרייבונג פון דעם ליטעראַרישן אַנטוויקלונגסגאַנג. למשל, עס איז ניטאָ קיין ספק, אַז אין דעם זכרון פון פאָלק איז געווען פאַרבליבן אַן אַנדערער, אַ מער אַלטער און אַ מער בולטער מוסטער פונם קאָמישן עפּאָס, די פּאָעמע **מאַרגיטעס**, וועלכע האָט לויט אַריסטאָטעלעסעס רייד געבילדעט דעם אָנהייב פון דער קאָמעדיע, געגליכן דערצו ווי די **איליאַדע** און **אָדיסע** האָבן געשאַפן די טראַגעדיע. נאָכפאָלגנדיק דער טראַדיציע, האָט אַריסטאָטעלעס אויך **מאַרגיטעס** צוגעשריבן האָמערן [1], אָבער אין דער אמתן איז דער אַוטאָר פון דער דאָזיקער פּאָעמע אונז אומבאַקאַנט. דער העלד פון דער פּאָעמע איז אַ פאַרצויגן קינד פון אַ רייכער משפּחה; ער נעמט זיך פאַר אַלץ, און קאָן ווי געהעריק גאָרנישט. די פּאָעמע האָט, אַפּנים, געהאַט אַ פולע קאָמישע עפּיזאָדן. דערגרייכט אַ רייפן עלטער, פרעגט מאַרגיטעס ביי זיין מוטער, צי איז ער געבוירן געוואָרן פונם פאָטער; נאָך דער חתונה פילט זיך מאַרגיטעס באַזונדער קאָמיש, און האָט מורא צורירן זיך צו דער ווייב, טאָמער וועט זי מסרן דער מוטער. מאַרגיטעס איז אין דעם פאַרצייטיקן גריכנלאַנד געווען אַ זידלוואָרט. ווי עס שיינט האָט דער אַוטאָר גענומען די געשטאַלט פון זיין העלד אין די פאָלקסזאַגעס, מחמת אויף אים ליגט דער שטעמפּל פון פאָלקסטימלעכקייט [2]. צום באַדויערן איז פון דעם דאָזיקן ווערק צו אונז דערגאַנגען נאָר עטלעכע פערזן און מיר מוזן זיך באַנוגענען, כדי צו פאַרשטיין דעם וואָרצל פון דער גריכישער קאָמישער ליטעראַטור, מיט דער **מלחמה צווישן די מייז און די פרעש**,—מיט אַ ווערק, וואָס געהערט, קאָן זיין, צו דעם פּעריאָד פון ירידה.

דאָס זיינען די עיקרשטע דענקמעלער פון דער עפּאָכע פון דעם

---

1) אַריסטאָטעלעס, וועגן דער **קונסט פון פּאָעזיע**.

2) מ. בערגק. די גריכ. ליטער.-געש. I.

גריכישן עפּאָס און פון די ערשטע טריט פון דער ליריק, וועלכע זיינען צו אונז דערגאַנגען פון דעם סאַמע פריסטן, אונז באַוואוסטן פעריאָד פון דער גריכישער געשיכטע. די גרענעצן פון דעם דאָזיקן פעריאָד קאָנען מיר באַצייכענען מיט דעם אָנהייב IX און דעם סוף VIII יאָרהונדערט פאַר קר. געב. אמת, די דאָזיקע גרענעצן זיינען מער ניט ווי לפי־ערך גענומענע. די עלטסטע טיילן פון דער איליאַדע זיינען אפשר אונטער דער השפּעה פון געדאַנקען און געפילן פון אַ מער עלטערער עפּאָכע, און אייניקע ערטער פון דער אָדיסעע און פון די אַרבעטן זיינען באַשאַפן געוואָרן פיל שפּעטער; נאָר עס איז בלתי־ספק, אַז אין אַלגעמיין זיינען האָמערס פּאָעמעס און העסיאָדס ליריק דער עיקר אַן אָפּשפּיגלונג פון די מחשבות און שטימונגען פון VIII XI און י. ה. פאַר קר. געב. דערביי קאָנען מיר, ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין אַ גענויערן אַנאַליז, וועלכער איז פאַר אונז ניט מעגלעך צוליב דער ווייטקייט פון דער צייט, זאָגן, אַז דער האָמערישער עפּאָס איז געווען די פּלאַסטישע שילדערונג פון דער עפּאָכע, און העסיאָדס פּאָעמען — די שטרעבונג צו דער צוקונפט. האָמער איז גלייך, ווי ער וואָלט פאַרענדיקט דעם גרויסן פעריאָד פון דער גריכישער געשיכטע, און ער גיט אַ געניאַל בילד פון זיין קולטור אין דער עפּאָכע פון איר העכסטער בליונג. העסיאָד מערקט אָן דעם אָנהייב פון איר פאַלן און די שטריכן, וועלכע זיינען געלייגט געוואָרן אין דעם יסוד פון דער צוקונפטיקער נייער לעבנסאָרדענונג; ער מערקט אָן די נייע באַגריפן און פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן געמוזט פאַרבייטן די העראָאישע וועלטאָנשויונג. אין סאָציאַלן און פּאָליטישן הינזיכט איז די האָמערישע געזעלשאַפט — אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך נאָך ניט באַפרייט פון דער שטאַם־אָרדענונג. אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט שטייען די מיוחסים. די הערשאַפט פון די מיוחסים איז באַדינגט דורך זייערע גרויסע פאַרמעגנס: צו זיי געהערן גרויסע שטחים ערד און רייכע טשערעדעס פי; און, צווייטנס, זייערע פּערזענלעכע פּריווילעגיעס: זיי שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון די מיליטערישע און רויבערישע אונטערנעמונגען אין דער עפּאָכע, ווען רויבעריי און מלחמה זיינען געווען די עיקרשטע וועגן צו באַקומען מיטלען. די דאָזיקע מיליטערישע פּריווילעגיעס זיינען אויך פאַרשטאַרקט געווען דורך דער עשירות פון די מיוחסים, ווייל נאָר זיי האָבן געקאָנט איינשאַפן מעטאַלישע געווער, וואָס האָט געקאָסט טייער, און אַזוי־אַרום האָבן זיי פאַר זיך פאַרפעסטיקט די אַנטשיידנדיקע באַדייטונג אין די מיליטערישע עקספּעדיציעס. אַזוי האָבן שטאַמען אָדער פאַמיליעס, וועלכע האָבן באַקומען אַ פּאָרציגלעכע ראָלע, געבילדעט אַ געשלאָסענע קאַסטע און האָבן זיך משדך געווען נאָר צווישן

זיך. דער קיניג איז בלויז דער ערשטער צווישן גלייכע; זיין מאַכט איז באַדינגט דורך דער נויטווענדיקייט פון אַ דיקטאַטור אין דער אומרוּיקער מלחמה־צייט. אָבער אין די פרידלעכע צייטן גיבן זיך די מיוחסים דעם קיניג ניט אונטער. די מיוחסדיקע משפחות פירן זיך אומאָפּהענגיק און פרעך, ווי, למשל, די חתנים ביי אָדיסעוסן אין הויז. דער ראַט ביים קי־ניג, וועלכער איז אין דער פאָרהיסטאָרישער עפּאָכע באַשטאַנען, אַפּנים, פון אַלע הויפּטן פון די משפחות, און אין דער האָמערישער צייט — שוין נאָר פון די מיוחסים 1), האָט אַ גרויסע באַדייטונג אין דער איליאַדע און דער אָדיסעע, אָבער די פאָלקספאַרזאַמלונג שפּילט בלויז אַ פּאַסי־ווע ראָלע, און איר פּראָטעסט ווערט איינגעשטילט דורך קלעפּ פון שטעקן. אַזאַ איז די פּאָליטישע אָרדענונג לויט האָמערן. דאָס איז אַ מאָנאַרכיש־אַריסטאָקראַטישע אָרדענונג, וועלכע איז אַנטשטאַנען פון דער שטאַם־אָר־דענונג און אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך מיליטערי־רויבערישע אונטער־נעמונגען. האָמער איז דער אומבאַוואוסטזיניקער פּאַנעגיריסט פון דער דער דאָזיקער אָרדענונג. „עס איז ניט גוט די מאַכט פון אַ פולע, זאָל איינער זיין אַ הערשער". מיר האָבן געזען, אין וואָס פאַר אַ פאָרמע ער האָט אונדז פאַרגעשטעלט די ערשטע פּרוּוון אין דעמאָקראַטישן גייסט. העסיאָד מאָלט אונדז די ווייטערדיקע סטאַדיע פון אַנטוויקלונג. זיינע אַרבעטן — דאָס איז דער פּראָטעסט ניט קעגן קיניג, נאָר קעגן דער אַריסטאָקראַטיע. זיי זאָגן עדות דערויף, אַז די דעמאָקראַטישע אידעע האָט זיך אַנטוויקלט אין אַן אַנטידעמאָקראַטישן און ניט אין אַן אַנטימאָנאַרכיסטישן גייסט. די פאַרשטאַרקונג פון די מיוחסים האָט ניט געבראַכט צו קיין פּירוד צווישן דעם פאָלק מיטן קיניג, נאָר פאַרקערט, זי האָט געלאָזן דעם צווייטן זוכן שטיצע ביים ערשטן. אַזוי־אַרום גיט אונדז די פריע פּאָעזיע די מעג־לעכקייט אין דעם פּאָליטישן הינזיכט נאָכצופאָלגן די ערשטע טריט פון דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וואָס איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, ווי מיר וועלן עס זען, האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטוים דער ווייטערדיקער ליטעראַטור. ביי האָמערן זעען מיר דעם אַנטשיידענעם נצחון פון דער אַריסטאָקראַטיע און פון דער מאָנאַרכיע, און ביי העסיאָדן — שוין אַ קריטישע באַציִונג צו דער אַריסטאָקראַטיע, דעם הויפּט־שונא פונם פאָלק.

דער עפּאָס האָט פאַראייביקט ניט בלויז די פּאָליטישע באַציִונגען, וועלכע האָבן געהערשט אין די VIII און XI יאָרהונדערטן פאַר קריסט. געבורט, נאָר אויך אין רעכטלעכן, אין גייסטיקן און אין רעלי־גיעזן הינזיכט טרעט די געזעלשאַפט פון דער דאָזיקער עפּאָכע פאַר אונדז

1) בערגק. דאָס אָנגער. ווערק.

אַרויס מיט אַ פאַרענדיקטער וועלטאַנשויונג; פון דער צווייטער זייט, קאָ=
נען מיר באַמערקן דעם עמבריאָן פון די נייע אָנשויונגען, וועלכע זיינען
געלייגט געוואָרן אין דעם יסוד פון דער צוקונפטיקער. ווי איינזאַם עס
זאָלן ניט זיין די צו אונז דערגאַנגענע שאַפונגען פון דער פריער עפּאָכע,
ערלויבן זיי דאָך נאָכצופאָלגן, ווי אַזוי די אידעען האָבן זיך געביטן פון
דעם העראָאישן פעריאָד ביז דעם היסטאָרישן. די האָמערישע געזעלשאַפט
ווייס ניט פון קיין געשריבענע געזעצן. דאָס רעכט איז דאָ געגרינדעט
אויפן מנהג, און דער רעזולטאַט פון משפט ווערט דאָ אָפט באַשטימט
דורך דעם כוח. אין דער עפּאָכע פון ניט=קאָמפּליצירטע באַציִונגען און
מיליטערישע אומרועז האָט אַזאַ אָרדענונג ניט אַרויסגערופן קיין שטאַרקע
פּראָטעסטן. העסיאָד ערשיינט אויך אין דער הינזיכט אַלס אַ פאַרבינדונגס=
רינג צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט. די געזעלשאַפטלעכע
באַציִונגען זיינען געוואָרן אַלץ קאָמפּליצירטער. אין זיין פאַבל וועגן דעם
סאָלאָוויי מיט דעם שפּאַרבער, אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט
דער קאַמף צווישן פאָלק מיט דער אַריסטאָקראַטיע, שיינט קלאָר אַדורך
דער פּראָטעסט קעגן דעם נצחון פון דעם כוח איבער דעם רעכט. גלייך
ווי דער פּאָעט וואָלט זאָגן, אַז מענטשן דאַרפן זיך אויפפירן לויט דעם
רעכט להיפוך צו די חיות 1). העסיאָד פאַלט אָן אויף די שופטים, וועל=
כע נעמען שוחד, און ער זעט אין דער אָנווענדונג פון ריכטיקע נאָרמען
די באַדינגונג פון דער געמיינדעס=אויפבליִונג. אַזוי איז אין עפּאָס אָנגע=
מערקט דער אָנהייב פון די שטרעבונגען צו אַ געשריבענער געזעצגעבונג,
וועלכע האָט געמוזט ווערן אַן אומפאַרמיידלעכע פאָדערונג מצד דעם פאָלק
ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע. העסיאָד איז
באַטריבט מחמת דער עקסיסטירנדיקער אומגערעכטיקייט, אָבער ער זעט
די רעטונג פון די נידעריקערע קלאַסן אין דער אַרבעט, אין דער ראַציאָ=
נעלער פירונג פון דער ווירטשאַפט, אין רעליגיעזע לעוונגען. מיט דעם
דאָזיקן ציל שרייבט ער אָן די באַלערעוודיקע אַ ר ב ע ט ן און די נשמה=
רעטנדיקע ט ע אָ ג אָ נ י ע. ווי עס טרעפט אָפט מיט די סאַטיריקער=פּאָעטן,
האָט ער נעגעבן אַ ריכטיק בילד פונם שלעכטס, ער ווייזט אָבער אַרויס
אַ ניט=גענוג שאַרף אויג אין דעם פּאָזיטיוון טייל פון זיין לערע. די רע=
טונג פון דעם פויערטום און דאָס פאַלן פון דער אַריסטאָקראַטיע זיינען
געקומען ניט פון יענעם אָרט, פונוואַנען דער פּאָעט האָט זיי דערוואַרט.
ביי דער אומקאָמפּליצירטקייט פון די באַציִונגען אין דער האָמערישער
עפּאָכע, האָט דער קלאַס פון די דעמיורגן, די פרייע בעלי=מלאָכות, ניט
געשפּילט קיין גרויסע ראָלע. דאָס זיינען געווען מענטשן, וועלכע מען

1) בערגק, אָנגער. ווערק.

פלענט איינלאַדן אין שטוב אַריין, און זיי האָבן געאַרבעט פאַר די יחסנים. נאָר לויט עס האָבן זיך פאַרברייטערט די באַדערפעניש, ווי מיר וועלן עס זען, באַשאַפט דער דאָזיקער קלאַס די גרויסע אינדוסטריע; ער ווערט אַ גרויסע קראַפט אין איין ריי מיט דער אַריסטאָקראַטיע. עס עפענען זיך אויף נייע וועגן פון עשירות; מלחמה און כוח הערן אויף צו זיין די איינציקע מקורים אירע. די אַלטע שטאַמען=פאַרבאַנדן מוזן אָפּטרעטן דעם אָרט פאַר די נייע קלאַסנפאַרטיילונגען און צוזאַמען דערמיט מוז פאַלן אויך די אַלטע אָרדענונג פון ערדבאַזיץ. „די ערד גופא איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין טויש; עס האָט זיך באַוויזן אַ נייע באַדערפעניש אין אַ פרייערער פאָרם איבערצוגעבן זי פון איינע הענט די אַנדערע. און דאָ האָבן אַזאַ מאָביליזאַציע געשטערט פאַרשיידענע אַלטע באַדינגונגען, וועלכע האָבן פאַרבונדן די נחלה מיט אַ באַשטימטער משפחה און גרופע; דערביי פלעגט אָנגעווענדט ווערן אַ קאָמפּליצירטער רעכענונג פון קרובה=שאַפט" 1). ווי מיר וועלן ווייטער זען, זיינען אין משך פון VI און VII יאָרהונדערטן פאַרווירקלעכט געוואָרן די דאָזיקע פּאָליטישע, סאָציאַלע און רעכטלעכע אויפגאַבן, וועלכע זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן שוין אין דער עפּישער עפּאָכע.

די נייע באַדערפענישן און אויפגאַבן האָבן געמוזט מאַכן אַ ווירקונג אויך אויף דער גייסטיקער וועלט פון די גריכן, אויף זייערע פאָרשטעלונגען און באַגריפן. די צעפאַלונג פון דער שטאַמענאָרדענונג, וועלכע באַזירט זיך אויף דער טראַדיציע, האָט די גריכן אַוועקגעשטעלט פנים=אל=פנים מיט דער נויטווענדיקייט פון אַ זעלבשטענדיקער באַציִונג צו די אַנטשטייענדיקע פראַגן. מען האָט געמוזט טראַכטן, און ניט אָננעמען דורך גלויבן די אַלטפעטערישע פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור. די נייע מענטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויסער דער פריערדיקער שטאַמענגרופירונג, האָבן געמוזט באַשאַפן זעלבשטענדיקע נייע פאָרמען פון לעבן און נייע אָנשוױנגען. און דווקא דאָס איז געווען די סיבה פון דער גרויסער איבערקערעניש אויך אין דער ליטעראַטור. די אָביעקטיווע עפּישע פּאָעזיע טרעט ביסלעכווייז אָפּ דעם אָרט פאַר דער סוביעקטיווער לירישער. אויב דער IX און דער VIII יאָרה. זיינען געווען דער פעריאָד פון בליִונג פון דעם עפּאָס, זיינען די ווייטערדיקע צוויי יאָרהונדערטן געווען די יאָרהונדערטן פון די גערימטע גריכישע ליריקער. און אויך אין דעם הינזיכט איז האָמער געווען דער אויסדריקער פון די געפילן פון זיין צייט, העסיאָד — דער איבערגאַנג צו דער צוקונפט. ביי דעם אַוטאָר פון די אַרבעטן איז מער אַריינגע=

1) וויפער. אָנגער. ווערק.

מראַכטקייט אין זיך און ליריזם. האָמער איז דער זינגער פון דער גערימטער פאַרגאַנגענהייט, דער אויפהיטער פון די גרויסע הייליקע טראַדיציעס, דער געטרייער שומר פון די אידעאַלן, וועלכע זיינען איבערגעגעבן געוואָרן בצוואה פון די אורעלטערן. העסיאָד איז דער זינגער פון די מחשבות און טרוימען פון זיין צייט, וועלכע רייסן זיך יעדע רגע אַריין אין זיינע איבערדערציילונגען פון די אַלטע לעגענדעס און מסורות. די אַנטוויקלונג פון דער גריכישער ליטעראַטור צייכנט זיך אויס מיט יענער וואונדערלעכער לאָגישקייט און קלאָרקייט, מיט וועלכער עס האָט זיך אויסגעצייכנט דער גאַנצער גייסטיקער בוי פון דעם דאָזיקן גרויסן פאָלק. די ליריק איז געקומען און האָט פאַרביטן דעם עפּאָס פונקט אַזוי נאַטירלעך, ווי די נייע אָרדענונג פון לעבן האָט פאַרביטן דעם שטאַמען־לעבנסשטייגער. עס האָט אויסגעוויזן, אַז, דוכט זיך, אַלע שעפערישע כוחות פונם פאָלק האָבן זיך פלוצלונג אַוועקגעלאָזן אין אַן אַנדער זייט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין אַ נייער פאָרם, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן אַליין פון זיך, ווי נאָר די פריערדיקע, די עפּישע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס ניט קיין באַקוועמע פאַר דעם אויסדרוק פון די נייע פאָדערונגען פונם גייסט. דער עפּאָס האָט אין גריכנלאַנד ניט עקסיסטירט אין איין שורה מיט דער ליריק, ווי דאָס איז געווען ביי די נייע אייראָפּעישע פעלקער, וואו מיר באַגעגענען גלייכצייטיק פאָרשטייער פון אַלע פאָרמען פון דער פּאָעזיע. די נייע פעלקער האָבן אַדאַנק די גריכן געפונען פאַרטיקע פאָרמען פאַר דעם פּאָעטישן אויסדרוק; די גריכן האָבן די דאָזיקע פאָרמען אַליין געפונען און האָבן זיי געשענקט דער מענטשהייט. זייערע פּאָעטן האָבן מיט וואונדערלעכער מעטאָדישקייט אַ לאָז געטאָן אַלע כוחות אויף דער נייער פאָרם פון פּאָעטישן שאַפן, ווי נאָר דער עפּאָס האָט זיין זאַך אָפּגעטאָן. אמת, די עפּישע שאַפונג האָט נאָך ווייטער עקסיסטירט. האָמערס עפּיגאָנען זיינען נאָך געווען אין אַ משך פון פיל יאָרהונדערטן, אָבער די עפּישע פּאָעזיע איז געווען גרעסטנטייל אַ מין שוואַכער נאָכמאַכן דעם גרויסן לערער, און די נעמען פון אירע אַווטאָרן זיינען פאַרטונקלט געוואָרן קעגן די נעמען פון סאַפּפאָ און פינדאַר. די נייע צייטן האָבן געפאָדערט נייע לידער, און די צייט פון דער העראָישער עפּאָפּעע איז אַוועק כדי מער ניט אומצוקערן זיך.

צווייטע אָפּטיילונג.

די לירישע פּאָעזיע און דער אָנהייב פון דער דראַמע. אַרכילאָכוס. טירטאַיאָס. סאָלאָן. טעאָגניס. אַלקאַיאָס. סאַפּפאָ. אַנאַקרעאָן. סימאָנידעס. פּינדאַר. אייסכילאָס.

IV.

די ירידה פון דער אַריסטאָקראַטיע און די גריכישע שטעט אין VII און VI יאָרה. — די ערפאָלגן פון דער דעמאָקראַטיע. — די טיראַניי. — די געזעצן פון סאָלאָן און קליסטענעס. — די ווירקונג פון די נייע געשמאַקן און פאָדערונגען אויף דער ליטעראַטור. — די נייע פּאָעטישע פאָרמען. — דאָס עלעגישע, יאַמבישע, מעלישע און כאָראַלע ליד. — דער אָנהייב פון דער לירישער פּאָעזיע. — אַרכילאָכוס און די סאַטירישע ליריק. — די קריגערישע ליריק. — טירטאַיאָס. — די סאָציאַל-פּאָליטישע ליריק: סאָלאָן. — די אַריסטאָקראַטיש-רעאַקציאָנערע ריכטונג אין דער גריכישער ליריק: טעאָגניס.

די סאַמע גרעסטע פאַקטן פון דער גריכישער פּאָליטישער געשיכטע אין דער צייט פון VII און VI יאָרהונדערטן איז געווען דאָס אומעטומיקע פאַלן פון דער קיניגלעכער מאַכט און איר פאַרבייטונג אויף דער הערשאַפט פון דער אַריסטאָקראַטיע. אין אייניקע שטעט איז דער טויש פון די קיניגן אויף דער אַריסטאָקראַטיע פאָרגעקומען דורך אַ קאַמף, אין אַנדערע, ווי, למשל, אין ספּאַרטע — אויף אַ פרידלעכן אופן. אין אַטען האָט די אַריסטאָקראַטיע פאַרניכטעט די קיניגלעכע דינאַסטיע פון די קאָדרידן און האָט גענומען רעגירן דורך אַרכאָנטן, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון די אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס. גלייכצייטיק מיט דער הערשאַפט פון דער אַריסטאָקראַטיע הייבט זיך אויך אָן די באַוועגונג קעגן איר. די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס אירע שפּורן האָבן מיר שוין געזען ביי האָמערן און באַזונדער ביי העסיאָדן, ווערט אין VII און אין VI יאָרהונדערטן פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן שטראָם. די לאַגע פון די פויערים, ווען מען זאָל גלייבן פּלוטאַרכן און אַריסטאָטעלעסן, איז געווען אויסערגעוויינלעך אַ שווערע. לויט זייער עדות, איז אין אַטיקע, למשל, די שאַרפע אומגלייכקייט צווישן די אָרעמע און די רייכע דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה. דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען איינגע-

טונקט אין חובות בײַ די רײַכע, אײנע האָבן געאַרבעט אין די פעלדער פון די גרויסע ערדבאַזיצער, און האָבן געמוזט אָפּגעבן אַ זעקסטן טײל פון דער געראַטעניש, אַנדערע האָבן אַלס אומצאָלפעיִקע בעלי=חובות געמוזט גײן אין קנעכטשאַפט צו די קרעדיטאָרן און האָבן געדינט אַלס קנעכט אין פאָטערלאַנד, אָדער זײ זײנען פאַרקויפט געוואָרן אין דער פרעמד [1]. אויב מען זאָל אַפּילודערלאָזן, אַז אַריסטאָטעלעסעס און פלוטאַרכס אויספירן זײנען גוזמאדיקע [2], און די לאַגע פון די פויערים איז געווען ווײט פון רויִנירט צו זײן, בלײבט אָבער אויסער ספק דער פאַקט, אַז אין VII און VI יאָרהונדערטן קומט פאָר אַ שטאַרקע יוירונג צווישן די פויערים, וועלכע זײנען אומצופרידן מיט זײער לאַגע — אַ יוירונג, וועלכע איז געווענדט קעגן דער אַריסטאָקראַטיע. די פויערים זײנען געווען גענײט צו ווענדן זיך נאָך הלוואות צו די ערדבאַזיצער, וועלכע האָבן בײַ זײ גענומען גרויסע פּראָצענטן. דער פויער, וואָס איז נאָכדעם ניט געווען אימשטאַנד צו באַצאָלן דעם חוב, איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך מיט זײַן קערפּער און איז אַרײַנגעפאַלן אין פאַרקנעכטונג. דער צווײטער פאַקט, וואָס האָט באַדאַרפט ברענגען די אָפּשוואַכונג פון דער אַריסטאָקראַטיע, איז געווען דער אָנוואוקס פון אַ נײעם האַנדלס=אינדוסטריעלן קלאַס. מיר האָבן געזען, אַז דער טעאַטער פון דער גריכישער געשיכטע אין די אוראַלטע צײטן זײנען דער עיקר געווען די לענדער, וועלכע ליגן אַרום דעם עגעִישן ים. די איליאַדע און די אָדיסעע זײנען דורכגעדרונגען מיט דעם גײסט פון אונטערנעמערישער קאָלאָניזאַטאָרישקײט. אין VII און VI י. ה. האָבן די גריכן ווײטער זיך פאַרנומען מיט גרינדן נײַע קאָלאָניעס און צום אָנהײב פון VI יאָרהונדערט איז אַ באַדײַטנדיקער טײל פון דעם מיטללענדישן ים געווען פאַרנומען דורך די גריכישע קאָלאָניסטן. די דאָזיקע לעצטע האָבן מיט זיך געבראַכט באַדערפעניש, וועלכע זײ האָבן ניט געקענט באַפרידיקן אויף די נײַע ערטער, און דעריבער איז אין דער ערשטער צײט אויסגעקומען צו ווענדן זיך צו דער אַלטער הײמאַט. אַדאַנק דעם, האָט די אינדוסטריע אין גריכנלאַנד באַקומען אַ שטאַרקן שטופּ פאָראויס; עס איז אויסגעקומען צו פּראָדוצירן מעטאַלישע געווער, געוועבן, כלים און אַז. וו. ניט בלויז פאַר דער מעטראָפּאָליע, נאָר אויך פאַר די קאָלאָניעס און אויך פאַר די באַרבאַרן, וועלכע האָבן פון די גריכישע קאָלאָניסטן איבערגענומען זײערע נײַע געשמאַקן און באַדערפענישן און זײנען אויך געוואָרן געברויכער פון די גריכישע סחורות.

אַ גרויסע צאָל מענטשן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער דאָזיקער

[1] ווישער. אָנגער. ווערק.

[2] אַזוי איז ווישערס מײנונג להיפוך צו בעלאָכס.

נייער גוטן=רייוח=געבנדיקער טעטיקייט. די אַלטע אָרדענונג, ווען יעדער הויז האָט אַלדאָס נייטיקס פּראָדוצירט אין די גרענעצן פון זייער אייגענער ווירטשאַפט, ווען די דעמיורגן זיינען געווען געדונגענע אַרבעטער אין הויז, האָט געמוזט אָפּטרעטן דעם אָרט פאַר דער נייער אָרדענונג, וועלכע דערמאָנט אונזער קאַפּיטאַליסטישע. ענערגישע און אונטערנעמערישע מענטשן האָבן אָנגעהויבן גרינדן פאַבריקן=אונטערנעמונגען, געפינענדיק אין זיי אַ לוינענדיקע אָנווענדונג פאַר זייערע קאַפּיטאַלן. די ראָלע, וואָס אין אונזערע פאַבריקן שפּילן די אַרבעטער, האָבן אין דער גריכישער אינדוסטריע געשפּילט די קנעכט, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן פון די באַרבאַרישע לענדער. די פאַרגרעסערונג פונם קאַפּיטאַל האָט דעם אונטערנעמער ערלויבט צו באַקומען נייע שקלאַפן און פאַרברייטערן זיין אונטערנעמונג. אַזוי=אַרום איז אין איין ריי מיט דער פריערדיקער ערדאַרבעטערישער אַריסטאָקראַטיע אויסגעוואַקסן אַ נייער מעכטיקער אינדוסטריעלער קלאַס, וועלכער איז געשטאַנען אויסער די אַלטע שטאַמענצעטיילונג און האָט באַשאַפן נייע טראַדיציעס. אין דער צייט ווען צווישן דער אַריסטאָקראַטיע איז נאָך פאַרבליבן די אַלטע אַכטונג צו מיליטערישער גבורה און די פאַראַכטונג צו אַרבעט, האָט די דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט אַרויסגערוקט אַ נייעם שטאַנדפּונקט — די הויכע שעצונג פון אַרבעט און ענערגיע 1).

די נייע גרופּירונג פון דער געזעלשאַפט האָט געבראַכט צו וויכטיקע ענדערונגען אין דער גאַנצער לעבנסאָרדענונג. דער מנהג האָט געמוזט אָפּטרעטן דעם אָרט פאַרן רעכט. די באַציִונגען, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף דער טראַדיציע און אויף דער פּערזענלעכער מוטיקייט פון די קיניגן, האָבן געמוזט פאַלן, און די נייע געזעלשאַפט, פאַרבונדן דורך מערער קאָמפּליצירטע באַציִונגען, האָט געפאָדערט געשריבענע געזעצן, וועלכע זאָלן צוגעבן אַ געוויסע פעסטקייט און באַשטימטקייט די לעבנספאָרמען, וועלכע האָבן זיך אויסגעבילדעט. אין דעם משך פון VII און VI יאָרהונדערטן ערשיינען אין פאַרשיידענע גריכישע שטעט געשריבענע געזעצן, פון וועלכע די גרעסטע באַרימטקייט באַקומען די געזעצן פון דראַקאָן און סאָלאָן אין אַטען. די דאָזיקע געזעצן האָבן באַזייטיקט דעם ווילקיר, און ניט זעלטן האָבן זיי אינגאַנצן זיך אונטערגעשיידט פון די אַלטע מנהגים. אַזוי למשל האָט דאָס ירושה=רעכט, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך סאָלאָנס געזעצן, די הויפּטראָלע איבערגעגעבן דעם ווילן פון דער פּערזאָן, ווי צו באַגיין זיך מיט איר פאַרמעגן, און האָט אַזוי=אַרום מבטל געמאַכט די מאַכט פון דעם שטאַמענפאַרבאַנד. ס'איז קיין ספק ניט,

1) הענרי פראַנקאָט. די אינדוסטריע אין אַלטן גריכנלאַנד.

אַז לטובת דער דעמאָקראַטיע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויך תקנות קעגן לוקסוס. אַזוי האָבן אייניקע נעזעצגעבער פאַרבאָטן זייער רייכע לוויות, אָנגעדונגענע קלאָגערינס, דעם מנהג צו פאַרברענען די אוצרות צוזאַמען מיט די געשטאָרבענע, דעם שפּאַציר פון די מיוחסדיקע פרויען איבער די גאַסן מיט סוויטעס, אָפּנעמענדיק אויף אַזאַ אופן ביי די מיוחסים זייער פּריווילעגיע בנוגע גלאַנץ און ברייטער אויסשטאַטונג. דער געריכט גופא באַקומט אַ דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. דער ראַט פון די עלטסטע, וועלכער ריכט אָפּ די גערעכטיקייט לויט האָמערן, ווערט פאַרביטן אויף ריכטער-בירגער. איינער פון די געזעצגעבער שרייבט פאַר אַלע בירגער פאַר דעם אָבליגאַטאָרישן אָנטייל־נעמען אין געריכט, און שטעלט פעסט אַפילו געלטשטראָפן פאַר אַרויסדרייען זיך פון ריכטערישע פליכטן. דאָס איז דער אָנהייב פון דעם צוקינפטיקן פאָלקסגעריכט, וועלכער האָט זיך שפּעטער אין אַטען אויסגעגאָסן אין דער פאָרם פון אַ געריכט פון געשוואָרענע, העליאַסטן [1].

אַחוץ די דאָזיקע פאַקטן, וועלכע זאָגן עדות אויף די פרידלעכע עראָבערונגען פון דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ, הייבט זיך אָן אין גריכנלאַנד אַן אָפענער קאַמף צווישן פאָלק און דער אַריסטאָקראַטיע. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג שטעלט אומעטום אַרויס אַ ריי טיראַנען, וועלכע ווערן די אָנפירער פונם פאָלק קעגן דער אַריסטאָקראַטיע און די גרינדער פון אַ נייער מלוכה־אָרדענונג. פון די הענט פון דער אַריסטאָקראַטיע גייט די מאַכט אַריבער אין די הענט פון דעמאַגאָגן. דער דאָזיקער אין שפּעטערדיקע צייטן פיינטלעכער נאָמען טיראַן איז אין דעם ערשטן פעריאָד פון קאַמף אַ בכבודיקער טיטל פאַר דעם פאַרטיידיקער פון די פאָלקסאינטערעסן. ניט האָבנדיק נאָך קיין אָרגאַניזאַציע, האָט, אפנים, די מאַסע ניט געקענט אַרויסשטעלן קעגן דער גוט אָרגאַניזירטער אַריסטאָקראַטיע עטוואָס אַנדערש אויסער אַן אָנפירער, וועלכער איז עס געווען דער פאָרשטייער פונם פאָלק. די דאָזיקע פאָרשטייער זיינען אין פיל ערטער, אַפנים, געווען געוואַלדיק פּאָפּולער, און איבער זייער מאַכט איז קיין שום קאָנטראָל ניט געווען; זיי האָבן מיטגעהאָלפן צו וואַרפן די אַריסטאָקראַטיע און צו אַנטוויקלען די דעמאָקראַטיע. ניט זעלטן פלעגט זיך אין דער שפּיץ פון דער פאָלקסבאַוועגונג שטעלן עמעצער פון די פּאָפּולערע אַריסטאָקראַטן, וועלכער פלעגט פירן די מאַסע קעגן זיין אייגענעם קלאַס. אַן אַנדערש מאָל פלעגט די מאַכט פון דעם טיראַן בלייבן ביזן סוף פון זיין לעבן, און אַ מאָל פלעגט זי אַפילו איבערגיין בירושה צו זיינע קינדער. נאָר ניט געקוקט אויף דער דעמאָקראַטישער אָפּשטאַמונג

[1]) וויפּער, אַנגער. ווערק.

פון דער טיראַניי, האָט זי זיך ניט געקענט לאַנג האַלטן. הערשנדיק אי=
בער אַ ניט קיין אָרגאַניזירטער מאַסע און האָבנדיק אַ מיליטערישע מאַכט,
האָט די טיראַניי אין פיל ערטער אָנגעהויבן צו מיסברויכן מיט איר לאַגע,
און די טיראַנען זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אוזורפּאַטאָרס, באַזונדערס
אין יענע פאַלן, ווען די מאַכט איז צו זיי אַריבער בירושה. די מאַכט,
וועלכע פלעגט איבערגעגעבן ווערן צו דעם פאָלקספריינד, איז אַריבער=
געגאַנגען צו זיין זון, וועלכער איז שוין געוויינט געווען, אַז די אַרומיקע
זאָלן אים פאָלגן, און האָט פאַרגעסן, פונוואַנען זיין מאַכט שטאַמט. הייבן
די טיראַנען אָן צו פעלשן אין זייער פאָלקס=פּאָליטיק; קעגן זיי הויבט
זיך אָן אַן אויפרודערונג; אין אַנדערע שטעט וואַרפט מען די טיראַנען
אַראָפּ. אַזוי, למשל, פאַלט אין אַטען די מאַכט פון די פּיזיסטראַטידן,
באַזונדער האָט פון די טיראַנען געליטן די אַריסטאָקראַטיע, וועלכע פלעגט
זיי אָפּט אַראָפּוואַרפן. אָבער, פאַרשטייט זיך פון זיך זעלבסט, אַזאַ אי=
בערקערעניש האָט ניט געבראַכט צו דער רעסטאַוראַציע פון דער אַרי=
סטאָקראַטישער הערשאַפט. אַזוי האָט דאָס פאַלן פון די פּיזיסטראַטידן
אין אַטען אַרויסגערוקט אַ נייעם דעמאַגאָג אין דער פּערזאָן פון קליסטע=
נעס, וועלכער האָט, ווי באַוואוּסט, דורכגעפירט רעפאָרמען נאָך מער דע=
מאָקראַטישע, איידער סאָלאָן.

ניט געקוקט דערויף, וואָס די טיראַניי האָט עקסיסטירט אַ קורצע
צייט; ניט געקוקט דערויף, וואָס לויט איר עצם=נאַטור האָט זי ניט געקאָנט
זיין קיין לאַנגדויערנדיקער אָנלען פאַר דער באַפרייונגס=באַוועגונג, האָט
די טיראַניי פונדעסטוועגן זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער זאַך פון דער
דעמאָקראַטיע און בכלל פאַר דער גריכישער ציוויליזאַציע. די באַפרייונגס=
באַוועגונג האָט אַרויסגערוקט דעם באַרימטן מעסיקן געזעצגעבער און
פּאָעט סאָלאָן, וועלכן די גריכישע טראַדיציע רופט אָן דער גרינדער פון
דער דעמאָקראַטיע, און קליסטענעסן, וועלכער האָט איר געגעבן אַן אַנט=
שיידענעם נצחון. מיט סאָלאָנס נאָמען פאַרבינדט די טראַדיציע גרויסע
רעפאָרמען (594 פאַר קר. געב.), דהיינו די אַלגעמיינע אַנולירונג פון די
חובות, און די אָפּשאַפונג פון קנעכטשאַפט פאַר ניט געצאָלטע חובות.
דער פּערזענלעכקייט האָט אויפגעהערט צו דראָען פאַרשקלאַפונג פאַר באַנ=
קראָט. ווייטער שרייבט מען סאָלאָנען צו די נייע גרופּירונג פון דער גע=
זעלשאַפט, דהיינו די צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף פיר קלאַסן
לויט זייער פאַרמעגנסלאַגע; די פּערזאָנען, וועלכע האָבן באַקומען אַ גרע=
סערע הכנסה, האָבן אויף זיך גענאָמען גרעסערע פליכטן, אָבער דערפאַר
האָבן זיי אויך באַקומען גרעסערע פּאָליטישע רעכט. די דאָזיקע פאַר=
מעגנס=גרופּירונג, וועלכע האָט אַנטשפּראָכן די באַדערפעניש פון דער

צייט, האָט אונטערגעגראָבן די אַלטע שטאַמענצעטיילונג פון דער געזעלשאַפט. דעם ענדגילטיקן קלאַפּ דער אַריסטאָקראַטיע האָט דערלאַנגט קליסטענעס. ער האָט לגמרי פאַרניכטעט די פריערדיקע שטאַמען-פילעס, און האָט דאָס לאַנד צעטיילט אויף צען אָרטיקע פילעס. די באַפעלקערונג פון אַ באַשטימטן ראַיאָן האָבן געבילדעט איין פילע; מחמת דעם זיינען אין איר אַריין פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פאַמיליעס, און פון דער אַנדער זייט האָבן די מיטגלידער פון איין שטאַם געקאָנט אַריינפאַלן אין פאַרשיידענע פילעס; דער שטאַם אַלס פּאָליטישע גאַנצע האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן. יעדע פילע האָט זיך אויסגעקליבן פופציק פאָרשטייער על-פּי גורל, דערביי האָבן די באַזונדערע טיילן פון די פילעס, די דעמעס, יעדע באַקומען אַזאַ צאָל דעפּוטאַטן, וועלכע האָט אַנטשפּראָכן איר גרויס. אַזוי-אַרום האָט אַטען מיט צוויי אַ האַלבן טויזנט יאָר, איידער עס איז געגרינדעט געוואָרן די אייראָפּעישע קאָנסטיטוציע, געהאַט אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, וועלכע איז געווען געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון פּראָפּאָרציאָנעלער צו דער באַפעלקערונג פאָרשטייערשאַפט. די געוויילטע דעפּוטאַטן אין אַ צאָל פון פינף הונדערט האָבן געבילדעט דעם ראַט, וועלכער האָט אָנגעפירט די מלוכה-ענינים און צוגעגרייט פּראָיעקטן, וועלכע זאָלן אַריינגעטראָגן ווערן אין דער פאָלקספאַרזאַמלונג צום באַטראַכטן. כדי צו באַזייטיקן די סכנה מצד די דעמאַגאָגן, איז די מיליטערישע מאַכט געווען איבערגעגעבן צו צען סטראַטעגן, וועלכע זיינען געווען געוויילט דורך די פילעס. דערביי האָבן די סטראַטעגן נאָך דער ריי גענומען אויף זיך די הויפּט-קאָמאַנדע איבער דער אַרמיי [1]. די קליסטענישע קאָנסטיטוציע איז ניט געווען קיין פולקומער נצחון פון דעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ, מחמת די פּריווילעגיעס לויט דעם פאַרמעגנס-צענז, וועלכע ווערן צוגעשריבן סאָלאָנען, זיינען געבליבן אין דער קראַפט, די אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע האָט זיך ווייטער געצויגן אויך נאָך קליסטענעסן. עס איז אָבער שווער אָפּצושאַצן גענוג הויך די גרויסע פאָלגן, וואָס עס האָבן געהאַט דאָס אַראָפּוואַרפן די טיראַנען און די ערפאָלגן פון דער דעמאָקראַטיע אין גריכנלאַנד. באַשרייבנדיק די נצחונות פון אַטען איבער די בעאָטינער און די כאַלקידער, וועלכע זיינען פאָרגעקומען נאָך קליסטענעסעס רעפאָרמען, זאָגט העראָדאָט: „ניט בלויז דער דאָזיקער איינציקער, נאָר אַלע פאַלן בכלל דערוויזן, ווי טייער עס איז די גלייכבאַרעכטיקונג. ווירקלעך, געפינענדיק זיך אונטער דעם דרוק פון דער טיראַניי, האָבן די אַטענער אין מיליטערישע ענינים ניט געקאָנט גובר זיין קיינעם פון די שכנים, אָבער באַפרייט זיך פון די טיראַנען, האָבן זיי זיכער

1) גענויער ביי עד. מייער, בעלאָך און וויפּער.

פאַרנומען דעם ערשטן אָרט. דאָס באַווייזט, אַז זייענדיק פאַרקנעכטיקט דורך די טיראַנען, זיינען זיי געווען נאַכלעסיק, גלייך זיי וואָלטן גע־אַרבעט פאַר אַ פרעמדן האַר. פאַרקערט אָבער, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַקומען פרייהייט, האָט יעדער פון זיי אָנגעהויבן פלייסיק צו אַרבעטן פאַר דעם אייגענעם ווּוילשטאַנד" 1). די ספּאַרטאַנער האָבן פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קראַפט עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ פריי פאָלק, און האָבן זיך געפרוווּט צוריקצוקערן די טיראַנען אין אַטען, אָנווייזנדיק זייערע פאַרבינדעטע, אַז דער באַפרייטער אַטענישער דעמאָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרוויזאַמע געפאַר פאַר זיי אַלעמען 2).

די מפּלה פון די פּיזיסטראַטידן אין אַטען קאָן מען רעכענען פאַר דעם סוף פון דעם פּעריאָד פון דער טיראַניי לפּחות אין גריכנלאַנד גופא, מחמת אין די גריכישע שטעט פון קליין־אַזיע האָט זיך נאָך די טיראַניי ווייטער געהאַלטן. די ראָלע, וואָס די טיראַניי האָט אָפּגעשפּילט, איז גע־ווען אַ וויכטיקע ניט בלויז אַלס איבערגאַנגס־אינסטיטוציע, וועלכע האָט געבראַכט דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך באַפרייען פון דער אַריס־טאָקראַטיע. זי האָט ניט נאָר מיטגעהאָלפן דער מעכטיקער דעמאָקראַטי־שער באַוועגונג. די טיראַנען האָבן ניט ווייניק אויפגעטאָן פאַר דער אַנט־וויקלונג פון די וויסנשאַפטן און פון דער קונסט. די הויפן פון די טי־ראַנען זיינען געווען פון אַזאַ מין, ווי די פירשטלעכע הויפן פון דער רע־נעסאַנס־עפּאָכע. דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט געלערנטע קינסטלער, וועלכע האָבן געפונען אין דער פּערזאָן פון די טיראַנען מעצענאַטן, גוטע און מיט אַ ברייטער האַנט. די טיראַנען זיינען געווען מענטשן, וועלכע האָבן באַ־קומען זייער מאַכט ניט לויט זייער אָפּשטאַמונג, נאָר מיט דעם כּוח פון זייערע פּערזענלעכע פאַרדינסטן און גוטע מעלות. דאָס איז ניט געווען קיין אַנטאַרטיקטער שטאַם פון ליידיקגייערישע דורות, נאָר ענערגישע און באַגאַבטע דעמאַגאָגן. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס זייערע הויפן זיינען געוואָרן די צענטערס פון דער גריכישער געבילדעטקייט. זיי האָבן געזאָרגט פאַר דער גייסטיקער אויפבליִונג פון דער אייגענער שטאָט, האָבן אויפגעבויט קינסטלערישע בנינים, אָנגעזאַמלט דענקמעלער פון פּאָעזיע. מיט פּיזיסטראַטאַסעס נאָמען, למשל, זיינען פאַרבונדן די ערשטע ערנסטע אַרבעטן צו דער אויספאָרשונג פון דעם האָמערישן עפּאָס. אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם כאַראַקטער, וואָס עס האָט געטראָגן דאָס לעבן ביי דעם הויף פון די טיראַנען, גיט העראָדאָטס ערציילונג וועגן קליסטענעסן, דעם סי־קיאָנישן טיראַן, וועלכער איז געווען דער זיידע פון דעם אַטענישן

1) העראָדאָט, V, 78.
2) העראָדאָט, V, 91.

קליסטענעס. דער סיקיאָנישער טיראַן, וועלכער האָט געהאַט זייער אַ שיינע טאָכטער אַגאַריסטע, האָט איינגעלאַדן צו זיך אַלעמען, ווער עס האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. געסט זיינען אָנגעקומען פון אומעטום: פון פאַרשיידענע גריכישע שטעט, פון איטאַליע, פון קליין-אַזיע און אַז. וו. כדי זיי צו פאַרווײלן, האָט קליסטענעס איינגעאָרדנט אַ געוועט-לויף און אַ פאַלעסטרע. דער ציל פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז באַשטאַנען אין דעם, מען זאָל דאָ קאָנען אויסקלייבן דעם סאַמע בעסטן חתן. קליסטענעס האָט פריער פאַר אַלץ יעדן אויסגעפרעגט וועגן זיין היימאַט און זיינע עלטערן, דאַן האָט ער אַלעמען פאַרהאַלטן אין משך פון אַ יאָר ביי זיך און אויסגעפרווט זייער מוטיקייט, זייערע נטיות, די מדרגה פון זייער געבילדעטקייט און זייער כאַראַקטער. „אַז עס איז אָנגעשטאַנען דער טאָג פון דעם חתונה-מאָלצייט, און ווען מען האָט געדאַרפט מעלדן, אויף וועמען פון די חתנים פאַלט דער אויסוואַל, האָט קליסטענעס געהייסן שעכטן הונדערט אָקסן און געמאַכט אַ מאָלצייט ניט פאַר די חתנים אַליין, נאָר פאַר אַלע איינוואוינער פון סיקיאָן. צום סוף פונם מאָלצייט האָט זיך צווישן די חתנים אָנגעהויבן אַ קאָנקורס אין מוזיק און אין דער קונסט צו פירן אַ געשפרעך אין אַ געזעלשאַפט". לסוף, ווען ער האָט אָפּגעשטעלט זיין אויסוואַל אויף איינעם פון די חתנים, האָט קליסטענעס די איבעריקע געשענקט יעדן אַ טאַלאַנט זילבער דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים באַערט מיט דעם כבוד צו וועלן חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער און זיי האָבן אַ גאַנץ יאָר פאַרבראַכט ווייט פון זייער היימען [1]. לויט העראָדאָטס ווערטער האָט דער דאָזיקער צופאַל באַרימט געמאַכט די משפחה פון די אַלקמעאָנידן, צו וועלכער קליסטענעס האָט געהערט, איבער גאַנץ העלאַדע. אויב די דאָזיקע ערציילונג איז אַפילו מער ניט ווי אויסגעטראַכט פונם פאָלק, וועלכן העראָדאָט האָט זענלויבט [2], איז צוליב דעם איר באַדייטונג פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דער וועלטלעכער געזעלשאַפט אין דער עפּאָכע פון דער טיראַניי אויף אַ האָר ניט קלענער. צופאַסנדיק די ערציילונג צו דעם סיקיאָנישן טיראַן, האָט, פאַרשטייט זיך, העראָדאָט אַזוי אָדער אַנדערש געמאָלט אַ טיפּיש-בילד; ער האָט געשילדערט דאָס, וואָס עס איז געווען אַ געוויינלעכע ערשיינונג ביי די הויפן פון די טיראַנען. מיר זעען אַן אמתן סאַלאָן אין דעם געשמאַק פון דעם גראַף קאַסטיליאָנע [3], אַ ראַפּי-

1) העראָדאָט, VI, 126—131.

2) אַזוי מיינט גראָט, דער אַוטאָר פון אַ באַוואוסטער אַרבעט איבער דער גריכישער געשיכטע.

3) זע מיין געשיכטע פון די מערב-אייראָפּ. ליטעראַטורן.

בירטע געזעלשאַפט, וואו מען שטעלט אויבנאָן די בילדונג, די וויסנשאַפטלעכע און די קינסטלערישע, די פיינקייט, די וועלטלעכע האַלטונג און דעם שאַרפזיניקן שמועס. די וועלטלעכע טורנירן פאַרשאַפן באַרימטקייט די מענטשן, וועלכע אָרדענען זיי איין, דער פּאָליטישער איינפלוס איז אין אַ געוויסער מדרגה באַדינגט דורך די וועלטלעכע אייגנשאַפטן פון דעם דעמאַגאָג, דורך זיין בילדונג, דורך זיין פאַרשטיין די קונסט. דער טיראַן איז ניט בלויז פּאָליטישער און סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר. ער איז דער אַריסטאָקראַט פון גייסט, דער מעצענאַט, דער פיינער קענער פון פּאָעזיע און מוזיק.

די דאָזיקע נייע באַדינגונגען פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן האָבן אויך באַדונגען די נייע געשמאַקן. די עפּישע פּאָעטן, די שוואַכע נאָכמאַכער פון האָמערן און העסיאָדן, האָבן ניט געקאָנט באַפרידיקן די נייע פאָדערונגען פון שכל און האַרצן. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַנאַליזירן זייערע אייגענע געפילן און געדאַנקען, זיי האָט זיך געוואָלט איבערגעבן איינער דעם אַנדערן יענע מחשבות, וועלכע זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אָנגעשטרענגטער סאָציאַל־פּאָליטישער אַרבעט, דורך דער וויסנשאַפטלעכער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, און דורך דער פרייער צייט, וועלכע האָט זיך באַקומען ביי פיל מענטשן, וואָס זיינען רייך געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פון דער פאַרברייטערונג פון דעם מסחר. די ערשיינונג פון די דעמאַגאָגן און די טיראַנען האָט אַרויסגערופן די נויטווענדיקייט פון פּראָפּאַגאַנדע; און דער קאַמף צווישן באַזונדערע גריכישע געמיינדעס, באַגלייטנדיק דעם פּראָצעס פון דער אויסבילדונג פון אַ נייער מלוכה־אָרדענונג, האָט געפאָדערט אויפצוועקן די קריגערישע געפילן און דעם לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם. מען האָט זיך געדאַרפט ווענדן צו דער פרידלעכער מאַסע און צו די קריגער אין אַ אַממערסטן צוטריטלעכער און ווירקנדיקער פאָרם, און דאָ איז נאָך דערווייל קיין אמתע פּראָזע ניט געווען, און די פּאָעזיע ווערט אַ מיטל סיי ביי דעם געזעצגעבער, סיי ביי דעם קריגספירער, סיי ביי דעם פילאָסאָף־מאָראַליסט. די געשריבענע געזעצן קליידן זיך אָן אין דער פערזן־פאָרם פון דער דידאַקטישער פּאָעזיע, די מיליטערישע באַפעלן און אויפרופן ווערן פאַרוואַנדלט אין קריגערישע לידער פונם שבט. סאָלאָן איז גלייכצייטיק אַ פּאָעט און אַ געזעצגעבער; דער זינגער טירטאַיאָס פירט די ספּאַרטאַנער צו נצחונות. ניט פיל עפּאָכעס קאָנען קאָנקורירן קעגן די VII און VI יאָרהונדערטן אין גריכנלאַנד מיט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די מאָטיוון פון דער פּאָעזיע און מיט דער טיפקייט און דער פעסטער פאַרבונדנקייט דער צווישן ליטעראַטור

מיטן לעבן. מיר געפינען דאָ אַ ברייט אַנטוויקלטע פּאָליטישע פּאָעזיע, וועלכע שפּיגלט אָפּ די האָפענונגען פון באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע גרופּן: אין איר הערט זיך די שטים פון די פּאַראומגליקטע קלאַסן, וועלכע פּאָדערט סאָציאַלע און פּאָליטישע גערעכטיקייט און שיט מיט קללות אויף די קעפּ פון די רייכע און אַריסטאָקראַטן; אין איר קלינגט אויך די שטים פון די דאָזיקע לעצטע. די אַריסטאָקראַטן האָבן זיך אויך באַוואָרנט מיט דעם נייעם געווער, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ריי פון דער שרייבערישער משפחה; זיי פאַרטיידיקן זייערע אַלטע פּריווילעגיעם און שלייפן זייער שאַרפזיניקייט אין אויסלאַכן די גראָבע פּויערים, וועלכע הייבן אויף דעם קאָפּ און פּאָדערן פאַר זיך אַ גלייכן אָרט מיט זיי. ווייטער געפינען מיר מוסטערן פון קריגערישער ליריק, וועלכע רופט צום קאַמף, צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. מיליטערישע עקספּעדיציעס, וועלכע זיינען אין די האָמערישע פּאָעמעס געוועזן אויפטועכצן פון די קיניגן, ווערן איצט אַן אַלגעמיינע זאַך פונם פאָלק. די בירגער, וועלכע פלעגן אַמאָל ענטפערן אויף די אָנפראַגעס מצד די מעכטיקע מיט אַ קורצן יאָ, זיינען איצט באַרופן דורך די אומשטענדן צו פּאָליטישן דענקען, צו מחשבות וועגן דעם גורל פון דער מלוכה. אין אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט וועקט זיך אויף דער באַוואוסטזיין פון דער פּערזענלעכקייט און דער געפיל פון דער אייגענער ווערדע, וועלכע זיינען אין דעם עפּאָס געוועזן אייגנשאַפטלעך בלויז פאַר די קיניגן און פאַר די העראָיען. די פּאָעזיע האָט אָפּגעשפּיגלט אויך די עפּיקורעישע און עראָטישע געשמאַקן פון דער זיך אַנטאַרטנדיקער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָבן זיך באַזונדער שטאַרק אַנטוויקלט אין פיל ערטער פון גריכנלאַנד, אַדאַנק די אייגנשאַפטן פון דעם קלימאַט, און אויך אונטער דער השפּעה פון דער דערנענטערונג מיט דעם אויסגעצערטלטן אָריענט, אונטער דעם איינפלוס פון די טיראַנען, וועלכע האָבן ביי זיך באַשאַפן אַזילן פון קונסט און פון ראַפינירטע תענוגים, לסוף אונטער דעם איינפלוס פון דעם אַלגעמיינעם אָנוואוקס פון עשירות, וואָס איז געוועז אַ פּועל־יוצא פון דער אַנטוויקלונג פונם מסחר און פון דער אינדוסטריע. די דאָזיקע עפּיקורעישע ריכטונג פון דער גריכישער פּאָעזיע טרעט אַמאָל אַריבער די גרענעצן פון אַ נאָרמאַלער פרייליכקייט און שפּיגלט אָפּ יענעם דאָרשט נאָך אומגעזונטע תענוגים, יענעם פאַרשיכורן זיך מיט אויסגעלאַסנקייט, וועלכע אַנטשטייען אויף דעם באָדן פון איבערגעזעטיקטייט. דער דאָזיקער עפּאָכע האָבן מיר אויך צו פאַרדאַנקען פאַר דער העלן פונאַנדערבליען זיך פון דער פּאָעזיע פון מוסר און סאַטירע. די פּאָעזיע האָט געדאַרפט פירן אַ מלחמה אויף צוויי פראָנטן; זי האָט ניט נאָר באַגריסט די נייע אידעאַלן, אָפּגעשפּיגלט די

נייע געשמאַקן און באַגריפן, — זי האָט געמוזט אַריינטרעטן אין אַן אַנטשיידענעם קאַמף מיט אַלע פאָרמען פון דער אָפּלעבנדיקער אָרדענונג. לסוף איז די אָנגעשטרענגטע אַרבעט פונם געדאַנק, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער עפּאָכע, ווען עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ נייע וועלטאָנשויונג, אויך געווען דער אָנהייב, ווען עס איז געפאַלן דער מיטאָלאָגישער פּעריאָד. אין אַלע עפּאָכעס שטרעבט דער מענטשלעכער גייסט קלאָר צו מאַכן זיך די פאַרבינדונג און די סיבות פון די אונז אַרומרינגלענדיקע זאַכן און פון די ערשיינונגען, וועלכע ווייזן זיך פאַר אונזערע אויגן. אין דער אורשפּרינגלעכער עפּאָכע זיינען די מיטאָסן דער איינציקער מיטל צו באַפרידיקן די דאָזיקע באַדערפעניש. אָבער אין די עפּאָכעס פון העכער גייסטיקער אַנטוויקלונג, שטויסט די וויסנשאַפטלעכע ערקלערונג פון די ערשיינונגען, וואָס מיר זעען, אַרויס זייער מיטישע אויסטייטשונג. דער וואָס ווייס די אמתע סיבה פון דער זעבאַרער זון-באַוועגונג אַרום דער ערד, וועט שוין ניט דערציילן וועגן העליאָסן, וועלכער גייט יעדן פרימאָרגן אַרויף אויף זיין פייערדיקן רייטוואָגן, הייבט זיך אויף איבער דעם משופּעדיקן הימל-וועג, און אין אָוונט, אַראָפּלאָזנדיק זיך צו מערב-זייט, גייט ער אַוועק אָפּרוען 1). אין VII און VI יאָרהונדערטן געפינען מיר שוין קענטיקע שפּורן פון ראַציאָנאַליזם, אַן אָנהייב פון קריטישער באַציִונג צו דער טראַדיציע, פּראָבעס ראַציאָנאַליסטיש צו דערקלערן די מיטאָסן און די היסטאָרישע מסורות.

די פאַרברייטערונג פון דעם אינהאַלט פון דער פּאָעזיע האָט געפאָדערט נייע פאָרמען. דער העקזאַמעטער, דער געהויבענער פערז פונם עפּאָס, האָט אין זיך ניט געקענט פּאַטאָפּען די גאַנצע פאַרשיידנאַרטיקייט פון די נייע געפילן און שטימונגען; עס האָט זיך געפאָדערט אַ מער באַווענלעכער און ענדערלעכער פערז, עס האָט זיך געפאָדערט די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דעם משקל, אין וועלכער עס זאָל זיך קאָנען אויסגיסן סיי דער פלאַמענדיקער קריגערישער אויפרוף, סיי די גיפטיקע סאַטירע, סיי דער צאַרטער געפיל פון ליבע. די נייע פּאָעטן האָבן באַשאַפן נייע פאַרשיידנאַרטיקע מעטרען. אין VII און אין VI יאָרהונדערטן טרעט דער העקזאַמעטער אָפּ זיין אָרט פאַר דעם עלעגישן, יאַמבישן, טראָכעישן און אַנדערע פאָרמען פון דעם פערז. האָמערס פּאָעמען זיינען ניט פאַרגעסן געוואָרן. פאַרקערט, זיי האָבן זיך איצט פאַרשפּרייט איבער גאַנץ גריכנלאַנד. פון די הויפן פון דער אַריסטאָקראַטיע האָבן זיי אַריבערגעוואַנדערט אויף דער גאַס. מען האָט זיי אויפגעהערט צו זינגען, ווי אין די אַלטע צייטן, אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון דער קיטאַרע, נאָר מען

1) בעלאָך, אָנגעג. ווערק.

האָט זיי געלייענט אויף די פּלעצער און אויף די מערק. פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען ניט טראַכטן, אַז ביז דעם VII יאָרהונדערט האָבן די גריכן ניט געוואוסט קיין אַנדערע משקלים אויסער דעם העקזאַמעטער. די ענדערלעכע משקלים, קורצע, אָפּגעריסענע ריטמען פאַר פריילעכע פּאָעמען, דער דרייסטער אַנאַפּעסט פאַר פּאָעמעס, וועלכע מען האָט געזונגען אין דער צייט פון מלחמות, אָדער פּראָצעסיעס, זיינען געווען באַוואוסט אינם פאָלק 1). אָבער ערשט נאָר אין VII יאָרהונדערט הויבט זיך אָן די ברייטע אָנווענדונג פון די נייע משקלים. די גריכישע שריפטשטעלער שיידן אַפילו אונטער גאַנצע שולן פון פּאָעטן לויט די משקלים וואָס זיי געברויכן, — למשל, זיי ריידן וועגן פּאָעטן עלעגישע און פּאָעטן יאַמבישע, אָבער אין דער דאָזיקער צעטיילונג איז פאַראַן פיל אומקלאָרקייט. געוויינלעך האָבן זיך די פּאָעטן באַנוצט מיט אַלערליי משקלים, און די וועלכע ווערן צוגערעכנט צו די יאַמבישע פּאָעטן, האָבן געשריבן עלעגישע, און פאַרקערט. דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אַן אומאָפּטיילבאַרער עלעמענט פון דער גריכישער פּאָעזיע איז געווען די מוזיק, וואָס האָט נאָך שווערער געמאַכט די גרופּירונג פון די פּאָעטישע ווערק לויט דעם משקל. פונדעסטוועגן מוז מען זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די פאָרמען פון דער גריכישער פּאָעזיע און וועגן דער ראָלע פון דער מוזיק, מחמת די נעמען פון די משקלים און פון די אינסטרומענטן באַגעגענען זיך כסדר אין אַלע ליטעראַרישע כאַראַקטעריסטיקעס פון די דעמאָלטיקע פּאָעטן. אַן עלעגיש ליד האָט געהייסן אַ געדיכט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַזעלכע סטראָפן, וואָס יעדערער פון זיי האָט געבילדעט צוויי פערזן: אַ העקזאַמעטער און אַ פּענטאַמעטער. אַזוי, למשל, איז לויט דעם עלעגישן משקל אָנגעשריבן דאָס פאָלגנדיקע געדיכט פון דעם פּאָעט אַנאַטיאָס:

פאַרכטן פאַר מיתה, חברים? זי איז פון מנוחה די מוטער,
טרייסט — אין אַן אומגליק; צו פּיין, קראַנקהייטן שווערע — אַ סוף.
איינמאָל צום מענטשן נאָר קומט זי, ניט מער, און דער טאָג פונם חורבן
אונז איז נאָר איינמאָל באַשערט, צוויי מאָל געשטאָרבן ז׳קיין מענטש.

דער דאָזיקער משקל איז, אַפּנים, אַנטשטאַנען פריער פאַר אַנדערע, וואָרעם ער איז נאָענט צו דעם העקזאַמעטער, וואָס האָט געהערשט. פונקט אַרום דעם 700 יאָר ערשיינט אין גריכנלאַנד, אין וועלכן עס זיינען ביז דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט נאָר סטרונע-אינסטרומענטן, קיטאַרעס, האַרפעס, — די פלייט, וועלכע איז אַהער אַריינגעדרונגען פון קליין-אַזיע. די עלעגיעס האָט מען געזונגען אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון דער פלייט.

1) מאַהאַפי. אָנגער. ווערק.

גענליבן דערצו, ווי די עפּישע לידער, וועלכע זיינען אָנגעשריבן אין העקזאַמעטרען, האָט מען אַקאָמפּאַנירט אויף קיטאַרעס.

כמעט גלייצייטיק מיט דער עלעגישער, איז אַנטשטאַנען אויך די יאַמבישע פּאָעזיע, צו וועלכער עס געהערן די ווערק, וואָס זיינען אָנגעשריבן אין יאַמבן. עס איז שווער דורכצופירן אַ גרענעץ צווישן די דאָזיקע צוויי, פריערע פאַר אַלע אַנדערע פאָרמען פון דער ליריק. צו אונז זיינען דערגאַנגען פראַגמענטן פון דער און פון יענער פאָרם מיט סאַמע פאַרשיידנאַרטיקן אינהאַלט. מען קען נאָר זאָגן, אַז מיט דעם יאַמב האָט מען זיך אָפטער באַנוצט פאַר מוסר־פּאָעזיע און פאַר סאַטירע. אין זיי האָבן די פּאָעטן אָנגעקליידט זייער פאַראַכטונג און זייער צאָרן. פאַר דעם סאַמע פריסטן פון די אונז באַוואוסטע עלעגישע פּאָעטן איז אָנגענומען צו האַלטן קאַלינאָסן, אַ פּאָעט פון עפעס, וועלכער האָט געלעבט צום סוף VIII, אָדער אין אָנהייב פון VII יאָרהונדערט פאַר קריסטוסעס געבורט. די ערפינדונג פון דעם יאַמבישן פערז ווערט צוגעשריבן דעם גענויאַלן אַרכילאָכוס, אַ פּאָעט פון פּאַראָס, וועלכער האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון VII יאָרהונדערט. אויב עס זיינען פאַראַן מאַטעריאַלן, וועלכע באַווייזן, אַז דער יאַמב האָט עקסיסטירט אויך פריער פאַר אַרכילאָכוסן, איז קיין ספק ניטאָ, אַז דווקא דער דאָזיקער פּאָעט, וואָס זיין נאָמען האָבן די פאַרצייטיקע גריכן געשטעלט אין איין שורה מיט האָמערס נאָמען, האָט דאַנק זיין טאַלאַנט באַרימט געמאַכט דעם יאַמב און קען אפשר זיין, אַפילו צום ערשטן געגעבן אַן אַנטשיידענעם נצחון דער נייער סוביעקטיווער פּאָעזיע.

דער פאָלגנדיקער טריט אין דער אַנטוויקלונג פון דער גריכישער ליריק איז געווען די אַנטשטייונג פון דער אַזוי גערופענער מ ע ל י ש ע ר, אָדער אייגנטלעך לירישער פּאָעזיע. די מעלישע לידער צייכענען זיך אויס דערמיט, וואָס אין זיי האָט די מוזיק פאַרנומען דעם ערשטן אָרט, און די פּאָעזיע איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט. דער טעקסט איז אין עצם געוואָרן אַן ערקלערונג צו דער מוזיק אָדער צום טאַנץ, וועלכער איז אויך אָפטמאָל באַגלייט געוואָרן פון דעם מעלישן ליד. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען פלעגט אָפטמאָל גאָר דעם טעקסט דורכלאָזן. אַזוי אַרום איז דער לירישער פּאָעט אין דעם פאַרצייטיק־גריכישן זינען געווען גיכער אַ מוזיקאַנט, איידער אַ פּאָעט. אין דער מעלישער פּאָעזיע איז דער מעטער פונם פערז געוואָרן נאָך אַ מער פאַרשיידנאַרטיקער; און אָן דער מוזיק, וועלכע האָט באַגלייט דאָס מעלישע ליד, האָט מען אָפט אין איר גאָר ניט געקענט כאַפּן דעם מעטער, וואָרעם נאָר צוזאַמען מיט דער מוזיק האָט דאָס ווערק פאָרגעשטעלט אַ האַרמאָניש גאַנצע זאַך. ציצעראָן האָט

גענאָגט, אַז די ווערק פון דער מעלישער פּאָעזיע האָבן אים אויסגעוויזן ווי פּראָזע. ווירקלעך, נאָר די מוזיק האָט געקאָנט פאַר דעם לעזער קלאָר מאַכן דעם מעטרישן פּלאַן פון דעם פּאָעט [1]. אַפילו אַזאַ גרויסער פּאָעט, ווי פּינדאַר, קאָן קיינמאָל פון אונז ניט אָפּגעשאַצט ווערן געהעריק, דער־פאַר וואָס דער פאַרבליבענער טעקסט פון זיינע ווערק האָט, אַן אָפּגע־ריסענער פון דער מוזיק, פאַרלאָרן דעם בעסטן טייל פון זיין נשמה, און „דער רום פון זיינע לידער איז פאַר דער וועלט אויף אייביק פאַר־לאָרן צוזאַמען מיט דער געלויפיקער האַרמאָניע, וואָס אונטער אירע קלאַנגען איז ער פאַרצייטנס געבוירן געוואָרן" [2]. די איבערליפערונג פאַראייניקט מיט דעם נאָמען פון טערפּאַנדער אַ גרויסע אַנטדעקונג, וועלכע האָט געמאַכט אַן עפּאָכע אין דער גריכישער מוזיק. ער האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון דעם VII יאָרהונדערט, געבוירן געוואָרן איז ער אויפן אינזל לעסבאָס, נאָר ער איז אַריבערגעפאָרן קיין ספּאַרטע, וואו ער האָט איינגעאָרדנט מוזיקאַלישע געזעצן. זיין ערפינדונג איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט פאַרגרעסערט די צאָל פון די סטרונעס אין דער לירע פון פיר ביז זיבן. אַדאַנק דעם האָט מען באַקומען די מעג־לעכקייט אויסצופירן אויף דער לירע קאָמפּליצירטע מעלאָדיעס, און דער טעקסט האָט גענומען פאַרלירן זיין באַדייטונג. ספּאַרטע, וועלכע איז אַדאַנק דער ערעאָבערונג פון מעסעניע אין אָנהייב פונם VII יאָרהונדערט געוואָרן אַ שטאַרקע מלוכה, איז געוואָרן דער הויפּט־אָרט פון דער מע־לישער פּאָעזיע; דאָ איז ערשינען אַ ריי מערקווערדיקע מעלאָדיסטן, זיי האָבן געשאַפן מעלאָדיעס לכבוד די געטער וועלכע רופן זיך „נאָמען" [3]. עס איז קיין מעגלעכקייט ניטאָ דורכצופירן אַ שאַרפן גרענעץ צווישן די עלעגישע און יאַמבישע פּאָעטן — פון איין זייט, מיט די מעלישע — פון דער צווייטער זייט. פיל פון זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַלע די דאָזיקע פאָרמען פון קונסט. אַזוי האָט סאָלאָן, איינער פון די מערקווער־דיקסטע עלעגישע פּאָעטן, אויך געשריבן מעלישע לידער.

די גריכישע ליריק האָט זיך אין איר אַנטוויקלונג ניט אָפּגעשטעלט אויף דעם טיפּ פון איינשטימיקן מעלישן ליד. אין דער צווייטער העלפט פון דעם VII יאָרה. אַנטשטייט דאָס כאָראַלע מעלישע ליד. און די דאָזיקע נייע פאָרם פון דער פּאָעזיע איז אַנטשטאַנען אין ספּאַרטע, וואו איינער פון די סאַמע פריסטע פאָרשטייער אירע איז געוועזן דער פּאָעט אַלקמאָן (אַרום 660 י. פאַר קר. געב.). פון אים נעמט איר אָנהייב די ערשטע

1) מאַהאַפי. אָנגער. ווערק.
2) דזשעב. געש. פון דער גריכישער ליטעראַטור.
3) בעלאָך, אָנגער. ווערק.

באַשטימטע פאָרם פון דער כאָראַלער פּאָעזיע. ער האָט געשריבן די אַזוי גערופענע „פּאַרטעניעס״, ד. ה. לידער, וועלכע פלעגן אויסגעפירט ווערן דורך כאָרן פון מיידלעך. ער האָט אין זיינע לידער איינגעפירט סטראָפעס און אַנטיסטראָפעס. אַ סטראָפע האָט געהייסן אַ קופּלעט, וואָס דער כאָר האָט געזונגען, טוענדיק זיך אַ קער אויף רעכטס, און אַנטיסטראָפע — אַ קופּלעט, וואָס אויסגעפירנדיק אים, פלעגט דער כאָר געבן זיך אַ קער אין דער צווייט זייט, וואָס אַנטקעגן. נאָך אַלקמאַנען האָט זיך דאָס כאָראַלע ליד ווייטער אַנטוויקלט. שוין אין אַלקמאַנס צייטן געפינען מיר אַ גרויסע פאַרשיידנאַרטיקייט פון פּאָעטישע פאָרמען. מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן נאָמען און פּאַרטעניעס. אָבער אויסער זיי האָבן נאָך עקסיסטירט ספּעציעלע מינים לידער פאַר סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע פאַלן: הימנען, וועלכע מען האָט געזונגען לכּבוד פאַרשיידענע געטער; פּדאָ־סאָדיעס. אָדער פּראָצעסיע־לידער; פּעאַנען־הימנען, וועלכע זיינען געווענדט געוועזן צו אַפּאָלאָנען; דיפיראַמבן [1]), הימנען לכּבוד דיאָניסן, היפּאָרכעמען — מעלישע לידער, וועלכע פלעגן באַגלייט ווערן מיט טענץ און מיט פּאַנטאָמימעס. אויסער די דאָזיקע מינים לידער, וועלכע האָבן געהאַט אַ רעליגיעזע אָפּשטאַמונג, האָבן נאָך עקסיסטירט לידער, וועלכע האָבן געטראָגן אַ וועלטלעכערן כאַראַקטער: עפּיניקיען — נצחון־לידער, סקאָליען — יום־טוב־לידער, וועלכע מען האָט געזונגען אויף מאָלצייטן, ענקאָמיען — לויב־געזאַנגען לכּבוד מענטשן, טרענען — קבורה־הימנען, אַ געוויין נאָך געשטאָרבענע [2]). אַ וויכטיקע נייס אין דער כאָראַלער ליריק האָט אַריינגעפירט אַריאָן (אַן ערך פון 625 ביז 585 פאַר קר. געב.), אַ געבוירענער פון מעטימנע, וועלכן העראָדאָט שרייבט צו די ערפינדונג פונם דיפיראַמב [3]). אַריאָנס פאַרדינסט אין דער געשיכטע פון דער פּאָעזיע איז זייער גרויס, מחמת די פאָרם, וועלכע ער האָט צוגעגעבן די כאָראַלע לידער לכּבוד דיאָניסן, האָט מיט זיך פאָר־געשטעלט דעם ערשטן טריט צו דער ערשטער דראַמאַטישער אַקציע. ער האָט באַשטימט די צאָל פון די אָנטיילנעמער אינם כאָר ביז פופציק מאַן, האָט אים צעטיילט אויף פּאַרטיעס, וואָס יעדע פון זיי האָט געזונגען באַזונדערע סטראָפעס און געמאַכט די אַנטשפּרעכנדיקע באַוועגונגען. עס האָט זיך באַקומען עפּעס אַזוינס, ווי אַ מין דיאַלאָג און דראַמאַטישע שפּיל. לויט העראָדאָטס ווערטער, האָט אַריאָן, וועלכער האָט געלעבט —

---

1) דער דיפיראַמב, וואָס מען האָט געזונגען לכּבוד דיאָניסן, האָט געדינט אַלס עמבריאָן פאַר דער גריכישער טראַגעדיע. זע ווייטער.

2) מאַהאַפי, דזשעב אין אַנד.

3) הערָאדאָט, I, 23.

אין יענער עפּאָכע האָבן די פּאָעטן אָפט געפונען אַ מקום־מקלט ביי די טיראַנען — ביי דעם הויף פון דעם קאָרינטער טיראַן פּעריאַנדער, זיך איינמאָל אומגעקערט פון איטאַליע קיין קאָרינט מיט גרויסע רייכ־טימער. אין מיטן ים האָבן די קאָרינטער, וועלכע האָבן אים געפירט אויפן שיף און געקוואַפּעט זיך אויף זיין עשירות, געוועז באַשלאָסן אים צו טויטן. אַריאָן האָט געבעטן, מען זאָל אים ערלויבן פאַרן טויט אויסזינגען אַ ליד, שטייענדיק אויף דער אונטערשטער זייט פון שיף און אין זיין גאַנצן אָנטאָן. געענדיקט דעם געזאַנג, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער; אַ דעלפין האָט אים אויף זיך אַרויסגעטראָגן צום ברעג. ער איז געקומען צו פּעריאַנדערן, וועלכער האָט די שיפער, ווען זיי זיינען אָנגע־קומען, דערוויזן זייער פאַרברעכן, וואָס זיי האָבן באַגאַנגען. פון דעמאָלט אָן, — ענדיקט הערדאָט זיין ערציילונג, — געפינט זיך אויפן טענאַר, וואו דער פּאָעט איז אַרוים אויפן ברעג, אַ ניט קיין גרויסע מעשענע בילד, וואָס ער האָט מנדב געווען, — אַ מענטש, וועלכער זיצט אויף אַ דעלפין [1]. מיט אַזאַ לעגענדאַרער דערציילונג האָט די מסורה באַפּוצט דאָס לעבן פון דעם דאָזיקן שריפטשטעלער, וועלכער, קאָן זיין, איז דער וואָס איז געשטאַנען ביי דעם וויגבעטל פון דער גריכישער טראַגעדיע. אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער כאָראַלער ליריק איז ניט מעגלעך ניט צו דער־מאָנען סטעסיכאָראָסן, אַ סיצילישן פּאָעט, וועלכער האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון VII יאָרהונדערט. ער האָט איינגעפירט דעם עפּאָד, אַ דריטער טייל פונם ליד. דער עפּאָד האָט זיך געזונגען דורכן כאָר, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך דער סטראָפע און דער אַנטיסטראָפע. די לירישע פּאָעזיע האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט און פאַרפולקומט אין משך פון דעם גאַנצן VI יאָרהונדערט, און צו דער צייט פון דעם גרעסטן פון די גריכישע ליריקער פינדאַר האָט זי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קאָמ־פּליצירטע און פיין באַאַרבעטע אַרט ליטעראַטור.

נאָך דעם ווי מיר האָבן באַטראַכט די עקאָנאָמישע און די פּאָלי־טישע סיבות, וועלכע האָבן באַדינגט די ערשיינונג פון דער לירישער פּאָ־עזיע אין גריכנלאַנד, און געמאַכט דעם דאָזיקן געלויפיקן עסקיז פון איר אין אַ מעגלעך פּאָפּולערער פאָרם, קאָנען מיר זיך אָפּשטעלן אויף די הויפּט־פאָרשטייער פון דער גריכישער ליריק. צום באַדויערן שטויסן מיר זיך דאָ ווידער אַמאָל אָן אויף יענע מניעות, וועלכע ערשיינען אַלס שטענדיקער אבן־נגף פאַר דעם אויספאָרשער פון דער גריכישער ליטע־ראַטור. פון דער רייכער ירושה, וועלכע עס האָבן איבערגעלאָזן די פּאָעטן פון VII און VI יאָרהונדערט, זיינען פאַר אונז געבליבן בלויז

1) הערדאָט, I, 24.

נישטיקע רעשטן. יעדער פון די פינפאונצוואַנציק יאָרהונדערטן, וועלכע טיילן אונז אָפּ פון אַרכילאָכוסן און פון סאַפּפאָ, האָט אַוועקגערויבט אַ טייל פון די גרויסע אוצרות. מיט טרויער קומט אויס צו קוקן אויף די פיל פונקטן, מיט וועלכע עס שווינדלען פאַר די אויגן די זאַמלונגען פון די ווערק, וואָס זיינען פאַרבליבן פון די גריכישע ליריקער [1]. פון טערפּאַנדערן, וואָס מיט זיין נאָמען הייבט זיך אָן דער צעטל פון די מעלישע פּאָעטן, זיינען אינגאַנצן פאַרבליבן פופצן פערזן; פון דער באַרימטער סאַפּפאָ (Σαπφώ), וועלכע רופט זיך ביי אונז ניט ריכטיק סאַפאָ, וואָס אירע ווערק האָבן אַמאָל פאַרנומען ניין ביכער [2], געפינען מיר אין בערגקס אויסגאַבע אינגאַנצן הונדערט מיט צוואַנציק פראַגמענטן, וועלכע האָבן (אויסער צוויי-דריי) זעלטן מער איידער איינעם אָדער צוויי פערזן, און אַמאָל צו צוויי-דריי ווערטער [3].

אין דער שפּיץ פון די גריכישע ליריקער שטייט דער נאָמען פון אַ געניאַלן פּאָעט, איינעם פון יענע גרויסע אָנפירער פון דער ליטעראַטור, וואָס זייער ערשיינען מאַכט אַן עפּאָכע. דאָס איז דער נאָמען פון אַרכילאָכוס. ניטאָ כמעט קיין איינע פון די שפּעטערדיקע שטרעמונגען פון דער גריכישער ליריק, וועלכע זאָל אַזוי אָדער אַנדערש ניט קומען אין באַרירונג מיט די שאַפונגען פון אַרכילאָכוסן, וועלכע זאָל ניט געפינען אירע וואָרצלען אין זיין שאַפונג. דאָס איז דער ערשטער אונז באַוואוסטער בולטער און טיפּישער פּאָעט פון דער נייער ריכטונג, וועלכע האָט פאַרביטן דעם עפּישן פּעריאָד. זיין לעבן איז פול מיט אַלערליי אומרוען, וועלכע די פּערזענלעכקייט האָט איבערגעלעבט אין דער עפּאָכע פון דער קריסטאַליזירונג, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, פון דעם גריכישן פאָלק. זיין פּאָעזיע — דאָס איז די ערשטע העלע אָפּשפּיגלונג פון די מחשבות און געפילן פון דער דאָזיקער עפּאָכע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט די גרענעצן פון באַזונדערע געמיינדעס, און די רעכט פון באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע גרופּן. ער איז געווען אַ געבירטיקער פון פּאַראָס, איינעם פון די קיקלאַדישע אינזלען. העראָדאָט האַלט אים, — און ער אַליין רופט זיך אויך — צייט-חבר פון דעם לירישן קיניג גיגעס [4].

1) די צו אונז דערגאַנגענע פראַגמענטן פון די ווערק פון דער גריכישער ליריִשער פּאָעזיע זיינען אַרויסגעגעבן דורך טעאָדאָר בערגק (Poetae lyrici graeci. Edidit Theodorus Bergk. Lipsiae, 1843). די לעצטע פערטע אויסגאַבע אין דריי בענדער איז פאַרענדיקט געוואָרן אין י. 1882.

2) א. אינאָזעמצעוו. דער אינזל לעסבאָס און די לעסבישע זינגער און פּאָעטן. וויסנש. שריפטן פון קאַזאַנער אוניווערסיטעט, 1873.

3) II באַנד, Poetae lirici graeci.

4) העראָדאָט, I, 12. אויך דער פר. 21 לויט בערגקס אויסגאַבע פון 1843.

ד. ה. ער האָט געלעבט אין אָנהייב, אַלנפאַלס אין דער ערשטער העלפט פון VII יאָרהונדערט. ער האָט איבערגעלעבט ענדערונגען פונם גורל, איז איבערגעגאַנגען פון גליק צו אומגליק, פון האָפענונגען צו אַנטוישונגען. מיט זיין יוגנט איז פאַרבונדן די מסורה וועגן דער קאָלאָניאַלער אונטערנעמונג פון די פאַראָסער. מען זאָגט, אַז ער האָט די פאַראָסער דערקלערט דעם ניט קלאָרן ראַט פון דעם אָראַקל אין דעם זינען, אַז דער אָראַקל גיט זיי אַן עצה צו גרינדן אַ קאָלאָניע אויף דעם אינזל טאַזאָס. מען זאָגט, אַז אים, אָדער זיין פאָטער האָט מען איבערגעגעבן די פאַרוואַלטונג איבער דער עקספּעדיציע. ווי עס זאָל ניט זיין, איז קיין ספק ניטאָ, אַז געטריבן דורך דער אָרעמקייט פון זיין היימאַט, האָט זיך אַרכילאָכוס אַוועקגעלאָזן צוזאַמען מיט די פאַראָסער קאָלאָניסטן אויף דעם אינזל טאַזאָס. אָבער די ווירקלעכקייט האָט, אַפּנים, געלאָזט די קאָלאָניסטן אַנטוישן זיך אין זייערע האָפענונגען: זיי האָבן דאָ ניט געפונען קיין עשירות און קיין גליק, וועלכע זאָלן זיך לייכט לאָזן נעמען. מעגלעך, אַז די קאָלאָניסטן האָבן דאָ פאַרפירט נייע אונטערנעמונגען, און אַרכילאָכוס האָט אָנטייל גענומען אין די מלחמות פון די טאַזאָסער מיט די טראַקישע איינוואוינער פונם מאַטעריק דערפאַר, וועמען זאָלן געהערן דער ברעג, וועלכער האָט זיי צוגעצויגן מיט זיין רייכקייט. די פאַרביטערונג פון אַ שלימזל, וועלכער פילט זיך אין אַרכילאָכוסעס פערזן, לאָזט אונז משער זיין, אַז אים איז שלעכט געגאַנגען אין דעם דאָזיקן יאָגן זיך נאָך גליק. פאַראַן אַ יסוד צו טראַכטן, אַז אין זיין לעבן האָט ער זיך ניט באַגרענעצט מיט די אינזלען און מיט די ברעגן פון גריכנלאַנד. אַזוי איז ער, אין די צו אונז דערגאַנגענע פראַגמענטן, אַנטציקט פון דער שטאָט סיריס (אין איטאַליע), אָנרופנדיק זי אַ שיינער און גליקלעכער קאַנט 1). אויסגעפרווווט דעם ניט זיכערן גורל אין מלחמה און אין קאָלאָניאַלע עקספּעדיציעס, איבערגעלעבט די לאַסט פון דער נויט, האָט אַרכילאָכוס, אַפּנים, געמוזט באַזונדער שווער ליידן, מחמת אין דער נשמה איז ער שטענדיק פאַרבליבן דער לעבנספרייידיקער זון פון יאָניע, דער פרישטער פון ליבע און תענוגים. די לעגענדע, וועלכע כאַפּט אָפּט אויף דעם סאַמע כאַראַקטעריסטישן שטריך פון דעם גרויסן מענטשן, האָט פאַר אונז פאַרהיט אַ טשיקאַווון אינצידענט פון אַרכילאָכוסעס לעבן. מען דערציילט, אַז איידער ער האָט אַרויסגעוואַנדערט אויפן אינזל טאַזאָס, האָט ער זיך פאַרקנסט מיט נעאָבילע, די טאָכטער פון איינעם אַ רייכן מאַן פון פאַראָס ליקאַמבאָס. אָבער שפּעטער האָט יענער צוריקגענומען זיין הבטחה. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס איז געווען די סיבה פון דעם

---

1) פראַגמ. 18 אין בערגקס אויסגאַבע 1843.

פּאָעטס אומגליק, אפשר זיין שלימזל און זיין אָרעמקייט. ווי די זאַך
זאָל ניט זיין, די פאַרביטערונג פון דעם פּאָעט, וועלכן דער גורל האָט
באַשטימט צוז זיין אַן אייביקער ניידלעכער צוקוקער פון פרעמדן גליק,
האָט ביי דער דאָזיקער נייער אַנטוויקלונג דערגרייכט איר העכסטע מדרגה.
די שווערע באַליידיקונג, וועלכע איז פאַרשאַפט געוואָרן דעם פּאָעט,
וועלכער האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט נעאָבולען, האָט אויפגעטרייסלט
דעם גאַנצן פלאַם פון זיין צאָרן, און ער איז באַפאַלן זיינע שונאים מיט
אַזעלכע גיפטיקע פערזן, אַז ליקאַמבאָסעס טעכטער האָבן נאָר אין זעלבסט=
מאָרד זיך געקענט ראַטעווען פון אַרכילאָכוסעס יאַמבן. די שפּעטערדיקע
פּאָעטן האָבן זיך אָפּט אומגעקערט צו דעם גורל פון די אומגליקלעכע
מיידלעך. איינע פון זיי האָט אָנגעשריבן פאָלגנדיקע עפּיגראַמע: „דאָ
אויפן ברעג פון ים רוט אַרכילאָכוס, וועלכער האָט צעשמאָלן די ביטערע
טרערן פון זיין פּאָעזיע מיט דעם גיפטיקן גאַל פון אַ שלאַנג און האָט
באַשפּריצט די הויכעניישן פונם העליקאָן מיט בלוט. דאָס ווייס גוט לי=
קאַמבאָס, וועלכער באַוויינט אויף דריי קברים דעם גורל פון זיינע טעכ=
טער. שטילער גיי, גייער; היט זיך, זאָלסט ניט אויפוועקן די בייזע פעלד=
בינען, וועלכע שלאָפן דאָ אויפן קבר" 1). צי איז די דאָזיקע מסורה אַן
אמת, צי אַן אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר זי באַשטימט בלתי=ספק בעסער
פאַר אַלץ דעם כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן מענטשן. אַ שלימזל, אַ גע=
ניאַלער און אַ פאַרביטערטער, אַן עפּיקורעער און אַ קריגער לויט זיינע
געשמאַקן, אַ וואַנדלער און אַ קבצן לויטן ווילן פונם גורל, איז אַרכילאָ=
כוס, קען זיין, געוואָרן אַ גרויסער פּאָעט צוליב די דאָזיקע סיבות, וועלכע
האָבן אים געמאַכט פאַר אַן אומגליקלעכן מענטשן. ניט האָבנדיק דאָס
גליק, וואָס האָט אַזוי געפּעשטשעט זיינע ליבלינגען, אָפּגעשליידערט
פון דעם לעבן, וואָס האָט מיט אַזאַ מעכטיקן קוואַל געשאָסן אין אַלע
עקן פון גריכנלאַנד, האָט ער געהאַט גענוג ליידיקע צייט אַריינצוטראַכטן
זיך אין די געשעענישן, וועלכע קומען פאָר, כדי דורכצילאָזן זיי דורך
זיין איך. ער איז געווען גענוי געניאַל, כדי צו פאַרשפּרייטן דעם שטו=
רעם, וואָס האָט געזאָטן אין זיין נשמה, אויף דער גאָרער וועלט, און
זיינע פערזענלעכע געפילן צו פאַרוואַנדלען אין פאַר־אַלעמען פאַר=
שטענדלעכע מחשבות און שטימונגען. ניט אומזיסט איז אין דער
שילדערונג פון די שפּעטערדיקע דורות דער דאָזיקער פּאָעט, וועלכער
האָט געשריבן מיט צענדליקער משקלים, וועלכער האָט באַשאַפן די סאַמע
פאַרשיידנאַרטיקסטע לידער, פאַרהיט געוואָרן דער עיקר אַלס דער זינגער
פון די דערמאָרנטע יאַמבן. אין דעם שווין פון אונז דערמאָנטן פראַגמענט פון

1) שטאַל. די גר. גריכ. שריפטשט.

פיר שורות האָט ער אויסגעצייכנט באַשטימטט דעם גרונדמאָטיוו פון זיין פאָעזיע. אים איז באַשערט געווען צו זען די שיינקייט און די פאַרשיידנאַרטיקייט פון לעבן, אויך די רייכקייט פון גענעס, אויך די גרויסאַרטיקע טיראַניי, אויך די מעשים פון די געטער, און וויסן, אַז דאָס אַלץ איז ניט פאַר אים. ער איז געשטאָרבן ווי אַ העלד, געטויט אין דעם שלאַכט פון די פאַראָסער מיט די איינוואוינער פון דעם שכנישן אינזל נאַקסאָס.

אַרכילאָכוס איז געווען אַ גרויסער פאָעט, אָבער מיר ווייסן וועגן דעם נאָר לויט דער עדות פון די גריכישע און רוימישע שריפטשטעלער. זיינע שאַפונגען זיינען כמעט אינגאַנצן פאַרפאַלן פאַר אונז. דאָס, וואָס מיר געפינען אין בערגקס אויסגאַבע, מאַכט אויס 200—250 פערזן, דערביי צעוואָרפענע כמעט אויף אָנדערטהאַלבן הונדערט פראַגמענטן, אַזוי אַז פון די זעלטענע געדיכטן זיינען פאַרבליבן צו פינף-צען פערזן, און פון דער גרעסטער מערהייט געפינען מיר בלויז צו איין פערז. דאָס זיינען אָפגעריסענע שטיקלעך פון אַ שיינעם בנין. אַפילו די דאָזיקע רעשטן דערציילן אונז וועגן דער טיפקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט פון די געפילן, וועלכע האָבן אַמאָל אָנגעפילט די נשמה פון דעם פאָעט. אין די דאָזיקע שטיקלעך באַגעגענען מיר אַ דרייסטן רוף צום לעבן און צו זיינע פריידן אין געשמאַק פון האָראַצוסעס carpe diem, אַ וואָרנונג וועגן דער קורצער צייט פון אונזער קיום, די אומפאַרמיידלעכקייט פון דעם טויט, און וועגן דער געדרונגענער פון דאַנען נויטווענדיקייט ניט דורכצולאָזן די שעהן פון פאַרגעניגן [1]. פון אַנדערע פראַגמענטן דערוויסן מיר זיך, ווי אַזוי איז ביי דעם פאָעט אַנטשטאַנען די לייכטע באַציִונג צום לעבן: ער ווייס, ווי ענדערלעך עס איז דער גורל; ער ווייס, אַז די געטער דערהויבן אָפט די מענטשן פון נישטיקייט און פון אָרעמקייט און שליידערן אַראָפ די גליקלעכע אין דעם אָפגרונד פון אומגליק [2]. דעריבער דאַרף מען זיך באַציִען מוטיק ניט בלויז צום גליק, נאָר אויך צו די קלעפ פונם גורל, מען טאָר זיך ניט איבערגעבן ניט צו איבעריקער פרייד און גליק, ניט צו איבעריקן טרויער און לייד. ער ווענדט זיך צו זיין האַרצן, וואָס איז צעבראָכן פון שרעקלעכע ליידן, מיט דעם רוף צו זיין מוטיק און איינגעהאַלטן [3]. דאָס גאַנצע לעבן אַרכילאָכוסעס, וואָס עס איז פול מיט ענדערלעכקייטן, לעבט אויף אין דער פילאָסאָפישער רויִקייט און מוטיקייט, וועלכע האָבן זיך אָפגעשפיגלט אין די דאָזיקע פערזן. אַנדערע פראַגמענטן זאָגן עדות וועגן זיין ליידנשאַפטלעכן געפיל צו נעאָבילע,

1) פר. 57.

2) פר. 51.

3) פר. 60.

וועגן דעם אַכורישן באַגיין זיך פון איר פאָטער. ער רעדט וועגן דער ליבע, וועלכע איז אַריינגעדרונגען אין זיין האַרצן, האָט צוגענומען די ליכטיקייט פון זיינע אויגן, צוועקגעריבן די מוטיקייט און די פריילעכקייט פון זיין ברוסט[1]. ער טוט זיך אָן אין ליקאַמבאָסן, וועלכער האָט אַמאָל געהאַט פאַרשטאַנד און איצט האָט ער אים פאַרלאָרן און איז געוואָרן צו שפּאָט ביי די בירגער[2]. זיינע לידער קלינגען דאָ מיט קריגערישן רוף, דאָ זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט עפּיקורעישער לעבנספריידיקער שטימונג. ער זינגט הימנען צו די געטער און לכבוד די העראָיען[3] פונקט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, ווי די, מיט וועלכער ער באַזינגט די עראָטישע געפילן. אין זיין פּאָעזיע הערט זיך אַמאָל דער פייף פון דער סאַטירישער בייטש, וועלכע דערלאַנגט טויט־קלעפּ די שונאים, אַמאָל דער רויִקער קול פונם חכם, וועלכער מאַכט מיט פילאָסאָפישער רויִקייט דעם סך־הכל פון זיין לעבנסדערפאַרונג. עס איז גלייך, ווי ער וואָלט מקדים געווען אַלע מאָטיוון פון דער נייער פּאָעזיע פאַר אַמאָל. ער איז געווען דער פאָרגייער פון טירטאַיאָסעס קריגערישער פּאָעזיע, פון סאַפּפאָס עראָטישע לידער, פון סאָלאָנס טיפע באַטראַכטונגען, פון פינדאַרס פייערלעכע אָדעס. אין דעם דמיון פון די מאַסן איז אַרכילאָכוס פאַרבליבן פונקט אַזאַ גענויאַלער שעפער אין דער סוביעקטיווער פּאָעזיע, וועלכער האָמער איז געווען אויף דעם געביט פון דעם עפּאָס, און סאָפאָקלעס אין דער ספערע פון דער טראַגעדיע.

די לירישע פּאָעטן פון גריכנלאַנד איז שווער איינצוטיילן אין וועלכע עס איז קאַטעגאָריעס. הגם עס איז אָנגענומען צו ריידן וועגן יאַמבישע, עלעגישע און מעלישע פּאָעטן (די אַממערסטן געוויינלעכע טיילונג), נאָר מיר ווייסן, אַז איינע און די זעלביקע פּאָעטן האָבן זיך באַנוצט מיט די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען פון פּאָעזיע און דעם גרעסטן טייל פון די גריכישע ליריקער וואָלט מען ביי אַזאַ טיילונג מוזן צורעכענען צו אַלע שולן. עס אין שווער איינצושטעלן אַ ריכטיקע טיילונג אויך לויט דער אָפּשטאַמונג, אויך לויט די דיאַלעקטן. הגם פילע פון די פּאָעטן זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט דער היימאַט און האָבן געשריבן אויף זייער דיאַלעקט, אַזוי אַז עס פילט זיך, למשל, די טיילונג פון די פּאָעטן אויף דאָרישער, און עאָלישער שול, אָבער אויך אין דעם דאָזיקן הינזיכט קאָן מען ניט דורכפירן קיין באַשטימטע גרענעצן. די פּאָעטן האָבן איבערגעוואַנדערט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, און דער

1) פּר. 94.
2) פּר. 88.
3) פראַגמענטן 79 און 109 למשל.

גרעסטער טייל פון זיי האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע דיאַלעקטן. ניבער מחמת אָפהענגיקייט פון דעם אינהאַלט איידער פון דער אָפשטאַמונג. אַזוי, למשל, איז דער יאָנישער דיאַלעקט געוואָרן די שפראַך פונם עפאָס, און דעריבער האָט דער עאָלישער פאָעט העסיאָד אין דער דאָרישער טעאָגניס זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן דיאַלעקט פאַר זייערע עפישע ווערק.

נעמענדיק אין אַכט דעם דאָזיקן אומשטאַנד, וועלן מיר ניט צעטיילן די פאָעטן אויף גרופן, נאָר מיר וועלן זיך באַמיען אויסצוטיילן אין דער פאָעזיע פון יעדערן די מאָטיוון, וועלכע האָבן אין איר געפונען דעם אַממערסטן בולטן אויסדרוק. אויב אַרכילאָכוס איז דער עיקר געוועזן דער שעפער פון דער בייזער סאַטירע, דער מייסטער פון דעם גיפטיקן יאַמב, האָט די קריגערישע ליריק געפונען איר בולטן אויסדרוק אין דער פאָעזיע פון טירטאַיאָס. עס איז פאַראַן אַ לעגענדאַרע דערציילונג, וועלכע זאָגט עדות דערויף, אַז אין דעם זכרון פון די מאַסן איז דער נאָמען פון דעם דאָזיקן פאָעט געוואָרן דער סימבאָל פון אַ פלאַמענדיקן באַגייסטערער אויף מלחמה. לויט דער מסורה, האָבן די ספאַרטער אין דער צייט פון דער צווייטער מעסענער מלחמה, ווען זיי זיינען געטריבן געוואָרן דורך די מעסענער, זיך געווענדט צו דעם אָראַקל נאָך אַן עצה. די פיטיע האָט די ספאַרטער געראָטן, אַז זיי זאָלן בעטן ביי די אַטענער אַ בעל-עצה. די אַטענער, וועלכע האָבן אומפריינדלעך געקוקט אויף די ערפאָלגן פון ספאַרטע אין פעלאָפאָנעס און אין דער זעלביקער צייט אויך ניט געוואָלט אומגעהאָרכזאַם זיין דעם אָראַקל, האָבן צו די ספאַרטער אין שפאַס צוגעשיקט אַ הינקעדיקן לערער פון לייענען און שרייבן, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר זייער ניט קיין קלוגן מענטשן. אָבער דער שול-לערער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ באַגייסטערטער זינגער, זיינע לידער האָבן אָנגעצונדן אַ קריגערישן ענטוזיאַזם אין די הערצער פון די ספאַרטער, און די מעסענער זיינען איינגענומען געוואָרן. טירטאַיאָס אַליין רופט זיך אָן אַלס אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון דער צווייטער מעסענער מלחמה. ער זאָגט, אַז צוליב „דער רייכער און דער פרוכטבאַרער מעסעניע האָבן ניינצן יאָר געשטריטן די מוטיקע פאָטערס פון אונזערע פאָטערס“ 1), האָבנדיק אין זינען די ערשטע מעסענער מלחמה, וועלכע עס האָבן געפירט די זיידעס פון דעם דור פון זיין צייט. אַזוי-אַרום דאַרף מען פאַררעכענען טירטאַיאָסעס טעטיקייט צו דעם מיטן פון VII יאָרהונדערט. הגם פון טירטאַיאָסעס לידער

1) פר. 3 אין דער אויסגאַבע פון בערגק (1843).

זיינען פאַרבליבן ניט פיל פראַגמענטן 1), אָבער זיי האָבן אַ מער פאַרענדיקטן כאַראַקטער, איידער די ירושה, וואָס איז אונז געבליבן פון אַרכילאָכוסן, און דעריבער גיבן זיי אונז די מעגלעכקייט אַרויסצוטראָגן אַ מער גאַנצן איינדרוק וועגן זיין פּאָעזיע. די גרעסטע גרופּע בילדן אין זיי די אַזוי־גערופענע ὑποθῆκαι (מוסר); זיי שליסן זיך אָן די ἐμβατήρια (ניט קיין גרויסע מאַרשן). דאָס זיינען קריגערישע אויפרופן צו די ספּאַרטישע חיילות. זייער גרונדמאָטיוו איז די דערהייבונג פון גבורה און די שענדונג פון פּחדנות. דער העכסטער רום איז פאַלן אין שלאַכט פאַר דעם פאָטערלאַנד. דער וואָס איז געשטאָרבן מיט אַזאַ טויט „שיינט מיט אייביקער שיינקייט"; פאַרקערט, עס איז ניטאָ אַזעלכע פּיינען פון חרפּה און שאַנד, וועלכע זאָלן ניט אויספאַלן אויפן חלק פון דעם פּחדן. ניטאָ גאָרנישט מער דערנידעריקנדיקס, איידער באַקומען אַ קלאַפּ מיטן שפּיז פון הינטן: „חרפּה און שאַנד רופט אַרויס דער מת, וועלכער ליגט אויף דער ערד, אַ דורכגעשטאָכענער אויף דורך אין רוקן פון הינטן מיט דעם שפּיץ פון דעם שפּיז".

דער וואָס איז געפאַלן פון וואונדן אין ברוסט באַדעקט „מיט גוטן רום די שטאָט, דאָס פאָלק און דעם פאָטער". נאָך אים „וויינען סיי יונגע מענטשן, סיי אַלטע לייט; גאָר די געבורטשטאָט איז דערשלאָגן פון שווערער אַבילות נאָך אים; אומעטום איז אין פאָלק באַרימט זיין קבר, און קינדער, קינדס־קינדער און גאָר דער שטאַם זיינען מיט רום אויף אייביק באַדעקט". אַפילו אין דער אונטערערדישער מלוכה איז ער אַרומגערינגלט מיט אומשטערבלעכן רום. אויב אָבער אים געלינגט אַרויסצוגיין פונם שלאַכט אַלם זיגער, לעבט ער אויס זיינע יאָרן אין כבוד, וואָס אַלע גיבן אים. „אומעטום אויף די געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען איילן זיך יונגע מענטשן פון זיין עלטער, זקנים, איינע איבער די אַנדערע אים אָפּצוטרעטן אַן אָרט". אין די קריגערישע עלעגיעס ביי טירטאַיאָסן געפינען מיר ניט בלויז התלהבותדיקע הימנען צו דער מוטיקייט, נאָר אויך אַ באַשולדיקנדיקן פּערז קעגן דער פּחדנות. די דאָזיקע עלעגיעס — דאָס איז דער קאַטעכיזים פון אַ קריגער, זיין מיליטערישער סטאַטוט און לערנבוך, דאָ זיינען פאַראַן אמתע באַפעלן. אין איינִיקע פּערזן דאַכט זיך, אַז מען הערט ווערטער פון דער קאָמאַנדע:

זאָל זשע, ברייט אַ טראָט טאָן, שטיין יעדער אויפן אָרט, מיט די פיס
אין דער ערד פעסטער איינגעשפּאַרט זיך, די ליפּן מיט די ציינער צוגעדריקט,
די לענדן און די שענקלען פון אונטן און די ברוסט זיינע אויך די אַקסלען

1) אין בערגקס אויסגאַבע זיינען פאַראַן אינגאַנצן 13, אָבער זיי זיינען גאַנץ לאַנגע, פילע — צו פערציק פּערזן.

מיט דעם בולטן קרייז פון דעם שטאַרקן קופּערנעם שילד צוגעדעקט;
מיט דער רעכטער האַנט זאָל ער שאָקלען דעם מעכטיקן שפּיז,
אימהדיק טרייסלען דעם טראָלד פון דעם העלם איבערן קאָפּ;
זאָל ער אין מעכטיקע גבורות זיך לערנען די קונסט פון מלחמה
און מיטן שילד ניט שטיין אויסער די פאַרבייפליענדיקע פיילן,
נאָר זאָל ער גיין אין געשלעג איינער אויף איינעם און, מיט דער לאַנגער פּיקע
אָדער מיטן שווערד געבנדיק קלעפּ, דעם שונא נידערשלאָגן!
אַ פוס צו אַ פוס צוגעשטעלט און אַ שילד צו אַ שילד צושפּאַרנדיק,
אימהדיקער טראָלד — צו טראָלד, אַ העלם — צו חבר העלם... און אַז. וו.

לייענענדיק די דאָזיקע פערזן, שטייען ניט ווילנדיק אויף אין רעיון די דריי הונדערט לעאָנידאַסעס קריגער, און עס דאַכט זיך, ווי די דאָזיקע ענערגישע פערזן וואָלטן געקלונגען פאַר דער געשלאָסענער ריי, און יעדער הערט זיך צו צו די ווערטער פון דער קאָמאַנדע, באמת „מיט די פיס אין דער ערד איינגעשפּאַרט זיך, די ליפּן מיט די ציינער צוגעדריקט". אויף טירטאַיאָסעס פערזן איז אַראָפּ דער גייסט פון דער שטרענגער ספּאַרטישער דיסציפּלין, די איינזייטיקע עטיק פון דער מיליטערישער מלוכה. דאָס איז דער גייסט פון חברשאַפט, דער גייסט פון געהאָרכזאַמקייט, דער געדאַנק וועגן דער הייליקייט פון דער מלוכהשער אידעע, וואָס איר פאַר אַ קרבן ווערן אָן רחמנות געבראַכט די אינדיווידועלע שטרעבונגען און די מענטשלעכע פריידן. אין טירטאַיאָסעס פערזן וועלן מיר ניט באַגעגענען יענע עפּיקורעישע און לעבנספריידיקע נאָטעס, וועלכע האָבן זיך געטראָפן אין אַרכילאָכוסעס לידער. צווישן די מיליטערישע גבורות פאַרגעסט אַרכילאָכוס ניט אָן ווייַן און אָן פריילעכקייט, ער שעמט זיך אַפילו ניט מודה צו זיין זיך, אַז ער האָט איינמאָל אין שלאַכטפעלד אַוועקגעוואָרפן דעם שילד. ביי טירטאַיאָסן זיינען ניטאָ אַזעלכע מאָטיוון. ער שטיצט ניט יענע, וועלכע זיינען מיטן וואוקס און מיט דער קראַפט גלייך צו ציקלאָפּן, ניט יענעם, ווער עס איז „מיטן אויסזען פרעכטיקער פאַר דעם פאַרשוין-טיטאָן, אָדער מיט דער עשירות גרעסער פאַר מידאַסן". ער האַלט לחלוטין ניט פון יחוס, ניט „פון דער זיסרעדיווודיקער צונג". דער געשלעג אויף פויסטן מיטן שונא — דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס מאַכט דעם מענטשן, ער זאָל ווערט זיין אַכטונג. אין טירטאַיאָסעס מוסר זיינען פאַראַן ניט ווייניק עצות, וועלכע דערמאָנען אָן דער סיסטעם, וואָס מיט איר הילף האָט מען דערגרייכט די דאָזיקע אייזערנע דיסציפּלין, דעם דאָזיקן מיליטערישן גייסט. דאָ רעדט זיך וועגן דער הייליקייט פון דער חברשאַפט; אין דעם קריגער ווערט איינגעפלאַנצט די מידה ניט צו פאַרלאָזן דעם שכן; דאָ וועלן מיר באַגעגענען די פריידיקט פון טיפער אַכטונג צו די עלטערע; איבערלאָזן אַן אַלטן אין שלאַכט — דאָס איז די גרעסטע שאַנד פאַר אַ יונגן. טירטאַיאָסעס קריגערישע געדיכטן — דאָס

איז אַן אָפּקלאַנג פון אַן אייגנאַרטיקער קולטור, אַן ענגער און אַ ברוטאַלער, אָבער אַ פאַרענדיקטער און אַ מעכטיקער; פון אַ קולטור, וועלכע האָט געגעבן דער קלענער געמיינדע די הערשאַפט איבער פעלאָפּאָנעס, וועלכע האָט געבוירן העלדן פון אַזאַ מין ווי לעאָנידאַס, און מוטערס, וועלכע האָבן געבענטשט זייערע זין אויף דער מלחמה.

די דאָזיקע שטרענגע מלוכהשע וועלטאָנשויונג ווייזט זיך אַרויס אויך אין דער באַציִונג פון דעם פּאָעט צו פּאָליטישע פראַגן, וואָס זיי איז געווידמעט די דריטע גרופּע פון די פראַגמענטן, וועלכע איז באַוואוסט אונטערן נאָמען εὐνομια. ס'דאָזיקע ווערק איז דורכגעדרונגען מיט דעם זעלביקן גייסט פון דיסציפּלין, מיט געטרייקייט צו דער טראַדיציע, מיט קאָנסערוואַטיווער איבערגעגעבנקייט צו די אַלטע אַנשטאַלטן. די מעסענער מלחמות האָבן רויִנירט אַ פּולע ערדבאַזיצער. אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומצופרידנקייט. די געליטענע איינוואוינער האָבן געפאָדערט, מען זאָל פון ס'ניי איבערטיילן די ערד. זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער מאַכט און דער געשאַפענער אָרדענונג. טירטאַיאָס האָט מיט זיין עונאָמיע געהאַט די כוונה צו באַרויִקן די אומצופרידענע, דערמאָנען זיי אַן דעם חוב צום פאָטערלאַנד. לויט זיינע ווערטער האָט צעוס=קראָניאָן אַליין ספּאַרטע אַוועקגעשענקט צו די העראַקלידן, ד. ה. צו דעם אַלטן קיניגלעכן שטאַם, וועלכער האָט זיין יחוס געפירט פון העראַקלעסן 1). ווייטער ווייזט ער אָן דערויף, אַז אַפּאָלאָן גופא האָט איינגעשטעלט די הערשנדיקע אין ספּאַרטע אָרדענונג. די דאָזיקע אָרדענונג פאַרזיכערט פאַרן פאָלק נצחונות און מעכטיקייט 2).

טירטאַיאָסעס לידער זיינען דער בעסטער באַווייז פון דעם אַלאומפאַסנדיקן כאַראַקטער פון דער גריכישער פּאָעזיע אין VII יאָרהונדערט. די פּאָעזיע האָט אין יענער צייט געהאַט אַ לחלוטין אַנדערע באַדייטונג, ניט ווי אין אונזער צייט. גריכנלאַנד האָט נאָך ניט געהאַט קיין אמתע פּראָזע, וועלכע האָט זיך ערשט שפּעטער אַנטוויקלט, און די פּאָעזיע איז געווען די איינציקע פאָרמע פון פאַרשרייבן די געדאַנקען; זי האָט געשפּילט פּונקט אַזאַ ראָלע, ווי אין אונזער צייט שפּילט די שריפטשפּראַך בכלל. אַלץ, פון מיליטערישע אָנווייזונגען ביז די געזעצן און די רייד פון די אָראַקלען, איז געווען אָנגעקליידט אין העקזאַמעטרען און עלעגיעס. די דאָזיקע ראָלע פון דער פּאָעזיע, דער גרויסער נוץ, וועלכע זי האָט געגעבן סיי פאַר דער מלוכה, סיי פאַר דעם חייל, סיי פאַר די געזעצגעבער, האָט אָפט אָפּגערוקט אָן אַ זייט דעם אייגנטלעכן פּאָעטיש׳

1) פר. 1.

2) פר. 2.

עלעמענט, דער געפיל פון דעם זינגער גופא, די אָפּשפּיגלונג פון דער זעבאַרער וועלט אין זיין פּאָעטישער נשמה. סאָלאָן, דער באַרימטער געזעצגעבער פון אַטען, איז, געגליכן צו טירטאַיאָסן, געווען אַ פאָרשטייער פון דער דאָזיקער אוטיליטאַרער ריכטונג. אין זיינע לידער איז פּאַראַן ווייניק פּאָעזיע, אָבער אַ פולע מלוכה=חכמה און טיפע פילאָסאָפיע. אין דער פאָרם פון ליד לייגט ער אַריין אויך די ווענדונג צו זיין פּאַרטיי, אויך די פּאַרטיידיקונג און די ערקלערונג פון זיינע פּאָליטישע אָנשווינגען — מיט איין וואָרט, זי איז פאַר אים אַ אינסטרומענט פון פּראָפּאַגאַנדע. זיין לעבן איז געווען אַ לעבן פון אַ קעמפער. אין דער יוגנט האָט ער זיך פאַרנומען מיט מסחר, דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקער טיפּ פון אַ גריכישן סוחר, פאַר וועלכן דער מסחר איז ניט געווען קיין אויסשליסלעכער מיטל רייך צו ווערן, נאָר ער האָט פאַר אים געדינט אַלס מיטל צו באַפרידיקן דעם פאָרשונגס=דאָרשט פון זיין גייסט, כדי אָנצוקלייבן ערפאַרונג און קענשאַפט. די גריכישע היסטאָריקער זאָגן עדות וועגן דעם, ווי טיף באַטראַכטערהייט ער פלעגט זיך באַציען צו די לענדער און צו די פעלקער, וועלכע ער האָט באַזוכט, אין מצרים נעמט ער איבער דעם וויכטיקן געזעץ בנוגע די הכנסות, אויפן אינזל קיפּראָס האָט ער געקענט אָפּשאַצן פילאָקיפּערן און אַוועקשטעלן אים העכער פאַר אַלע טיראַנען, אין לידיע גיט ער לעקציעס פון חכמה דעם קיניג קרעזוס [1]. פון אַ סוחר ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ קריגער, און מיט זיין קריגערישער עלעגיע וועקט ער די אַטענער צו פאַרנעמען סאַלאַמין. דער קריגער פאַרבייט זיך אויף אַ געזעצגעבער; מיט זיין נאָמען פאַרבינדט די מסורה די געזעצן, וועלכע האָבן אין 594 יאָר געמאַכט דעם אָנהייב צו דעם נצחון פון דער דעמאָקראַטיע. לסוף ווערט ער אַ רייזנדער און פאַרלאָזט זיין היימאַט, אַ באַליידיקטער און אַ באַטריבטער דערמיט, וואָס אים האָט זיך ניט איינגעגעבן אָפּצוּווענדן די טיראַניי פון פּיזיסטראַטאָסן, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן צום סוף פון סאָלאָנס לעבן [2].

פון זיינע לידער איז צו אונז דערגאַנגען העכער, איידער צוויי הונדערט פופציק פערזן [3]. אייניקע פון די פראַגמענטן האַלטן אין זיך איין צו עטלעכע צענדליק פערזן, און זיינען פאַרענדיקטע ווערק. טירטאַיאָס איז דער בולטסטער טיפּ פון אַ פּאָעט אַ קריגער. סאָלאָנס עלעגיעס —

1) העראָדאָט, II 177; V, 113 און אַנד.

2) Aristotelis, XIV.

3) נייע פראַגמענטן פון זיינע געדיכטן זיינען געפינען געוואָרן אין דער אַריסטאָטעלישער פּאָליטיע, וועלכע איז אַנטדעקט, ווי באַוואוסט, אין אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

דאָס איז סאָציאַלע קלאַסנפּאָעזיע. דאָס, וואָס עס פעלן ידיעות וועגן יענער ווייטער עפּאָכע, ערלויבט אונז ניט אויפצושטעלן דאָס בילד פונם סאָציאַלן קאַמף, און די קנאַפּע פראַגמענטן פון די סאָלאָנישע עלעגיעס, פאַרשטייט זיך, קלעקן ניט דערפאַר, אַז מען זאָל לויט זיי קלאָר מאַכן זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע אידעען. מיר קענען בלויז אָנמערקן אייניקע מאָטיוון פון זיין פּאָעזיע. ער איז דער אידעאָלאָג פון דער בורזשואַזיע, וועלכע טוט שטענדיק אויף דער העלפט. ער האָט מורא צו מעלדן אַנטשיידן אַ מלחמה דעם אַלטן און באַמיט זיך צו פאַרנעמען אַ מיטל-לאַגע צווישן דעם רייכן און דעם אָרעמען קלאַס. ער מאָלט די אָרעמע לאַגע פון דעם פאָלק, ער דראָט די רייכע, וועלכע ווייסן ניט קיין גרענעץ צו זייער שטאָלץ און גייציקייט, וואָס זיינען דערגאַנגען אין זייער לוקסוס צו איבערגעזעטיקטקייט און האָבן פאַרגעסן אָן דער גערעכטיקייט, „וועלכע קוקט שווייגנדיק אויף די פאָרקומענדיקע געשעענישן". ער זאָגט פאָראויס רייסענישן און מחלוקתן, וועלכע וועלן מיט זיך ברענגען שרעקלעכע אומגליקן [1]. ער טרעט אַפילו אַרויס מיט דירעקטע דראָונגען קעגן דער אַריסטאָקראַטיע, אין וועלכער עס הערט זיך די שטים פון אַ פּאַרטיי-אָנפירער, פון אַ פאָלקסגעוויילטן, וועלכער שטעלט אַרויס אַ פּראָגראַם פון סאָציאַלע און פּאָליטישע רעפאָרמען:

גרויסע לייט, איבערגעזעטיקט מיטן גוטס פון לעבן, היינט דאַרפט איר אייער שטאָלץ מעסיקן, אייער האַרץ באַצוימען, זייט באַשיידענער אין פאַרלאַנגען, מיר וועלן דאָך, ווי איר ווייסט אַליין, ניט וועלן נאָכגעבן; אייך וועט זיך אויך ניט אַלץ איינגעבן [2].

אַזוי-אַרום איז דער ערשטער מאָטיוו פון זיין פּאָעזיע דער פּראָטעסט קעגן די רייכע קלאַסן אין נאָמען פון די אינטערסן פון דעם נויטליידנדיקן פאָלק. מיט וואָס זשע פאַר אַ פּראָגראַם איז אַרויסגעטראָטן סאָלאָן? די פאַרבליבענע פראַגמענטן פון זיינע עלעגיעס זאָגן עדות דעריוף, אַז ער איז ניט געשטאַנען פאַר אַ ראַדיקאַלער איבערקערעניש, אַז ער איז ניט געווען קיין פריידיקער פון רעוואָלוציע. „איך וויל ניט, — זאָגט ער, — ווי אַ טיראַן גיין אויפן וועג פון געוואַלד" [3]. ער איז געווען אַ פאַרמיטלער צווישן די רייכע מיט די אָרעמע קלאַסן, ער האָט ניט געהאַט בדעה אָפּצושאַפן די אומגלייכקייט, און ער האָט זיך, דאַכט זיך, געווענדט מער צום האַרצן פון די עקספּלואַטאַטאָרס, איידער צו דער קראַפט פון די עקספּלואַטירטע. „דאָס האַרץ הייסט מיר ווירקן אויף די אַטענער, זיי זאָלן פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס עס איז ניטאָ קיין

1) פר. 3 (בערגק, 1843).
2) 'Αθ· Πολ, V.
3) דאָרט, XII.

געזעצן ציט נאָך זיך צרות אָן אַ סוף. פאַרקערט, אַ גוטע געזעצגעבונג דינט פאַר אַ סימן פון אָרדענונג און פון יושר; זי לייגט אַרויף אַ צוים אויף די באַדריקער, פאַרגלעט דאָס וואָס איז ניט גלאַט, מאַכט אַ סוף צו דער איבערזעטיקונג און צו דער גאווה, פאַרהיט פון מחלוקתן"[1]). ס'איז ניט שווער צו זען, אַז סאָלאָן איז געווען אַ קעגנער פון בירגערקריג און אַן אָנהענגער פון שלום. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג, האָט אָנערקענט די פּריווילעגיעס פון די רייכע, און איז, אַפּנים, אַרויסגעטראָטן נאָר קעגן די מיסברויכן, קעגן דער שווערער לאַגע פון די אָרעמעלייט. אין איין פראַגמענט, אין וועלכן סאָלאָן פאַרטיידיקט בלי־ספק זיין רעפאָרם, שרייבט ער אַליין זיך צו די ראָלע פון אַ פאַרמיטלער, פון אַ רודף־שלום. ער זאָגט, אַז ער האָט געגעבן דעם פאָלק אַזוי פיל כוח, וויפיל עס איז נייטיק געווען, און די מענטשן, וואָס אין זייערע הענט איז געלעגן די מאַכט און דאָס עשירות, האָט ער אָנגעוויזן, וואו איז דער גרענעץ, ביז וואַנען זיי מעגן פאַרכאַפּן; ער איז געוואָרן „אַ מעכטיקע שילד אי פאַר די, אי פאַר יענע", אָפּנעמענדיק ביי זיי די מעגלעכקייט צו דריקן איינער דעם אַנדערן[2]). סאָלאָנס פּאָעזיע באַגרענעצט זיך ניט מיט דעם קאַמף קעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. ער זעט פאָראויס דעם אָנגריף פון דער טיראַניע און טרעט קעגן איר אַרויס. ער האָט ניט דערלעבט ביז יענעם פּעריאָד, ווען די דעמאַגאָגן, הגם זיי זיינען געווען די טרעגער פון דער דעמאָקראַטישער אידעע, האָבן זיי איר צוגעמישט זייער אייגענע גייציקייט און זיינען ניט נאָר געוואָרן פאָלקסטריבונען, נאָר אַפילו פאָליטישע אַוואַנטוריסטן. סאָלאָן האָט געזען פיזיסטראַטאַסעס אָנשטרענגונג, ער האָט געפילט די געפאַר, מיט וועלכער עס האָט געדראָט די אַלץ וואַקסנדיקע פּאָפּולאַריטעט זיינע; מעגלעך, אַז צו דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין האָט זיך נאָך צוגעמישט אויך אַ געפיל פון פּערזענלעכער באַליידיקונג; ער האָט געזען, אַז דאָס פאָלק, וואָס בייט אָפט זיינע שטימונגען, איז גרייט צו בויגן זיך פאַר דעם נייעם אָפּגאָט און פאַרגעסן אָן דעם, וועלכער האָט געהאַט פאַר אַ ריכט־שנור אין זיינע מעשים ריינע טעמים און פּאַטריאָטיזם. „די פינסטערע כמאַרע, — זאָגט ער, — געבוירט אַ שרעקלעכן שניי און אַ האָגל, פונם גלענצנדן בליץ ווערט געבוירן אַ דונער. די מלוכה פאַלט דורך גרויסע מענטשן. דאָס אומפאַרשטאַנדיקע פאָלק גיט זיך אָפּ אין קנעכטשאַפט צו דעם מאָנאַרך. דעם, וואָס האָט זיך הויך דערהויבן, איז שפּעטער שווער צו וואַרפן. מען מוז באַצייטנס טראַכטן"[3]). אין פינף און צוואַנציק יאָרהונדערטן אַרום איז

1) פר. 3.
2) פר. 4. אויך ’Αϑ Πολ, XII.
3) פר. 9.

שווער מיט פּינקטלעכקייט צו באַשטימען, פון וואָס פאַר אַ גרופּע איז סאָלאָנס פּאָעזיע געווען דער עכאָ. אָבער שפּעטער, ווען די טיראַניי האָט אָפּגעשפּילט איר ראָלע, ווען די פּיזיסטראַטידן זיינען געפאַלן פאַרשאָלטענע פונם פאָלק, איז די דאָזיקע פּאָעזיע געוואָרן די עוואַנגעליע פון דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, דער נאָמען פון איר שעפער איז אַרומגערינגלט געווען מיט דעם רום פון ערשטן קעמפער פאַר די רעכט פון די פאַראומגליקלעכטע.

סאָלאָן איז געווען איינער פון די זיבן חכמים פון דער אַנטיקער וועלט, און דערצו אַ בירגער פון אַטען, פון אַזאַ געמיינדע, וועלכע האָט די ערשטע ביי זיך איינגעפירט אַזאַ פיין באַאַרבעטע דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע, וואָס זי רופט ביי אונז נאָך עד־היום אַרויס פאַרוואונדערונג. עס קאָן זיין, אַז ער איז דער בולטסטער טיפּ פון אַ העלענער מיט אַ קלאָרן שכל, מיט רעאַלע שטרעבונגען, מיט ליבשאַפט צו מעסיקייט, מיט אַנטיפּאַטיע צו עקסטרעמיטעטן. „מיר ווילט זיך זייער זיין רייך, — זאָגט ער, — אָבער איך וויל ניט ווערן דיק פון אומערלעכן אָנגעלעבטן. ווען עס איז וועל איך דערפאַר דאַרפן באַצאָלן“ 1). זיין פּאָעזיע איז דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון פּראָגרעסיוון פרייהייט־ליבנדיקן שטאַם. אָבער ביז אונזער צייט איז פאַרבליבן אויך די פּאָעזיע פון אַ כאַראַקטער, וואָס איז גאָר דער היפוך דערפון. די אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט הייליק פאַרערט די טראַדיציעס, וועלכע האָט זיך פאָרט געהאַלטן פאַר אירע פּריווילעגיעס, און האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון איר פאַראַכטונג צו דעם פּשוטן המון, — די דאָזיקע אַריסטאָקראַטיע האָט אַרויסגעשטעלט איר פּאָעט, וועלכער איז געווען פונקט אַזאַ קונציקער אויסדריקער פון איר קאָנסערוואַטיווער וועלטאָנשויונג, ווי סאָלאָן איז געווען בנוגע צו די פּראָגרעסיווע שטרעמונגען פון זיין צייט. טעאָגניס איז געווען אַ דאָרישער אַריסטאָקראַט, זיין טעטיקייט באַציט זיך צו דער ערשטער העלפט פונם VI יאָרהונדערט, אָבער געלעבט האָט ער יעדנפאַלס ניט שפּעטער פאַר סאָלאָנען, און אויב ער איז געווען זיינער אַ צייט־חבר, איז עס אין דעם זינען, וואָס די ערשטע טריט פון זיין טעטיקייט זיינען צונויפגעפאַלן מיט דעם אונטערגאַנג פון דעם באַרימטן געזעצגעבער. אויף דעם מזל פונם דאָזיקן פּאָעט איז אויסגעפאַלן אַ גאַנץ אויסשליסלעכער גורל: פון אים איז צו אונז דערגאַנגען אַרום טויזנט פיר הונדערט פערזן. אָבער די דאָיקע רייכע ירושה, וואָס אַ גלייכע צו איר איז ניט פאַרבליבן פון קיין גריכישן עלעגיקער, איז ניט געווען אויסשליסלעך טעאָגניסעס אייגנטום. זיין נאָמען האָט נאָר געדינט פאַר אַ סימבאָל, וועלכער האָט פאַראייניקט

1) פלוטאַרך. סאָלאָנס ביאָגראַפיע.

אַ גאַנצע ריכטונג אין דער פּאָעזיע, געגליכן דערצו, ווי האָמערס נאָמען איז געוואָרן אַ שם־הכולל פאַר דער עפּישער שאַפונג. טעאָגניס איז פאַר דער דאָרישער אַריסטאָקראַטיע געוואָרן דער זינגער פון אירע אידעאַלן, דער בעסטער היטער פון אירע טראַדיציעס, פון איר פּאָליטיק, פון איר מאָראַל, דער אויסדריקער פון אירע פאַרשטעלונגען וועגן דער וועלט און וועגן דעם לעבן, געגליכן דערצו ווי סאָלאָן איז אין דעם דמיון פון פאָלק געוואָרן דער שטאַמפאָטער פון דער דעמאָקראַטיע. אָט פאַרוואָס די אַרי־סטאָקראַטיע האָט אין טעאָגניסעס עלעגיעס געזען אַ שולחן־ערוך פון אירע לעבנס־כללים, און ניט קיין פּאָעטישע קונסט. און די ווייטערדיקע שריפטשטעלער האָבן גענומען צוגעבן צו די פערזן פון דעם פּאָפּולערן פּאָעט נייע שורות. זיי האָבן זיך באַמיט צו דערפילן דעם דאָזיקן קאָדעקס פון כללים דאָרט, וואו זיי האָט זיך געדאַכט, אַז עס זיינען פאַראַן בלויזן, און האָבן אַרויסגעוואָרפן דאָס, וואָס האָט זיי אויסגעוויזן ווי איבעריק, און עס קיין זיין, אַז זיי האָבן געענדערט באַזונדערע פערזן אָפּ־העניגיק פון די פאָדערונגען פון דער צייט, פון די געענדערטע אָנשוויונגען פון דער רגע. וואָרעם די אַריסטאָקראַטישע וועלטאָנשויונג ביי די דאָריער האָט אויך געהאַט איר עוואָלוציע, ניט געקוקט אויף גאָר איר קאָנסער־וואַטיזם. אָבער טוענדיק זייער וואַנדאַלן־אַרבעט, האָבן די קאָמפּילאַטאָרס ניט געוואַגט אויפצוהויבן אַ האַנט אויף דעם פּאָעטס נאָמען, וואָס האָט געזאָלט מיט זיין אַווטאָריטעט פאַרפעסטיקן די באַדייטונג פון דער דאָזי־קער זאַמלונגספּאָעזיע. די טראַדיציע וועגן דעם דאָזיקן אַווטאָריטעט האָט זיך איבערגעגעבן פון דור צו דור אין די קרייזן, וואו מען האָט הייליק אָפּ־געהיט די אָנשטענדיקע אויפפירונג, דאָס געהאָרכ:אַמקייט צו עלטערע, די מילי־טערישע אויסאיבונג און דעם זכר וועגן די איידעלע אורפאָטערס. די סענטענצן פון טעאָגניסן און פון די שפּעטערדיקע קאָמפּילאַטאָרס, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אונטער זיין נאָמען, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שפּריכ־ווערטער, ער איז געוואָרן אַ חכם און אַ לערער, און אין דעם אַלטן גריכנלאַנד איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַזאַ שפּריכוואָרט: „איך האָב עס געוואוסט נאָך איידער טעאָגניס איז געבוירן געוואָרן“. טעאָגניסעס גורל דערמאָנט אַ ביסל דעם גורל פון די פראַנצויזישע אַדעליקע אין אָנהייב פון XIX יאָרהונדערט, למשל דעם גורל פון אַ שאַטאָבריאַן, אַ זשאָזעף־דע־מעסטר [1]), וועלכע זיינען רואינירט געוואָרן מחמת דער רעוואָלוציע. זיי האָבן פאַרשאָלטן די אָנקומענדיקע מלוכה פון גלייכהייט און פרייהייט און געזונגען הימנען לכבוד די אַלטע אַנשטאַלטן, לכבוד דער עפּאָכע,

1) זע מיין געשיכטע פון די מערב־אייראָפּעישע ליטעראַ־טור, ב. II

ווען עס האָבן געהערשט אַווטאָריטעט און טראַדיציע. טעאָגניס האָט געהערט צו דער אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי פון מעגאַרע. דאָ איז פאָרגעקומען אַ פּאָליטישער קאַמף, אַן אַנאַלאָגישער צו די פּאָליטישע קאָנפליקטן אין אַנדערע געמיינדעס. שוין אין VII יאָרהונדערט איז אין מעגאַרע פאַרגעקומען אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן דער אַריסטאָקראַטיע מיטן פאָלק, וואָס ביי אים אין דער שפּיץ זיינען געשטאַנען די טיראַנען, וועלכע האָבן אַרויסגעטריבן די אַריסטאָקראַטן און באַפרייט דאָס פאָלק. אין מעגאַרע האָט אַפּנים די איבערקערעניש געטראָגן אַ באַזונדער ראַדיקאַלן כאַראַקטער און געהאַט באַזונדער שווערע רעזולטאַטן פאַר דער אַריסטאָקראַטיע. דאָ איז געווען אַ פּעריאָד, ווען עס האָט געהערשט דער המון, וועלכער האָט פאַרכאַפּט דאָס פאַרמעגן פון די אַריסטאָקראַטן, און ווען די לעצטע האָבן נאָכן פאַלן פון דער טיראַניי זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָבן זיי געמוזט פאַרטיידיקן זייער רעכט, דערמאָנען וועגן יושר. טאַקע אין דער דאָזיקער צייט איז געשאַפן געוואָרן טעאָגניסעס פּאָעזיע. פּונקט ווי די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטן, אָט די וואָס פאַר דער רעוואָלוציע זיינען זיי געווען אויסגעצערטלטע און צעפּיעשטשעטע, און דער מזל האָט זיי אַזוי געשפּילט, זיינען שפּעטער נאָך דער רעוואָלוציע געוואָרן פּובליציסטן און זיינען אָנגעפאַלן אויף די נייע אידעען, אַזוי איז אויך טעאָגניס, נאָך דעם ווי ער איז רוינירט געוואָרן, אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן די אָפּגעלעבטע אָרדענונג פון דרוק און געוואַלט.

די צו אונז דערגאַנגענע עלעגישע פערזן פון טעאָגניסן און די קאָמפּילאַטאָרן זיינען דורכגעדרונגען מיט אַריסטאָקראַטישער אומטאָלעראַנץ. זיי זיינען אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון אַ לערע צו דעם יונגן אַריסטאָקראַט קירנאָסן. פון די ערשטע פערזן אָן ווייזט זיך שוין שאַרף אַרויס דעם אַווטאָרס וועלטאַנשויונג. פאַר אים זיינען אַריסטאָקראַט און גוטער עדלעבער מענטש — סינאָנימען, פּונקט אַזוי ווי סינאָנימען פאַר אים זיינען אַ פּראָסטער און אַ שלעכטער מענטש. די פאָרשטייער פון די העכערע שטאַנדן רופט ער איינפאַך אָן איידעלע, און די פאָרשטייער פון דער פאָלקסמאַסע — נידעריקע. ער גיט קירנאָסן די עצה שטרענג צו האַלטן זיך פאַר די מענטשן פון זיין קרייז. „געהויבנס קען מען זיך אויסלערנען נאָר ביי די איידעלע, אָבער אין מגע־ומשא מיט די נידעריקע קלאַסן וועסטו פאַרלירן דיין שכל״. דער פּאָעט באַשווערט זיין תּלמיד, קיינמאָל ניט צו באַראַטן זיך מיט מענטשן פון המון; ער באַהויפּטעט, אַז „די אַריסטאָקראַטיע האָט נאָך קיינמאָל די מלוכה ניט געבראַכט צום אונטערגאַנג״, אין דער צייט ווען דאָס פאָלק באַגייט געוואַלדטאַטן און פּטרט אַוועק דאָס לאַנד. אין דעם, וואָס ער דערמאָנט עס פיל מאָל כּסדר, לאָזט זיך

פילן די מורא פאַר דער עפּידעמיע פונם דעמאָקראַטיזם, וועלכע איז שוין אפשר אַריינגעדרונגען אין די הערצער פון אַ פולע יונגע אַריסטאָקראַטן. דעריבער הערשט אומעטום אין טעאָגניסעס עלעגיעס די מורא פאַר דער סכנה, טאָמער וועט די דעמאָקראַטיע זיך צונויפגיסן מיטן פאָלק. ער טרעט היים אַרויס קעגן געלט, וואָס ברענגט צו דער צנויפמישונג פון די שטאַנדן, און בעט זיין תלמיד מיט תחנונים, ער זאָל קיינמאָל ניט האָבן קיין פריינדלעכע באַציִונגען מיט פּראָסטע מענטשן צוליב געלט־ענינים. ער דערמאָנט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן יענער עפּאָכע, ווען די אורעלטערן פון דעם פּראָסטן המון, אַרומגעוויקלט אין ציגענע פעל אַרום זייערע זייטן, האָבן ניט געוואוסט קיין געזעצן, קיין גערעכטיקייט, האָבן אַרומגעוואַנדלט, געגליכן צו די הירשן, ווייט פון שטאָט. ער טרויערט וועגן דער ירידה פון דער אַריסטאָקראַטיע גופא, וועגן דעם, וואָס אין אירע רייען האָבן זיך באַוויזן פּחדנים און רמאים. מיט איין וואָרט, דאָס איז די פּאָעזיע, וועלכע דערמאָנט די רעאַקציאָנערע מוזע פון שאַטאָבריאַנען און די טרויעריקע לירע פון לעאָפּאַרדין, דאָס איז די קינה פון דעם אומאויסהיילבאַרן קאָנסערוואַטאָר אויף דער אָפּשטאַרבנדיקער קולטור, און זיין מאַכטלאָזער פאַרביטערטער פּראָטעסט קעגן דעם יונגן לעבן, וואָס גייט פאָראויס מיט זיין אָנגרייפנדיקן זיגרייכן מאַרש.

V.

די עפּיקורעיִשע און די עראָטישע ריכטונג אין דער גריכישער ליריק. — דער אינזל לעסבאָס. — אַלקאַיאָס. — סאַפּפאָ און די קינסטלערישע באַזונדערהייטן פון איר ליריק. — אַנאַקרעאָן. — די פערסישע מלחמות, זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעזולטאַטן פאַר גריכנלאַנד. — די דערהייבונג פון אַטען און דער נצחון פון דער דעמאָקראַטיע. — די עליה פונם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. — סימאָנידעס און פּינדאַר, אַלס די ערשטע אַלגעמיין גריכישע ליריקער. — סימאָנידעס אַלס נייער טיפּ פון אַ פּאָעט. — זיינע פּאַטריאָטישע לידער. — פּינדאַר. — די באַדייטונג פון די אָלימפּישע פייערונגען. — דער אַנאַליז פון פּינדאַרס ערשטער אָלימפּישער אָדע.

הגם דער פּאָליטישער מאָטיוו איז טאַקע דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער עלעמענט פון דער טעאָגנידישער עלעגיע, אָבער דאָס איז לגמרי ניט דער איינציקער מאָטיוו אירער. מען קאָן אין איר באַגעגענען אויך אַ מאָלצייט=ליד, אויך אַ ליבע=קלאָג=ליד. דער גריכישער אַריסטאָקראַטיע האָבן מיר צו פאַרדאַנקען ניט בלויז פאַר דער באַדייטנדער גרופּע פון רעאַקציאָנער=פּאָליטישער און קריגערישער דיכטונג. אין דער עפּאָכע, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן איר אַנטאַרטונג, האָט דער דאָזיקער שטאַנד אין אַ געוויסער מאָס באַשאַפן און קולטיווירט אויך יענע עפּיקורעיִש=עראָטישע און עסטעטישע ריכטונג אין דער ליטעראַטור, וועלכע האָט דערגרייכט צו אַזאַ גלענצנדער בליִונג אויף דעם אינזל לעסבאָס. די האָמערישע העראָען, די דינער פון דעם קולט פון אַרעס און אַפראָדיטע, די פאַרערער פון דעם זינגער דעמאָדאָקאָס, זיינען קיינמאָל אין גריכנלאַנד ניט אויסגעשטאָרבן. עס איז שווער צו זאָגן, פאַרוואָס איז דווקא לעסבאָס געוואָרן די הויפּט=אַזיל פון דער פלאַמענדיקער ליבע=ליריק. עס קען זיין, אַז מער פאַר אַלץ האָט דערצו געבראַכט די געבענטשטע נאַטור פון דעם דאָזיקן אינזל, פּונקט אַזוי ווי שפּעטער האָט די רייכע נאַטור פון פּראָוואַנס אַרויסגערופן אין לעבן די ליבע=לידער פון די טרובאַדורן. לעסבאָס צייכנט זיך אויס מיט אַ זעלטענעם קלימאַט און מיט רייכקייט פון געוויקסן. די פאַרצייטיקע מענטשן האָבן אים גערעכנט פאַר איינעם פון די פינף אינזלען, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען „גליקלעכע". ער איז דורכגעקרייצט מיט בערג=קייטן, וועלכע זיינען רייך מיטן שענסטן מירמלשטיין. די בערג=זייטן זיינען באַדעקט מיט געדיכטן נאָדל=וואַלד, אין די טאָלן וואַקסן מירטעס, איילבערטן, וועלכע גיבן גוטן אייל, פייגן און

וויינטרויבן, וואָס זייער ווין האָט געהאַט אַ גרויסן שם בּיי די גריכן און בּיי די רוימער [1]. די נאַטירלעכע רייכטימער האָבּן מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון לוקסוס און תּענוגים, די נאָענטע שכנותשאַפט פון די אַזיאַטישע פעלקער, די אויסגעצייכנטע נאַטירלעכע האַפנס, וועלכע האָבּן אין גאַנץ פריע צייטן אַרויסגערופן די אַנטוויקלונג פון נסיעות איבּערן ים און אַ לעבּהאַפטן משא-ומתן מיטן אָריענט, האָבּן געבּראַכט צו דער בּאַקאַנטשאַפט מיט דער מזרח-קולטור, און ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס דווקא דאָ האָט זיך בּרייט אַנטוויקלט אַ לעבּן פול מיט אויסגעצערטלטקייט און פוילקייט, — דאָ, וואו פון די אָרטיקע וויינטרויבן האָט מען געמאַכט דעם פיינסטן ווין, האָט מען ליבּ געהאַט צו טרינקען אין דעם קרייז פון פרויען, האָט מען זיך איבּערגעגעבּן אין דער מאַכט פון ליידנשאַפטן און תּענוגים. אַפּנים, אַז די פרוי האָט זיך דאָ, ווי אין פיל אַנדערע קאָלאָניעס, געפילט אַ סך פרייער, איידער אין די שטעט פון דער מעטראָפּאָליע. די לעסבּישע פרוי איז געוועזן אַ געוואונטשענער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. איר שיינקייט און איר גראַציע האָט מען געהאַלטן פאַר אַ געטלעכער מתּנה, און אויף די יערלעכע פייערונגען לכּבוד דער געטין הערא זיינען די לעסבּיאַנערינס געקומען קאָנקורירן אין שיינקייט [2]. דער דאָזיקער קולט פון אויסגעצערטלטקייט און שיינקייט האָט געמאַכט דעם אינזל לעסבּאָס אַ מיאוסן נאָמען: מען האָט געזאָגט, אַז די לעסבּיאַנער גיבּן זיך אָפּ מיט אומנאַטירלעכע בּאַציונגען, און אַז עס עקסיסטירט אַ בּאַזונדער אָרטיקער מין אויסגעלאַסנקייט. די דאָזיקע פראַגע און דערהויפּט די פראַגע וועגן דער זיטלעכקייט פון דער לעסבּישער פּאָעטעסע סאַפּפאָ האָט אַרויסגערופן אַפילו אַ גאַנץ בּרייטע פּאָלעמיק צווישן די געלערנטע, וועלכע האָבּן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: איינע האָבּן זיך געמיט ריינצוּוואַשן די בּאַרימטע פּאָעטעסע און אירע לאַנדסלייט, אַנדערע האָבּן בּאַשטעטיקט די מיינונג, וועלכע האָט נאָך עקסיסטירט אין דער פאַרצייטיקער וועלט. איבּעריקנס, בּיי היינטיקן טאָג מוז מען, אַפּנים, די פראַגע אַנטשיידן לטובת סאַפּפאָ. אָבּער די, צי יענע אַנטשיידונג קאָן ניט אָפּהאַלטן דעם פאָרשער פון קלאָר צו מאַכן די בּאַדינגונגען, וועלכע האָבּן אַרויסגערופן אַ געוויסע ליטעראַרישע ריכטונג, און צו בּאַשטימען די השפּעה פון דער דאָזיקער ריכטונג. צי איז די עפּיקורעישע און די עראָטישע ריכטונג אין לעסבּאָס אַריבּערגעטראָטן די גרענעץ פון מאָראַל, צי ניט, — פאַר אונז איז וויכטיק, וואָס די פאַרבּליבּענע רעשטן פון

---

1) אינאָזעמצעוו. דער אינזל לעסבּאָס און די לעסבּישע זינגער און פּאָעטן.

2) Ibidem.

דער היגער ליטעראַטור גיבן די מעגלעכקייט צו כאַראַקטעריזירן אַ מעכטיקן שטראָם אין דער גריכישער פּאָעזיע פון דעם VII און VI יאָרהונדערטן, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן צום לעבן דורך דער אַנטאַרטונג פון דער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז פאָרגעקומען אונטער דער השפּעה פון דער עקאָנאָמישער איבערקערעניש.

לעסבאָס איז אַלע מאָל געווען אַן אינזל פון פּאָעזיע און מוזיק. און די פאַרצייטיקע מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאַר דעם סאַמע פּאָעטישן אינזל. די קנאַפּקייט פון היסטאָרישע ידיעות ערלויבט ניט פּינקטלעך פעסטצושטעלן דעם מאָמענט, ווען דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָעזיע, אָבער די לעגענדע איז, ווי עס טרעפט אָפט, אויך אין דעם פאַל געקומען אונז צו הילף. אין אָווידיוסעס מעטאַמאָרפאָזן ווערט געבראַכט אַ פאַרצייטיקע זאַגע וועגן דעם, ווי אַזוי די כוואַליעס האָבן געבראַכט צו די ברעגן פון לעסבאָס אַ לירע און די קאָפּ פון אָרפעוסן, וועלכן די טראַקיער האָבן געטויט. דעם פּאָעטס מויל האָט אַלץ געזונגען וואונדערלעכע לידער, און אַזוי־אַרום איז לעסבאָס, לויט דער פאַרצייטיקער זאַגע, געווען אַזוי ווי דער יורש פון דעם פּאַטריאַרך פון דעם גריכישן ליד. די דאָזיקע לעגענדע זאָגט עדות וועגן דעם טיפן עלטער פון דער לעסבישער פּאָעזיע. ווייטער ווייסן מיר, אַז לעסבאָס איז געווען דאָס וויגבעטעלע פון דער גריכישער מוזיק, ווייל דאָ איז געבוירן געוואָרן טערפּאַנדער איר שטאַמפאָטער [1]. אָבער פאַר זיין רום האָט לעסבאָס צו דאַנקען, דער עיקר, דער גערימטער פּאָעטישער פּאָר. אַלקאַיאָס און סאַפּפאָ זיינען די גרעסטע ליריקער פון לעסבאָס און אפשר פון גאַנץ גריכנלאַנד.

אַלקאַיאָסעס גורל דערמאָנט וואונדערלעך דעם גורל פון טעאָגניסן און פון אַנדערע גריכישע אַריסטאָקראַטן. זיין געבורטשטאָט מיטילענע האָט דורכגעמאַכט די זעלביקע פאַזן פון פּאָליטישער אַנטוויקלונג, וואָס אַנדערע גריכישע געמיינדעס. פון אָנהייב — די הערשאַפט פון די אַריסטאָקראַטן, לויט דער טראַדיציע, קינדער פון אַגאַמעמנאָנס זון אָרעסטעס, נאָכדעם די וואַקלונג פון דער דאָזיקער הערשאַפט, די אומצופרידנקייט פונם פאָלק, די אויסוויילונג פון די טיראַנען, די געלונגענע און די אומגעלונגענע פּרוּוון אַראָפּצוּוואַרפן זיי מצד דער פאַרפאָלגטער אַריסטאָקראַטיע. אין דער יוגנט האָט אַלקאַיאָס צוזאַמען מיטן ברודער געהאָלפן דעם באַרימטן לעסבישן דעמאַגאָג פּיטאַקאָסן אַראָפּצוּוואַרפן דעם טיראַן מעלאַנכראָסן (צום סוף VII י. ה. פאַר קר. געב.). אָבער אַלקאַיאָס האָט געווירקט ניט לטובת די אינטערעסן פונם פאָלק, נאָר לטובת די אינטערעסן פון זיין אַריסטאָקראַטישער פּאַרטיי, און ווען דאָס פאָלק האָט

1) זע די פריערדיקע.

די מאַכט איבערגעגעבן אין די הענט פּיטאַקאָסן, וועלכער האָט באַקומען פאַר זיין פּאָליטישער חכמה אַ נאָמען ווי סאָלאָן, איז אַלקאַיאָס געוואָרן אַ שונא דעם דאָזיקן אָנפירער פונם פאָלק. עס איז פאָרגעקומען יענע מיספאַרשטענדעניש, וועלכע פלעגט אָפט טרעפן אין די גריכישע געמיינדעס: סיי דאָס פאָלק, סיי די אַריסטאָקראַטיע זיינען ביידע אויפגעשטאַנען קעגן דעם טיראַן, נאָר די כוונות פון די און פון יענע זיינען געווען פאַרשיידענע: די אַריסטאָקראַטיע האָט געטרוימט וועגן אומקערן צו זיך די מאַכט, דאָס פאָלק האָט איבערגעגעבן די מאַכט אין די הענט פון אַ נייעם דעמאַגאָג, וועלכער איז געווען אַ שענערער מענטש און אַ וויניקער ערגייציקער. מען דערציילט, אַז אַלקאַיאָס האָט אָנגעקליבן אַ חייל און געפּרוּווט זיך מיט גוואַלד איינגעמען זיין געבורטשטאָט, נאָר מען האָט אים גענומען געפאַנגען. פּיטאַקאָס האָט מוחל געווען זיין שונא, און אַלקאַיאָס, וועלכן די צייטן פון וואַנדערן אין גלות האָבן אויסגעפּייניקט, האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין מוטילען אין פריינדשאַפט מיט דעם רעגירער. אַ טשיקאַווע וויטל אין דער געשיכטע פון דער טיראַניי, וועלכע איז גלייך כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר דעם קלוגן געזעצגעבער, סיי פאַר דעם באַרימטן פּאָעט. פּיטאַקאָס איז געווען אַ טיראַן אין דעם איידלסטן זינען פון דעם דאָזיקן וואָרט, אַלקאַיאָס איז געווען אַ קריגער-זשוויר, וועלכער האָט גלייך ליב געהאַט סיי דעם שווערד, סיי ווין, סיי פרויען. ער האָט ניט געהאַט אין זיך די אייגנשאַפט פון אַ נוקם-ונוטר, ווי טעאָגנים. ער האָט צופיל ליב געהאַט דאָס לעבן און זיינע פריידן, כדי צו פאַרבלייבן ביזן סוף פון לעבן אַ בייזער פאַנאַטיקער פון דער אידעע. ער האָט אין דעם שלאַכט אַוועקגעוואָרפן זיין שילד, ווי פריער פאַר אים האָט עס געטאָן אַרכילאָכוס און נאָך אים האָראַציוס. אין זיין פּאָליטישער ליריק איז מער פּאָעזיע און וויניקער פּאָליטיק, איידער ביי טעאָגניסן. עס איז שווער צו מאַכן זיך אַ פאָרשטעלונג וועגן איר לויט די קנאַפּע רעשטן אירע, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען, אָבער אין זיי הערט זיך שוין ניבער דער טרויער פון אַ מענטשן, וועלכער פילט און דענקט פיין, איידער די פאַרביטערונג פון דעם פאַרטייִשן פאָרשטייער. מיר האָבן פאַר זיך צוויי-דריי פראַגמענטן צו אַ צענדליק פערזן, און אַרום הונדערט פראַגמענטן צו איינעם-צוויי פערזן, — דאָס איז אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן פון די צען ביכער געדיכטן, וועלכע אַלקאַיאָס האָט האָט אַמאָל אָנגעשריבן. איינער פון די פראַגמענטן באַשטימט גוט דעם פּאָעטס וועלטאָנשויונג [1].

---

1) לויט בערגקן פר. 34—35, פאָל. III, 1882.

שיקט אונז צעוס פון הימל שלעכט וועטער,
און ער שיקט אונז אַ ווינטער אַ שווערן.
עס פאַרפרירן די שטראָמען פון טייכן...
נאָר פאַרגעס וועגן ווינטער, און פייער
פיר פונאַנדער, און ווייגען מיט האָניק
לאָז צעמישן, ניט שפּאָר, און די שלייף
דעק זיך צו מיט די האָר מי טדי ווייכע.
דען מען טאָר ניט פון שלעכטס אַ סך טראַכטן:
אין אַן אומגליק איז טרויער קיין הילף ניט
און פאַר יעדן, וואָס גרייט איז צו טרינקען,
ביסטו, באַקכוס, די תרופה די בעסטע.

וויין און אַ פריילעכע קאָמפּאַניע האָבן, ווי מען קען אורטיילן לויט די פראַגמענטן, געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אַלקאַיאָסעס פּאָעזיע. וויין — דאָס איז דער בעסטער מיטל צו פאַרגעסן זיך; וויין ברענגט פאַרגעסונג ניט בלויז אין דער ווינטערדיקער קעלט, נאָר אויך אין דער אומדערטרעגלעכער היץ [1]. וויין איז דער בעסטער פריינד, ווען מען דאַרף פירן אַ פּאָליטישן נצחון [2]. אין וויין שפּיגלט זיך אָפּ דעם מענטשנס נשמה, אויפן דעק פונם בעכער איז דער אמת [3]. די דאָזיקע ברעקלעך געדאַנקען לאָזן איבער אַ ברייטע רחבות פאַר דער פאַנטאַזיע. נאָר אויב מיר וועלן צענויפקלייבן יענע פאַרערונג, מיט וועלכער די פאַרצייטיקע שריפטשטעלער האָבן זיך באַצויגן צו דעם פּאָעט [4] און אייניקע באַגייסטערטע דרייסטע פערזן, וועלכע זיינען צעוואָרפן צווישן די קנאַפּע רעשטן פון זיין פּאָעזיע, וועט ניט שווער זיין אויפצולעבן די דאָזיקע ריטערישע פיגור, דעם דאָזיקן פריסטער פון ליבע און תענוגים, דעם מוטיקן זעלנער און דעם פיינעם שעצער פון שיינקייט, דעם שטאָלצן אַריסטאָקראַט און דעם קלוגן מיטשפּרעכער ביים טיש. זיינע אידעאַלן — דאָס זיינען די אידעאַלן פון אַן עפּיקורעער, אָבער ניט פון אַ גראָבן בעל-תאווה, וועלכער זוכט אין ליבע בלויז מגושמדיקע תענוגים, נאָר פון אַ פיינעם עסטעט, וועלכער קען באַפּוצן דעם מאָלצייט-טיש מיט פלאַמענדיקער באַגייסטערונג און מיט פינקלדיקן שאַרפזין. אין טויזנט יאָר אַרום האָט האָראַציוס באַערט אַלקאַיאָסעס אָנדענקען מיט פאָלגנדיקע פערזן:

1) פר. 39 (בערגק, III, 1882).
2) פר. 20 (ib.).
3) פר. 53, 57 (ib.).
4) ווי הויך עס האָט אַלקאַיאָסן געשעצט האָראַציוס, זיין נאָכמאַכער, זעט מען פון איין געדיכט (carm. II, 13), אין וועלכן ער זאָגט, אַז אין דער אונטערערדישער מלוכה וואָלטן זיינע לידער געקלונגען באַצוימען דעם דרייקעפּיקן צערבער, באַרויקן טאַנטאַלס פּיינען. (ש ט אָ ל, די גרויסע גריכישע שריפטשטעלער, 79).

נאָר אין וואַלד פון מלחמה, צווישן געווער
פלעגט ער צובינדן צום נאַסן ברעג
זיין שיף און באַזינגען
באַקכוסן, די מוזעס, ווענוסן און
דעם יינגל, וואָס איז מיט איר אומגעשיידט
(Carm. I, 32, 6—10).

די גרופע פראַגמענטן פון דער אַלקאַישער פּאָעזיע, וועלכע בילדעט די אָפּטיילונג ἐρωτικά, הייבט זיך אָן מיט צוויי שורות, וועלכע זיינען געווענדט צו „דער כשרער, טונקל-געלאָקטער, זיס-שמייכלענדיקער" סאַפפאָ; דאָס לאָזט משער זיין, אַז דער פּאָעט האָט ליב געהאַט זיין גערימטע צייטגענאָסין 1). איר געשטאַלט איז אויסגעוועבט פון ליבע און פּאָעזיע. זי איז געווען אַ פיינע און אַ פילנדע פּאָעטעסע פון עראָטישע געפילן און שטימונגען, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אין דער עפּאָכע, ווען די אַריסטאָקראַטיע האָט דעגענערירט. די פאַרבליבענע רעשטן פון איר פּאָעזיע ריידן וועגן די צאַרטסטע באַוועגונגען פון האַרצן, וועגן פלאַמענדיקע געפילן, וועגן נערוועזער איינדריקלעכקייט. די לעגענדעס, וואָס די פאָלקספּאָעזיע האָט אויסגעוועבט אַרום דער פּאָעטעסע, שטעלן זי פאָר אַלס פריסטערין פון ליבע און שיינקייט. זי איז אַריבער אין דעם באַוואוסטזיין פון די דורות אַלס פאַרקערפּערונג פון ליבע-ליידן און אַנטציקונגען און איז געוואָרן איינע פון יענע לעגענדאַרע געשטאַלטן, וועלכע זיינען וויכטיקער און באַדייטנדער אַלס סימבאָלן, איידער אַלס היסטאָרישע פּערזאָנען. די געשיכטע האָט גאָרנישט איבערגעלאָזן אַזוינס, וואָס זאָל קענען צוגעבן סאַפפאָ רעאַלע שטריכן, געבן איר פלייש און בלוט; פון דעם נעפּל פון דער דערווייטערטקייט טרעט זי אַרויס ווי אַ פּאָעטישער טרוים, ווי אַ העלדין פון אַ צויבערלעכער מעשהלע, אין וועלכן אַלץ איז העל און שיין. מיר קענען ניט אויף ריכטיק קיינעם פון אירע פאַרערער, אָבער מיר ווייסן, אַז אין אַ משך פון יאָרהונדערטן האָבן פּאָעטן און פילאָסאָפן איר געבראַכט די געשאַנקען פון זייער באַגייסטערונג און שכל, און זייער פאַרערונג האָט גאָרנישט מיט פאַרגעטערונג 2). מיר האָבן ניט קיין זיכערע ידיעות וועגן איר אויסערלעכקייט. אָבער דער נאָמען „שיינהייט" איז געווען דער געוויינלעכער עפּיטעט, וועלכן מען האָט צוגעגעבן צו איר נאָמען 3).

---

1) פר. 55.

2) סאָלאָן האָט ניט געוואָלט שטאַרבן, איידער ער וועט קענען סאַפפאָס לידער. פלאַטאָן האָט זי גערופן „די צענטע מוזע".

3) אַזוי רופן זי אָן פלאַטאָן און פלוטאַרכאָס, שוין גיט ריידנדיק וועגן די פריער געבראַכטע ווערטער פון אַלקאַיאָס.

בנוגע איר מאָראַלישער רעפּוטאַציע זיינען פאָרגעקומען פלוגתות און אָנפאַלן, אין דער צייט וואָס איר גרויסער צייטחבר אַלקאַיאָס רופט זי אָן „כשרע", און האָט מורא איר צו ערקלערן זיך אין ליבע, און העראָדאָט 1) דערציילט, אַז זי האָט אַבזוריש אויסגעלאַכט איר ברודער כאַראַקסן פאַר זיינע נאָענטע באַציִונגען מיט דער העטערע ראָדאָפּיס. פון דעם קאַמף פון די געלערנטע, פון דער מאַסע קעגנזעצלעכע ידיעות, וואָס מיר האָבן פון די פאַרצייטיקע שריפטשטעלער, איז סאַפּפאָס געשטאַלט אַרויס אַ העלע און אַ ריינע. מיט איר נאָמען איז אויף אייביק פאַרבונדן איינע פון די גרעסטע עלעמענטן אין דער גייסטיקער אַרבעט פון דער מענטשהייט.

סאַפּפאָ — דאָס איז די ערשטע געניאַלע פרוי, וועלכע האָט דער וועלט איבערגעלאָזן די פרוכט פון איר שכל, און דער פרוי געהערט שטענדיק אַ באַזונדערע ראָלע אין דעם גייסטיקן לעבן פון איר צייט. אין דעם סאַמע ברען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אָלימפּיע דע גוזש, די דאָזיקע שטרענגע קעמפערין פאַר די רעכט פון דער פרוי, פאַרבליבן אַ פרוי און האָט דערמאָנט וועגן רחמנות און מיטלייד, בשעת די געזעלשאַפט איז פאַרשיכורט געוועזן פון בלוט. אין סאַמע ברען פונם פּאָליטישן קאַמף אין איר שטאָט האָט סאַפּפאָ געשילדערט דאָס לעבן פונם האַרצן, אַריינגעדרונגען אין יענע ווינקעלעך פון דער נשמה, וואו דער געפיל פון שיינקייט און די ראָמאַנטישע בענקשאַפט שטאַרבן ניט אָפּ אַפילו אין די מאָמענטן פון שווערע געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן. אויב די נאַטור פון איר היימאַט און דער ריטערישער גייסט פון איר עפּאָכע האָבן אויפגעעפנט אַ ברייטע רחבות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער האַרצנספּאָעזיע, האָט נאָר די פרוי געקענט אַזוי שאַרף אויסדריקן די פּאָעטישע זייט פון איר צייט; אין דער קאָמפּליצירטער מעלאָדיע פון אירע פאַרשיידנאַרטיקע געפילן און מחשבות האָט נאָר זי געקענט אונטערכאַפּן און מעכטיק אויסטיילן יענע מאָטיוון, וועלכע האָבן ווייך געמאַכט איר אַלגעמיין שטרענגן טאָן; זי האָט געזונגען וועגן ליבע אין יענער עפּאָכע, ווען דאָס לעבן האָט אין דרויסן אַרויסגערופן אַלע כוחות פון צאָרן און פון מחלוקת. זי האָט בלי־ספק, לויט אירע געשמאַקן און שטימונגען, געהערט צו די זעלביקע קרייזן, צו וועלכע אַלקאַיאָס האָט געהערט, אָבער סאַפּפאָס ליבע־פּאָעזיע איז מיט מער צאַרטע און אַלגעמיין־מענטשלעכע שטימונגען. און ווייניקער נייטיקן מיר זיך אין היסטאָרישע און ביאָגראַפישע ידיעות, כדי משיג צו זיין איר פּאָעזיע. דאָס זיינען לידער וועגן ניט־שטאַרבנדיקע געפילן, וועלכע דינען אַלס מיטל־רינג צווישן דעם פאַרצייטיקן גריך, דעם מיטלאַלטערישן ריטער און דעם היינטיקן אייראָפּעער;

1) II, 135.

אירע לידער האָבן פּונקט אַזוי פיל צו זאָגן פאַר אונזער צייט, ווי פאַר איר עפּאָכע. דער קאָלאָריט פון אָרט און צייט ווערט אַ ביסל בלאַס אין די אַלגעמיין=מענטשלעכע געפילן, וואָס שפּיגלען זיך אין זיי אָפּ. אַפילו די פאַרבליבענע געדיכטן אירע שטעלן מיט זיך פאָר ווערטפולע אוצרות פון דער אַלוועלטלעכער פּאָעזיע. די פאַרצייטיקע האָבן פאַרשטאַנען די דאָזיקע אָפּפרישנדיקע דערהויבנדיקע באַדייטונג פון סאַפּפאָס ליריק. אין אַ פולע ווידמונגס=לידער האָבן זיי באַצייכנט איר ראָלע.

מיט ליכט פאַרבישופדיקן גלאַנצן אירע שטראַלנשיינענדיקע אויגן,
אָפּשפּיגלענדיק דעם שעפערישן גייסט, וואָס זידט ווי אין אַ קוואַל אַ לעבנסשאַפנדיקן.
עס איז קיין איבעריקס פאַראַן אין איר חנעוודיקן קערפּער,
אין דעם שפּיגל דעם געטרייען, לעבעדיקן פון דער איינפאַכקייט פון דער טבע
אירער, —
ס'דאָזיקע געזיכט, וואָס איז באַשיינט צוזאַמען מיט געדאַנק און שמייכל,
זאָגט אונז, אַז צונויפגעגאָסן גליקלעך האָבן זיך אין איר קיפּרידע מיט דער מוזע.

איין פּאָעט האָט זי פאַרגליכן מיט „אַ יונגער בין": געגליכן צו דער לעצטער, אַרומפלאַטערנדיק, האָט זי „געזאַמלט בלומען, מיט דער מוזע, אין דעם גאָרטן פון די פּיערידעס", האַרעם האָט זי אַוועקגעטראָגן אין דער אונטערערדישער קיניגרייך, באַרעכטיקנדיק די רייד פון דעם פּאָעט, אַז די „געטער זיינען אונז מקנא". און אַן עפּיטאַפיע פון אַן אַנ=דער גריכישן פּאָעט, זאָגט:

בלויז דער אַש פון סאַפּפאָ אין די ביינער, און דער נאָמען זיינען פאַרדעקט
מיט דער ערד,
אָבער די אַרב פון איר ליד דעם באַגייסטערטן איז די אומשטערבלעכקייט.

זי האָט געלעבט אין איין צייט מיט אַלקאַיאָסן; די בליונג פון איר טעטיקייט פאַלט, אַפּנים, צונויף מיט דעם ערשטן פערטל פון VI יאָרהונדערט פאַר קר. נעב. געגליכן צו אַלקאַיאָסן האָט זי געהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע. איר פּאָטער סקאַמאַנדראָנימוס, אָדער סקאַמאָן, איינער פון די רייכסטע מענטשן אויפן אינזל לעסבאָס, איז געשטאָרבן, ווען סאַפּפאָ איז נאָך געווען אַ קליין קינד. געלעבט אין רייכקייט אין דעם פּאָטערס הויז, האָט סאַפּפאָ ניט געוואוסט פון קיין נויט אויך שפּע=טער, ווען זי האָט חתונה געהאַט, מחמת איר מאַן האָט אויך געהערט צו די רייכסטע איינוואוינער פון דעם אינזל. אונז איז באַוואוסט, אַז פון דעם דאָזיקן זיווג איז ביי איר געבליבן אַ טאָכטער קלאַידע, וועלכע איז היים געליבט געווען פון איר מוטער. קיין אַנדערע ידיעות וועגן סאַפּפאָס קינדהייט און משפּחה=לעבן האָבן מיר ניט. ווייטער ווייסן מיר, אַז אין אָנהייב פון דעם VI יאָרהונדערט איז די פּאָעטעסע אַנטלאָפן פון לעסבאָס קיין סיציליע. היות ווי די דאָזיקע געשעעניש פאַלט צונויף מיט דעם

נצחון פון דער פאָלקספּאַרטיי און מיט דעם גלות פון דער מ טילענישער אַריסטאָקראַטיע, דאַרף מען מיינען, אַז סאַפּפאָ האָט געמוזט האָבן דעם זעלביקן מזל וואָס איר פּאַרטיי [1]. אָבער ניט סאַפּפאָס דיכטונגען, ניט די מסורה דערמאָנען גאָרנישט וועגן איר אָנטייל אין די פּאָליטישע געשעענישן פון איר געבורטלאַנד. דערפאַר איז מיט איר נאָמען פאַרבונדן די מיטטיילונג וועגן אַן אַנדער אַרט טעטיקייט. זי האָט אין מיטילען געגרינדעט עפּעס אַזוינס ווי אַ מין פּאָעטישע שול פאַר פרויען, צונויפזאַמלענדיק אַרום זיך יונגע מיידלעך, וועלכע זי האָט געלערנט זינגען. אייניקע פון סאַפּפאָס תּלמידות (ערינע, דאַמאָפילע) זיינען געוואָרן שטאַרק באַרימט, און איינע פון זיי אַטיס איז, אַפּנים, באַזונדער צאַרט געליבט געוועזן פון סאַפּפאָ, וועלכע האָט אויסגעגאָסן אירע געפילן צו איר אין דידנדיקע לידער, וועלכע געהערן צו די טייערסטע פּערל פון דער וועלטפּאָעזיע. איר לעבן איז געוועזן אַ קולט פון ליבע און שיינקייט. איר טויט איז אויך געוועזן אַ מס צו דעם זעלביקן געפיל. די לעגענדע, וועלכע האָט באַפּוצט דעם סוף פון איר לעבן, דערציילט, אַז די פּאָעטעסע האָט זיך פאַרליבט אין דעם שיינעם שיפער פאַאָן. דער דאָזיקער יונג האָט באַקומען פון דער געטין אַפראָדיטע אַ מיטל, וואָס האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרשוין, קעגן וועלכן קיינער קען ניט בייסטיין, און סאַפּפאָ איז צווישן אַנדערע פרויען געפאַלן אַלס קרבן פון זיין שיינקייט. אַז פאַאָן האָט זי פאַרלאָזן, האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפן פון די לעווקאָדישע פעלזן אין די כוואַליעס פון יאָנישן ים.

סאַפּפאָס געדיכטן דערציילן וועגן אירע עפּיקורעישע געשמאַקן, וועגן נעקטאַר, וואָס גלאַנצט אין גילדענע בעכערס [2], וועגן איר ליבע צו שיינקייט; זי האָט ליב, אַז יעדער מאָמענט פונם לעבן זאָל אויסגעשטאַט זיין שיין; זי באַטראַכט די דעטאַלן און איר קליידונג, פון איר פריזור. לויט אירע ווערטער קוקן די געטער זעלבסט מיט ליבשאַפט אויף די מענטשן, וועלכע באַפּוצן זיך מיט בלומען, פון זיי האָבן פיינט דעם מענטשן, וועלכער עס טראָגט ניט קיין בלומענקראַנץ. אָבער שיינקייט אַליין און אינערלעכע מעלות ציט סאַפּפאָ ניט צו: „עכט שיין איז יענער, ווער עס האָט אַ גרויסע נשמה", „אָן מידות טובות איז עשירות נוצלאָז" [3]. די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע סאַפּפאָ לייגט אויף גוטע מידות, קאָן דינען פאַר אַ באַווייז, וויפיל ריינקייט און שיינקייט זי האָט געקענט אַריינטראָגן אין דער פּאָעזיע פון ליבע. שוין אַליין די פראַגמענטן, וועלכע

1) שטאָל. די גרויסע גריכישע שריפטשטעלער.

2) פר. 5 (בערגק III, 1882).

3) שטאָל. אָנגעו. ווערק.

ריידן וועגן ליבע, קאָנען רייניוואַשן סאַפּפאָ פון דער באַשולדיקונג אין גראָבער זינלעכקייט. אָבער מיט נאָך מער צאַרטן און ריינעם מיטגעפיל זיינען דורכגעדרונגען געוועזן אירע עפּיטאַלאַמען, אָדער חתונה-לידער, וועלכע די פּאַרצייטיקע גריכן האָבן זייער הויך געשעצט, און פון וועלכע עס זיינען צו אונז דערגאַנגען בלויז נישטיקע פראַגמענטן. אפּנים, אַז סאַפּפאָ האָט אין זיי געזונגען וועגן דער הייליקייט פון געשלעכטלעכער ריינקייט, וועגן דער שיינקייט און וועגן די פריידן פון חתונה, וועגן די ליבע-קלאַפּאָטן און אומרויִקייטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט חתונה. איינע פון אירע חתונה-לידער איז פאַרהיט געוואָרן און צו אונז דערגאַנגען דורך קאַטולן, וועלכער האָט זיך, אַפּנים, געהאַלטן נאָענט צו דעם טעקסט פון דער פּאָעטעסע:

דער ערשטער כאָר.

פונקט אַזוי ווי עס קומט אום דער היאַצינט אין די בערג אונטער די פיס פונם פּאַסטעך,
מיטן צעבראָכענעם ריטל געבויגן זיין פורפּורנע קריינדל צו דער ערד,
טרינקט און וועלקט אינם שטויב און ציט ניט צו קיינעמס מער בליקן, —
אַזוי אויך גייט אונטער דאָס מיידל, וואָס האָט די בלום פון איר צניעות פאַרלאָרן,
מיידלעך אַנטלייפן פון איר און מאַנסביל קוקן אויף איר מיט פאַראַכטונג.
אָ, קום זשע גיבער, הימען, קום, הימענעאָס!

דער צווייטער כאָר.

ווי אויף אַן אָפענעם פעלד די צווייג פון דעם וויינשטאָק,
וואָס איז פריער געוועזן אַן איינזאַמע, טוליעט זיך צו צו אַ בוים, באַהעפט זיך מיט אים אין חופה
און פלעכטן זיך אַרום ביז זיין שפּיץ מיט די צווייגן,
פרייט דעם בליק פון דעם וויינגערטנער מיט דער רייכקייט פון בלעטער און הענגלעך,
אַזוי אויך די פרוי, וואָס האָט זיך אין דער יוגנט פאַראייניקט דורך דעם בונד פון חתונה,
רופט ביים מאַן אַרויס ליבשאַפט און איז אַ טרייסט פאַר די עלטערן.
אָ, קום זשע גיבער, הימען, קום, הימענעאָס[1].

די אָרעמע ירושה, וועלכע איז אונז געבליבן נאָך סאַפּפאָ, ערלויבט אונז אַזוי-אַרום צו מאַכן דעם אויספיר, אַז איר פּאָעזיע איז געווידמעט געוועזן דער שילדערונג פונם אינערלעכן לעבן פון דער פרוי, איר האַרציקן לעבן. אין רירנדיקע פערזן דערציילט זי וועגן די ליידן פון דער פרוי, וועלכע איז אַוועקגעוואָרפן, אָדער וועלכע עס באַגעגנט ניט

1) פר. 94 (בערגק, III, 1882) האַלט אין נאָר די ערשטע צוויי פערזן פון דעם געדיכט.

קיין קענגליבע, וועגן די יסורים פון אייפערזוכט. די דאָזיקע לידער זיינען געווענדט ניט צו די מאַנסביל, נאָר צו די מיידלעך, באַזונדערס צו אַטיס, וועלכע סאַפפאָ האָט, אַפנים, ליב געהאַט, און וועלכע איז איר אומגעטריי געוואָרן צוליב אַנדראָמעדן. די פּאָעטעסע מאַכט איר געליבטער צאַרטע פאָרוואורפן, זינגט וועגן אירעליידן, שטעכט איר קאָנקורענטין. דאָס סאַמע ווערטפולע פון סאַפפאָס ירושה זיינען אירע צוויי באַרימטע אָדעס, וועלכע זיינען געוואָרן באַזונדער פּאָפּולער, און זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אַן אַ צאָל מאָל אויף די נייע שפּראַכן — „צו אַפראָדיטע" און „געזעגנונג".

סאַפפאָס פּאָעזיע איז פול מיט טיפן געפיל. ביי גאָר דער גלייכגילטיקייט צו פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן, וועלכע האָבן שטאַרק אָנגערירט די מענטשן פון איר צייט, איז די באַרימטע פּאָעטעסע דאָך ניט געווען קיין זאָרגלאָזו פלאַטערנדיקע פייגעלע. איר פּאָעזיע איז ניט גאָר אָן אַ טראַגישן שטעמפּל. זי זינגט וועגן ליבע און שיינקייט, אָבער אין די דאָזיקע לידער קלינגט ניט זעלטן דאָס בענקענדיקע ליידן פון די געהויבענע נערוון-וואַכזאַמע נאַטורן. זי זינגט נאָר וועגן אירע פּערזענלעכע שטימונגען, אָבער די דאָזיקע לידער דרינגען טיף אַריין אין דעם לעבן פון דעם מענטשנס האַרצן בכלל און עפענען אויף זיינע סודות. ווי יעדע טיפע נאַטור, קאָן סאַפפאָ פאַרשפּרייטן איר פּערזענלעכן געפיל איבער דער גאָרער וועלט, באַפאַרבן מיט אירע פּריוואַטע שטימונגען דאָס אַלגעמיינע און דאָס אייביקע. איר איז שווער נאָכצומאַכן, איר פּאָעזיע איז אוממעגלעך צו פאַלסיפיצירן. לגמרי אַן אַנדער כאַראַקטער האָבן די לידער פון אַן אַנדער פאָרשטייער פון דער ליבע-ליריק און דער עפּיקורעישע ליריק — דאָס איז די ליריק פון אַנאַקרעאָן. מחמת אַ משונהדיקן קאַפּריז פון דער געשיכטע איז זיין נאָמען, מער איידער דער נאָמען פון דער גרויסער טאָכטער פון זיין געבורטסלאַנד, געוואָרן דער סימבאָל פון דער דאָזיקער ריכטונג. די „אַנאַקרעאָנישע פּאָעזיע" שטעלט מיט זיך פאָר אויך איצט, נאָך צענדליקער יאָרהונדערטן, אַ באַשטימטן טערמין. אַנאַקרעאָן האָט אונז איבערגעלאָזן ווייניק פרוכט פון זיין מוזע, אָבער די צאָלרייכע נאָכמאַכער זיינע האָבן ניט געלאָזן אָפּשטאַרבן דעם גייסט פון זיין פּאָעזיע. אַנאַקרעאָן — דאָס איז דער אמתער פּאָעט פון פריילעכקייט און פון ליבע. אויב זיין מוזע איז אין דעם דאָזיקן הינזיכט קרובהש מיט די מוזעס פון אַלקאַיאָס און פון סאַפפאָ, באַזיצט זי דאָך אָבער אויך אַ טיפן אונטערשייד פון זיי. אין זיין פּאָעזיע זיינען אַפילו קיין שפּורן ניטאָ פון יענער טיפקייט, וועלכע איז אייגנשאַפטלעך דער גרויסער לעסבישער פּאָר. אין דער דאָזיקער פּאָעזיע האָבן מיר ניט דעם נערוון-ציטער פון די וואַכזאַמע נאַטורן, וואָס ביי זיי אין דער

נשמה קלינגען די צאַרטע סטרונעס, וועלכע באַגלייטן יעדן דערהויבענעם טרויער און יעדע דערהויבענע פרייד. אַנאַקרעאָן מיידט אויס טיפע באַציִונגען און קאָמפּליצירטע ערשיינונגען. ער האָט ליב פאַרביִיפליענדיקע פריידן, אַזעלכע, וואָס זיינען צו גאָרנישט ניט מחייב. די ליידנשאַפטן גליטשן זיך איבער דעם אויבערפלאַך פון זיין נשמה, ניט אַריינדרינגענדיק אין דער טיף, ניט איבערלאָזנדיק קיין טיפע שפורן. ער ווייס ניט פון קיין אַנטטוישונגען, ער פאַרליבט זיך לייכט, און ווערט גיך געטרייסט אין דעם פאַל, אויב עס געלינגט אים ניט. ער איז באַשאָנקען מיט דער גליקלעכער פעיִקייט אַרויסצובאַקומען פון אַלע לעבנסערשיינונגען בלויז דאָס אָנגענעמע און פריילעכע. זיין האַרץ קלאַפּט ניט פאַר פינסטערן און טראַגישן. עס איז מעגלעך, אַז דווקא מיט די דאָזיקע אייגנשאַפטן אַנאַקרעאָנס דערקלערט זיך זיין רום: פון די גרויסער פּאָעטן האָט ער דער ערשטער אַ בליק געטאָן אויף דער וועלט מיט אַ שמייכלענדיקן אויבערפלעכלעכן בליק, און טויזנטער מענטשן האָבן גענומען אים נאָכמאַכן, זיינע לייכטזיניקע לידער וועלן געפינען אויף דער ערד אַ פריידיקן אָפּקלאַנג, כל-זמן עס עקסיסטירט זאָרגלאָזע יונגקייט, וועלכע קוקט ניט אַריין אין דער טיפעניש פון לעבן, וועלכע נעמט ניט אויף זיין טראַגיזם. אַנאַקרעאָנס טאָן איז לייכט נאָכצומאַכן: יענע שטימונג, מיט וועלכער ער גייט צו צום לעבן, פאָדערט ניט קיין ספּעציעלע ראַפינירטע גייסטיקע אָרגאַניזאַציע. דאָס איז די שטימונג פון נאָרמאַלע געזונטע נאַטורן; ער זוכט גליק און ניט קיין קרענקלעכע תענוגים; אים איז אָנגענעם אַ לייכטע באַרוישונג, אָבער ניט קיין משוגענע אָרגיעס; ער האָט ליב שיינקייט, אָבער ער באַגיסט זיך ניט מיט טרערן פון התפעלות, ווען ער זעט די וואונדערלעכע שאַפונגען פון דער קונסט, ער פאַלט ניט מיט שטומער פאַרגעטערונג פאַר דער גרויסקייט פון דער נאַטור.

ביי גאַנצלעכע, בולט אויסגעדריקטע אינדיווידואַליטעטן גייען זיך דער געדאַנק מיט דער פּראַקטיק ניט פונאַנאַנדער צווישן זיך. אַנאַקרעאָנס לעבן איז געווען די אילוסטראַציע צו זיינע פּאָעטישע מחשבות. זיינע לידער זיינען געווען די פּאָעטישע רעזולטאַטן פון זיין לעבן. אין לעבן האָט ער באַוועסן די זעלביקע גליקלעכע פעיִקייט, מיט וועלכע עס איז באַשאָנקען געווען זיין מוזע. דער גורל האָט אים געשליידערט פון איין עק גריכנלאַנד צו דעם צווייטן, האָט אים געשטעלט אין אָפּהענגיקייט פון סאַמע פאַרשיידענע מענטשן, האָט אים אַרומגערינגלט מיט סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע ניט ענלעכע באַדינגונגען. אָבער אַנאַקרעאָן האָט זיך שנעל צוגעפּאַסט צו דער נייער סביבה, האָט לייכט פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט, האָט ניט געטראַכט וועגן דער צוקונפט און הנאה געהאַט פון דער קעגנ=

וואָרט. די עפּאָכע פון שאַפן אַ נייע אָרדענונג האָט געפּאָדערט שרעקלעכע קרבנות; קיניגן זיינען אומגעקומען אויף די שייטערהויפנס, גרינייציקע מענטשן האָבן דערגרייכט צו עשירות און צו מאַכט. דער געוויר־בל פון מלחמות און אינעווייניקסטע מחלוקתן האָט פאַרשלעפּט אין אָפּגרונד אַריין אויך אַנאַקרעאָנס שיצער. אָבער, זעענדיק מיט די אויגן די סאַמע מערכנדהאַפּטע ביישפּילן פון דער ענדערלעכקייט פון מענטשלעכן גורל, איז ער ניט אַריינגעפאַלן אין פּעסימיזם, האָט ניט געמאַכט קיין אייז טרויעריקן אויספיר. פאַרקערט, די בילדער פון שנעלע עליות און פון האַסטיקע מפּלות, די טראַגישע פינאַלן פון גלענצנדע קאַריערעס, און די גלענצנדע עפּילאָגן פון אומבאַוואוסטע שטיפקינדער פונם גורל, האָבן דעם פּאָעט פאַרפעסטיקט אין זיין האַלב־שפּאַסנדיקער האַלב־עפּיקורעישער גלייכגילטיקייט. דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך גענומען צו שטעלן זיך נאָך ווייטער פון די ערנסטע און וויכטיקע ערשיינונגען פון זיין עפּאָכע און האָט זיך איבערגעגעבן אין דער מאַכט פון זיינע פריידן, פון זיין פּשוטער און גליקלעכער חכמה. ער האָט זיך גיט געקריגט מיט דער אויסערלעכער וועלט; ער האָט זיין גאַנצן לעבן אָפּגעלעבט אין פריינדשאַפט און אין הסכם מיט איר, קיינמאָל ניט געקלאָגט זיך, אַלעמאָל פאַרבליבן אַ לעבנספריידיקער אָפּטימיסט.

ער איז געבוירן געוואָרן אין דער יאָניע פון קליין־אַזיע, אין דער שטאָט טעאָס, וואָס ביים ברעג ים. זיין לעבן נעמט אַרום כמעט אַ גאַנצן יאָרהונדערט. דער יאָר פון זיין געבורט פאַלט אויס אין דער ערשטער העלפט פון דעם VI יאָרהונדערט, ער איז נאָך געווען אינגאַנצן מיט די בליענדיקע כוחות אין דעם ערשטן פערטל פון V יאָרהונדערט. יאָניע פון קליין־אַזיע איז די היימאַט פון דער האָמערישער פּאָעזיע. דאָ האָט נאָך מיט עטלעכע יאָרהונדערטן פאַר אַנאַקרעאָנען געבליט די פריילעכע אַריסטאָקראַטיע פון דעם עפּאָס, וועלכע האָט אַזוי ליב געהאַט מאָלצייטן און לידער. אין דער צייט פון אַנאַקרעאָנען זיינען די יאָנישע שטעט ביי די ברעגן געווען די צענטערס פון לעבהאַפטער טעטיקייט און פון סוחרישן פאַרקער. די רייכקייט און די שכנות פון דעם אַזיאַטישן לוקסוס האָבן מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון פריילעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די לפי־ערך ווייכע הערשאַפט פון דעם לידישן קיניג קרעז, וואָס אונטער זיין מאַכט זיינען אַרום דעם מיטן פונם VI יאָרהונדערט אַרונטערגעפאַלן די יאָנישע שטעט, האָט געגעבן זייערע איינוואוינער לייזדיקע צייט, האָט זיי ניט אָפּגעצוינן צו דער זייט פון פּאָליטישע פראַגן, האָט געהאָלפן דער ברייטער אַנטוויקלונג פון קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן און עפּיקורעישע געשמאַקן. אין אַזאַ סביבה איז דורכגעגאַנגען

דעם פּאָעטס יוגנט. די עראָבערונג פון לידיע דורך דעם פּערסישן קיניג כּורש האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם וואוילשטאַנד פון טעאָס. די בירגער אירע זיינען זיך צעלאָפן, אָבער די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע האָט, אַפּנים, ווייניק געווירקט אויף דעם פּאָעט. אינגיכן נאָך דעם געפינען מיר אים ביי דעם הויף פון דעם באַרימטן סאַמאָסער טיראַן פּאָליקראַטעס. דער דאָזיקער הויף איז געווען איינע פון די שאַפונגען פון יענעם אייגנאַרטיקן אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, אין וועלכן דער פילסאָפישער געדאַנק און דער מעסער, די פּאָעזיע און די דעספּאָטיע זיינען געווען גלייך וויכטיקע עלעמענטן. פּאָליקראַטעס האָט דערשטיקט די אַריסטאָקראַטיע און האָט וואויל געטאָן דעם פאָלק, אָבער ער האָט געטויט זיין ברודער, כּדי צו ווערן אַ זעלבסטהערשנדיקער מושל. ער האָט קיניגלעך באַשאָנקען די געלערנטע און די פּאָעטן, האָט זיין הויז געמאַכט פאַר אַ רייכן צענטער פון וויסנשאַפט און קונסט, אָבער כּדי אונטערצוהאַלטן דעם דאָזיקן גלאַנץ, האָט ער זיך פאַרנומען מיט גזלה און פּאַרעטערישע אָנפאַלן. אין דער דאָזיקער נייער סביבה האָט אַנאַקרעאָנס מוזע העל אויפגעבליט. ער איז, אַפּנים, געוואָרן דער משורר פון דעם לוקסוס און דער פריילעכקייט פון דער פּאָליקראַטישער געזעלשאַפט, האָט זיך ניט געמישט אין דער פּאָליטיק, און האָט ניט אָנגערירט די פינסטערע זייטן פון דער דאָזיקער געַרימטער רעגירונגס־צייט. אַנאַקרעאָנס פּאָעזיע האָט אַנטשפּראָכן די עפּיקורעישע און שיינע געשמאַקן פון דער הויפישער געזעלשאַפט, פּונקט ווי ראַסינס מוזע האָט שפּעטער ·געדינט פאַר דער אַדעליקער אַריסטאָקראַטיע פון לודוויק דעם XIV [1]). פּאָליקראַטעסעס טרויעריקער סוף איז אפשר דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע זייטל אין דער געשיכטע פון יענער איבערגאַנגס־עפּאָכע. דער מושל, מיט וועלכן קיין שום אַנדער גריכישער טיראַן האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן אין רייכקייט און אין גליק, איז געפאַלן מיט אַ שרעקלעכן טויט. די געטער זעלבסט האָבן מקנא געווען זיין גליק, און אומזיסט האָט ער זיך געמיט אַרויסצורופן זייער גענאָד דורך דעם, וואָס ער האָט פרייוויליק פאַרלאָרן זיין געליבטן רינג, — אַן עפּיזאָד, וועלכער ווערט געשילדערט אין שילערס באַוואוסטער באַלאַדע. ער איז געפאַלן אַלס קרבן פון בגידה. אַריינגענאַרט אונטער דער מאַסקע פון פריינדשאַפט דורך איינעם פון דעם שטעלפאַרטרעטער פון דעם פּערסישן קיניג, איז ער ביי אים געטויט געוואָרן. העראָדאָט האָט זיך אַפילו ניט באַשלאָסן אויפצוהויבן דעם פאָרהאַנג, וועלכער פאַרהילט די פּרטים פון דער דאָזיקער טונקעלער געשיכטע, פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן

1) זע מיין געשיכטע פון די מערב־אייראָפּעישע ליטעראַטורן, ב. I.

עפּיזאָד פון דער באַרבאַרישער עפּאָכע. „טויטנדיק אים מיט אַזאַ טויט, וועלכן איך האַלט אַפילו פאַר אוממעגלעך צו באַשרייבן, האָט אַראָיטאַ געהייסן זיין קערפּער צו קרייצן אויף אַ צלם... אַזוי האָט זיך געענדיקט פּאָליקראַטעסעס גליק אין הסכם מיט דער נביאות פון דעם מצרישן קיניג אַמאַסיד [1]). אָבער אויך דער טראַגישער פינאַל פון דעם גרויסאַרטיקן מושל האָט ניט געקענט ענדערן אַנאַקרעאָנס כאַראַקטער. פון סאַמאָס האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין אַטען, וואו אין יענער צייט האָט געבליט די טיראַניע פון די פּיזיסטראַטידן. די באַציִונג פון די גריכישע טיראַנען צו די באַרימטע פּאָעטן פון זייער עפּאָכע דערמאָנט די עפּאָכע פון רענעסאַנס, ווען די איטאַליענישע הויפן האָבן אויך אַזוי געפּאַרעט אַרום די באַרימטע הומאַניסטן [2]). אַפנים, אַנאַקרעאָן איז געווען אַ געוואונטשענער און אַ טייערער גאַסט פאַר יעדן אויפגעקלערטן טיראַן, און פּיזיסטראַטאַסעס זון היפּאַרכאָס האָט מיט גרוים פּוץ אַריינגעפירט קיין אַטען דעם פּאָעט פון ליבע און תענוגים. אויך דאָ האָט זיך אַנאַקרעאָן גיך אַקלימאַטיזירט אין דער נייער סביבה, וואו עס איז אפשר געווען ווייניקער אַזיאַטישער לוקסוס, אָבער מער גייסטיקע און קינסטלערישע אינטערעסן. דער טרויערדיקער גורל, וועלכן עס האָט געהאַט די דינאַסטיע פון די פּיזיסטראַטידן, האָט ניט אָפּגעטויט דעם מוט און די פריילעכקייט פון דעם פּאָעט, וועלכע האָט שוין אָנגעהויבן אַלט צו ווערן. ווי עס שיינט, איז ער, וואָס איז געווען היפּאַרכאָסעס אַ גוטער פריינד, פאַרבליבן אויך אַ פריינד צו דער באַפרייטער שטאָט אַטען. דערגרייכנדיק צו דער עלטער, ווען עס איז שווער אַוועקצולאָזן דאָס איינגעזעסענע אָרט און צו זוכן נייע באַגעגענישן, האָט אַנאַקרעאָן פונדעסטוועגן פאַרלאָזן אַטען. קיין באַשטימטע ידיעות וועגן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ניטאָ. עס איז דאָ אַ יסוד משער צו זיין, אַז ער האָט געלעבט ביי דעם הויף פון די אַלעוואַדן אין טעסאַליע, אַז ער האָט ווידער באַזוכט זיין שטאָט טעאָס, און איז אפשר דאָרט טאַקע געשטאָרבן. לפּחות אין איינעם פון די אַנטאָלאָגישע געדיכטן, וועלכע מען שרייבט צו לעאָנידאַסן פון טאַרענט, ווערט טעאָס דערמאָנט אַלס דער אָרט, וואו אַנאַקרעאָן איז באַגראָבן געוואָרן. די דאָזיקע געדיכטן [3]) באַשטימען אויסגעצייכנט דעם בליק פון די פּאַרצייטיקע גריכן אויף דעם כאַראַקטער פון אַנאַקרעאָן און זיין פּאָעזיע:

דאָ שלאָפט אַנאַקרעאָן. די טעאָסער ערד האָט דעם אומשטערבלעכן אין זיך
פאַרבאָרגן. דו עראָסן און די גראַציעס האָבן דעם זקן באַאיינפלוסט מיט לידער —

[1]) העראָדאָט III, 125.

[2]) זע מיין געש. פון דער מערב־אייראָפּ. ליטער. I.

[3]) כמעט אַלע פאַרבליבענע לידער אַנאַקרעאָנס זיינען פאַראַן אין שטאַלס בוך:

און מיט אַ ליד איז ער אַראָפּ אין קבר. אין פינסטערן אַאיד טרויערט ער, אָבער ניט וועגן דעם, וואָס די זון לייכט שוין דאָרט ניט: ער טרויערט, וואָס דיך, אָ, יונגער מעגיסטאָס, וואָס דיך, סמערדעאַס, וועט ער ניט באַגעגענען! אָבער מיט אייך געשיידט, וועט דער זינגער ניט אַנטשווינן ווערן, — אין אַאיד קלינגט זיין ליד, ווי אויף דער ערד.

אין אַ דאָפּלט-פערז פון אַן אַנדער פּאָעט 1) ווערט אַנאַקרעאָן אָנגערופן „דער פריילעכער זקן", וועלכער האָט נאָר זיין לעבן געווידמעט צו די דריי גאָטהייטן: עראָס, די מוזעס און באַקכאָס. אין אַלע זאַמלונגען איז אָנגענומען צו שטעלן אין איין ריי מיט אַנאַקרעאָנס געדיכטן אויך די צו אונז דערגאַנגענע נאָכמאַכונגען אונטער דעם אַלגעמיינעם טיטל Anakreontea 2).

ניט אָפּשטעלנדיק זיך גענוי אויף דער כאַראַקטעריסטיק פון די אַנאַקרעאָנישע לידער, וועלן מיר נאָר דערמאָנען וועגן די הויפּטמאָטיוון פון זיין פּאָעזיע. דעם גרונד-טאָן פון זיין מוזע באַשטימט ער אַליין אויסגעצייכנט אין פיר פערזן. אים זיינען פרעמד פּאָליטיק און מלחמות; ער איז דער דינער פון די מוזעס, פון שיינקייט און פּאָעזיע.

ניין, איך האָב ניט ליב ביי דעם בעכער האָבן רווישיקע געשפּרעכן וועגן בלוטיקע מלחמות און וועגן מחלוקתן; ווער עס זינגט אויפן מאָלצייט דעם רום פון אַפראָדיטען, עראָסן און די מוזעס, יענער איז אָנגענעם מיט זיינע געשפּרעכן.

צו די דאָזיקע דריי אידעאַלן האָט ער זיך געווידמעט און אַרום די דאָזיקע דריי מאָטיוון גרופּירן זיך דער עיקר זיינע לידער. אין זיינע ליבע-געדיכטן ווענדט ער זיך אָפטער צו שיינע יינגלעך, איידער צו פרויען. באַזונדער גרויס איז זיין ליבע געוועזן צו קלעאָבולאָסן, ער בעט דיאָניזאָסן מיט עראָסן און אַפראָדיטען אויפצווועקן אין דעם דאָזיקן יונג אַ קעגנזייטיקן געפיל. אָבער וועגן זיינע ליידן רעדט, אַפּנים, אַנאַקרעאָן נאָר לפנים-ויעגן. אורטיילנדיק לויט דעם שפּילעוודיקן, אַ ביסל שפּאָטנקן טאָן, מיט וועלכן דער פּאָעט דערציילט וועגן זיינע ליבע-מפּלות, דאַרף מען מאַכן דעם אויספיר, אַז די יסורים האָבן אים ניט טיף פאַרכאַפּט.

וואַרפנדיק צו מיר דאָס פּורפּורנע קייקעלע, הייסט מיר דער גאָלדגעלאָקטער עראָס שפּילן מיט דער שיינער מיידל, אָבער זי, די שטאָלצע לעסבישע מיידל, לאַכט פון מיינע גראָע האָר און אַנטלויפט צום בלאָנדן בחור מיט פאַראַכטונג צו מיר.

בלויז זעלטן לאָזט די אייפערזוכט דעם פּאָעט ענדערן דעם געוויינלעכן טאָן פון לירע און אָנפאַלן מיט גיפטיקע פערזן אויף זיין קאָנקורענט 3).

---

1) אַנטיפּאַטער פון סידאָן.

2) Poetae lirici graeci (בערגק, III, 1882), 375—296.

4) פר. 21 Εις Αρτεμωνα.

זעלטן פאַרטונקלט אַ פינסטערער וואָלקן זיין געזיכט און ער שילט אַרויס אַ קללה אויף דעם, ווער עס האָט דער ערשטער באַשאַפן דעם קולט פון געלט, ווער עס האָט דער ערשטער „דאָס זילבער פאַרגעטערט". אַפילו די דערנעענטערונג פון דער אַלטקייט קאָן ביי אַנאַקרעאָנען ניט אַרויסרופן קיין טרויעריקע געדאַנקען. ער וויל זיך ניט אונטערגעבן. ער מאַכט שפּאַס פון איר און האַלב לאַכנדיק רעדט ער וועגן דעם, וואָס די כוחות גייען אויס.

די גרופּע לידער, וועלכע איז געווידמעט דעם צווייטן פון די אַנאַ-קרעאָנישע מאָטיוון, טראָגט דעם זעלביקן שפּילעוודיקן כאַראַקטער. אין באַטרונקענקייט, ווי אין ליבע, איז אַנאַקרעאָן אַ שונא פון עקסטרעמקייטן. ער האָט ליב שוואַכן ווין, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס צעמישט מיט וואַסער.

> יינגל, גיב מיר אַ גרויסן בעכער, איך וויל צו גענוג טרינקען פון אים. נאָר גיס מיר אָן צען קיאַטן וואַסער, און ווין בלויז פינף, כדי עס זאָל מיט חסד אָננעמען די גיסונג באַסאַרעס. גיס-זשע גיכער! מיר וועלן קענען אויסמיידן די מחלוקתן און די שיכורע געשרייען פון די סקיטן, און פאַר דעם פולן כוס וועלן מיר אַ האַרמאָנישן הימען זינגען!

ער האָט ליב אַזאַ מאָלצייט, וואָס גייט ניט אַריבער אין שיכרות און מחלוקתן, ער האָט ליב אַ האַרמאָנישן הימען, אָבער ניט קיין ווילדע געשרייען פון סקיטן. ער רימט ליבע, ווין און לידער, נאָר אונטער ליבע פאַרשטייט ער פאַרבייגייענדיקע אינטריגעס, אָבער ניט קיין טיפן געפיל. ער איז דער פאַרערער פון באַקכאָסן, אָבער אין זיין ווין איז אַזוי פיל וואַסער, אַז ער וועט קיינמאָל ניט אַריבער די גרענעצן. ענדלעך איז ער דער דינער פון די מוזעס, אָבער זיין פּאָעזיע, ווי גאָר זיין לעבן, בלייבט אָן אַ טיפן זינען און איז אַ פריילעכער גראַציעזער אַקאָמפּאַנימענט צו דעם קלאַנג פון די בעכערס און צו פריינדלעכע געשפּרעכן.

דער VII און דער VI יאָרהונדערט זיינען געווען יאָרהונדערטן פון גייסטיקער און פּאָליטישער דערהויבונג אין די גריכישע שטעט. קיין גריכנלאַנד אַלס איינהייטלעכע קולטורעלע מלוכה איז נאָך ניט געווען. דער אָרטיקער פּאָליטישער קאַמף און די אָרטיקע אינטערעסן האָבן אין יעדערער פון די גריכישע געמיינדעס געשפּילט די הויפּטראָלע. הגם אין דער ליריק פון דער דאָזיקער עפּאָכע באַגעגענען מיר שוין אַלגעמיין-מענטשלעכע מאָטיוון, הגם צווישן אירע פּאָרשטייער געפינען מיר געניאַלע קינסטלער, וועלכע האָבן רעכט אויף אייביקער באַדייטונג, אָבער בכלל נעמען די אויבערהאַנט אין דער גריכישער פּאָעזיע פון VII און VI יאָר-הונדערטן מאָטיוון, וועלכע אַנטשפּרעכן די געשמאַקן און די שטימונגען,

וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט ביי די הויפן פון די קליינע און גרויסע טיראַנען. אין די פאָעטישע שאַפונגען פון די אָרטיקע פאָעטן איז ניט שווער, פאַרשטייט זיך, צו געפינען אַלגעמיינע שטריכן פון העלענישן גייסט. אין די דאָזיקע שאַפונגען פילט זיך דער קלאָרער שכל און דער טיפער געפיל פון דעם פילזייטיק באַגאַבטן פאָלק, וואָס איז אויפנעמפעניק און דאָרשטיק נאָך אַלע ערשיינונגען פון דער נאַטור און פון לעבן, פון אַ פאָלק אַן ענערגישן און אַן אונטערנעמערישן, וואָס שטייט הויך לויט זיין מאָראַלישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג. אָבער, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, דער נאַציאָנאַלער גריכישער געני איז געווען צעבראָקלט אין דעם פאָליטישן קאַמף, וואָס האָט צעריסן דאָס לאַנד. כדי דער דאָזיקער געני זאָל קאָנען אין דער גאַנצער ברייט אויסשפרייטן זיינע פליגלען, איז נייטיק געווען אַ מעכטיקע דערהויבונג פון גייסט, איז נייטיק געווען אַ שטויס, וואָס זאָל פונאַנדערוויגן אַלע עלעמענטן פונם גריכישן פאָלק, וואָס זאָל זיי ברענגען צו פאַראייניקונג, צו שטעלן זיך פאַרטיידיקן די אַלגעמיינע זאַך, דערפילן זיך אַלס אַן איינהייטלעכע פאָליטיש גאַנצע, אַלס איינהייטלעכע קולטור-מאַכט. אַלס אַזעלכעס האָט געדינט דער צוזאַמענשטויס צווישן דער גריכישער וועלט מיט דער גרויסער פערסישער מאָנאַרכיע. ביי היינטיקער צייט איז, אַדאַנק די אָנשטרענגונגען פון דער וויסנשאַפט, בלאַס געוואָרן יענער עפיש-מערכנהאַפטער אָרעאָל, מיט וועלכן די טראַדיציע האָט אַרומגערינגלט דעם דאָזיקן דועל צווישן צוויי פעלקער. עס איז בטל געוואָרן די לעגענדע וועגן די מיליאָניקע מחנות פון קסערקסן, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אָנגעשראָקענעם פאַטריאָטישן דמיון פון די גריכישע היסטאָריקער 1). עס האָט זיך אַ וואַקל געטאָן די אמתדיקייט פון די דערציילונגען וועגן די קליינע גריכישע חיילות, וועלכע צעטרייבן די אומצאָליקע מאַסן פון די באַרבאַרן. די אָן-פניותדיקע אויספאָרשונג האָט קלאָר געמאַכט, אַז מען דאַרף מיט גרויסע באַגרענעצונגען אָננעמען די מיטטיילונגען וועגן דער האַרמאָנישקייט, איינהייט, און וועגן דער מוסטערהאַפטער דיסציפלין פון די גריכישע פוסגייער, דאָס גלייכן אויך די קלאַנגען וועגן די אומאָרדענונגען און וועגן די מהומות, וועלכע האָבן כלומרשט געהערשט אין דער פערסישער אַרמיי. פונקט אַזוי זיינען מגוזמדיק די טראַדיציאָנעלע מיטטיילונגען וועגן דער באַגייסטערונג, וועלכע האָט כלומרשט צונויפגעשמידט אַלע גריכן ווי איין מענטשן ביי דעם ערשטן קלאַנג וועגן דער נאָענטער סכנה. היינטיקע צייט שטעלט זיך פאָר דער נצחון פון די גריכן און די מפלה פון די באַרבאַרן אַלס אַ פיל נאַטירלעכערע זאַך, און פונדעסטוועגן בלייבט די דאָזיקע היסטאָרישע

1) העראָדאָט, VII, 60 און אַנד.

געשעעניש, אפילו ווען זי איז אָפּגעריינינקט פון די פאַנטאַסטישע אָנשיכטונגען, אַ קאַלאָסאַלע, בנוגע אירע רעזולטאַטן פאַר דער אַלטער וועלט. די גריכן האָבן ביי דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט די באַרבאַרן ווייט ניט אַרויסגעוויזן קיין איינמוטיקייט. בשעת די קאָלאָניסטן פון קליין-אַזיע, געדריקט פון די באַרבאַרן, האָבן זיך געווענדט צו זייערע אייראָפּעישע ברידער נאָך הילף, איז ספּאַרטע פאַרנומען געוואָרן מיט אַ מלחמה קעגן אַרגאָס, און דער דאָזיקער קאַמף פון צוויי גריכישע מלוכות צווישן זיך האָט זיי אינטערעסירט פיל מער, איידער די סכנה, וועלכע האָט געדראָט דער גריכישער ציוויליזאַציע מצד די באַרבאַרן. ווען ספּאַרטע האָט נאָכדעם, ווי זי האָט איינגעבראָכן אַרגאָס, זיך דערמאָנט אָן יאָניע, איז שוין די לעצטע געווען פאַרנומען דורך די פּערסן. ווען קסערקסעס אַרמיי האָט זיך דערנעענטערט, האָבן זיך פיל גריכישע מלוכות געוואַקלט און אָפּגעצויגן, אַנדערע האָבן זיך אָפן אָפּגעזאָגט פון אַ מלחמה מיט דעם פּערסישן קיניג און זיינען גרייט געווען אונטערצוגעבן זיך אים[1]. אויב ווענן דער איינמוטיקייט פון גריכנלאַנד קאָן, לפּחות אין אָנהייב פון די פּערסישע מלחמות, ניט זיין קיין רייד, איז פון דער צווייטער זייט די אַגרעסיווע פּאָליטיק פון די פּערסן ווייט ניט געווען קיין קאַפּריזער אויפפלאַם פון אַן אַזיאַטישן דעספּאָט. די דאָזיקע פּאָליטיק איז געווען דער נאַטירלעכער רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּערסישער מאַכט. פּערסיע, וועלכע איז צום אָנהייב פון דעם V יאָרהונדערט געוואָרן אַ מעכטיקע ים-מלוכה, האָט ניט געקענט בלייבן רויק, כל-זמן אויפן עגעישן ים האָט די הערשאַפט מיט איר געטיילט דאָס אומאונטערגעבלעכע גריכנלאַנד. די מרידה פון די גריכן פון קליין-אַזיע, וועלכע איז געווען, ווי באַוואוסט, די סיבה פון דער מלחמה, איז פאַר דער פּערסישער מאָנאַרכיע געווען אַ איבערצייגנדיקער באַווייז, אַז דאָס אייראָפּעישע גריכנלאַנד בלייבט אַ שוץ פאַר די קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן אַזוי שלעכט אָנגענומען די פּערסישע הערשאַפט. ענדלעך, דער סאַמע ציל פון דער פּערסישער אַגרעסיווער פּאָליטיק האָט ווייט ניט געהאַט קיין באַרבאַרישן כאַראַקטער. דאָס איז ניט געווען קיין אָנפאַל פון ווילדע מענטשן, וועלכע שטרעבן נאָך רויב און לאָזן נאָך זיך איבער אַש און הרוגים. די פּערסן האָבן געוואָלט איבערלאָזן די גריכן אַ געוויסע פרייהייט, און פאַרפעסטיקן אין די גריכישע שטעט די הערשאַפט פון יענע אַריסטאָקראַטן, וועלכע האָבן אין גריכנלאַנד גופא געבילדעט אַ פּאַרטיי צוגעהענגער פון דעם פּערסישן קיניג, און וועלכע האָבן אָפט עמיגרירט קיין פּערסיע,

---

1) בעלאָך, אָנגער. ווערק. I ב.

ווען זייער פאַרטיי האָט געליטן אַ מפלה אין דער אייגענער שטאָט[1]. אַזוי איז געווען, ווען דער פערסישער פעלדהער מאַרדאָניוס האָט זיך אַרויסגעזעצט אין דער בוכטע פון מאַראַטאָן, איז פּיזיסטראַטאַסעס זון היפּיאַס צוגעשטאַנען צו די פּערסן, אויסרעכענענדיק, אַז מיט דער הילף פון די פּערסן וועט ער צוריק באַקומען די מאַכט. די פּערסן גופא האָבן אויסגערעכנט אויף דער באַוועגונג אין אַטען לטובת די פּיזיסטראַטידן. אויב מען זאָל נעמען אין אַכט, אַז די פערסישע מאָנאַרכיע איז געווען אַ גאַנץ קונציק אָרגאַניזירטער פּאָליטישער מעכאַניזם, אַז אירע חיילות זיינען געווען ווייט ניט קיין בונטער ערב=רב, נאָר אַ דיסציפּלינירטע אַרמיי, וועט בלייבן נאָר צו באַוואונדערן, וואָס די עקספּעדיציע האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג, ובפרט, אַז גריכנלאַנד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ריי זעלבשטענדיקע און אפילו צווישן זיך צעקריגטע געמיינדעס, און איר אַרמיי איז באַשטאַנען פון באַזונדערע באַוואָפנטע טיילן. די עקספּעדיציע פון די פּערסן האָט געליטן אַ מפלה, אפנים, דער עיקר מחמת די שוועריקייטן, וועלכע זיינען שטענדיק געבונדן מיט אַזעלכע עקספּעדיציעס אין ווייטע אומבאַקאַנטע לענדער. די פּערסן האָבן געמוזט איינעמען אַ טריט נאָך אַ טריט אין אַ בערגיקן לאַנד, וואו די קליינע אָפּטיילונגען פון די גריכישע שטעט האָבן געווירקט אין גוט באַקאַנטע פאַר זיי אָרטיקע באַדינגונגען. די פּערסן האָבן געפירט אָנגרייפנדיקע מלחמות, די גריכן—אַ פאַרטיידיקונגס=מלחמה, אָפּטמאָל—כמעט אַ פּאַרטיזאַנישן קריג. אָט פאַרוואָס די מפלה פון די פּערסן האָט זעלטן געבראַכט צו דער פאַרניכטונג פון דער פערסישער אַרמיי. די גריכן האָבן זיך באַנוגנט נאָר מיט דעם, וואָס זיי האָבן זי אָפּגעטריבן און כמעט ניט פאַרפאָלגט. נאָך דעם באַוואוסטן געשלעג לעבן פּלאַטעיע, איז, אפנים, די צעשלאָגענע פּערסישע חיילות געלונגען אָפּצוטרעטן קיין קליין=אַזיע אין פולער אָרדענונג.

אויב דער מיליטערישער רום, וועלכער האָט גריכנלאַנד פאַרדעקט אין דער צייט פון די פּערסישע מלחמות, דאַרף אַ ביסל פאַרקלענערט ווערן אין פאַרגלייך מיט דער איינגעשטעלטער טראַדיציע, נעמט עס דאָך ביי דעם קאַמף ניט אָפּ זיין גרויסע באַדייטונג. דער ערשטער רעזולטאַט זיינער איז געווען די אָפּשוואַכונג פון דעם סעפּאַראַטיזם און די פאַרשטאַרקונג פון די קייטן, וועלכע בינדן צונויף דאָס גריכישע פאָלק אין אַ גרויסער נאַציע. די דערנענטערונג פון די שונאים האָט געלאָזן פיל שטעט מאַכן אַ סוף צו זייערע פּריוואַטע חשבונות, און נאָך דעם נצחון זיינען אייניקע אָנהענגער פון די פּערסן געטויט געוואָרן אַלס פאַררעטער פון זייער פאָטערלאַנד. דער צווייטער רעזולטאַט איז געווען די דערהויבונג פון יענער

1) וויפּער, אנגער. ווערק.

שטאָט, וואָס מיט איר נאָמען זיינען מיר געוויינט צו פאַראייניקן די פאָרשטעלונג וועגן דעם צענטער פון דער גריכישער קולטור. ווי באַוואוסט, האָט אין דעם קאַמף מיט די פערסן דעם נצחון געגעבן גריכנלאַנד דער פלאָט. פאַר דער באַשאַפונג פון אַ שטאַרקן פלאָט האָט גריכנלאַנד געהאַט צו דאַנקען דער שטאָט אַטען. ספּאַרטע, וואָס איר האָט געהערט די העגעמאָניע איבער די פאַראייניקטע גריכישע קרעפטן, האָט געמוזט איר בכורה אָפּטרעטן דער שטאָט אַטען, מחמת זי האָט ניט געקענט אַרויסשטעלן קיין פעיקע אַדמיראַלן און קיין שטאַרקן פלאָט. אַטען האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון דעם פאַרבאַנד פון די גריכישע מלוכות, וועלכע האָבן זיך מתחייב געווען צוצושטעלן שיפן אָדער געלט פאַר דעם אַלגעמיינעם העלענישן פלאָט. אפנים, אַז אַטען האָט אין דעם פאַרבאַנד געהאַט אַ מאַכט כמעט אָן קאָנטראָל, און אויב עמעצער פון די פאַרביני־דעטע האָט געוואַגט אויפצוהייבן די שטים קעגן אַזאַ הערשאַפט, האָבן די אַטענער באַרויקט די אומצופרידענע שטאָט דורך אַ שווערער שטראָף. די דאָזיקע דערהייבונג פון אַטען, וועלכע איז געוואָרן אַ מעכטיקע מלוכה, האָט זי אַוועקגעשטעלט פנים אל פנים מיט ספּאַרטע, וועלכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען בראש פון די פעלאָפּאָנעסער מלוכות. דער צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי שטאַרקסטע גריכישע שטעט איז געווען אומפאַרמיידלעך. ניט קיין ווייניקער וויכטיקע רעזולטאַטן האָבן געהאַט די פערסישע מלחמות אויך אין דער עקאָנאָמישער הינזיכט. די מעטראָפּאָליע איז ענדגילטיק געוואָרן דער צענטער פון דעם גריכישן סוחרישן און אינדוסטריעלן לעבן, און די קאָלאָניעס פון קליין־אַזיע, וועלכע זיינען אַמאָל געשטאַנען אין דער שפּיץ פון גייסטיקן און עקאָנאָמישן לעבן פון די גריכן, האָבן געמוזט אָפּטרעטן זייער אָרט דעם איראָפּעישן גריכנלאַנד. די רייך געוואָרענע שטעט זיינען געוואָרן מערקווירדיקע קולטור־צענטערס, וואו עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן גרויסע דענקמעלער פון קונסט, עס האָבן געבליט די טעאַטערס, עס האָט געזאָדן אַ גייסטיק לעבן, פּאָעטן האָבן געשריבן אַזעלכע, וואָס דער קרייז פון זייער בליק איז פאַרברייטערט געוואָרן אין פאַרגלייך מיט זייערע פאָרגייער. די גרויסע שטעט האָבן פאַרביטן די טיראַנען אין דער הינזיכט פון שוץ פאַר דער וויסנשאַפט און דער קונסט. אָבער אין V יאָרהונדערט האָט אַטען פאַרשאָטנט אַלע שטעט. דאָ האָבן געלעבט און געווירקט די גרעסטע פון די גריכישע פּאָעטן און דענקער, און אויב עד היום נאָך גיסן מיר צונויף אין אונזער פאָרשטעלונג די בלי:ונג פון דער גריכישער ציוויליזאַציע מיט דעם לעבן פון דער דאָזיקער שטאָט, איז אין אַזאַ טראַדיציאָנעלן בליק קיין שום גוזמא ניטאָ. אַטען האָט געגעבן דעם טאָן פאַרן גייסטיקן לעבן פון די גריכן. זי האָט

געשפּילט די הויפּטראָלע אין גריכנלאַנדס באַפרייונג פון דעם פּערסישן אָנפאַל, אויף איר האָבן מיט ליבע און מיט האָפענונג געקוקט די גרי־כישע פּאַטריאָטן,—מיט איין וואָרט, זי איז געוואָרן כמעט דער סימבאָל פון דער אַלגריכישער מעכטיקייט, פון דער נאַציאָנאַליער קראַפט. ניט קוקנדיק דעריף, וואָס דער אַנטאַגאָניזם פון באַזונדערע גריכישע מלוכות האָט ניט אויפגעהערט, איז די נאַציאָנאַלע אידעע שטאַרק געוואָרן און אַטען איז געוואָרן אַזוי ווי איר פאַרקערפּערונג. אָבער ניט בלויז מיט זייער גרויסן פאַרדינסט אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק האָבן די אַטענער ערװאָרבן דאָס רעכט צו זיין די אויסדריקער פון דעם אַלגריכישן אידעאַל. אין זיי האָט געפונען דעם בולטסטן אויסדרוק אויך יענער אידעאַל פון אינערלעכן לעבן, וועלכער איז קיינמאָל ניט געשטאָרבן אין גריכנ־לאַנד און האָט באַקומען אַ נייעם לעבנסקוואַל אין די באַפרייאונגס־מלחמות. דאָס איז דער אידעאַל פון פרייהייט. דער דור, וואָס איז אויס־געוואַקסן אונטער דעם איינדרוק פון די פּערסישע מלחמות, האָט אַ גאַנץ לעבן געכאָוועט דעם אידעאַל פון פרייהייט. פאַרביטן אין דעם געביט פון געדאַנק דעם פריערדיקן גלויבן אין אַוטאָריטעט אויף דער פרייער פאָרשונג, באַמיענדיק זיך אומעטום דורכצופירן דאָס פאַרשטאַנדיקע רעכט אָנשטאָט דעם אַזוי־גערופענעם היסטאָרישן רעכט, האָט זי אויך אויף דעם געביט פון פּאָליטיק געשטרעבט צו פאַרניכטן די עקסיסטירנדיקע צוימען. „די מענטשן, וועלכע זיינען געגאַנגען אין דער שפּיץ פון דער נאַציע אויף דעם וועג פון דער וויסנשאַפט און דער ליטעראַטור אין משך פונם גרעסטן טייל פון דעם V יאָרהונדערט, האָבן כמעט אַלע אָן אויסנאַם זיך אויס־געצייכנט מיט דעמאָקראַטישן אַרט דענקען" 1). מיר האָבן שוין געזען, וואָס פאַר אַן ערפאָלג עס האָט געמאַכט די דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין VI און אין V יאָרהונדערט. דער V יאָרהונדערט איז געווען די בלי־ונגסצייט פון דער דעמאָקראַטיע, און אַטען, וועלכע איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַלע בעסטע שטרעבונגען פון דער נאַציע, האָט אויך אין דער דאָ־זיקער הינזיכט פאַרנומען אַן אָרט בראש פון אַלע אַנדערע גריכישע שטעט. אַטען האָט אין די גריכישע שטעט געשטיצט די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין דער צייט, וואָס ספּאַרטע איז געווען דער שוץ פון די קאָנסערוואַ־טאָרם און פון די אַריסטאָקראַטן. די אויבערהאַנט פון אַטען איז געווען אַן ערבות פאַר דעם נצחון פון דער דעמאָקראַטיע אין גאַנץ גריכנלאַנד. אין אַטען גופא האָט אינגיכן נאָך די פּערסישע מלחמות די אויבערהאַנט גענומען די פּאַרטיי פון קימאָן, דעם פריינד פון די ספּאַרטער און דעם פאָרשטייער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. אָבער ווען קימאָן האָט

1) בעלאָך, אַנגער, ווערק, I ב.

אַריינגעצויגן אַטען אין אַ באַליידיקנדיקע און אומגעלונגענע מלחמה פאַר ספאַרטע, האָט זיך זיין השפּעה אַ וואַקל געטאָן, און ער האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט עפיאַלטעסן, דעם אָנפירער פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי. צו קימאָנס קאָנסערוואַרטיווער גרופּע האָבן געהערט אויך די דאָרפסמאַסן פון אַטיקע, די ערדבאַזיצער און די פּויערים, די קליינע הענדלער און די בעלי-מלאכות,—בקיצור, די גרופּעס פון דער געזעלשאַפט, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען פאַר די פּערסישע מלחמות און האָבן געגאַרט נאָך שלום. צו דער גרופּע פון טעמיסטאָקלעס, און נאָכדעם פון עפיאַלטעסן, זיינען צוגע-שטאַנען אַלץ נייע ענערגישע עלעמענטן, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אין דער צייט פון די מלחמות, פון דער אַנטוויקלונג פון אַטענס מאַכט אויפן ים, פון דעם אָנוואוקס פון דער אינדוסטריע און האַנדל. דאָס זיינען געווען די שיף-באַזיצער, באַנקירן, הורט-סוחרים, פאַבריקאַנטן. עפיאַלטעסן איז געלונגען דורכצופירן אַ וויכטיקע רעפאָרם (462 י.). ער האָט באַגרענעצט די קאָמפּעטענץ פונם אַרעאָפּאַגאָס, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אַריסטאָקראַטישע אַנשטאַלט, און האָט זיינע פונקציעס איבערגעגעבן דעם ראַט, דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג און די געריכטן פון העליאַסטן, אָדער געשוואָרענע. אַזוי אַרום איז די גאַנצע בירגער-מאַסע צוגעצויגן געוואָרן צום אָנטייל אין דעם רעגירן איבער דער מלוכה. אייניקן נאָך דעם איז איינגעפירט געוואָרן אַ באַלוינונג פאַר דעם אָנטייל אין די געריכטן, און דאָס האָט נאָך מער מיטגעהאָלפן, אַז די אָרעמע מאַסן זאָלן צוגעצויגן ווערן צו די ענינים פון דער מלוכה-רעגירונג. אַזוי אַרום איז די אַטענישע מלוכה געוואָרן אַן עכט דעמאָקראַטישע, וואו דעם גורל פון לאַנד האָט אַנטשיידן דאָס זעלבסטהערשנדיקע פאָלק, וואו עס זיינען בטל געוואָרן די לעצטע שפורן פון אומגלייכקייט, וועלכע האָט נאָך געהערשט אין די רעפאָרמען פון סאָלאָנען און קליסטענעסן, און פעריקלעס האָט רעכט גע-האַט צו שטאָלצירן דערמיט, וואָס אין אַטען האָבן אַלע גלייכע רעכט, אַז יעדער מענטש קאָן גערופן זיין צו פאָליטישער טעטיקייט און האָבן אַ השפּעה אויף דער רעגירונג אָפּהענגיק פון זיינע פעיִקייטן; אַז די פּער-זענלעכע ווערדע, און ניט דאָס אָנגעהער'ן צו דעם אָדער יענעם קלאַס דינט אַלס קריטעריום ביים אָפּשאַצן אַ מענטשן: „אויב זיער אָרעמער מענטש איז פעיִק צו טאָן אַ טובה דער מלוכה, וועט אים אין דעריין ניט שטערן די נידעריקע געזעלשאַפטלעכע לאַגע" 1). די דעמאָקראַטיע האָט געמאַכט דעם לעצטן טריט. קליסטענעס, וועלכער האָט דערלאַנגט אַן אַנטשיידע-נעם קלאַפּ דער אומגלייכקייט, וואָס איז געגרינדעט אויף דער אָפּשטאַמונג, האָט איבערגעלאָזן די פּריווילעגיעס, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער

1) וויפּער. אָנגער. ווערק.

פּאַרמענגס=לאַגע. איצט זיינען אויך די דאָזיקע לעצטע אומגלייכקייטן פאַרשוואונדן, און פאַר אַלע באַגאַבטע און ענערגישע איז אָפן געוואָרן אַ רחבות אָנצווווענדן זייערע כוחות.

די עפּאָכע פון דער גייסטיקער אויפשטייגונג האָט ניט געקענט ניט אָפּשפּיגלען זיך אויף דער פּאָעזיע. אין יענער צייט האָט די ליריק פאַרענדיקט דעם גלענצנדן פּעריאָד פון איר געשיכטע. זי האָט זיך געגרייט אָפּצוטרעטן איר אָרט פאַר אַ נייעם מין פּאָעזיע, וועלכער האָט זי אינגיכן פאַרביטן. אָבער איידער די נעמען פין סאַפּאָקלעס און עוריפּידעס האָבן געלאָזט פאַרטונקלט ווערן די געשטאַלטן פון סאַפּפאָ און אַלקאיאָס, האָט די גריכישע ליריק אויפגעפלאַמט מיטן לעצטן העלן פייער אין דער פּערזאָן פון צוויי גרויסע פּאָעטן — סימאָנידעס און פּינדאַר. מען מעג זיי זיכער אָנרופן די ערשטע ליריקער, וועלכע האָבן גערעדט צו גאַנץ גריכנלאַנד. זייער ליריק איז ווייט אַריבער איבער די גרענעצן פין פּערזענלעכע געפילן און שטימונגען. סימאָנידעס — איז דער זינגער פון דעם גריכישן רום, דער פּאַנעגיריסט פון די גיבורים אין דער פּערסישער מלחמה, פון זייערע נאַציאָנאַלע גבורות לטובת דער אַלגריכישער זאַך. פּינדאַר האָט אויסגעוויילט אַלס קענגשטאַנד פון זיינע לידער דעם רום פון די געטער און פון די זיגער אויף די געוועטן בשעת די געזעלשאַפטלעכע גריכישע שפּילן. ער ניצט אויס די דאָזיקע סוזשעטן, כּדי צו ווענדן זיך צו דעם רומפולן עבר. ער פאַרגלייכט די קעגנוואַרט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, דערציילט וועגן די רומפולע מסורות, וועגן די מיט און די העראָיען. אין זיין פּאָעזיע שפּיגלט זיך אָפּ דער גלויבן און דער שטאָלץ פון אַ גרויסן פאָלק, וואָס האָט וואָס צו רימען, וואָס האָט דאָס רעכט אויסצושטאַטן זיינע נאַציאָנאַלע גלויבונגען און מנהגים מיט גרויסאַרטיקע פייערונגען און יובלענדיקע הימנען.

דער ערשטער פון די דאָזיקע צוויי פּאָעטן אין געווען, אפשר, טיפער און אויפריכטיקער פאַר דעם נערימטן צייט=חבר זיינעם, אָבער מחמת דעם קאַפּריז פון דעם צופאַל, זיינען צו אונז דערגאַנגען זייער ווייניק פראַגמענטן פון זיינע לידער, וועלכע האָבן אַמאָל אָנגעצונדן פלאַמענדיקע פּאַטריאָטישע געפילן אין גאַנץ העלאַדע. ווי דאָס איז אונז שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען, מוזן מיר זיך אויך איצט משער זיין די שטאַרקע ווירקונג פון זיינע לידער, ניכער לויט די פולע מיט התפעלות מיינונגען פון זיינע צייט=חברים און די נאָענטסטע דורות, איידער לויט די אָרעמע רעשטן פון זיין שאַפונג, אין וועלכע עס זיינען דאָך פאַרבליבן שפּורן פון זיין מעכטיקן געני. ער איז געבוירן געוואָרן אויפן אינזל קעאָס אין 556 י. פאַר קר. געב., און די געשעענישן פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט זיינען אַדורכ=

געגאַנגען פאַר די אויגן פון דעם דאָזיקן מענטשן (געשט. אין 469 יאָר), הגם דער סאַמע ברען פון די פערסישע מלחמות געהערט שוין צו די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, אָבער דווקא דער הייסער אָפּקלאַנג, וואָס אין זיין נשמה האָט געפונען די גרעסטע געשעעניש פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע, איז אַן עדות דערויף, וויפיל יוגנטלעך פייער און וויפיל אומאָפּגעשוואַכטע מאַכט ביי סימאָנידעסן איז געבליבן ביז אין טיפן עלטער. זיין ביאָגראַפיע איז טשיקאַווע ניט בלויז ווי די ביאָגראַפיע פון יעדן גרויסן מענטשן. אין איר זיינען פאַראַן אייניקע אינטערעסאַנטע פּרטים, וועלכע ווייזן אָן אויף די ענדערונגען, וועלכע עס איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן די סאָציאַלע לאַגע פון אַ פּאָעט אין גריכנלאַנד. געגליכן צו פיל אַנדערע זיין גלייכן, איז ער געווען אַ געוואונטשענער גאַסט ביי די הויפן פון די טיראַנען, נאָר זיינע באַציִונגען צו זיי טראָגן אַ ביסל אַ באַזונדער כאַראַקטער. די מסורה דערציילט, אַז ער איז געווען דער ערשטער גריכישער פּאָעט, וועלכער האָט געשריבן פאַר געצאָלט. אַפּנים, אַז סימאָנידעס האָט זיך באַנוצט מיט די גענאָדן פון די הערשער, ווי אַנדערע פּאָעטן, ניט נאָר פאַר די פּרוכט פון זיין מוזע; ער האָט זיי געמאַכט פאַר אַן אַרטיקל פון פאַרקויף, ער האָט באַשטימט אַ געוויסן געצאָלט פאַר די לאָרבערן, וועלכע ער האָט אַריינגעפלאָכטן אין דעם קראַנץ פון די ערגייציקע טיראַנען. ער האָט זיך געקענט דינגען. און זיין טאַלאַנט איז קאָטירט געוואָרן אויפן מאַרק, ווי יעדע אַנדערע סחורה. מיט איין וואָרט, די פּאָעזיע איז געוואָרן אַ פּראָפעסיע און אַ מיטל געלט צו פאַרדינען. אויב עס איז אמת, אַז סימאָנידעס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו באַשטימען געצאָלט פאַר זיינע געדיכטן, האָט ער בעצם פאַרפעסטיקט דאָס, וואָס עס האָט פאַקטיש עקסיסטירט. די טיראַנען האָבן זיך אונטערגעלעקט צו די פּאָעטן און האָבן זיי מיט אַלערליי מיטלען צוגעצויגן צו זייערע הויפן. איצט איז פון די דאָזיקע באַציִונגען אַראָפּגענומען געוואָרן די דעקע פון אומאייגננוציקייט און מען האָט דעם עסק געפירט אָפן. בלי־ספק איז דער דאָזיקער פאַקט אַ באַווייז אויף נאָך אַנדערע ענדערונגען אין דער לאַגע פון די פּאָעטן אין V יאָרהונדערט. דער פּאָעט האָט באַקומען מער אומאָפּהענגיקייט און השפּעה. ער האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו לעבן ניט מיט דעם חסד פון די שטאַרקע און גרויסע לייט, נאָר מיט די מיטלען, וועלכע ער האָט פאַרדינט מיט דער אייגענער אַרבעט און טאַלאַנט. עס איז פאַראַן אַ מסורה, אַז סימאָנידעס איז געווען אויסערגעוויינלעך אַ קאַרגער און האָט פאַרוואַנדלט אין געלט אַפילו דאָס עסנוואַרג, וואָס עס פלעגט אים שיקן אַ פולע כיד־המלך איינער פון די טיראַנען. דערביי האָט סימאָנידעס געזאָגט דער ווייב פון דעם טיראַן,

אַז עשירות איז בעסער פֿאַר חכמה, מחמת די חכמים קומט אָפּטמאָל אוים צו שטיין אין פֿאָדערהויז ביי דעם גביר. בלויז די דאָזיקע ענדערונג אין דער לאַגע פֿון די פּאָעטן קאָן דינען פֿאַר אַ באַווייז דערויף, וואָס פֿאַר אַ ערפֿאָלג דער קאַפּיטאַליזם האָט געמאַכט אין V יאָרהונדערט אין גריכנלאַנד. די נאַטירלעכע ווירטשאַפֿט האָט כּמעט אומעטום אָפּגעטראָטן דעם אָרט פֿאַר דער געלטווירטשאַפֿט, אַלץ איז ביסלעכווייז אַריבער אויף געלט, דערונטער אויך די סאָלאָנישע צענזן: פֿאַר אַ פּענטאַקאָסיאָמעדימנער האָט זיך איצט גערעכנט ניט דער, וואָס האָט יערלעך באַקומען פֿון זיינע פֿעלדער פֿינף הונדערט מעסטלעך תּבֿואה, נאָר יענער, וואָס זיין פֿאַרמעגן איז געווען גלייך אַ טאַלאַנט. די שטייערן, וועלכע פֿלעגן נאָך פֿאַר די פּיזיסטראַטידן אויפֿגעקליבן ווערן אין נאַטור, פֿלעגן איצט איינגעצאָלט ווערן מיט געלט. דער קאַפּיטאַל איז געוואָרן אַ קראַפֿט; אינדוסטריעלע, סוחרישע און ים=אונטערנעמונגען האָבן אָנגעהויבן געבן אַ גאַנץ שטאַנדהאַפֿטיקע געלט=הכנסה [1]. ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס ביי די נייע לעבנסבאַדינגונגען, וועלכע זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן מיט דעם וואוקס פֿון דער אינדוסטריע און פֿונם מסחר נאָך די פּערסישע מלחמות, האָבן אויך די מענטשן פֿון טאַלאַנט ניט אויסגעמיידט דעם אַלגעמיינעם גורל: זיי זיינען געווען גענייטיקט צו קאַפּיטאַליזירן זייער איינציקן פֿאַרמעגן — דעם טאַלאַנט; און אין זייערע באַציִונגען צו די טיראַנען, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, האָט די סיסטעם פֿון נאַטוראַלער ווירטשאַפֿט געמוזט אָפּטרעטן איר אָרט דער געלט=סיסטעם. סימאָנידעס—דאָס איז דער בולטער מוסטער פֿון אַ פּאָעט פֿון דעם דאָזיקן נייעם טיפּ. ער האַלט זיך פֿריי מיט זיינע באַשיצער, ווי מיט מענטשן, וואָס די באַציִונגען מיט זיי זיינען געגרינדעט אויף קעגנזייטיקע נוצן. ער לאָזט זיך איבער די פֿולע פֿרייהייט פֿון אורטיילן. אַזוי נעמט סימאָנידעס נאָך אין דער יוגנט אָן די איינלאַדונג פֿון די פּיזיסטראַטידן און פֿאָרט אַריבער קיין אַטען פֿאַר אַ באַשטימטן יערלעכן געהאַלט. נאָר ווען היפּאַרכאָס, וואָס האָט אים אַרויסגערופֿן, איז געטויט געוואָרן, האָט סימאָנידעס געריימט די רוצחים, וועלכע האָבן באַפֿרייט אַטען. ס'איז אַ שאלה, צי מען קען אין דעם פֿאַקט איינזען אַ פֿאַרראַט, אָדער פֿאַלשקייט בנוגע צו זיין באַשיצער, ווי דאָס קאָן אונז אויסווייזן אין דער ווייטקייט פֿון דער געשיכטע. סימאָנידעס איז ניט געווען קיין חנף, אָדער קיין הויפֿנאַר ביי די פּיזיסטראַטידן. ער איז געווען אַן אומאָפּהענגיקער דענקער, און ס'איז זייער מעגלעך, אַז ביי נאָר זיין פֿריינדשאַפֿט מיט זיי, האָט ער ניט מסכּים געווען און איז אַפֿילו געווען אַ קעגנער פֿון זייער

1) בעלאָך. אַנגער. ווערק, 1 ב.

פּאָליטיק, און אין זייער מפּלה האָט ער געזען דעם גערעכטיקן שכר פֿאַר זייערע פֿעלערן. דעריבער איז דאָס, וואָס ווייזט אויס ווי אַ פֿאַראַט, געוועזן, אפשר, אַ רעזולטאַט פֿון זיין קאָנזעקווענטקייט און געטרייקייט צו זיינע איבערצייגונגען. די פּאָעטן האָבן איצט מער קיין מורא ניט געהאַט פֿאַר די שטאַרקע פֿון דער וועלט, און האָבן זיי אָפֿן אַרויסגעזאָגט דעם ביטערן אמת. דעם זעלביקן כאַראַקטער טראָגט אויך סימאָנידעסעס באַציִונגען צו אַנדערע גרויסע דעמאַגאָגן און פֿעלדהערן פֿון יענער צייט. נאָך אַטען דערווייזן מיר אים אין טעסאַליע ביי דעם הויף פֿון די סקאָפּאַדן, וועלכע ער האָט אויך גערימט אין זיינע לידער פֿאַר אַ באַשטימטער באַלוינונג. די מסורה האָט פֿאַרהיט כאַראַקטעריסטישע ערציילונגען וועגן דעם פּאָעטס באַציִונג צו סקאָפּאַסן, דעם פֿאַרשטייער פֿון דער דאָזיקער דינאַסטיע. פֿון די דאָזיקע ערציילונגען זעט מען, ווי אין זיינע לויב=לידער האָט דער פּאָעט געקענט פֿאַרהיטן זיין אומאָפּהענגיקייט און ניט אַראָפּלאָזן זיך צו דער מדרגה פֿון אַ חונף. ווען סקאָפּאַס האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אין אַ געוועט=קאַמף, האָט סימאָנידעס לכּבוד אים פֿאַרפֿאַסט אַ עפּיניקיע. אָבער אומזיסט וואָלטן מיר זיך געמיט אויפֿצוזוכן אין איר חונפֿדיקע גוזמאָס און איבערגעטריבענע שבחים. דאָס איז גיכער אַ מין מלמד=זכות=זיין אויף די שוואַכקייטן פֿון מענטשן, איידער אַ הימען צו דער פֿולקומענהייט. אַפּנים, אַז סקאָפּאַס איז ווייט ניט געווען גאָר אַ ריינער אין דעם מאָראַלישן זינען, און דער פּאָעט האָט ניט געוואָלט פֿאַרמאַכן די אויגן אויף זיינע חסרונות. ער זאָגט, אַז עס איז שווער צו ווערן אַ גוטער מענטש, בלויז פֿאַר גאָט איז אייגנשאַפֿטלעך די פֿולקומענהייט, מחמת דעם זאָגט זיך דער פּאָעט אָפּ צו זוכן אַ פֿולקום ריינעם פֿון פֿאַרוואָרפֿן מענטשן, ער לויבט און ער ליבט יעדן, ווער עס האָט קיין שענדלעכס ניט געטאָן, מחמת די געטער אַליין זיינען ניט אימשטאַנד צו קעמפֿן קעגן דער נויטווענדיקייט [1]. פֿאַרשטייט זיך פֿון זיך אַליין, אַז אַזעלכע באַשיידענע שבחים זיינען סקאָפּאַסן ניט אַלע מאָל געפֿעלן געוואָרן; עס איז פֿאַראַן אַ מסורה, אַז, אַן אומצופֿרידענער פֿון איין נצחון=ליד, אין וועלכן סימאָנידעס האָט מער גערימט די דיאָסקורן, איידער זיין שיצער, האָט סקאָפּאַס דעם פּאָעט איינגעצאָלט נאָר אַ העלפֿט פֿון דעם אָפּגערעדטן פּרייז, און האָט פֿאָרגעלייגט די צווייטע העלפֿט צו באַקומען ביי די דיאָסקורן. דערפֿאַר האָבן קאַסטאָר און פּאָלוקס כּלומרשט חרוב געמאַכט סקאָפּאַסעס פּאַלאַץ בשעת אַ מאָלצייט און דער טיראַן איז אומגעקומען אונטער די חורבות. נאָך טעסאַליע באַווייזט זיך דער פּאָעט ווידער אין אַטען, ווען עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער גרויסער דועל צווישן

1) פֿר. 5 (בערגק, III, 1882.)

גריכנלאַנד מיט פּערסיע. אין קורצע אָבער מעכטיקע און אויסדריקלעכע
עפּיגראַמען האָט ער פאַראייביקט די אומשטערבלעכע עטאַפּן פון דעם
גערימטן קאַמף: מאַראַטאָן, טערמאָפּילע, סאַלאַמין און פּלאַטעיע. ער איז
געווען אַ פריינד פון די העלדן פון דער דאָזיקער מלחמה — פון טעמים=
טאָקעס און פּאַוסאַניאַס. פון אַטען איז ער ווידער אַוועק וואַנדערן, האָט
באַזוכט פאַרשיידענע שטעט פון אייראָפּעישן גריכנלאַנד און פון קליין=
אַזיע און די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט ביי דעם
הויף פון דעם סיראַקוזער טיראַן היעראָן. ער האָט מיטגעהאָלפן דעם
שלום צווישן היעראָנען מיט אַן אַנדער טיראַן טעראָן, וועןביידע קעגנער
האָבן זיך געגרייט אָנצוהייבן אַ מלחמה צווישן זיך. אַפּנים, אַז די אַכטונג,
וועלכע אַלע האָבן געהאַט צו דעם פּאָעט, האָט אים ערלויבט צייטנווייז
אויסצוּיבן אַ גרויסע השפּעה ביים אַנטשיידן פּאָליטישע פראַגן. אויב מיר
וועלן זיך דערמאָנען די פאָרגייענדיקע ריטערישע עפּאָכע פון ליבע און
מלחמה, וועט סימאָנידעסעס געשטאַלט אָפּטרעטן פאַר אַזעלכע פּערזאָנען
ווי אַלקאַיאָס מיט דער דערהויבנקייט און דער איידלקייט. ביי דעם
זינגער פון לעסבאָס איז פאַראַן מער שטאַרקייט פון אומטיטלבאַרן געפיל,
מער אומאויסגערעכנטע שיינקייט און פּאָעזיע. אין אים זיינען נאָך קענטיק
די שפּורן פון דעם הערויִשן מערכנהאַפטן פעריאָד. ער איז נאָך אַ זון
פון דער עפּאָכע פון יווירונג, אין זיין צייט האָבן זיך ערשט נאָר אָנגעמערקט
די שטריכן פון דער זיך שאַפנדיקער בירגערלעכער אָרדענונג. סימאָני=
דעס — דאָס איז דער פּאָעט פון דער נייער פּראַקטישער צייט, ווען עס איז
אַריבער דער פעריאָד פון דער שטורעמדיקער יוגנט פאַר דער גריכישער
געשיכטע, עס איז אָנגעשטאַנען די רייפע צייט, עס האָט זיך אָנגעהויבן די
בליִונג פון אַלע פּאָלקס=קרעפטן, עס האָט זיך דערנעענטערט די צייט
פון באַוואוסטזיניקן און פרידלעכן לעבן, די צייט צו באַנוצן זיך מיט די
פרוכט פון די יאָרהונדערטיקע אָנשטרענגונגען.

די צו אונז דערגאַנגענע סימאָנידישע לידער, ווי מיר האָבן שוין
באַמערקט, גיבן אַ שוואַכע פאָרשטעלונג וועגן דער קראַפט פון זיין פּאָעזיע.
משפּטנדיק לויט זיי, האָט סימאָנידעס געשריבן אין אַלע אַרטן פּאָעזיע, —
פון נצחון=לידער ביז מיידלשע כאָרן. ס'איז אָבער קיין ספק ניטאָ, אַז
דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָבן געמאַכט זיינע גערדיכטן, וועלכע האָבן
זיך באַצויגן צו באַזונדערע עפּיזאָדן פון די פּערסישע מלחמות. לעאָנידאַ=
סעס גבורה האָט ער פאַראייביקט אין דעם דאָפּלט=פערז.

אָ, פאַרבייגייער! זאָג, ווען דו וועסט קומען קיין לאַקעדעמאָן, אַז אַלע מיר,
געטריי זיינע געזעצן, האָבן מיר דאָ אַוועקגעלייגט אונזערע ביינער [1].

1) פר. 92.

פאַר לעאָנידאַסעס קבר מיט דער געשטאַלט פון אַ לייב האָט סימאָנידעס אָנגעשריבן פאָלגנדיקע פערזן:

צווישן חיות בין איך פאַר אַלעמען שטאַרקער; צווישן מענטשן אָבער איז פאַר אַלעמען בעסער
דער, וועמען איך היט דאָ אין דעם דאָזיקן שטיינערנעם קבר.

צו דעם נצחון פון די טערמאָפּילער העלדן קערט זיך דער פּאָעט ניט איינמאָל ווידער אום מיט ליבשאַפט: זיי האָבן מיט זייער טויט פאַרדינט „דעם שענסטן רום". זייער קבר וועט ווערן אַ מזבח, דער זכר וועגן זיי וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן אין פאָלק, דער טרויער וועגן זיי קלינגט ווי אַ זיג=ליד, און זייערע פינסטערע קברים וועט לעבן מיט זיי די אייביקע דאַנקבאַרקייט פון די זין פון העלאַדע. אַ ריי לידער איז געווידמעט אַנדערע העלדן. סימאָנידעס האָט פאַרפאַסט פאָלגנדיקע אויפשריפט אויף דעם דענקמאָל, וועלכן מען האָט אויפגעשטעלט לכבוד די געפאַלענע ביי מאַראַטאָן:

אויף די פעלדער פון מאַראַטאָן פאַר דער פרייהייט פון העלאַדע קעמפנדיק,
האָבן מיר אין שטויב געוואָרפן די גלענצנדע קראַפט פון דעם מדישן חיל.

מיט דעם זעלביקן פּאַטריאָטישן באַוואוסטזיין פון דער דערהויבנקייט פון דער אַלגעמיין=העלענישער זאַך איז דורכגעדרונגען אויך די עפּיטאַפיע לכבוד די קאָרינטער, וועלכער האָבן זיך געשלאָגן לעבן סאַלאַמין.

גייער! מיר האָבן אַמאָל געלעבט אין די שיינע פליינען פון קאָרינט.
דער טויט האָט אונז געטראָפן דאָ אין סאַלאַמין אין דער היימאַט פון אַיאַקס.
מיט די פערסן מוטיק קעמפנדיק און זייערע שיפן אויסראָטנדיק,
האָבן מיר באַשיצט די פרייהייט און דעם כבוד פון דער מוטערלעכער העלאַדע.

צו די בעסטע ווערק פון סימאָנידעסן געהערן אויך די טרויערלידער, אין וועלכע ער באַוויינט דעם טויט פון די העלדן, אָדער זיינע פריינד, אָדער ער דריקט בכלל אויס טרויעריקע געדאַנקען, וועלכע זיינען אויף אים אָנגעטריבן דורך עפּעס אַ וועלכע געשעעניש, אָדער אַ מסורה פון פאַרצייטן. אַלס אַ מוסטער פון דעם דאָזיקן אַרט סימאָנידישע דיכטונגען דינט דער באַוואוסטער פראַגמענט פון דער רירנדיקער דאַנאַיעס קלאָג, איינע פון די שענסטע שאַפונגען פון דער וועלט=פּאָעזיע [1]. דאַנאַיעס פאָטער האָט די טאָכטער זיינע איבערגעלאָזן מיט איר זויגקינד, דעם זון אירן פּערסעוס, אין אַ שיפעלע אינמיטן ים. די אומגליקלעכע מוטער וויינט, קוקנדיק אויף דעם זאָרגלאָז און רויק שלאָפנדיקן עופעלע. „ווען דער ווינט האָט אָנגעהויבן הודען, און אַרום דעם קונציק געמאַכטן ווינבעטעלע האָבן זיך גענומען אויפהויבן די שטורעמדיקע כוואַליעס, איז

1) פר. 37.

זי אין אימה געפאַלן אויף די קני, טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן, זי האָט אַרומגעפלאָכטן מיט אירע הענט פערסעוסן און האָט געזאָגט: אָ, קינד! ווי גרויס זיינען מיינע ליידן; דו, וויג=קינד, אָטעמסט גלייך אין שלאָף און רויִק שלאָפסטו אין דיין וויגבעטעלע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט דער פינסטערניש פון דער נאַכט, ניט זאָרגנדיק וועגן דעם, וואָס די כוואַליעס באַנעצן דיינע האָר און ניט הערנדיק די געוויינען פון דעם שטורעמווינט. דו שמייכלסט אין שלאָף... אַך, ווען דו וואָלסט געקענט פאַרשטיין די גאַנצע אימה דערפון, וואָס דאָ אַרום דיר טוט זיך, דו וואָלסט שרעקעדיק אָנגעהויבן אַרומצוקוקן זיך אַרום און צוהערן זיך צו מיר. אָבער שלאָף, קינד, און זאָל צוזאַמען מיט דיר איינשלאָפן אויך דער ים, זאָל איינשלאָפן דער אָן אַ שיעור שווערער צער פון מיין האַרצן! און דו, אָ, צעוס! ענדער דיין שטרענגן באַשלוס! און אויב מיין געבעט איז פאַרברעכעריש, טאָ זיי מיר מוחל, פאָטער, צוליב מיין קינד!"

דער נאָמען פון פינדאַר, דעם אַממערסטן באַרימטן פון די גריכישע ליריקער, איז געוואָרן אַ שם הכולל פאַר די קינפטיקע דורות. אין דער עפאָכע, ווען מען איז געווען פאַרקאָכט אין קלאַסיציזם, איז די געשטאַלט פון דעם דאָזיקן פאַרצייטיקן פאָעט געווען דער גרעסטער אידעאַל פון די אָדעשרייבער, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן „פינדאַרס רום", אַרויסגעשטעלט פרעטענזיעס אויף „פינדאַרס טאַלאַנט". ער איז געבוירן געוואָרן אַרום דעם 522 יאָר, אַלזאָ, איז די בליונגס=צייט פון זיין לעבן צונויפגעפאַלן מיט דער עפאָכע פון די פערסישע מלחמות און מיט דעם אויפשטייגונגס=פעריאָד פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, וועלכער איז אוממיטלבאַר געגאַנגען נאָך די דאָזיקע מלחמות. און פונדעסטוועגן איז פינדאַר ניט געווען קיין שעפער פון קיין קריגערישע פאַטריאָטישע לידער געגליכן צו סימאָנידעסן. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז די גרעסטע געשעעניש פון דער גריכישער געשיכטע האָט זיך אוממיטלבאַר ניט אָפגערופן אויף זיין פאָעזיע. עס איז אָבער קיין שום ספק ניטאָ, אַז נאָר אין דעם איינהייטלעכן גריכנלאַנד, וואָס האָט אָנערקענט זיין מאַכט, האָבן געקאָנט אַנטשטיין פינדאַרס לידער. דער אויפברויז פונם פאַטריאָטישן געפיל קאָן אַרויסרופן ניט נאָר גבורות פון העלדנשאַפט און וואונדער פון מוטיקייט. די פילאָסאָפישע מוחות און די קינסטלערישע גאונים לעבן אָפט איבער אין די מאָמענטן פון נאַציאָנאַלער געפאַר געפילן פון אַן אַנדער מין. זיי פילן די באַדערפעניש אַרומצוקוקן זיך אויף דער פאַרגאַנגענהייט פון זייער פאָלק, אָפזוכן דאָרטן ראיות אויף זיין גייסטיקער קראַפט, אויפצוזאַמלען אַלץ, וואָס פירט צו דער נאַציאָנאַלער זעלבסט=באַשטימונג, פאַראייביקן די גלויבונגען און די מסורות, אין וועלכע די

פאָלקס=נשמה האָט זיך אויסגעגאָסן. אין די מאָמענטן, ווען די שפּאַנישע אַרמאַדע האָט געדראָט חרוב צו מאַכן ענגלאַנד, און די נאַציע האָט אַרויסגעשטעלט העלדן פון מוטיקייט און פון זעלבסט=אָפּערונג, זיינען פאַר שעקספּירס גייסטיקן בליק אויפגעשטאַנען די העלדן פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע, און עס האָבן זיך אויסגעמאָלט די פלענער פון זיינע היסטאָרישע כראָניקעס. בשעת די נאַפּאָלעאָנישע גרענאַדירן זיינען זינרייך געגאַנגען דורך דייטשלאַנד, האָבן די דייטשע ראָמאַנטיקער אויפגעזאַמלט די פאָלקס=מעשהלעך און די דענקמעלער פון דער פאַרצייטיקער שאַפונג. בשעת די פּערסישע מאָנאַרכיע איז אָנגעפאַלן מיט אירע שטאַרקע חיילות אויף די קליינע גריכישע געמיינדעס, האָט פּינדאַר געזונגען זיינע גערימטע אָדעס לכבוד די מנצחים אויף די נאַציאָנאַלע שפּילן. אין די דאָזיקע אָדעס האָבן אויפגעלעבט די געשטאַלטן פון דער העראָאישער פאַרגאַנגענהייט, די מסורות און די מיטן האָבן זיך אָנגעקליידט אין פּאָעטישע פאָרמען, די מוזיק און דאָס וואָרט האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אייגנאַרטיקער קונסט, וועלכע איז שוין זינט דעמאָלט מער ניט באַקאַנט דער מענטשהייט. דער פּאָעט האָט אַרויסגעצויגן פון די פאַנטאַסטישע שאַפונגען פונם פאָלקס=געני באַלערעוודיקע כללים און אויספירן פון חכמה.

געגליכן צו סימאָנידעסן איז פּינדאַר געווען אַ פּאָעט אַ פּראָפעסיאָנאַליסט. ער האָט אויך געזונגען שבחים פאַר געלט. אָבער געגליכן צו זיין גרויסן צייט=חבר, האָט ער דאָס פּריוואַטע פאַרוואַנדלט אין אַלגעמיינס, און די גבורה פון דעם העלד האָט פאַר אים געדינט נאָר אַלס יסוד, אויף וועלכן ער האָט צונויפגעפלאָכטן דעם רייכן קראַנץ פון פּאָעטישע מחשבות און טיפע דעיונות. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ פאָרשטאָט פון טעבען, און ס'איז זייער מענלעך, אַז אָט=דאָס האָט אים פון אָנהייב אָן אַוועקגעשטעלט אין אַ שלעכטער לאַגע בנוגע צו די פּערסישע מלחמות. די טעבענער זיינען, ווי באַוואוסט, ניט צוגעשטאַנען צו דער אַלגריכישער זאַך, און די אַריסטאָקראַטיע פון טעבען איז געשטאַנען אויף דער זייט פון דעם פּערסישן קיניג. ווען פּינדאַר וואָלט געווען אַזאַ ענטוזיאַסט פון דער פאָלקס=זאַך, ווי סימאָנידעס, וואָלט ער געמוזט אַרויסטרעטן מיט אַ באַשולדיקונגס=רעדע קעגן די קינדער פון זיין היימאַט. פונדעסטוועגן זאָגן די אַנטציקונגספולע פערזן אין זיינע אָדעס, וועלכע זיינען אַרויסגערופן דורך די גריכישע נצחונות, און דער וואונטש ריינצווואַשן די אייגענע שטאָט, קלאָרע עדות, אַז פּינדאַרס האַרץ איז ניט פרעמד געווען צו דעם רום פון דעם גריכישן פאָלק. דער אַריסטאָקראַטישער שטאַם פון די עגידן, פון וועלכע פּינדאַר קומט אַרויס, האָט צווישן זיינע פאָרשטייער אָנגעצייל אַ היבשע ביסל מערקווירדיקע פּלייטיסטן; אַזוי אַרום איז דער מוזיקאַלישער טאַ=

לאַנט, וועלכער איז אין יענע צייטן אומטיילבאַר פֿאַרבונדן מיט דער פּאָעטישער שאַפֿונג, געווען אַ ירושה־טאַלאַנט אין דעם שטאַם פֿון די עגידן, און ער איז אַריבערגעגאַנגען צו דעם פּאָעטס פֿאָטער. פּינדאַרס גלענצנדע נאַטירלעכע פֿעיִקייטן האָבן געפֿונען אַ פּאַסיקן באָדן פֿאַר זייער אַנטוויקלונג אין דער משפּחה פֿון אַזאַ מוזיקאַלישן מענטשן, ווי זיין פֿאָטער איז געווען. אַלס בחור איז פּינדאַר געווען געשיקט קיין אַטען פֿאַרצווענצן דאָרט זיין בילדונג. אומגעקערט זיך אַהיים, האָט ער, לויט דער מסורה, אָנטיילגענומען אין פּאָעטישע געוועטן, אין וועלכע ער איז באַזיגט געוואָרן דורך דער באַרימטער אין יענער צייט פּאָעטעסע קאָרינע. דער פּאָעט איז אָפּט אַוועקגעפֿאָרן פֿון טעבען אין אַנדערע שטעט, ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט צו באַזוכן די פֿייערונגען און די שפּילן, וועלכע האָבן אין דעם פּאַרצייטיקן גריכנלאַנד געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג. פֿאַרשטייט זיך, אַז די קיניגן און די טיראַנען האָבן האַווירט דעם באַרימטן פּאָעט און די זיגער אין די שפּילן האָבן געהאַלטן פֿאַר דעם גרעסטן גליק, ווען פּינדאַרס מוזע האָט פֿאַראייביקט זייערע נצחונות. באַזונדערס האָט געזוכט דעם פּאָעטס פֿריינדשאַפֿט דעם סיראַקוזער טיראַן היעראָן, וועלכן פּינדאַר האָט באַזוכט און גערימט אין זיינע אָדעס. עס איז דאָ אַ יסוד צו רעכענען, אַז פּינדאַר האָט זיך באַצויגן מיט אייפֿערזוכט צו דעם רום פֿון זיין באַרימטן צייט־חבר סימאָנידעס, אָבער וואָס איז שייך צו זיינע מעכטיקע שיצער האָט ער, רימענדיק זיי אין זיינע אָדעס, געקענט פֿאַרהיטן זיין אומאָפּהענגיקייט, און ער איז ניט געווען קיין פֿאַרקויפֿטער פּאַניגיריסט פֿון יעדן מעצענאַט, וואָס האָט אים געצאָלט פֿאַר די לידער זיינע. ער האָט זיך, ווי סימאָנידעס, אָפּגעשטעלט אויך אויף די פֿינסטערע זייטן פֿון דעם, וועמען ער האָט באַזונגען אין זיינע לידער, און די דאָזיקע לידער זיינען ניט געווען קיין גראָבע חניפֿה, וואָס זאָל ניט האָבן קיין אַלגעמיינע באַדייטונג. אין איינעם פֿון זיינע ווערק רופֿט פּינדאַר אָן דעם טויט דאָס העכסטע גליק. זיין טויט האָט די מסורה באַפּוצט מיט אַ לעגענדע, וועלכע האַרמאָנירט מיט דעם דאָזיקן בליק פֿונם פּאָעט. די לעגענדע דערציילט: לויט זיין אויפֿטראָג האָבן זיך די גריכישע געזאַנדטע געווענדט צו דעם דעלפֿישן אָראַקל מיט דער פֿראַגע, וואָס איז אַזוינס דאָס בעסטע אויף דער ערד. די פּיטיע האָט געענטפֿערט, אַז פּינדאַר אַליין ווייס דעם ענטפֿער. די געזאַנדטע האָבן זיך געווענדט צו צעוסן, און לויט אַן אַנדער ווערסיע — צו אַפּאָלאָנען מיט אַ תּפֿילה, מזכּה צו זיין פּינדאַרן מיט דעם גרעסטן גוטס, און פּינדאַר איז איינגיכן געשטאָרבן. אַזוי האָבן די געטער דערפֿילט זיין ווילן. דאָס יאָר פֿון דעם פּאָעטס טויט איז פּינקטלעך ניט באַוואוסט, עס איז אָבער

פאַראַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז ער איז געשטאָרבן אין דער טיפער עלטער פון אַכציק יאָר.

די פּאָעטישע ירושה, וואָס איז פאַרבליבן נאָך פּינדאַרן, שטעלט מיט זיך פאָר אַ גליקלעכן אויסנאַם צווישן די חורבות, אין וועלכע עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן די אַמאָל בליענדיקע גריכישע ליריק. פּינדאַר איז דער איינציקער פון די גריכישע ליריקער, נאָך וועלכן עס איז פאַרבליבן אַ היבשע ביסל גאַנצע ווערק. ער האָט געשריבן אין אַלע אַרטן פון דער פּאָעזיע: הימנען, פּעאַנען, דיפיראַמבן, סקאָליען, — מיט איין וואָרט, אַלע פאָרמען, אין וועלכע עס האָט זיך אָנגעקליידט דער פּאָעטישער געפיל פון די גריכן אין VII און אין VI יאָרהונדערטן, האָבן אין פּינדאַרס פּערזאָן געפונען זייער גלענצנדן פאָרשטייער. אָבער די סאַמע פּאָפּולערע ווערק זיינע זיינען געווען עפּיניקיעס, אָדער אָדעס לכבוד די נצחונות, וואָס דעם פּאָעטס מיטבירגער האָבן אָפּגעהאַלטן אין די געזעלשאַפטלעכע שפּילן. צו אונז זיינען דערגאַנגען העכער פערציק אַזעלכע עפּיניקיעס. אין היינטיקער צייט איז שווער צו פאַרשטיין, למאַי איז דאָס רימען די נצחונות פון די ספּאָרטסמענער געוואָרן אַן אויפגאַבע פאַר דער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע. אָבער די גרויסע פייערונגען אין דעם פאַרצייטיקן גריכנלאַנד זיינען געווען ניט קיין פּשוטע פאַרוויילונגען. נאָר אין זיי האָט זיך אָנטפּלעקט דער קלאָרער באַוואוסטזיין און די אַרויסווייזונג פון העלאַדעס איינהייט און די קנופּן, וועלכע עס האָבן פאַראייניקט די פאַרשיידענע מלוכות. „קיינער האָט ניט געקאָנט אַרויסטרעטן אויף די אָלימפּישע געוועטשפּילן, ניט דערווייזנדיק פריער זיין ריין=העלענישע אָפּשטאַמונג. און הגם עס איז שווער געווען צו באַשטימען די ריינקייט פונם בלוט, אָבער די נויטווענדיקייט גופא פון אַזאַ באַשטימונג, האָט באַשטעטיקט, אַז עס עקסיסטירן באַזונדערהייטן, וועלכע טיילן אָפּ די העלענער פון דער אַרומיקער וועלט. די אוממיטלבאַרע סיבה פון העלאַדעס פּאָליטישער און מיליטערישער שוואַכקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס איז ניט געווען אַזאַ מאַכט, אַ גייסטיקע צי אַ וועלטלעכע, וואָס זאָל אונטערהאַלטן דעם באַוואוסטזיין פון איר איינהייט. די אָלימפּישע שפּילן האָבן עס, אפּנים, ניט געקענט טאָן; אַטלעטישע געוועטן קאָנען ניט דינען פאַר קיין הייבקראַפט, וועלכע איז גענוג שטאַרק פאַר אַזאַ ציל. אָבער זיי זיינען צו איר נענטער צוגעגאַנגען, איידער יעדע אַנדערע אַנשטאַלט אין העלאַדע. איידער די פייערונג האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען אויסגערופן אַ צייטווייליקן שלום, געגליכן צו דעם שלום פון גאָט אין מיטלאַלטער. אַלע פיינדלעכע אַקציעס האָבן זיך אויף אַ צייט איבערגעריסן. קיינער האָט ניט געקאָנט באַאומרויקן די דורכגייער, וועלכע זיינען געגאַנ=

גען קיין אָלימפּיע אונטער דער מורא פון די זעלביקע שטראָפן, וועלכע עס זיינען באַשטימט געווען פאַר פאַרשוועכן היילי‏קייטן. דער דאָזיקער צייטוויי‏ליקער שלום איז ניט געווען קיין טויט וואָרט. דער שטאָלצער ספּאַרטע איז אויסגעקומען צו באַצאָלן שווערן קנס דערפאַר, וואָס זי האָט אויפגעהויבן דאָס געווער אין דעם הייליקן חודש. שפּעטער האָט פיליפּאָס פון מוקדון אַליין געמוזט פאַרענטפערן זיך מחמת אַ באַליידיקונג, וואָס זיינער אַ זעלנער האָט באַליידיקט אַ גייער, וועלכער איז געגאַנגען קיין אָלימפּיע [1]). דער נצחון אין די שפּילן האָט געגעבן אַן אומגעהערטן כבוד ניט נאָר דעם זיגער, נאָר אויך זיין געבורטשטאָט. די דאָזיקע פייערונגען האָבן געדינט אַלס אויסשטעלונג פון דער עשירות און דער מעכטיקייט פון די העלענישע מלוכות. איינריידנדיק די אַטענער אונטערצונעמען די באַוואוסטע סיצילישע אַוואַנטורע, האָט אַלקיוויאַדעס ניט געפונען קיין בעסערן אייגטריט אין זיין רעדע אויף דער פאָלקספאַרזאַמלונג, ווי דערמאָנען וועגן זיין נצחון אין די אָלימפּישע שפּילן. ער פאָדערט פאַר זיך דעם טיטל פון אַ פעלדהער. אַלקיוויאַדעס האָט מען באַשולדיקט אין אויסברענגעריי, אָבער דער דאָזיקער חסרון האָט לויט זיינע ווערטער געבראַכט רום זיינע שטאַמפאָטערס, און דעם פאָטערלאַנד — נוצן. „די העלענער, — האָט ער געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג, — ווען זיי האָבן דערזען די גרויסאַרטיקייט, מיט וועלכער איך בין אַרויסגעטראָטן אויף דער אָלימפּישער פייערונג, האָבן באַשלאָסן, אַז אונזער מלוכה איז מעכטיקער, איידער זיי האָבן געמיינט. ביז דאַן זיינען זיי געווען זיכער, אַז זי איז פאַראָרעמט פון דער מלחמה. דעריבער טאַקע האָב איך אַוועקגעשיקט אויף דעם געוועט זיבן רייטוועגן, וואָס אַזוי פיל האָט פריער קיין פּריוואַטע פּערזאָן קיינמאָל ניט געשיקט, כ'האָב אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן, דעם צווייטן און דעם פערטן נצחון, און אַלע מיינע צוגרייטונגען האָבן פאַרדינט דעם נצחון. דאָס אַלס גיט, אין הסכם מיט אונזערע מנהגים, כבוד, און לויט די מעשים אורטיילט מען וועגן דער מעכטיקייט פון דער מלוכה" [2]). אויף די אָלימפּישע שפּילן פלעגט מען פייערלעך פאַרפעסטיקן די אָפּמאַכן צווישן די מלוכות [3]). די באַזייטיקונג פון אָנטייל נעמען אין די שפּילן האָט געדינט אַלס שטראָף פאַר גאַנצע שטאָטן, וועלכע האָבן צעשטערט די הייליקע געזעצן [4]). דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די גרויסע פייערונגען זיינען פאַר די גריכן געווען

1) א. גראָטע. גריכנלאַנד אין פּעריקלעסעס צייטן.
2) טוקידידעס, VI, 16.
3) טוק., V, 47.
4) טוק., V, 49.

אַ סימבאָל. ביי דעם געדאַנק וועגן ווי האָט זיך אין דעם גריכס נשמה אויפגעהויבן אַ מענגע געפילן און געדאַנקען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די הייליקע מסורות, אין אים האָט ערוואַכט דער רעליגיעזער ענטוזיאַזם. דער באַוואוסטזיין פון זיין אָנגעהעריקייט צו אַ גרויסן גאַנצן. די מיטישע זאַגעס און דער היסטאָרישער אמת, דער אידעאַל פון האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פון דער נשמה מיט דעם קערפּער, שיינקייט און פרייהייט, אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם העלענישן גייסט, — דאָס אַלץ האָט אין די פייערונגען געפונען זיין קאָנקרעטן אויסדרוק. און פּינדאַר האָט אין זיינע אָדעס פאַראייביקט די וועלט פון קאָמפּליצירטע און טיפע געפילן און מחשבות, וועלכע האָבן זיך אויפגעהויבן אין דעם העלענערס נשמה אויף די גרויסע פייערונגען. אויסער די אָלימפּישע שפּילן, וועלכע זיינען געווען די נאַציאָנאַלע הויפּטפייערונג, פלעגט מען אין פאַרצייטיקן גריכנלאַנד נאָך איינאָרדענען פּיטיען, איסטמיען און נעמעיען. זיי האָבן זיך אונטערשיידט פון די הויפּטפייערונגען מיט קלענערער גרויסאַרטיקייט און מיט אַ קלענערער צאָל מענטשן, און האָבן ניט געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלע השפּעה, ווי די שפּילן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין אָלימפּיע. פונדעסטוועגן זיינען אויך די דאָזיקע פייערונגען געווען אַ מעכטיקער אויסדרוק פון העלאַדעס איינהייט. פּינדאַר, וועלכער האָט אין זיינע עפּיניקיעס גערימט די זיגער, איז דעריבער געווען דער אויסדריקער פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון די גריכן אפשר אין אַ גרעסערער מאָס, איידער סימאָנידעס מיט זיינע קריגערישע פּאַטריאָטישע לידער און עפּיטאַפיעס.

פון פּינדאַרס דערגאַנגענע צו אונז עפּיניקיעס זיינען פערצן געווידמעט די זיגער אויף די אָלימפּישע שפּילן, צוועלף געהערן צו די פּיטיען, זיבן צו די נעמעיען און עלף צו די איסטמיען. דער גענויערער אַנאַליז פון איינער פון די אָדעס, נעמלעך דער ערשטער אָלימפּישער עפּיניקיע, וועט אונז באַווייזן, ווי פּינדאַר האָט געקענט מיט דעם נצחון פון אַ באַזונדערן העלד פאַראייניקן געפילן און געדאַנקען, וועלכע האָבן אַזוי פיל גערעדט צום האַרצן פון גריכישן פאָלק. די דאָזיקע עפּיניקיע איז אָנגעשריבן לכבוד היעראָנען, דעם סיראַקוזער טיראַן, וועלכער האָט מנצח געווען אויף אַ פערד־לויף. דער פּאָעט הייבט אָן פון אַ פאַרגלייכונג. גלייכן דערצו, ווי עס איז ניטאָ קיין לייכטער אַ גלענצנדער, איידער די זון, אַזוי קומט דעם פּאָעט ניט אויס צו באַזינגען קיין געוועט אַ מער גערימטן, איידער דעם אָלימפּישן. דעם פּאָעטס געדאַנקען טראָגן זיך ווייטער אַריבער אין דער „רייכער מיט טשערעדעס" סיציליע, צו דעם געבענטשטן פּאַלאַץ פון היעראָן, וועלכער „רייסט אַראָפּ די בלי־ונג פון

אַלע מידות טובות״. זיין פערד „האָט זיך אויף די ברעגן פון אַלפּעאַ״ (די אָלימפּישע שפּילן פלעגן פאָרקומען אויף די ברעגן פון דעם דאָזיקן טייך, וואָס איז דער סאַמע באַדייטנדיקער פון די פעלאָפּאָנעסער טייכן) דורכגעטראָגן איבער דעם לויף־פּלאַץ, און ניט פאָדערנדיק קיין שפּאָרן, האָט ער פאַרמערט דעם רום פון זיין האַר, דעם רייכן מיט פערד סיראַקוזער קיניג. און עס שיינט זיין רום אין דעם רייכן מיט מענטשן ישוב פון דעם לידיער פעלאָפּס. דאָ גייט דער פּאָעט אַריבער צו דעם מיטאָס וועגן פעלאָפּסן. דער טראַדיציאָנעלער מיטאָס וועגן פעלאָפּסן דערציילט, אַז זיין פאָטער טאַנטאַלאָס האָט פון זיין זון צוגעגרייט אַ מאכל און האָט אים פאָרגעלייגט די געטער, וועלנדיק אויספּרוּוון זייער אַלוויסן. נאָר איין דעמעטרע האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן און האָט אויפגעגעסן אַ טייל פונם אַקסל. און ווען די געטער האָבן לעבעדיק געמאַכט דעם יינגל, האָט דעמעטרע דעם טייל, וואָס האָט געפעלט, פאַרלייגט מיט אַן אַקסל פון העלפאַנדביין. פינדאַר האַלט זיך ניט שטרענג פאַר דער דאָזיקער טראַדיציאָנעלער דערציילונג, און ער גיט איבער די זאַך אַנדערש. לויט זיינע ווערטער, האָט „קלאָטאָ צוגענומען דאָס קינד פון דער ריינער וואַנע מיט אַן אַקסל, וועלכער האָט געגלאַנצט געגליכן צו העלפאַנדביין״. אַנדערש גערעדט, דער פּאָעט איז משער, אַז פעלאָפּס איז שוין געבוירן געוואָרן אין אַזאַ געשטאַלט. די דאָזיקע ענדערונג האָט דער פּאָעט געמאַכט מחמת צוויי סיבות. ערשטנס דערפאַר, וואָס דער „בונטער ליגן״ נאַרט אונז אָפטמאָל אָפּ בנוגע דעם אמתן זינען פון דער מסורה; צוליב דער שיינקייט פון דער דערציילונג גלויבן מענטשן אָפטמאָל אין אַזוינס, אין וואָס מען דאַרף ניט גלויבן. צווייטנס דאַרף מען מענטשן דערציילן וועגן די געטער בלויז שיינע זאַכן. דעריבער האָט דער אַווטאָר באַשלאָסן איבערצוגעבן אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער די ערציילונג וועגן פעלאָפּסן. „אָ, זון פון טאַנטאַלאָסן, — שרייט ער אויס, — מיין דערציילונג וועגן דיר וועט סותר זיין מיינע פאָרגייער״. אין פינדאַרס רעדאַקציע גיט זיך דער טראַדיציאָנעלער סוזשעט איבער אויף אַזאַ אופן: טאַנטאַלאָס האָט צו זיך איינגעלאַדן אויף אַ מאָלצייט די געטער. פּאָסיידאָנען, „דעם גאָט מיט דעם גלענצנדיקן דריי־צאָן, איז געפעלן געוואָרן דער זון פון דעם ווירט. ער „האָט זיך אָנגעצונדן מיטליידנשאַפטלעכער ליבשאַפט צו פעלאָפּסן, און האָט אים אַוועקגעפירט אויף גילדערנע פערד „אין די הויכע פּאַלאַצן פון דעם ברייט געריימטן צעוסן״. אַלע האָבן אָנגעהויבן זוכן דעם פאַרשוואונדענעם יינגל, און היות ווי קיינער פון די דינער האָט אים ניט געקאָנט געפינען, האָט עמעצער פון די שכנים, די בעל־מקנאס, פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען האָט פעלאָפּסן „צעשניטן מיט אַ מעסער אויף שטיקלעך און אַריינגע=

וואָרפן אין ווי אַ קוואַל קאָכיקן וואַסער, און דערנאָך האָט מען אַרום די טישן צעטיילט די לעצטע שטיקלעך פלייש און מען האָט זיי אויפגעגעסן. פינדאַר לייקנט קאַטעגאָריש אָפּ, אַז דער קלאַנג איז אמת: „איך קאָן בשום אופן ניט באַשולדיקן עמעצן פון די אומשטערבלעכע אין דעם ווינד פון נאָכגעבן דעם בויך. אויסגעטייטשט אויף זיין שטייגער די פאַרצייטיקע מסורה וועגן פעלאָפּס, וועלכער האָט זיין נאָמען געגעבן דעם קאַנט פּעלאָפּאָנעס, וואו עס זיינען פאָרגעקומען די אָלימפּישע פייערונגען, דערציילט פינדאַר וועגן טאַנטאַלאָסן, וועלכער איז דערהויבן געווען דורך די געטער פון אָלימפּ, נאָר ער האָט ניט געוואוסט, ווי אויסצוניצן זיין גליק און האָט אויפגעוועקט דעם צאָרן פון די אומשטערבלעכע. ער האָט ביי זיי צוגעגנבעט נעקטאַר און אַמבראָזיע און זיינע גוטע פריינד פאָרגעלייגט די שפּייז און דעם געטראַנק פון די געטער. אַלס שטראָף האָבן „די שומרים פונם אָלימפּ" אים פאַרמשפּט אויף שרעקלעכע פּיינען, און פון דעמאָלט אָן לעבט ער אַ לעבן, וואָס איז פול מיט גרויסע צרות. חוץ דעם האָבן אים די געטער אַלס שטראָף פאַר זיין עזות צוריק אַראָפּגעשיקט זיין זון אויף דער ערד צו די שטערבלעכע מענטשן. פעלאָפּס האָט ליב געקראָגן די טאָכטער פון דעם פּיזאַנישן קיניג ענאָמאַאָס — היפּאָדאַמיע, און האָט אָנגעהויבן בעטן פּאָסיידאָנען, ער זאָל אים אָפּלאָזן. ענאָמאַאָס האָט פאָרגעלייגט היפּאָדאַמיעס חתנים אויספּרוּוון זיך מיט אים אין שנעל לויפן אויף אַ רייט=וואָגן, מיט דעם תנאַי צו טויטן די באַזיגטע. צוועלף חתנים האָט שוין דער קיניג פון פּיזאַ אומגעבראַכט, אָבער פעלאָפּס האָט זיך ניט דערשראָקן, ער האָט געפּועלט ביי פּאָסיידאָנען, ער זאָל אים געבן אַ שנעלן רייטוואָגן און „פערד, וואָס ווייסן ניט פון קיין מידקייט"; מיט זייער הילף האָט ער אָפּגעהאַלטן דעם נצחון און ער האָט באַקומען היפּאָדאַמיען. „געוואָרן זיין ווייב, האָט זי אים געבוירן זעקס קיניגלעכע זין, פעסטע אין מיט זייער גוטע מידות. אין אונזערע טעג ווערן די ביינער פון דעם העראָי, לעבן דעם שטראָם פון אַלפעי, געאַכט דורך גלענצנדע קרבנות, און דאָס בערגל אויף זיין קבר מיט זיין מזבח ווערן אָפּט באַזוכט פון פרעמדע, וועלכע קומען פון פאַרשיידענע לענדער". דער רום פון די אָלימפּישע שפּילן „שיינט פון דער ווייטן אויף די לויפּלעצער פון פעלאָפּס, וואו עס קאָנקורירן סיי די שנעלקייט פון די פיס, סיי די קרעפטן פון מעכטיקן קערפּער, און דער מנצח האָט אויף דער גאַנצער צוקינפטיקער צייט הנאה פון גוטער שפע פאַר זיינע נצחונות. אייביקע, אומענדערלעכע טאָג=טעגלעכע גוטס איז דאָס העכסטע, וואָס אַן אומשטערבלעכער קאָן דערגרייכן". די אָדע פאַרענדיקט זיך מיט שבחים לכבוד היעראָנען, מיט ווינטשן אים נייע נצחונות און מיט דער הבטחה אַז דינען ווידער אַמאָל מיט די מתנות פון זיין מוזע.

די דאָזיקע אָדע ערלויבט אונז פעסטצושטעלן די גרונדשטריכן פון דער פּינדאַרישער פּאָעזיע. מיר זעען, אַז דער פּאָעט ניצט אויס דעם פּריוואַטן נצחון אין די שפּילן, כּדי מיט אים צו פאַרבינדן טיפערע און אַלגעמיינערע געדאַנקען און פאַקטן. וועגן היעראָנען אַליין רעדט זיך אין דער אָדע לפי=ערך ניט פיל. אָבער דערפאַר ברענגט זיין נצחון אַרויף דעם אַוטאָר אויף דעם געדאַנק וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון די אָלימפּישע שפּילן בכלל, וועגן דעם גרינדער פון פּעלאָפּאָנעס, וועגן די באַציִונגען צווישן מענטשן און געטער. אין דער דאָזיקער באַזונדערער איינגשאַפּט איז אפשר באַהאַלטן דער סוד פון דעם רייץ, וואָס עס האָט די פּינדאַרישע מוזע, וועלכע האָט איבער די ברעגן פון אַלפעאַ אַרויסגערופן די טייערע שאָטנס פון דעם עבר, האָט ווידער לעבעדיק געמאַכט די וועלט פון די העלענישע פאָרשטעלונגען. די צווייטע באַזונדערהייט פון דער פּינדאַרישער פּאָעזיע — דאָס איז דער טיפער רעליגיעזער געפיל, די יראת=הכּבודיקע באַציִונג פון דעם פּאָעט צו די געטער. די אומשטערבלעכע ווייסן אַלץ. דער שטערבלעכער, וואָס איז מורד אין זייער מאַכט, מוז אַכזריש באַשטראָפט ווערן. טאַנטאַלאָס, וועלכער האָט געהאַט די העזה צו צווייפלען אין זייער קראַפט און אַלוויסן, איז נערעכטיק באַשטראָפט געוואָרן: „גרויס איז דער טעות פון יענעם, — שרייט אויס דער פּאָעט, — ווער עס וואַגט צו פאַרהוילן זיינע מעשים פון גאָט!“ די דריטע באַזונדערהייט פּינדאַרס איז — זיין ראַציאָנאַליסטישע ריכטונג. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן דערויף, וואָס אין VI יאָרהונדערט הייבט זיך אָן דער פאַלן פונם גלויבן אין וואונדער, פאַרענדיקט זיך דער מיטאָלאָגישער פּעריאָד אין דעם גייסטיקן לעבן פון גריכנלאַנד. דער מענטש באַנוגנט זיך שוין ניט מיט די מיטן אַלס אַ מיטל צו דערקלערן די ערשיינונגען פון דער נאַטור און פון דער געשיכטע. ער טראָגט אַריין די קריטיק אין דער אויסטייטשונג פון די טראַדיציאָנעלע מיטן, זיין שכל קען שוין ניט שלום מאַכן מיט די סתירות, וועלכע פלעגן פריער אָנגענומען ווערן דורכן גלויבן. אין פּינדאַרס אָדעס שטויסן מיר זיך אָן מיט די דאָזיקע נאָך ניט פעסטע פּראָבעס פון קריטישער באַציִונג צו די מיטן. ער אַנאַליזירט זיי, ער וואַרפט אָפּ, אָדער ער ענדערט דאָס, וואָס עס איז סותר זיינע אָנשויונגען, און באַמיט זיך צו ברענגען אין הסכּם די אַלע מסורות מיט זיינע פאָרשטעלונגען. אַזוי וואַרפט ער אָפּ אין דער אויבנגעבראַכטער עפּיניקיע, אַלס אויסגעטראַכטע זאַך, אַלץ, וואָס עס שטימט ניט מיט זיין געהויבענעם בליק אויף דער גאָטהייט. אַזוי=אַרום זיינען פּינדאַרס אָדעס ניט געווען קיין פּשוטע הימנען לכּבוד דעם מנצח. אין זיי האָט זיך אויסגעדריקט די

מעכטיקע גייסטיקע אַרבעט פון דעם זיך זעלבסטבאַשטימענדיקן גרויסן
פאָלק, וואָס האָט נאָר=וואָס איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע געפאַר און האָט
זיך ערראָבערט גינסטיקע באַדינגונגען פאַר זיין פרייער אַנטוויקלונג. די
דאָזיקע ברייטקייט פון די סוזשעטן און די טיפקייט פון די געדאַנקען
האָט זיך צפּגעשפיגלט אויך אויף דער פאָרם פון דער פינדאַרישער אָדע.
זיין סטיל צייכנט זיך אויס מיט אַ פייערלעכן כאַראַקטער. די העלדן פון
דער פאַרגאַנגענהייט וואַקסן אויס אין געטער און אין ריזן, די דערציילו=
גען וועגן זייערע גבורות ווייזן אויס ווי מערכנהאַפטע עפּאָפּעען. צום באַ=
דויערן איז פון אונז אויף אייביק אַוועקגערויבט די מעגלעכקייט צו דער=
פילן די שיינקייט און די קראַפט פון דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער פּאָ=
עזיע. זי איז געוועזן דער אייגנאַרטיקער אויסדרוק פון אַ באַשטימטער
צייט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם העלענישן גייסט, און דעם מענטשן,
וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון יענע געשעענישן, האָט געקאָנט
פאַרכאַפּן די דאָזיקע פּאָעזיע, וועלכע קען זיך אויסדאַכטן ווי אַ קאַלטע
און אַ מליצהדיקע אין אונזער צייט. פאַר אונז זיינען אויף אייביק פאַרלאָרן
אַפילו די געזעצן פון דעם ריטם, וועלכע עס האָבן געהערשט אין פינדאַרס
אָדע, מחמת מיר האָבן שוין מער ניט די מעלאָדיע, מיר זעען ניט די
האַרמאָנישע באַוועגונגען פון דעם כאָר, — מיט איין וואָרט, די דאָזיקע
קונסט, אין וועלכער פּאָעזיע, מוזיק און כאָרעאָגראַפיע האָבן זיך צוזאַ=
מענגעגאָסן אין איין אומטיילבאַרער גאַנצער זאַך, עקסיסטירט שוין ניט
מער פאַר דער וועלט. „דער רום פון זיינע לידער איז פאַר דער וועלט
פאַרפאַלן אויף אייביק צוזאַמען מיט דער פליסיקער האַרמאָניע, וואָס אונטער
אירע קלאַנגען איז ער אַ מאָל געבוירן געוואָרן. זי איז פאַרפאַלן געוואָרן צוזאַ=
מען מיט דער גרויסאַרטיקייט פון די פליענדיקע רייטוועגן און די אַטלע=
טישע פאָרמען, אַרום וועלכע די דאָזיקע לידער האָבן אַמאָל געוואָרפן זייער
שיין; עס זיינען אויפקומען די שטעט מיט די באַפּוצטע ווייסע ווילן אויף
די ברעגען פון דעם עגעישן און דעם סיצילישן ים, וואו זיי האָבן גע=
שפּרייט זייער כּישוף צוזאַמען מיט די גלויבונגען און די תענוגים, וועלכע
זיי האָבן פאַראייבלט. אָבער די, וועלכע האָבן ליב פינדאַרס פּאָעזיע,
ווייסן אויך ביי היינטיקן טאָג, אַז זיינע לידער עטעמען מיט ריינער
שטאַרקנדיקער לופט, און זיי לאָזן זיך פילן ווי דאָס שטאַרקע פאָכן פון
דעם אָדלערס פליגלען, ווען ער שווינגט מיטן שאַרף אָנגעשטעלטן אויג
צו דער זון, צעשניידנדיק די לויטערע, רויקע לופט" 1).

---

2) דזשעב. די געש. פון דער גריכישער ליטעראַטור.

VI.

דער אָנהייב פון דער דראַמאַטישער קונסט. — טעספיס. — די אייוואַרדענונג פון דעם גריכישן טעאַטער. — די אַרטיסטן. — די פובליק. — דעקאָראַציעס, מאַסקעס, קאָסטיומען. — דער כאָר. — אייסכילאָס. — זיינע טראַגעדיעס. — „די פערסן“. — „זיבן קעגן טעבען“. — „די בעטערינס“. — „דער געשמידטער פראָמעטעוס“. — די באַדייטונג פון דער דאָזיקער טראַגעדיע און שעלליס „פראָמעטעוס“. — די טרילאָגיע „אָרעסטעיאַ“. — אויספיר.

מיט פינדאַרס נאָמען פאַרענדיקט זיך די גרויסע רשימה לירישע פּאָעטן אין דעם אַלטן גריכנלאַנד. עס איז קיין ספק ניט, אַז די לירישע פּאָעזיע האָט נאָכדעם אויך ווייטער עקסיסטירט. צו אונז זיינען דערגאַנגען נעמען פון ליריקער, וועלכע האָבן געהערט צו דער נאָך־פינדאַרישער עפּאָכע און זיינען אַפּנים געוועזן זייער באַגאַבטע. אָבער אין אַלגעמיין איז דער V יאָרהונדערט געוועזן דער סוף פון דער לירישער פּאָעזיע. דאָס איז געוועזן דער יאָרהונדערט פון שנעלער און אומפאַרגלייכלעכער בליִונג פון אַן אַנדער מין פּאָעזיע — נעמלעך: פון דער דראַמע. פונקט ווי אין VII און VI יאָרהונדערטן האָבן די נעמען פון די עפּישע פּאָעטן, די יורשים פון האָמערן און העסיאָדן, זיך פאַרדעקט מיט טונקלקייט פאַר די נעמען פון אַרכילאָכוס און סאַפּפאָ, אַזוי האָבן אין V יאָרהונדערט די פּאָעטן, וועלכע האָבן נאָכגעמאַכט פינדאַרן און סימאָנידעסן, געמוזט אָפּטרעטן זייער אָרט פאַר סאָפאָקלעסן און עוריפּידעסן. הגם כראָנאָלאָגיש פאַרכאַפּט פינדאַר אַ באַדייטנדן טייל פון דעם V יאָרהונדערט, אָבער לויטן גייסט שליסט ער דעם פאַרגייענדיקן פעריאָד פון דער פּאָעזיע, בשעת דער גרויסער חבר פון זיין צייט אייסכילאָס הייבט מיט זיך אָן אַ נייעם פעריאָד. די דראַמע האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דער ליריק פונקט אַזוי נאַטירלעך, ווי יענע האָט אין איר צייט פאַרנומען דעם אָרט פון דעם עפּאָס, ווען אין זיין געהויבענער פאָרם האָבן זיך שוין ניט געקענט איינמעשטשען די באַוועגלעכע געפילן און אידעען, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן דורך די נייע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, פאָדערונגען און געשמאַקן. אין דער דראַמאַטישער פּאָעזיע האָט דער העלענישער שעפערישער גייסט געפונען זיין העכסטן אויסדרוק. נאָך די פּערסישע מלחמות האָט זיך אָנגעהויבן אַ פעריאָד, ווען עס האָבן אויפגעבליט די גייסטיקע כוחות פון גריכנלאַנד. די פּאָעזיע, וועלכע האָט זיך ביז דעמאָלט באַ־



גריכישער טעאטער

וועגט מער=ווייניקער אין אַ באַשטימטן קרייז פון סוזשעטן, האָט איצט פונאַנדערגעלאָזן די פליגלען אין דער גאַנצער ברייט, פאַרכאַפּט טיף די עיקרשטע יסודות פון דעם מענטשלעכן גייסט, זי שילדערט די גאַנצע פאַרשיידנאַרטיקייט פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן, באַשיידט גרויסע מאָראַלישע פּראָבלעמען. די דראַמאַטישע פּאָעזיע, אין וועלכער פּלאַסטיק, מוזיק און וואָרט באַהעפטן זיך אין אַ האַרמאָנישער גאַנצער זאַך, האָט אַנטשפּראָכן די פאַרברייטערטע אויפגאַבן פון דער פּאָעזיע פיל מער, איידער די ליריק. מיר האָבן געזען, אַז די דאָזיקע לעצטע האָט שוין אין פּינדאַרס אָדעס און אפילו פריער פאַר אים לאַנג אַריבערגעטראָטן יענע גרענעצן, וועלכע מיר זיינען היינטיקער צייט געוואוינט צו שטעלן פאַר דעם דאָזיקן מין פּאָעזיע. בעצם האָט זיך שוין אין דער כאָרן=ליריק באַהאַלטן דער זאָמען פון דער דראַמאַטישער אַקציע. עס זיינען נאָך ניט געווען קיין באַזונדערע ווירקנדיקע פּערזאָנען און קיין אמתער דיאַלאָג, אָבער אייניקע פון די פאָרמען פון דער ליריק האָבן זיך שוין דערנעענטערט צו די ערשטע אומבאַשטימטע פּראָבעס צו באַשאַפן אַ דראַמאַטישע אַקציע. שוין אין דער טיילונג אויף סטראָפע און אַנטיסטראָפע האָבן זיך פאַרהוילן עלעמענטן פון דיאַלאָג.

אַ מער באַשטימטן כאַראַקטער נעמט אָן דאָס כאָרן=ליד אין דער צייט פון דעם פּאָעט אַריאָן (אָנהייב VI י. ה. פאַר קר. געב.). ער האָט פאַרפיקסירט די צאָל פון די אָנטיילנעמער אין כאָר, באַשטימענדיק אים אין פופציק מאַן. באַרימט געמאַכט האָט ער זיך מיט דיפיראַמבן, ד. ה. מיט יענע לידער, וועלכע מען האָט געזונגען לכבוד דיאָניזאָסן. פון דעם דיפיראַמב האָט זיך עם טאַקע אַנטוויקלט די דראַמאַטישע פּאָעזיע. דיאָניזאָס, דער גאָט פון דעם וויין, האָט פאַרנומען אַ מין מיטעלע לאַגע צווישן דעם מענטשן און די העכערע כוחות. קיינער פון די געטער האָט ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ קלאָרע באַגייסטערנדיקע און באַפרייענדיקע קראַפט. דער קולט פון דיאָניזאָסן פאַראייניקט אין זיך סיי טיף טרויעריקע עלעמענטן, סיי גרענעצלאָזע פרייל‏עכקייט. דעריבער האָבן זיך פון אים אַנטוויקלט אי די טראַגעדיע, אי די קאָמעדיע. די אַוואַנטורעס פון דעם גאָט פונם וויין, וועלכער האָט געוואַנדערעוועט איבער דער וועלט און איז געווען אַרומגערינגלט מיט סאַטירן, האָבן געגעבן אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר דער פּאָעטישער שאַפונג. די לויב=הימנען צו דיאָניזאָסן האָבן אין זיך אַנטהאַלטן דערציילונגען וועגן די סכנות, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, וועגן די נצחונות, וועלכע ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער זיינע שונאים. די הויפּט=פייערונגען לכבוד דיאָניזאָסן פלעגן פאָרקומען אין האַרבסט און אין פרילינג. אין די דערפער פלעגן די דאָזיקע פייערונגען באַגלייט ווערן מיט

פריידן און מיט טענץ, באַזונדער אין דער צייט, ווען מען פלעגט קלייבן די וויינטרויבן, אָדער אין די טעג, ווען מען פלעגט טרינקען דעם וויין פון דער נייער גערעטעניש. בשעת דער פּראָצעסיע פלעגן די פויערים זיך ניט באַנוגענען מיט זינגען לידער, וועלכע זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער פּראָגראַם פון דער פייערונג, מען פלעגט אַריינשטעלן וויצן, וועלכע האָבן ניט זעלטן אַנטהאַלטן באַמערקונגען וועגן טאָג-פראַגן פון אויפדעקונגס-כאַראַקטער, אָדער מען פלעגט אָפּלאַכן פון באַזונדערע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען באַרימט. סווישען פאַר די דאָזיקע אַריינגעשטעלטע שטיקלעך פלעגט געבן דאָס לעבן גופא, די געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער סביבה. אין די דאָזיקע וויצן פלעגט זיך אַרויסווייזן די שאַרפזיניקייט פון פאָלק. אַזוי איז ביסלעכווייז באַשאַפן געוואָרן די אמתע קאָמישע אַקציע. די טראַגעדיע איז אַנטשטאַנען פון דעם זעלביקן קולט. די מאַסע אַוואַנטורעס פון דעם גאָט, וואָס האָבן געדינט אַלס קעגנשטאַנד פון ערנסטן ליד לכבוד אים, האָבן אַרויסגערופן דעם פאַרלאַנג צו דראַמאַטיזירן זיי. די פּערזאָן, וועלכע האָט אָנגעפירט מיטן כאָר, האָט פאַרנומען אַ זעלבשטענדיקע לאַגע [1]. מיט דער צייט האָט זיך דער אינהאַלט פון דעם ליד פאַרברייטערט, און דער אָנפירער פון דעם כאָר האָט אָנגעהויבן נעמען סוזשעטן פון די פאַרצייטיקע העראָישע זאַגעס. דערביי האָט דער אָנפירער, וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען קאָריפעי, דערציילט וועגן די אַוואַנטיורעס פון די העראָיען, און דער כאָר האָט אויסגעדריקט דעם איינדרוק, וואָס באַזונדערע מאָמענטן פון דער ערציילונג האָבן געמאַכט. די דאָזיקע מער ערנסטע זייט פון דעם קולט איז געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער טראַגעדיע.

פאַר דעם גרינדער פון דער טראַגעדיע אין גריכנלאַנד איז אָנגענומען צו האַלטן טעספּיסן (אין VI יאָרה. פאַר קר. געב.). ער האָט דער ערשטער אינם דיפיראַמב אַריינגעפירט עכטע דראַמאַטישע אַקציע, ד. ה. ער האָט דעם דערציילער פאַרוואַנדלט אין אַן אויספירער, אַן אַקטיאָר. דער כאָר האָט אויפגעהערט פּשוט צו דערציילן ווען דער געשעעניש, נאָר ער האָט געשילדערט דאָס פאָרגעקומענע דורך נאָכמאַכן. דער קאָריפעי האָט געזאָגט דעם פּראָלאָג, כדי אַריינצופירן דעם צושויער אין דער אַקציע און דערקלערן דאָס, וואָס עס האָט געקענט זיין אומפאַרשטענדלעך. ער האָט געשמועסט ניט מיט אַ גאַנצן כאָר, נאָר מיט איינעם פון די כאָריסטן. אַזוי-אַרום איז אַנטשטאַנען דער דיאַלאָג און עס איז געקומען דער אמתער אַקטיאָר. די געשעענישן זיינען איצט געווען ניט עפּעס אַזוינס, וואָס איז שוין לאַנג געשען, נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעשפּילט

---

1) בערגק. גריכ. ליטער.-געש. III, 1884.

פאַר דעם צושויער אין די אויגן. בשעת דער קאָריפעי האָט גערעדט, האָט דער כאָר געשוויגן, און בשעת דער כאָר האָט געזונגען, האָט דער קאָריפעי, וועלכער איז דעמאָלט געווען פריי, באַוויזן איבערצוטאָן זיך אין אַנדערע קליידער און אָנצוטאָן אַ נייע מאַסקע, אויב דער פאַרלויף פון דער אַקציע האָט עס געפאָדערט. פאַר טעספּיסן האָט זיך אין דעם כאָר פאַראייניקט דער עפּישער און דער לירישער עלעמענט. דער כאָר האָט געזונגען וועגן דער געשעעניש און באַגלייט די ערציילונג מיט דעם אויסדרוק פון זיינע געפילן. איצט האָט מען דעם כאָר אָפּגעגעבן בלויז דעם געביט פון דעם לירישן; די שילדערונג פון דער געשעעניש גופא איז געווען די הויפּטפליכט פון דעם קאָריפעי. ער פלעגט אַמאָל אָננעמען די געשטאַלט פון אַ העראָלד, וועלכער האָט די צושויער מיטגעטיילט וועגן די פאָרגעקומענע געשעענישן. אַמאָל פלעגט ער אויסשטעלן די הויפּטאָנטיילנעמער פון דער אַקציע, אַמאָל פלעגט ער דערציילן זייערע כוונות און באַשלוסן [1]. טעספּיסן שרייבט מען צו אויך די פאַרברייטערונג פון די עצם סוזשעטן פון דער דראַמאַטישער אַקציע. ער באַגרענעצט זיך ניט מיט דעם ציקל לעגענדעס וועגן דיאָניזאָסן, ער באַארבעט אויך די מיטן וועגן די העראָיען, ווי עס באַווייזן די נעמען פון זיינע ווערק, וועלכע זיינען צו אונז דערגאַנגען. ענדלעך, אויסקלייבנדיק מער ערנסטע סוזשעטן פאַר זיינע ווערק, האָט טעספּיס צוגעגעבן גרעסערע פייערלעכקייט דער שפּראַך און האָט אַזוי=אַרום געמאַכט אַ טריט פאָראויס אין דעם הינזיכט פון אָפּזונדערן די טראַגעדיע, מחמת דער כאָר פון סאַטירן, וועלכער איז געווען אַן אומבאַדינגטער אָנטיילנעמער אין די פייערונגען לכבוד באַקכוסן, האָט געמוזט פאַרלירן זיין באַדייטונג.

אַזוי=אַרום מערקן זיך פון טעספּיסעס צייטן אָן די גרונטעלעמענטן פון דער גריכישער טראַגעדיע. פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט איבערטרייבן זיין באַדייטונג. אין זיין צייט איז נאָך אַלץ ניט געווען קיין עכטע טראַגעדיע אין דעם שפּעטערדיקן זינען פון דעם וואָרט. דער לירישער עלעמענט האָט נאָך אַלץ געהאַט די אויבערהאַנט איבער דעם דיאַלאָג און דער אַקציע, און טעספּיסעס טראַגעדיע איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געבליבן אַ כאָר=ליד. די פּרינציפּן פון דער טראַגעדיע, וועלכע טעספּיס האָט אָנגעמערקט, האָבן זיך ווייטער אַנטוויקלט ביי זיינע נאָכפאָלגער כאָרילאָס, פּראַטינאַס און פרינִיכאָס. באַזונדער דאַרף מען דעם לעצטן (אין דער צווייטער העלפט פון דעם VI י. ה.) אָפּגעגעבן אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער געשיכטע פון דער טראַגעדיע. ער האָט דער טראַגעדיע צוגעגעבן אַ נאָך מער ערנסטן

1) Ib., 257—258.

כאַראַקטער. דער כאָר פון די סאַטירן האָט זיך צו דער דאָזיקער צייט ענדגילטיק עמאַנסיפּירט פון דער טראַגעדיע און איז אַריין אין אַ באַזונדער אַרט דראַמאַטישער קונסט — אין די „סאַטירישע" פּיעסן. פּריניכאָס האָט זיך שוין ניט באַנוגנט מיט היסטאָרישע סוזשעטן. ער האָט אין דער טראַגעדיע אַריינגעפּירט געשעענישן פון זיין צייט. ער האָט געשילדערט די מפּלה פון מילעט. אין דער צייט, ווען מען האָט די דאָזיקע פּיעסע פאָרגעשטעלט אין אַטען, האָט, לויט הערעדאָטס ווערטער, דער גאַנצער טעאַטער זיך באַגאָסן מיט טרערן. די אַטענער האָבן פאַרבאָטן צו שטעלן די פּיעסע און האָבן אויף דעם פּאָעט אַרויפגעלייגט אַ קנס פון טויזנט דראַכמען דערפאַר, וואָס ער האָט זיי דערמאָנט זייערע נאָענטע אומגליקן 1).

ערשט ווען אייסכילאָסעס שאַפונגען האָבן זיך באַוויזן קאָן מען שוין ריידן וועגן דער אמתער גריכישער טראַגעדיע. אָבער איידער מיר וועלן אַריבערגיין צו דעם פּעריאָד, ווען עס האָט אויפגעבליט די גריכישע דראַמאַטישע פּאָעזיע, מוז מען עטלעכע ווערטער זאָגן וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז איינגעאָרדנט געווען דער גריכישער טעאַטער. ער איז באַשטאַנען פון דריי הויפּטטיילן: אַ סצענע, אַן אָרכעסטרע און ערטער פאַר די צושויער. די ערטער פאַר די צושויער זיינען געוויינלעך געלעגן לעבן עפּעס אַ הויכן אָרט — לעבן אַ פעלז צי אַ באַרג. מען פלעגט די ערטער פאַר דער פּובליק אויסהאַקן אין פעלזן, און אויף אַ ווייניקער באַקוועמען באָדן פלעגט מען אויסלייגן שטיינערנע טאָוולען. זיי זיינען געגאַנגען ווי אַן אַמפיטעאַטער, אין קאָנצענטרישע האַלב=קרייזן, וועלכע האָבן זיך געהויבן איינע איבער די אַנדערע. דערביי, פאַרשטייט זיך, האָט דער קלענסטער האַלב=קרייז, וועלכער האָט געגרענעצט מיט דער אָרכעסטרע, דעם צענטראַלן טייל פונם טעאַטער, און וועלכער האָט פאָרגעשטעלט די ערשטע שורה ערטער, זיך געפונען אונטן, און דער גרעסטער פון די קאָנצענטרישע האַלב=קרייזן האָט זיך געפונען נאָר אויבן. פון אונטן זיינען אין דעם האַלב=קרייז געגאַנגען אַרויף טרעפּ אין דער פאָרם פון ראַדיוסן, וועלכע האָבן געטיילט די ערטער פון די צושויער אויף אַ ריי „קלינעס". עס איז פאַראַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז עס האָט עקסיסטירט אַ נומעראַציע, אָדער אַנדערע מיטלען אָנצוצייכענען די ערטער, די רייען, אָדער די קלינעס. אין אַטען זיינען אין יעדער קלין אויסגעשטעלט געווען סטאַטועס, וועלכע זיינען טיילווייז נאָך פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג. דער דאָזיקער אומשטאַנד דערלאָזט די השערה, אַז די קלינעס האָט מען גערופן אויף דעם נאָמען פון די דאָזיקע סטאַטועס. די טרעפּ צווישן די קלינעס זיינען געווען אַזעלכע שמאָלע, אַז איבער זיי

1) הערעדאָט, IV, 21.

האָט געקאָנט גיין ניט מער ווי איין מענטש. די ערטער פאַר די צושויער האָבן זיך געטיילט אויף צוויי־דריי גאָרן, וועלכע האָבן זיך אָפגעטיילט איינע פון די אַנדערע מיט ברייטע דורכגאַנגען. אָרכעסטרע האָט געהייסן דער שטח צווישן די ערטער פאַר די צושויער און דער סצענע, אָדער, אייגנטלעך, ריכטיקער, דער מיטלסטער טייל פונם טעאַטער, וועלכער האָט זיך אַזוי גערופן צוליב די טענץ פון דעם כאָר, וואָס פלעגן דאָ פאָרקומען. אַזוי אַרום האָט דער אָרט פון דער אָרכעסטרע אין דעם גריכישן טעאַטער דערמאָנט דעם אָרט פונם פאַרטער אין דעם טעאַטער פון דער היינטיקער צייט, און די ערטער פאַר די צושויער זיינען געלעגן ווי אויף דעם אָרט פון די היינטיקע לאָזשעס און באַלקאָנען און האָבן אַרומגענומען די אָרכעסטרע ווי מיט אַ רינג. אין צענטער פון דער אָרכעסטרע, וועלכע האָט זיך אויך גערופן קאָניסטרע (מחמת דעם, וואָס זי איז ניט געווען ברוקירט און פעסט), האָט זיך געפונען אַ מזבח לכבוד דיאָניזאָסן. בשעת דער פאָרשטעלונג פלעגט דאָ שטיין דער כאָר. פון אָרכעסטרע האָבן עטלעכע טרעפ געפירט אַרויף צו דער סצענע. די סצענע האָט פאָרגעשטעלט אַ מין כאָרדע, וועלכע האָט צונויפגענומען ביידע עקן פון דעם האַלב־קרייז פאַר די צושויער. דאָס איז געווען אַ גאַנץ שמאָלער פאַס, הינטער וועלכן, ד. ה. גלייך קעגן די צושויער, האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואַנט, אין וועלכער עס זיינען געווען דריי טירן. די קליינע צאָל פון די ווירקנדיקע פערזאָנען פונם אַלטגריכישן טעאַטער האָבן גערעדט און האָבן זיך באַוועגט פאַר דער דאָזיקער וואַנט אין דעם דערמאָנטן שמאָלן שטח. די ערטער פאַר די צושויער האָבן זיך געפונען אונטערן אָפענעם הימל, הגם עס איז פאַראַן אַ יסוד צו טראַכטן, אַז בשעת אַ רעגן, האָט מען זיך באַנוצט מיט ספעציעלע שוץ־דעכער. און וואָס נוגע דער סצענע, וואָס איר דיל איז אויסגעלייגט געווען פון ברעטער, איז זי אַפנים געווען איבערגעדעקט מיט לייוונטן.

אַזאַ איז געווען די איינאָרדענונג פונם גריכישן טעאַטער. לאָמיר איצט באַטראַכטן יענע צוויי הויפט־גרופן, וועלכע האָבן אים אָנגעפילט בשעת דער פאָרשטעלונג אַמאָל, פונקט אַזוי ווי אין אונזער צייט, דהיינו: די אַרטיסטן און די פובליק. דער גריכישער טעאַטער האָט געבליט אונטערן פרייען הימל, אַנטשפרעכנדיק דער נאַטירלעכער באַדערפעניש פונם גריכישן פאָלק: אין אָנהייב כמעט צונויפגעגאָסן מיט דער רעליגיעזער גאָטס־דינסט, האָט דער טעאַטער געמוזט באַשאַפן אַ קינסטלערישע סביבה, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט דער האַלבמיסטישער שטימונג פון די צושויער, וועלכע זיינען אַהער געקומען. ער האָט געמוזט אונטערהאַלטן און אַנטוויקלען די שטרעבונג צום דערהויבענעם. דעריבער איז די ראָלע פון

דעם אַקטיאָר אויך אַ בכבודיקע. אין די פריסטע צייטן, ווען די טעאַט־ראַלע פאָרשטעלונג האָט נאָך ניט געפאָדערט די צעצווייגונג פון די עלע־מענטן, וועלכע באַטייליקן זיך אין איר, איז ניט געווען קיין שטרענגער אונטערשייד צווישן דעם אַווטאָר און דעם אַרטיסט. די צענטראַלע פיגור אין טעאַטער איז געווען די פּערזאָן, וועלכע האָט אין זיך גלייכצייטיק געהאַט סיי דעם אַווטאָר, סיי דעם אַנטרעפּרעניער, סיי דעם רעזשיסער. דער דראַמאַטורגיקער פּאָעט־רעזשיסער איז צוזאַמען דערמיט געווען אויך דער קאָמפּאָזיטאָר פון די מוזיקאַלישע און פון די אָרכעסטרישע פּאַרטיעס און דער הויפּט־אַקטיאָר־פּראָטאַגאָניסט. אין משך פון דער צייט, האָט דער פּאָעט אויפגעהערט אַרויסצוטרעטן אין דער ראָלע פון אַן אַקטיאָר. דער ערשטער, וועלכער האָט אַליין אויפגעהערט צו שפּילן זיין טראַגעדיע און האָט צו דעם איינגעלאַדן אַ באַזונדער אַקטיאָר, איז, לויט אַריסטאָטעלעסעס ווערטער, געווען אייסכילאָס. ביסלעכווייס האָבן די אַקטיאָרן אויפגעהערט צו זיין געהילפן ביי די פּאָעטן. זיי האָבן געבילדעט אַ זעלבשטענדיקע טרופּע מיט אַ פּראָטאַגאָניסט אין דער שפּיץ. די פאָרשטעלונג איז געווען אַ מלוכה־ענין. דער אַנטרעפּרעניער און דער רעזשיסער, וועלכע זיינען ביידע נכלל געווען אין דער פּערזאָן פון דעם פּאָעט, האָבן געווייינטלעך געשטעלט מיט דער הסכמה פון דער מלוכה־פּאַרוואַלטונג אַ געוויסע צאָל דראַמעס פאַר אַ באַשטימטער באַלוינונג. וואָס מער די אַרטיסטן האָבן זיך עמאַנסיפּירט, אַלץ אָפטער האָבן זיי אַליין גענומען שליסן אָפּמאַכן מיט דער מלוכה. די מלוכה פלעגט זיי ניט זעלטן צאָלן געהאַלט און רעקאָמענדירן זיי די אַווטאָרן. אַזוי־אַרום איז דער פּראָטאַגאָניסט, דער הויפּט־אַקטיאָר, געוואָרן ווי אַ מין אַנטרעפּרעניער. צוזאַמען מיט זיינע גע־הילפן האָט ער זיך מתחייב געווען אויסצופירן אַלע ראָלן אין די באַ־שטימטע פּיעסן. די אַקטיאָרן זיינען געווען שטאַרק געאַכט. זייער פּערזאָן האָט זיך אין פיל ערטער גערעכנט פאַר אומבאַרירלעך, און דע־ריבער פלעגט מען זיי אין דער צייט פון מלחמה אויסניצן פאַר געזאַנדטע.

וואָס נוגע דער פּובליק, איז זי באַשטאַנען נאָר פון פרייע בירגער. קנעכט זיינען דאָ געווען נאָר אַלס משרתים, און אָפט פלעגן זיי ברענגען קישנס, וועלכע מען פלעגט לייגן אויף די שטיינערנע טאָוולען צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון די, וואָס זיינען אויף די ערטער געזעסן. די טעאַ־טערן האָבן זיך אָפּטמאָל אויסגעצייכנט מיט אַן אומוואָרשיינלעכער, לויט אונזערע הייטיקע באַגריפן, רחבות. די צאָל פון די צושויער אין איי־ניקע טעאַטערן איז דערגאַנגען ביז דרייסיק טויזנט מאַן. מען רעכנט, אַז פרויען און קינדער האָט מען ניט אַלעמאָל אַריינגעלאָזן אין טעאַטער. אַלנפאַלס בנוגע פרויען קאָן מען עס באַהויפּטן מיט גרעסערער, אָדער

קלענערער וויכטיקייט פאַר געוויסע פּעריאָדן. אַזוי, למשל, האָט מען ווי אין די V און IV י. ה. ניט אַריינגעלאָזן אויף קאָמישע פאָרשטעלונגען, אָבער זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט צו באַזוכן די טראַגעדיע. אין זאַל פאַר די צושויער זיינען געווען ערטער פאַר די העכערע באַאַמטע, פאַר די פּריסטער, פאַר די פעלדהערן און פאַר אַנדערע בכבודיקע לייט. די דאָזיקע ערטער אין די אונטערשטע רייען זיינען געווען אומזיסטע. און וואָס נוגע דאָס פּובליקום בכלל, איז אין די ערשטע פּריסטע צייטן דער אַריינגאַנג פאַר אים געווען אויך אַן אומזיסטער. דער טעאַטער איז פאַררעכנט געווען כמעט פאַר אַן אָרט פון גאָטסדינסט, אַ מלוכה־זאַך. און יעדער בירגער האָט געהאַט דאָס רעכט אין אים צו קומען. שפּעטער האָט מען איינגעפירט אַ געצאָלט פאַרן אַריינגאַנג, און אין פעריקלעסעס צייטן, ווי ס׳איז באַוואוסט, פלעגט מען די בירגער אַרויסגעבן געלט, צו באַצאָלן פאַרן אַריינגאַנג אויף די טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען.

די דעקאָראַציעס זיינען אין דעם אַלט־גריכישן טעאַטער געווען גאַנץ פּרימיטיוו איינגעאָרדנט. קיין פאָרהאַנג איז ניט געווען, אונזער געשליפטער געשמאַק וואָלט ניט געקאָנט פאַרנעמען יענע אומגעלומפּערטקייטן, וועלכע האָבן זיך באַקומען אַלס רעזולטאַט דערפון, וואָס קיין פאָרהאַנג איז ניט געווען. די הייזער, וועלכע האָבן לויט דעם גאַנג פון דער אַקציע געדאַרפט שטיין אָפּגעטיילט מיט אַ גרויסן שטח, זיינען געשטאַנען איינע לעבן דער אַנדערער פאַר דעם צושויערס אויגן. דער דמיון האָט זיך אַפילו געדאַרפט פאָרשטעלן איינע און די זעלביקע הויז אַמאָל אין שטאָט, אַמאָל אין דאָרף. „די אָפענע סצענע און די איינאַרטיקייט פון דער דעקאָראַציע האָבן געבראַכט דערצו, וואָס געוויסע טיילן פון דער סצענע און פון דער דעקאָראַציע האָבן באַקומען אַ באַשטימטע באַדייטונג. דערהויפּט דאַרף מען עס באַמערקן בנוגע די אַריינגאַנגען אויף דער סצענע און אין דער אָרכעסטרע: די אַריינגאַנגען רעכטס פון די צושויער האָבן באַדייט לאַנד אָדער אויסלאַנד, לינקס — שטאָט אָדער האַפן (ים). דאָס דאַרף מען אַזוי פאַרשטיין: די, וואָס גייען אַרויס אויף דער סצענע פון דעם ערשטן אַריינגאַנג, האָבן געזאָלט אָנקומען פון אויסלאַנד; די, וואָס זיינען ערשינען פון דעם צווייטן אַרויסגאַנג, הייסט עס, זיינען אָנגעקומען פון שטאָט און פון די האַפנס. פון דער לינקער זייט זיינען אַריינגעקומען די געטער פון ים, אַנדערע געטער פלעגן ערשיינען גרעסטן טייל דורך אַ מאַשין. די הינטערשטע וואַנט פון דער סצענע האָט, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, געהאַט דריי טירן. די מיטלסטע אָדער די הויפּט־טיר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט געהעריקע באַפּוצעכצן, ווען זי האָט פאָרגעשטעלט דעם אַריינגאַנג אין אַ פּאַלאַץ פון אַ קיניג אין דער טראַגעדיע, אין אַ פּריוואַטער

הויז — אין דער קאָמעדיע, אָדער אין — אַ הייל אין אַ סאַטירישער דראַמע. פּונקט אַזוי פּלעגט מען באַפּוצן די ווייטיקע טירן, וועלכע האָבן געפירט אין ווייניקער וויכטיקע בנינים. די דעקאָראַציע פון דער הינטערשטער וואַנט האָט אַזוי־אַרום אָנגעוויזן, וואו וואוינען די פּערזאָנען, וועלכע ווירקן אין דער פּיעסע. די זייטיקע דעקאָראַציעס האָבן געזאָלט פאָרשטעלן די לאַגע פון דעם אָרט, וואו די אַקציע פון דער דראַמע קומט פאָר. די ענדערונגען פון דער דעקאָראַציע האָבן אויך געהאַט אַ גאַנץ פּרימיטיוון כאַראַקטער. נאָר אין דעם גריכישן טעאַטער האָט מען זיך פיל באַנוצט מיט מאַשינעס. אַזוי זיינען איבער דער לינקער וואַנט געווען מאַשינעס, וואָס דורך זיי פּלעגן ערשיינען די געטער, כדי פאַר אַמאָל צו אַנטשיידן אַ פּלאָנטער. (פונוואַנען עס נעמט זיך דער באַוואוסטער אויסדרוק deus ex machina); עס איז געווען אַ באַזונדער מאַשין צו מאַכן אַ דונער, אַ בליץ און אַז. וו. דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער עלעמענט פון די דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען אין גריכנלאַנד — אַזאַ עלעמענט, וואָס איז להלוטין ניט דענקבאַר אין דעם טעאַטער פון דער היינטיקער צייט — זיינען געווען די מאַסקעס. אַלע אַקטיאָרן האָבן געשפּילט אין מאַסקעס. נאָר מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער גריכישער טעאַטער איז געבוירן געוואָרן אויפן אָפּענעם פּלאַץ, וואו די צענדליקער טויזנטער צושויער וואָלטן אַלץ איינס ניט געווען אימשטאַנד צו זען די מימישע שפּיל. ס'איז מעגלעך, אַז די טראַגישע אָדער די קאָמישע מאַסקע, וועלכע האָט אומנאַטירלעך אונטערגעשטראָכן דעם אָדער יענעם אויסדרוק, האָט אויף אַ גרויסן מרחק געגעבן אַ מער פולע אילוזיע, איידער עס וואָלט געקענט געבן דאָס געזיכט פון דעם אַקטיאָר. חוץ דעם האָט די מאַסקע פאַרשטאַרקט די שטים און האָט איר צוגעגעבן מער קלינגעוודיקייט, וואָס עס איז געווען נייטיק ביי דער גרויס פון דעמאָלטיקן טעאַטער. דאָס אויסאַרבעטן פון די מאַסקעס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע און אַ שיינע קונסט. איינער פון די פאַרצייטיקע שריפטשטעלער ציילט אָן פאַר דער טראַגעדיע אַכט און צוואַנציק מינים מאַסקעס: זעקס פאַר דער ראָלע פון אַן אַלטן מאַן, אַכט — פאַר יונגע לייט, דריי — פאַר באַדינער, עלף — פאַר פרויען. די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די טיפּן, וועלכע זיינען אָפּט געראָטן איינע אין די אַנדערע, האָט געשאַפן גרויסע שוועריקייט ביים אויסאַרבעטן די מאַסקעס. עס האָבן געמוזט דערפילט ווערן פאָדערונגען פון דריי מינים: ערשטנס בנוגע דער פּלאַסטישקייט פון די ביינער און פון דעם קערפּער, צווייטנס — פון דער פאַרב פון דער הויט, דריטנס — דער פאָרם און דער פאַרב פון די האָר, פון דעם אַרט פאַרקאַמען די האָר און פון דער באַפּוצונג. אין דעם ערשטן פאַל איז וויכטיקער פאַר

אַלץ געווען דער מיטעלער טייל פון קאָפּ, דער שטערן און די ברעמען. אַ פולע קנייטשן אויפן שטערן האָבן באַדייט אַ זייער טיפן עלטער, אַ ביסל קנייטשן — אַן ערנסטן כאַראַקטער; אַ גלאַטער שטערן — פריילעכע שטימונג, אַן אָנגעכמורעטער — אַ טריבע שטימונג. ענג פאַרבונדן מיט דעם אויסדרוק פונם שטערן איז געשטאַנען אויך דער אויסדרוק פון די ברעמען: אָנגעכמורעטע ברעמען האָבן באַדייט ערנסטקייט אָדער טרויער, אויפגעהויבענע — פריילעכע שטימונג, פאַרוואָרפענע אין דער הויך — בייזע. דעם אונטערשייד אין דער לאַגע פון די ברעמען האָט מען אויסגעניצט צו באַצייכענען די ענדערונג אין דער שטימונג. אויב אַזאַ מאָמענט איז אָנגעקומען, האָט דער אַקטיאָר שוין ניט נייטיק געהאַט דווקא צו ענדערן די מאַסקע, נאָר היות ווי ער האָט די גאַנצע צייט דער פובליק געוויזן איין זייט פון פנים, האָט ער נאָכדעם בלויז געדאַרפט אומקערן זיך און באַווייזן די אַנדערע זייט. פונקט אַזאַ איידעלע אַרבעט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די באַפאַרבונג פון דער הויט. מאַנסבילשע מאַסקעס האָבן געהאַט אַ טונקעלע פאַרב, ווייבערשע — אַ ווייסע. געזונטקייט, קראַפט פלעגן איבערגעגעבן ווערן דורך טונקעלן קאָליר, ווייבלעכקייט — דורך ווייסן, קרענקלעכקייט — דורך געלן, כעס — דורך ברוין-בלאָען, ביטערקייט — דורך ברוין-געלן. אויך דאָס אויג האָט געהאַט זיין פאַרב, און דערביי ניט נאָר דאָס ווייסל, נאָר אויך דער שוואַרצאַפּל. דער קאָליר פון די האָר האָט אויך אַנטשפּראָכן די אייגנשאַפטן פון די העלדן. אַלטע לייט האָבן שטענדיק געהאַט ווייסע, גראָע און גראָלעכע האָר; געזונטקייט פאַראייניקט מיט אומגליק און ליידן פלעגט באַצייכנט ווערן דורך טונקעלן קאָליר פון די האָר, שיינקייט — דורך העל-בלאָנדע, פאַלשקייט — דורך געלע. קורצגעשוירענע האָר זיינען געווען אַ סימן פון אומגליק, לאַנגע האָר האָט מען געגעבן קיניגן און זעלנער, פליכטעוואַטע קעפּ זיינען געווען אַן אָפּטע ערשיינונג אין דער קאָמעדיע. כדי צו פאַרגרעסערן דעם וואוקס פון די טראַגישע אַקטיאָרן (וואָס איז געווען ווייט ניט קיין איבעריקע זאַך אין דעם טעאַטער, וואו דער צושויער האָט פון דער ווייטן קוים באַמערקט אויף דער סצענע דעם אַקטיאָר), איז געווען אַ באַזונדער מין שוכוואַרג — קאָטורנעס, וואָס זייער ערפינדונג שרייבט מען אויך צו אייסכילאָסן. אים שרייבט מען צו אויך די איינשטעלונג פון דער סצענישער קליידונג, צו וואָס ער האָט באַנוצט די בירגערלעכע קליידונג פון אַטיקע און די קליידונג פון די דיאָניזישע פריסטער. די דאָזיקע קאָסטיומען זיינען, אַפּנים, פאַרבליבן אויך שפּעטער, ווען די געוויינלעכע קליידונג האָט זיך באַדייטנד געענדערט. די רייכקייט פון די קאָסטיומען האָט אַנטשפּראָכן דער וויכטיקער באַדייטונג פון

דער טראַגעדיע. דער דאָזיקער קאָסטיום האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ווייבערשן, אַדאַנק די לאַנגע פאַלדן פון די אונטערשטע קליידער און דעם גאַרטל אונטער די פאַכוועס, און אויך דער בונטקייט פון די פאַרבן. עס זיינען געווען אויך ספעציעלע קאָסטיומען. אַ פורפור־מאַנטל פאַר קריגער, קליידער פאַר פאַרשיידענע קאָלירן פאַר אַלערליי מינים אומגליקלעכע, — למשל, פאַרשמירטע — פאַר אַ בורח, שוואַרצע — פאַר טרויערנדיקע א. אַז. וו.

די טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען זיינען אויסגעשטאַט געווען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. ביים אויסוואַל פון די פיעסן האָט מען גענומען אין אַכט דעם געשמאַק פון דער פובליק און אויך זייער צוגעפאַסטקייט צו די טאַלאַנטן פון די אַקטיאָרן. גאַנץ אָפט פלעגן די אַקטיאָרן ענדערן אפילו דעם טעקסט פון די פיעסן, ווען זיי איז עס אויסגעקומען באַקוועמער. פאַר דער פאָרשטעלונג פלעגן גיין פלייסיקע רעפעטיציעס. היות ווי קיין סופלער איז ניט געווען, האָט מען געמוזט פינקטלעך אויסחזרן דעם טעקסט. לויט אַריסטאָטעלעס זאָגט, פלעגן די אַרטיסטן אָנהייבן די רעפעטיציע איינדערפרי, אויפן ניכטערן מאָגן, מחמת נאָכן עסן ווערט די שטימע וויניקער פעיק צו זינגען. אין גריכנלאַנד האָט עקסיסטירט אַ מנהג איינצואָרדענען קאָנקורסן פון דראַמאַטישע פאָעטן, דערביי זיינען די שופטים געווען פינף פערזאָן, וועלכע פלעגן אויסגעוויילט ווערן על־פי גורל. דער מנצח פלעגט אַרויסגערופן ווערן דורך אַ העראָלד, און פלעגט געקראַנצט ווערן דורך דעם אַרכאָנט. די צושויער פלעגן קומען אין טעאַטער אין יום־טובדיקע קליידער, און היות ווי די פאָרשטעלונג האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, האָט מען מיט זיך גענומען וויין, נאַשערייען און אַז. וו. פונקט ווי אין היינטיקע צייטן, פלעגן די צושויער אויסדריקן זייער צופרידנקייט דורך אַפלאָדיסמענטן, און די אומצופרידנקייט — דורך פייפן און שיקען, און מען פלעגט אפילו פאָדערן אַ שטראָף פאַר די גאָר שלעכטע אַקטיאָרן; דערהויפט פלעגט מען אַרויסשטעלן שטרענגע פאָדערונגען בנוגע דער ריינקייט און דער דייטלעכקייט פון דער אויסשפראַך. אַן אָנגעוועזענע ראָלע אין דער גריכישער טראַגעדיע האָט געשפילט דער כאָר, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָרט אין דער אָרכעסטרע און פלעגט זיך נאָר אין זעלטענע פאַלן באַווייזן אויף דער סצענע. ער האָט אַכטונג געגעבן דערויף, וואָס עס קומט פאָר אויף דער סצענע, האָט אַרויסגעזאָגט זיינע באַמערקונגען, געענטפערט די העלדן. דער כאָר איז געווען ווי אַ מין פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַלישקייט. מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַ דער כאָר איז געשטאַנען העכער פאַר די העלדן, וועלכע האָבן געווירקט אויף דער סצענע, אַז ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם שופט, וועל־

כער האָט, אַזוי צו זאָגן, אַנטשפּראָכן די אידעאַלן פון דעם אַווטאָר. אין זיינע רעדעס האָט זיך פאַרקערפּערט די וועלט־אָנשויונג פון יענער מיטעלער מאַסע, וואָס גיכער שטעלט זי מיט זיך פאָר דעם קעגנזאַץ צו דעם אמתן העראָיזם, איידער זי דערהייבט זיך איבער אים. Patin באַמערקט בנוגע דעם כאָר אין דער סאָפאָקלישער אַנטיגאָנע: „מען ליינט געוויינלעך וויניק אַכט דערויף, וואָס פאַר מאָראַלישע חסרונות די גריכישע פּאָעטן גיבן צו יענע פּערזאָנען, וועלכע דינען אין די פּיעסן אַלס פאָרשטייער פון די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפטלעכער זיטלעכקייט. געבנדיק דעם כאָר יענע געהויבענע בליקן אויף אָרדענונג און יושר, וועלכע וואָרצלען זיך אין אַלע הערצער און ליגן נאַטירלעך ביי אַלעמען אין מויל, אַלם די שטים פון זייער געוויסן, האָבן זיי זיך באַמיט צוליב דעם רעאַלישקייט צוצוגעבן דער דאָזיקער אַ ביסל פאַנטאַסטישער ראָלע געוויינלעכע שטריכן, וועלכע זיינען אייגנשאַפטלעך פאַר יעדער אָנגעזאַמלטן המון. דער טאָן פון דעם כאָרס רייד איז געווען אומגעוויינלעך קלאָר און איידל, אָבער זיין אַרט ווירקן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פּחדנות, פאָרזיכטיקייט, אייגנליבע, מיט יענע שוואַכקייטן און עגאָיזם, וועלכע בילדן דעם חסרון, וואָס איז אייגנשאַפטלעך פאַר דעם המון, און זיינען סיי אין דער טראַגעדיע, סיי אין ווירקלעכן לעבן ניטאָ בלויז ביי גאַנץ וויניק ווירקלעכע פּערזענלעכקייטן״.

אַזעלכע זיינען געווען די עיקרשטע באַזונדערהייטן פון דעם גריכישן טעאַטער. די דאָזיקע באַזונדערהייטן האָבן זיך געענדערט אָפּהענגיק פון דער עפּאָכע און פון דעם אָרט. אָבער אין אַלגעמיין זיינען זיי פאַרבליבן אין אַזאַ שטייגער און האָבן זיך בולט אויסגעדריקט אין דעם פּעריאָד, ווען די גריכישע דראַמאַטישע קונסט האָט געבליט. דער דאָזיקער בליִונגס־פּעריאָד הייבט זיך אָן מיט אייסכילאָסן, וואָס מיט זיין נאָמען, ווי מיר האָבן געזען, פאַראייניקט די מסורה די עיקרשטע נייַסן פון דער גריכישער סצענע.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 525 יאָר, ד. ה. כמעט אין איין צייט מיט פּינדאַרן, און זיין לעבן איז אויך צונויפגעפאַלן מיט דער העראָישער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון זיין היימאַט. דערמיט ווערט דערקלערט די ענלעכקייט אין דער שאַפונג פון די דאָזיקע ביידע פּאָעטן. ביידע זיינען זיי זינגער פון געהויבענע געפילן און פון די גריכישע גבורות. סיי דער גרעסטער ליריקער פון גריכנלאַנד, סיי זיין ערשטער גרויסער טראַגיקער זיינען אויסגעוואַקסן אין יענער עפּאָכע, ווען די נאַציע האָט אָנגעשטרענגט אַלע אירע קרעפטן, און דער געדאַנק, מציל צו זיין די נאַציאָנאַלע געטער און הייליקטימער, האָט אין די בעסטע מוחות געהערשט

איבער די פּערזענלעכע ליידנשאַפטן און אינטערעסן. ביידע פּאָעטן זיינען געווען פון יחוסדיקן שטאַם און זיינען געשטאַנען אויף דער הויך פון דער בילדונג אין זייער צייט. אמת, פּינדאַר האָט לויט זיין גייסט געהערט צו דער טעבענער אַריסטאָקראַטיע, און אייסכילאָס איז אויסגעוואַקסן אין דער אַטמאָספערע פון קאַמף פאַר דעם נצחון פון דער דעמאָקראַטיע. די משפּחה פון עופאָריאָן, אייסכילאָסעס פאָטער, איז געשטאַנען אויף דער זייט פון קליסטענעסן, דעם שעפער פון דער אַטענער דעמאָקראַטיע. פּינדאַר האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין די גריכישע מלחמות, אייסכילאָס האָט פאַרגאָסן זיין בלוט אויפן שלאַכטפעלד, אָבער ביי זיי ביידן זיינען פאַרבליבן געוויסע קאָנסערוואַטיווע נטיות. פּינדאַר איז ניט געווען קיין אָנהענגער פון דער הערשאַפט פון די „צעבושעוועטע המונים", אָבער אויך אייסכילאָס, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן דעם נצחון פון דער ראַדיקאַלער דעמאָקראַטיע און האָט יעדנפאַלס געדינט איר אויסערלעכער פּאָליטיק, האָט געהאַלטן פאַר דער וויכטיקסטער אויפגאַבע אונטערצוהאַלטן דעם אַווטאָריטעט פון דער רעליגיע און דער מלוכה, וועלכע נויטן די בירגער צו געזעצלעכקייט און צו יושר. מיט אַזאַ פּאָליטישן און עטישן קאָנסערוואַטיזם איז פאַראייניקט טיפע פרומקייט. ביידע נעמען זיי סוזשעטן אין די מיטישע מסורות. פּינדאַר, ווי מיר האָבן געזען, בעסערט אויס די מסורה אין יענע פאַלן, ווען זי אַנטשפּרעכט ניט זיינע מאָראַלישע און רעליגיעזע אָנשויונגען. „אַלע דראַמען אייסכילאָסעס זיינען עכטע טעאָדיצעעס, פּראָבעס צו ראַטעווען דעם גלויבן אין דער הייליקייט פון די געטער דורך דער ריכטיקער אויסטייטשונג פון די מסורות [1]. ביי אייסכילאָסן טרעט די מלוכה צו צום ערשטן מאָל אַרויס אַלס מאָראַלישע מאַכט, אַ העכערע איבער דעם מענטשנס לעבן, און די אַלטע זאַגעס האָט ער לויט דער מעגלעכקייט שטענדיק באַאַרבעט מיט דער דאָזיקער אידעע [2].

עופאָריאָנס משפּחה, אין וועלכער אייסכילאָס איז געבוירן געוואָרן, האָט געוווינט אין עלעווזיס און האָט געהערט צו איינעם פון די עלטסטע אַריסטאָקראַטישע שטאַמען. זיין קינדהייט און זיין יוגנט איז אַדורכגעגאַנגען אין אינערלעכן פּאָליטישן קאַמף ביי די גריכישע מלוכות און אין דער צייט פון אַ גרויסער מלחמה. ער איז אַלט געווען 15 יאָר, ווען די אַטענער האָבן פאַרטריבן די פּיזיסטראַטידן. ער האָט קוים דערגרייכט צום עלטער פון צוואַנציק יאָר, ווען עס האָט זיך געענדיקט דער קאַמף, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן תיכף נאָכן פאַרטרייבן די פּיזיסטראַטידן,

1) Eduard Mejer, געש. דעם אַלטערטומס, ז. 450—452.
2) ד. ז., ז. 453.

צווישן דער אַריסטאָקראַטישער מיט דער דעמאָקראַטישער פּאַרטייען, און קליסטענעס האָט זיך גענומען פאַרפעסטיקן די פרייהייט פון אַטען. קיין איינע פון די גרויסע שלאַכטן, וועלכע האָבן באַרימט געמאַכט גריכנלאַנד אין איר קאַמף מיטן מעכטיקן שונא, איז ניט אַדורך אָן אייסכילאָסעס אָנטייל. מאַראַטאָן, אַרטעמיזע, סאַלאַמין און פּלאַטעיע זיינען באַפאַרבט מיט זיין בלוט. זיינע גבורות אַלס פּאַטריאָט און קריגער האָט ער אַליין געשטעלט העכער פאַר זיינע פּאָעטישע לאָרבערן. פון די פאַקטן פון זיין לעבן האַלט ער פאַר נייטיק איבערצולאָזן לזכר פאַר די צוקינפטיקע דורות בלויז זיין אָנטייל אין דעם מאַראַטאָנער שלאַכט, פון וועלכן מען האָט אים אַרויסגעטראָגן אַן איינגעדעקטן מיט וואונדן. ער האָט פאַר זיך אַליין פאַרפאַסט אַן עפּיטאַפיע. אין דער דאָזיקער מצבה־אויפשריפט דערמאָנט ער קיין וואָרט ניט וועגן זיין פּאָעטישער טעטיקייט, נאָר ער רעדט מיט שטאָלץ וועגן אָט דעם שלאַכט, וואו ער האָט דאָס ערשטע מאָל פאַרדינט דעם נאָמען פון אַ קריגער אין שלאַכטפעלד 1). די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אין דער געשיכטע פון זיין לעבן אַריינגעפלאָכטן שיינע לעגענדעס. ער האָט זיך גאַנץ פרי איבערגעגעבן צו זיין פּאָעטישן באַרוף. די לעגענדע האָט דעם דאָזיקן פאַקט צוגעשריבן אַ וואונדערלעכן חלום, אין וועלכן צו דעם פּאָעט זאָל כלומרשט האָבן באַוויזן זיך דיאָניזאַס און אים געהייסן אָנשרייבן אַ טראַגעדיע. אייסכילאָס איז דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעטראָטן אין קאָנקורס מיט דראַמאַטישע פּאָעטן, ווען ער איז אַלט געווען 25 יאָר, ער האָט אָבער ניט דערגרייכט צו נצחון, וועלכן ער האָט דאָס ערשטע מאָל באַקומען ערשט דאַן, בשעת ער איז אַלט געווען 40 יאָר. איינמאָל אַרויפגעטראָטן אויפן וועג פון אַ טראַגישן פּאָעט, האָט אים שוין אייסכילאָס ניט פאַרלאָזן אין אַ משך פון פערציק יאָר ביזן סאַמע טויט זיינעם. איבעריקנס, צוויי מאָל האָט ער זיין טעטיקייט איבערגעריסן מיט אַ רייזע קיין סיציליע. די סיבות פון די דאָזיקע נסיעות זיינען ניט ערקלערט געוואָרן. עס איז זייער מעגלעך, אַז אייסכילאָס איז פּשוט געפאָרן אַהין לויט דער איינלאַדונג פון דעם סיראַקוזער טיראַן העריאָן, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט צו פאַרזאַמלען אין זיין הויף באַרימטע שריפטשטעלער. דעם ערשטן מאָל איז אייסכילאָס געפאָרן, אַפּנים, כדי צו שטעלן אין סיראַקוזע, לויט העריאָנס פאַרלאַנג, זיין טראַגעדיע די פּערסן. די פּיעסע איז ווירקלעך אַוועקגעשטעלט געוואָרן און האָט געהאַט פונקט אַזאַ רוישיקן ערפאָלג, ווי ביי דעם פּאָעט אין דער היימאַט. אומגעקערט זיך אַהיים, האָט דער פּאָעט פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט. צום סוף פון זיין לעבן איז אייסכילאָס אַריינגעצויגן געוואָרן אין

1) בערגק, גריכ. ליטעראַטורגעש. ז. 278.

דעם קאַמף, וועלכער האָט זיך פון ס'ניי צעפלאַקערט צווישן דער אַריסטאָקראַטישער און דעמאָקראַטישער פּאַרטייען. דער פּאָעט איז שוין אַלט געווען מער, איידער זעכציק יאָר, ווען די פראַגע וועגן אַרעאָפּאַג איז געוואָרן אַ קאַמפּס-פראַגע. די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי מיט עפיאַלטעסן אין דער שפּיץ זיינען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל מבטל מאַכן די דאָזיקע אַנשטאַלט, וועלכע האָט דערמאָנט די הערשאַפט פון דער אַריסטאָקראַטיע. קימאָן איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, וועלכע האָט פאַרטיידיקט די באַדייטונג פון דעם אַרעאָפּאַג. מיר ווייסן ניט די פּרטים פון דעם דאָזיקן קאַמף, אויך ווייסן מיר ניט, אויף וואָס פאַר אַ וועג עס איז געלונגען צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע ענדערונג אין דער אַטענער קאָנסטיטוציע. נאָר דער רעזולטאַט פון דעם קאַמף — עפיאַלטעסעס נצחון — איז גוט באַקאַנט, ווי עס איז באַקאַנט די פאַרביטערונג, מיט וועלכער דער קאַמף איז געפירט געוואָרן. עפיאַלטעס איז דערמאָרדעט געוואָרן באַלד נאָך דער רעפאָרמע. די געשיכטע קאָן ניט אָנרופן מיט זיכערקייט דעם נאָמען פון דעם מערדער, די רציחה איז געבליבן אָן נקמה 1). דער קאַמף האָט געטראָגן אַזאַ שאַרפן כאַראַקטער, אַז קיינער פון די דענקענדיקע בירגער האָט ניט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו דער פראַגע, וואָס האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד. אייסכילאָס האָט געזאָגט זיין וואָרט, דער פּאָעט איז אַוועק קעגן דער אומדערבעטלעכער לאָגיק פון דער געשיכטע. ער האָט אָנגעשריבן די טטילאָגיע אָ ר ע ס ט י ע, אין וועלכער דער אַרעאָפּאַג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער געטין אַטענע גופא, ערשיינט אַלס העכסטער געריכט, וואו עס ווערן פאָרגעטראָגן רעדעס לטובת דער מעסיקייט און דער פאַרהיטונג פון דעם געפרוווטן אייביקן שוץ פון אמת. דאָס פאָלק האָט געקרוינט זיין פּאָעט, האָט אָבער דעם אַרעאָפּאַג ניט פאַרהיט. באַלד נאָך דער אויפפירונג פון אָ ר ע ס ט י ע (אין 458 י.) האָט אייסכילאָס ווידער פאַרלאָזן זיין פאָטערלאַנד. די מסורה האָט אין דעם פאַקט אַריינגעפלאָכטן ניט גאָר קיין וואָרשיינלעכע ערציילונגען: אָרעסטעיע זאָל כלומרשט האָבן געמאַכט אַזאַ גוואַלדיקן איינדרוק, אַז קינדער זיינען געשטאָרבן פון אימה. דערביי האָט אייסכילאָס כלומרשט פאַרשוועכט די עלעוזינישע סאַקראַמענטן און איז צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט. די גאַנצע טעטיקייט אייסכילאָסעס זאָגט עדות אויף זיין פרומקייט, און די דאָזיקע מעשה פאַרדינט קוים צוטרויען. אָבער אין אַלגעמיין איז זייער מעגלעך, אַז די לאַגע פון דעם פּאָעט, וועלכער איז אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן עפיאַלטעסעס פראָיעקט, איז געוואָרן אַ געפערלעכע נאָך דעם נצחון פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער

1) עד. מייער. אַנגער. וו., ז. 570.

איז פון ס׳נײַ אַוועקגעפאָרן קיין סיציליע, און דאָ איז ער געשטאָרבן אין 456 יאָר. זײַן טויט איז אויך באַפּוצט מיט אַ לעגענדע. דער אָראַקל האָט אים פאָראויסגעזאָגט, אַז אים וועט טרעפן אַ קלאַפּ פון הימל. איינמאָל איז אייסכילאָס געזעסן אין פעלד. אַן אָדלער וואָס איז איבער אים דורכגעפלויגן, האָט אָנגענומען זײַן קאַלן שאַרבן פאַר אַ נאַקעטן שטיק פעלזן און האָט אויף אים אַראָפּגעוואָרפן אַ שילדקרעט, כּדי צו צעברעכן אים אָן דעם פעלזן; דער דאָזיקער קלאַפּ האָט דעם פּאָעט געטויט. אויף אייניקע באַרעליעפן איז פאַרבליבן די געשטאַלט פון דעם פּאָעט, איבער וועלכן אַן אָדלער טראָגט אַ שילדקרעט. די אײַנוואוינער פון העלאַ האָבן אייסכילאָסן אײַנגעאָרדנט אַ לוויה מיט גרויס כּבוד און אויסגעקריצט אויף זײַן מצבה די פון אים זעלבסט פאַרפאַסטע עפּיטאַפיע:

דאָ ליגט אייסכילאָס, דער זון פון עופאָריאָן, דער אַטענער;
אין דער רײַכער העלאַ אין סיציליע האָט דער טויט אים געטראָפן.
עס האָבן געזען זײַן קראַפט און זײַן מוטיקייט די פעלדער פון מאַראַטאָן,
וואו ער האָט זיך מיט די פּערסן באַגעגנט אין בלוטיקן שלאַכט.

אייסכילאָס צייכנט זיך אויס מיט אומדערמידלעכער שעפערישער טעטיקייט; אים ווערן צוגעשריבן העכער זיבעציק פּיעסן. אָבער פון דעם גרעסטן טייל פון זיי זײַנען צו אונז דערגאַנגען בלויז די טיטלען, אָדער אומבאַדײַטנדיקע פראַגמענטן. מער ניט ווי זיבן טראַגעדיעס זײַנען צו אונז דערגאַנגען גאַנצע, — די פּערסן, זיבן קעגן טעבען, די בעטערינס, דער געשמידטער פּראָמעטעוס און די טרילאָגיע אָרעסטעיאַ, וועלכע באַשטייט פון די טראַגעדיעס: אַגאַמעמנאָן, כאָעפאָראַ און עומעניס.

ווי אָרעם עס איז די דאָזיקע ירושה, וואָס איז אונז פאַרבליבן נאָך אייסכילאָסן, ערלויבט זי דאָך פונדעסטוועגן צו באַשטימען זײַן גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער גריכ״שער ליטעראַטור און דער עיקר אין דער געשיכטע פון דעם גריכישן טעאַטער. די עלטסטע פון די צו אונז דערגאַנגענע אייסכילאָסעס טראַגעדיעס, די פּערסן, איז די איינציקע היסטאָרישע דראַמע, וועלכע מיר האָבן הײַנט. דער פּאָעט שילדערט געשעענישן, אין וועלכע ער האָט גענומען אַ פּערזענלעכן אָנטייל [1]. מיר האָבן געזען, אַז פריניכעס האָט שוין אַרײַנגעפירט אין דער טראַגעדיע סוזשעטן פון זײַן צײַט. אייסכילאָס איז דער איינציקער פּאָעט, פון וועלכן עס איז פאַרבליבן אַ דענקמאָל פון דעם דאָזיקן אַרט טראַגעדיע. די אַקציע קומט פאָר בײַ דעם פּערסישן הויף. דער כאָר שילדערט די מעכטיקייט פון דעם צאַללאָזן פּערסישן חייל, וואָס מיט אים לאָזט זיך קסערקס

1) בערגק, אַנגעז. ווערק III, זײַט 288.

אַוועק אין דער עקספּעדיציע קעגן גריכנלאַנד. אָבער אין דער זעלביקער צייט דריקן אויס די זקנים, פון וועלכע דער כאָר באַשטייט, אומרויִקייט פאַר דעם גורל פון דער אַרמיי, וועלכע האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין אומבאַקאַנטע לענדער מעבר־לים צוליב אַ געפערלעכער אונטערנעמונג. קסערקסעס מוטער, אַטאָסאַ, איז באַאומרויִקט פון בייזע חלומות, און דער כאָר ראָט איר אַרויסצורופן דעם גייסט פון דעם טויטן קיניג דריָוש. דער אָנגעקומענער העראָלד דערציילט די פּרטים פון דער סאַלאַמינער שלאַכט, וועלכער האָט זיך געענדיקט מיט דער מפּלה פון דעם פּערסישן פלאָט.

„און שיפן זיינען דערטרונקען געוואָרן, און אונטער די שטיקער פון די צעבראָכענע אָקרענטן, אונטער דעם בלוט פון די טויטע, האָט זיך באַהאַלטן דער שפּיגל פונם ים. די פעלזנשטיינער און די ברעגן האָבן זיך פאַרדעקט מיט טויטע קערפּערס פון דערמאָרדעטע, און דאָס באַרבאַרישע חיל האָט זיך געאיילט, אַנטלויפנדיק, אַוועקצושווימען און, ווי פיש האָבן זיי די העלענער מיט די רעשטן פון די שיף־כלים, מיט דעם ברוך פון די רודערס געשלאָגן. אַ קרעכצן מיט אַ יללה איז געשטאַנען איבער דעם שפּיגל פון ים, ביז צו אַלץ האָט אַ סוף געמאַכט די פינסטערניש פון דער נאַכט“.

דריושעס שאָטן, וואָס אַטאָסאַ האָט אים אַרויסגערופן, זאָגט פאָראויס צרות אויף די אומגליקלעכע פּערסן דערפאַר, ווייל בעת זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין לאַנד פון די העלענער, האָבן זיי אומפאַרשעמט באַרויבט די געטער, די הייליקע געשטאַלטן, און האָבן אין פייער פאַרברענט די טעמפּלען. „די קבורה־בערגלעך פון די געפאַלענע פּערסן וועלן אַפילו אין דעם דריטן דור בלייבן שטומע עדות, אַז דעם שטערבלעכן איז ניט ערלויבט צו האַלטן זיך גרויס. וואָרעם דער זאַנג פון אומקומען ווערט געבוירן פון גאווה, דערפאַר שניידט מען דעם שניט וויינענדיקערהייט“. דער גייסט באַשולדיקט אין די אומגליקן פון פּערסיע קסערקסן גופא, וועלכער האָט פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן צעוס, „דער באַשטראָפער פון די בעלי־גאווהם“. די טרילאָגיע פאַרענדיקט זיך מיט דער ערשיינונג פון קסערקסן, דעם אומגליקלעכן אַנטרונענעם, אין צעריסענע קליידער, אַ פולן מיט יאוש און מיט חרטה און מיט אַ קלאָגליד, וואָס דער כאָר זינגט. די טראַגעדיע די פּערסן, וועלכע איז געווען דער צווייטער טייל פון אַ פאַרלאָרענער טראַגעדיע, איז פריער פאַר אַלץ כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס זי דערמאָנט נאָך אַלץ די אוממיטלבאַרע פאַרבינדונג צווישן ליריק און דראַמע. דאָס לירישע כאָרן־ליד פאַרנעמט אין איר כמעט דעם ערשטן אָרט. די געשעענישן קומען פאָר ניט פאַר די אויגן פון דעם צושויער, נאָר זיי ווערן געשילדערט אין די ערציילונגען פון די העראָלדן, אַזוי אַז דער איינגטלעכער דיאַלאָג שפּילט נאָך אין איר ניט די הויפּטראָלע.



איישכילאָס

פונדעסטוועגן איז אין איר פאַראַן אַן אָנהייב פון דראַמאַטישער באַוועגונג און אַפילו די געפילן, וואָס דער כאָר גיסט אויס אין זיינע לידער, דינט אַלס אַקאָמפּאַנימענט צו די געשעענישן, וועלכע שפּילן זיך אָפּ. דער צווייטער שטריך פון דער דאָזיקער טראַגעדיע איז דער טיפער רעליגיעזער געפיל און די מאָראַלישע אידעע, וועלכע ליגט אין איר יסוד. דער נצחון פון די גריכן איבער די פּערסן, וועלכער האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל פּאָעטישע שאַפונגען, האָט ניט אַרויסגערופן אין דעם העלענישן פאָלק קיין גאַוואַדיקן פּאַטריאָטיזם און אָנמעסלעכע זעלבסט־שבחים. סימאָנידעסעס פּאַטריאָטישע עלעגיעס זיינען פול מיט טרויעריקע מחשבות וועגן די געפאַלענע העלדן; אין זיי איז ניטאָ קיין אָפּשטויסנדיקער שאָוויניזם, זיי צייכענען זיך אויס מיט יענער פּשוטקייט און ווערדע, וועלכע האָבן כאַראַקטעריזירט אַלע העלדן פון דעם רעפּובליקאַנישן גריכנלאַנד, וואָס האָבן ערפילט זייער חוב אָן אַפעקטאַציע און אָן גאווה. אַפילו פינדאַרס מליצהדיקע אָדעס זיינען פריי פון דער אָנגעבלאָזענער זעלבסטצופרידנקייט. זיי זיינען געבוירן פון דער נאַטירלעכער שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג, זיי רופן ניט צו קיין אַגרעסיווע אַקציעס נאָך דעם נצחון, זיי זיינען אָנגעפילט מיט גליקלעכע מחשבות וועגן דעם עבר, מיט דעם באַוואוסטזיין פונם שלום, פון גליק און קראַפט, וואָס דאָס מעסיקע פאָלק האָט דערוואָרבן. אייסכילאָסעס טראַגעדיע טראָגט דעם זעלביקן כאַראַקטער פון רויִקייט און געהויבענער פּשוטקייט, וועלכע זיינען אייגנשאַפטלעך דעם אמתן העראָיזם. מיר וועלן אין איר ניט געפינען קיין לויבהימנען אויפן אַדרעס פון די מנצחים די גריכן, אָבער מיר באַגעגענען אין איר שטרענגן פאָרוואורף צו די פּערסן. „דער שטערבלעכער טאָר זיך ניט גרויס האַלטן“ — דאָס איז די מאָראַלישע אידעע פון דער פּיעסע. די באַרבאַרן, וועלכע האָבן זיך אין זייער גאווה פאַרגעסן, האָבן באַליידיקט די הייליקע געשטאַלטן פון די געטער און דערמיט האָבן זיי באַליידיקט דעם פּאָעטס רעליגיעזן געפיל. די מפּלה פון די פּערסן דערקלערט דער פּאָעט ניט אַזוי מיט דער גבורה פון די גריכן, ווי מיט דער גאווה פון די פּערסן, מיט זייער אומאַכטונג צו די געטער. די טראַגעדיע אין אַלגעמיין טראָגט אַ פרידלעכן כאַראַקטער. אין איר מאָראַל פילט זיך אַלץ דער זעלביקער האַרמאָנישער גייסט פונם גריכישן פאָלק, וואָס האָט ליב דאָס לעבן און אַלע זיינע פריידן, וואָס זעט דעם ענדציל ניט אין ערוֹבערונגען, נאָר אין פרידלעכן אויסנוצן דאָס, וואָס מען באַזיצט, אין דער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פון אַלע גייסטיקע און פיזישע קרעפטן.

„...זאָל, פאַראַכטנדיק דעם אייגענעם גורל און ווינטשנדיק זיך דעם צווייטנס,
קיינער ניט פאַרשווענדן דאָס אייגענע גרויסע עשירות“.
פּ. קאַגאַן.

די טראַגעדיע זיבן קעגן טעבען איז געווען דער דריטער טייל פון דער טרילאָגיע, וואָס פאַר איר האָט אַלס סוושעט געדינט די קללה, וועלכע איז געלעגן אויף דער משפּחה פון די לאַבדאַקידן. דער קיניג לאַיאָס, וועלכער איז באַאומרויִקט געווען פון דעם, וואָס דער אָראַקל האָט אים פאָראויסגעזאָגט, האָט אָפּגעשיקט זיין זון אוידיפּוס אין אַ פרעמד לאַנד. די דאָזיקע געשעעניש האָט געדינט אַלס אינהאַלט פאַר דעם ערשטן, צו אונז ניט דערגאַנגענעם טייל פון דער טרילאָגיע. אין דעם צווייטן, אויך פאַרלאָרענעם, טייל איז געשילדערט געוואָרן, ווי אַזוי עס איז מקויים געוואָרן דעם אָראַקלס נבואה. אוידיפּוס טויט לאַיאָסן, פאַרנעמט זיין אָרט, און די טראַגעדיע פאַרענדיקט זיך אַפּנים, פונקט ווי סאָפאָקלעסעם טראַגעדיע, מיט דער מפּלה פון אוידיפּוסן, וועלכער האָט קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן דעם פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנגען, ער ווערט בלינד, פאַרטריבן פון זיין לאַנד און ער פאַרשילט זיין אייגענעם שטאַם. אין דעם דריטן טייל זיבן קעגן טעבען ווערן דערציילט די שרעקלעכע רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער קללה. זיבן פעלדהערן באַלאַגערן טעבען, וואָס דאָרט רעגירט עטעאָקלעס, אוידיפּוסעס עלטערער זון, דער הערזלד, וועלכער איז אַרויסגעשיקט אויפצוקלייבן ידיעות, באַשרייבט גענוי די פעלדהערן. ביי דער באַשרייבונג פון דעם זיבעטן, פאַלט עטעאָקלעס אַריין אין שרעקלעכן גרימצאָרן. דער דאָזיקער זיבעטער איז עס זיין ברודער פּאָליניייקעס. ער, דער פאַרטריבענער פון זיין היימאַט, שטייט ביי דער זיבעטער טויער הויך זינגענדיק אַ פּעאַן:

„ער וויל זיך מיט דיר באַגעגענען אין שלאַכט, טויטן דיך, אָדער שענקענדיק דיר דאָס לעבן, אָפּגעבן דיר אַזוי כּבוד, ווי דו האָסט אים אָפּגעגעבן כּבוד, מיט חרפּה פאַרטרייבנדיק אים פון דער שטאָט אַרויס".

אוידיפּוסעס קללה הויערט אויף די ברידער: זיי פירן אַ ברודערמערדערלעכע מלחמה פאַר דעם פאָטערס ירושה. דערהערנדיק די ערציילונג פון דעם הערזלד, באַשליסט עטעאָקלעס אַליין אַרויסצוגיין קעגן פּאָליניייקעס.

„אָ, בייזער גרויסער גרימצאָרן פון די געטער! אָ, אוידיפּוסעס שטאָם, וועלכער פאַרדינט רחמנות! עס ווערן מקויים די פאָטערלעכע קללות! אָבער ניין, מען טאָר ניט וויינען, מען טאָר ניט יאָמערן. פון ביטרע טרערן מוזן מיר זיך איינהאַלטן... — איך וועל אַוועק אַליין מיט אים זיך שלאָגן. ווער־זשע דען האָט דערויף מערער רעכט. אָט אַזוי, פעלדהער קעגן פעלדהער, און ברודער קעגן לייבלעכן ברודער, ווי אַ שונא קעגן אַ שונא, וועלן מיר זיך באַגעגענען".

אומזיסט בעט זיך דער כאָר ביי עטעאָקלעסן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין באַשלוס, דערמאָנענדיק אים, אַז פאַר די ברידער וועט „די קעגנזייטיקע רציחה אויף שטענדיק בלייבן אַ פלעק, וואָס וועט זיך ניט

אָפּוואַשן". עטעאָקלעס ווייס, אַז ער וועט ניט אויסמיידן די קללה, וואָס ליגט אויף לאַיאָסעס שטאַם. זאָל אין די כוואַליעס פון קאָציט פאַרדאַרבן ווערן לאַיאָסעס גאַנצער שטאַם, וועלכער איז אומווערדיק פאַר פעבוסן. דער שלאַכט ענדיקט זיך מיט דעם נצחון פון די טעבענער, אָבער ביידע ברידער שטאַרבן. מיט דעם סוף פון אוידיפּוסעס שטאַם באַרויקט זיך אויך דער בייזער גייסט, וואָס האָט זיי פאַרפאָלגט. די שולד פון די עלטערן איז פאַרגעבן געוואָרן. די טראַגעדיע זיבן קעגן טעבען איז ווייטער אַוועק פון דעם כאָרן־ליד און האָט זיך מער דערנעענטערט צו דער עכטער טראַגעדיע, איידער די פּערסן. די צענטראַלע פיגור איז דאָ ניט דער כאָר, נאָר עטעאָקלעס. אין דער טראַגעדיע איז פאַראַן מער דיאַלאָג און ווייניקער ליריק. אין דער דאָזיקער פּיעסע צייכענען זיך נאָך מער אויס איישכילאָסעס רעליגיעז־מאָראַלישע אָנשויונגען. איבער דער וועלט הערשט די נויטווענדיקייט, צו וועלכער עס זיינען אונטערגעוואָרפן אי די געטער, אי די מענטשן. לויט איר טאָר קיין פאַרברעכן ניט בלייבן אָן אויסקויפונג. די זינד פון די עלטערן גייט אַריבער אויף די קינדער. אוידיפּוס האָט געטאָן זיין פאַרברעכן ניט מיט דעם אייגענעם ווילן, נאָר לויט דער באַשטימונג פונם שיקזאַל. פון דער צייט אָן, וואָס דער אָראַקל האָט פאָראויסגעזאָגט לאַיאָסן זיינעם און דעם זונס גורל, האָבן קיינע באַדינגונגען פון זיין זייט ניט געקאָנט משנה זיין די פאָרבאַשטימונג פון דעם גורל. אומזיסט האָט לאַיאָס אָפּגעשיקט אוידיפּוסן פון זיך, אומזיסט האָט דער לעצטער אויסגעמיידט זיין פאָטערלאַנד; אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי ווי דער אָראַקל האָט געזאָגט.

דער סוזשעט פון די בעטערינס איז ניט גאָר קלאָר, מחמת דעם וואָס דער אינהאַלט פון דער טעטראַלאָגיע, פון וועלכער די טראַגעדיע איז איין טייל, האָט זיך, אַפּנים, אויסגעצייכנט מיט איינהייטלעכקייט. אין דער טראַגעדיע ווערט געשילדערט די געשיכטע פון פופציק דאַנאַידעס, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט זייער פאָטער אַנטלאָפן פון מצרים, וואו זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן החתונה צו האָבן מיט זייערע שוועסטערקינדער, זין פון מצרים. זיי זיינען אָנגעקומען קיין אַרגאָס, און האָבן געבעטן שוץ ביי דעם קיניג פון אַרגאָס. דער קיניג איז גרייט צו געבן זיי שוץ, אָבער ער באַשליסט זיך ניט צו נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זיך אַליין, און דעריבער ליגט ער פאָר דעם פאָלק ענדגילטיק די פראַגע צו באַשליסן. דערווייל קומט קיין אַרגאָס אָן אַ שיף מיט די זין פון מצרים. זייער העראָלד פאָדערט חוצפּהדיק, מען זאָל אַרויסגעבן די דאַנאַידעס. אָבער דער קיניג נעמט זיך פאַר זיי אָן, און דער העראָלד גייט אַוועק, סטראַשענדיק מיט מלחמה. אַזוי אַרום

איז די סכנה דערווייל אויסגעמיידט, אָבער אין דער נאָענטער צוקונפט זעט זיך פאָר אַ צוזאַמענשטויס. די דאָזיקע פיעסע דאַרף מען לויט איר גייסט און לויט אירע טעכנישע באַזונדערהייטן פאַררעכענען צו די פריע פעריאָדן פון אייסכילאָסעס טעטיקייט. די הויפטראָלע אין איר שפילט דער כאָר פון די פופציק דאַנאַידעס. אויסער די צוויי העלדן, דאַנאַאָס און פעלאַסגאָס, טרעט נאָך אַרויס מער ניט ווי דער העראָלד, אי דאָס אויך — אַלע דריי פאַר אַמאָל ערשיינען זיי קיין מאָל ניט. אַזוי, אַז פאַר דער פיעסע וואָלט געקלעקט צוויי אַרטיסטן [1]. די דראַמאַטישע אַקציע איז שוואַך, מחמת דער עיקר ווערט די אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט ניט אויף באַזונדערע כאַראַקטערן, נאָר אויף דעם גורל פונם כאָר.

צו די גרעסטע ווערק, ניט בלויז ביי אייסכילאָסן, נאָר אין דער אַלוועלטלעכער פאָעזיע בכלל, געהערט די טראַגעדיע דער געשמידטער פראָמעטעוס. אַלס טעמע דינט אין איר אַ סוזשעט, וואָס איז געוואָרן דער באַליבטסטער סוזשעט פון דער וועלט־פאָעזיע, און האָט אַרויסגערופן אַ מאַסע באַאַרבעטונגען אויף פאַרשיידענע שפראַכן. אין פראָמעטעוסעס יסורים זיינען סימבאָליזירט די ליידן פון דער אומאונטערטעניקלעכער מענטשלעכער נאַטור, וועלכע קאָן ניט שלום מאַכן מיט דעם תהום, וואָס ליגט צווישן דעם פערזענלעכן און דעם געטלעכן רצון. דווקא אין דער דאָזיקער טראַגעדיע איז מער פאַר אַלץ צו זען די ווירקונג פון די סאָציאַלע ענדערונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין גריכנלאַנד אין דעם V י. ה. מיר האָבן שוין געזען, אַז מיט דעם ערשיינען פון דעם קאַפיטאַליזם איז ענג פאַרבונדן די שטופנווייזע באַפרייונג מצד דער פערזענלעכקייט פון דער רעליגיעזער טראַדיציע, פון די מסורות און פון די פאָרשטעלונגען פון דעם מיטאָלאָגישן פעריאָד, און צוזאַמען דערמיט די ערפאָלגן פון דעם עמפירישן און פילאָסאָפישן וויסן אין גריכנלאַנד. אייסכילאָס איז שוין אין זיינע טראַגעדיעס פאַרנומען מיט דער דאָזיקער פראָבלעם, מיט דעם קאָנפליקט צווישן דער זיך עמאַנסיפירנדיקער פערזענלעכקייט און דער מיטאָלאָגישער פאָרשטעלונג וועגן דערגעטלעכער נויטווענדיקייט. אין זיין פאָעזיע איז נאָך שטאַרק דער רעליגיעזער געפיל, אָבער די טראַגעדיע דער געשמידטער פראָמעטעוס איז אַן עדות, אַז דער זוכנדיקער גייסט פון פאָרשן און די פרעטענזיעס פון דער פערזענלעכקייט האָבן שוין געפונען אַ מיטפילנדיקן אָפקלאַנג אין דעם פאָעטס נשמה. פראָמעטעוס וואַרפט אַ שטאָלצן אַרויסרוף צו דער גאָטהייט, ער וויל זיך ניט אונטערגעבן דעם אַלמעכטיקן צעוס. אין דעם מיטאָס וועגן פראָמעטעוסן איז באַהאַלטן די אידעע פון דעם אייביקן קאָנ=

[1] בערגק, אַנגער. ווערק. III, ז. 307.

פליקט צווישן דער פרייהייט און דער נויטווענדיקייט, צווישן די טיטאַנישע שטרעבונגען מצד דער שטאָלצער פערזענלעכקייט און די אייזערנע קייטן, וואָס דער גורל האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. פראָמעטעוס איז דער שטאַמפאָטער פון טיטאַנען אָן אַ צאָל, וואָס זייערע געשטאַלטן האָבן פאַרפלייצט די אייראָפּעישע ליטעראַטור. מיט טויזנט יאָר צוריק פאַר באַיראָנען האָט ער שוין געוואָרפן צום הימל יענע פאָרוואורפן, וועלכע דער ענגלישער פּאָעט האָט נאָכדעם איבערגעחזרט מיט דעם מויל פון קין. די זאַגע וועגן פראָמעטעוסן איז אַזאַ בולטע פאַרקערפּערונג פון איינעם פון די ניט-שטאַרבנדיקע קאָנפליקטן, אַז פאַרשיידענע עפּאָכעס און דענקער האָבן אין אים אַריינגעלייגט סאַמע פאַרשיידנאַרטיקן אינהאַלט, האָבן פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן באַטראַכט די פיגור פון דעם טיטאַן. אייסכילאָס איז איינער פון די ערשטע אויסטייטשער פון דער דאָזיקער טיפער לויט איר געדאַנק ערציילונג. צום באַדויערן, איז די טראַגעדיע, וועלכע איז צו אונז דערגאַנגען מער ניט ווי איין טייל פון אַ פאַרלאָרענער טרילאָגיע, און מיר ווייסן ניט, מיט וואָס פאַר אַ אויגן האָט אויף דעם טיטאַן געקוקט דער גריכישער טראַגיקער, ווי האָט ער געלייזט דעם קאָנפליקט צווישן דער טיטאַנישער פערזענלעכקייט מיט דער אייזערנער נויטווענדיקייט, צי האָט ער איינגעזען אין פראָמעטעוסעס שטראָף אַ באַלערעוודיקע לעקציע פאַר די, ווער עס וויל ניט שלום מאַכן מיט דער באַגרעניצטקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור און נעמט זיך די העזה צו זיין קעגן גורל, אָדער ער האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דעם טיטאַן, איז צוגעשטאַנען צו די קללות, וועלכע יענער האָט געשיקט צו גאָט דעם טיראַן, און האָט זיך, געגעליכן צו באַיראָנען, ניט אונטערגעגעבן דער אַכזריותדיקער קראַפט, וועלכע פירט די וועלט. דער ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן איז פאַרהוילן, אַפנים, אין דעם לעצטן טייל פון דער טרילאָגיע דער באַפרייטער פראָמעטעוס, פון וועלכן צו אונז זיינען דערגאַנגען פראַגמענטן, וואָס גיבן ניט די מעגלעכקייט איינגאַנצן קלאָר צו מאַכן זיך דעם אַווטאָרס גרונדגעדאַנק.

די טראַגעדיע הייבט זיך אָן מיט דעם, וואָס עס ווערט מקוים צעוסעס באַפעל. העפאַיסטאָס, וועלכן עס באַגלייטן מאַכט און קראַפט, שמידט צו פראָמעטעוסן צו דעם „וויסטן גראַניט פון די פעלזן". דעם טיטאַנס נשמה וועט זיך אייביק פייניקן אויף די דאָזיקע הייכן, וואו ער וועט קיינמאָל ניט הערן קיין שטים פון אַ מענטשן. העפאַיסטאָסן אַליין איז שווער צוצושמידן „צו די נאַקעטע פעלזן דעם געליבטן ברודער", אָבער ער וואַגט ניט צו פאָלגן צעוסן. — „אומגליקלעכער, — ווענדט ער זיך צו פראָמעטעוסן, — ...אָט איז דער לוין פאַר דיין ליבע

און פאַר דיין מיטלייד צו מענטשן; דו ביסט אַליין געווען אַ גאָט, און, ניט פאַרשטענדיק פאַר די געטער, האָסטו די מענטשן דערהויבן צו כּבוד און אַ מאָס".

אַזוי-אַרום ליידט פּראָמעטעוס דערפאַר, וואָס ער האָט ליכט געבראַכט צו מענטשן. ער האָט זיי געבראַכט דאָס פייער פון הימל. ער טוט חסדים מיט מענטשן אין דער צייט, ווען צעוס איז אַ שונא צו מענטשן. פּראָמעטעוס האָט צעוסן געהאָלפן אין זיין קאַמף מיט די טיטאַנען, און דערפאַר האָט דער הערשער פון דער וועלט אים באַצאָלט מיט שוואַרצער אומדאַנקבאַרקייט. „ניט געטרויען ניט קיין נאָענטע, ניט קיין פריינד — דאָס איז די קראַנקהייט פון די טיראַנען די אַלמעכטיקע". די ים-טעכטער בעטן, און פּראָמעטעוס דערקלערט זיי די סיבה פון צעוסעס צאָרן:

„איר האָט געוואָלט וויסן, פאַרוואָס צעוס שטראָפט מיך. איך וועל אייך דערציילן, הערט מיך אוים: אויף דעם פאָטערס טראָן געזעצט זיך, האָט ער צעטיילט די מתּנות פון הימל און ערד צווישן די געטער און האָט פאַרפעסטיקט די שטאַרקע מאַכט. אָבער ביי דער חלוקה האָט ער באַליידיקט די שטערבלעכע, ער האָט זיי גאָרנישט ניט געגעבן. ער האָט געוואָלט זיי פאַרטיליקן און באַשאַפן אַ נייעם שטאַם, און קיינער צווישן די געטער האָט זיך פאַר זיי ניט אָנגענומען. ווען ניט איך, וואָלטן זיי אַלע פאַרלאָרן געגאַנגען, אויסגעשטיט געוואָרן דורך צעוסעס דינער. איך האָב די שטערבלעכע פון אונטערגאַנג מציל געווען, און האָב באַקומען דערפאַר אַזאַ שטראָף, וועלכע עס איז שרעקלעך צו זען און נאָך שרעקלעכער אַריבערצוטראָגן. איך האָב רחמנות געהאַט אויף די מענטשן, און האָב קיין רחמנות ניט פאַרדינט ביי גאָט. טאָ זאָלן-זשע מיינע פיינען זיין אַ באַשולדיקונג, וועלכע ליגט אַרויף אַ שאַנד אויף צעוסן!

דער דאָזיקער געדאַנק וועגן דעם, אַז גאָט — איז אַ טיראַן, אַז ער איז אַ שונא צו אַלץ, וואָס לעבט, אַז די מרידה קעגן דעם הערשער פון דער וועלט איז אַ פּראָטעסט אין נאָמען פון דעם יושר, — דער דאָזיקער געדאַנק וועט שפּעטער געלייגט ווערן אין יסוד פון אַ פולע ווערק פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור. די ראָלע פון פּראָמעטעוסן אין דער קריסטלעכער פּאָעזיע וועט שפּילן דער שטן. אָפּקלאַנגען פון די פּראָמעטעישע רעדעס וועלן מיר באַגעגענען ביי מילטאָנען וועגן דעם הערשער פון גהינום, און ביי בײראָנס לוציפערן 1). פּראָמעטעוס איז עטלעכע מאָל מרמז אויף עפּעס אַ סוד, וואָס נאָר ער אַליין ווייס. אין דעם דאָזיקן סוד איז באַהאַלטן דאָס אומקומען פון צעוסן גופא, נאָר דער צוגעשמידטער טיטאַן וויל דעם סוד ניט אַנטפּלעקן. ער סטראַשעט דעם הערשער פון דער וועלט דערמיט, אַז ער וועט זיך שוין מער ניט לאָזן

1) זע דעם I און II באַנד פון מיין געשיכטע פון די מערב-אייראָפּעישע ליטעראַטור.

געגעבן ניט מיט זיינע סטראַשונקעס, ניט מיט זיינע חניפהדיקע רעדעס, און אַ צווייטן מאָל וועט ער אים שוין ניט רעטן. אין באַיראָנס קין האָט גאָט געוואָלט אָפּנעמען ביי די מענטשן די דערקענטעניש און די אומשטערבלעכקייט, אָבער דער טייוול האָט די מענטשן אויסגעלערנט עסן די פרוכט פון דעם עץ־הדעת. דער שטן איז, לויט באַיראָנס אויסטייטשונג, אַ פריינד דעם מענטשלעכן געשלעכט, צו וועלכן די גאָטהייט איז פיינדלעך. אין אייסכילאָסעס טראַגעדיע שפּילט פּראָמעטעוס די ראָלע פון דעם מורד דעם שטן. ער האָט מענטשן געגעבן „מעכטיקן שכל“. די מענטשן האָבן ביז אים „געזען, נאָר זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, און האָבן געהערט, און ניט געקענט דערהערן“. געגליכן צו שאָטנס, האָבן זיי געבלאָנזשעט לויט דעם קאַפּריז פון צופעליקייטן. „הייזער, אָפענע צו דער זון, האָבן זיי ניט געקענט בויען פון ציגל און פון קלעצער, נאָר אין דער ערד, ווי מוראַשקעס פלינקע, האָבן זיי זיך גענעסטלט, אין דער פינסטערניש פון פייכטע קעלערן און היילן“. זיי האָבן ניט געקענט אונטערשיידן צווישן ווינטער און זומער און זיינען געוועזן ווילדע:

...איך האָב זיי, די אָרעמע, אָנגעוויזן דעם אויפגאַנג פון די הימל־לייכטער, זייער אונטערגאַנג, דעם פולן מיט סוד, די טיפע לערע פון די צאָלן, די צונויפלייגונג פון די אותיות אין דעם שעפערישן זכרון, די גרויסע מוטער פון די מוזעס. איך האָב צום ערשטן מאָל די ווילדע חיות, די פרייע, פאַר קנעכט געמאַכט צו דעם יאָך, כדי צו מאַכן זיי פאַר געהילפן צו דעם מענטשן אין אַלע שווערע אַרבעטן. איך האָב איינגעשפּאַנט אַ געהאָרכזאַמען צו די לייצעס, דעם פערד, וואָס איז אַ געלוסטונג פאַר די אויגן און אַ שטאָלץ פאַר מענטשן. און האָב דערפונען פאַר די רייזנדע איבערן ים פליענדיקע רייטוועגן מיט פלאַקסענע פליגלען.

פּראָמעטעוס רעכנט אויס אַנדערע חסדים, וועלכע ער האָט געבראַכט דעם מענטשן. ער האָט זיי אויסגעלערנט צו באַנוצן זיך מיט רפואות אויסצוהיילן מחלות, ער האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט די קונסט פון נביאות און „האָט אָנגעוויזן די וואָרזאָגנדיקע צייכנס, וועלכע באַגעגענען זיך דעם רייזנדער אין וועג“. ווייטער ווייזט דער טיטאַן אָן דערויף, וואָס צעוס אַליין איז אונטערגעוואָרפן דעם גורל, און „ער אַליין קאָן ניט אויסמיידן דאָס, וואָס אים איז באַשערט“, און נאָך אַמאָל גיט ער אַ רמז אויף דעם סוד, אין וועלכן עס איז פאַרהוילן דער גורל פון דעם ערדהערשער. אויף די דאָזיקע ווערטער פון פּראָמעטעוסן גיט אים דער כאָר, וועלכער שטעלט אַזוי אָפט אין דער גריכישער טראַגעדיע פאַר די מיטעלע מאָס מיט איר פּראַקטישער פאַרשטענדיקייט און מעסיקייט, די עצה, ער זאָל זיך ניט קריגן מיט צעוסן, ער זאָל זיך אונטערגעבן דעם אַלמעכטיקן און טאָן, וואָס די געטער הייסן, כדי זיי צופרידנצושטעלן. אַזוי ווי מיט

דעם ציל צו אילוסטרירן די דאָזיקע רייד פונם כאָר, ערשיינט יאָ, אינאַכטאָכטער, וועלכע איז משוגע. צעוס האָט זי אַמאָל ליב געהאַט, פונדעסטוועגן האָט ער באַפוילן יאָס אייגענעם פאָטער אַרויסצוטרייבן זי „אין אומבאַוואוסטע און ווייטע קאַנטן". זי אַנטלויפט אויסן זינען, אַ פאַרפאָלגטע פון דער אייפערזיכטיקער הערע. „איר זעט, — מאַכט וועגן דעם פּראָמעטעוס אַ באַמערקונג, — אַז דער קיניג פון אָלימפּ איז צו אַלעמען גלייך אַן אכזר: ער האָט געלוסט, דער אומשטערבלעכער גאָט, מיט אַ שטערבלעכער זיך צו פאַראייניקן, און דערפאַר האָט ער אַרויסגעוואָרפן אַזוי פיל צרות אויף דער שרעקעוודיקער הילפלאָזער יונגפרוי". ווייטער חזרט פּראָמעטעוס נאָך אַמאָל איבער זיין נביאות וועגן דער פאָרשטייענדיקער און שפּעטערדיקע צייטן מפּלה פון צעוס. אים אַליין, פּראָמעטעוסן, צו באַפרייען איז באַשערט איינעם פון יאָס שטאַם. דאָס, וואָס דער כאָר דערמאָנט ווידער אַמאָל וועגן מעסיקייט, רופט אַרויס אַ נייעם אויסברוך פון צאָרן און נייע סטראַשונקעס מצד פּראָמעטעוסן אויף דעם אַדרעס פון צעוסן. זאָלן אַנדערע שקלאַפּעריש פאַלן פאַר דעם קיניג פון די געטער. פּראָמעטעוס פאַראַכט אים, ניט געקוקט דערויף, וואָס דער דונערוואַרפער האָט די מאַכט צו טאָפּלען זיינע עינויים. הערמעס קומט און פאָדערט, אַז פּראָמעטעוס זאָל אויסזאָגן דעם סוד פון דער סכנה, וואָס דראָט צעוסן. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער כאָר און הערמעס ריידן אים איין, זאָגט זיך דער טיטאַן אָפּ צו ערפילן די פאָדערונג. דעמאָלט גיט אַ קנאַל אַ דונער. דער פעלז מיט פּראָמעטעוסן פאַלט איין און דער טיטאַן ווערט אַראָפּגעשליידערט אין אָפּגרונד מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

אָ, ערד מיין מוטער! אָ, הימלשער עטער,
ליכט איינס און אַלגעמיינס!
זעט, פאַר אַ יסורים איך לייד
פון גאָט — אַן אומשולדיקער!

דער געשמידטער פּראָמעטעוס, וועלכער איז, אַפּנים, דער צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע, איז פון פריע צייטן אָן אַ בולטע פאַרקערפּערונג אין קינסטלערישער פאָרם פון דעם קאָנפליקט צווישן דער פרייהייט און דער נויטווענדיקייט, פון דער אייביקער דיסהאַרמאָניע צווישן די שטרעבונגען פון די מענטשן מיט דער באַגרענעצטקייט פון זיין נאַטור, — פון יענער דיסהאַרמאָניע, וואָס אַלס קרבן פון איר פאַלן שפּעטער ווערטער און פאַוסט, מאַנפרעד און קין און טויזנטער אַנדערע העלדן פון דער אייראָפּעישער פּאָעזיע. די דאָזיקע טראַגעדיע איז אפשר די סאַמע כאַראַקטעריסטישע אָפּשפּיגלונג פון דער אייסכילישער עפּאָכע,

וועלכע האָט דרייסט פאַרלאָזן די מסורות פון דעם עבר און אַליין באַשטימט זיין גורל. אַזעלכע אייביקע סוזשעטן און זייערע קינסטלערישע באַאַרבעטונגען זיינען אַ טייערער קוואַל פאַר דעם ליטעראַטור=היסטאָריקער, מחמת זיי גיבן אים די מעגלעכקייט אויפצוכאַפּן די סאַמע כאַראַקטעריסטישע באַזונדערהייטן פון דער תקופה, העלפן אים באַשטימען דעם אונטערשייד אין די אָנשויונגען פון צוויי פאַרשיידענע עפּאָכן; יעדע פון זיי האָט אַרויסגעלייגט איר התימה אויף דער אויסטייטשונג פון דעם אייביקן ניט=שטאַרבנדיקן טיפּ. עס קלעקט צו דערמאָנען זיך דעם מיטלאַלטערישן ד אָ ן=ז ש ו אַ ן פון טירסאָ דע מאָלינאָ און דעם ד אָ ן=ז ש ו אַ ן פון בײראָן, מיר זאָלן גלייך זען, אַז פאַר איין עפּאָכע איז דער דאָזיקער עקסטרעמער אויסדרוק פון אומבאַצוימטן אינדיווידואַליזם געווען אַ סימבאָל פון זינדיקייט און פאַרברעכערישקייט, און פאַר דער צווייטער אַ פאַרקערפּערונג פון דער פּראָטעסטירנדיקער פּערזענלעכקייט, וועלכע שטייט אויף קעגן דעם געזעלשאַפטלעכן דרוק. צום באַדויערן האָט דאָס, וואָס עס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען די איבעריקע טיילן פון דער טרילאָגיע, אויף אייביק פאַרהוילן פון אונז דעם גרויסן סוד: וואָס האָט מיט זיין שאַפונג געוואָלט זאָגן דער גריכישער טראַגיקער, וואָס פאַר אַן אויסגאַנג האָט ער אָנגעוויזן, ווי אַנטשיידט ער דעם קאָנפליקט צווישן די אומבאַגרענעצטע שטרעבונגען פון דעם מענטשנס גייסט מיט דער סודותפולער העכערער קראַפט, וועלכע שטעלט גרענעצן פאַר די דאָזיקע שטרעבונגען? אַז די טרילאָגיע איז ניט געווען קיין באַשולדיקונגס=אַקט קעגן דעם מורדישן טיטאַן, אַז זי איז געווען נאָר אַ פּרייִדיקט פון ענווה, דאָס זעט מען שוין דערפון, וואָס אין דעם פאַרבליבענעם פון איר טייל, איז צעוס אַרויסגעפירט אין דער ראָלע פון אַ נוקם=ונוטר און אַן אומגערעכטיקן טיראַן, און פּראָמעטעוס — אין דער ראָלע פון אַ וואוילטעטיקן פאַר דער מענטשהייט, פון אַ פריינד צום אמת און כּוח אַ זעלבסטאָפּפערנדיקן קעמפער פאַר די רעכט פון מענטשן. אַז פון דער אַנדער זייט איז די טרילאָגיע ניט געווען קיין אַרויסרוף קעגן די העכערע קרעפטן פון דער וועלטאָרדענונג אין בײראָנס גייסט, דאָס דאַרף מען דרינגען, וויסנדיק דעם טיף=רעליגיעזן געפיל ביי אייסכילאָסן. די ווערטער פון פאַרשטענדיקייט און מעסיקייט, וועלכע לאָזן זיך כסדר הערן מצד דעם כאָר, דעם דאָזיקן אָן=פּניותדיקן און וואָרהאַפטיקן רעזאָנירער פון דער גריכישער טראַגעדיע, איז אַן עדות דערויף, אַז אייסכילאָס איז ניט געווען דורכאויס פאַר די אוממעסיקע שטרעבונגען פון זיין העלד. אין די ווערטער פונם כאָר ווערט די מאַכט פון דער גאָטהייט אַרויסגעשטעלט אַלס אייביקער אומענדלעכער געזעץ. מעגלעך, אַז אין דעם דריטן טייל האָט אייסכילאָס

געפונען אַן אויסגאַנג, וועלכער האָט שלום געמאַכט צווישן דעם געטלעכן רצון און די רעכט פון דער מעכטיקער ניטאונטערטעניקער פערזענלעכקייט, צווישן דער נויטווענדיקייט מיט דער פרייהייט, צווישן דעם אידעאַל מיט דער ווירקלעכקייט. אַפּנים, אַז צעוס איז דאָרט אַרויסגעטראָטן אין אַן אַנדער באַלויכטונג, אויף וואָס עס דינען אַלס באַווייז אויך די רמזים אין דער פאַרבליבענער טראַגעדיע, וואו צעוס אַליין איז אונטערגעוואָרפן אונטער די געזעצן פונם גורל. אַפּנים, אַז אין דעם פאַרלאָרענעם טייל פון דער טרילאָגיע איז פּראָמעטעוס אויך געווען באַלויכטן ניט אַזוי, ווי אין דער טראַגעדיע, וועלכע איז אונז באַוואוסט.

דער קאַמף פון דעם טיטאַן מיט צעוסן האָט אָפּגעעפנט אַ ברייטע רחבות פאַר די דענקער. פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן האָט מען געקאָנט אונטערגיין צו דעם שטאָלצן העלד, וועלכער האָט געוואָרפן אַן אַרויסרוף דעם הערשער פון דער וועלט אין נאָמען פון דער מענטשהייטס רעכט, וועלכע איז דורך אים באַדריקט. באַזונדערע פּאָעטן האָבן אין הסכם מיט זייערע אינדיווידועלע כאַראַקטערן, אין הסכם מיט די אידעען און די שטימונגען פון זייערע עפּאָכעס, אַריינגעלייגט דעם אָדער יענעם אינהאַלט אין דער אומשטערבלעכער געשטאַלט פון דעם טיטאַן. פאַר געטען מיט זיין קלאָרן און האַרמאָנישן גייסטיקן בוי איז פּראָמעטעוס געווען די פאַרקערפּערונג פון דעם פרייען שעפערישן גייסט, וועלכער האָט זיך באַפרייט פון גלויבן אין די געטער, וועלכער האָט נאָכדעם תענוג פון זיין באַשאַפנדיקער אַרבעט. פאַר באַיראָנען איז ער געוואָרן דער פּראָטאָטיפּ פון אַלע זיינע בונטעווענדיקע העלדן. דער שעפער פון מאַנפרעדן האָט אין פּראָמעטעוסן געזען די פאַרקערפּערונג פון אומבאַגרענעצטן שמאָלץ. קיין זאַך איז ניט אימשטאַנד צו ברעכן די שטאָלצע עקשנות פון דעם טיטאַן, וועלכער באַהאַלט זיינע יסורים, וועלכער וואָלט זיך באַליידיקט פון מיטגעפיל און רחמנות.

פון די צאָלרייכע דאַפּלטגעשטאַלטן פון אייסכילאָסעס העלד וועלן מיר זיך אַ ביסל גענויער אָפּשטעלן אויף שעללים פּראָמעטעוס. ס'דאָזיקע ווערק קאָן דינען אַלס קלאָרע אילוסטראַציע צו דעם פאַרשיידנאַרטיקן אינהאַלט, וואָס פּראָמעטעוסעס געשטאַלט קאָן אין זיך איינהאַלטן. „איך האָב געפילט, — זאָגט שעללי, — אַ געפיל פון עקל צו אַזאַ שוואַכער ענדע, ווי דער שלום צווישן דעם קעמפער פאַר דער מענטשהייט מיט איר באַדריקער. דער מאָראַלישער אינטערעס פון דער אויסדיכטונג, וועלכע ווערט אויף אַזאַ גוואַלדיקן אופן אונטערגעהאַלטן דורך פּראָמעטעוסעס ליידן און פעסטקייט, וואָלט פאַרשוואונדן, אויב מיר וואָלטן זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין

שטאָלצער שפּראַך און האָט זיך שרעקעדיק געבויגן פאַר דעם זיגערישן און בייזן קעגנער זיינעם. די איינציקע שאַפונג פונם דמיון, וועלכע איז וויפיל ניט איז ענלעך צו פּראָמעטעוסן — דאָס איז דער שטן, און ווי מיר ווייזט אויס, שטעלט מיט זיך פּראָמעטעוס פאָר א מער פּאָעטישן כאַראַקטער, איידער דער שטן, מחמת שוין ניט ריידנדיק וועגן דער מוטיקייט, דער געהויבנקייט און דעם פעסטן ווידערשטאַנד קעגן דער מעכטיקער קראַפט, קאָן מען אים זיך פאָרשטעלן אַלס אַזעלכן, וועלכער איז פריי פון די חסרונות פון ערגייציקייט, קנאה, נקמה און דאָרשט נאָך כבוד, וועלכע טרעטן אין דעם העלד פון דעם פאַרלאָרענעם גן־עדן אַרויס פיינדלעך קעגן דעם אינטערעס... פּראָמעטעוס איז אַ טיפּ פון העכערער מאָראַלישער און גייסטיקער פולקומענהייט, וועלכער גיט זיך אונטער די סאַמע ריינע ניט אייגננוציקע אָנרעגונגען, וועלכע פירן צו די סאַמע איידעלע צילן".

אַזוי האָט דעם טיטאַן פאַרשטאַנען דער פּאָעט פון דעם הומאַנישן יאָרהונדערט, וועלכער איז געוואַקסן אין איין צייט מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכער האָט אין זיך געהאַט, לויט בראַנדעסעס אויסדרוק, עקזאַלטירטקייט פון אַ פּאָעט, מוטיקייט פון אַ העלד און ווייבלעכע ווייכקייט פון כאַראַקטער. און באמת, אין זיין שילדערונג איז פּראָמעטעוס פריער פון אַלץ — אַ הייליקער, וועלכער לאָזט זיך אָן שום אייגננוצן פייניקן פאַר די רעכט פון דער ליידנדיקער מענטשהייט. ער איז שטאָלץ, אָבער אין אים איז ניטאָ קיין בייזקייט און קיין נקמה־דאָרשט, ווי ביי אייסכילאָסעס טיטאַן. וועגן זיינע אייגענע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט אַמאָל פאַרשאָלטן צעוסן, זאָגט ער:

ס'איז מיר אַ שאָדן. זיי זיינען אומזיסטע.
איך קאָן ניט, אַז עמעצער זאָל ליידן.

אים איז אַ רחמנות אויף די פוריעס, וועלכע זיינען געשיקט, אים צו צופּן, מחמת זיי „זאָלן ליידן דערפון, וואָס זיי לעבן מיט דעם אָטעם פון בייז". ער האַלט, אַז זיין באַשטימונג איז — „זיין אַ שטיצע, אַ רעטער פון דעם ליידנדן מענטשן". ער האָט אַ געליבטע, אַזיע. ער גלויבט, אַז בלויז די ליבע אַליין איז געטריי". ווען עס פאַרווירקלעכט זיך די גרויסקייט פון דעם גורל, צעוס ווערט אַראָפּגעשלידערט אין אָפּגרונד, און די וועלט באַפרייט זיך ענדלעך פון דעם טיראַנס מאַכט, דעמאָלט קומט אָן די קיניגרייך פון פּראָמעטעוס, און ער שענקט דער וועלט אַ ניי גליקלעך לעבן, וואָס איז פול מיט שיינקייט און האַרמאָניע. די גאַנצע וועלט איז אָנגעטרונקען מיט ליבע.

„לאָמיר צוזאַמענפלעכטן שטראַלן, בלומען און קנאָספּן, לאָמיר פון מאָנטעגלעכקייט אויספלעכטן אוזאָרן, אומדערוואַרט מיט זייער אויסטערלישקייט, ווי דאָס איז צוטריטלעך פאַר די קינדער פון דעם מענטשן אין דער אויפגאַנג פון זייער אומשולדיקייט. מיר וועלן מיט דער עקשנות פון ליבע־ווערטער און פון דאַרשטיקע בליקן זוכן די באַהאַלטענע געדאַנקען, אַרויסשטייגנדיק פונם ליכטיקן צו דעם, וואָס האָט נאָך מער ליכטיקייט, און פונקט ווי האַרפעס, וועלכע זיינען אין שטורעמווינט באַרירט פון אַ לופטן־קוש, וועלן מיר אַלץ נייע און נייע האַרמאָנישקייט פון קלאַנגען באַשאַפן פון די זיסע פאַרשיידנקייטן אָן פיינדשאַפט.

די וועלט ווערט איבערגעאַנדערשט. די געצן זיינען געשליידערט אין שטויב. יענער בונטער צודעק, וואָס האָט זיך אַמאָליקע צייטן גערופן לעבן און איז געווען אַ נאַכלעסיק געמעל פון מענטשלעכע איינגעוואָרצלטע טעותן, איז איצט צעריסן.

... פון היינט אָן וועט אומעטום פריי זיין דער מענטש. אַ ברודער וועט גלייך זיין צו זיין ברודער, אַלע צוימען זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן מענטשן; שוין מער ניטאָ קיין שטאַמען, פעלקער, שטאַנדן. אינאיינעם האָבן זיך אַלע צונויפגעגאָסן, און יעדער איז פולמעכטיק איבער זיך. עס איז אַנטשטאַנען די צייט פון חכמה, פון מילדקייט, פון יושר. די נשמה פון דעם מענטשן וועט קיין ליידנשאַפט ניט פאַרגעסן, אָבער אין איר וועט שוין ניט זיין דער הושך פון פאַרברעכן, און בלויז דער טויט, די ענדערלעכקייט און דער צופאַל וועלן בלייבן אַלס לעצטער גרענעץ, אַלס לעצטער שוואַכער דרוק איבער דער באַוועגונג פון דער מענטשלעכער נשמה, וועלכע פליט צו די הימלען, — אַהין, וואו דאָס העכערע געזיכט פון דעם שטערן גלאַנצט אין די גבולות פון דער אָנגעשטרענגטער פוסטקייט.

אַזוי אַרום האָט דער ענגלישער ליריקער אַריינגעלייגט אַ נייע אידעע אין דער אַלטער לעגענדע וועגן דעם ווידערשפעניקן טיטאַן: „ווי אַ קנעכט דאַרף דינען דער הערשנדיקער כוח פאַר דער חכמה, פאַר דער לאַנגדויערנדיקער ליבע, פאַר דער מוטיקייט“, פאַר דעם, „אין וועמעס האַרצן עס ליגט פון די אַלע ליכטיקע איינגשאַפטן די פולקומענהייט“.

דער געדאַנק, אַז איבער דער וועלט דאַרף הערשן דער געזעץ פון העכערן יושר, אָט דער געדאַנק, וואָס דרינגט אַדורך די גאַנצע פּאָעזיע אייסכילאָסעס, ליגט אויך אין דעם יסוד פון אָ ר ע ס ט י ע, דער איינציקער טרילאָגיע פון דעם פּאָעט, וועלכע איז צו אונז אינגאַנצן דערגאַנגען.

די אַקציע פון דעם ערשטן טייל פון דער טרילאָגיע, אַ ג אַ מ ע מ נ אָ ן, קומט פאָר פאַר דעם פּאַלאַץ פון דעם פאַסטעך פון פעלקער, וועלכער איז דער פירער פון דער טראָיער עקספּעדיציע. דער כאָר דערציילט וועגן די געשעענישן, וועלכע האָבן באַגלייט די עקספּעדיציע, וועגן די סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די באַרימטע מלחמה, וועגן דעם, ווי מען האָט פאַר אַ קרבן געבראַכט איפיגעניען. קליטעמנעסטרע, אַגאַמעמנאָנס ווייב, דערציילט וועגן דעם, אַז טראָיע איז באַצוואונגען, — וועג

וואָס גאַנץ גריכנלאַנד האָט זיך דערוואוסט דורך סיגנאַל-פייערן, וועלכע זיינען אָנגעצונדן געוואָרן אויף די אינזלען פונם עגעישן ים. דער כאָר זינגט שבחים צו דעם יושר פון צעוס, וועלכער האָט נקמה גענומען דערפאַר, וואָס פאַריס האָט צעטראָטן אונטער די פיס די געזעצן פון הכנסת-אורחים, און ער וועט אין טראַגיעס מפלה אַ נייעם באַווייז דערויף, אַז „די געטער ערלויבן ניט די מענטשן צו צעטרעטן דעם אמת". אָבער צוזאַמען דערמיט פאַרבאָרגט ניט דער כאָר זיין אומרויקייט: די טויטע קערפערס פון טויזנטער אומגעקומענע קריגער, דער פיין און די טרערן פון די פאַריתומטע משפחות — דאָס אַלץ ליגט זיך מיט אַ פלוך אויף דעם שטאַם פון די אַטרידן, וועלכע האָבן דעם פאָלק געבראַכט אַזוי פיל אומגליק, דערפאַר וואָס מען האָט ביי איינעם פון זיי אַוועקגערויבט זיין ווייב. „די פינסטערע געטינס וואַרטן אויף נקמה, כדי אומגליקלעך צו מאַכן דעם מענטשן, וועלכער איז גליקלעך געוואָרן אויף אַ אומגערעכטן אופן, כדי צו צעברעכן זיין לעבן, כדי צו מאַכן אים נישטיק און קראַפטלאָז. עס איז זייער נעפערלעך צו זיין צופיל גליקלעך — בליצן לויפן פון צעוסעס אויגן. מיר זיינען פאַרערער פון גליק, וואָס דערוועקט ניט קיין קנאה; מיר וואָלטן ניט וועלן חרוב מאַכן קיין שטעט, ניט לעבן מיט אַ לעבן פון געפאַנגענע קנעכט". אין די רעדעס פון דעם כאָר הערט זיך דאָ אויך, ווי אין פּראָמעטעוס די שטים פון פאַרשטאַנדיקייט, אין זיי פילט זיך די אומרויקייט, דער ניט קלאָרער פאָרגעפיל פון אַ שרעקלעכער צרה. די עקספּעדיציע גופא קיין טראָיע האָט שוין אין זיך יענע אָפּוועגדונג פונם נאָרמאַלן לעבנסגאַנג, יענע „טראַגישע שולד", וועלכע וועט פאָדערן אַ פולע קרבנות און ליידן, ביז זי וועט ניט אויסגעקויפט ווערן. מיט דער ערשיינונג פון אַגאַמעמנאָן, וועלכן קליטעמנעסטרע באַגעגנט מיט צאַרטע ווערטער פון ליבע, פאַרשטאַרקערן זיך נאָך מער די פאָרגעפילן פון דעם כאָר: „ניט רויק איז אונזער נשמה. אַנטשלאָסן קעמפט דאָס האַרץ קעגן דעם שכל, וועלכער פילט דעם אמת". די נביאה קאַסאַנדרע מאָלט אין עקסטאַז אַ בילד פון אַ פאַרברעכן, וואָס דאַרף געשען. קליטעמנעסטרע, וועלכע איז אַגאַמעמנאָנען אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט פאַלש געווען מיט איינגיסטאָסן, פאַרנאַרט דעם מאַן „דורך אומווערדיקער ביטרעקייט" אין אַ וואַנע, וואו זי דערלאַנגט אים אַ טויט-קלאַפּ. קאַסאַנדרעס גרויזאַמע נביאות ווערט באַלד מקוים. פון פאַלאַץ הערן זיך אַגאַמעמנאָנס געוואַלדן, גלייך נאָך דעם באַווייזט זיך קליטעמנעסטרע. אין דער רעכטער האַנט האַלט זי אַ האַק, דער שטערן און דאָס קלייד זיינען ביי איר פאַרשפּריצט אין בלוט. דורך די אָפענע טירן זעט דער כאָר טיף אין פאַלאַץ די וואַנע מיט די טויטע קערפערס פון אַגאַמעמנאָנען און פון קאַסאַנדרען.

קליטעמנעסטרע איז זיך אָפנהאַרציק מודה, אַז זי איז דעם פאַרברעכן באַגאַנגען. זי איז פול מיט צאָרן און דערקלערט די סיבה פון דעם מאָרד: דאָס איז וואָס אַגאַמעמנאָן האָט געבראַכט פאַר אַ קרבן צו די געטער זייער טאָכטער איפיגעניע. קליטעמנעסטרע האָט ניט קיין מורא פאַר דער געפאַר פון נקמה מצד די בירגער, וואָרעם זי האָט אַ זיכערן שוץ — איר געליבטן אייגיסטאָסן. זי ווייזט מיט גרימצאָרן אויף די טויטע קערפערס פון אַגאַמעמנאָנען, וועלכע איז איר נאָך פאַלש געווען אונטער די ווענט פון טראָיע, און פון זיין געליבטער קאַסאַנדרען. דער כאָר באַוויינט דעם קיניג, וועלכער האָט באַוויזן אַזוי פיל גבורות, און טראַכט מיט טרויער וועגן די נייע אומגליקן, צו וועלכע דער באַגאַנגענער פאַרברעכן וועט נאָך ברענגען. „פאַר אַ קלאַפּ צאָלט מען מיט אַ קלאַפּ, דער רוצח וועט ניט בלייבן אָן נקמה. דער שולדיקער מוז זיין באַשטראָפט, — דאָס איז אַ געזעץ, וועלכער וועט ניט אויפהערן צו עקסיסטירן, כל זמן אויפן טראָן זיצט צעוס". די טראַגעדיע פאַרענדיקט זיך מיט דעם, ווי דער כאָר קריגט זיך מיט אייגיסטאָסן, וועלכער וואַרפט זיך מיטן שווערד אין דער האַנט צוזאַמען מיט זיין סוויטע אויף די בירגער, וואָס זיינען אויפגעבראַכט פאַר זיין פאַרברעכן. קליטעמנעסטרע מישט זיך אַריין און פאַרהיט פון אַ בלוט־פאַרגיסונג. דער כאָר גייט אַוועק מיט סטראַשונקעס, דערמאָנענדיק אייגיסטאָסן וועגן דעם פאַרטריבענעם אָרעסטעס, אַגאַמעמנאָנס זון, וועלכער וועט זיך נוקם זיין פאַר דעם פאָטערס טויט.

כאָעפאָרן — דאָס איז דער צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע— שטעלט פאָר דעם צווייטן אַקט אין דער טראַגישער קייט פון די פאַרברעכנס, וועלכע איז פאַטאַליש העגנען געבליבן איבער אַטרעיוסעס הויז. אָרעסטעס קומט אַראָפּ קיין אַרגאָס, כדי נוקם צו זיין זיך, לויט דעם באַפעל פונם אָראַקל, פאַר דעם טויט פון זיין פאָטער. ער אַנטפּלעקט זיך פאַר זיין שוועסטער עלעקטרע, וועלכע טראָגט איבער גרויסע פיינען אין אַגאַמעמנאָנס הויז. זי איז כמעט דעגראַדירט ביז דער מדרגה פון אַ שקלאַפין, און זיי, „פאַרגעסן יעדע בושה, פרייען זיך וויפיל דאָס האַרץ געלוסט, קלייבן די פרוכט פון זייער מי". די באַגעגעניש פון עלעקטרען מיט אָרעסטעסן קומט פאָר ביי דעם קבר פון אַגאַמעמנאָנען. דער כאָר האַלט אונטער די קינדער פון דעם דערמאָרדעטן קיניג, זעענדיק אין דער נקמה פון די רוצחים אַן אומפאַרמיידלעכן געצאָלט פון יושר. כדי צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון נקמה, טוט זיך אָרעסטעס איבער פאַר אַ רייזנדן, קומט צוזאַמען מיט זיין פריינד פילאַדעס אין פּאַלאַץ אַריין, און דערציילט קליטעמנעסטרען וועגן דעם טויט פון אָרעסטעסן, וועגן וועלכן ער האָט

זיך בֿלומרשט דערוואוסט פֿון איינעם אַ דורכגייער. אייגיסטאָס איילט זיך אין פּאַלאַץ אַריין, כּדי מיט די אייגענע אויערן צו הערן פֿון די רייזנדער די פֿריידיקע בּשורה, אָבער ווי נאָר ער גייט אַרונטער די טיר פֿון פּאַלאַץ, אַזוי לאָזט זיך תּיכף פֿון דאָרט הערן אַ געשריי. קליטעמנעסטרע קומט צו לויפֿן: „גיי נאָך מיר, — זאָגט צו איר אָרעסטעס, — איך וויל דיך טויטן לעבן יענעם, וועלכן דו האָסט אויסדערוויילט אָנשטאָט דעם פֿאָטער, ווען ער האָט געלעבט. לייג זיך איצט מיט אים אַ טויטע, אויב דו האָסט אים ליב, בּשעת דו האָסט נאָר שׂנאה געפֿילט צו יענעם, וועלכן דו האָסט בּאַדאַרפֿט צו ליבן".

ניט געקוקט אויף די תּחנונים פֿון קליטעמנעסטרען, וועלכע דערמאָנט דעם זון וועגן דעם, ווי ער פֿלעגט איינשלאָפֿן אויף איר בּרוסט, וועלכע ער וויל איצט דורכשטעכן מיטן שווערד, בּלייבט אָרעסטעס אומערבּעטלעך. ער פֿירט אַוועק זיין מוטער אין פּאַלאַץ, טויט זי און דורך די אָפֿענע טירן זעען זיך די טויטע ערקפּערס פֿון אייגיסטאָסן און קליטעמנעסטרען אויף דעם אָרט, וואו פֿריער זיינען געלעגן די קערפּערס פֿון קאַסאַנדרען און פֿון אַגאַמעמנאָנען. ווי נאָר אָרעסטעס האָט אויסגעפֿירט די זאַך פֿון גערעכטיקן משפּט, אַזוי הייבּן תּיכף די געטינס פֿון נקמה אָן צו פֿאַרפֿאָלגן אים. ער, ווי אַלע העלדן פֿון דער אַלטגריכישער טראַגעדיע — איז נאָר אַ געוועיר אין דער האַנט פֿון דעם גורל מאָיראַ. ער האָט ניט געקענט ניט נוקם זיין זיך פֿאַר דעם טויט פֿון זיין פֿאָטער, וואָרעם דער אָראַקל האָט אים געדראָט מיט אַ שרעקלעכער שטראָף. אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט געטויט, האָט ער געמוזט בּאַקומען געצאָלט דערפֿאַר, וואָס ער איז געוואָרן אַ מוטערמערדער. ער פֿאַלט אַריין אין אַ מין משוגעת, ער זעט שוין די שרעקלעכע געטינס פֿון נקמה, די שרעקלעכע גאָרגאָנעס, „אין טונקעלע קליידער, מיט אַ מאַסע שלאַנגען אין די האָר... זייער צאָל וואַקסט. פֿון זייערע אויגן פֿאַלן עקלהאַפֿטע טראָפּנס בּלוט". די טראַגעדיע פֿאַרענדיקט זיך מיט מוטיקנדיקע ווערטער פֿון דער כאָר, וועלכער זאָגט פֿאָראויס אָרעסטעסן, אַז אַפּאָלאָן וועט אים בּאַפֿרייען פֿון די פּיינען פֿון זיין געוויסן און מיט זיין בּאַרירונג וועט ער אים רייניקן פֿון דעם פֿאַרבּרעכן.

דאָס בּילד פֿון די עינויים, וועלכע צערייסן אָרעסטעסעס נשמה נאָך דעם מאָרד, וואָס ער איז בּאַגאַנגען, בּילדעט טאַקע דעם אינהאַלט פֿון דעם דריטן טייל. די געטינס פֿון נקמה, די עומענידעס (וואָס אויף זייער נאָמען איז די טראַגעדיע אָנגערופֿן) פֿאַרפֿאָלגן דעם מערדער. אָבער אַפּאָלאָן היט אים אָפּ, און, אויסנוצנדיק דאָס, וואָס דער כאָר פֿון די עומענידעס איז איינגעשלאָפֿן געוואָרן, הייסט ער אָרעסטעסן אַנטלויפֿן. אויפֿגעכאַפּט זיך פֿון שלאָף, פֿאַלן די עומענידעס אַריין אין פֿאַרצווייפֿלונג,

און גיסן אויס אַ שטראָם מיט פאָרוואורפן קעגן אַפּאָלאָנען. דער לעצטער פאַרטרייבט די בייזע געטינס פון זיין טעמפּל.

ניין, נים דאָ דאַרפסט איר זיין: פאַר אייך איז אַן אָרט דאָרט, וואו מען
שניידט קעפּ, וואו מען שטראָפט און מען פייניקט, און וואו דאָס שלעכטס הערשט
איף דער פולער פרייהייט, וואו דערשלאָגענע מיט שטיינער, מיט אַ רוקן אַ פאַר-
וואונדעטן, אַ דורכגעשטאָכענעס, קרעכצן שרעקלעך.

צווישן די עומענידעס מיט אַפּאָלאָנען אַנטשטייט אַ קריגעריי. די געטינס פון נקמה דערווייזן, אַז אָרעסטעס האָט געטויט די לייבלעכע מוטער, בשעת קליטעמנעסטרע האָט געטויט „דעם, וואָס איז ניט געווען אירער קיין קרוב". אַפּאָלאָן, פאַרקערט, האַלט זיך פעסט, אַז דער בונד פון חתונה איז הייליק, און ער לייגט פאָר איבערצוגעבן די זאַך אויף אַ משפט צו דער געטין אַטענע. די פאַרפאָלגונגען פון די עומענידעס סימ-באָליזירן דעם אינערלעכן קאַמף, וואָס אָרעסטעס לעבט איבער, דעם קאַמף צווישן דעם פיין פון געוויסן מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער האָט דערפילט דעם חוב פון נקמה. די שרעקלעכע געטינס דעריאָגן זייער קרבן אין אַטען לעבן דעם טעמפּל פון דער געטין אַטענע-פאַלאַדע, וואו אָרעס-טעס זוכט רעטונג צו די פיס פון איר סטאַטוע. די לעצטע סצענעס זיינען געווידמעט דער שילדערונג פון דעם משפט צווישן אָרעסטעסן מיט די עריניעס. ס'דאָזיקע בילד איז אַ מם צו דעם אינטערעס, וואָס די אַטענער בירגער האָבן געהאַט צו פראָצעסן. דער פראָצעס איז פול מיט פרטים, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש אין דעם הינזיכט פון לעבנסשטייגער. באַזונדער טשיקאַווע איז אַפּאָלאָנס פאַרטיידיקונגס-רעדע; ער דערווייזט, אַז לייבלעכע קרובהשאַפט פאַראייניקט אַ מענטשן נאָר מיט זיין פאָטער, אָבער בשום-אופן ניט מיט דער מוטער. די לעצטע נערט בלויז דעם עמבריאָן, „אָבער לעבן גיט איס דער, וועלכער האָט באַפרוכפּערט". אַטענע לייגט פאָר די שופטים, זיי זאָלן אָפּגעבן זייערע שטימען, אָבער פריער פאַר דעם האַלט זי די באַרימטע רעדע, וועלכע דאַרף איבערציינגן די מענטשן פון אייסכילאָסעס צייט אין דער הייליקייט פון אַרעאָפּאַג. די דאָזיקע רעדע האָט געזאָלט פאַרפעסטיקן ביי דעם אַטענער פאָלק דעם געדאַנק, אַז דער אַרעאָפּאַג איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער שיצערין פון זייער שטאָט און איז אַן ערבות, אַז די שטאָט וועט שטענדיק פעסט בלייבן.

איך גרינד דעם דאָזיקן גערינכט, פאַר וועלכן מען דאַרף האָבן ערפורכט.
און זאָל ער, נים וויסנדיק פון קיינע פניות, אומאונטערקויפבאַר שטענדיק בלייבן
אין חכמה.

ווייטער, דערציילנדיק וועגן די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף דעם דאָזיקן אָרט, דערמאָנענדיק וועגן דעם,

אַז דאָ האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט זייער לאַגער די אַמאַזאָנעס און גע־בראַכט אַ קרבן צו דעם גאָט אַרעס, פונוואַנען עס נעמט זיך טאַקע דער נאָמען אַרעאָפּאַג — ד. ה. דער באַרג פון אַרעס, בענטשט די געטין דעם דאָזיקן אָרט, וואו

> די ערפורכט צום אמת, וועלכע איז איינגעבוירן ביי די בירגער, זאָל זיי לאָזן באַשטראָפן דעם ניט־אמת, אַלץ איינם צי פאַר דעם שיין פון דעם טאָג, צי אין דער צייט פון דער נאַכט. נאָר פאַרקרימען די געזעצן טאָרט איר ניט, און קיין נייע געזעצן פירט ניט איין. וואָרעם אויב מען וועט מיט וואַסער שטינקענדיקן פאַרמיאוסן .דאָס וואַסער דאָס ריינע, דאָס דורכזיכטיקע, אָדער אויב מען וועט אין דעם אַריינוואַרפן אַ שטיק בלאָטע, — פונוואַנען־זשע וועט מען נעמען וואַסער צום טרינקען? און דעריבער מיט ניט ווילנדיקער אַכטונג פאַר דער געהויבנקייט פון דעם אמת, ווי עס באַדאַרף אויך צו זיין, האָט ביי זיך די דאָזיקע אַנשטאַלט, וואָס איז אַ שוץ פאַר דעם לאַנד און פאַר דער שטאָט, אַזאַ, וואָס קיינעם פון די שטערבלעכע איז נאָך ניט באַשערט געווען צו האָבן.

ווען מען האָט געציילט די שטימען פון די שופטים, האָבן זיי זיך צעטיילט אויף גלייך, און אַטענעס שטים האָט איבערגעוואויגן, און אָרעס־טעס איז באַפרייט געוואָרן.

די דאָזיקע רעשטן פון דער גרויסער ירושה, וואָס דער פּאָעט האָט איבערגעלאָזן, ערלויבן אונז, ניט געקוקט אויף דער קנאַפּקייט, דאָך צו באַשטימען די קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם באַרימטן טראַגיקער. אין זיין פּאָעזיע איז פאַרקערפּערט די ערשטע סטאַדיע פון דעם קאָנפליקט צווישן דעם רעליגיעזן געפיל און די מיטאָלאָגישע פאָרשטעלונגען — פון איין זייט, מיט דער זיך באַפרייענדיקער פערזענלעכקייט און דעם ערוואַכנדיקן גייסט פון דעם עמפּירישן וויסן — פון דער צווייטער זייט.

דריטע אָפּטיילונג.

די בליִונג פון דער דראַמאַטישער קונסט.

סאָפאָקלעס. עוריפּידעס. אַריסטאָפאַנעס. אַריסטאָטעלעס.

VII.

סאָפאָקלעס — זיין לעבן און פּערזענלעכקייט. — די רעפאָרם פון דער דראַמאַטישער קונסט. — די טראַגעדיעס: „קיניג אוידיפּוס“ און „אוידיפּוס אין קאָלאָן“. — אוידיפּוסעס כאַראַקטער אין דער ערשטער און אין דער צווייטער טראַגעדיע. — סאָפאָקלעסעס מאָראַלישע אָנשוויונגען און זיין בליק אויפן גורל. — „אַנטיגאָנע“. — די פרוי אין פּעריקלעסעס עפּאָכע. — עלעקטראַ און דעיאַנירא. — „אַיאַקס“ און „פילאָקטעטעס“. — די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון סאָפאָקלעסעס שאַפן.

אייסכילאָס איז אַלט געווען 60 יאָר, ווען אין 468 יאָר איז אַרויסגעטראָטען מיט אים אין קאָנקורס אַ יונגער פּאָעט. דער קאַמף צווישן דעם בערימטען אַלטען טראַגיקער מיט זיין יונגן קאָנקורענט האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרודערונג, און מען דערציילט, אַז כדי צו אַנטשיידן דעם געוועט זיינען איינגעלאַדן געוואָרן דער נאָר־וואָס צוריקגעקומענער הויפּט־אָנפירער פון דעם זיגרייכן אַטענער פלאָט קימאָן און צען פעלדהערן. די שופטים האָבן צוגעמשפּט די מתנה דעם יונגן פּאָעט. דער דאָזיקער אויפגייענדיקער שטערן איז געווען סאָפאָקלעס. אין זיין פּערזאָן האָט מנצח געווען ניט בלויז דער באַגאַבטער טראַגיקער, נאָר עס האָט געפייערט דעם נצחון אַ נייע ריכטונג.

ער איז געבוירן געוואָרן אַרום דעם 495 יאָר. זיין לעבן איז ניט רייך מיט אויסערלעכע געשעענישן און עפעקטן. ס׳דאָזיקע לעבן איז געווען אַ מוסטער פון רויִקן גליק, פון זאָרגלאָזע ערפאָלגן, פריי פון צערודערנדיקע פריידן און פון ביטערע אַנטוישונגען. מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען יענע עקזיסטענץ, וועלכע איז געווען דער אידעאַל ביים גריכישן פאָלק. ניט אומזיסט האָבן די מיטבירגער געהאַלטן דעם פּאָעט פאַר דעם ליבלינג פון געטער און פון מענטשן, און האָבן אים גערעכנט פאַר איינעם פון די גליקלעכסטע צווישן די שטערבלעכע. זיין קינדהייט איז אַדורך אין איינעם פון די שענסטע ערטער אויף דער וועלט און אין אַ געאַכטער משפחה. דער קאַנט פון קאָלאָן, לעבן אַטען, דעם פּאָעטס היימאַט,

איז באַשריבן אין דער טראַגעדיע „אױדיפּוס אין קאָלאָן" אין פערזן, װעלכע זײנען ניט אײנמאָל געבראַכט געװאָרן אַלס באַװײז אויף דעם אומפאַרגעסלעכן אײנדרוק, װאָס דער מאָלערישער אָרט האָט געמאַכט אויף דעם פּאָעט:

> „ליכטיקער קאָלאָן, װאו דער זיסקלינגענדיקער סאָלאָװײ סװישטשעט אין גרינעם װעלדל, װאו קאַפּריזיק פלעכט זיך דער װילדער װײנשטאָק, און דער װײנשטאָק — באַקכוסעס מתנה, — ברענגט אונז אַ שפע פון פרוכט".

זײן פאָטער סאָפילאָס, אַ װירט פון אַ װאַרשטאַט, האָט געזאָרגט װעגן דער פיזישער און גײסטיקער ערציִונג פון זײן זון, װעלכער איז אַזױ אַרום אויסגעװאַקסן אין אַ סביבה, זײער אַ גינסטיקע פאַר זײן אַנטװיקלונג. די שײנע אויסערלעכקײט, װעלכער די פאַרצײטיקע העלענער האָבן צוגעגעבן אַזאַ גרויסע באַדײטונג, האָט אויך ניט װײניק מיטגעהאָלפן זײנע ערפאָלגן אין לעבן. נאָך יינגלװײז האָט ער פאַרדינט אַן ערן-אויסצײכענונג, באַשטימט װערנדיק אָנצופירן מיט דעם כאָר, װעלכער האָט געזונגען דעם נצחון-פּעאַן אויף דער פײערלעכקײט לכבוד דעם זיג בײ סאַלאַמין.

סאָפאָקלעס האָט אָנגעהויבן זײן דראַמאַטישע קאַריערע, װען אים איז געװען אַרום 27 יאָר אין דעם קאָנקורס מיט אײסכילאָסן. עס איז פאַראַן אַ מסורה, אַז דער נצחון פון דעם יונגן פּאָעט האָט דערװעקט דעם באַלײדיקטן אײסכילאָסן צו פאַרלאָזן אַטען. אָבער די דאָזיקע מסורה פאַרדינט ניט קײן צוטרוי. צװישן בײדע פּאָעטן האָט, װי עס װײזט אויס, עקסיסטירט אַ שטענדיקע פרײנדשאַפט און זײ האָבן בײדע געאַרבעט פאַר דער אויסבעסערונג פון דער קונסט און פולקומער פרידלעכקײט. סאָפאָקלעס האָט אפילו נאָכגעמאַכט, דערהױפּט אין דער יוגנט, זײן עלטערן חבר. סאָפאָקלעס האָט אָנטײל גענומען אין דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון דער הײמאַט-שטאָט. ער איז געװען דער קאַסיר בײם זאַמלען די שטײערן פון די פאַרבינדעטע, און נאָכדעם איז ער אויסגעװײלט געװאָרן אַלס סטראַטעג און האָט אָנטײלגענומען אין דער עקספּעדיציע פון די אַטענער קעגן די סאַמאָסער, דערבײ שרײבט די מסורה צו דעם דאָזיקן װאַל אויף דער הױכער שטעלע זײן פּאָעטישן רום. מעגלעך, אַז דער גרויסאַרטיקער דראַמאַטורג האָט זיך אַרויסגעװיזן פאַר אַ מיטלמעסיקן פעלדהער, מחמת מיר האָבן ניט קײנע ידיעות װעגן דעם, אַז סאָפאָקלעסעס טעטיקײט אַלס קריגער זאָל האָבן איבערגעלאָזט װעלכע ניט איז קענטיקע שפּורן. ער האָט גיכער געהאָלפן פּעריקלעסן, װעלכער האָט זיך אין דער סאַמאָסער עקספּעדיציע באַרימט געמאַכט אַלס דיפּלאָמאַט, װאָס האָט גוט געקענט פירן די אונטערהאַנד-

לונגען מיט די פאַרבינדעטע. נאָך דער סאַמאָסער מלחמה ווערט סאַ־
פאָקלעסעס נאָמען עטלעכע מאָל דערמאָנט אין פאַרשיידענע היסטאָרישע
געשעענישן פון זיין פאָטערלאַנד. אָבער קיינמאָל טרעט ער ניט אַרויס
אַלס גרויסע קענטיקע פיגור. ער איז ניט געווען דער מענטש פון טאַט,
און האָט בעסער געוואָלט בלייבן דער חכם, וועלכער קוקט אויף די
געשעענישן מיט יענער רויִקייט, וועלכע ערלויבט צו פאַרהיטן די ליכטי־
קע קלאָרקייט פונם שׂכל, ערלויבט אויסצומיידן עקספּערימענטן און ניט
צו וואַרפן זיך אין דעם קעסלגרוב פון די געשעענישן. איבעריקנס, דער
סוף פון סאָפאָקלעסעס לעבן, ווען מען זאָל גלויבן דער מסורה, איז
פאַרטונקלט געוואָרן דורך אַ טרויעריקער געשעעניש. זיין זון יאָפאָן האָט
באַשולדיקט דעם פאָטער, אַז ער איז אַ שוואַכזיניקער, און האָט פאַרפירט
קעגן אים אַ פּראָצעס מיט דעם ציל אָפּצונעמען ביי אים דאָס רעכט צו
טאָן מיט זיין אייגנטום, ווי ער וויל. לויט דער מסורה איז די סיבה פון
דעם דאָזיקן טאַט געווען דאָס, וואָס יאָפאָן און דעם פאָעטס אייניקל פון
אַן אַנדער זון, סאָפאָקלעס דער יינגערער, זיינען ביידע געווען טראַגיקער־
פּאָעטן, און אַזוי ווי סאָפאָקלעס דער יינגערער פלעגט מנצח זיין יאָפאָנען
און איז געווען היים געליבט פון דעם זיידן, האָט דעריבער יאָפאָן
מחמת קנאה פאַרפירט דעם פּראָצעס. מען דערציילט ווייטער, אַז אויפן
געריכט האָט סאָפאָקלעס אָנשטאָט צו האַלטן אַ פאַרטיידיקונגס־רעדע
געלייענט פאַר די שופטים זיין נייע טראַגעדיע „אוידיפּוס אין קאָלאָן",
און די שופטים האָבן געגעבן דעם 80־יאָריקן זקן און שטרענג
אויסגערעדט דעם זון. די בירגער האָבן זייער געליבטן פאָעט געמאַכט אַן
אָוואַציע. סאָפאָקלעס איז געשטאָרבן אין 406 אָדער 405 יאָר ערב דער
ענגאָספּאָטאַמאָסער שלאַכט. אַלס יינגל האָט ער אָנגעפירט מיטן כאָר,
וועלכער האָט געזונגען אַ פּעאַן „לכבוד דעם, וואָס איז געווען דער אָנ־
הייב פון דעם גרויסן וועג פון אַטען", און געשטאָרבן איז ער פאַר דער
געשעעניש, וועלכע האָט פאַרענדיקט „דעם דאָזיקן וועג".

דער שריפטשטעלערישער וועג, וואָס דער פאָעט איז אַדורכגעגאַנגען,
פאַרנעמט זעכציק יאָר, אין משך פון וועלכע ער האָט, לויט דער עדות
פון די פאַרצייטיקע שריפטשטעלער, באַשאַפן 113 פּיעסן. פון דער דאָזי־
קער רייכער ירושה ווייסן מיר נאָר זיבן צו אונז דערגאַנגענע ווערק.
פריער, איידער מיר ווילן זיך נעמען זיי צו באַטראַכטן, מוז מען זאָגן
עטלעכע ווערטער וועגן סאָפאָקלעסעס באַדייטונג אין דער געשיכטע פון
דער גריכישער דראַמע.

ערשטנס איז מיט זיין נאָמען פאַרבונדן די ענדגילטיקע פונאַנדערטיי־
לונג צווישן דעם פאָעט מיט דעם הויפּטאַקטיאָר. די סיבה איז אגב געווען

דאָס, וואָס דער פּאָעט האָט געהאַט אַ שוואַכע שטים, מחמת וואָס ער האָט געמוזט די אויספירונג פון זיינע פּיעסן איבערגעבן אַן אַנדער פּערזאָן [1]. אָבער מן=הסתם האָט דערין געשפּילט אַ ראָלע ניט בלויז די דאָזיקע פּריוואַטע סיבה, נאָר אויך די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דער דראַמאַטישער קונסט, וועלכע האָט אַלץ מער געפאָדערט די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט, האָט געבראַכט צו דער דאָזיקער רעפאָרם. די צווייטע רעפאָרם איז באַשטאַנען אין דער דערשיינונג פון אַ דריטן אַקטיאָר. אַדאַנק דעם איז די באַדייטונג פון דעם כאָר פאַרקלענערט געוואָרן, און דער צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע, אויף דער אַנטוויקלונג פון דער דראַמאַטישער אַקציע. די טראַגעדיע האָט זיך ענדגילטיק אָפּגעטיילט פון דעם כאָרן=ליד און איז געוואָרן אַ בילד, וואָס איז פול מיט לעבן און באַוועגונג. דער צווייטער אַקטיאָר, וועלכער האָט פריער געמוזט אויספירן אַלע ראָלעס פון דער צווייטער מדרגה, האָט איצט געקאָנט פאַרנעמען אַ זעלבשטענדיקע לאַגע. אמת, ביי אייסכילאָסן באַגעגענען מיר אויך אָפטמטל דריי אַקטיאָרן, אָבער די ענדגילטיקע דורכפירונג פון דער דאָזיקער רעפאָרם איז סאָפאָקלעסעס פאַרדינסט. דער כאָר האָט דערביי באַקומען נאָך מער די באַדייטונג פון אַ באַזונדערן עלעמענט, וועלכער מישט זיך ניט אַריין אין דעם גאַנג פון דער דראַמאַטישער אַקציע און נעמט כמעט ניט קיין אָנטייל אין דעם דיאַלאָג. דער כאָר האָט אויסגעדריקט די געפילן, וועלכע זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך די געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף דער סצענע. אָבער ניט נאָר די דאָזיקע אויסערלעכע ענדערונגען, פאַר וועלכע די גריכישע דראַמע האָט צו דאַנקען סאָפאָקלעסן, האָבן געגעבן אַ שטאַרקן שטויס איר אַנטוויקלונג. מיט זיין ערשיינען אויף דער סצענע, ווערט די גריכישע טראַגעדיע אַ מער רעאַלע. זי פאַרלירט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס יענעם מיסטישן, רעליגיעזן כאַראַקטער. וואָס אייסכילאָסעס פּאָעזיע האָט געהאַט. סאָפאָקלעסעס שאַפונג באַצייכנט מיט זיך נאָך דער אייסכילישער פּאָעזיע, דעם פאָלגנדיקן טריט אויף דעם וועג פון דעם שטופנווייזן נצחון פון דער מענטשלעכער, נאַטור איבער דער סטיכישער. די גראַנדיעזע סוושעטן טרעטן אָפּ פאַר די פּשוטע, די געטער און די טיטאַנען טרעטן אָפּ זייער אָרט פאַר מער מענטשלעכע העלדן. דעריבער שטעלט סאָפאָקלעסעס פּאָעזיע פאָר אין דעם פּסיכאָלאָגישן הינזיכט מער אינטערעס איידער אייסכילאָסעס טראַגעדיע. די צייכענונג פון די כאַראַקטערן, דאָס טיפע אַריינדרינגען אין דער וועלט פון מענטשלעכע געפילן און ליידנשאַפטן מאַכן סאָפאָקלעסעס פּאָעזיע פאַר

[1] בערק, גריכישע ליטעראַטור-געשיכטע III, ז. 359.

אַ טייערן קוואַל צו דער ערלערנונג פון דעם מענטשן. עס קאָן זיין, אַז די דאָזיקע ריכטונג, וועלכע די טראַגעדיע האָט אָנגענומען, איז געוואָרן די סיבה דערפון, וואָס זינט סאָפאָקלעסעס צייט הייבט אָן צו פאַרשווינדן די פאָרם פון טרילאָגיע און טעטראַלאָגיע, אין וועלכער עס האָבן זיך אַזוי גוט אָנגעקליידט די געהויבענע אידעען פון אייסכילאָסן. דער שעפער פון פראָמעטעוס, וואָס איז נאָך ענג פאַרבונדן דורך דער טראַדיציע פון דער דראַמאַטישער קונסט, וועלכע האָט זיך אַ מאָל צונויפגעגאָסן מיט דער רעליגיעזער גאָטסדינסט, האָט זיך גענייטיקט אין אַזאַ פאָרם, וועלכע זאָל ערלויבן נאָכצופאָלגן די ווירקונג פון דער געטלעכער השגחה דורך אַ גאַנצע שורה דורות, וועלכע זאָל ערלויבן צו באַלייכטן די גאַנצע טיפקייט פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק, וועלכן דער פאָעט האָט אַריינגעלייגט אין דעם אָדער יענעם מיטאָס. ביי סאָפאָקלעסן איז יעדע טראַגעדיע אַ פאַרענדיקטע זאַך, וואָס איר אַקציע איז קאָנצענטרירט אַרום איין טראַגישן קאָנפליקט. פונדעסטוועגן האָט סאָפאָקלעס אויך ניט איינגאַנצן צעריסן מיט דעם עבר, און זיין פאָעזיע איז נאָך פול מיט יענעם געהויבענעם אידעאַליזם, וועלכער מאַכט זי קרובהש מיט דעם אייסכילישן טעאַטער און שיידט זי אונטער פון עוריפידעסעס טראַגעדיע.

פון די זיבן צו אונז דערגאַנגענע סאָפאָקלעסעס טראַגעדיעס האָבן דריי אַלס סוזשעט די טרויעריקע געשעענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין דער הויז פון דעם טעבענער קיניג לאַיאָס. עס איז שווער אָנצווייזן אין די גריכישע מיטן און מסורות אַ געשטאַלט, וואָס זאָל קאָנען אַרויסרופן אַזוי פיל טראַגישע אימה און אַזוי פיל מיטלייד, ווי די געשטאַלט פון אוידיפוסן, לאַיאָסעס זון. זיין אומגליקלעכער מזל האָט זיך אָנגעהויבן, איידער ער איז נאָך געבוירן געוואָרן. דער אָראַקל האָט פאָראויסגעזאָגט זיינע עלטערן, אַז זייער זון וועט פאַר זיי זיין אַ סיבה פון גרויסע אומגליקן. זיי האָבן אים אָפגעגעבן, מען זאָל אים אומברענגען, אָבער ער איז ניצול געוואָרן על-פי נס און איז כמעט אויסגעוואַקסן ביי פרעמדע מענטשן. ווערנדיק זיך דערוויסן דעם סוד פון זיין געבורט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן קיין דעלפי. דערהערט פונם אָראַקל, אַז אים שטייט פאָר צו ווערן דער רוצח פון זיין פאָטער און דער מאַן פון זיין מוטער, אַנטלויפט ער פון די, וואָס האָבן אים דערצויגן, ווייל מ׳האָט זיי געהאַלטן פאַר זיינע עלטערן. אָבער קיינער איז ניט אימשטאַנד אויסצומיידן זיין גורל. אַ צופאַל ברענגט אים צונויף מיט לאַיאָסן, און בשעת אַ מחלוקת טויט אוידיפוס זיין פאָטער, ניט האָבנדיק קיין אַנונג, אויף וועמען ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט. אַריינגעפאַלן נאָכדעם אין טעבען, טוט ער דער שטאָט זייער אַ גרויסע טובה, טרעפנדיק די רעטעניש פון דעם ספינקס,

און באַפרייענדיק דערמיט זיין געבירטיקע שטאָט פון דעם דאָזיקן אומ־געהייער. דער ספינקס האָט געפרעגט: „ווער גייט אינדערפרי אויף פיר פיס, בייטאָג אויף צוויי און אין אָוונט אויף דריי"? דער, וואָס האָט ניט געטראָפן, האָט זיך געמוזט אַראָפוואַרפן אין אָפגרונט. אוידיפוס האָט געטראָפן דעם ענטפער: „אַ מענטש" — און דער אומגעהייער האָט זיך אַליין אַראָפגעוואָרפן אין אָפגרונט. אַלס באַלוינונג האָט ער באַקומען דעם טראָן און פאַר אַ פרוי יאָקאַסטע זיין מוטער, די אַלמנה פון דעם דערמאָרדעטן קיניג לאַיאָס. אַזוי איז מקויים געוואָרן די נביאות פון דעם אָראַקל, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אוידיפוס האָט זיך אַזוי געהיט. עס איז אַריבער עטלעכע יאָר גליקלעך לעבן פאַר אוידיפוסן און יאָקאַסטען, אָבער דער דאָפלטער פאַרברעכן, דער מאָרד פון פאָטער און די חתונה מיט דער מוטער, האָט געפאָדערט שטראָף. די שרעקלעכע מגפה, וואָס איז אַראָפגעשיקט אויף טעבען, דערוועקט אוידיפוסן אַליין, ער זאָל זוכן דעם שולדיקן אין דעם צאָרן פון די געטער. בשעת דער סוד אַנטפּלעקט זיך, טויט יאָקאַסטע זיך אַליין, און אוידיפוס שטעכט זיך אויס די אויגן.

דער דאָזיקער מיטאָס, וואָס איז אַליין פאַר זיך פול מיט שפּאַ־נענדיקער אַקציע, האָט ניט איינמאָל אויף זיך געווענדט די אויפמערק־זאַמקייט פון די גריכישע טראַגיקער. אייסכילאָס האָט געווידמעט די גע־שעענישן אין לאַיאָסעס הויז אַ טעטראַלאָגיע. עוריפידעס האָט אויך באַ־אַרבעט דעם דאָזיקן סוזשעט. צום באַדויערן איז זיין אוידיפוס צו אונז ניט דערגאַנגען. עס איז באַוואוסט, אַז אויך די שפּעטערדיקע טראַגיקער האָבן זיך גערן גענומען צו באַאַרבעטן די דאָזיקע טעמע. די געשעענישן אין לאַיאָסעס הויז האָבן געדינט אַלס סוזשעט פאַר דריי אונז באַקאַנטע סאָפאָקלעסעס פיעסן: קיניג אוידיפוס, אוידיפוס אין קאָלאָן און אַנטיגאָנע.

די ערשטע פון זיי איז די בעסטע פון די צו אונז דערגאַנגענע שאַ־פונגען פון דעם גרויסן טראַגיקער. אַריסטאָטעלעס איז זיך אין זיין פּאָעטיק סומך אויף איר, ווי אויף אַ מוסטער פון אַ דראַמאַטישן ווערק. קיניג אוידיפּוס הייבט זיך אָן פון יענעם מאָמענט, ווען די שרעק־לעכע מגפה האָט שוין אויסגעבראָכן אין טעבען, און די דערשלאָגענע בירגער זוכן מיטלען, ווי צו רעטן זיך פון איר. אין יאוש נעמען זיי אַרום די מזבחות, בעטנדיק ביי די געטער הילף. און אַ „שוואַך קינד" און „אַן אַלטער פּריסטער, אַ געבויגענער אונטער דער לאַסט פון יאָרן". און „אַ יינגל אין דער בלי'ונג פון יונגקייט", — אַלע ווענדן זיך מיט האָפענונג צו אוידיפוסן. דער פּריסטער דערמאָנט אים אין נאָמען פון פאָלק, ווי ער האָט שוין איינמאָל מיט זיין חכמה מציל געווען די שטאָט.

אָבער אוידיפּוס האָט שוין אַליין פריער אָנגענומען מיטלען. ער האָט אַוועקגעשיקט צום אָראַקל קרעאָנען, זיין ווייבס ברודער, „עס זאָל דער זון פון די מענאָיקאָסן פרעגן ביי גאָט, מיט וואָס פאַר אַ טאַט, קרבן, אָדער נדר קאָן איך מיין פאָלק מציל זיין פון דער צרה". קרעאָן איז צוריקגעקומען מיט דער מעלדונג, אַז לויט דעם אָראַקלס רייד, איז נייטיק, כדי צו באַפרייען זיך פון דער מגפה, אַרויסצוטרייבן פון דער שטאָט די רוצחים פון לאַיאָסן, וועלכע באַהאַלטן זיך אין איר. כדי צו געפינען די שולדיקע אין דעם פאַרברעכן, פאַררופט אוידיפּוס דעם וואָרזאָגער טייערעזיאַס, אַ בלינדן זקן. אָבער טייערעזיאַס דרייט זיך אַרויס פון אַ דירעקטן ענטפער, געבנדיק אָנצוהערעניש, אַז ווען דער סוד זאָל אַנטפּלעקט ווערן, וואָלט עס געווען אַ גרויס אומגליק פאַר אוידיפּוסן. אוידיפּוס פאַלט אַריין אין גרימצאָרן און ער באַשולדיקט טייערעזיאַסן זעלבסט אין דעם מאָרד פון לאַיאָסן. דעמאָלט אַנטפּלעקט פאַר אים טייערעזיאַס דעם סוד. אוידיפּוס איז אַזוי ווייט פון דעם געדאַנק וועגן זיין שולדיקייט, אַז ער וועוט אויסער זיך פון דעם וואָרזאָגערס ווערטער. ער איז זיכער, אַז דאָס, וואָס דער זקן באַשולדיקט אים, איז אַ רעזולטאַט פון קרעאָנס אינטריגעס, מחמת ער וויל פאַרכאַפּן דעם טראָן. אוידיפּוס פאָדערט, קרעאָן זאָל באַשטראָפט ווערן; קרעאָן ענטפערט מיט אַ רעדע, וועלכע איז פול מיט ווערדע און פאַרשטאַנדיקייט. יאָקאַסטע, וועלכע קומט אינמיטן פון דער מחלוקת, באַרויִקט אוידיפּוסן, פאַרזיכערנדיק אים, אַז מען דאַרף זיך צוהערן צו די רייד פון די וואָרזאָגערס. דער בעסטער באַווייז איז דאָס, וואָס דער אָראַקל האָט לאַיאָסן פאָראויסגעזאָגט, אַז אים וועט טויטן זיין זון, און דאָ איז ער גאָר געשטאָרבן אויף אַן אָרט, וואו עס קרייצן זיך דריי וועגן, דורך אומבאַוואוסטע רוצחים. די דאָזיקע ווערטער פילן אָן מיט אומרויִקייט דאָס האַרץ פון אוידיפּוסן, וועלכער דערמאָנט זיך, אַז די קריג צווישן אים מיט דעם אומבאַקאַנטן, וועלכן ער האָט געטויט, איז פאָרגעקומען טאַקע אויף אַזאַ אָרט. פון די ווייטערדיקע זיינע פראַגעס און די ענטפערן, וועלכע ער באַקומט, ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך די צייט פונם מאָרד, אויך לאַיאָסעס סימנים — אַלץ באַווייזט, אַז אוידיפּוסעס פאָרגעפילן האָבן אַ יסוד. בשעת אוידיפּוס וואַקלט זיך צווישן מורא און האָפענונג, קומט אַ העראָלד פון קאָרינט און מעלדעט וועגן דעם טויט פון דעם קאָרינטער קיניג פּאָליבאָס, און אַז אויף זיין אָרט איז אויסגעווײלט געוואָרן פאַר אַ קיניג אוידיפּוס. פּאָליבאָס און זיין ווייב מעראָפּאַ האָבן ביי זיך ערצויגן אוידיפּוסן, און געדענקענדיק די נביאות פון דעם אָראַקל, איז אוידיפּוס אַנטלאָפן פון זיינע כלומרשטדיקע עלטערן. די ידיעה פון קאָרינט צינדט אָן אַ נייע האָפענונג אין זיין האַרצן. ער צייגט זיך איבער

פון ס'ניי אין דער פאַלשקייט פון דעם אָראַקל, וויבאַלד אַז עס איז מיט אַ נאַטירלעכן טויט געשטאָרבן דער, וואָס האָט, לויט דעם אָראַקלס נביאות, געזאָלט פאַלן פון זיין, אוידיפוסעס, האַנט. אָבער דער הערּאָלד צעשטערט אויך די דאָזיקע האָפענונג. ער מעלדעט אוידיפוסן, אַז פּאָליבאָס און מעראָפּאַ זיינען ניט געווען זיינע עלטערן. דער הערּאָלד איז געווען אַ פּאַסטוך, ער האָט אַמאָל באַקומען אַ קינד פון לאַיאָסעס קנעכט און האָט עס אָפּגעגעבן פּאָליבאָסן, וועלכער האָט קיין קינדער ניט געהאַט און האָט עס ערצויגן. ווען מען ברענגט לאַיאָסעס קנעכט, ווערן שוין פאַרשוואונדן די לעצטע ספקות בנוגע דעם פאַטאַלן סוד. דער קנעכט איז זיך מודה, אַז יאָקאַסטע האָט אים איבערגעגעבן אַ ברעקל קינד מיט דעם באַפעל צו טויטן עס. אָבער דער קנעכט האָט זיך דערבאַרעמט איבער דעם קינד און האָט עס איבערגעגעבן צו פּאָליבאָסעס פּאַסטוך. אוידיפּוס איז פאַרצווייפלט:

> ווי! ווי! פון איצט אָן איז מיר שוין אַלץ קלאָר. שיין פון טאָג! ווער זשע אויסגעלאָשן אין מיינע אויגן! איך בין פאַרפלוכט, און אַ פאַרפלוכטער געבוירן — איך האָב פאַרשוועכט דעם הייליקן געלעגער, הייליק בלוט פאַרגאָסן!

דער כאָר באַקלאָגט אוידיפוסעס טרויעריקן גורל און זינגט וועגן דער נישטיקייט פון דעם מענטשנס געשלעכט. פאַר אַ שטערבלעכן איז ניטאָ קיין גליק, עס איז נאָר פאַראַן אַ אילוזיע פון גליק. „צי דען ניט דו האָסט אויף דער ערד דערגרייכט דאָס העכסטע — רייכקייט און גרויסקייט? — ווענדט זיך דער כאָר צו אוידיפוסן, — אָ, געטער! צו דען ניט דו האָסט מנצח געווען דעם אומגעהייער מיט די נעגל? צי דען ניט דו ביסט איבער אונז געשטאַנען, ווי אַ שטאַרקע פעסטונג, אונז פון טויט צו פאַרהיטן? מיר האָבן דיך דערפאַר דערהויבן, מיר האָבן דיך געקרוינט, און אין דער גרויסער קאַדמעע האָסטו געקיניגט. און היינט, אוידיפוס, אָ, ווי ענדערלעך איז דער גורל! — ווער צווישן מענטשן האָט איבערגעלעבט אַ טרויער אַ מער האָפענונגסלאָזע, ווי דיינע?“ און גלייך, ווי כדי צו באַשטעטיקן די דאָזיקע ווערטער, איז פון די אינעווייניקסטע צימערן אַרויס אַ באַדינער מיט דער ידיעה וועגן דעם טראַגישן סוף פון דער דראַמע: יאָקאַסטע האָט זיך אַליין אַ טויט געמאַכט. אַריין צו זיך אין שלאָף־צימער, איז זי צוגעפאַלן צום חתונה־געלעגער, האָט אויף זיך געריסן די האָר אויסער זיך פון אַנגסט און דערמאָנט דעם לאַנג אומגעקומענעם לאַיאָס, זי האָט דערמאָנט „די נאַכט, ווען עס איז פאַרנומען געוואָרן דער זון דער פאָטערמערדער, מיט וועלכן די מוטער האָט געלעבט און געבראַכט אויף דער וועלט פאַרשאָלטענע דורך בלוט־שאַנד קינדער, און זי האָט פאַרשאָלטן דעם געלעגער, וואו צוויי מאָל אַן אומגליקלעכע האָט זי פון דעם מאַן אַ מאַן און פון דעם זון — זין גע=

בוירן". ווען אוידיפוס איז געקומען צו לויפן, האָט ער זי שוין געפונען אָן אויפגעהאַנגענע. דעמאָלט האָט זיך פונאַנדערגעשפּילט אַ נייע בלוטיקע סצענע:

> אַרייַנגעלאָפן, האָט ער פונאַנדערגעבונדן די שטריק מיט אַ ווילדער יללה, און דער טויטער קערפּער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. און דעמאָלט האָט דער אומגליקלעכער געטאָן דאָס, וועגן וואָס עס איז אַ שרעק זיך צו דערמאָנען. אַראָפּגעריסן פון אירע קליידער די גאָלדענע העקלעך, האָט ער זיך מיט זייערע שפּיצן דורכגעשטאָכן די אויגן, זאָגנדיק, אַז ער וועט שוין מער ניט זען ניט די אייגענע אומגליקן זיינע, ניט זיינע פאַרברעכנס; אַז, אַרומגענומען מיט אייביקער פינסטערניש, וועט ער שוין מער ניט דערקענען ניט די, וועמען ער וואָלט וועלן דערקענען, ניט די, וועמען ער וואָלט ניט באַדאַרפט צו זען. אַזוי, פאַרשילטנדיק אין משוגענעם פרויער דאָס לעבן, האָט ער אַלץ געשלאָגן אין די אָפענע אייגן, אויפהויבנדיק די וויעס, און איבער די באַקן איז פון זיי גערונען דאָס בלוט ניט טראָפּנוויז, נאָר מיט שווארצע שטראָמען און מיט אַ גאַנצן האָגל פון בלוטיקע טרערן.

די ערשיינונג פון דעם בלינדן אוידיפוסן, זיין געזעגענען זיך מיט די טעכטער און זיין פאַרטרייבונג פון טעבען געהערן די צו סאַמע שטאַרקע סצענעס, וועלכע די טראַגישע קונסט האָט באַשאַפן. אוידיפוס האָט זיך ניט געשוינט, ער האָט אין סאַמע שטאַרקע פאַרבן געשילדערט די טיפקייט פון זיין פאַלן. דער באַוואוסטזיין, אַז זיין פאַרברעכן וועט זיין אַ סיבה פון אומגליק פאַר אַנטיגאָנען און איסמענען, פאַרגרעסערן נאָך מער זיינע יסורים. זיי זיינען „טעכטער פון דעם מענשן, וועלכער האָט געטויט זיין פאָטער, וועלכער האָט געשענדט זיין מוטער, געבוירן זיי אויף דעם געלעגער, אויף וועלכן ער אַליין איז געבוירן געוואָרן!"

> ניט זיס וועט אייך זיין דאָס לעבן צווישן מענטשן. אַ פריינדלעך וואָרט ווער וועט אייך זאָגן? אין אַ טאָג פון אַ יום-טוב וועט אייך קיין פרייד ניט-ברענגען די פייערונג, און מיט טרערן אין די אויגן וועט איר זיך צוריקקערן אַהיים. און אַז עס וועט קומען די צייט חתונה צו האָבן, ווער, ערעטס, וועט וועלן זיין אייער מאַן און אויף זיך נעמען אַזאַ חרפה?

די טראַגעדיע פאַרענדיקט זיך מיט דער סענטענץ פון דעם באָר, וועלכע ניט אַפּנים דעם אויסדרוק פון דעם אַווטאָרס אידעע און וועלכע דערמאָנט וואונדערלעך סאָלאָנס ענטפער צו קרעזן:

> טוט אַ בליק, ווי דער גורל האָט אים אַרונטערגעוואָרפן! לערנט אייך, מענטשן, און כל זמן עמעץ האָט צו די גרענעצן פון לעבן ניט דערגרייכט אָן טרויער, אין כל-זמן זיין לעצטן טאָג האָט ניט דערזען איינער, וואָס איז שטערבלעך — זאָלט איר קיינעם אויף דער ערד ניט האַלטן פאַר קיין גליקלעכן.

ק י נ י ג א ו י ד י פ ו ס — דאָס איז די פאַרקערפּערונג פון דער גרונד-אידעע, וועלכע גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים דורך דער גאַנצער פאָעזיע סאָפאָקלעסעס. דאָס איז דער געדאַנק וועגן דער ענדערלעכקייט פון דעם מענטשס גורל. דער מענטש קערט זיך אין פאַרבלענדעניש אָפּ

פון דעם אמתן וועג און ער באַגייט פאַרברעכנס. סאָפאָקלעס שילדערט די ליידן, דורך וועלכע דער מענטש דערגייט צו דעם באַוואוסטזיין פון זיין שולדיקייט. די שטאָלצקייט אָן אַ מאָס, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון ערפאָלג, דאָס ניט־צוהערן זיך צו דער שטים פון די געטער, די פאַרגלויבטקייט אין זיך זעלבסט, און די באַפרידיקונג, וועלכע ווערט געגעבן דורך דעם באַוואוסטזיין פון די אמתע פאַרדינסטן, דורך דער אָנערקענונג און דער אַכטונג מצד די מיטבירגער, — דאָס אַלץ פירט צו שרעקלעכער שטראָף, וועלכע וועט פריער אָדער שפּעטער דערמאָנען דעם גליקלעכן, אַז, אפילו דערהויבן צו דער הייך, דאַרף ער אַלע מאָל האָבן אין זינען די ניט־זיכערקייט פון דעם מענטשנס גליק. דעם זעלביקן געדאַנק וועגן מעסיקייט און וועגן מורא פאַר די געהיימניספולע געזעצן פון דער העכערער נויטווענדיקייט וועלן מיר באַגעגענען אויך אין אַנדערע סאָפאָקלעסעם טראַגעדיעס. אוידיפּוס אין קאָלאָן איז סיי לאָגיש, סיי פּסיכאָלאָגיש די פאָרטזעצונג פון דעם קיניג אוידיפּוס. די דאָזיקע טראַגעדיע דערמאָנט אַ ביסל די אייסכילישע עומענידעס. פאַרלאָזן דאָס פאָטערלאַנד, בלאָנדזשעט דאָ אוידיפּוס אַרום, אַ באַלעסטיקטער מיט זיין פאַרברעכן, געגליכן צו אָרעסטעסן. רי אייגנטלעכע לעגענדע האָט סאָפאָקלעסן געגעבן ווייניק מאַטעריאַל פאַר דער טראַגעדיע. אין דער לעגענדע ווערט דערציילט, אַז נאָכדעם, ווי ער איז אַוועק פון טעבען, האָט דער פאַרטריבענער אוידיפּוס זיך באַזעצט אין אַטיקע און, אויסגעקויפט זיין זינד אין דער הייליקער געגנט פון די עומענידעס, איז ער דאָ באַגראָבן געוואָרן. לויט דער מסורה, איז ער געוואָרן דער מלאך הגואל פון אַטיקע און האָט די אַטענער געהאָלפן, ווען די טעבענער זיינען אויף זיי אָנגעפאַלן. אויף דער דאָזיקער מסורה האָט סאָפאָקלעס געבויט זיין טראַגעדיע, אויסניצנדיק זי טיילווייז, כדי צו רימען אין דער פּערזאָן פון קיניג טעזעוס די מענטשנליבע און די הכנסת־אורחים פון אַטען, וואָס האָט אויפגענומען דעם פאַרטריבענעם, אויך מיט דער כוונה צו באַזינגען די גרויסאַרטיקע נאַטור פון זיין געבוירטיקן קאָלאָן.

פאַרלאָזן טעבען, קומט דער בלינדער אוידיפּוס מיט זיין טאָכטער אַנטיגאָנע, וועלכע באַגלייט אים, אין דעם וועלדל, וואָס איז געהייליקט צו די עומענידעס אין קאָלאָן, אַ פאָרשטאָט פון אַטען. ווען די בירגער האָבן זיך דערוואוסט, וואָס פאַר אַ פאַרברעכער, אַ פאַרפאָלגטער פון די געטער, עס איז צו זיי געקומען, זיינען זיי געוואָרן אויסער זיך פון מורא און האָבן געפאָדערט, מען זאָל אים דערווייטערן, כדי דער פלעק זאָל אויך אויף זיי ניט פאַלן. אָבער, גערירט פון די תחנונים זיינע און אַנטיגאָנעס, האָבן זיי באַשלאָסן צו וואַרטן, ביז עס וועט קומען דער קיניג

טעזעוס. דערווייל קומט אָן די צווייטע טאָכטער אוידיפוסעס, איסמענע, וועלכע האָט נאָך פיינלעכע וואַנדערונגען געפונען איר פאָטער. זי דערציילט וועגן די געשעענישן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין טעבען, נאָכדעם ווי אוידיפוס איז פאַרטריבן געוואָרן. לכתחילה האָבן זיינע זין געוואָלט אָפּטרעטן די מאַכט קרעאָנען, כדי „ניט אַרויסצורופן אויף טעבען די קללה, וועלכע פאַרפאָלגט שוין פון לאַנג אָן אונזער משפחה מיט אומאויסמיידלעכע צרות". אָבער איינגיכן האָט „דער גורל אין די הערצער אַריינגעלייגט מחלוקת, און אַ ברודער איז אויפגעשטאַנען קעגן אַ ברודער, און די אומגליקלעכע קעמפן פאַר דער מאַכט". דער יינגערער ברודער האָט ביי דעם עלטערן אָפּגענומען דעם טראָן און האָט אים אַרויסגעטריבן פון דעם פאָטערס הויז, און דער אַרויסגעטריבענער האָט אָנגעזאַמלט אין אַרגאָס אַ חייל און האָט זיך אַוועקגעלאָזן צו די ווענט פון טעבען. אוידיפוס איז אויפגערודערט פון זיינע זינס עגאָיזם, ער דערמאָנט זיך, אַז קיינער פון זיי האָט אויף אים קיין רחמנות ניט געהאַט אין דעם טאָג, ווען ער איז פאַרטריבן געוואָרן, און ער שיקט צו זיי זיין קללה:

טאָ זאָלן די געטער נאָך שטאַרקער צעבלאָזן דאָס פייער פון קריג. זאָל מיר נאָך אַליין באַשערט זיין צו ענדיקן די דאָזיקע שלאַכט, וואו איצט האָט אַ ברודער אויפגעהויבן דעם שווערד אַנטקעגן זיין ברודער; און זאָל פאַלן דער, וואָס זיצט אויפן טראָן, און דער פאַרטריבענער זאָל זיך קיינמאָל ניט אומקערן צוריק!

לויט דער נביאות פון דעם אָראַקל האָט צווישן די אַטענער מיט די טעבענער געזאָלט פונאַנדערפלאַקערן זיך אַ מלחמה, און דאַן האָט דער טויטער קערפער אוידיפוסעס געזאָלט דינען פאַר אַטען אַלס שוץ קעגן דעם שונא. טעזעוס לייגט פאָר אוידיפוסן צו פאַרבלייבן אין אַטען. אָבער קרעאָן קומט מיט אַ המון פון טעבענער בירגער און רופט אוידיפוסן צוריק קיין טעבען, אויסדריקנדיק די חרטה דערויף, וואָס ער האָט דערלאָזן, מען זאָל דעם זקן אַרויסטרייבן. אוידיפוס אַנטדעקט די ביטרע כוונות פון קרעאָנען, וועלכער האָט עס אין דער אמתן געטאָן ניט מחמת רחמנות צו דעם פאַרטריבענעם, נאָר מחמת מורא פאַר דער שרעקלעכער נביאות פון דעם אָראַקל. קרעאָן וויל ניט דערלאָזן, אַז אוידיפוסעס קבר זאָל זיין אין אַטיקע און דינען אַלס סיבה פון מפלה פאַר די טעבענער. ווען קרעאָן האָט דערזען, אַז אוידיפוס פאַרשטייט זיינע כוונות, האָט ער אין צאָרן געהייסן זיינע באַגלייטער, זיי זאָלן מיט גוואַלד נעמען דעם בלינדן זקן און זיינע טעכטער. אָבער טעזעוס נעמט זיך אָן פאַר זיין גאַסט, און קרעאָן גייט אַוועק מיט זילזולים און מיט סטראַשונקעס. נאָך קרעאָנען קומט צו אוידיפוסן זיין עלטערער זון פאָלינייקעס. ער דערציילט דעם פאָטער וועגן זיין עקספעדיציע אויף טעבען, וואו אויפן טראָן

האָט זיך פאַרפעסטיקט דער יינגערער ברודער עטעאָקלעס. ער בעט דעם פאָטער, ער זאָל צושטיין צו זיין חייל: „יענער וועט מנצח זיין, מיט וועמען דו וועסט אַריינטרעטן אין אַ בונד". אַזוי האָט פּאָראויסגעזאָגט אַפּאָלאָן. אַלס באַלוינונג זאָגט צו פּאָלינייקעס דעם פאָטער אומצוקערן אים קיין טעבען, אָבער דער פאַרטריבענער ענטפערט זיין זון מיט די צאָרנדיקע ווערטער:

אָ, מיאוסער ליגנער, ווען דו האָסט געהאַט דעם טראָן און דעם סצעפּטער, וועלכן דיין ברודער באַהערשט היינט, האָסטו זיך ניט געשעמט צו פאַרטרייבן דעם פאָטער, פאַרמשפּטן אים אויף ביטערן ברויט אין דער פרעמד און איך שמאַטעס פון אַן אָרעמאַן, די זעלביקע, וואָס איצט קומסטו אַליין צו באַקלאָגן, געטראָפן פון דעם זעלביקן גורל, וואָס איך... גיי־זשע פאָרט פון מיר, פאַרטריבן פונם פאָטער, צווישן שלעכטע דער ערגסטער, פאַרהאַסטער נבל, נעם מיט זיך מיין קללה. ניט דיין היימאַט וועסטו מיט דיין ניט שפּיז איינגעמען, ניט אַרגאָס וועסטו שוין ווידער מער ניט זען, נאָר פון דער האַנט פון אַן אייגענעם פאַלנדיק, וועסטו אויך דיין ברודער אומברענגען. אָט איז דיר מיין וואָרט: איך רוף דעם טאַרטאַר, דעם פינסטערן חושך, וואו מיין פאָטער איז פאַרהוילן, אויף דיין קאָפּ, פאָטערמערדער! איך רוף די בייזע עומענידעס, און דעם גאָט פון מלחמה, דעם צעווילדעווען אַרעס, וועלכער האָט מיט גרימצאָרן אָנגעפילט אייך די הערצער!..

פאַרשאָלטן פונם פאָטער, באַשווערט פּאָלינייקעס די שוועסטער, זיי זאָלן זיין קערפּער באַגראָבן, אויב דעם פאָטערס קללה וועט מקויים ווערן, און ער גייט אַוועק צו זיין חייל. אַ שרעקלעכער דונער און אַ בלענדיקער בליץ זאָגן אוידיפּוסן אָן, אַז עס איז אָנגעשטאַנען די רגע פון זיין טויט. ער פירט אַוועק טעזעוסן אָנצווייזן אים אַן אָרט פאַר זיין קבורה און אַנטפּלעקן אים אויג אויף אויג „די הייליקייט פון סודות אומאויסגערעדטע, וואונדערלעכע". קיינער טאָר ניט וויסן וועגן די דאָזיקע סודות, און נאָר פאַרן טויט דאַרף זיי טעזעוס מגלה זיין צו זיין נאָכפאָלגער, „כדי אין זיין צייט, זאָל ער זיי דעם קומענדיקן איבערגעבן, און אַזוי וועט אייביק דיין שטאָט אומבאַקעמפּבאַר זיין". די טראַגעדיע ענדיקט זיך מיט דער רירנדיקער דערציילונג פון דעם העראָלד וועגן אוידיפּוסעס טויט און מיט דעם טרויעריקן געוויין פון זיינע טעכטער, וועלכע לאָזן זיך אַוועק קיין טעבען, כדי ניט צו דערלאָזן דאָס אומגליק, וואָס דראָט זייערע ברידער.

אוידיפּוס אין קאָלאָן דערפילט און פאַרענדיקט די געשיכטע פון דעם אומגליקלעכן טעבענער קיניג. אוידיפּוס קומט אום ניט פאַר זיין שולד: די אומבאַגרייפלעכע וועגן פונם גורל האָבן עס געפאָדערט. אָבער ווען מען זאָל טיפער אַריינקוקן אין דעם כאַראַקטער פון דעם העלד, וועלן מיר זען, אַז אוידיפּוס איז לגמרי ניט קיין ריטער אָן מורא און אָן פאַרוואורף. אמת, אין דער ערשטער טראַגעדיע טרעט ער אַרויס

אין דער ראָלע פון אַ הומאַנישן און אַ פאַרזאָרגטן פאַר זיין לאַנד קיניג. אָבער אין אייניקע מעשים אוידיפוסעס איז ניט שווער צו דערקענען דעם טיראַן, וועלכער איז געווינט צו דער אונטערטעניקייט פון די אַרומיקע, וועלכער פאַרליידט ניט, מען זאָל אים אַנטקעגן ריידן. ער שרעקט מיט שטראָף דעם וואָרזאָגער טיירעזיאַס, וועלכער איז פון אַלעמען שטאַרק געאַכט, ווען דער זקן וואַקלט זיך צו זאָגן דעם שרעקלעכן אמת. בלויז ביי דעם געדאַנק, אַז קרעאָן און טיירעזיאַס האָבן קענען אים געשאַפן אַ פאַרשווערונג, פאַרלירט אוידיפוס פון כעס די גאַנצע זעלבסטבאַהערשונג זיינע. ער פאָדערט, קרעאָן זאָל באַשטראָפט ווערן, וויל ניט הערן די טעמים, וואָס דער פאַרשטאַנד ברענגט, און וואָס דער כאָר זאָגט אים. דער דעספאָט וועקט זיך אין אים אויף. אמת, אוידיפוס איז אויטער זיך פון דער אומוואָרשיינלעכער באַשולדיקונג, אָבער אַפילו ביי אַלע אויסשליסלעכע אומשטאַנדן וואָלט ער געקאָנט אַרויסווייזן מער שכל הישר. „זיי קלוג און גוט״, — זאָגט דער כאָר, געבנדיק אוידיפוסן די עצה ניט אַרויסצורייד̈ן דעם פסק־דין פון טויט, ניט „צו פאַרמשפּטן אויף טויט, אויף חרפּה דעם געטרייען פריינד, וואָס איז מיט אַ שרעקלעכער שבועה געהייליקט, אָן אַ געריכט, אָן באַווייזן, אַז ער איז שולדיק, אָן עדות״. די איינקייט פון דער סאָפאָקלישער טראַגעדיע, איר קינסטלערישער רעאַליזם און איר הויכער מאָראַלישער זינען באַשטייט דווקא אין דער וואָרהאַפטיקער און בולטער שילדערונג פון אוידיפוסן. ער איז ניט קיין טיראַן אין דעם געוויינלעכן זינען פון דעם וואָרט, אין דעם סטיל פון דעם קיניג ליר, אַ קאַפּריזער עקשן. כדי אויפצוזוכן דעם מאָראַלישן זינען אין זיינע עינויים, כדי צו פאַרשטיין „די טראַגישע שולד״ פון דעם דאָזיקן קלוגן און פאָרזיכטיקן מושל, דאַרף מען באַזיצן אַ הויכע פאַרשטעלונג וועגן אַ מענטשן און אַ קיניג. דער מענטש דאַרף, לויט סאָפאָקלעסעס פאַרשטעלונג, אויף יעדער שטופע פון זיין לעבנסוועג געדענקען וועגן דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויף אים. וואָס העכער עס איז די לאַגע פון אַ מענטשן, וואָס מער קראַפט און אָנערקענונג ער פילט הינטער זיך, אַלץ שווערער איז פאַר אים אויפצוהיטן די מאָראַלישע גלייכגעוויכט. עס איז גלייך, ווי סאָפאָקלעס וואָלט וועלן אילוסטרירן דעם געדאַנק, וואָס ליגט אין דעם יסוד פון דער דערציילונג וועגן פּאָליקראַטעסן, — דעם געדאַנק, וואָס איז געוועזן דער פונדאַמענט פון דער לעבנס־חכמה ביי דעם מעסיקן און האַרמאָנישן פאָלק: מען טאָר קיינמאָל ניט איינגאַנצן איבערגעבן זיך דעם גליק, מען מוז אַלע מאָל געדענקען וועגן דער ענדערלעכקייט פון דעם מענטשנס גורל. אויב אוידיפוס האָט אַפילו מיסנעבראַוכט מיט זיין הויכער לאַגע פון דעם שטאַנד־

פונקט פון דער היינטיקער וועלטאַנשויונג, איז ער דאָך לויט די גריכישע באַגריפן געווען צופיל גליקלעך, ער האָט צו ווייניק געטראַכט וועגן דער ניט פעסטקייט פון דער ערדישער גרויסקייט, כּדי ניט צו באַקומען די פאַרדינטע געצאָלט. ער איז שוין שולדיק אין דעם, וואָס מען האָט אים גערופן גליקלעכער, וואָס די שטערבלעכע האָבן אים צו הויך דערהויבן. אין יעדער פערז פונם כאָר ווערט אַרויסגעזאָגט דער דאָזיקער גרונדגעדאַנק פון דער טראַגעדיע:

> גאווה געבוירט טיראַנען, און אָנזעטיקנדיק פילע מיט שיגעון, פירט זי זיי אַלץ העכער און העכער צום ברעג באַרג און וואַרפט זיי פּלוצלונג פון דער הויך אַראָפּ אינם אָפּגרונד — אין די נעצן, פונוואַנען עס איז ניטאָ קיין אַרויסגאַנג, און טרויער, קעגן וועלכן עס איז קיין תרופה ניטאָ.

די דאָזיקע געהיימע אומרויִקייט וועגן דעם, אַז עס זיינען צעטראָטן די געזעצן פון דער וועלט־האַרמאָניע, אַז מען מוז האָבן אַ שרעקלעכן אויסקויף־קרבן, וואַקסט שטופנווייז אָן און באַקומט באַשטימטע פאָרמען אין די רייד פון דעם כאָר. די נביאות, וועלכע מען האָט לאַיאָסן פאָראויסגעזאָגט, איז ניט גענומען געוואָרן אין אַכט — דאָס איז די ערשטע אָפּווענדונג פון די געזעצן פונם גורל, וועלכע האָט געדינט אַלס אָנהייב פון אַ גאַנצער שורה אומגליקן. דאָס, וואָס אוידיפוס האָט זיך ווייניק אַריינגעטראַכט, זיין רויִקייט און אומאויפמערקזאַמקייט צו די געהיימניספולע פאָרבאַשטימונגען פון דעם גורל האָבן נאָר דערגאַנצט דעם אורערשטן פעלער און האָבן פאַרגרעסערט זיינע רעזולטאַטן. אָט פאַרוואָס אוידיפוסעס אומגליקלעכער גורל ברענגט ניט צו דעם אויספיר, צו וועלכן עס וואָלט געקומען אַ מענטש פון היינטיקער צייט, ווי, אַ שטייגער, לעאָפּאַרדי אָדער באַיראָן. ער וואָלט אַרויסגערופן אויף קאַמף די העכערע קרעפטן, וועלכע פירן אָן די וועלט, ער וואָלט געשיקט אַ קללה דער וועלט־אָרדענונג, ער וואָלט אין אוידיפוסעס אומגליקן מער גאָרנישט ניט געפונען, ווי די באַשטעטיקונג פון זיינע טרייסטלאָזע אויספירן וועגן דעם, אַז דער מענטש איז געשליידערט אין דער וועלט אַריין אויף צרות, אַז די גאָטהייט — איז אַ פיינד און ניט קיין פריינד פון דער מענטשהייט, אַז בלויז די שטאָלצע איינזאַמקייט און דער גרויסער יאוש קאָנען זיין דער אויסגאַנג פאַר די דענקענדיקע נאַטורן. דער קלאָרער און דער האַרמאָנישער שכל פון דעם העלענער קומט צו אַן אַנדער אויספיר. ניט געקוקט אויף דעם טראַגיזם פון די פאָרגעקומענע געשעענישן, אויף אוידיפוסעס פולקומער אומשולדיקייט, אויף דער אומפאַרשטענדלעכער אכזריות פון דעם גורל, וואָס האָט זיין שטאַם אָן אַ סיבה פאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג, — געפינט דער קלאָרער שכל פון דעם העלענער אין דער כאַאָטישער קייט

פון די געשעענישן האַרמאָניע, אָרדענונג און איינהייט, וועלכע לאָזט מיט דעם שלום מאַכן. ער כאַפּט אויף אַ באַלערעוודיקן אויספיר דאָרט, וואו עס קאָן, דאַכט זיך, ניט זיין קיין אויספיר: זיי גרייט צו אַן אומגליק, וואַרט דערויף אַלע מאָל, וועט עס דיך ניט כאַפּן פּלוצלונג:

> לערנט אייך, מענטשן, און כל זמן עמעץ האָט צו דער גרענעץ פון לעבן ניט דערגרייכט אַן טרויער, און כל זמן זיין לעצטן טאָג האָט ניט געזען דער יעניקער, וואָס איז שטערבלעך, זאָלט איר קיינעם אויף דער ערד ניט האַלטן פאַר קיין גליקלעכן.

די מסורה וועגן פּאָליקראַטעסן, די ערציילונג וועגן סאָלאָנס קלוגן ענטפער קרעזאָסן און סאָפאָקלעסעס טראַגעדיע — דאָס זיינען אַלץ פּראָדוקטן פון דעם העלענישן גייסט, וועלכע אילוסטרירן איינע פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע זייטן זיינע.

אין סאָפאָקלעסעס טראַגעדיע איז אַזוי אַרום אַוועקגעשטעלט אַלץ די זעלביקע פראַגע וועגן דער באַציִונג צווישן דער פּערזענלעכקייט און דער געטלעכער נויטווענדיקייט, — די פראַגע, וועלכע איז געוואָרן אַלץ ברענענדיקער פאַר דעם גריכישן געדאַנק, וואָס מער ער האָט זיך באַפרייט פון דער מיטאָלאָגישער טראַדיציע. סאָפאָקלעס שטעלט זיך שוין אַנטשיידענער אויף דער זייט פון דער פּערזענלעכקייט קעגן דער אומפאַרשטענדלעכער אכזריות פונם גורל.

אין דער צווייטער טראַגעדיע ערשיינט פאַר אונז אוידיפּוס אַלס מער פאַרביטערטער און ווייניקער סימפּאַטישער, איידער אין דער ערשטער. ער קאָן ניט פאַרגעסן און מוחל זיין דעם פאָטערלאַנד זיינעם די באַליידיקונג, וואָס עס האָט אים פאַרשאַפט דערמיט, וואָס עס האָט אים אַרויסגעטריבן פון זיינע גרענעצן. ער גיט זיך באַוואוסטזיניק אָפּ אין די הענט פון זיין שונא, און פרייט זיך מיט דעם געדאַנק וועגן דעם קינפטיקן נצחון פון די אַטענער איבער די טעבענער. ער שטויסט אָפּ קרעאָנס געבעט וועגן צוריקקערן זיך קיין טעבען.

> אין דער צייט פון מיין צרה האָט איר מיך פאַרשטויסן; אין זיין צרה האָט איר דעם בעטנדיקן ניט געהאָלפן.

קרעאָן, וועלכער איז אין כעס אויף אוידיפּוסעס עקשנות, זאָגט אַרויס אַ מטיקאַווע פראַזע: „אפשר מיט דער צייט וועסטו פאַרשטיין, אַז דער ערגסטער שונא דיינער ביסטו אַליין אויך היינט, ווי פריער, גייענדיק קעגן אַלע דיינע פריינד איבערצוגעבן זיך צום צאָרן, דער סיבה פון דיינע אַלע צרות״. די דאָזיקע רמזים אויף פריערדיקן צאָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פריידיקט פונם כאָר וועגן זעלבסט־באַהערשונג, וועגן פאַרשטאַנדיקייט באַווייזט נאָך אַמאָל, אַז אוידיפּוס איז אין



סאָפאָקלעס

די אויגן פון דעם פּאָעט ניט געווען קיין גאָר אומשולדיקער קרבן פון דעם זינלאָזן גורל. אָבער, אַ שונא פון די געטער אין דער ערשטער טראַגעדיע, ווערט אוידיפּוס אין דער צווייטער שוין אַ געצייג אין די הענט פון דער געטלעכער השגחה. ער האָט אויסגעקויפט דעם פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנגען, און האָט שלום געמאַכט מיט די געטער. זיין קבר וועט בלייבן אַלס שטענדיקער סטראַשונעק פאַר טעבען, און זיין קללה דאַרף אומברענגען זיינע ביידע זין — עטעאָקלעסן און פּאָליניייקעסן. זיי זיינען פאַרנומען געוואָרן אין פאַרברעכערישער בלוטשאַנד, און דאַרפן אויסקויפן די זינד פון זייער געבורט דורך נייע פּיינען: די אומגליקן פון לאַיאָסעס שטאַם האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט. דער שלום פון אוידיפּוסן מיט די געטער — דאָס איז נאָר איין עפּיזאָד אין דער לאַנגער קייט פון די געשעענישן. בלויז די פולקומע פאַרניכטונג פון דעם אומגליקלעכן שטאַם קאָנען ווידער אויפשטעלן די צעשטערטע מאָראַלישע האַרמאָניע. מיר זעען, אַז סאָפאָקלעס לאָזט ניט איבער אָן שלום די גאָטהייט מיט דעם פאַרברעכער. אין לעצטן סך-הכל מוז יעדע אָפּוועגדונג פון דעם אמתן וועג ברענגען דורך ליידן צו שלום און צו דער באַרויקונג פון דעם שולדיקן. דאָס ליידן טראָגט ביי סאָפאָקלעסן ניט קיין לעסטיקן כאַראַקטער. דאָס איז ניט קיין רעזולטאַט פון אַבזוריות אָדער נקמה מצד די העכערע כוחות. דאָס איז דער נויטווענדיקער וועג צו אויסקויפונג. דאָס דאַרף אויף דעם צושויער מאַכן אַן אָפּריינינקנדיקע, אַ דערהויבנדיקע ווירקונג, אַרויסרופנדיק מיטלייד צו דעם העלד און מורא פאַר יעדער אָפּוועגדונג פון די געזעצן פון יושר און פון פאַרשטאַנד. אַלע זיינע העלדן ענדיקן זייער לעבן, ניט איבערלאָזנדיק אין דעם צושויער קיין שווערן איינדרוק, אָדער דעם באַוואוסטזיין פון דער אומגערעכטיקייט פונם גורל. אויב אין דער ערשטער טראַגעדיע איז אוידיפּוס דער מענטש פון קללה, איז ער אין דער צווייטער — אַ הייליקער אין דעם גריכישן זינען: ער איז שטאַרק בנוגע צו די געטער, וואָרעם ער האָט דעם באַוואוסטזיין, אַז די אומזיסטע, ניט פאַרדינטע ליידן האָבן די געטער געמאַכט פאַר זיינע בעלי-חובות, און די ברכה, וואָס איז אים אַראָפּגעשיקט פון אויבן, נעמט ער אויף ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים, וואָרעם מיט זיינע ליידן האָט ער זיך גערייניקט, און ער איז ווערט, מען זאָל אים פאַרערן און אַכטן.

דער סוף פון די טרויעריקע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך פאָרגעשפּילט אין לאַיאָסעס שטאַם, איז געשילדערט אין דער טראַגעדיע אַנטיגאָנע, וועלכע איז שוין פאַרציייטן פאַררעכנט געווען אַלס איינע פון די בעסטע ווערק סאָפאָקלעסעס. איר סוזשעט איז דער צוזאַמענ=

שטויס צווישן די מלוכהשע פאָדערונגען פון איין זייט און די פּערזענלעכע מאָראַלישע איבערצייגונגען — פון דער צווייטער זייט. דער אומגליקלעכער פּאָלינייקעס, וועלכער האָט אויפגעהויבן דאָס פאַרברעכערישע געווער קעגן דער אייגענע שטאָט און לייבלעכן ברודער, איז ניט בלויז אומגעקומען אין שלאַכט, נאָר לויט קרעאָנס פאַראָרדענונג האָט ער געמוזט טראָגן דעם רעזולטאַט פון זיין פאַרברעכן אויך נאָכן טויט:

זאָל צו קבורה קומען, ווי אַ מוטיקער העלד, וועלכער איז אין שלאַכטפעלד פאַרן פאָטערלאַנד, מיט פייערלעכן פאַראַד עטעאָקלעס; און פּאָלינייקעסן, דעם בורח און דעם שונא פון פאָלק, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, כדי צו פאַרברענען ביזן פונדאַמענט סיי די שטאָט אונזערע, סיי די טעמפּלען פון די אייגענע געטער, כדי אונז צו פאַרוואַנדלען אין קנעכט, אָנגעזעטיקט מיט רציחות און מיט בלוט, — האָב איך באַפוילן עס זאָלן אים ניט געגעבן ווערן קיין טרערן און קיין געבעטן, זאָל זיין טויטער קערפּער, וועלכער איז שרעקלעך פאַר מענטשן, זיין אַ רויב פאַר הינט און פאַר בלוטגיריקע פויגל.

די דאָזיקע שטרענגע פאַראָרדענונג פון דעם מושל קומט אין צוזאַמענשטויס מיט דעם צאַרטן געפיל פון קרובהשער ליבשאַפט. אַנטיגאָנע קאָן ניט דערלאָזן, אַז איר ברודער זאָל ניט האָבן קיין קבורה, און אַז זיין נשמה זאָל נאָכן טויט דאַרפן אַריבערטראָגן אַלע עינויים, וועלכע ערוואַרטן, לויט די פאָרשטעלונגען פון די העלענער דעם, וועלכער איז צו קבורה ניט געקומען. זי האָט באַשלאָסן צו ערפילן דעם חוב פון אַ שוועסטער, ניט געקוקט אויף דער שטראָף, וועלכער דראָט איר דערפאַר. זי האָט באַשלאָסן „צו פאַראַכטן דעם מענטשלעכן געזעץ", לייגן זיך „אין איין שורה מיט אים, אין איין קבר, אַ ליבנדיקן". אַנטיגאָנע היט ניט קרעאָנס באַפעל און, פאַרקליבן זיך געהיים צו דעם ברודערס טויטן קערפּער, פירט זי איבער אים אויס די מנהגים פון קבורה. מען האָט אַנטיגאָנען געכאַפּט, און ניט געקוקט אויף די נעבעטן פון דעם כאָר, פאַרמשפּט זי קרעאָן צום טויט. צו די תחנונים פון די אַרומיקע שטייט נאָך צו קרעאָנס זון האַימאָן, אַנטיגאָנעס חתן. ער פּרוווט זיך אָפּעפענען דעם טיראַן די אויגן, ער ווייזט אים אָן דערויף, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט רחמנות אויף דער אומשולדיקער, בלויז די מורא פאַר קרעאָנס צאָרן שליסט צו די מיילער ביי די בירגער; אַנטיגאָנעס פאַרברעכן — דאָס איז נאָר אַ גבורה, וועלכע וואָלט נעדאַרפט „באַערט ווערן מיט אַ גאָלדענער מתנה"; די גרויסקייט פון קרעאָנען גופא, וועלכע איז האַימאָנען אַזוי טייער, פאָדערט, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין באַשלוס. „ווער עס טרויסט אַלעמען אַריבערצושטייגן מיט שכל און מיט מוטיקייט און מיט דער מתנה פון וואָרט, איז אָפטמאָל

נישטיקער פאַר אַלעמען. אָבער דער אמתער חכם וועט זיך ניט פאַרעקשענען אין זיין טעות“. אין די דאָזיקע ווערטער איז פאָרמולירט קרעאָנס „טראַגישע שולד“, וואָרעם זיין עקשנות פירט צו אַ קאַטאַסטראָ־פע. ער באַפוילט צו פאַרשפאַרן אַנטיגאָנען אין אַ הייל, וואו זי וועט שוין געפינען דעם טויט. די תחנונים פון כאָר און אַנטיגאָנעס קלענגלעכער געבעט פאַרשטאַרקן בלויז נאָך מערער קרעאָנס צאָרן. זי גייט אַוועק אין דער „אונטערערדישער קבורה“, אין איר „חופה־פּאַלאַץ“. אַז מען האָט אַנטיגאָנען אַוועקגעפירט, באַשליסט זיך קרעאָן אַ דערשראָקענער מחמת די דראָונגען פון דעם אַלטן טייערעזיאַסן, וועלכער מעלדעט וועגן די בייזע פאָראויסזאָגונגען פון די פויגל, נאָכצוגעבן, באַגראָבן פּאָליניייקע־סעס קערפּער, און באַפרייען אַנטיגאָנען פון שטראָף. אָבער ס׳איז שוין שפּעט. דער העראָלד, וואָס איז אָנגעקומען, דערציילט די פּרטים פון דעם טראַגישן סוף. די אומגליקלעכע אַנטיגאָנע האָט זיך אויפגעהאַנגען „אין דער טיפעניש פון דער פינסטערער קבורה, צוגעבונדן אַ שלייף פון אַ דינעם שלייער“. דערביי איז געשטאַנען האַימאָן, באַוויינענדיק דעם טויט פון זיין געליבטער. דערזען דעם פאָטער, וועלכער איז געקומען מיט דעם אָנזאָג וועגן באַגנעדיקונג, האָט האַימאָן געוואָלט זיך אויף אים אַ וואָרף טאָן מיט אַ בלויזן שווערד. נאָר, ווען קרעאָנען איז געלונגען אויסצומיידן דעם קלאַפּ, „האָט דעם גרימצאָרן דער אומגליקלעכער האַימאָן געווענדעט קעגן זיך זעלבסט“. פאַרן טויט האָט ער זיך „געמיט די געליבטע אַרומנעמען מיט דער שוואַך־ווערנדיקער האַנט“, און מיט „אַ שטראָם אַ בלוטיקן האָט ער באַפּורפּורט דאָס בלאַסע לייב פון דער יונגער יונגפרוי“.

> אַזוי האָט ער געמאַכט הי טרויעריקע חופה אין דער וואוינונג פון דעם
> שטילן טויט. דאָרט, אַ טויטער מיט אַ טויטער, שלאָפט ער אין אייביקן שלאָף,
> ציינגדיק פאַר מענטשן דעם ביישפּיל, ווי געפערלעך עס איז דער שיגעון פון ליבע.

האַימאָנס טרויעריקער סוף איז ניט דער איינציקער רעזולטאַט פון קרעאָנס עקשנות. זיין ווייב, די קיניגין עורידיקע, ווען זי האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם טויט פון איר געליבטן זון, שטעכט זיך אַריין אַ מעסער אין ברוסט. די טראַגעדיע פאַרענדיקט זיך מיט אַ בילד פון פאַרשפּעטיקטער חרטה און מיט קרעאָנס פאַרצווייפלטקייט און מיט דעם מוסר־השכלדיקן אויספיר פונם כאָר: „פאַר די העזהדיקע רייד וועט דעם זינלאָזן גרייכן אַ גרויסער טרויער און וועט אים צו שפּעט אויס־לערנען חכמה“.

אַנטיגאָנע איז איינע פון די שענסטע פרויען־געשטאַלטן אין דער

אַלוועלטלעכער פּאָעזיע 1). דער סוזשעט גופא, דער קאָנפליקט צווישן די אינטערעסן פון דער מלוכה, פון איין זייט, מיט די געזעצן פון הארצן און געפיל פון קרובהשאַפט — פון דער צווייטער, האָט דעם פּאָעט ערלויבט צו שאַפן אַ אידעאַלע געשטאַלט פון אַ גריכין. פּאָלינייקעס איז אַ בוגד. ער האָט אויף זיין געבּירטיקער ערט זאָט געבראַכט מתנות פון אַרגאָס, און אין נאָמען פון די געזעצן און די אינטערעסן פון דער מלוכה מוז ער פאַרלירן דאָס רעכט אויף קבורה. אָבער קעגן דעם שטרענגן געזעץ שטעלט אַנטיגאָנע אַרויס אַ העכערן מין רעכט: דאָס רעכט פונם מענטשלעכן הארצן ליב צו האָבן און צו זאָרגן וועגן אַ לייבּלעכן מענטשן. און אַנטיגאָנע טרעט דרייסט אַרויס מיט אַ קאַמף קעגן דער געזעלשאַפט, דער מלוכה און דער טראַדיציע. פאַר איר איז דאָס „ניט געשריבן געזעץ העכער", איידער די כללים, וואָס די הערשער פון דער ערד האָבן איינגעשטעלט.

דיין געזעץ האָט ניט גאָט, ניט דער יושר, וועלכער קיניגט איבער יענער וועלט, ניט אַנגעצייכנט. ניין, איך האָב ניט געוואוסט, אַז לויט דעם ערדישן רעכט פון ערדישע קיניגן קאָנסטו, מענטש, אַריבּערטרעטן די געבאָטן פון די געטלעכע געזעצן, ניט קיין געשריבענע אָבער אייביקע, — און ניט נעכטן געבוירענע, און אויך ניט היינט געבוירענע, נאָר אַלע מאָל רעגירנדיקע, — קיינער פון אונז ווייס ניט, ווען זיי זיינען אַנטשטאַנען.

די פּרייוויניקייט פון פּעריקלעסעס צייט, זיין פילאָסאָפישער פרייער גייסט, זיין הומאַנישע ריכטונג, די שטרעבונג צו געבן רחבות פאַר דעם פרייען אַרויסווייזן זיך פון דעם מענטשנס נשמה — דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַנטיגאָנעס רעדע. די טראַדיציע האָט ענדגילטיק אָפּגעטראָטן דעם אָרט פאַר דעם ראַציאָנאַליזם. מען האָט זיך גענומט די אַלטע מיטן צו דערקלערן אָפּהענגיק פון דער וועלטאַנשויונג פון דער עפּאָכע. מען האָט אין זיי אַריינגעלייגט אַ נייעם אינהאַלט און אַ נייעם זינען, אונטערגעבנדיק זיך די טעמים פון שכל. אָבער אין אַנטיגאָנעס רעדעס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט ניט בלויז די פרייע באַציִונג פון דער פּעריקלישער עפּאָכע צו טראַדיציע און אַווטאָריטעט. איר געשטאַלט

1) „אַנטיגאָנע — זאָגט פּראָפ. זיעלינסקי, — איז ניט בלויז אַ טיפּ פון דער גריכישער פרוי, ניט בלויז אַ לעבעדיקער סימבאָל פון איר נאַציע, ווי טאַטיאַנע, זאַסיע, גרעטכען. איר באַדייטונג איז אַ איבּער-נאַציאָנאַלע, אַן אוניווערסאַלע. זי איז די פאַרקערפּערונג פון דעם ווייבּליכן פּרינציפּ פון ליבּע אין דעם קאַמף מיט דעם מענלעכן פּרינציפּ פון מאַכט", „דער קאָנפליקט צווישן מאַכט און געוויסן, געזעץ און ליבּע איז פריער ניט געשילדערט געוואָרן אין דער פּאָעזיע. אַנטיגאָנע, אַלס ערשטע מאַרטירערין, האָט רעכט צו פאַראייניקן איר נאָמען מיט דער אידעע, צו וועלכער זי האָט געהייליקט איר טויט".

איז בלי=ספק אַרויסגערופן געוואָרן, צוקוקנדיק זיך צו די פרויען פון יענער עפּאָכע. אַפילו די קיניגלעכע און שטאָלצע פענעלאָפּע קאָן זיך ניט פאַרגלייכן מיט אַנטיגאָנען. די קיניגין פון איטאַקע איז פריער פאַר אַלץ אַ געטרייע פרוי, אַ שקלאַפין פון מנהג און טראַדיציע. אַנטיגאָנע איז אַן אומאָפּהענגיקער שטאָלצער שכל, וואָס אָנערקענט גאָרנישט, אויסער די אייגענע געזעצן. זי טרעט אַרויס קעגן קיניג, קעגן דער מלוכה און דעם געזעץ. ווען זי האָט ניט געקענט ציציען די שוועסטער אירע איסמענע, די דאָזיקע אונטערטעניקע אויספירערין פון פרעמדן ווילן, זי זאָל צוזאַמען מיט איר זיך באַטייליקן אין איר אונטערנעמונג, גייט זי אַליין איבער איר אויסגעווילטן וועג. „מיר, — זאָגט איסמענע, — זיינען פרויען. מיר דאַרפן ניט פירן קיין גלייכן קאַמף מיט די מענער. אונזער גורל איז, זייענדיק אונטערטעניק צו די שטאַרקע, — שווייגן". „פאַר דעם ווילן פון אַ מענטשן דאַרף איך אויף דער ערד ניט מורא האָבן", — זאָגט אַנטיגאָנע. די געשטאַלט פון אַ פרוי אַ מענטשן, וואָס האָט זיך באַפרייט פון יעדער אויסערלעכער השפעה, פון אַ פרוי, וועלכע באַגייט זיך אויסשליסלעך לויט דעם געבאָט פונם אייגענעם האַרצן און שכל, די דאָזיקע געשטאַלט, וועלכע באַווייזט זיך פון צייט צו צייט אין דער ליטעראַטור צווישן די צאָלרייכע פאַרקערפערונגען פון פרויען=קנעכטשאַפט, האָט בלי ספק אין פעריקלעסעס עפּאָכע געהאַט אַ פולע רעאַלע פּראָטאָטיפּן. אין יענער צייט איז די פרוי אַרויס פון איר אונטערטעניקער לאַגע. זי איז געווען, ווי שפּעטער, אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס, אַ געוואונטשענער גאַסט, אָדער אַ קלוגע לייטערין אין די סאַלאָנען, אַ פריינד און אַ מיט=שמועסערין פון פילאָסאָפן, זי האָט פריי אַרויסגעזאָגט אירע געדאַנקען. דווקא אין דער עפּאָכע פון פעריקלעסן האָט דער קלאַס פון די העטערעס געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם גייסטיקן לעבן פון דער געזעלשאַפט. דאָס זיינען ניט געווען קיין קורטיזאַנעס אין אונזער זינען פון דעם וואָרט. דאָס זיינען געווען פרייע פרויען להיפּוך צו די ווייבער, וואָס זייער לאַגע האָט מער אַנטשפּראָכן די אַלטע גריכישע פאָרשטעלונגען וועגן אַ פרוי אַ ווירטין און אַן אונטערטעניקן וועזן. אין די באַציונגען צווישן מאַן און ווייב איז ניט געווען קיין גלייכהייט. דער מאַן איז געווען דער האַר. דער בונד צווישן דעם אַטענער מיט דער העטערע — דאָס איז געווען אַ בונד פון צוויי גלייכע פרייע פערזאָנען. פעריקלעסעס באַרימטע פריינדין אַספּאַזיע איז געווען דער פריינד פון סאָקראַטעסן און פון פידיאַסן, דער צענטער פון ניט געוויינלעכע מוחות און טאַלענטן, און אפשר אויך די פריסטע קעמפערין פאַר פרויען=רעכט 1). פאַרשטייט זיך, ס'איז שווער

1) א. ד. גראַנט. גריכנלאַנד אין דער צייט פון פעריקלעסן.

אפילו צו בויען השערות, וועגן דעם, אַז אַנטיגאָנע איז געמאָלט פון עפּעם אַ פּרוי פון יענער צייט. אָבער עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז אין אירע ווערטער הערן זיך צייטנווייז אָפּקלאַנגען פון אידעען, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די דעמאָלטיקע סאַלאָנען. זי איז אַ פּראָדוקט פון דער דאָזיקער גליקלעכער עפּאָכע, ווען עס האָבן נאָך ניט באַוויזן צו אַנטפּלעקן זיך די שעדלעכע זייטן פון דער אַטענער דעמאָקראַטיע, ווען די קליינע געמיינדע איז נאָך געווען אין דער גאַנצער בלִיוּנג פון אירע גייסטיקע קרעפטן און האָט מיט פיינקייט אויסגענוצט די לייזיקע צייט און די פרייהייט. סאָפאָקלעס איז אפשר געווען דער אַממערסטן טיפּישער פאָרשטייער פון דער דאָזיקער עפּאָכע. אין אים איז ניטאָ יענע טיפע, כמעט מיסטישע באַציִונג צו זיטלעכע פראַגן, מיט וועלכער אייסכילאָס האָט זיך אויסגעצייכנט. ער טראַקטירט פראַגן פון מאָראַל, פון לעבן, פון וויסנשאַפט, פון געזעלשאַפטלעכע און משפחה-באַציונגען, שטעלנדיק זיך אויף אַ מענטשלעכן, אַ מער רעאַלן שטאַנדפּונקט, און אין דער זעלביקער צייט ניט אַריבערגייענדיק אויף דעם באָדן פון פּריוואַטן און טאָג-טעגלעכן, פאַרבלייבנדיק אין דער ספערע פון די פאָדערונגען פון אַ ראַפינירטן קולטורעלן גייסט. אַנטיגאָנע איז דער גרויסער דענקמאָל פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער עפּאָכע. זי איז ניט בלויז אַ פּרוי, וועלכע צייכנט זיך אויס מיטן שכל און מיט דער אומאָפּהענגיקייט. זי איז אַ מוטיקע און אַ פעסטע אין כאַראַקטער. זי ווייס, אַז עס דראָט איר דער טויט דערפאַר, וואָס זי האָט צעשטערט דעם נעזעץ. אָבער די מורא שטעלט זי ניט אָפּ. פאַרקערט, ניט אויסגעפירט איר חוב, ניט געבראַכט איר ברודער צו קבורה, וואָלט זי אַ גאַנץ לעבן ניט אויפגעהערט צו טרויערן. איצט אָבער, ווען זי האָט דעם ברודער מקבר געווען, קאָן זי שוין קיין „גרעסערן רום ניט דערגרייכן" און זי איז גרייט צו שטאַרבן. אַנטיגאָנע קאָן ניט בלויז אומאָפּהענגיק אויסאַרבעטן אירע איבערציינגונגען, נאָר אויך שטאַרבן פאַר זיי.

דער דאָזיקער אינטערעס צו דער פרוי, ס'דאָזיקע אָנערקענען פאַר איר אַ זעלבשטענדיקע באַדייטונג, שפּיגלען זיך, אפשר, נאָך בולטער אָפּ אין סאָפאָקלעסעס אַן אַנדער טראַגעדיע ע ל ע ק ט ר ע, באַזונדערס ווען מיר פאַרגלייכן זי מיט אייסכילאָסעס כ אָ ע פ אָ ר ן, וואָס זיינען אָנגעשריבן אויף דעם זעלביקן סוזשעט. אין כ אָ ע פ אָ ר ן געהערט די הויפּט-ראָלע אַ מאַנסביל, אין ע ל ע ק ט ר ע — אַ פרויענצימער. ביי אייסכילאָסן איז אָרעסטעס דער הויפּט-העלד פון דער טראַגעדיע. ביי סאָפאָקלעסן איז די צענטראַלע פיגור זיין שוועסטער עלעקטרע. הגם דער חוב פון בלוטיקער נקמה ליגט ניט אויף איר, אָבער זי איז אינגאַנצן אין דער

מאַכט פון נקמה=געפיל. זי הערט ניט אויף צו טרייבן איר ברודער אויף מאָרד, און זי איז די הויפּט=פּרוישינע אין די פאָרקומענדיקע געשעענישן. אין איין שורה מיט עלקטרען איז אַרויסגעפירט איר שוועסטער כריזאָטעמידע. אויב עלעקטרע דערמאָנט מיט דער זעלבשטענדיקייט פון איר כאַראַקטער, מיט איר איניציאַטיוו, אַנטיגאָנען, ניט קוקנדיק אויף גאָר דער אומענלעכקייט צווישן די דאָזיקע צוויי טיפּן, איז כריזאָטעמידע, בלי=ספק, אַ כאַראַקטער, וואָס דערמאָנט איסמענען. „איך דאַרף מיך אונטערגעבן די מאַכטהאָבער, — זאָגט כריזאָטעמידע, איינרעדנדיק עלעקטרען, זי זאָל זיך ניט אונטערגעבן דעם נקמה=געפיל, מחמת איר מאַכטלאָזיקייט קעגן דער פאַרברעכערישער מוטער און אייגיסטאָסן. עלעקטרע ענטפערט אין דעם גייסט פון אַנטיגאָנען. זי וועט ניט נאָכגעבן די שונאים". „טרינק, זיי פריילעך, לעב זיך אַ גוטן טאָג, — זאָגט זי צו דער שוועסטער, — אָבער מיין נחמה איז, — געטריי זיין צו זיך אַליין". עלעקטרע איז קלוג און קען שיין ריידן, ווי אַנטיגאָנע. איינעם נאָך דעם אַנדערן צעקלאַפּט זי אַלע אַרגומענטן קליטעמנעסטרעס, וועלכע באַמיט זיך, איבערצייגן זי, אַז טויטנדיק אַגאַמעמנאָנען, האָט זי זיך בלויז נוקם געווען פאַר איר טאָכטער איפיגעניע. אָבער אין דער צייט, ווען אַנטיגאָנע איז פול מיט ווייבלעכקייט, איז עלעקטרע כמעט אַ מאַנסבילשער כאַראַקטער. אַנטיגאָנעס מוטיקייט און פעסטקייט ווייזן זיך אַרויס אין ליבע און זעלבסטאָפּערונג. עלעקטרע איז דורכגעדרונגען מיט בלוטדאָרשטיקן נקמה=געפיל. אַפילו דערזעענדיק דעם אָרון, וואו ס'איז לויט איר טעותדיקער השערה געלעגן דער טויטער קערפּער פון אָרעסטעסן, דאַגהט זי ניט אַזוי פיל וועגן דעם טויט פונם געליבטן ברודער, ווי זי איז אויפגעבראַכט, וואָס אירע נקמה=פּלענער זיינען צעשטערט געוואָרן. „ס'לאַכט דער פאַלשער שונא, ס'יובלט די זעללאָזע מוטער". ענדלעך, די אַכזריות און די האַרצלאָזיקייט, וואָס עלעקטרע ווייזט אַרויס, בשעת קליטעמנעסטרעס ערמאָרדונג, מאַכן זי אין אַ געוויסער מאָס פאַר דעם פּראָטאָטיפּ פון קאָרנעלס קלעאָפּאַטרע, אָדער פון שעקספּירס לעדי מאַקבעט. סאָפאָקלעס האָט דער ערשטער פון די אונז באַוואוסטע גריכישע פּאָעטן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער אינערלעכער וועלט פון דער זעלבשטענדיקער פרוי. אַפילו דער קליינער טייל פון זיין ליטעראַרישער ירושה, וואָס איז צו אונז דערגאַנגען, באַווייזט, אַז זיין פּאָעזיע איז געווען אַ רייכער מאַטעריאַל צום פאַרשטיין דעם שכל און דאָס האַרץ פון דער פרוי. דער טיף פון דעיאַנירען אין דער טראַגעדיע די ט ר אַ כ י י ע ר י נ ס דינט אַלס אויפגעצייכנטע דערפילונג צו די געשטאַלטן פון אַנטיגאָנען און עלעקטרען. אין דער דאָזיקער טראַגעדיע ערשיינט אויך די פרוי אַלס

צענטראַלע פּערזאָן. דעיאַנירע, וועלכע איז באַאומרוהיקט דורך פאָרגעפילן און פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן דעם גורל פון איר אָפּוועזנדיקן מאַן העראַקלעסן, שיקט איר זון הילאַסן אויפזוכן דעם פאָטער. אָבער עס קומט אַ העראָלד און זאָגט אָן, אַז אינגיכן קערט זיך העראַקלעס אום נאָך דעם שלאַכט מיט עוריטאָסן, וועלכן ער האָט מנצח געווען, אַהיים. צווישן די געפאַנגענע פרויען, וועלכע קומען צוזאַמען מיט דעם העראָלד, ציט אויף זיך דעיאַנירעס אויפמערקזאַמקייט איין מיידל, וועלכע מאַכט אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק מיט איר שווייגנדיקן און שטאָלצן טרויער. פון דעם העראָלד דערוויסט זיך דעיאַנירע, אַז די דאָזיקע מיידל איז יאָלע, די טאָכטער פון דעם קיניג עוריטאָס. העראַקלעס האָט זיך אין איר פאַרליבט. אָבער היות, ווי דער פאָטער האָט זי ניט געוואָלט אַוועקגעבן דעם העראָי פאַר אַ קעפּסווייב, האָט זיך העראַקלעס באַנוצט מיטן ערשטן בעסטן אויסרייד, און האָט פאַרפירט אַ מלחמה קעגן יאָלעס געבורטשטאָט. גענומען די שטאָט, האָט ער געטויט דעם אַלטן פאָטער. אַזוי־אַרום איז די דאָזיקע מיידל אָפּגעשיקט געוואָרן צו דעיאַנירען לגמרי ניט אַלס שקלאַפין. דער עולם שמועסט, אַז זי איז העראַקלעסעס צוקינפטיקע פרוי. דעיאַנירע ווייזט אַרויס וואונדערלעכע ווייכקייט בנוגע צו יאָלען. אין קעגנזאַץ צו עלעקטרען, איז זי פריי פון נקמה־געפיל. זי איז פריער פאַר אַלץ אַ טיפּ פון אַ געטרייער פרוי. זי האָט געדולדיק געוואַרט אויף דעם געליבטן מאַן בשעת זיין אָפּוועזנהייט, ווי פּענעלאָפּע האָט געוואַרט אויף אָדיסעוסן. זי האָט מיט גרויס זאָרג אָפּגעהיט זיין הויז, און אַלס לוין דערפאַר האָט ער צו איר צוגעשיקט אַ מיידל, וועלכע דאַרף פאַרנעמען איר אָרט. „צאָרענען קאָן איך ניט... נאָר פון דער אַנדער זייט, וואָס פאַר אַ פרוי וואָלט געקאָנט מיט איר לעבן, האָבנדיק אַן אַלגעמיינעם מאַן? איר שיינקייט, ווי איך זע, צעבליט זיך אַלץ מער און מער, און מיינע — וועלקט. כל־זמן זי בליט, שלינגט דאָס אויג זי דאָרשטיק, און פאַרקערט — מיידט מען אונז אויס. יאָ, איך האָב מורא, אַז העראַקלעס וועט אין דער ווירקלעכקייט זיין דער מאַן פון מיין יינגערער קאָנקורענטין, און מיינער וועט ער זיין נאָר לפנים פאַר לייטן. נאָר, איך זאָג נאָך אַ מאָל, אַ קלוגע פרוי דאַרף ניט צאָרנדיק ווערן"... דעיאַנירע נעמט ניט קיין שווערד אָדער קיין גיפט פאַר אַ מיטל אומצוקערן זיך דעם מאַנס האַרץ, נאָר זי טוט עפּעס אַנדערש. איינמאָל, נאָך דעיאַנירעס חתונה, האָט זי דער קענטאַוור נעס, אַריבערטראָגנדיק זי איבער אַ טייך, געוואָלט אַרומנעמען, און דערפאַר איז ער דערהרגעט געוואָרן דורך העראַקלעסעס פייל. שטאַרבנדיק האָט דער קענטאַוור צו איר געזאָגט: „אויב דו וועסט אויפקלייבן דאָס פאַרגליווערטע בלוט פון מיין וואונד אויף דעם אָרט, וואו אין מיין

קערפּער האָט זיך אַריינגעשטאָכן די פייל, וועלכע איז באַשמירט מיטן שוואַרצן גאַל פון דער לערנער הידרע, וועסטו באַזיצן אַ זיכערן מיטל צו געווינען די ליבשאַפט פון העראַקלעסן: וואָס פאַר אַ פרוי ער זאָל ניט באַגעגעניען, וועט ער קיינעם ניט „ליב האָבן שטאַרקער פאַר דיר״. אָט איצט האָט דעיאַנירע באַשלאָסן צו באַנוצן זיך מיט דער מתנה, וואָס דער קענטאַוור האָט איר געשענקט פאַרן טויט. זי שיקט העראַקלעסן אַוועק אַ מתנה אַ קלייד, וואָס איז באַשפּריצט מיט דעם בלוט פון נעסן. די אומגליקלעכע האָט ניט געוואוסט, אַז ס׳דאָזיקע בלוט האָט אין זיך פאַרבאָרגן גיפט, און אַזוי־אַרום האָט זי אַליין צוגעגרייט דעם טויט פאַר איר מאַן. צוריקגעקערט זיך, האָט הילאַס דערציילט וועגן דעם שרעקלעכן רעזולטאַט פון איר מתנה, און דעיאַנירע טוט זיך אָן אַ מיתה. אין די טראַכייערינס האָט סאָפאָקלעס אַרויסגעוויזן די זעלביקע איפמערזאַמקייט צו דער פרוי, ווי אין אַנטיגאָנע און עלעקטרע. שוין דער געדאַנק גופא, אַוועקצושטעלן אין איין שורה מיט דעם גרעסטן העראָי פון דעם אַלטערטום דעיאַנירען אַלס גלייכע און אַפילו מער צענטראַלע פיגור, — שוין דער דאָזיקער געדאַנק גופא זאָגט עדות דערויף, וואָס פאַר אַן אויפמערקזאַמקייט פעריקלעסעס עפּאָכע האָט געשענקט דער פרויענהאַרץ. זען דעם עיקר־אינהאַלט פון דעם מיטאָס וועגן העראַקלעסן אין די נשמה־איבערלעבונגען פון דיעאַנירען וואָלט געקענט נאָר אַ שריפטשטעלער פון דער הומאַניסטישער עפּאָכע, ווען די געאיידלטע געפילן און געשמאַקן זיינען אַריינגעדרונגען אין דער געבילדעטער אַטענער געזעלשאַפט, וועלכע האָט געלעבט מיט אַן אַנטוויקלטן עסטעטישן און גייסטיקן לעבן. דווקא די פרויענגעשטאַלטן, וואָס סאָפאָקלעס האָט באַשאַפן, — אַנטיגאָנע, עלעקטרע און דעיאַנירע, — באַשטימען בעסער פאַר אַלץ דעם כאַראַקטער פון דער סאָפאָקלישער פּאָעזיע, אין וועלכער עס האָבן געמאַכט שלום די טראַדיציעס מיט די נייע אָנשויונגען, אין וועלכער די העלדן און די העלדינס פון די אַלטע מיטן זיינען באַשיינט געוואָרן מיט דעם שיין פון דער הומאַניסטישער וועלטאָנשויונג, וואָס האָט עקסיסטירט אין דעם אַוואָרם צייט, די פּאַרציייטיקע זאַגעס האָבן באַקומען אַ נייעם אינהאַלט, דאָס געהויבענע און מערכנהאַפטע האָט באַקומען אַ נייעם מענטשלעכן זינען, ניט פאַרלירנדיק דערביי דעם אידעאַלן קאָלאָריט.

די צוויי איבעריקע טראַגעדיעס סאָפאָקלעסעס — איאַקס און פילאָקטעט, זיינען אָנגעשריבן אויף סוזשעטן פון דער טראָיער מלחמה. די ערשטע שילדערט אין עצם דעם פינאַל פון די טראַגישע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך פונאַנדערגעשפּילט פאַר דעם אָנהייב פון דער אַקציע. איאַקס, אַ צערייצטער דערפון, וואָס נאָך אַכילעסעס טויט

האָט מען זיין געוועזענע אָפּגעגעבן אָדיסעוסן, באַשליסט נוקם זיין זיך פון די גריכישע אָנפירער, מחמת ער האַלט, אַז ער איז עס מער ווערט, איידער אָדיסעוס. „ווען אַכילעס לעבט היינט, איז אויב ער וואָלט וועלן עמעצן אָפּגעבן זיין געוועזענע אַלס באַלוינונג פאַר מוטיקייט — אָ! — קיינע אַנדערע וואָלטן עס דעמאָלט ניט באַקומען, אויסער מיר... איצט אָבער האָבן די אַטרידן זיין געוועזענע אָפּגעגעבן דעם אויסגעשפּראָכענעם רמאַי, ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף מיין העראָישער גבורה". אַזוי פאַלט איאַקס אָן בײַ דער נאַכט אויף די גריכישע אָנפירער. אָבער אַטענע האָט צעמישט זיין שכל, און אָנשטאָט די העראָיען האָט ער אויסגעשאָכטן „אַ טשערעדע פון ציגן פיינסטע און אָקסן קרומהאָרנדיקע". דאָס זיינען די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט פאַר דעם אָנהייב פון דער טראַגעדיע. די טראַגעדיע שילדערט איינגטלעך איאַקסעס פּיינען, וועלכע זיינען געקומען נאָך דער באַשריבענער געשעעניש. איאַקס איז געקומען צו זיך, אָנשטאָט דעם טירוף איז אָנגעשטאַנען אַ דערלויכטונג, און ער מרויערט וועגן דער ניט געלונגענער נקמה, וועגן די אויסגעשאָכטענע טשערעדעס און וועגן דער שנאה, וואָס עס פילט צו אים דאָס גריכישע חייל. די טראַגעדיע ענדיקט זיך מיט איאַקסעס זעלבסטמאָרד; ער געפינט אין טויט פאַר זיך אַן אויסגאַנג פון זיין לאַגע. איבעריקנס, אויך נאָך דעם טויט איז נאָך זיין קערפּער אַלץ אַ גורם צו קריגערײַ. די אַטרידן ווילן אים ניט ברענגען צו קבורה, אָבער פאַר אים שטעלט זיך איין אָדיסעוס, דעם געשטאָרבענעמס שונא, און מען איז אים מקבר מיט גרויס כבוד. עס איז פאַראַן אַ השערה, אַז דער דאָזיקער סוף געהערט ניט סאָפאָקלעסן, נאָר דאָס איז אַ הוספה פון אַן אַנדער אַווטאָר.

פון דער זעלביקער עפּאָכע פון דער טראָיער מלחמה איז אויך גענומען דער סוזשעט פון פ י ל אָ ק ט ע ט, אַ טראַגעדיע, וועלכע דער פּאָעט האָט אָנגעשריבן פאַרן טויט. בשעת די אַכעיער חיילות האָבן זיך באַוועגט אין דער ריכטונג צו טראָיע, איז איינער פון די העראָיען, פילאָקטעט, איינגעביסן געוואָרן פון אַ שלאַנג, און נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן ליידן אויף אַ פיינלעכער קראַנקהייט. די אומדאַנקבאַרע מיטבירגער האָבן ניט געוואָלט פירן מיט זיך דעם קראַנקן העראָי, וועלכער וואָלט פאַר זיי געווען מער ניט ווי אַ איבעריקע לאַסט, און האָבן אים פאַררעטעריש איבערגעלאָזן אויף דעם וויסטן ברעג פון דעם אינזל לעמנאָס, ווען ער איז איינגעשלאָפן אונטער אַ פעלזנשטיין. אין דער צייט ווען פילאָקטעט האָט געליטן פון זיינע וואונדן, האָט ער געמוזט אין פּיין און מיט מי זוכן פאַר זיך אַן אָפּדאַך און שפּייז. צום גליק איז בײַ אים געבליבן העראַקלעסעס בויגן. מיט דער הילף פון דעם דאָזיקן געווער

האָט ער געטויט טויבן, אַליין קוים־קוים דערשלעפּט זיך צו דעם געטויטן ווילדפּרעט און אַזוי אונטערגעהאַלטן דאָס לעבן, פֿאַרשילטנדיק די אַטרידן און דעם פֿאַלשן אָדיסעוס. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז לויט דעם פּראָרויזאָג פֿון די געטער, האָט טראָיע געקאָנט באַצוואונגען ווערן נאָר דורך הערַאַקלעסעס בויגן, וואָס געפֿינט זיך ביי פֿילאָקטעטן. אָדיסעוס נעמט אויף זיך די מיסיע אַראָפּצוברענגען פֿילאָקטעטן אין דעם גריכישן לאַגער. ער שיקט פֿאָראויס אַוועק נעאָפּטאָלעמאָסן, אַכילעסעס זון. דעם געלינגט צו געווינען פֿילאָקטעטס צוטרויען און אַרויסצובאַקומען פֿון אים דעם בויגן. אָבער ווייל דער געוויסן האָט אים געפּייניקט, האָט דער ערלעכער יונג פֿאַר פֿילאָקטעטן אַנטפּלעקט דעם אמתן ציל, צוליב וועלכן ער איז געקומען, און בעט אים, ער זאָל פֿרייוויליק אַוועק צו די טראָיער ווענט. פֿילאָקטעט וויל אפֿילו ניט הערן וועגן העלפֿן די פֿאַרהאַסטע שונאים. ער בעט אים אומצוקערן אים דאָס געווער און ניט צו לאָזן אים אָן די לעצטע מיטלען צום לעבן. זעענדיק, אַז דער יונג קווענקלט, רופֿט ער צו הילף די נאַטור; ער רופֿט צו די ים־אויסגוסן, צו די אַרויסשטאַרטשענדיקע פֿעלזן, צו די הויכן פֿון די בערג, וואו עס מאַכן זיך וואוינונגען די חיות די ווילדע. דער יונג איז גערירט פֿון די תחנונים און ניט געקוקט דערויף, וואָס אָדיסעוס דערלאָזט עס ניט, קערט ער פֿילאָקטעטן אום זיין געווער און בעט אים דאַן ווידער, ער זאָל מיטן אייגנעם ווילן גיין קיין טראָיע. אָבער פֿילאָקטעט קאָן ניט גיין צו זיינע שונאים און מיטהעלפֿן זייער ערפֿאָלג. אַפֿנים דער קאָנפֿליקט דערגרייכט ביז אַזאַ שאַרפֿקייט, אַז פֿון אים איז ניטאָ קיין אויסוועג. אָבער דאָ ניצט סאָפֿאָקלעס אויס אַזאַ מין פֿינאַל, וואָס איז באַוואוסט אונטער דעם נאָמען deus ex machina; דער געטלעכער הערַאַקלעס אַליין ערשיינט. דער דאָזיקער העראָי, וועלכן פֿילאָקטעט אַכט זייער שטאַרק, ווירקט אויף אים, ער זאָל גיין צו טראָיע. דאָרט וועט פֿילאָקטעט ניט בלויז באַקומען אַ רפֿואה צו זיין מחלה, נאָר ער וועט חרוב מאַכן די טראָיער פֿעסטונגען און וועט זיך ערווערבן אומשטערבלעכן רום. פֿילאָקטעט פֿאָלגט הערַאַקלעסן און ער לאָזט זיך אַוועק צו די ווענט פֿון טראָיע.

אין סאָפֿאָקלעסעס שאַפֿונגען האָבן זיך בולטער פֿאַר אַלץ אַרויסגעוויזן די באַזונדערהייטן פֿון דער אַלטער דראַמע. זיינע העלדן זיינען אַ טייערער מאַטעריאַל צום אויספֿאָרשן די פּשוטע און קלאָרע אָנשויונגען אויף דער וועלט, וואָס האָבן געהערשט אין גריכנלאַנד. בלויז די גריכישע טראַגעדיע, דער פּראָדוקט פֿון דער עפּאָכע, וועלכער איז פֿריי געווען פֿון קאָמפּליצירטע געפֿילן, פֿון ראַפֿינירטע ליידנשאַפֿטן, פֿון די פֿאַרפּלאָנטערטע קאָנטראַסטן פֿון אונזער ציוויליזאַציע, האָט געקאָנט אַרויס־

שטעלן די דאָזיקע פּראַיינפאַכטע כאַראַקטערן. אין זיי זיינען ניטאָ יענע געשווינדטע ענדערונגען און פסיכאָלאָגישע אָנשיכטונגען, וועלכע שטערן צו באַמערקן און רעליעף אויסצוטיילן דעם גרונדשטריך. יעדער פון זיי דערמאָנט איינע פון די עטלעכע צענדליק מאַסקעס, אין וועלכער די אַלטגריכישע קונסט האָט אָפּגעגאָסן אַלע פאַרשיידנאַרטיקע אַרויסווייזונגען פון אונזער גייסטיקן לעבן. צאָרן. פאַרביטערטקייט, רירנדיקע ליבע — דאָס אַלץ האָט געהאַט פאַר זיין אויסדרוק אַ באַשטימטע, אַ טיפּישע, אַן אָפּגערעדטע מאַסקע. די גריכישע טראַגעדיע האָט זיך ניט געניטיקט אין קיין באַוועגלעכער מימיק, מחמת יעדער כאַראַקטער האָט אויף דעם שטח פון דער גאַנצער טראַגעדיע געדינט איבערהויפּט צום אויסדרוק פון איין געפיל, אָדער פון איין ליידנשאַפט, אָדער פון איין גייסטיקן ריס טאָן זיך צו עפּעס. אַנטיגאָנע איז אינגאַנצן זעלבסטאָפּפערונג. די דאָזיקע וואונדערלעכע מיידל טרעט פאַר אונז אַרויס אין אַ באַשטימטן קאָנפליקט. דער אַוטאָר האָט ניט געזאָרגט וועגן דעם, אַוועקצושטעלן זי (ווי עס וואָלט אומבאַדינגט געטאָן אַ היינטיקער דראַמאַטורג) אין פאַרשיידנאַרטיקע און קאָמפּליצירטע באַדינגונגען, באַווייזן אַלע זייטן פון איר נשמה, ברענגען זי צו אַ צוזאַמענשטויס מיט פאַרשיידענע פּערזאָנען. אַנטיגאָנע איז געמאָלט בלויז פון איין זייט. סאָפאָקלעסעס כאַראַקטערן — דאָס זיינען איינפאַכע עלעמענטן. אויף זיי אַנאַליזירט דער אַוטאָר די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט, די גאַנצע פאַרשיידנאַרטיקייט פון דעם מענטשנס אינערלעכער וועלט. פאָלגט נאָך אוידיפּוסעס כאַראַקטער, וועט איר פאַרוואונדערט ווערן, ווי ווייניק פאַרשיידנאַרטיקייט דער אַוטאָר לייגט אַריין אין די געפילן און אין די ליידנשאַפטן פון אוידיפּוסן אויף אַזאַ פאַרוויקלטן פאָן פון טראַגישע געשעענישן. די גריכישע טראַגעדיע, און באַזונדער סאָפאָקלעסעס טראַגעדיע, וועט דעריבער אַלע מאָל פאַרבלייבן אַלס דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר איינפאַכע פסיכאָלאָגישע עקספּערימענטן און באַאָבאַכטונגען, דער בעסטער מאַטעריאַל פאַר שול=לעזונגען, פאַר באַקאַנטשאַפט מיט די גרונדשטריכן פון דער מענטשלעכער פסיכאָלאָגיע.

כדי צו פאַרשטיין די מאָראַלישע און די רעליגיעזע אָנשויונגען סאָפאָקלעסעס, דאַרף אַ מענטש פון היינטיקע צייטן מאַכן איבער זיך אַ גרויסע אָנשטרענגונג. פאַר אונז זיינען היינטיקע צייטן אוידיפּוסעס ליידן מצד דעם מאָראַלישן שטאַנדפּונקט אַ נאַרישקייט. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ מענטשן פאַר אַ פאַרברעכן, וואָס איז געטאָן געוואָרן לויט דער פאָרבאַשטימונג פונם גורל, אָן דעם אָנטייל פונם פרייען ווילן מצד דעם שולדיקן, הייסט פאַר אונז—גוואַלדיק צעשטערן די געזעצן פון יושר. פאַר דעם פאַרצייטיקן גריך מיט זיין איינפאַכער און קלאָרער פאָרשטעלונג

וועגן דער וועלט-האַרמאָניע האָט אַזאַ ווידערשפּרוך ניט עקזיסטירט. דאָרט, וואו מיר זעען איין אַ קאָנפליקט, וועלכער דערלאָזט קיין שלום ניט, האָט די העלענישע וועלט-אָנשויונג געזען דעם נצחון פון דעם אויסגלייכנדיקן און האַרמאָנישן יסוד. פאַר סאָפאָקלעסן זיינען דער גורל און די געזעצן פון דער מענטשלעכער נאַטור אידענטישע יסודות. יעדע אָפּווייכונג פון די געזעצן פון אונזער נאַטור הייסט צוזאַמען דערמיט צעשטערן די וועגן פונם גורל, און, פאַרקערט, די אָפּווייכונגען פון די באַשטימונגען פון גורל הייסט ניט אַנדערש, ווי אָפּקערן זיך פון די נאַטירלעכע נאָרמאַלע געזעצן פון אונזער טבע. סאָפאָקלעסעס פּאָעזיע איז אין דער מאָראַלישער הינזיכט אַ אילוסטראַציע צו העראַקליטאָסעס טיפן געדאַנק: דער כאַראַקטער פונם מענטשן דאָס איז זיין גורל. יעטווידעס ליידן, יעטווידעס אומגליק איז אַ פועל-יוצא פון עפּעס אַ שולד מצד דעם ליידנדיקן העלד. דערביי איז דער באַגריף וועגן שולדיקייט ביי דעם פאַרצייטיקן העלענער געווען זייער אַ ברייטער. ער האָט אַרומגענומען אויך די פאַרברעכנס פון די עלטערן, וועלכע גייען אַריבער אויף די שפּעטערדיקע דורות, אויך דאָס פעלן פון גלייכגעוויכט, מעסיקייט אָדער אפילו פון גאָלדענעם מיטן אין דער טבע פונם העלד, אָפּטמאָל אפילו דאָס ניט גענוגנדיקע אַריינדרינגען אין אויסטייטשן דעם ווילן פונם אָראַקל, אָדער די ניט געלונגענע דערפילונג פון דעם דאָזיקן ווילן. פון סאָפאָקלעסעס שטאַנדפּונקט איז אוידיפּוס, למשל, כלל ניט קיין אומשולדיקער קרבן פון דעם אַכזרישן גורל. אויף אים הויערט די זינד פון די עלטערן, זיין שולד ליגט אין זיין אייגענעם ספּילטשעווען כאַראַקטער, אין דער צו גרויסער פאַרגלויבטקייט אין זיך אַליין; ענדלעך, פשוט אין יענעם גליק און צוטרויען צו זיך זעלבסט, וועלכע האָבן פאַרשלעפּערט זיין פאָרזיכטיקייט, געלאָזן פאַרגעסן די ענדערלעכקייט פון דעם מענטשלעכן גורל. די דאָזיקע צופרידנהייט און גליק אָן אַ מאָס האָט געמוזט אויסגעקויפט ווערן. די צווייטע טראַגעדיע איז די רעכטפאַרטיקונג פון דעם העלד, וועלכער האָט מיט זיינע פיינען באַצאָלט פאַר די זינד. אַזוי איז דער סך-הכל פון סאָפאָקלעסעס מאָראַלישע לערע די פאָרשטעלונג וועגן מענטשן, ווי וועגן אַ זייער פילבאַרן מאָראַלישן וועזן. די קלענסטע גראָבע צווירונג ברענגט צו קאָנסעקווענצן אָן אַ שיעור, און די ווידעראויפשטעלונג פון דעם איינמאָל צעשטערטן גלייכגעוויכט פאָדערט קרבנות און ליידן אָן אַ סוף. מיט זיינע טראַגעדיעס האָט סאָפאָקלעס געוואָרנט די מענטשהייט, זי זאָל זיך ניט לאָזן צופיל מיטרייסן פון אירע גליקן, ער האָט זי געוואָרנט פאַר זעלבסטצופרידנקייט און רויקייט. ער האָט דערמאָנט וועגן דער נויטווענדיקייט פון כסדרדיקן, אומערמידלעכן השגחה-

נעבן אויף זיך זעלבסט און אויף יעדן אייגענעם טראָט, וואָס מען מאַכט, האָט געוועקט דעם געפיל פון שרעק פאַר דער מאָראַלישער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט און דעם געפיל פון אַכטונג צו די העכערע כוחות, וואָס פון זייער בליק קאָן קיין מענטשלעכער שלעכטער טאַט ניט פאַרהוילן בלייבן.

VIII.

עוריפּידעס. — די ירידה־עפּאָכע פון דער דעמאָקראַטיע. — די שטימונגען פונם דעמאָס. — די העטעריעס. — די אויפקלערער. — רעליגיעזע פּראָצעסן. — די סאָפיסטן. — עוריפּידעסעס ווערק: „אַלקעסטידע“ און די באַזונדערהייטן פון דעם עוריפּידישן שאַפן, וואָס ווייזן זיך אין איר אַרויס. — „מעדעא“. — די טרויעריקע טענדענץ אירע. — יאַזאָנס און מעדעס כאַראַקטערן. — „היפּאָליטאָס“. — די פּאַטריאָטישע טענדענץ אין עוריפּידעסעס טראַגעדיעס: „די העראַקלידן“, „יאָן“, „די בעטערינס“ און „דער וואוטיקער העראַקלעס“. — „עלעקטרע“, „איפיגעניע“ און די איבעריקע ווערק עוריפּידעסעס.

„איך זוכט דעם מענטשן אַזעלכן, ווי ער שטעלט זיך פאַר פאַר אייערע בליקן, און איך פיל אין זיך דעם באַרוף צו שילדערן אים אַזאַ, ווי איך וואָלט אים וועלן זען“. אין די דאָזיקע ווערטער האָט זשאָרזש־זאַנד באַשטימט דעם אונטערשייד צווישן אירן און צווישן דעם באַלזאַקישן ראָמאַן, אָנווייזנדיק אין דער זעלביקער צייט דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך, וועלכער טיילט אָפּ רעאַליזם פון ראָמאַנטיזם. עפּעס ענלעכס האָט אַרויסגעזאָגט סאָפאָקלעס, דורכפירנדיק אַ פּאַראַלעל צווישן זיך מיט דעם ייִנגערן חבר פון זיין צייט, מיט עוריפּידעסן. ער האָט געזאָגט, אַז ער שילדערט מענטשן, ווי זיי דאַרפן זיין, און עוריפּידעס — אַזעלכע, ווי זיי זיינען באמת [1]. אין אַלגעמיין האָט די דאָזיקע פראַזע ריכטיק באַשטימט דעם אונטערשייד צווישן די דאָזיקעביידע פּאָעטן. אויב סאָפאָקלעסן קאָן מען אָנרופן ראָמאַנטיקער, אויב זיין פּאָעזיע איז נאָך דורכגעדרונגען מיט אידעאַליזם און רעליגיעזן געפיל, איז עוריפּידעס אַ רעאַליסט אין דעם פולן זינען פון דעם וואָרט. ער האָט ענדגילטיק אַראָפּגעפירט די פּאָעזיע פון הימל אויף דער ערד, אים איז פרעמד די ערפורכט צו די רייד פון דעם אָראַקל און צו די געהיימנישפולע געזעצן פון דעם גורל, ער מיידט ניט אויס, ווי סאָפאָקלעס, קיין רמזים אויף פראַגן פונם טאָג, ער שליסט פון זיין פּאָעזיע ניט אויס דאָס טאָג־טעגלעכע און דאָס באַנאַלע. די לאַגע פון די קלאַסן אין זיין צייט, די שטרעמונגען פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק אין זיין צייט, די אויסערלעכע פּאָליטיק, — למשל, די באַציִונגען צו ספּאַרטע, די לאַגע פון אַטען און גריכנלאַנד, לסוף, דער פּאָליטישער און דער סאָציאַלער קאַמף פון די פּאַרטייען, — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס רודערט אויף דעם לעבנס־ים

1) אַריסטאָטעלעס. וועגן דער קונסט פון פּאָעזיע.

פון זיין צייט, האָט געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין דער דראַמאַטישער פּאָעזיע
ביי עוריפּידעסן, וועלכער איז געוועזן אַ טענדענציעזער שריפטשטעלער,
אַ פּריידיקער פון נייע אידעען, אַ „סצענישער פילאָסאָף".

דער טאָג און דער אָרט פון זיין געבורט, ווען מען זאָל גלויבן
דער מסורה, זיינען פאַרבונדן מיט איינער פון די גרעסטע געשעענישן אין
דער גריכישער געשיכטע. מען זאָגט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אויף
דעם אינזל סאַלאַמין אין דעם זעלביקן טאָג, ווען די העלענער האָבן אָפּ=
געהאַלטן זייער באַרימטן נצחון. אַזוי אַרום איז ער געוועזן אויף פופצן
יאָר יינגער פאַר סאָפאָקלעסן. ס'איז מעגלעך, אַז דעם פּאָעטס פאָטער
מנעסאַרכאָס איז אַהער אַנטלאָפן צוזאַמען מיט פיל אַנדערע אַטענער,
וועלכע האָבן אויף דעם אינזל געזוכט צו ראַטן זיך פון דער פּערסישער
אַרמיי. שפּעטער האָט דער פּאָעט ליב געהאַט אָפט צו דערווייטערן זיך
אויף דעם אינזל סאַלאַמין, און דאָ אין דער איינזאַמקייט אויף דער שיי=
נער נאַטור האָט ער באַשאַפן זיינע שאַפונגען. דעם פּאָטער האָט עוריפּי=
דעסן, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, פאַרלאָרן, ווען ער איז נאָך גאָר יונג
געוועזן. זיין מוטער איז אויסגעלאַכט געוואָרן פון אַריסטאָפאַנעסן, וועל=
כער האָט אויסגענוצט יעדן שעת=הכושר, אויפצוּוואַרפן איר, וואָס זי האָט
אַזאַ געמיינע באַשעפטיקונג, וואָס איז כלומרשט באַשטאַנען אין האַנדל
מיט גרינסוואַרג. גיכער פאַר אַלץ האָבן עס די קאָמיקער אויסגעטראַכט,
אַז אוידיפּוסעס מוטער האָט זיך פאַרנומען מיט אַזאַ פּראָפעסיע. פון אַנ=
דערע מיטטיילונגען, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דעם פּאָעטס ביאָגראַפיע,
איז ניט פיל פאַראַן צו דערציילן. דער פּאָטער האָט דעם זון אַפנים גע=
גרייט צו דער פּראָפעסיע פון אַן אַטלעט. די באַזונדערע אויפמערקזאַמ=
קייט, וועלכע מען האָט געלייגט אויף דעם יינגלס פיזישער ערציִונג, האָט
זיך געשטיצט אויף אַ נביאות, אַז דער יינגל וועט באַקומען זיג=קרענץ
אין געוועטן, — אַ נביאות, וועלכע איז מקויים געוואָרן אין אַן אַנדער
זין. ווייטער איז אונז באַוואוסט, אַז עוריפּידעס האָט זיך געגרייט צו ווערן
אַ מאָלער, אַז שוין גאָר יונגערהייט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען
מיט פילאָסאָפיע, דערביי האָט ער זיך באַנוצט מיט די אָנווייזונגען פון
אַנאַקסאַגאָראַסן, פון די סאָפיסטן און שפּעטער פון סאָקראַטעסן. די
סאָפיסטן האָט עוריפּידעס צו דאַנקען פאַר זיין סוביעקטיווער וועלטאָנ=
שויונג, פאַר זיין סקעפּטיציזם אין רעליגיעזע פראַגן און פאַר זיין סאָפיסטי=
שער דיאַלעקטיק 1). עס איז קיין ספק ניטאָ, אַז אויף זיין וועלט=אָנשויונג
האָט אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל די אידעע פון דעם סאָפיסט פּראָטאַגאָראַס,
אַז דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן. אין געזעלשאַפטלעכן לעבן

1) בערגק. גריכ. ליטער. III, ז. 47.



עווריפידעס

האָט עוריפּידעס ניט גענומען קיין אָנטייל, ער האָט אָבער אויפמערקזאַם צוגעקוקט זיך צו די געשעענישן פונם טאָג. זיינע טראַגעדיעס זיינען אָפט געווען אַ פּאָעטישע פּראָפּאַגאַנדע פון דער אָדער יענער אידעע, און אַלקיוויאַדעס האָט אויסגענוצט זיין פריינדשאַפט מיטן פּאָעט צוליב זיינע פּאָליטישע צילן.

פּונקט אַזוי קנאַפּ זיינען די ידיעות אונזערע וועגן עוריפּידעסעס פּערזענלעך און משפחה־לעבן. לויט דער אָנגענומענער מסורה, האָט דער פּאָעט חתונה געהאַט צוויי מאָל: מיט כּירילען, פון וועלכער ער האָט געהאַט דריי זין, און מיט מעליטען, דערביי איז אַ פּלוגתּא צווישן די פאָרשער וועגן דעם, וועלכע פון די צוויי איז געווען די ערשטע. לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן איז עוריפּידעס אומגליקלעך געווען אין משפחה־לעבן. זיינע ווייבער, פון וועלכע איינע איז אים פאַלש געווען מיט זיין אייגענעם קנעכט, זיינען, זייער מעגלעך, געווען די סיבה, פון אייניקע זיינע גאַליקע באַמערקונגען וועגן דער פרוי און האָבן אָנגעטריבן די ניט איינמאָל געבראַכטע פערזן אין היפּאָליטאַס, אין וועלכע ער מאַכט פאָרוואורף צעוסן דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרפינסטערט דאָס גליק פון מענטשן, באַשאַפנדיק די פרוי, ס'דאָזיקע גרעסטע אומגליק אויף דער וועלט. דעם סוף פון זיין לעבן האָט עוריפּידעס פאַרבראַכט ווייט פון אַטען, ביי דעם הויף פונם מאַקעדאָנישן קיניג אַרכעלאַוס, וואו ער איז געשטאָרבן אין 406 יאָר, מיט עטלעכע חדשים פאַר סאָפאָקלעסעס טויט.

דער דראַמאַטישער קונסט האָט זיך עוריפּידעס אָפּגעגעבן גאַנץ פרי. צום ערשטן מאָל איז ער אַרויסגעטראָטן אַלס דראַמאַטורג, ווען ער איז אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר. פון דעמאָלט אָן האָט ער ניט אַוועקגעוואָרפן דעם וועג, וואָס ער האָט אויסגעוויילט, און איז זייער אָפט אַרויסגעטראָטן אויף די געוועטן פון די דראַמאַטישע פּאָעטן. אמת, אויף דער וועג האָט דעם פּאָעט ניט געבראַכט קיין גליק און קיין באַפרידיקונג. בלויז פינף מאָל האָבן זיינע ווערק פאַרדינט די פּריזן, אין דער צייט, וואָס אייסכילאָס און סאָפאָקלעס זיינען דורך די מענטשן פון זייער צייט אין דער דאָזיקער הינזיכט געווען זייער צעלאָזן. די אַלעקסאַנדרינישע געלערנטע דערמאָנען עוריפּידעסעס צוויי און ניינציק טראַגעדיעס און סאַטירישע פּיעסן, אָבער פון זיי האַלטן די פאַרצייטיקע קריטיקער בלויז פינף און זיבעציק פאַר ריכטיקע עוריפּידעסעס ווערק. היינטיקע צייט האָבן מיר בלויז זיבעצן טראַגעדיעס און איין סאַטירישע פּיעסע פון עוריפּידעסן — אַ ירושה, וועלכע שטייגט פיל אַריבער די אָרעמע רעשטן פון אייסכילאָסעס און פון סאָפאָקלעסעס שאַפונג. עוריפּידעסעס כאַראַקטער האָט, אַפּנים, היפש מיטגעהאָלפן דער נעגאַטיווער

באַציונג צו אים מצד די מענטשן פון זיין צייט. ער איז ניט געווען קיין מעורב עם הבריות, האָט ליב געהאַט איינזאַמקייט, און אויף דעם אינזל סאַלאַמין האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט באַוויזן די איינזאַמע הייל, וואו דער פּאָעט פלעגט זיך באַהאַלטן פון דעם לעבנסטומל און האָט זיך איבערגעגעבן זיין שעפערישער טעטיקייט. ער האָט ניט געחנפעט דעם עולם, האָט זיך ניט צוגעפּאַסט צו אירע געשמאַקן, האָט זיך געהאַלטן פאַר איר לערער, ניט פאַר איר משרת. דאָס אַלץ האָט ניט געקענט העלפן צו מאַכן אים פּאָפּולער, און די פאַרביטערטקייט גופא, מיט וועלכער אַריסטאָפאַנעס באַפאַלט דעם פּאָעט, „וואָס פילאָסאָפירט פאַר זיך אין זיין ווינקל", איז אַ באַווייז דערויף, אַז עוריפּידעס האָט ניט געמאַכט לייטן אויפגעלייגט צו פריינדשאַפט און צו נאָענטקייט מיט אים. דאָס איז געווען אַ פילאָסאָף, וועלכער האָט ליבער געהאַט ביכער איידער מענטשן, און דענקען — איידער טאָן. איבעריקנס איז עוריפּידעס, וועלכער האָט ניט געקראָגן קיין פּאָפּולאַריטעט ביי די מענטשן פון זיין צייט, ריכטיק אָפּגעשאַצט געוואָרן נאָך זיין טויט. זיין טויט האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער אין אַטען. און ווען סאָפאָקלעס האָט זיך וועגן אים דערוואוסט, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין טרויער און האָט אַרויסגעפירט די אַקטיאָרן בשעת דער פאָרשטעלונג אָן קרענץ. דער נאָענטסטער דור האָט זייער געשעצט דעם פּאָעט און האָט זיינע שאַפונגען געשטעלט העכער פאַר איישכילאָסעס און סאָפאָקלעסעס טראַגעדיעס. אַ מער מענטשלעכער און פאַרשטענדלעכער פאַר די מאַסן, איז עוריפּידעס נאָך זיין טויט געוואָרן מער פּאָפּולער, איידער זיינע עלטערע חברים, און אפשר דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס זיינע פּיעסן זיינען פאַרהיט געוואָרן אין אַזאַ גרויסער צאָל.

כדי צו פאַרשטיין עוריפּידעסעס פּאָעזיע, דאַרף מען זיך נענויער אָפּשטעלן אויף דער עפּאָכע, צו וועלכער עס באַציט זיך די בלייונג פון זיין טעטיקייט. ער איז מיט זיין עפּאָכע געווען פאַרבונדן ענגער, איידער איישכילאָס און סאָפאָקלעס. ער האָט זיך ניט אַראָפּגעלאָזן אין אַלגעמיינע פראַגן פון רעליגיע און מאָראַל, ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, ווי סאָפאָקלעס, אויף דער באַדייטונג פונם גורל און פון דער הויכער מיינונג וועגן זיך זעלבסט אין דעם לעבן פון אַ מענטשן, ער האָט זיך אָבער אָפּגעטונקט אין דער עקסיסטירנדיקער ווירקלעכקייט. אויב סאָפאָקלעס געהערט לויטן גייסט צו דעם בעסטן פעריאָד פון פעריקלעסעס עפּאָכע, — צו דעם פעריאָד, ווען די דעמאָקראַטיע און די בילדונג האָבן נעבליט, — איז עוריפּידעס דער פּאָעט פון דער עפּאָכע, ווען די דעמאָקראַטיע האָט איבערגעלעבט איר קריזיס. אין זיין צייט האָט זיך אומעטום

אין גריכנלאַנד, און באַזונדערס אין זיין היימאַט, אין אַטען, אַנטוויקלט די רעאַקציע קעגן דער דעמאָקראַטיע. די דעמאָקראַטיע, וועלכע איז גע־ווען די סיבה פון דער מעכטיקייט און פון דער גייסטיקער בליִונג פון אַטען, האָט צום סוף פון פעריקלעסעס ממשלה פאַרלאָרן איר אורערשטן כאַראַקטער. אין די אָנפאַלן אויף דער הערשאַפט פונם דעמאָס הערט זיך אָפּ די שטימע פון די באַליידיקטע פריווילעגירטע קלאַסן, וועלכע קע־נען ניט שלום מאַכן מיט דעם, וואָס זיי האָבן פאַרלאָרן זייערע פריווי־לעגיעס. ס'איז אָבער קיין ספק ניט, אַז אין סאַמע ברען פון דער פע־לאָפּאָנעסער מלחמה פאַרלירט די אַטענער דעמאָקראַטיע יענע שטאַנד־האַפטיקייט און קאָנסעקווענטקייט וועלכע זי האָט געהאַט אין דער צייט פון פעריקלעסעס ממשלה. די מאַכט אין שטאָט גייט אַריבער אין די הענט פון דעם שטאָטישן דעמאָס אין דעם עקסטן זינען פון דעם וואָרט, ד. ה. צו די אָרעמסטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג. די טאַלאַנטפולע רעגירער מיט בריטן מלוכה־פאַרשטאַנד, ווי אַ מין פעריקלעס, טרעטן זייער אָרט אָפּ פאַר אומערלעכע און אייננוציקע דעמאַגאָגן, וועלכע האַלטן ניט פאַר מיאוס קיינע מיטלען, אַבי צו דערווערבן זיך פּאָפּולאַ־ריטעט. שיין ריידן און חנפענען דעם עולם — דאָס זיינען געוואָרן די זיכערסטע מיטלען צו דערגרייכן השפעה. צווישן די שטאָטישע מאַסן האָבן די אויבערהאַנט באַקומען די ראַדיקאַלע עלעמענטן, וועלכע האָבן געפאָדערט אַנטשלאָסענע אָנגרייפס־אַקציעס קעגן פעלאָפּאָנעס, וועלכע האָבן אַרויסגערוקט ערגייציקע דעמאַגאָגן, ווי אַ מין אַלקיוויאַדעס, און האָבן געבראַכט צו טרויעריקע אַוואַנטורעס, ווי, למשל, די אומגליקלעכע סיציליִשע עקספּעדיציע אין 413—415 יאָרן [1]. די אַטענער מאַסע האָט געלעבט מיט פּאָליטיקעריי, אינטריגעס און אַוואַנטורעס. און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די דאָזיקע נעגאַטיווע זייטן פון דער פאָלקסרעגירונג האָבן געבראַכט צו נאַציאָנאַלע אומגליקן, האָבן געלאָזט פילע פאַר־טראַכטן זיך איבער דער לאַגע פון פאָטערלאַנד. אין איין שורה מיט דעם שטאָטישן דעמאָס, וועלכער האָט אַ טאָן געגעבן דער שאָוויניסטישער פּאָ־ליטיק, האָט עקסיסטירט די אָליגאַרכישע פּאַרטיי, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַריסטאָקראַטן, און איז געשטאַנען פאַר שלום מיט ספּאַרטע. די אַרי־סטאָקראַטן האָבן פיינט געהאַט די דעמאָקראַטיע און האָבן געטרוימט אונטערטעניק צו מאַכן דאָס פאָלק. אַלס איינע פון די כלי־זיין פונם פּאָ־ליטישן קאַמף האָבן געדינט באַזונדערע פאַרבאַנדן, העטעריעס. אַדאַנק

[1]) וועגן דער שעדלעכער השפעה פון די דעמאַגאָגן און בכלל וועגן קריזיס פון דער דעמאָקראַטיע, זע: בוזוסקול, די געשיכטע פון דער אַטענישער רע־פּובליק.

דער פרייהייט פון דער פאָליטישער אָרדענונג האָבן די דאָזיקע געהיימע
געזעלשאַפטן באַקומען רחבות פאַר זייער טעטיקייט. די מיטגלידער פון
די העטעריעס, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן דערהויפט דורך אָליגאַר=
כישע טוער (הגם עס זיינען געווען אויך דעמאָקראַטישע העטעריעס), האָבן
איינע די אַנדערע אונטערגעשטיצט אויף די וואַלן און האָבן זיך באַמיט צו באַ=
וייטיקן פון דער פאָליטישער אַרענע די פאַרטיידיקער פון דער דעמאָ=
קראַטיע. באַזונדערס האָבן זיי צו זייערע צוועקן אויסגענוצט דעם געריכט,
וועלכער איז אין אַטען געווען אַ וויכטיק געווער פאַרן פאָליטישן
קאַמף. פאָליטישע! פראָצעסן האָבן געדינט אַלס מיטל צו באַזייטיקן
דעם אָדער יענעם טוער און האָבן געהאָלפן צו באַשטימען די קראַפט
פון דער אָדער יענער פאַרטיי אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג [1].
די העטעריעס האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די דעמאָראַליזירנדיקע
השפעה פון דעם פאָליטישן קאַמף. שוחד, פאַלשע באַשולדיקונג, פאַלשע
עדות, רציחה, אַפילו אַריינברענגען דעם שונא, פעלשונג קעגן פאַטער=
לאַנד — די דאָזיקע אַלע מיטלען זיינען אויסגענוצט געוואָרן. „אַלס
סאַמע הייליקער בונד האָט זיך גערעכנט די ברודערשאַפט לויט דער הע=
טעריע. ווער עס איז זיך באַגאַנגען מיט חוצפה און כיטרעקייט, יענער
איז אַממערסטן געאַכט געווען. די אייגענע מאַכט, דער אייגענער כבוד,
דער אייגענער נוצן זיינען געוואָרן די מאָס, מיט וועלכער מען האָט אָפּ=
געשאַצט אַלע מעשים". אַזוי=אַרום איז דער ירידה=פעריאָד פון דער דע=
מאָקראַטיע באַצייכנט מיט מאָראַלישער פוילונג ניט בלויז אין די פאָלקס=
מאַסן, נאָר אויך אין די רעשטן פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע. דע=
ריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די אַממערסטן באַוואוסטזיניקע עלע=
מענטן האָבן ניט געקאָנט זוכן קיין רעטונג פון דער דעמאָקראַטיעס עק=
סטרעמיטעטן אין איר פאַרניכטונג און אין דעם צוריקקערן זיך צו דער אַלטער
אַריסטאָקראַטישער אָרדענונג. אַ מיטעלע לאַגע צווישן די צוויי עקסטרעמע
פאַרטייען, — צווישן דער אָליגאַרכיע מיט דער דעמאָקראַטיע, — האָט
פאַרנומען דער קלאַס פון די ערדאַרבעטער, וועלכער איז אויך פיינד=
לעך צו די דעמאַגאָגן און צו דער דעמאָקראַטיע. אין זיין באַשטאַנד
זיינען אַריין סיי די מיוחסים די ערדבאַזיצער, סיי די מער=ווייניקער
פאַרמעגלעכע פויערים. די דאָזיקע גרופע האָט ניט געוואָלט קיין מלחמה.
ניט געהערנדיק צו דער אָליגאַרכיע, האָבן די ערדאַרבעטער פונדעסטוועגן
איר מיטגעפילט אין אירע פיינדלעכע באַציִונגען צו מלחמה, און זינט
דער פעלאָפּאָנעסער מלחמה הייבן זיי זיך אָן דערנענטערן צו דער אָלי=
גאַרכיע. נענטער צו די קאָנסערוואַטיווע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן שטייען

1) וויפער, אַנגער. ווערק.

די צוויי גרויסע פאָרשטייער פון דעם טעאַטער אין יענער עפּאָכע: עוריפּידעס און אַריסטאָפאַנעס. צוזאַמען מיט פיל אַנדערע מענטשן פון זיין צייט, האָט עוריפּידעס געזען די רעטונג פון דער מלוכה אין דעם מיטעלן קלאַס, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעגאַנגען די ערדאַרבעטער. אין די בעטערינס רעדט זיך וועגן דריי קלאַסן פון דער געזעלשאַפט: וועגן רייכע, אומנוצלעכע און שטענדיק שטרעבנדיקע צו נאָך גרעסערס; וועגן אומפאַרמעגלעכע, געפערלעכע, ווייל זיי גיבן זיך אונטער דער השפעה פון די פאַרנאַרערישע רעדעס פון די שלעכטע אָנפירער און לאָזן אַריין זייער גיפט אין די פאַרמעגלעכע; און וועגן דעם מיטעלן קלאַס, וועלכער איז מציל די מלוכה, אָפּהיטנדיק די איינגעשטעלטע אָרדענונג [1]. דער הויפּטעלעמענט פון דעם דאָזיקן קלאַס זיינען געווען ניט די ענדערלעכע און צו אַוואַנטורעס גענייגטע שטאָטישע איינוואוינער, נאָר די דאָרפישע באַפעלקערונג. דווקא די דאָזיקע באַפעלקערונג איז רויִנירט געוואָרן פון דער מלחמה, מחמת דאָס פוסגייענדיקע חייל פונם שונא, וואָס האָט ניט געקאָנט אַריינדרינגען הינטער די ווענט פון דער שטאָט, וואָס איז געווען באַשיצט מצד דעם ים, איז אָנגעפאַלן מיט דעם עיקר המון זיינעם אויף די ערדאַרבעטערישע עלעמענטן פון אַטיקע.

אָבער ניט בלויז אויף דעם פּאָליטישן געביט האָבן געהערשט מחלוקתן און אומרוען. אין דער ספערע פון גייסטיקע און רעליגיעזע פראַגן האָט זיך די געזעלשאַפט אויך געפונען אין אַ צושטאַנד פון ניט שטאַנדהאַפטיקייט און יוירונג. דער אַלטער גלויבן איז חרוב געוואָרן, און די פרייהייט פון געדאַנק, וואָס איז געקומען אויף זיין אָרט, איז דערפירט געוואָרן ביז עקסטרעמיטעט, האָט געבראַכט צו דער לערע פון די סאָפיסטן, צו אויסגעלאַסנקייט, און האָט אַרויסגערופן אַנטקעגן זיך פונקט אַזאַ רעאַקציע, וואָס פאַר אַ רעאַקציע אין פּאָליטישן לעבן עס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם דעמאָסעס פולקומער הערשאַפט. די רעליגיעזע רעאַקציע האָט זיך גענערט סיי דורך דעם אָבערגלויבן פון דעם אומוויסנדיקן דעמאָס, סיי דורך די אָליגאַרכישע קרייזלעך, וועלכע האָבן אויפריכטיק מורא געהאַט, אַז די נייע לערעס פון די סאָפיסטן גראָבן אונטער די גלויבונגען און די מנהגים פון די אורעלטערן און די מאָראַל פונם פאָלק. דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער סימפּטאָם פון דער דאָזיקער רעליגיעזער רעאַקציע זיינען געווען די רעליגיעזע פּראָצעסן, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען קעגן די אויפקלערער און די ראַציאָנאַליסטן נאָך בשעת פּעריקלעס האָט געלעבט. דיאָפּעיטאָס, אַ קענער פון די סאַקראַלע אַלטער=

1) בוזוסקול. די געשיכטע פון דער אַטענישער דעמאָקראַטיע, ז. 299.

טימלעכקייטן און אַן אויסטייטשער פון די אָראַקלען האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז דער שטרענגער פראָצעס פון אייסאַנגעליע (וועלכער פלעגט אָנגעווענדט ווערן צו גרויסע מלוכה־פאַרברעכער) זאָל זיין אָנגעווענדט צו די אַלע, וועלכע „וועלן באַשולדיקט ווערן אין אָפּלייקענען די געטלעכע קראַפט אין דער וועלט, אָדער זיי וועלן אַרויסזאָגן וועלכע עס איז אַסטראָנאָמישע טעאָריעס". נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריי רעליגיעזע פראָצעסן, צווישן אַנדערע אויך דער פראָצעס פון אַנאַקסאַגאָראַס, וועלכער האָט געלערנט, „אַז די זון איז ניט באַגייסטיקט מיט געטלעכער קראַפט, זי בילדעט בלויז אַ צעגליטע מאַסע פון שטיין" [1]. אַנאַקסאַגאָראַס האָט קוים אויסגעמיטן טויט־שטראָף. בולטער פון אַלץ ווייזט זיך אַרויס דער פלאָנטער פון באַגריפן אין דעם פראָצעס פון די הערמאָקאָפּידן, וועלכע האָבן צעשטערט די בילדער פון הערמעסן. ווי באַוואוסט איז אין דעם דאָזיקן חילול־הקודש אויך אַלקיוויאַדעס באַשולדיקט געוואָרן. די צעשטערונג פון הערמעסעס בילדער איז פאָרגעשטעלט געוואָרן ניט אַלס פשוטער חילול־הקודש, נאָר אַלס פראָבע אַרויסצוטרעטן קעגן דער דעמאָקראַטיע, און וואָס עס איז געלונגען איבערצוצייגן דאָס פאָלק. אין דעם דאָזיקן פראָצעס איז אַלץ כאַראַקטעריסטיש: סיי דער אַרויסטריט פון דער דעמאָקראַטיע אַלס פאַרטיידיקערין פון די פאָלקס־הייליקייטן, סיי דער פאַקט, וואָס עס איז געווען אַ גאָלדענע יוגנט, וועלכע האָט אין דער פאַרשוועכונג פון די הייליקטימער געפונען אַן אָנגענעמע פאַרוויילונג, סיי דער געדאַנק וועגן פאַרבינדונג צווישן טיראַנישע כוונות מיט כפירה אין גאָט, לסוף, דאָס, וואָס די העטעריעס האָבן עקספּלואַטירט די רעשטן פון דעם פאָלקס רעליגיעזן געפיל צוליב פאָליטישע צוועקן, מחמת עס איז קיין ספק ניטאָ, אַז די צעשטערונג פון די סטאַטועס האָט פאַר די אָליגאַרכן געדינט נאָר אַלס מיטל פטור צו ווערן פון אַלקיוויאַדעסן. מיט איין וואָרט, איינס איז זיכער — אַז אין דעם חורבן פון די אַלטע יסודות האָבן די אַטענער אָנגעהויבן איינצוזען אַ סכנה, און די דעמאָקראַטיע איז אויפגעשטאַנען קעגן די פרייזיניקע שטרעמונגען פון דער עפּאָכע, קעגן איר ראַציאָנאַליזם און קריטיציזם.

די דאָזיקע פרייזיניקייט אין דער צווייטער העלפט פון דעם V יאָרהונדערט, די דאָזיקע פאַרלייקענונג פון יעדן אַווטאָריטעט און די שטרעבונג צו פרייער פאָרשונג האָבן זיך געפונען אַן אויסגאַנג אין דער אינדיווידואַליסטישער פילאָסאָפיע פון די סאָפיסטן, וועלכע איז געגרינדעט אויף דער פאָרשטעלונג וועגן דער אומבאַגרענעצטער פרייהייט פון דער פערזענלעכקייט. לויט פראָטאַגאָראַסעס לערע איז דער מענטש

1) וויפער. אָנגער. ווערק, ז. 193.

די איינציקע מאָס פאַר זאַכן עקסיסטירנדיקע — אַז זיי עקסיסטירן, פאַר ניט עקסיסטירנדיקע, — אַז זיי זיינען ניטאָ. אַנדערש גערעדט: אַלץ עקסיסטירט אַזוי, ווי דאָס שטעלט זיך פאָר יעדן באַזונדערן מענטשן. דורך דער דיאַלעקטיק האָט דער פלינקער סאָפיסט געקענט זיך פאָרשטעלן אַלע זאַכן, ווי אים ווילט זיך, ניט ריזיקירנדיק, אַז עמעצער זאָל אים אָפּפרעגן. מיר וועלן דאָ ניט ברענגען די גוט באַקאַנטע פילפולים פון די סאָפיסטן, ווי אַ שטיינער דער באַווייז, אַז אַכילעס איז ניט אימשטאַנד צו דעריאָגן אַ שילדקרעט. וויבאַלד מען קאָן אָפּשאַפן די באַוועגונג, דערווייזן די ניט-ריכטיקייט פון אונזערע פאָרשטעלונגען וועגן באַוועגונג, פילצאָליקייט, טיילבאַרקייט און אַז. וו., דאַן בלייבט שוין גאָרניט אַזוינס, וואָס מען זאָל ניט קאָנען פון אָרט אַוועקרוקן מיט דער הילף פון דער דיאַלעקטיק. קיין אָביעקטיווער אמת איז בכלל ניטאָ, אַלץ איז על-תּנאַי און רעלאַטיוו. מיט גלייכן ערפאָלג אין רעכט קאָן מען דערווייזן און באַהויפּטן צוויי פולקום קעגנזעצלעכע מיינונגען. די ריטאָריק, די קונסט פון רעדנעריי, האָט באַקומען ביי אַזעלכע אָנשויונגען אַ וויכטיקע באַדייטונג. די קונסט פון שיין ריידן, וועלכע די גריכן האָבן הויך געשטעלט נאָך אין דער צייט פונם עפּאָס, איז איצט געוואָרן אַ זאַך ניט אַזוי פון אוממיטלבאַרן טאַלאַנט, ווי פון פלייסיקן שטודירן. מיט איין וואָרט, אונז איז איצט ניט שווער פאָרצושטעלן זיך די סביבה, אין וועלכער עוריפּידעס האָט עס געשריבן. זיין געבורטשטאָט האָט געלעבט מיט אַ קאָכיקן לעבן, אין וועלכן עס איז געגאַנגען אַ פאַרביטערטער פּאָליטישער קאַמף. ביטערע דעמאַגאָגן און פלינקע גוטע רעדנער האָבן ניט געשוינט קיין קרעפטן אין די געריכטן און אויף די פאָלקס-פאַרזאַמלונגען, כּדי צו דערוווערבן זיך פּאָפּולאַריטעט, כּדי צו באַקומען אַ שטעלע פון אַ סטראַטעג און אָפּצומאַכן אייגענע געשעפטלעך. די פאַרצייטיקע פרומקייט איז פאַרשוואונדן; די ראַציאָנאַליסטן און די אויפקלערער האָבן ניט געגלויבט אין די אַלטע געטער און מסורות, און אין דער זעלביקער צייט איז דער דעמאָס געווען קאָנסערוואַטיוו אין זיינע רעליגיעזע גלויבענישן. אין איין שורה מיט דער אַנטוויקלונג פון די וויסנשאַפטן און פון פרייען פילאָסאָפישן געדאַנק, האָבן ניט אויפגעהערט די רדיפות אויף די געלערנטע און אויף די דענקער. די מענטשן, צווישן וועלכע עוריפּידעס האָט זיך געפונען, זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן, און דער סאַמע אויפריכטיקער און טיפער פון די פילאָסאָפן — סאָקראַטעס — איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף טויטשטראָף באַלד נאָך עוריפּידעסעס טויט. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין יענער עפּאָכע איז דער טעאַטער געווען אַ פּאָליטישער קלוב און אַ צייטונג און אַ פאָלקספאַרלאַמענט צוזאַמען. סאָפאָקלעס האָט

הייליק אָפּגעהיט די טראַדיציע פונם טעאַטער־טעמפּל, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן העכערע פּראָגן, וועגן די געהיימנישפולע געזעצן פון דעם גור. עוריפּידעס און אַריסטאָפאַנעס האָבן די סצענע פאַרוואַנדלט אין אַן אָרט פון פּאָליטישע דעבאַטן און געשפּרעכן וועגן טאָג־פראַגן. פּאַטריאָטישע געדאַנקען וועגן דעם רום פון דער געבורטשטאָט, וועלכע פירט אַ שווערע מלחמה, די סוביעקטיווע אָפּשאַצונג פון די געשעענישן, די נאָענטקייט צו די אָליגאַרכישע קרייזלעך, די באַוועגונג קעגן די עקסטרעמיטעטן פון דער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט בלי ספק עקסיסטירט אין די קרייזלעך פון די אויפקלערער, דאָס ליידנשאַפטלעכע זוכן אַן אויסגאַנג פון דעם סאָציאַלן און פון דעם פּאָליטישן קאַמף, וואָס האָט צעריסן די שטאָט אַטען, — מיט איין וואָרט, אַלץ, מיט וואָס די דאָמאָלטיקע מוחות זיינען פול געוועזן, — דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין עוריפּידעסעס פּאָעזיע. מען האָט אים אָנגערופן אַלס וייטן פאָרגייער פון די פּאָעטן פון „וועלט־שמערץ״, און מיט רעכט געהערט אים דער דאָזיקער נאָמען. אין דער עפּאָכע, ווען עס פאַלן די אַלטע גלויבענישן און פאַרשטעלונגען, ווען די חרובע יסודות האָבן נאָך ניט קיין אַנדערע, וועלכע זאָלן זיי פאַרבייטן און וועלכע זאָלן זיין אַזעלכע פעסטע ווי די פריערדיקע, זיינען די דענקער שטענדיק נוטה צו זיין אומאָרדענונג און אומצוועקמעסיקייט אין דער וועלט־באַשאַפונג און אין מעשים פון דער השגחה. אין אַזעלכע עפּאָכעס באַשאַפן די פּאָעטן אַנטוישטע העלדן, וועלכע קעמפן קעגן גאָט און מענטשן, וועלכע זוכן אומזיסט אַ שלום צווישן אידעאַל און ווירקלעכקייט, צווישן די אייגענע שטרעבונגען און דער אַרומיקער וועלט.

די באַמע פּריסטע פון די צו אונז דערגאַנגענע עוריפּידעסעס טראַגעדיעס איז אַ ל ק ע ס ט ע. אַדמעטאָס, אַלקעסטעס מאַן האָט אויף זיך אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דער געטין אַרטעמידע און מוז שטאַרבן ,ונגערהייט. אָבער אַפּאָלאָן האָט אָנטיילגענומען אין דעם העלדס גורל, און ער ווירקט אויף די געטינס פונם גורל צו פאַרלענגערן זיין לעבן מיט דעם תנאי, אַז עמעצער וועט מסכים זיין צו שטאַרבן אָנשטאָט אים. דעם מאַנס עלטערן זיינען ניט מסכים מקריב צו זיין די רעשטן פון זייער לעבן צוליב זייער זון. און בלויז זיין ווייב אַלקעסטע איז גרייט אָן שום איבעריקע מחשבות צו ברענגען זיך אַלס אַ קרבן פאַר דעם מאַן. פאַרן טויט זעגנט זי זיך רירנד מיט אַלע אַרומיקע. „די קינדער האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער מוטערס קלייד און געוויינט. זי האָט זיי גענומען אויף די הענט און אָנגעהויבן קושן איינעם נאָכן אַנדערן, ווי אַ פאַרמשפּטע צו טויט. אויס רחמנות צו דער ווירטין האָבן אַלע קנעכט

אין פּאַלאַץ זיך באַגאָסן מיט טרערן, און זי האָט יעדן אייציקן דערלאַנגט די האַנט: עס איז ניט געווען אַזאַ שלעכטער, צו וועלכן זי זאָל זיך ניט האָבן געווענדט מיט קיין פריינדלעך וואָרט און מיט וועמען זי זאָל זיך ניט געזעגענען". זעגנענדיק זיך מיטן מאַן, דערמאָנט אים אַלקעסטע ווען איר קרבן, כדי דערפאַר צו פאַרלאַנגען פון אים אַ באַלוינונג. זי וואָלט געקאָנט בלייבן לעבן, חתונה האָבן מיט וועמען זי וויל פון טעסאַליע און לעבן אין קיניגלעכע פּאַלאַצן. דער פאָטער און די, מוטער, וועלכע האָבן שוין גענוג געלעבט, האָבן ניט געוואָלט איר לעבן פאַרהיטן פאַר זייער איינציקן זון. בעט זי אַלס באַלוינונג פאַר איר קרבן אַז ער זאָל אין שטוב ניט אַריינפירן קיין נייע ווייב, קיין שטיפמוטער, וועלכע וועט זיין צו אירע קינדער ניט בעסער, ווי אַ שלאַנג. נאָך אַלקעסטעס טויט איז דעם מאַנס פאַרצווייפלונג גרויס אָן אַ גרענעץ. דער אויסזען פון דעם פאַרוויסטן פּאַלאַץ און פון די פאַריתומטע קינדער ברענגט אים אין יאוש. עס איז אים אַ שאַנדע צו ווייזן זיך פאַר מענטשן אין די אויגן, וואָרעם זיי קאָנען אים אַלע מאָל פאָרוואַרפן, אַז ער איז אַ שענדלעכער פחדן, וואָס ער האָט די ווייב געבראַכט פאַר אַ קרבן, כדי צו פאַרלענגערן דאָס אייגענע לעבן. זיין צרה האָט ער אָבער באַהאַלטן פון זיין פריינד העראַקלעסן, וועלכער איז געקומען צו גאַסט אין זיין הויז. ער האָט ניט געוואָלט מצער זיין זיין פריינד און שטערן זיין רו. אָבער העראַקלעס האָט זיך דערוואוסט, וואָס די מעשה איז; ער טרעט אַריין אין קאַמף מיטן טויט, נעמט ביי אים אָפּ אַלקעסטען און קערט זי צוריק אין פּאַלאַץ צו איר מאַנס גרויסער פרייד.

אין דער דאָזיקער טראַגעדיע קאָן מען נאָכפאָלגן די גרונדשטריכן פון דער עוריפּידישער שאַפונג. דער סוזשעט האָט ניט יענע גרויסקייט און געהויבענעם כאַראַקטער, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס אייסכילאָסעס און סאָפאָקלעסעס טראַגעדיעס. מיר האָבן פאַר זיך אַ משפחה־דראַמע, מענטשן, אין וועלכע עס איז גאָרנישט ניטאָ, אויסער געוויינלעכע עגאָאיסטישע אינסטינקטן. דעם מאַנס מחלוקת מיטן פאָטער, וואָס נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט מקריב צו זיין זיך פאַרן זון, קומט ער פונדעסטוועגן מיט מתנות פאַר דער געשטאָרבענער, — דאָס איז אַ מחלוקת ניט פון העראָיען, נאָר פון מענטשן, וועלכע קלאַמערן זיך פאַרן לעבן און פאַר זיין גוטס 1). פאָטער און זון באַשיטן זיך איינער דעם אַנדערן

1) עס איז העכסט אינטערעסאַנט די מיינונג פונם פּראָפעסאָר זיעלינסקי, וועלכער נעמט ניט אָן די טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונג וועגן אַדמעטאָסן, ווי ווענן אַ עגאָאיסט, און ער דערקלערט די דאָזיקע פאָרשטעלונג דערמיט, וואָס מיר האָבן אונזער אַ נ ט אָ נ אָ מ י ש ן שטאַנדפּונקט אַריינגעטראָגן אין עוריפּידעסעס פ י ל אָ נ אָ מ י ש ע ר קאָנצעפּציע. אַדמעטאָס איז ניט קיין עגאָאיסט, ווען ער פאַרלאַנגט, אַנדערע זאָלן שטאַרבן אָנשטאָט אים. ער איז גע-

מיט ביטערע פאָרוואורפן. אמת, אין אַלקעסטעס כאַראַקטער איז פאַראַן פיל העראָיזם און גרויסקייט, וועלכע לייקענען אָפּ די אָנגענומענע מיינונג וועגן עוריפּידעסעס נעגאַטיווער באַציִונג צו דער פרוי. אָבער אויך אין איר גורל איז ניטאָ דאָס אַריינמישן זיך פון דעם פאַטוס און פון דער געטלעכער קראַפט, ווי ביי אייסכילאָסן. זי איז פריער פאַר אַלץ פרוי און מוטער, געטריי צו איר חוב פון פשוטן לעבן, איבערגעגעבן צו דער שטוב און צו די קינדער. מיט איין וואָרט, פון דער אַטמאָספער פון וועלט-פראַגן און גרויסע מאָראַלישע פּראָבלעמען, אין וועלכע עס האָט אונז אַריבערגעטראָגן דער שעפער פון פּראָמעטעוס און דער משורר פון אוידיפּוס, לאָזן מיר זיך אַראָפּ אין דעם געביט פונם פּראַקטישן לעבן. דאָ וועט מיר ניט קיין פּראָבעס אויפצוהייבן דעם געהיימנישפולן פאָרהאַנג איבערן זיין. מיר האָבן פאַר זיך אַ טראַגעדיע, וועלכע איז ווערטפול אַלס שטייגער-בילד. מיר האָבן פאַר זיך מענטשן, וועלכע זיינען פאַרטאָן אין זייערע אייביקע דאגות, מענטשן, וועלכע זיינען פאַרנומען דערמיט, וואָס מען באַמיט זיך אָפּצוהיטן די געזעצן פון הכנסת אורחים: דער פאָטער, וועלכער פאַרגעסט ניט צו קומען לויטן מנהג מיט מתנות אין דער הויז, וועלכע ער וואָלט געקענט מציל זיין פון אומגליק; דער זון, וועלכער פאָדערט דעם טויט פון דעם אַלטן פאָטער; דער מאַן, וועלכער איז מסכים, אַז די ווייב זאָל שטאַרבן, — מיט איין וואָרט, מענטשן פון לעבן, מיט אינטערעסן פון פּערזאָן און פון שטאַט. די פּיעסע גופא אין דער ריין טעכנישער הינזיכט שיידט זיך אונטער פון דער אַלטער טראַגעדיע אין איר געוויינלעכער פאָרם. די צונויפמישונג פון טראַגישן און קאָמישן, פון הויכן און וואולגאַרן, די צונויפמישונג, וועלכע עס האָט באַנוצט שעקספּיר, דער גרויסער מייסטער פון דער טראַגעדיע, — ווערט דאָ אַריינגעפירט צום ערשטן פון אַלע אונז באַוואוסטע אַלטע טראַגעדיעס. די דאָזיקע מילדערנדיקע ראָלע געהערט דאָ צו העראַקלעסן, וואָס זיין פריילעכער טאָן שטעלט פאָר דעם קאָנטראַסט צו די רייד פון די איבעריקע ווירקנדיקע פּערזאָנען. ווען מען זאָל צו דערצו צוגעבן דעם גליקלעכן פינאַל פון דער טראַגעדיע, וועלן מיר זען, אַז עוריפּידעס האָט אין אַלקעסטע באַשאַפן אַ נייעם נוסח, וועלכער איז ניט ענלעך געוועזן ניט אויף דער סאַטירישער פּיעסע, ניט אויף דער טראַגעדיע, ניט אויף דער קאָמעדיע. דער דאָזיקער נוסח איז געווען די נאַטירלעכע פאָרמע

רעכט, ווייל ער איז נייטיקער פאַרן „הויז" אָדער פאַר דעם שטאָט אינגאַנצן גענומען. אין פון דעם פילאָנאָמישן שטאַנדפּונקט ווערט דער באַגריף פון יושר באַשטימט דורך די אינטערעסן פונם שטאָט. אויף דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט שטייט אַלקעסטע, מקריב זייענדיק זיך פאַרן מאַן און ריידנדיק וועגן איר נאָכפאָלגערין. דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט ווענדט פּראָפּ. זעלינסקי אָן אויך צו מעדעיען.

צו פאַרקערפערן ערדישע ליידנשאַפטן און קאָנפליקטן פון טאָג־טעגלעכקייט, וואָס זייער שילדערונג איז געווען די הויפּט־טעמע פון דער עוריפּידישער שאַפונג.

אַלקעסטע איז געווען די שלום־פּיעסע פון אַ טעטראַלאָגיע, וועלכע איז צו אונז ניט דערגאַנגען. די צווייטע, לויט דער צייט, צו אונז דערגאַנגענע פּיעסע, מעדעיע, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן אין 431 יאָר, איז געווען די איינלייטונגס־פּיעסע פון אַ צווייטער, אויך פאַרלאָרענער, טעטראַלאָגיע. ווי אַ פּולע אַנדערע עוריפּידעסעם ווערק, איז מעדעיע אָפּגעשאַצט געוואָרן פון די שפּעטערדיקע דורות, האָט אָבער אָפּנים קיין ערפאָלג ניט געהאַט ביי די מענטשן פון זיין צייט. אויפן געוועט האָט זי גענומען בלויז דעם דריטן פּריז, דערביי האָט די ערשטע באַקומען עופאָריאָן, און די צווייטע — סאָפאָקלעס. געגליכן צו אַלקעסטע, צייכנט זיך די דאָזיקע טראַגעדיע אויס אַלם בולטע פּסיכאָלאָגישע פּיעסע, וואָס אין איר אַווטאָר לאָזט זיך פילן אַ גרויסער האַרצנקענער, אַ מענטש וואָס ווייס די מענטשלעכע, באַזונדערס די ווייבערשע ליידנשאַפט און גייסטיקע באַוועגונגען. דער שטויס, וואָס האָט אַרויסגערופן די מעכטיקע ליידנשאַפטן פון שנאה, פאַרביטערונג און נקמה אין מעדעיעס נשמה, איז געווען דער אומגעטרייער טאַט פון איר מאַן יאַזאָן. אַרויסגעוואַנדערט אין קאָרינט, האָט ער מיט דעם ציל צו באַפעסטיקן זיין לאַגע אין דעם פרעמדן לאַנד באַשלאָסן אַוועקצוּוואַרפן מעדיען און נעמען פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון דעם קאָרינטער קיניג קרעאָן. דער דאָזיקער באַשלוס יאַזאָנס איז געווען די סיבה פון די טראַגישע געשעענישן, וועלכע האָבן דעם אַווטאָר ערלויבט צו מאָלן אַ בילד פון אַ שרעקלעכער פרוי, וועלכע ווייס ניט קיין גרענעצן צו אירע ליידנשאַפטן און צאָרן. אַן אויפגעבראַכטע דורך דעם מאַנס באַגיין זיך, באַשליסט זיך מעדיע אויף שרעקלעכער נקמה. כדי ניט צו דערלאָזן צו אַן אומגליק, טרייבט זי קרעאָן אַרויס צוזאַמען מיט אירע זין פונם לאַנד. מעדעיע מאַכט זיך כלומרשט פאַר אַן אונטערטעניקע און בעט קרעאָנען, ער זאָל זי לאָזן פאַרבלייבן דאָ כאָטש נאָך אויף איין טאָג, כדי זי זאָל דערווייל אויפזוכן אַן אָרט, וואו צו באַזעצן זיך. קרעאָן גיט איר נאָך, און אין משך פון דעם טאָג באַטראַכט מעדעיע איר טייוולשן פּלאַן. זי בעט פון דעם אַטענער קיניג אייגאַיאָס, וואָס איז אַראָפּגעקומען קיין קאָרינט, אַ שבועה, אַז ער וועט זי נעמען צו זיך און וועט זיין איר באַשיצער. אייגאַיאָס, וועלכער איז קיין זאַך ניט חושד, גיט דער אַרויסגעטריבענער אַ שבועה. דעמאָלט נעמט זיך מעדעיע צו פאַרווירקלעכן איר פּלאַן פון נקמה.

„מיט ביטערע חניפה און מיט לאַכקעס וועל אים צו איך צומרעטן. איך וועל זאָגן, אַז איך האָב מיך אונטערגעגעבן דעם ווילן פון מיין מאַן און האָב געפונען, אַז עס איז נוצלעך פאַר דער משפחה זיין חתונה דורך עובר זיין אויף זיין שבועה, אַז מיט חכמה און מיט צדקות איז ער זיך מיט מיר באַגאַנגען. איך וועל מיך איינבעטן, און ער וועט ערלויבן איבערצולאָזן די קינדער דאָ אין קרעאָנס פּאַלאַץ, ניט דערפאַר כדי איבערצוגעבן זיי אויף חרפה צו מיינע שונאים, נאָר אַ בייזן טויט גרייט איך דורך זיי פאַר דער יונגער כלה: אַ מתנה פון מיר וועלן איר די קינדער דערלאַנגען — אַ גאָלדענע קרוין און אַ פּעפּלום גאָלדגעוועבטן. און ווען זי וועט די דאָזיקע צירונג אויף זיך אָנטאָן, וועט די יונגפרוי שטאַרבן מיט אַ שרעקלעכן טויט. עס וועלן אויך שטאַרבן אַלע, וואָס וועלן זיך צו איר צורירן. מיט אַזאַ גיפט וועט מיין מתנה זיין אָנגעזאַפּט״.

ווייטער באַשליסט מעדעיע צו טויטן אויך די אייגענע קינדער, כדי אַזוי אַרום אויסצוראָטן יאַזאָנס שטאַם. דער פּלאַן גיט זיך איין. יאַזאָן לאָזט זיך פאַרנאַרן דורך אירע פאַלשע רייד. די קינדער טראָגן אַוועק די פאַרגיפטעטע קרוין, און אין אַ קורצער צייט אַרום הערט די יובעלנדיקע מעדעיע מיט דאָרשטיקער אויפמערקזאַמקייט אויס די ערציילונג פון דעם העראָלד וועגן די שרעקלעכע יסורים, אין וועלכע עס זיינען אומגעקומען איר קאָנקורענטין און דער קיניג קרעאָן, וועלכער האָט געאיילט דער טאָכטער צו הילף. נאָכדעם, אויסן זין פון צאָרן, שטעכט די בייזע פוריע דורך מיט אַ שווערד די אייגענע זין. די טראַגעדיע פאַרענדיקט זיך מיט דעם בילד פון יאַזאָנס יאוש און מיט דעם בייזן זיג פון מעדעיע, וועלכע פליט אַוועק אויף אַ צויבער־רייטוואָגן צו דעם קיניג אייגאַיאָס.

ניט פיל פון עוריפּידעסעס שאַפונגען זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער עפּאָכע און מיט דער טרייסטלאָזער וועלט־אָנשויונג פון דעם פּאָעט אין אַזאַ מאָס, ווי מעדעיע. פאַלשקייט, בגידה, ברוטאַלע פּאָליטישע חשבונות, וואָס אין זייער נאָמען ווערן געבראַכט מענטשלעכע קרבנות — דאָס זיינען די באַוועגנדיקע פּרוזשינעס פון די געשעענישן. אין די צוזאַמענשטויסן צווישן יאַזאָנען און מעדעיען איז שווער אָנצווייזן דעם שולדיקן. ביידע זיינען זיי קינדער פון אַן אַכזרישער צייט.

„מער איז ניטאָ אין גאַנץ העלאַדע ניט קיין בושה, ניט קיין שבועות הייליקע; פאַרלאָזן האָט אינזער ערד די געטרייהייט און איז אין הימל אַוועקגעפלויגן״.

די גאַנצע טראַגעדיע איז אין אַ געוויסער מאָס אַ אילוסטראַציע צו די דאָזיקע פערזן. דער פּעסימיזם פונם פּאָעט, זיין פינסטערער בליק אויף דער מענטשלעכער נאַטור, האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן אין זיין גאַנצער קראַפט. נאָך אַ משך פון טויזנטער יאָרן איז שווער צו כאַפּן אין דעם ווערק באַשטימטע סימנים פון די געשעענישן פון יענער צייט. עס איז

אָבער קיין ספק ניטאָ, אַז די געשטאַלטן פון די פּאָליטישע טוער פון יענער צייט מיט זייערע טיפּישע שטריכן, — מיט דער פאַלשקייט און דער פאַררעטערישקייט, — מיט זייערע געוויינלעכע מיטלען — דעם מעסער און דעם גיפט, — מיט זייער הויפּטקונסט — די סאָפיסטישע רעדנעריי; — אַז די דאָזיקע געשטאַלטן זיינען געשטאַנען פאַר דעם פּאָעטס בליק, ווען ער האָט באַשאַפן די פיגורן פון יאַזאָנען און מעדעיען. די פראַזן, וועלכע דער פּאָעט לייגט אַריין אין מויל פון דעם ערציער, דעם כאָר און פון אַנדערע עדות פון דער בלוטיקער דראַמע, באַווייזן, אַז אין די אויגן פון דעם פּאָעט איז די דאָזיקע דראַמע ניט קיין אויסשלימלעבע געשעעניש, נאָר אַ געוויינלעכע ערשיינונג, אַן אָפּשפּיגלונג פון לעבן בכלל. בשעת די אַם פאַראורטיילט יאַזאָנען פאַר זיין פעלשונג, מאַכט דער ערציער די באַמערקונג:

„וועלכער מענטש ויאָלט ניט דאָס זעלביקע געטאָן? אָדער אפשר ווייסטו נאָך ניט עד־היום, אַז מיר האָבן זיך אַליין מער ליב, איידער דעם נאָענטן?"

אין דער וועלט, וועלכע דער פּאָעט שילדערט, איז אַלץ פינסטער און שרעקלעך. אַכזרישע זיינען די פרויען, אָבער האַרצלאָזיקע זיינען אויך די מאַנסביל. אין אַ ליידנשאַפטלעכן מאָנאָלאָג שילדערט מעדעיע דעם גורל פון דער פרוי, וועלכע איז פאַרקנעכטעט דורך די מאַנסביל. זי איז געניייטיקט צו קויפן אַ מאַן פאַר געלד, „כדי זיי אָוועקצוגעבן אין קנעכטשאַפט אונזער קערפּער". זי קען אים ניט פאַרלאָזן, אויב ער איז אַ מענטש אָן ערע, מחמת „דער גט איז אַן אומערע". דער מאַן, אויב אים איז לאַנגווייליק אין דער היים, קאָן אַוועקגיין צו די פריינד, „כדי מיט זיי לייכטער צו מאַכן זיך דאָס האַרץ אין אַ געשפּרעך; און פאַר דער ווייב איז נאָר איין פרייד פאַראַן — דער מאַן". ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס אויף דעם אויפגערודערטן ים פון לעבן קען דער פּאָעט אויף קיין שום זאַך ניט אָפּשטעלן זיין בליק מיט טרייסט. „גליקלעכער פאַר די פּאָטערס איז יענער, וועך עס האָט בכלל ניט געוואוסט דעם חתונה־געלעגער, וועך עס האָט איינגאַנצן ניט געבוירן", — באַמערקט דער כאָר. „ווער עס האָט אַ שם אַלס די ערשטע אין וויסנשאַפטן און אין דער קונסט פון ריידן שיין, — זאָגט דער העראָלד, — יענע זיינען אפשר אַממערסטן פאַרבלענדט מיט שיגעון: ניטאָ קיין גליק אויף דער ערד; עשירות קען דאָס לעבן מאַכן אָנגענעם, אָבער גליקלעך מאַכן עס קאָן קיין זאַך ניט". דאָס איז דער אַלגעמיינער בליק אויפן לעבן, וועלכער הערשט אין דער טראַגעדיע.

לאָמיר זיך נענטער צוקוקן צו די צוויי הויפּטהעלדן.

יאַזאָן איז אַ מענטש, אויף וועלכן מען קען ניט זאָגן, אַז ער איז ניט קיין גוטער און קיין אויפריכטיקער, ער האָט געפעלשט קעגן דער

ווייַב ניט בלויז צוליב זיין פּערזענלעכן גליק. ער האָט זיך געמיט, „מיט תּחנונים ווייך צו מאַכן דעם צאָרן פונם הערשער“, ווען ער האָט זיך משתּדל געווען פאַר קרעאָנען, אַז מעדעיע זאָל פאַרבלייבן אין הויז. ער איז מיט אַלץ גרייט צו העלפן דער אַרויסגעטריבענער, ער וויל ניט, אַז זי זאָל ליידן נויט אין דער פרעמד, ער לייגט איר פאָר זיין הילף און באַריוו צו זיינע גוטע פריינד. אָבער אין יאַזאָנס גוטסקייט גופא איז באַהאַלטן די אומפעיִקייט צו פאַרשטיין די ליידן פון דער אָנטאָנאָמישער פרויען־נשמה [1]. יאַזאָן זעט ניט, סאַר אַ גהינום עס ברענט אין מעדעיעס נשמה. אין די אויגן פון דעם דאָזיקן מענטשן איז די דערהויבונג פון דעם שטאַט און די אינטערעסן פון די קינדער אַזוי הויך, אַז דאָס באַרעכטיקט די באַליידיקונג, וועלכע ער מאַכט מעדעיען. יאַזאָן איז זיך אָפן מודה, אַז ער איז „ניט געפאַנגען פון דער כּלהס שיינקייט“. האָבנדיק נאָך אַמאָל חתונה, האָט ער אין זינען דאָס גליק פון דער גאַנצער משפּחה, אין דעם אויך מעדעיעס אַליין און אירע קינדערס גליק. ער זאָגט צו מעדעיען:

„איך האָב צום העכערן געשטרעבט. געוואָלט אויסמיידן די נויט אויף אַלע מאָל, מיט דיר לעבן אין פאַרגעניגן, וואָרעם איך האָב געוואוסט, אַז אָרעמע לייט פאַרלירן גיך זייערע גוטע פריינד“.

ער האָט געוואָלט אַלעמען אי די שוין געבאָרענע, אי די צוקינפטיקע קינדער זיינע פאַראייניקן אין איין גליקלעכער משפּחה, און די זין פון דער צווייטער חתונה מאַכן פאַר „אַ שטיצע צו זיינע בכורים“. ער באַשולדיקט מעדעיען און אַלע פרויען אין דעם, וואָס צוליב זייערע רעכט פון ווייבער זיינען זיי גרייט צו פאַרנאַכלעסיקן דאָס גליקלעכסטע אין לעבן. אפילו דער כאָר פאַרראָט ס׳דאָזיקע מאָל זיין רויִקייט און ענטפערט יאַזאָנען שאַרף, אַז ניט געקוקט אויף זיינע כיטרע רייד, האָט ער פונדעסטוועגן „עובר געווען אויף זיין חוב און אויף זיין שבועה“. יאַזאָן איז די פאַרקערפּערונג פון יענעם פּאָליטישן קאַריעריזם, וועלכער איז

1) פּראָפ. זיעלינסקי האַלט פאַר דער סיבה פונם קעגנזייטיקן ניט פאַרשטיין זיך צווישן יאַזאָנען און מעדעיען דאָס, וואָס יאַזאָן שטייט אויף דעם פּילאָנאָמישן, און מעדעיע — אויפן אָנטאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. אַלס אָנטאָנאָמיסטין קאָן מעדעיע דערקלערן זיין פעלשונג בלויז דערמיט, וואָס ער האָט זי אויפגעהערט צו ליבן צוליב איר קאָנקורענטין, אין דער צייט ווען יאַזאָן, אַלס פּילאָנאָמיסט, האָט פריער פאַר אַלץ אין אַכט די אינטערעסן פון דעם שטאַט און, חתונה האָבנדיק, טראַכט ער וועגן די קינדער. און דער פאַקט, וואָס מעדעיע האָט אין דעם פּלאַן פון איר נקמה אַריינגענומען דעם מאָרד פון די קינדער, ערקלערט פּראָפ. זיעלינסקי אויך טאַקע דורך דעם גופא. זי האָט פאַרשטאַנען מיטן שכל, אַז יאַזאָן האָט אין זינען זייער צוקונפט, און נעמט ביי אים אָפּ דעם דאָזיקן רעזולטאַט פון זיין פעלשונג.

געוועזן די הויפּט=פּרוזשינע פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן אין דער עפּאָכע פון דעם קריזיס פון דער דעמאָקראַטיע. זיינע חובות בנוגע צו דער משפּחה און צו דעם קומענדיקן דור האָט ער פאַרשטאַנען ווי איין זאָרג — שאַפן פאַר זיך און די קינדער אַזאַ אָנגעזעענע פּאָליטישע לאַגע, ווי אַ מין בילדן אַ מעכטיקע דינאַסטיע. ער זאָגט זיך אָפּ פון ווייב און קינדער, ווען מעדעיעס אויפפירונג נעמט ביי אים אָפּ די האָפענונג, אַז זיינע זין קאָנען מיטהעלפן דעם דאָזיקן ציל. ער איז אָבער גרייט אָפּצעפּענען פאַר זיי זיינע אָרעמס, ווי נאָר מעדעיעס געמאַכטע אונטערטעניקייט וועקט אין אים אויף די האָפענונג, אַז די זין קאָנען בלייבן די יורשים פון דער מעכטיקייט, וועלכע ער האָט געגרינדעט:

> „פאַר אייך, אָ, קינדער, פאַר אייער גליק אָרדנט אַלץ איין אייער פאָטער. עס וועט זיין אַ צייט, ווען איר וועט זיין די ערשטע לייט אין קאָרינט. וואַקסט־זשע, ווענן אַלע איבעריקע זאַכן זאָרגט דער פאָטער און דער גאָט, וואָס היט אייך. צום סוף פון מיינע יאָרן האָף איך צו זען, ווי אין דער שיינער און בליענדיקער יונגקייט וועט איר מנצח זיין אייערע שונאים“.

די שטרעבונג פון די באַגאַבטע ערגייציקע מענטשן פון עוריפּידעסעס עפּאָכע האָבן אַרויסגערופן די געשטאַלטן פון אַזעלכע העלדן. מיר האָבן ניט קיין יסוד צו טראַכטן, אַז יאַזאָן איז אַ פאָטאָגראַפיע פון עמעצן אַ פּערזאָן, וואָס האָטווירקלעך עקסיסטירט. אָבער אַז אויף דעם דאָזיקן פּאָעטישן געשטאַלט האָט גערוט דער גייסט פון דער עפּאָכע מיט דער פּאָליטישער ערגייציקייט פון אירע טוער, — אין דערין קאָן קיין שום ספק ניט זיין. די סאָפיסטישע לערע איז סוף=כל=סוף געוועזן די טעאָריע פון עגאָיזם. מעלדנדיק, אַז דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן, האָט די אינדיווידואַליסטישע לערע געבראַכט צו דעם אומאויסמיידלעך פאָלגנדיקן אויספיר, אַז דער אינטערעס פון דער פּערזענלעכקייט איז דער איינציקער אינטערעס, אַז די לעבנס=צילן פון דער באַזונדערער פּערזאָן זיינען די איינציקע צילן פון דעם מענטשנס אַלע מעשים. די קריג צווישן יאַזאָנען מיט מעדעיען — דאָס איז אַ פיינער מוסטער פון די סאָפיסטישע וואָרט=אַמפּערנישן. מעדעיע דערמאָנט יאַזאָנען וועגן אירע פאַרדינסטן. זי האָט געטויט די „ניט שלאָפנדיקע שלאַנג“, וועלכע האָט געהיט דאָס גאָלדענע וואָל, און האָט יאַזאָנען מציל געוועזן פון טויט. זי האָט, „אַ פולע מיט ליבע“, פאַרראַטן דעם פאָטער, דערגרייכט דערצו, אַז „פעליאַס, דער אומשולדיקער קיניג, איז אומגעקומען מיט דעם ביטערסטן טויט“. אַלץ פאַר דיר! זאָגט מעדעיע און, אויסגערעכנט אַלע אירע פאַרברעכנס, האַלט זי פאַר קאָנסעקווענט פאָרצוואַרפן יאַזאָנען, וואָס ער האָט צעטראָטן אונטער די פיס די „הייליקייט פון דער שבועה“.

ענטפערנדיק מעדעיען, שטייט יאַזאָן, אין תוך גענומען, אויף איר אייגענעם שטאַנדפונקט. ווי אַן עכטער סאָפיסט, פאַרשטייט ער זייער גוט, אַז די גאַנצע זאַך איז דאָ אין דער רעדנערישער קונסט, וועלכע קאָן אויסגעצייכנט דינען צו פאַרענטפערן יעדן פאַרברעכן.

„איך מיין, אַז עס איז מיר נייטיק אַ פולע קונסט, כדי צו געבן דיר אַן ענטפער: ווי אַן ערפאַרענער שיפספירער, דאַרף איך אונטער דעם שטורעם פון וויכער צונויפלייגן אַלע זיגלען, כדי פון דעם שטאַרקן שטורעמווינט פון דיינע, אַ פרוי! — וואוטיקע רייד זיך צו ראַטעווען".

פאַר יאַזאָנען איז ניט שווער צו צעברעכן מעדעיעס אַרגומענטאַציע, וויבאַלד אַז עס איז ניטאָ קיין אָביעקטיווער מאָראַלישער פרינציפ, וואָס איז אָבליגאַטאָריש פאַר יעדן, וויבאַלד אַז דער מענטש, זיין פאַרשטיין דעם אמת איז די מאָס פאַר אַלע זאַכן. אמת, מעדעיע האָט אים מציל געווען דאָס לעבן, אָבער צו דערצו האָט זי באַוואויגן ערוס דער גאָט פון ליבע. זי האָט יאַזאָנען געטאָן אַ סך טובות, אָבער צי דען האָט ער איר ניט אָפגעצאָלט דערפאַר כפל־כפלים? זי וואוינט אין העלאַדע, וואו זי האָט דערקענט דאָס גוטס פון דער קולטור און וואו אַלע אַכטן זי, און ניט אין אַ באַרבאַרישן לאַנד, וואו זי וואָלט פאַרפאַלן געוואָרן אָן רום. פאַרענטפערנדיק זיין צווייטע חתונה, שטייט יאַזאָן אויף דעם באָדן פון דעם זעלביקן עודעמאָניסטישן און עגאָיסטישן פאַרשטיין מאָראַל, וואָס עס שטייט זיין קעגנערין, הגם זיין שטאַנדפונקט איז ברייטער, מחמת ער נעמט אין אַכט די אינטערעסן פון דער גאַנצער משפחה. בשעת מעדעיע וואַרפט אים אין פנים די לעצטע באַשולדיקונג, אַז ער האָט איר פריער ניט אויסגעזאָגט וועגן זיין פלאַן און האָט אַלץ אָפגעטאָן בסוד פון איר, איז יאַזאָן גאַנץ קאָנסעקווענט, אָנווייזנדיק איר דערויף, אַז זי וואָלט אים ניט פאַרשטאַנען און וואָלט נאָר געשטערט זיינע פלענער.

מעדעיעס כאַראַקטער דינט אַלס דערפילונג צו יאַזאָנס פיגור. די עפאָכע פון עגאָיזם און פון משוגענער קאָנקורענץ האָט באַשאַפן אַ באַזונדער טיפ פון אַ פרוי, — אַ האַרטער און אָנרחמנותדיקער. אַלע אַנדערע געפילן ווערן אין איר אַנטשטומט לגבי איינעם — דעם געפיל פון אומדערזעטלעכער גקמה. אַריינגעכאַפט אין דער אַלגעמיינער שטרעבונג נאָך גליק, רום און השפעה, האָט די פרוי אין פאַרגלייך מיט דעם מאַנסביל, מחמת איר כאָציאַלער לאַגע, געהאַט בלויז אַ ענגע אַרענע פאַר איר ערגייציקייט. די דאָזיקע אַרענע — דאָס איז די משפחה. קלאָגנדיק זיך אויף דער רעכטלאָזער און אונטערטעניקער לאַגע פון דער פרוי, עפנט מעדעיע פאַר אונז פונאַנדער יענעם פראָצעס, אַדאַנק וועלכן עס

האָבן זיך אין דער פרוי אַנטוויקלט די אָנרחמנותדיקע אכזריות און די אייזערנע קראַפט, ווען זי פאַרטיידיקט אירע משפּחה=רעכט.

„מיר פרויען זיינען דאָך שרעקעדיקע אין אַלע אַנדערע זאַכן: דאָס מראה פון בלוט און פון שווערד קאָנען מיר ניט איבערטראָגן. אָבער אויב אין חתונה=געלעגער און אין רעכט פון אַ ווייב וועט זיך עמעצער דערוועגן אונז צו באַליי=דיקן, דעמאָלט איז אונזער צאָרן אויסראָטעריש און שרעקלעך".

מעדעיע ווייס ניט קיין גרענעצן, אַלץ איינס אין ליבע ווי אין שנאה. זי האָט געקענט אָפּגאַרן די נאָענטע, פאַרלאָזן די היימאַט צוליב דעם נאָענטן מענטשן; זי קאָן זיין אָנרחמנותדיק אין נקמה, ווען איר ליבע איז פאַרביטן געוואָרן אויף שנאה. מעדעיע האָט איבערגענומען אַלע מע=טאָדן פון קאַמף, זי באַזיצט די עכט=סאָפיסטישע רעדנער=קונסט, ראַפי=נירטע פאַרשטעלטקייט, און אַ פולקום מאַנסבילשע ווילנס=קראַפט. באַ=זונדער בולט צייכנט זיך אויס איר כאַראַקטער אין די רגעס פון וואַק=לעניש, וואָס קומען, איידער זי דערמאָרדעט אירע קינדער. דער געפיל פון מוטער=ליבע קעמפט מיט דעם נקמה=געפיל.

„מען דאַרף ניט, האַרץ, דאָס טו ניט! לאָז די קינדער, לאָז זיי, האָב רחמנות! אויף אייביק צעשיידט מיט זיי, וועט דאָך פאָרט דעם האַרצן אַזוי זיס זיין ליב צו האָבן זיי פונווייטן... אָבער ניין, ניין! איך שווער מיט די רוחות פון גהינום און מיט דער נקמה פון די אונטערערדישע עומענידעס! קיינמאָל וועט עס אַזוי ניט זיין. אויף חרפּה וועל איך מיינע קינדער ניט אָפּגעבן דעם שונא. אַלץ איינס וועלן זיי דאָך דעם טויט ניט אויסמיידן, — איך האָב זיי געבוירן און אויך איך וועל זיי טויטן".

מ ע ד ע י ע — דאָס איז איינע פון עוריפּידעסעס סאַמע כאַראַקטע=ריסטישע שאַפונגען, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט זיין עפּאָכע, די שטורעמ=דיקע און די קאָכיקע, — די עפּאָכע, אין וועלכער עס זיינען געקומען אין צוזאַמענשטויס פאַרשיידענע פילאָסאָפישע לערעס, ווען עס האָבן זיך פונאַנדערגעשפּילט סאָציאַלע און פּאָליטישע קאָנפליקטן און האָבן גע=קעמפט צווישן זיך ליידנשאַפטן. דער אומפאַריינדלעכער קאָלאָריט, וואָס עס ליגט אויף דער פּיעסע, אַנטשפּרעכט פולקום דער דעמאָלטיקער שטי=מונג פון דער געזעלשאַפט. עוריפּידעסן איז געלונגען אויפצוכאַפּן דעם גרונדטאָן פונם לעבן פון זיין צייט, און בולטע געשטאַלטן צו פאַרקער=פּערן אירע שטרעבונגען, אין אַ פּאָעטישער פאָרם אָנצוקליידן די מחשבות פון זיינע צייט=חברים, צו פאַראייביקן די שטאַרקע און די שוואַכע זייטן פון זייערע נאַטורן.

ה י פּ אָ ל י ט אַ ס, וואָס איז אין דער נייער צייט געוואָרן פאַר=רעכנט, אַלס איינע פון די פּאָפּולערסטע טראַגעדיעס פונם אַלטערטום, איז מערקווירדיק מיט זיין ראָמאַנטישן סוזשעט. דאָ ווייזט זיך באַזונדער

אַרוים יענק נייס, וואָס עוריפּידעס האָט אַריינגעטראָגן אין דער טראַגעדיע, געמלעך דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, וועלכער איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַפרייען זיך פון דער מיטאָלאָגישער טראַדיציע, און פון דעם אויסגעוואַקסענעם אינטערעס צו דער פּערזענלעכקייט. אין דעם טעמפּל פון דעם אַלטן שטרענגן טעאַטער טיילט זיך די דאָזיקער טראַגעדיע אויס דערמיט, וואָס אין איר קלינגט צום ערשטן מאָל מיט אַזאַ קראַפט די שפּראַך פון דער ליידנשאַפט, וועלכע איז מער איינגנשאַפטלעך דעם טעאַטער פון די ראָמאַנישע, איידער פון די קלאַסישע פעלקער. אַזאַ משוגענע ליידנשאַפט שפּירט פעדרע די פרוי פונם קיניג טעזעוס צו איר שטיפזון היפּאָליטאַס. די פאַרברעכערישע ליבע פאַרשאַפט פעדרען אומבאַשרייבלעכע יסורים, און זי קעמפט קעגן איר. זי האָט זיך געוואָלט „גובר זיין מיטן שכל”, אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט, און די קיניגין באַשליסט צו שטאַרבן. נאָר איר אַם האַלט זי אָפּ פון אַזאַ טריט; די זקנה ראַט דער קיניגין ניט קעגנצושטעלן זיך איר ליידנשאַפט. איר רעדע איז אַן אמתער הימן לכבוד דער אַלמעכטיקער אַפראָדיטע:

„זי הערשט אומעטום — סיי אין די הימלען, סיי אין די טיפענישן פון די ימים, און די זריעה פון ליבע זייט זי אין דער נאַטור: פון איר, מיין קינד, זיינען מיר אַלע אַרויסגעקומען, און עס ווייסן די מענטשן, וואָס האָבן די אַלטע זאַגעס געלייענט, וואָס עס האָבן מיט די מוזעס געפירט אַ פליייסיקן און אַ שטילן געשפּרעך, ווי פאַרצייטנס האָט צעוס סעמעלען ליב געהאַט, ווי פון די געטער איז דורך דער גאָלדענער אויראָרע, דער פאַרליבטער, קעפאַלאַס אַוועקגעטראָגן געוואָרן, און פונדעסטוועגן לעבן זיי אויפן הימל אומשטערבלעכע און אין אַלץ גלייכע צו די איבעריקע געטער, — אָבער מען האָט ליב, אונטערגעבנדיק זיך בלויז דעם גורל, וואָס קיניגט איבער אַלץ, און דו שטעלסט זיך אַנטקעגן דער ליבע...

די זקנה נעמט אויף זיך די ראָלע פון אַ פאַרמיטלערין. אָבער היפּאָליטאַס איז אויסער זיך פון צאָרן אויף דער שטיפמוטער פאַר איר נעפיל. די אָנגעשראָקענע פעדרע טוט זיך אָן אַ מיתה, נאָר פאַרן טויט באַשליסט זי אומגליקלעך צו מאַכן היפּאָליטאַסן, וואָס האָט זי פון זיך אָפּגעשטויסן. זי לאָזט טעזעוסן איבער אַ בריוו, אין וועלכן זי מעלדעט אים, אַז היפּאָליטאַס האָט זי כלומרשט אַנטערט. טעזעוס פאַרשילט היפּאָליטאַסן און איז מתפּלל צו פּאָסיידאָנען, ער זאָל זיך נוקם זיין אָן זיין זון. גאָט האָט פאַרנומען זיין תפילה און היפּאָליטאַס קומט אום, — עס פאָרט אים איבער אַ רייטוואָגן. אַרטעמידע איז געקומען צו טעזעוסן און האָט אים אַנטפּלעקט דעם אמת. די טראַגעדיע ענדיקט זיך מיט פאַרשפּעטיקטער חרטה מצד טעזעוסן און מיט דעם, וואָס ער מאַכט שלום מיט דעם שטאַרבנדיקן היפּאָליטאַסן. אַזוי האָט זיך אַפראָדיטע נוקם געווען דערפאַר, וואָס דער זינדלאָזיקער היפּאָליטאַס „האָט זיך דערוווייטערט פון

ליבע און פאַראַכט די פרויען". די גאַנצע פיעסע איז ווי אַ מין הלל צו דער ליבע און דער מעכטיקער קראַפט פון דעם דאָזיקן געפיל, אַ אי־לוסטראַציע צו די ווערטער פונם כאָר, וועלכע זיינען געווענדט צו עראָסן:

„ניין, שוואַכער איז דאָס פייער פון אַ שרפה און די טויטברענגענדיקע שטראַלן פון די הימללייכטער, וועלכע זיינען פיינדלעך צו די מענטשן, איידער די פייל פון דער צאַרטער אַפראָדיטע, וועלכע קומען פון דיינע ליבלעכע הענט, דו אָלימפּיש קינד!"

מעדעיע איז געווען די אָפּשפּיגלונג פון דעם קאָכיקן און ברויזיקן לעבן פון יענער עפּאָכע; די טראַגעדיע העראַקלידן איז געווען אַן ענטפער אויף יענעם אויפברויז פון פּאַטריאָטישע געפילן, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער פּעלאָפּאָנעסער קריג. אונז איז אויסגעקומען אָנצווייזן, אַז אין דעם מאָמענט פון נאַציאָנאַלער געפאַר, האָבן די פּאָעטן ליב צו ווענדן זיך צו דעם גרויסן עבר פון זייער פאָטערלאַנד, כדי אין די גבורות פון זייערע עלטערן צו שעפּן קראַפט און זיכערקייט אין זיין גרויסער ראָלע. אַלס סוושעט פאַר די העראַקלידן האָט געדינט דער קאַמף, וועלכן די אַטענער האָבן אַמאָל געפירט קעגן דעם מעכטיקן אַרגאָס, כדי צו פאַרטיידיקן די העראַקלידן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן אונטער דעם שוץ פון אַטען. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט זיך צום ערשטן מאָל אַרויסגעוויזן דער אַנטאַגאָניזם צווישן אַטיקע מיט די פּעלאָפּאָנעסער מלוכות. די העראָיען פון דעם אַלטערטום האָבן, אַפּנים, געזאָלט ווערן די וועגבאַלייכטער פאַר דער איצטיקער צייט [1], זיי האָבן געזאָלט דערמאָנען דעם אַמאָליקן רום, און אונטערהאַלטן דעם מוט און דעם פּאַטריאָטיזם פון די בירגער. די פּיעסע שילדערט דעם איידעלן טאַט פון די אַטענער, וועלכע אַנטזאָגן זיך אַרויסצוגעבן דעם קיניג פון אַרגאָס עוריסטעוסן העראַקלעסעס קינדער, און זיי האַלטן אָפּ אַ נצחון איבער עוריסטעוסעס חייל. אין דער דאָזיקער פּאַטריאָטישער פּיעסע האָט עוריפּידעס אַריינגעשטעלט די רירנדיקע געשטאַלט פון מאַקאַריען, וועלכע באַווייזט נאָך אַמאָל, אַז דער פּאָעט האָט אין די פרויען געזען ניט בלויז אַן אומגליק פאַר דעם מענטשלעכן געשלעכט, נאָר האָט אויך געקענט שילדערן די בעסערע פרויען, וועלכע זיינען פעיק אויף קרבנות. די וואָרזאָגער פאָדערן, מען זאָל שעכטן אַ מיוחסדיקע יונגפרוי, וואָרעם אויב ניט, וועלן די אַטענער ניט קאָנען מנצח זיין. מאַקאַריע לייגט זיך פאָר אַלס אַ קרבן און אַנטזאָגט זיך שטאָלץ פון וואַרפן גורל:

„איך וויל ניט קיין קרבן זיין על־פי גורל, פאַר אַזאַ קרבן קאָן דאָך קיין אָנערקענונג ניט זיין".

---

1) בערגק, אָנגער. ווערק III, זייט 517.

דער אַלגעמיינער געהויבענער טאָן פון דער פּיעסע האָט געזאָלט באַגעגענען אַ מיטגעפּיל־עכאָ אין די הערצער פון די צושויער, ווי שעקספּירס היסטאָרישע כראָניקעס האָבן געוועקט די פּאַטריאָטישע געפילן ביי די ענגלענדער אין דער צייט פון דער שפּאַנישער אַרמאַדע.

צו איין קאַטעגאָריע מיט די הערַאקלידן דאַרף מען צורעכענען די פּיעסן: די בעטערינס, יאָן און דער וואוטיקער הערַאקלעס. זיי אַלע האָבן בלי ספק אויפגעהויבן דעם פּאַטריאָטישן געפיל ביי די אַטענער און האָבן געזאָלט באַרימט מאַכן דעם עבר פון דער גרויסער שטאָט און פון דעם יאָנישן פאָלק, הגם די דאָזיקע אויפגאַבע איז אפשר ניט געוועזן דעם אווטאָרס איינציקער ציל. אין די בעטערינס ווערט אַטען, ווי אין די הערַאקלידן, אַרויסגעפירט אין דער ראָלע פון אַ פּאַרטיידיקערין פון די באַדריקטע. די עקספּעדיציע פון די זיבן קעניג טעבן האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה, דערביי האָבן זיך די מנצחים אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן די קערפּערס פון די טויטע, כדי צו ברענגען זיי צו קבורה. די מוטערס פון די געפאַלענע העלדן ווענדן זיך נאָך הילף צו דעם אַטענער קיניג טעזעוס. די פּאַרמיטלונג זייַנע דערלאָזן ניט די טעבענער דורך זייער פּרעכן אַרט באַגיין זיך. צווישן די ביידע מלוכות פלאַקערט זיך פונאַנדער אַ מלחמה, וועלכע ענדיקט זיך מיט דעם נצחון פון די אַטענער, און טעזעוס קערט זיך אום אין דער שטאָט אַריין מיט די טויטע קערפּערס פון די געפאַלענע העלדן, וועלכע מען איז מקבר. עס איז מערקווירדיק, וואָס דאָס מאָל ווערן די אַרגיווער אַרויסגעשטעלט אין אַ סימפּאַטישער באַלויכטונג להפך צו די הערַאקלידן. פּונקט אין דער צייט, ווען די פּיעסע ערשיינט, האָבן די אַטענער געוועזן געשלאָסן אַ בונד מיט אַרגאָס, און זיי זיינען געוועזן פיינדלעך געשטימט בנוגע צו די בעאָטיער. אַזוי אַרום דינט די פּיעסע פאַר אַ נייעם באַווייז, ווי דער פּאָעט האָט אָפּט אין זיינע ווערק פּאַרפּאָלגט פּראַקטישע צילן פון דעם מאָמענט. דער סוזשעט פון יאָן איז אַ דערציילונג וועגן דעם, ווי עס איז אַנטדעקט געוואָרן די געטלעכע אָפּשטאַמונג פון דעם יינגל יאָן, דעם שטאַמפּאָטער פון דעם יאָנישן שבט און פון די אַטישע פּילעס. יאָן דינט אַלס שומר ביים טויער פון אַפּאָלאָנס טעמפּל אין דעלפאַי. ער ווייס ניט זיין אָפּשטאַמונג. די אָנגעקומענע קרעוזע דערקענט, אַז ער איז איר זון, וועלכער איז ביי איר געבוירן געוואָרן פון דעם גאָט אַפּאָלאָן. לעבן דעם פעלזן, וואו עס זיינען דאָ אַ פולע סאָלאָווייעס, האָט אַפּאָלאָן זיך בסוד מיט איר געליבט, און ווען פון דער דאָזיקער ליבע מיט דעם גאָט איז ביי איר געבוירן געוואָרן דער יינגל, האָט זי אים פּאַרוויקלט אין די ווינדעלעך, וועלכע זי האָט אויסגעוועבט, ווען זי איז נאָך געוועזן

אַ קליין מיידעלע. זי האָט אים קענען איר ווילן איבערגעלאָזן אין אַ פוסטן גראָטאַלס קרבן צו הונגער און מורא. די פיטיע האָט אים געפונען און אַריינגעלייגט אין אַ קאָרב, און לויט דעם רעיון, וואָס אַפּאָלאָן האָט אין איר אַריינגעטאָן, האָט זי די קאָרב געהיט. יאָן איז געוואָרן אַ באַדינער ביי דעם גאָטס היכל. נאָך די וויקעלעך זיינע האָט קרעוזע דערקענט איר זון. די טראַגעדיע פאַרענדיקט זיך מיט דער ערשיינונג פון דער געטין אַטענע, וועלכע בענטשט יאָנען, ער זאָל זיצן אויפן טראָן פון זיינע עלטערן, און זאָגט זיין שטאַם פאָרויס אַ גרויסע צוקונפט. די ווערטער פון דער געטין צום סוף פון דער פיעסע האָבן געזאָלט אַרויסרופן אַ געפיל פון גאווה און אַנטציקונג אין די הערצער פון די צושויער: „קרעוזע, נעם דעם דאָזיקן יינגל, לאָז זיך מיט אים אַוועק אין אַטיקע און מאַך אים פאַר אַ קיניג; ערעכטעוסעס אַן אייניקל זאָל רעגירן איבער מיין באַליבט לאַנד. אין גריכנלאַנד וועט ער זיך דערווערבן באַרימטהייט. ער וועט האָבן פיר קינדער, פיר לייבלעכע ברידער, וועלכע וועלן זייער נאָמען געבן די פילעם פון מיין לאַנד, וועלכע וויינען אויף דעם געהייליקטן צו מיר באַרג. די ערשטע פילע וועט זיך רופן די העלעאָנאָטישע, די צווייטע די האָפּלעטישע, די דריטע — די אַרגאַדישע, און איין פילע וועט זיך רופן די עגיקאָרישע צום אָנדענקען פון מיין שוק. די אייניקלעך פון זייערע מיטגלידער וועלן אין דער צייט, וועלכע איז באַשטימט פונם גורל, באַזעצן די ציקלאַדער אינזלען און די שטעט אויף זיי, סיי טיף אויפן מאַטעריק, סיי ביים ברעג פונם ים, פאַרשטאַרקנדיק דורך דעם מיין לאַנד. זיי וועלן וואוינען אויף צוויי מאַטעריקעם, וועלכע ליגן איינער קעגן דעם אַנדערן — אין אַזיע און אייראָפּע, — און זיי וועלן זיך דערווערבן רום, זייענדיק אָנגערופן לכבוד אים יאָניער". אין דעם וואוטיקן הערַאקלעס טרעט אויך אַטען אַרויס אין דער אידעלער ראָלע פון אַן אָרט, וואו דער ליידנדיקער געפינט שוץ. בשעת הערַאקלעס איז געווען אין דער אונטערערדישער מלוכה, וויל דער טעבענער קיניג ליקאָס, וואָס האָט געטויט קרעאָנען און פאַרנומען זיין טראָן, טויטן הערַאקלעסעס פרוי מעגאַרע, זיין פאָטער אַמפיטריאָנען און זיינע קינדער, מחמת מעגאַרע איז געווען קרעאָנס טאָכטער און ליקאָס האָט מורא פאַר נקמה מצד זיינע, קרעאָנס, אייניקלעך. פאַר דער צייט קערט זיך הערַאקלעס, וועלכן ליקאָס האָט געהאַלטן פאַר אַ פאַרפאַלענעם, אום פון דער אונטערערדישער מלוכה און רעכנט זיך שטרענג אָפּ מיט ליקאָסן. אָבער ווי נאָר ער האָט מציל געווען זיין משפחה, איז הערַאקלעס אַריינגעפאַלן אין משוגעת, וואָס עס האָט אויף אים אַראָפּגעשיקט הערע, וועלכע האָט אים פיינט געהאַט. אין אַ רגע, ווען די משוגעת איז אויף אים אָנגעפאַלן, טויט

דער העראָי מעגאַרען, וועלכע ער האָט פריער מציל געווען פון טויט, און די קינדער. נאָכדעם, ווען ער איז צו זיך געקומען, וויל ער זיך אַליין אַ מיתה אָנטאָן, אָבער דער קיניג טעזעוס פירט אים אַוועק קיין אַטען, וואו דער העראָי געפינט גליק און באַרויִקונג.

די אָפּקלאַנגען פון דער פעלאָפּאָנעסער מלחמה הערט זיך אויך אין דער טראַגעדיע אַ נ ד ר אָ מ אַ כ ע, וועלכע איז מער איידער עוריפּידעסעם אַנדערע פּיעסן דורכגעדרונגען מיט פיינדלעכן געפיל בנוגע צו ספּאַרטע. די דאָזיקע פּיעסע שילדערט דאָס טרויעריקע לעבן פון אַנדראָמאַכע, וועלכע איז געווען העקטאָרס אַלמנה, אַ געפאַנגענע און אַ שקלאַפין פון דעם קיניג נעאָפּטאָלעמאָס, אַכילעסעס זון. נעאָפּטאָלעמאָסעס ווייב הערמיאָנע און איר פאָטער מענעלאַאָס, וועלכע האָבן אין אַנדראָמאַכען געזען אַ געפערלעכע קאָנקורענטין, האָבן באַשלאָסן צו פּטרן זי. עוריפּידעס האָט זיך באַנוצט מיט דעם סוזשעט, כדי אין שוואַרצע פאַרבן צו שילדערן די ספּאַרטאַנער. אין קעגנזאַץ צו אַטען, דעם דאָזיקן עיר-מקלט פון די ליידנדיקע און באַליידיקטע, דער פעסטונג פון יושר, ווערט ספּאַרטע געמאָלט אַלס אַ פעלד, פונוואַנען עס שפּראָצט אַלץ וואָס איז אַכזריש און פאַרדרעטעריש. מענעלאַאָס ערשיינט אַלס פאָרשטייער פון זיין פאָטערלאַנד אין די דאָזיקע אירע נעגאַטיווע שטריכן. כדי אַרויסצורופן פון טעמפּל אַנדראָמאַכען, וועלכע האָט געזוכט שוץ ביים מזבח, סטראַשעט ער איר, אַז ער וועט טויטן איר זון, און ווען די אומגליקלעכע מוטער באַשליסט מקריב צו זיין איר לעבן פאַר איר קינד, און זי גייט אַרויס פון איר אומבאַרירלעכן אַנטרינונגס-אָרט, ניט מענעלאַאָס איבער איר זון הערמיאָנען, וועלכער פאַרמשפּט דאָס קינד אויך צום טויט. אַנדראָמאַכע, אַ דערצאָרנטע פון מענעלאַאָסעס פאַרראַט, טרעט אַרויס מיט דער באַרימטער טיראַדע קעגן ספּאַרטע, וועלכע עס האָט נעזאָלט אַנטשפּרעכן דער שטימונג פונם אַטענער דעמאָס, וואָס איז דורכגעדרונגען געוועזן מיט שנאה צו פעלאָפּאָנעס:

„פון אַלע שטערבלעכע פאַרהאַסטער דור, איר, איינוואוינער פון ספּאַרטע
דער קוואַל פון פאַרברעכנס, פאַלשער המון, קיניגן פון רמאות און ליגן, בויער
פון נבלות צום אונטערגאַנג פון דער גאַרער וועלט! מיט פאַרפלאָנטערטע געראַנ-
קען, צווייִדייטיקע, פאַרברעכערישע איז אָנגעפילט אייער שכל; ניט על-פּי יושר
זייט איר אין העלאַדע גליקלעך. אָבער וואָס-זשע איז דאָ ביי אייך? וואו איז דען
מער רציחות? און צי דען כאַפּט מען אייך ניט אויף דעם, וואָס שטענדיק איז ביי
אייך אויפן צונג איינס און אין געדאַנק עפּעס גאָר אַנדערש? ווערט פאַרכאַפּט!

דער גרעסטער טייל פון די איבעריקע עוריפּידישע דראַמעס איז, ווי אַ נ ד ר אָ מ אַ כ ע, געווידמעט סוזשעטן, גענומענע פון דער טראָיער מלחמה און פון די ווייטערדיקע אוממיטלבאַר נאָך זיי פאָרגעקומענע גע=

שעעגישן. אין העקובע דערציילט זיך וועגן דעם גורל פון דער אַלמנה פון דעם טראָיער קיניג פריאַמאָס, וועלכע פאַרלירט איר טאָכטער פּאָליקסענע און איר זון פּאָלידאָראַס. די ערשטע ברענגען די גריכן פאַר אַ קרבן לכבוד דעם אָנדענקען פון אַכילעסן, דעם צווייטן טויט דער טראַקישער קיניג פּאָלימעסטאָר, ביי וועלכן פּאָלידאָראָס האָט פאַרבראַכט צו גאַסט. די טראַגעדיע איז פול מיט סצענעס פון דעם יאוש פון דער אומגליקלעכער מוטער, וועלכע גייט סוף כל סוף איבער פון טרערן צו צאָרן און איז זיך אכזריש נוקם פון דעם רוצח פון איר זון. אין דער טראַגעדיע די טראָיערינס ווערט געשילדערט דער גורל פון די דריי אַממערסטן אומגליקלעכע פרויען, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייערע פּאַרטייידיקער נאָך דעם אונטערגאַנג פון טראָיע: אַנדראָמאַכע, העקובע און קאַסאַנדרע. די טראַגעדיע העלענע איז טשיקאַווע מיט איר פאַנטאַסטישן סוזשעט, וועלכער זאָגט עדות אויף עוריפּידעסעס ראָמאַנטישן דמיון, וואָס ווייזט זיך אַזוי אָפט אַרויס אין זיינע פּיעסן. די טראַגעדיע שטעלט פאָר אַ באַאַרבעטונג פון דער לעגענדע אויף העלענען, וועלכע גייט לחלוטין קעגן דער האָמערישער טראַדיציע. סטעסיכאָראַס, וועלכער האָט געוואָלט צוריק אויפשטעלן העלענעס ערע, דערציילט אין זיין פּאַלינאָדיע, אַז מענעלאַאָסעס ווייב איז כלומרשט אין טראָיע ניט געוועזן, און די טראָיער האָבן אָנשטאָט דער אמתער קיניגין געבראַכט איר שאָטן. פון דער צווייטער זייט מעלדעט האָמער אין דער אָדיסעיע, אַז נאָך דעם חורבן פון טראָיע, איז מענעלאַאָס מיט זיין ווייב, אויפן וועג צוריק אַהיים, פאַרפאָרן קיין מצרים. אַפנים, אַז די פאַראייניקונג פון די דאָזיקע צוויי ערציילונגען האָבן געדינט אַלס יסוד פאַר אַ נייער לעגענדע וועגן העלענען. פּאַריס האָט נאָכדעם, ווי ער האָט אַוועקגעגנבעט ביי מענעלאַאָסן די ווייב און די אוצרות, געקומען קיין מצרים, אָבער דער מצרישער קיניג פּראָטעוס, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין יושר, האָט ביי דעם רויבער אָפּגענומען אי די שיינע פרוי אי די אוצרות. פּאַריס איז אָנגעקומען קיין טראָיע אָן העלענען. איינגענומען די שטאָט, זיינען די גריכן געווען שרעקלעך אַנטוישט, ניט געפינענדיק די, וועלכע איז געווען די סיבה פון דער מלחמה, און ערשט אונטערוועגס אַהיים איז מענעלאַאָס אין מצרים ווידער זיך צונויפגעקומען מיט זיין ווייב. אַזאַ איז די לעגענדע, וועלכע העראָדאָט טיילט מיט, און איז גענומען אַלס יסוד פון עוריפּידיסעס טראַגעדיע. די טראַגעדיע עלעקטרע שילדערט די געשעענישן פון אַגאַמעמנאָנס משפחה, וועלכע זיינען אונז שוין באַוווּסט פון סאָפאָקלעסעס טראַגעדיע, וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען, און וועלכע זיינען באַשריבן אויך אין אייסכילאָסעס פאַרלאָרענער טראַ-

נעדיע. דער טראַגישער עפּיזאָד אין דעם אַטרידם משפּחה איז אַפּנים גע־ ווען ביי די גריכישע טראַגיקער אַ באַליבטער סוזשעט, וועלכער האָט צוגעצויגן די אויפמערזאַמקייט פון די דריי גרעסטע פאָרשטייער פון דער דראַמאַטישער פּאָעזיע. אויך ביי דער דאָזיקער פּיעסע טראָגט עוריפּידעס אַריין אַ נייעם אינהאַלט אין דער טראַגעדיע; די פּיעסע איז ניט פריי פון פּאָלעמישע רמזים אויף די פאָרגייער און, לויט פאַטענס אויסדרוק, שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ מין feuilleton spirituel [1]). אויך דאָ ווייזט זיך אַרויס עוריפּידעסעס אַלגעמיינע טענדענץ צום שאַפן אויף טעמעס פון טאָג־ פראַגן, צו פאַרוואַנדלען די סצענע אין אַ פּלאַץ פאַר קאַמף, ניט בלויז פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן, נאָר אויך עסטעטיש־ליטעראַרישן. מיט די טרויעריקע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין אַגאַמעמנאָנס משפּחה, איז ענג פאַרבונדן אויך דער סוזשעט פון אָ ר ע ס ט ע ס. די דאָזיקע טראַגעדיע, וועלכע שילדערט אָרעסטעסעס פּיינען נאָך דעם אַקט פון נקמה, וואָס ער איז באַגאַנגען, דערמאָנט די אייסכילישע ע ו מ ע נ י־ ד ע ס, און די דאָזיקע טראַגעדיעס פון די צוויי טראַגיקער גיבן אפשר דעם וויכטיקסטן מאַטעריאַל פאַר דער פאַרגלייכלעכער כאַראַקטעריסטיק פון זייער ביידנס שאַפונג. פון דער איבערערדישער מלוכה האָט עוריפּידעס אַריבערגעטראָגן די אַקציע אויף דער ערד. די עומענידעס און די געטער, וועלכע באַשטימען אין זייערע הויכע וואוינערטער די מאָראַלי־ שע פּראָבלעמען און דעם גורל פון מענטשן, זיינען ביי אייסכילאָסן דער צענטער פון זיין אויפמערקזאַמקייט. ביי עוריפּידעסן פאַרנעמט דעם אויבנאָן פּשוט דער מאַרטירער־מענטש, וועלכער דערגייט ביז פאַרצווייפלונג און משוגעת צוליב די שרעקלעכע פּיינען פונם געוויסן. די נעמען גופא פון די ביידע פּיעסן באַווייזן, אונטער וואָס פאַר פאַרשיידענע ווינקלען ביידע פּאָעטן האָבן געקוקט אויף איינעם און דעם זעלביקן קאָנפליקט. אייס־ כילאָס זוכט אין אים אַ שליסל צו אַנטפּלעקן די רעליגיעז־מאָראַלישע סודות, צו פאַרשטיין די העכערע פּראָבלעמען, צו אַריינדרינגען אין די צילן און כוונות פון דער געטלעכער השגחה. עוריפּידעס זעט אין דער דראַמע פריער פאַר אַלץ דעם ליידנדן מרעסטעסן. די עריניעס טרעטן אָפּ אין הינטערגרונד. דער פּאָעט נוצט אויס זיין סוזשעט צו באַלייכטן די אינערלעכע וועלט פון דעם מענטשן, צו אַנטפּלעקן נייע באַוועגונגען פון דער נשמה, אַריינצודרינגען אין דער נאַטור פון די מענטשלעכע געפילן און ליידנשאַפטן. ביי אייסכילאָסן איז דער דאָזיקער קאָנפליקט — די וועלט־דראַמע, וועלכע דעקט אויף די סאַמע פאַרבאָרגענע קוואַלן פונם מאָראַלישן געוויסן; ביי עוריפּידעסן איז עס אַ געוויינלעכע משפּחה־טראַ־

1) מאַהאַפי. אַנגער. וו., ב. I, ז. 329.

געדיע, וועלכע ערלויבט דעם פּאָעט אַראָפּצולאָזן זיך אין דער טיפעניש פון די געפילן פון זון, ברודער און שוועסטער. אָנשטאָט אייסכילאָסעס געהויבענעם, שטרענג אויסגעהאַלטענעם סטיל, רייסט זיך דורך דער גאַנצער טראַגעדיע אָרעסטעס אַדורך אַ סאַטירישער און קאָמישער עלעמענט; מיר זעען דאָ, ביי עוריפּידעסן, אַזאַ געוויינלעכע צונויפמישונג פון הויכן און טאָגטעגלעכן, פון טרויעריקן און פון פריילעכן.

אַממערסטן פּאָפּולער פון די פּיעסן פון דעם אַזוי צו זאָגן טראָיער ציקל, זיינע די, וועלכע שילדערן דעם גורל פון אַגאַממעמנאָנס טאָכטער איפיגעניע. דער אָנהייב פון אירע וואַנדערונגען דינט אַלס סוזשעט פאַר אַ פּיעסע אונטערן נאָמען איפיגעניע אין אַולידע. איר ווייטערדיקער גורל איז געשילדערט אין דער טראַגעדיע איפיגעניע אין טאַורידע. געטראָפן פון שלעכטע ווינטן אין אַולידע, באַשליסט דער גריכישער פלאָט, כדי צו געפינען חן און חסד ביי דער אָרטיקער געטין אַרטעמידע, צו ברענגען איר פאַר אַ קרבן, לויט דער עצה פון דעם פּריסטער קאַלכאַס, אַגאַממעמנאָנס טאָכטער איפיגעניע. די ערשטע טראַגעדיע שילדערט די וואַקלענישן פון דעם אומגליקלעכן פאָטער, וועלכער שטייט אויס דעם קאַמף צווישן די פאָדערונגען פונם חייל מיט דער ליבע צו דער טאָכטער. דערווייל האָט מען איפיגעניען אַרויסגערופן צוזאַמען מיט איר מוטער קליטעמנעסטרע אונטער דעם אויסרייד, אַז מען זאָל איר כלומרשט חתונה מאַכן מיט אַכילעסן. אַגאַממעמנאָן פאַרפּלאָנטערט זיך אין דעם ליגן און ער שפּילט אין דער פּיעסע אַ גאַנץ קלאָגעדיקע ראָלע פון אַ פּחדנישן אומאַנטשלאָסענעם מענטשן, וואָס דרייט זיך אונטער פאַרשיידענע איינפלוסן, וואָס לייגט סיי אַכילעסן, סיי דער ווייב, סיי דער טאָכטער. אַכילעס ווערט געשילדערט אַלס עכטער ריטער, איידעלער און מוטיקער. דערוויסנדיק זיך, אַז איפיגעניע איז אַרויסגערופן קיין אַולידע אַלס זיין כלה, טרעט אַכילעס מוטיק אַרויס זי צו באַשיצן, שטעלנדיק אין קאָן זיין לעבן, און איז גרייט אָנצוהויבן אַ שטרייט קעגן דעם גריכישן חייל. אָבער פון דעם אומגליק פאַרהיט איפיגעניע זעלבסט. אין איר פּערזאָן האָט עוריפּידעס באַשאַפן דעם אונז שוין באַקאַנטן טיפּ פון אַן איידעלער גריכישער מיידל, וועלכע קען זיך ברענגען פאַר אַ קרבן צוליב העכערע צילן. „די בליקן פון דעם גאַנצן גרויסן גריכנלאַנד זיינען איצט געווענדט צו מיר. פון מיר הענגט אָפּ, אַז דער פלאָט זאָל קאָנען אַוועקשווימען, און די מפּלה פון טראָיע. און אויב די פרעמדלענדער וועלן אין דער צוקונפט וועלן באַקומען פרעמדע ווייבער, וועלן זיי זיך ניט ערלויבן צו רויבן אין דעם גליקלעכן גריכנלאַנד, נאָכדעם ווי זיי וועלן טייער באַצאָלן דערפאַר, וואָס פּאַריס האָט אַוועקגעפירט העלענען, — דאָס אַלץ

וועט פאַרווירקלעכט ווערן, אויב איך וועל שטאַרבן, און אייביקן רום וועל איך האָבן דערפאַר, וואָס איך האָב מציל געווען גריכנלאַנד. מוטער, דו האָסט מיך געבוירן ניט פאַר זיך אַליין, — איך געהער גאַנץ גריכנלאַנד. טויזנטער קריגער=פוסגייער, טויזנטער מאַטראָסן זיינען גרייט נוקם צו זיין זיך אָן דעם שונא פאַר דער באַליידיקונג פון דעם פאָטערלאַנד, זיינען גרייט צו שטאַרבן פאַר גריכנלאַנד. צי דען וועט מיין לעבן זיין דערצו אַ שטער? אַכילעס טאָר ניט צוליב אַ פרוי מלחמה האַלטן קעגן דעם גריכישן חייל, מחמת דאָס לעבן פון איין מאַנסביל איז טייערער פון טויזנט פרויען. ברענגט מיך פאַר אַ קרבן, מאַכט טראָיע חרוב. אָט דאָס איז מיר אַן אייביקער דענקמאָל, דאָס זיינען מיינע קינדער, מיין חתונה, מיין רום!.. אָ, מוטער! די גריכן דאַרפן האָבן די מאַכט צו הערשן איבער די פרעמדלענדער, און ניט די פרעמדלענדער זאָלן הערשן איבער די גריכן: זיי זיינען קנעכט, מיר זיינען פרייע!" פון דער צווייטער טראַגעדיע דערוויסן מיר זיך, אַז אַרטעמידע האָט, אויס רחמנות צו איר קרבן, איפיגעניען מציל געווען אין דעם ועלביקן מאָמענט, ווען דער מעסער איז שוין איבער איר געווען אויפגעהויבן, און האָט זי אַריבערגעטראָגן אין טאַורישן כערסאָנעס, וואו איפיגעניע איז געוואָרן איר פריסטערין. דערביי איז אויף דעם גריכישן מיידל אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ טרויעריקער חוב: „באַפאַרבן רויט דעם מזבח מיט דעם בלוט פון פאַרמשפּטע אויסלענדער, וועלכע קרעכצן קלעגלעך — אַ טרויעריקע מוזיק". דער אָרטיקער מנהג האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל ברענגען פאַר אַ קרבן אַלע פרעמדע, וואָס פאַלן אַהער אַריין. אָבער דער טרויער וועגן דעם ברודער אָרעסטעס, וועלכן איפיגיניע האַלט פאַר אַן איינגעשלאָפענעם אויף אייביק פאַרטויבט אין איר דעם טרויער=געפיל וועגן די געטויטע מענטשן. דער גורל פאַרוואַרפט אויף דעם ברעג פון טאַורידע אָרעסטעסן מיט זיין פריינד פילאַדעסן. איפיגעניע איז גרייט מציל צו זיין פונם טויט איינעם פון די צוויי אויסלענדער מיט דעם תנאַי, אַז ער זאָל צושטעלן אירן אַ בריוו אַהיים. די ריירנדיקע מחלוקת צווישן די צוויי פריינד וועגן דעם, ווער פון זיי זאָל מקריב זיין דאָס לעבן פאַרן צווייטן, די סצענע פון דערקענען זיך, ווען איפיגעניע און אָרעסטעס וואַרפן זיך מיט פרייד איינע די אַנדערע אין די אָרעמס, לסוף זייער אַנטלויפן אַהיים, — די דאָזיקע אַלע סצענעס זיינען פול מיט דראַמאַטישער באַוועגונג, און ניט אומזיסט ווערט א י פ י ג ע נ י ע א י ן ט אַ ו ר י ד ע פאַררעכנט אין דער צאָל פון די שענסטע ווערק ניט בלויז עוריפּידעסעס, נאָר בכלל פון דער גריכישער דראַמאַטישער קונסט.

אונז בלייבט נאָך איבער צו דערמאָנען וועגן דריי עוריפּידעסעס

פיעסן: די פעניציער, די באַקכאַנטינס און דער ציקלאָפּ, — וועט שוין די ירושה, וועלכע איז פאַרבליבן פון דעם פאָעט, זיין ערשעפט, ווען מען זאָל ניט רעכענען רעזוס, וואָס מ'האַלט שוין איצט, אַז זי געהערט ניט עוריפידעסן. די ערשטע שילדערט די שוין אונז באַקאַנטע געשעעניש אין לאַיאָסעס הויז, דעם קאַמף צווישן עטעאָקלעסן און פאָלינייקעסן. די דאָזיקע טראַגעדיע צייכנט זיך אויס מיט דער מאַסע ווירקנדיקע פערזאָנען, וואָס עס האָט צעשטערט די דראַמאַטישע טראַדיציע און זאָגט עדות דערויף, ווי ווייניק עוריפידעס האָט זיך געשטערט בנוגע די איינגעשטעלטע טעאַטראַלע מנהגים, און ווי שנעל עס האָט זיך אַדאַנק אים אַנטוויקלט די פאָרם פון דער טראַגעדיע אין הסכם מיט די נייע פאָדערונגען. איר נאָמען האָט די פיעסע באַקומען מחמת דעם, וואָס איר כאָר באַשטייט פון פעניצישע מיידלעך, דאַן ווען צווישן די באַזונדערע העלדן איז שווער אָנצווייזן, ווער איז די צענטראַלע פיגור. די פיעסע שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין ריי דראַמאַטישע עפיזאָדן. אינטערעסאַנטער איז די טראַגעדיע די באַקכאַנטינס, וועלכע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פונקט אַזוי, ווי איפיגעניע אין אַולידע ערשט נאָך דעם פאָעטס טויט. די דאָזיקע פיעסע איז אַ הימען צו דיאָניזאָסן, דעם גאָט פון וויין און פריילעכקייט און אין דער זעלביקער צייט אַ וואָרענונג קעגן אומגלויבן און סקעפטיציזם. דער טעבענער קיניג פענטעוס איז דערצאָרנט קעגן די באַקכישע אָרגיעס, וועלכע האָבן זיך פאַרשפרייט אין זיין לאַנד. ער לאַכט פון דיאָניזאָסן, ער כאַפט און פאַרזעצט אין תפיסה דעם אויסלענדער, וועלכער איז דער פאַרשפרייטער פון באַכעס קולט און וואָס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי דער איבערגעטאָנענער דיאָניזאָס זעלבסט. דער גאָט איז זיך אַכזריש נוקם אָן דעם קיניג, וואָס האָט אים געלעסטערט. אין דער געשטאַלט פון אַן אויסלענדער פירט עס פענטעוסן אַוועק אויף דעם אָרט פון די אָרגיעס, וואו די הוליענדיקע באַקכאַנטינס זיינען געזעסן, האָבנדיק אין דער שפיץ אַגאַווען, פענטעוסעס מוטער. אָנגענומען זיין אמתן געשטאַלט, האָט דיאָניזאָס געזאָגט: „יונגפרויען, איך האָב געבראַכט דעם מענטשן, וואָס לאַכט פון מיר און פון אייך, פונקט אַזוי ווי פון די אָרגיעס, באַשטראָפט אים"! די וואוטיקע באַקכאַנטינס האָבן זיך אַ שליידער געטאָן אויף פענטעוסן. אומזיסט האָט דער אומגליקלעכער געבעטן זיין מוטער, זי זאָל אויף אים רחמנות האָבן. זי האָט די ערשטע „זיך אָנגעכאַפט אָן זיין האַנט און, איינגעשפאַרט זיך מיטן פוס אין זיין זייט, אַרויסגעריסן אים די האַנט ביז סאַמע אַקסל". די איבעריקע באַקכאַנטינס האָבן איר נאָכגעטאָן און זיי האָבן פענטעוסן צעריסן אויף שטיקלעך. די דאָזיקע פיעסע צייכנט זיך אויס מיט דעם בולטן

בילד פון די באַקכישע אָרגיעס, און אפשר האָט דער פּאָעט מיט איר געוואָלט אַראָפּנעמען פון זיך די באַשולדיקונג אין אומגלויבן, אויסדריקנ־דיק די אידעע אירע מיט דעם מויל פון דעם העראָלד: „זיין אַ מיושבדיקער מענטש און ערן די געטער — בעסערס קאָן מען גאָרניט צוטראַכטן".

די פּיעסע ציקלאָפּ איז דער איינציקער מוסטער פון אַ סאַטירישער פּיעסע, וואָס איז צו אונז דערגאַנגען. אין יסוד פון איר סוזשעט ליגט דער עפּיזאָד פון דער אָדיסעע, וועלכער שילדערט אָדיסעוסעס פאַרווײלן ביי דעם ציקלאָפּ פּאָליפעמאָס. אַ סאַטירישע דראַמע, אַ דורכגעדרונגענע מיט הומאָר, האָט זיך געוויינלעך געשטעלט צום סוף פון דריי טראַגעדיעס, וועלכע האָבן געבילדעט אַ טרילאָגיע, און האָט געוואָלט לינדערן דעם שווערן איינדרוק, וואָס די טרילאָגיע האָט איבערלאָזן.

די דאָזיקע פּיעסן עוריפּידעסעס, וועלכע מיר האָבן דאָ באַטראַכט, ערלויבן צו באַשטימען די אייגנשאַפט און די מאָטיוון פון זיין פּאָעזיע. עוריפּידעס שיידט זיך שאַרף אונטער פון זיינע ביידע חברים. אין זיינע פּיעסן איז ניטאָ יענע האַרמאָניע, וועלכע מיר געפינען ביי אייסכילאָסן און סאָפאָקלעסן. זיי גיבן ניט אַזאַ פאַרענדיקטע גאַנצע זאַך און אַזאַ שלייפונג ווי יענע. אָבער דערפאַר אָטעמען זיי מיט דעם גייסט פון דער צייט. אין זיי זיינען די פּרטים, די דעטאַלן און די רמזים אָפט אינטע־רעסאַנטער פאַרן גאַנצן. אין עוריפּידעסן פילט זיך דער פּאָעט פון אַן אומרויִקער עפּאָכע, ווען עס איז שווער געווען צו קוקן מיט דעם אויג פון אַ חכם אויף דער נאַטור און דער געשיכטע און אַרויספירן גוט דורכגעטראַכטע געזעצן פון מאָראַל. דער גרונדשטריך פון עוריפּידעסן און פון זיין פּאָעזיע — דאָס איז די סוביעקטיוויטעט פונם פּאָעט, די באַ־וועגלעכקייט און די ענדערלעכקייט פון זיינע שטימונגען. ער איז דער אמתער זון פון דער עפּאָכע, וועלכע האָט דעם מענטשן ערקלערט פאַר דער מאָס פון אַלע זאַכן. די רייד פון זיינע העלדן און די אַלגעמיינע געדאַנקען פון זיינע טראַגעדיעס זיינען לויט בערגקס ריכטיקער באַמער־קונג אינטערעסאַנטער אין קולטור־היסטאָרישער און פּסיכאָלאָגישער הינ־זיכט, איידער אין דער עסטעטישער. מיר האָבן געזען, ווי אָפט די אָדער יענע טראַגעדיע האָט געהאַט דעם ציל צו פּראָפּאַגאַנדירן אַ באַשטימטע פּאָליטישע אידעע.

אָט פאַרוואָס אין זיין טראַגעדיע האָבן זיך לגמרי אָוועקגערוקט אין הינטערגרונד די מיטאָלאָגישע פאָרשטעלונגען וועגן דער נויטווענדיקייט און וועגן דעם גורל, און אויבנאָן ווערט אַרויסגערוקט דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, די דראַמאַטישע אַקציע, די אידעע וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פון דער פּערזענלעכקייט פאַר אירע מעשים. עוריפּידעס פירט דער

ערשטער אַריין די אינטריגע, און דער כאָר איז שוין ביי אים ניט בלויז אַ צושויער, נאָר אויך אַן אָנטיילנעמער פון דער אַקציע. די טראַגעדיע איז אונטער זיין פעדער געוואָרן רעאַלער. זיין מוזע, אַן אויסגעהאָדעוועטע דורך דעם קאַמף פון ליידנשאַפטן און ערגייציקייטן, דרינגט אין איינער און דער זעלביקער צייט אַריין אין דער טיפעניש פון די דאָזיקע ליידנשאַפטן און באַווייינט דאָס אומקומען פונם דערהויבענעם צווישן דעם דאָזיקן קאַמף.

IX.

די קאָמעדיע. — אַריסטאָפאַנעסעס פאָרגייער און די חברים פון זיין צייט. — אַריסטאָפאַנעס. — דער פּראָטעסט קעגן שאָוויניזם: „די אַכאַרנאַיער“. — דער פּראָטעסט קעגן די דעמאַגאָגן און זייערע מעטאָדן: „די רייטער“. — די סאַטירע אויף דער כאַאָטישער פילאָסאָפיע: „וואָלקנס“. — די סאַטירע אויף די ליבהאָבער פון משפּטים: „די וועספּעס“. — פּיעסן פון טאָג-טעגלעכקייט מיט פאַנטאַסטישע סוזשעטן: „שלום“ און „פויגלען“. — פרויען אין אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיעס: „ליזיסטראַטע“, „פרויען אויף דעם יום-טוב פון טעסמאָפאָראַס“ און „פרויען אויף דער פאָלקספאַרזאַמלונג“. — ליטעראַרישע קריטיק און פּאָלעמיק אין דער אַריסטאָפאַנישער קאָמעדיע: „די פרעש“. — דראַמאַטישע טעאָריע: אַריסטאָטעלעסעס „פּאָעטיק“. — שלום.

די גריכישע קאָמעדיע האָט איבערגעלעבט לערך די זעלביקע אַנטוויקלונגס=שטופן, וואָס די טראַגעדיע. אָבער זי האָט צו איר פולער בליִונג דערגרייכט שפּעטער, איידער די טראַגעדיע, און פעסטצושטעלן ביי הײַנטיקער צייט דעם מאָמענט פון איר אַנטשטיין און דעם פּראָצעס פון איר אַנטוויקלונג איז פאַר אונז אַן אויפגאַבע אַ סך אַ שווערערע, איידער נאָכצופאָלגן די אַנטוויקלונג פון דער טראַגעדיע. די אָרעמע ירושה, וואָס די דאָזיקע לעצטע האָט איבערגעלאָזן, ווייזט אויס ווי אַן אמתע עשירות אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס אונז איז געבליבן פון דער גריכישער קאָמעדיע. פון די גרויסע קאָמיקער און סאַטיריקער, וואָס זייערע גיפטיקע שטראַלן האָבן אַמאָל געטראָפן די טיראַנען און די געזעלשאַפטלעכע חסרונות, זיינען אַ סך אַריבער אין זכרון פון די שפּעטערדיקע דורות אַלס גאָלע נעמען, און נאָר איינער איז געבליבן אין די הויפּט=שטריכן פון זיין שאַפן, אַדאַנק דעם, וואָס צו אונז זיינען דערגאַנגען זיינע גאַנצע פּיעסן. אַלס סיבה דערפון זאָל, לויט אַריסטאָטעלעסעס מיינונג [1], זיין דאָס, וואָס אויף דער קאָמעדיע האָבן די גריכן פון סאַמע אָנהייב געקוקט ניט ערנסט. די אויפפירונג פון דער טראַגעדיע האָט זיך פון קדמונים אָן גערעכנט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן ענין. אויף די גרויסע דיאָניזיעס, דעם הויפּט=יום=טוב, וועלכער פלעגט באַגלייט ווערן מיט דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען, פלעגט דער פּאָעט פריער בעטן אַ כאָר ביי דעם אַרכאָנט=עפּאָנים, און דער לעצטער פלעגט באַשטימען אַ כאָרעג, ד. ה. איינעם פון די רייכע בירגער, וואָס זיין חוב איז געווען אַוועקצושטעלן

1) אַריסטאָטעלעס. וועגן קונסט פון פּאָעזיע.

די כאָרן. דער קאָמעדיע האָט מען, אַפּנים, לכתחילה ניט צוגעגעבן אַזאַ נעזעלשאַפטלעכע באַדייטונג, מחמת, לויט אַריסטאָטעלעסעם רייד, האָט אַ „כאָר פון קאָמיקער ערשט שפּעטער דער אַרכאָנט אָנגעהויבן צו געבן, אָבער לכתחילה איז ער באַשטאַנען פון פרייוויליקע".

אונז איז שוין אויסגעקומען צו זאָגן, אַז די קאָמעדיע איז אַנטשטאַנען פון דעם זעלביקן דיאָניזישן קולט, ווי די טראַגעדיע. בשעת די פייערונגען לכבוד דעם גאָט פון וויין און פרייד, זיינען, ווי מיר ווייסן שוין, די פייערלעכע לידער און פּראָצעסיעס, וועלכע זיינען געלייגט געוואָרן אין דעם יסוד פון דער טראַגעדיע, אָפּטמאָל באַגלייט געוואָרן מיט שפּאַסן און מיט־פרייילעכע לידער, אין וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דער פאָלקס־וויץ און עס פלעגן באַרירט ווערן די געשעענישן פון טאָג, אויסגעלאַכט ווערן באַזונדערע פערזאָנען, וועלכע זיינען געווען באַרימט. די קאָמישע שפּאַסן און לידער זיינען פאַרשפּרייט געווען איבער גאַנץ גריכנלאַנד, אָבער דעם כבוד פון באַשאַפן די קאָמעדיע שרייבט די טראַדיציע צו דער פאַרצייטיקער דאָרישער מעגאַראַ, וואו זיי זיינען צום ערשטן געקומען אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג[1]. וועגן דער דאָזיקער מעגאַרישער קאָמעדיע האָבן מיר סאַמע אומבאַשטימטע ידיעות, מער אָדער ווייניקער האָט אַ גרונד נאָר די השערה, אַז די וויצן פון דער דאָזיקער קאָמעדיע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גראָבקייט, און די סאַטירישע שפּיצלעך זיינען אַריבער די גרענעצן פון דער קינסטלערישער מאָס און האָבן געהאַט אַ פּאַסקוויל־כאַראַקטער, וואָס עס לאָזט זיך דערקלערן מיט דעם שווערן פּאָליטישן קאַמף, וועלכער איז פאָרגעקומען אין מעגאַראַ. פונדאַנען האָט געשטאַמט סוזאַריאָן, וועלכער איז אַרום דעם 580טן יאָר פאַר קר. געב. אָנגעקומען קיין אַטיקע און האָט געגעבן פאָרשטעלונגען אין די אַטישע דערפער. דער דאָזיקער סוזאַריאָן ווערט עם פאַררעכנט פאַר דעם גרינדער פון דער אַטישער קאָמעדיע, וועלכע האָט שפּעטער דערגרייכט צו אַזאַ בליונג. די אַטישע קאָמעדיע איז געווען צונויפגעשטעלט פון צוויי עלעמענטן: פון פאַרצייטיקן אָרטיקן, און אָנגעלאָפענעם פרעמדן. פון אייביק אָן האָט אין אַטיקע געהערשט דער מנהג דורך דעם כאָר אויפצווייזן די שולדיקייט פון דעם באַעוולער, און די דאָזיקע כאָרישע קאָמעדיע מיט דעם באַשולדיקונגס־כאַרקטער איז עס געווען דער אָרטיקער עלעמענט, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין דעם יסוד פון דער אַטישער

1) מען דאַרף אָבער באַמערקן, אַז אויף דעם דאָזיקן כבוד האָט פּרעטענדירט די סיצילישע מעגאַראַ, די געבורטשטאָט פון דעם קאָמישן פּאָעט עפּיכאַרמאָס. פאַר דעם עלטסטן פאָרשטייער פון דער קאָמעדיע אין סיציליע האַלט מען אַריסטאָקסענעסן דעם סעלינער.

קאָמעדיע. צו דעם דאָזיקן אָרטיקן מאָמענט זיינען צוגעגעבן געוואָרן קאָ=
מישע שטייגער=סצענעס, וואָס דער מנהג פאָרצושטעלן זיי איז שטאַרק
פאַרשפּרייט געווען אין ספּאַרטע און אין אַנדערע ערטער פון גריכנלאַנד,
נאָר זיי זיינען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין אַטיקע, און דאָ זיך צונויפ=
געגאָסן מיט דער אייגנטלעכער באַשולדיקונגס=קאָמעדיע (געוויער ביי
זיעלינסקי אין אַרטיקל די אָפּשטאַמונג פון דער קאָ=
מעדיע און זיין זאַמלונג „פון דעם לעבן פון אידעען"). מעגלעך, אַז
די טיראַנען, וועלכע האָבן געשיצט די וויסנשאַפטן און די קונסט, האָבן
ניט גאָר ליב געהאַט די קאָמעדיע, וועלכע האָט ניט געשוינט די גרויסע
לייט. אין אַ יאָר הונדערט אַרום נאָך סוזאַריאָנען, ס'הייסט אין אָנהייב
פון V יאָרהונדערט פאַר קר. געב., איז באַרימט געווען דער קאָמיקער
כיאָנידעס, וועגן וועלכן אַריסטאָטעלעס דערמאָנט, און פון וועלכע עס
זיינען פאַרבליבן נאָר די נעמען פון צוויי=דריי פּיעסן. כיאָנידעס רעכנט
זיך פאַר דעם ערשטן אייגנטלעך=אַטישן קאָמיקער. ווייטער קומט מאַגנעטאָס,
דער יינגערער צייט=חבר פון כיאָנידעסן. וועגן אים דערמאָנט אַריסטאָ=
פאַנעס ווי וועגן זיין פאָרגייער. ענדלעך קומען דריי נעמען פון אַריסטאָ=
פאַנעסעס צייט=חברים: קראַטינאַס, קראַטעס און עופּאָלים, וועלכע האָבן
באַשאַפן, אויב מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף די מיינונגען פון זייערע
צייט=חברים און אויף די מענטשן פון די שפּעטערדיקע דורות, גרויסע מוסטערן
פון דער קאָמישער שאַפונג. פון זיי האָט קראַטינאַס אויפגעטאָן פאַר דער
קאָמעדיע דאָס, וואָס אייסכילאָס פאַר דער טראַגעדיע. ער האָט דער
ערשטער איינגעשטעלט איר טיפּישע פאָרם, פאַרפיקסירט די צאָל פון די
ווירקנדיקע פּערזאָנען, האָט זי געמאַכט פאַר אַ אינסטרומענט פון דער
ערנסטער סאַטירע, האָט פאַר איר געשטעלט מאָראַלישע און פּאָליטישע
אויפגאַבעס, און אפשר צום ערשטן באַפרייט זי פון יענער גרינגשעצונג,
מיט וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן צו איר צו באַציען זיך, דורך
דעם וואָס ער האָט די קאָמעדיע פאַראיידלט מיט אידעאַליסטישע מאָ=
טיוון. קראַטינאַס האָט געהאַט גרויס ערפאָלג ביי די מענטשן פון זיין
דור, און ער האָט ניין מאָל באַקומען דעם ערשטן פּריז. צום באַדויערן,
ערלויבן די קליינע פראַגמענטן, וועלכע זיינען צו אונז דערגאַנגען פון
זיינע קאָמעדיעס, בלויז צו באַשטימען די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די סו=
זשעטן, וואָס זיינען דורך אים באַרירט געוואָרן, זיי גיבן אָבער ניט קיין
קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם כאַראַקטער פון זיין שאַפונג. קראַטעס,
וועלכער איז לויט דער „מסורה" געווען אַן אַקטיאָר אין קראַטינאַסעס
טרופּע, האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג, הגם אַ קלענערן איידער קראַטי=
נאַס. אורטיילנדיק לויט די קנאַפּע פראַגמענטן וואָס זיינען צו אונז דער=



אַריסטאָפאַנעס

גאַנגען פון זיינע קאָמעדיעס, און אויך לויט אַריסטאָטעלעסעס מיינונג[1], האָט ער ניט געהאַט קיין נטיה צו גיפטיקע וויצן פון פּאָליטישן און פּערזענלעכן כאַראַקטער, נאָר ער האָט זיך פאַרנומען „מיט דער אַלגעמיינער באַאָבאַכטונג פונם דיאַלאָג און פון די מיטן". אויב מען זאָל ניט רעכענען נאָך עטלעכע קאָמיקער, וועגן וועלכע מיר ווייסן גאָרנישט, אויסער זייער נאָמען, וועט מען פון אַריסטאָפאַנעסעס קאָנקורענטן דאַרפן אָנרופן נאָך עופּאָליסן, וואָס זיין טעטיקייט פאַלט אויס אויף דער צווייטער העלפט פונם V יאָרהונדערט, און וואָס זיינע קאָמעדיעס זיינען אַפּנים נעענטער פאַר אַלע אַנדערע לויט זייערע אייגנשאַפטן צו אַריסטאָפאַנעסעס פּאָעזיע. מיט אַריסטאָפאַנעסן איז עופּאָליס פון אָנהייב געווען זייער באַפריינדעט, און האָט אפילו אָנטיילגענומען אין דעם שאַפן פון זיינע ווערק, איבערהויפּט אין „די רייטער". אָבער שפּעטער האָט זיך די פריינדשאַפט איבערגעריסן, און די פּאָעטן האָבן ניט דורכגעלאָזן קיין צופאַל, ווען זיי האָבן נאָר געקענט איינער דעם צווייטן גיפטיק אויסלאַכן. משפּטנדיק לויט די דערגאַנגענע צו אונז פראַגמענטן, איז עופּאָליס געווען אַ ליידנשאַפטלעכער באַשולדיקער, האָט ניט געשוינט קיין פּערזענלעכקייטן, האָט די סצענע אויסגענוצט אַלס פּאָליטישע טריבונע. און וועגן דעם כּוח פון זיין אויסלאַכן, אויך וועגן דעם, ווי טיף דאָס האָט אָנגערירט יענע, אויף וועלכע עס איז געווענדעט געווען, זעט מען פון דער לעגענדע וועגן זיין טויט, וועלכע איז געווען זייער פּאָפּולער, נאָר אַפּנים אַן אויסגעטראַכטע. לויט דער דאָזיקער לעגענדע, האָט אַלקיוויאַדעס, אַ באַליידיקטער, וואָס עופּאָליס האָט אים אויסגעלאַכט, געהייסן דעם פּאָעט אַריינוואַרפן אין ים אַריין.

אַריסטאָפאַנעס, וואָס זיינע שאַפונגען בלייבן עד־היום דער איינציקער דענקמאָל, וואָס גיט אַ פאָרשטעלונג וועגן דער קלאַסישער גריכישער קאָמעדיע, איז געבוירן געוואָרן אין מיטן V יאָרהונדערט אין אַטען, און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אַטענער בירגער, הגם די משפּחה, פון וועלכער ער האָט געשטאַמט, האָט זיך, אַפּנים, גאָר ניט לאַנג באַזעצט אין אַטיקע. וועגן זיין לעבן האָבן מיר גאַנץ קנאַפּע ידיעות. זיין פּאָטער פיליפּאָס איז געווען אַ קאָמערסאַנט און האָט אָפט זיך געפונען אויסער אַטען. דעריבער איז מעגלעך, אַז אַריסטאָפאַנעס איז געבוירן געוואָרן ווייט פון אַטען, און ניט אין דער הויפּט־שטאָט פון אַטיקע. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אָבער דעם באַרימטן שריפטשטעלער איז אָפט אויסגעקומען צו באַשיצן זיך קעגן די פאָרוואורפן, אַז ער שטאַמט פון אַ פרעמדן לאַנד. באַזונדער אָפט האָט די דאָזיקע פראַגע אויפגעהויבן דער באַוואוסטער

[1] אַריסטאָטעלעס. וועגן דער קונסט פון פּאָעזיע. פּ. קאַגאַן.

דעמאַגאָג קלעאָן, וועלכער האָט זיך נוקם געווען פון אַריסטאָפאַנעסן דערפאַר, וואָס ער האָט אים אויסגעלאַכט. צוויי פאַרצייטיקע גריכישע ביאָגראַפיעס און דעם פאָעטס אייגענע אַווטאָביאָגראַפישע באַמערקונגען — דאָס איז דער הויפּ-מאַטעריאַל פאַר דער אויספאָרשונג פון זיין לעבן און פון זיינע ווערק. איבעריקנס, סיי די ביאָגראַפיעס, סיי די אייגענע באַמערקונגען דעקן איינע די אַנדערע, וואָרעם זיין לעבן דאָס איז געווען זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. ער איז פרי אַרויסגעטראָטן אַלס שריפטשטעלער קאָמיקער און איז פרי געוואָרן אַן אַלגעמיינע באַרימטהייט. די ערשטע קאָמעדיעס זיינע האָט אַריסטאָפאַנעס מורא געהאַט צו שטעלן אונטער זיין אייגענעם נאָמען, וואָרעם די שטרענגע פאָדערונגען, וועלכע מען האָט געשטעלט צו דראַמאַטורגן, האָבן געשאַפן דעם מנהג, לויט וועלכן דער פאָעט, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין געוויסע ערפאַרנקייט, האָט זיך ניט געטאָרט באַווייזן פאַרן פובליקום. צו זיין פאָרזיכטיק האָט אַריסטאָפאַנעסן באַוועגט אויך די ענדערלעכקייט פון די אַטענער, וועלכע פלעגן אָפטמאָל אָפּגעקילט ווערן צו זייערע ליבלינגען. אין די רייטער ערקלערט אַריסטאָפאַנעס, פאַרוואָס האָט ער „זיך באַהאַלטן ביי אַנדערע הינטערן רוקן: די לאַגע פון די פאָעטן-קאָמיקער איז זייער אַ שווערע; די אַטענער באַצאָלן זיי שלעכט, און קראַטינאַס, וועלכן עס האָבן אַמאָל באַגעגנט דונערן פון אַפּלאָדיסמענטן, איז איצט פאַרוואָרפן און פאַרגעסן, ווי אַ צעבראָכענע לירע.

אַריסטאָפאַנעסן שרייבט מען צו אַן ערך אַ האַלבע מאה קאָמעדיעס, פון וועלכע צו אונז זיינען דערגאַנגען עלף. די ערשטע פיעסע זיינע, ליבהאָבער פון משקה, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן אין 427 יאָר, איז צו אונז ניט דערגאַנגען, אַזוי ווי די אין אַ יאָר אַרום ערשינענע קאָמעדיע די בבלים. שוין אין די דאָזיקע ערשטע פיעסן רירט אַריסטאָפאַנעס אָן ברענענדיקע טאָגפראַגן. פאַר דער צווייטער איז דער פאָעט פאַרפאָלגט געוואָרן מצד קלעאָנען. אין דעם קומענדיקן 425 יאָר איז געשטעלט געוואָרן די קאָמעדיע די אכאַרנאַיער, די סאַמע פריסטע פון אַריסטאָפאַנעסעס צו אונז דערגאַנגענע פיעסן. דער פאָעט פאַרטיידיקט דאָ דעם שלום און די פרידנס-פאַרטיי, און פאַלט אָן אויף די קריגערישע און ערגייציקע דעמאַגאָגן, וועלכע טרייבן דאָס פאָלק צו מלחמה. די הויפּט-פערזאָן, וועלכע פאַרקערפערט דעם אַווטאָרס גרונדגעדאַנק איז דיקעאָפאָליס. אין דער דאָזיקער קאָמעדיע ווייזן זיך שוין אַרויס די הויפּטמאָטיוון און די מעטאָדן פון דער אַריסטאָפאַנישער שאַפונג. דיקעאָפאָליס איז אַ פויער, ד. ה. אַ פאָרשטייער פון יענעם קלאַס, וועלכער איז, ווי מיר האָבן געזען, געווען אַ קעגנער פון מלחמה און פון אַוואַנטורעס-פאָליטיק-

אַריסטאָפאַנעס איז אינגאַנצן אויף זיין זייט. דאָס בילד פון דער פאָלקספאַרזאַמלונג איז קאַריקאַטוריש. דאָס פאָלק איז אַזוי קריגעריש געשטימט, אַז עס איז גערן מסכּים מיט די קלאָרע אומגעלומפּערטקייטן, וואָס עס זאָגן אַרויס די פאַרטיידיקער פון מלחמה. אַריסטאָפאַנעס איז אַ שונא פון דער דעמאָקראַטיע און ער שוינט ניט קיין פאַרבן, כּדי אויסצולאַכן זי. אמת, ער געהערט ניט דירעקט צו דער אָליגאַרכישער פּאַרטיי, אָבער ער קומט זיך מיט איר צונויף אין דער שנאה צו די דעמאַגאָגן און אין דעם מיטגעפיל צום שלום. דיקעאָפּאָליס דערגרייכט אַ פּריוואַטן שלום פאַר זיך. און אַריסטאָפאַנעס מאָלט דעם קאָנטראַסט צווישן דעם פריילעכן, הגם אויסגעלאַסענעם לעבן פון דעם קלוגן פויער מיט די אומגליקן פון דעם קריגערישן לאַמאַכאָס, וואָס לאָזט זיך אַוועק אויף דער מלחמה. אין דעם דאָרשט נאָך שלום און רויִקייט, וואָס לעבט אין דיקעאָפּאָליסן, הערט זיך ניט בלויז די שטים פון אַן ערלעכן פּערמער פון אַ באַשטימטער עפּאָכע, וועלכער ליידט פון ערגייציקע פּלענער, נאָר אויך דער פּראָטעסט פון אַ נפש, וואָס איז פול מיט כּוחות, קעגן די פאַרקריפּלונגען, וועלכע ווערן אַריינגעטראָגן אין לעבן דורך די שעדלעכע עלעמענטן, נעמען ביי דעם מענטשן אָפּ די נאַטירלעכע פרייד און זיין גליק. איבער די קונצן און די אינטריגעס, וועלכע האָבן זיך איינגענעסטיקט אין דער פאָלקספאַרזאַמלונג, איבער דעם כאָר פון די קריגערישע אַכאַרנאַיער, איבער די געשרייען פון לאַמאַכאָס, וואָס האָט זיך פון דער מלחמה געמאַכט אַן אומריינע מלאכה, קיניגט די פיגור פון דיקעאָפּאָליסן ווי די פאַרקערפּערונג פון דעם נאַטירלעכן פאַרשטענדיקן לעבן איבער זיין שוים.

נאָך די *אַכאַרנאַיער* ערשיינען אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיעס איינע נאָך די אַנדערע, און אין סך־הכּל שטעלן זיי פאָר אַן איבערראַשנדיק בילד פון די פינסטערע זייטן אין דעם לעבן פון דער אַטענער געזעלשאַפט אין יענער צייט. אויב אין די *אַכאַרנאַיער* שמייסט דער פּאָעט דאָס גרעסטע שלעכטס פון דעם מאָמענט, דהיינו די תּאווה צו אַוואַנטורעס און דעם שאָוויניזם, וועלכע די דעמאַגאָגן האָבן אויסגענוצט, כּדי צו פאַרווירקלעכן זייערע ערגייציקע פּערזענלעכע פּלענער, און וועלכע זיינען געשטאַנען אין וועג צום פרידלעכן גליק פון דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון די געזונטע קרעפטן, זיינען די ערשינענע אין דעם קומענדיקן יאָר *רייטער* געווען אַ בייזע סאַטירע אויף דער דעמאַגאָגישער פּאָליטיק אין אַלגעמיין. צוליב אַריסטאָפאַנעסעס פּאַרטייִשע אָנשוויונגען קען זיין קאָמעדיע ניט דינען אַלס זיכערער קוואַל פאַר דער אָפּשאַצונג פון דער דעמאָלטיקער דעמאָקראַטיע און דערהויפּט פון די דעמאַגאָגן. אין דער

ווירקלעכקייט איז קלעאָן ווייט ניט אַזאַ געווען, ווי אַריסטאָפאַנעס פירט אים אַרוים אין זיינע ריטער. ביי גאָר זיין גראָבקייט און עזות האָט קלעאָן געהאַט ענערגיע און געזונטן פאַרשטאַנד, האָט פיל מאָל דער שטאָט אַטען ערנסטע טובות געטאָן, און ניט אַלע מאָל האָט ער געחנפעט דעם דעמאָס (זע גענויער: בוזוסקול, די געשיכטע פון דער אַטענער דעמאָקראַטיע, זייט 259 און ווייטער). די צענטראַלע פיגור פון דער פיעסע איז דעמאָס אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט ניט פיל שכל און גיט זיך לייכט אונטער פרעמדע איינפלוסן. אַ באַזונדער גרויסע באַדייטונג האָט זיין קנעכט, אַ פאַפלאַגאָנער, לויט זיין מלאכה אַ גאַרבער (אין זיין פערזאָן איז אַרויסגעפירט קלעאָן), וועלכער האַלט דעם אַלטן אין די הענט. צוויי אַנדערע קנעכט זיינען מקנא דעם גליקלעכן קאָנקורענט זייערן און מאַכן קעגן אים אַ פאַרשווערונג. זיי ריידן איין איינעם אַ וואורשטנמאַכער, ער זאָל זיך אונטערלעקן צו דעמאָסן, דערווערבן זיין צוטרויען און מאַכן צו נישט דעם פאַפלאַגאָנערס השפעה אויף אים. מיר זעען, אַז דער אווטאָר פון דער קאָמעדיע האָט ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אַפילו גוט צו באַהאַלטן די לעבעדיקע פערזאָנען, וועלכע ער האָט אַרויסגעפירט: ניקיאַס, דעמאָסטענעס און קלעאָן זיינען געווען ברייט באַקאַנט אין אַטען. אַרום דעמאָסן פלאַקערט זיך פונאַנדער אַ שווערער קאַמף, אין וועלכן עס איז סימבאָליש געשילדערט דער קאַמף פון די דעמאָלטיקע דעמאַגאָגן. אַריסטאָפאַנעס נוצט אוים זיין סוזשעט, כדי צו פאַראייביקן אין קאַריקאַטורישע פאָרמען די מעטאָדן פון דעם דאָזיקן קאַמף. דאָס חנפענען איז געווען דאָס בעסטע מיטל צו באַקומען מיטגעפיל ביים פאָלק. מען האָט דעם פאָלק געחנפעט גראָב, ציניש, פלייסנדיק זיך אין ליבע צו אים און אין איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פון די מאַסן. די רעדעס פון דעם וואורשטנמאַכער און פון דעם פאַפלאַגאָנער, וועלכע באַמיען זיך איבערצושטייגן איינער דעם צווייטן אין דעם לשון פון חניפה, איז אַ גלענצנדער מוסטער פון דעם דאָזיקן פאַרשפרייטן מעטאָד:

דער פאַפלאַגאָנער:

אויב איך האָב דיך ניט ליב, און אויב אין שלאַכט וועל איך פאַר דיר איינער אויף איינעם ניט גיין, — לאָמיך דאָ פאַרלאָרן גיין, זאָל מען מיך צעזעגן, זאָל מען פאַסן שניידן פון מיין רוקן.

וואורשטנמאַכער:

דעמאָס! אין אויב איך האָב דיך ניט ליב, אויב איך שעץ דיך ניט, זאָל מען אויף שטיקלעך מיך צעשניידן און אויסקאָכן. און אויב דו גלויבסט ניט, זאָל מען מיך, צוגעריכט מיט קעז, צעמאָלן אויפן טיש, זאָל מען מיך אין קעראַמיק אויף האָקנס שלעפן.

דער צווייטער געוויינלעכער מעטאָד פון די אָראַטאָרס פון דער ירידה־עפּאָכע פון דער דעמאָקראַטיע — דאָס איז דאָס באַרימערישע אויסרעכענען די אייגענע פאַרדינסטן. מיט סאַרקאַזם, וועלכן עס איז אוממעגלעך נאָכצומאַכן, גיט אַריסטאָפאַנעס איבער די באַרימערישע רעדעס פון די רעדנער, באַנוצנדיק זיך מיט דעם צופאַל, כדי צו שילדערן אויך אַנדערע ניט שיינע זייטן פון זייערע העלדן, זייער אייגננוצן, זייער עגאָיזם, גייציקייט, די פולקומע גלייכגילטיקייט צו די אמתע אינטערעסן פונם פאָלק.

דער פּאַפלאַגאָנער.

דעמאָס! קאָן ער, אַפּנים, אין פאַרגלייך מיט מיר פאַררעכנט ווערן ביי דיר פאַר אַ בעסערן בירגער? ווי איך האָב נאָר דעם ערשטן פּריט געמאַכט אין דער פאָלקספאַרזאַמלונג, האָב איך דאָך פאַר דיר אין דעם מלוכה־אוצר אויפגעדעקט מטמונים גאַנצע. איך האָב ביי לייטן אַרויסגעפּרעסט, געצווינגען און געשטיקט זיי אָן געוויסן — אַבי נאָר ביי דיר נושא־חן צו זיין!

וואורשטנמאַכער.

אַ גרויסער קונץ, אַ, דעמאָס! איך קאָן עס אויך: איך וועל ביי אַנדערע דאָס ברויט אָוועקגנבענען און דיר ברענגען!

וואָס ווייטער דער דראַמאַטישער דיאַלאָג אַנטוויקלט זיך, אַלץ מער עפנט אַריסטאָפאַנעס אָפּ די וואונדן פון דער אָרדענונג, וועלכע ער האָט פּיינט: גנבות, שוחד, מיסברויכונגען פון אַלערליי מינים. און אויב די מנהיגים פונם פאָלק ווערן געשטעמפּלט, איז דאָס פאָלק זעלבסט געשילדערט ניט מיט קיין בעסערע שטריכן. דאָס פאָלק האָט אין דער שילדערונג פון דעם קאָמיקער פאַרלאָרן דעם חוש און דעם שכל צו פאַרשטיין די אייגענע אינטערעסן. מיט עפּעס אַ מתנהלע, וואָס מען רוקט זיי אונטער אין דער געהעריקער צייט, קאָן מען אָפּקויפן די בירגער, וועלכע גיבן אָוועק זייער בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן. דאָס פאָלק האָט פאַרלאָרן די ליבע צו אַרבעט און צו דער עכט־דעמאָקראַטישער איינפאַכקייט פון די מידות. לוקסוס, פּוסטפּאַסיקייט זיינען געוואָרן די אידעאַלן פאַר דער באַפעלקערונג, וואָס האָט געדאַרשט נאָך תענוגים און נאָך לייכטע פּרנסות. דער פּאַפלאַגאָנער און דער וואורשטנמאַכער באַמיען זיך צו פאַרנאַרן דעמאָסן מיט הבטחות פון דעם דאָזיקן מין. „איך, — שרייט אויס דער פּאַפלאַגאָנער, — זאָג דיר צו געלט, און דערביי וועסטו גאָרנישט ניט דאַרפן טאָן“. „און איך, — שלאָגט אים איבער דער וואורשטנמאַכער, — גיב דיר אַ בוטעלע מיט שמירעכץ, צו שמירן די וואונדן אויף די שענקלען!“ „איך וועל דיר אָפּגאָלן די גרויע האָר, און אומקערן דיין יוגנט“. ווייטער לייגט דער וואורשטנמאַכער פאָר דעמאָסן צו קויפן אַן עקל פון אַ האָז, אויסצורייבן די אויגן. דעמאָלט

אין דער פאפלאגאָנער גרייט איבערצוגעבן דעמאָסן אין די הענט זיין קאפ, כדי „שנייצנדיק די נאָז, זאָל ער אָן אים אָפּווישן די פינגער". דער ווורשטנמאַכער פאָדערט, אַז דער דאָזיקער כבוד זאָל אים געהערן, און אַזוי ווייטער. דאָס פלייסן זיך פון די ביידע קנעכט שטייגט איבער יעדע גרענעץ, און אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיע גייט צייטנווייז אַראָפּ פון וועג און ווערט אַ גראָבער פאַרס, ווען מען זאָל צו איר צוגיין פונם שטאַנדפּונקט פון אונזערע היינטיקע עסטעטישע פאָדערונגען. אויסגעשעפּט אַלע וועגן צוצוציען דעמאָסן אויף זיין זייט, כאַפּן זיך דער פאַפלאַגאָנער און דער ווורשטנמאַכער פאַר דעם לעצטן מיטל. ביידע קומען זיי מיט אָראַקלען. יעדערער פון די צוויי קאָנקורענטן ברענגט אַן אָראַקל, וואָס רעדט פאַר אים גוטס. די סצענע מיט די אָראַקלען באַווייזט, אויף וויפל די פּאָליטיק-טרייבערײַ האָט באַהערשט די מוחות, אַז מען האָט זיך ניט געשעמט צו פּראָפאַנירן דאָס גרעסטע גריכישע הייליקטום, אַבי צו כאַפּן דאָס פאָלק אויף דער וועגטקע. די קאָמעדיע ענדיקט זיך מיט דעם נצחון פון דעם ווורשטנמאַכער, וועלכן עס געלינגט צו באַזייטיקן דעם פאַפלאַגאָנער און באַקומען צוטרוי מצד דעמאָסן.

די קאָמעדיע „ריטער" שילדערט דאָס אומגליק פון איינעם אַ סטרעפּסיאַדעס, וועלכער האָט צרות פון דער פאַרשווענדעריי פון זיין זון פידיפּידעס און פון דער אויסברענגעריין דער ווייב, וועלכע סטרעפּסיאַדעס, אַ פּשוטער פויער, האָט גענומען פון אַ פריצישער משפּחה. סטרעפּסיאַדעס האָפט צו פאַרריכטן זיינע עסקים מיט איין מיטל, דהיינו: אַוועקשיקן דעם זון אין דער שול פון די סאָפיסטן, וואו „מען לערנט, ווי אויסצושפּילן אין געריכט סיי גערעכטע סיי אומגערעכטע פּראָצעסן". ווען פידיפּידעס וואָלט זיך אויסגעלערנט די דאָזיקע וויסנשאַפט, וואָלט סטרעפּסיאַדעס זיך געקאָנט באַפרייען פון צאָלן זיינע חובות, וועלכע ער האָט אָנגעמאַכט צוליב דעם זון. ווען דער זון האָט זיך דערפון קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, קומט סטרעפּסיאַדעס אַליין אָן אין דער דאָזיקער שול. ער דערזעט דאָ פיל סאָקראַטעסעס תלמידים און זייער לערער זעלבסט הענגענדיק אין אַ קויש אין דער לופטן. סאָקראַטעס מאַכט סטרעפּסיאַדעסן באַקאַנט מיט זיינע גאָטהייטן — די וואָלקנס, וועלכע די סאָפיסטן פאַרגעטערן. סאָקראַטעס ווייס ניט פון קיין אַנדערע געטער אויסער די וואָלקנס, וועלכע עס ענדערן יעדע רגע זייער מראה, און אפילו צעוסן דעם אָלימפּיער גופא וואַרפט ער אָפּ מיט פאַראַכטונג. די וואָלקנס אין סאָקראַטעס ציינן סטרעפּסיאַדעסן איבער, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם גלויבן פון זיינע עלטערן און זאָגן אים צו אויסצולערנען אים אַזוי שיין ריידן, אַז ער וועט אין דער הינזיכט „אַוועק פון אַלע גריכן פאַראויס

אויף טויזנט סטאַדיעס". אָבער סאָקראַטעס טרייבט סטרעפּסיאַדעסן אינ־גיכן אַרויס פאַר זיין אומפעיקייט און שוואַכן זכרון, און דאָס מאָל נע־לינגט דעם אַלטן איבערצורייידן דעם זון, ער זאָל גיין אין דער שול. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט, לערנט פידיפּידעס סטרעפּסיאַדעסן, ווי ער זאָל פּטור ווערן פון זיינע בעלי־חובות. די לעצטע קומען איינער נאָך דעם אַנדערן מיט זייערע פּרעטענזיעס, און סטרעפּסיאַדעסעס שמועס מיט זיי — דאָס איז אַ פּאַראָדיע אויף דער דעמאָלטיקער דריייעריי. ווען איינער פון די קרעדיטאָרן, אַמיניאַס, סטראַשעט סטרעפּסיאַדעסן מיטן געריכט, קומט צווישן זיי פאַר פאָלגנדיקער דיאַלאָג:

סטרעפּסיאַדעס:

זאָג מיר, ווי מיינסטו, ביי יעדן רעגן פאַלט אויף דער ערד נייע וואַסער, אָדער אַלץ דאָס זעלביקע וואַסער, וואָס די זון ציט צו פון דעם איבערפלאַך פון דער ערד?

אַמיניאַס:

דאָס ווייס איך ניט, און עס אינטערעסירט מיך אפילו ניט.

סטרעפּסיאַדעס:

טאָ ווי זשע קאָנסטו פאָדערן געלט, אויב דו ווייסט גאָרנישט ניט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אויפן הימל?

אַמיניאַס:

הער, אויב דו האָסט ניט קיין געלט, טאָ גיב מיר כאָטשי דעם פּראָצענט.

סטרעפּסיאַדעס:

און וואָס פאַר אַ מין בריאה איז עס פּראָצענט?

אַמיניאַס:

דאָס איז דאָס, וואָס עס וואַקסט פון טאָג צו טאָג און פון חודש צו חודש, אומקענטיק און אַלץ מער און מער לויט דעם סכום פון דעם קרן.

סטרעפּסיאַדעס:

אויסגעצייכנט. נו, און ווי מיינסטו, — וואָבער איז אין ים איצט מער פאַראַן, איידער עס איז אַמאָל געווען?

אַמיניאַס:

אָן שום ספק, די זעלביקע מאָס. עס קאָן ניט ווערן מער.

סטרעפּסיאַדעס:

הייסט עס, אַז דער ים ווערט לגמרי ניט מער, הגם ער נעמט אין זיך אַריין די טייכן. ווי זשע ווילסטו, שוטה, אַז דיין קאַפּיטאַל זאָל זיך פאַרגרעסערן?

די דאָזיקע סצענע, ניט געקוקט אויף איר פּרימיטיוון הומאָר, אילוסטרירט אויסגעצייכנט די דעמאָלטיקע דריידלעך, די מעטאָדן פון די, וואָס האָבן זיך צווישן זיך געמשפּט; די דאָזיקע מיטלען, וועלכע פאַרטונקלען דעם עצם ענין דורך גראָבע אַנאַלאָגיעס און פאַרגלייכונגען. סוף כל סוף באַקומט סטרעפּסיאַדעס אַ שטראָף ווי געהעריק. זיין אייגענער זון פידיפּידעס האָט אים אָנגעשלאָגן, ווען זיי האָבן זיך געאַמפּערט וועגן די מעלות פון עוריפּידעסן. דער אויפגעבראַכטער פאָטער דערמאָנט דעם זון וועגן דעם, ווי ער האָט פאַר אים געזאָרגט זינט דער סאַמע צאַרטער קינדהייט זיינער. אָבער פידיפּידעס צעקלאַפּט אַלע זיינע באַשולדיקונגען מיט סאָפיסטישע אַרגומענטן, וועלכע האָבן געזאָלט דערווייזן די שלעכטע רעזולטאַטן פון דער נייער לערע. „דו האָסט מיך געשלאָגן, ווען איך בין געווען אַ קינד?“ — פרעגט פידיפּידעס. „יאָ, אָבער נאָר ווינטשנדיק דיר גוטס, צוליב דיין אייגענעם נוצן“, — ענטפערט דער פאָטער. דעמאָלט לאָזט זיך דער זון פונאַנדער מיט אַזאַ מין רעדע: „זאָג, אויב שלאָגן הייסט ווינטשן גוטס, טאָ קאָן איך אפשר אויך דיך שלאָגן, מחמת איך ווינטש דיר גוטס? פאַרוואָס טאָר מען ניט דיין רוקן בייקערן, און מיינעם טאָר מען יאָ? איך בין דאָך אויך אַזאַ פרייער בירגער, ווי דו. לויט אייער מיינונג קאָנען קינדער וויינען, ווען מען שלאָגט זיי, און די טאַטעס קאָנען ניט וויינען! דו וועסט מיר ענטפערן, אַז לויטן געזעץ דאַרפן די געשלאָגענע זיין די קינדער, און איך וועל דיר ענטפערן, אַז די אַלטע זיינען צוויי מאָל קינדער, אַלזאָ דאַרף מען די אַלטע נאָך שטרענגער באַשטראָפן, איידער די יונגע, וואָרעם זיי טאָרן אוודאי שוין ניט טאָן קיין נאַרישקייטן“. ווען סטרעפּסיאַדעס איז זיך סומך אויפן געזעץ, וואָס פאַרבאָט אַזאַ מין באַגיין זיך מיט עלטערן, ענטפערט פידיפּידעס: „און דער, וואָס האָט דער ערשטער פאַרפאַסט דעם דאָזיקן געזעץ, איז אַפנים געווען ניט אַזאַ מענטש, ווי דו און איך? אים האָט זיך איינגעגעבן מיט זיינע פאָרשטעלונגען איבערצוצייגן אונזערע זיידעס און עלטערזיידעס; פאַרוואָס־זשע זאָל איך ניט האָבן די זעלביקע רעכט פאָרצולייגן אַ נייע געזעץ, וואָס זאָל אויף דער וויטערדיקער צייט געבן קינדער דאָס רעכט צו שלאָגן די טאַטעס?“ און אַז. וו. אַ דערשלאָגענער פון דעם זונס אַרגומענטאַציע, פאַרשילט סטרעפּסיאַדעס דעם טאָג, ווען אים איז געקומען אויפן זינען צו ווענדן זיך צו דער נייער לערע און אָפּצוזאָגן זיך פון די געטער און ער מיט זיינע קנעכט צינדן אונטער סאָקראַטעסעס שול.

וואָס ברייטער עס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט דעם פאָטעס שאַפונג, אַלץ העלער זיינען אַרויסגעטראָטן די טונקעלע זייטן פון דעם אַטענער לעבן. אין דער וויטערדיקער, נאָך די וואָלקנס, קאָמעדיע

ו ו ע ס פ ע ס ווערט אויסגעלאַכט די תאווה פון די אַטענער צו פירן פּראָצעסן. מיר ווייסן שוין, אַז אין דער עפּאָכע פון דער ירידה האָט דער משפט פון די העמאַסטן געשפילט אַ וויכטיקע ראָלע און האָט געדינט אַלס געוועער פון פּאָליטישן קאַמף, אַלס מיטל אין די הענט פון די דעמאַגאָגן. אַלע בירגער זיינען געוואָרן שופטים, און דער געריכטס־פּראָצעס פלעגט אָפט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאָליטישן וואָטום. די תאווה צו פּראָצעסן האָט אַזוי ווייט באַהערשט דעם עולם, אַז דאָס אַטענער לעבן האָט אויסגעאַרבעט אַ באַזונדער מין מאַניאַקן. אַ טיפּ פון אַזאַ מאַניאַק איז אַרויסגעפירט אין דער פּערזאָן פון פילאָקלעאָנען, דעם העלד פון דער דערמאָנטער קאָמעדיע.

„אים האָט אויסגעפיניקט די תאווה צו פּראָצעסן אין געריכטן, ער האָט ווי דאָס לעבן ליב צו משפטן; ער איז גרייט צו רעווען, אויב ער קריגט אין געריכט נישט קיין אָרט אויף דער ערשטער באַנק. ער ווייס בײַנאַכט נישט פון קיין ברעקל שלאָף, און ווי נאָר די אויגן שליסן זיך ביי אים — טראָגט ער זיך תיכף מיטן געדאַנק אַוועק אין געריכטס־הויז, אַלץ צו דעם וואַסערזייגער. ער איז געוווינט אויף שערבלעך צו געבן זיין שטים: ווי ער כאַפּט זיך אויף, זיינען ביי אים צונויפגעלייגט דריי פינגער, אַזוי ווי מיט ווייראַך פאַר די קרבנות פון ראש־חודש“.

דערפירט ביז יאוש דורך דער דאָזיקער מאַניע פון דעם זקן, האָט אים דער זון פאַרשפּאַרט אין שטוב, און אַוועקגעשטעלט צוויי שומרים אים צו היטן. דעם הויפּט־אינהאַלט פון דער קאָמעדיע בילדן די אומגעלונגענע פּראָבעס מצד דעם פאַרשפּאַרטן, וועלכער רייסט זיך אין געריכט. ער קריכט איבער די רעגנרינעס, רייסט זיך אַרויס דורך די קוימענס, ווי אַ רויך. ענדלעך טראַכט ער צו אַ שפּיצל, נעגליכן צו אָדיסעוס אין דער הייל פון פּאָליפעמאָס. ער בינדט זיך צו צו דעם בויך פון אַן אייזל, וועלכער איז באַשטימט צום פאַרקויפן. אָבער אַלע זיינע פּראָבעס גיבן זיך נישט איין, און זיין זון נעמט אָן שטרענגע מיטלען, כּדי נישט צו לאָזן אים אַנטלויפן.

די צוויי ווייטערדיקע צו אונדז דערגאַנגענע פּיעסן, ש ל ו ם און פ י י ג ל, צייכענען זיך אויס מיט אַ פאַנטאַסטישן אינהאַלט און האַלטן אין זיך איין רמזים און אָפטמאָל אויך אַלעגאָרישע בילדער, וועלכע שפּיגלען אָפּ די געשעענישן פון יענער צייט. די קאָמעדיע ש ל ו ם, וואָס איר סוזשעט איז, ווי אַזוי דער אַטענער טריגעוס האָט באַפרייט פון געפאַנגענשאַפט די געטין פון שלום. האָט געוואָלט דינען צו דערהויבן די אידעע פון שלום. אין די פ י י ג ל איז געשילדערט די פּראָבע פון צוויי אַטענער, צו פאַרצאַמען דעם וועג צווישן הימל און ערד; אַלס צאַם האָבן געוואָלט דינען די פייגל, וועלכע וועלן פאַרנעמען דעם אָרט פון

די געטער; די געטער, וועלכע וועלן בלייבן אָן קרבנות, וועלן זיי אָפּטרעטן זייער הערשאַפט. דער פּלאַן ווערט פאַרווירקלעכט, און די פאַנטאַסטישע מלוכה פון די פייגל גיט דעם פּאָעט די מעגלעכקייט אַרויסצופירן אַ ריי טיפּן, שטאַרק אויסצולאַכן די שלעכטע מידות און די אומגעלומפּערטע אונטערנעמונגען פון זיין צייט אין אַטען. אַ פולע רמזים אויף טאָג־פראַגן, וועלכע האָבן מסתמא אַרויסגערופן גרויס געלעכטער ביי די צישויער דעמאָלט, זיינען פאַר אונזער צייט אומפאַרשטענדלעך, און זייער אינהאַלט איז פון אונז פאַרבאָרגן, ווי פון אונז זיינען אויף אייביק פאַרהוילן די לעבעדיקע פּערזאָנען, וועלכע האָבן געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר דעם פּאָעטס געלעכטער.

אין די צוויי פאָלגנדיקע אונז באַקאַנטע פּיעסן, ליזיסטראַטע און די ווייבער אויפן יום־טוב פון די טעסמאָפאָריעס, איז די הויפּט־ראָלע איבערגעגעבן צו דעם כאָר פון פרויען. אין ליזיסטראַטע טרעטן אַרויס די פרויען אונטער דער אָנפירונג פון ליזיסטראַטען צו פאַרטיידיקן דעם שלום, און זיי פאָדערן, עס זאָל נעמען אַ סוף צו דעם פעלאָפּאָנעסער קריג. צו דעם ציל פאַרכאַפּן זיי ניט נאָר די רעגירונג און פאַרנעמען דעם אַקראָפּאָלים, נאָר זיי זאָגן זיך אָפּ פון זייערע ווייבערשע פליכטן, כדי צו ווירקן אויף די מענער. אין דער צווייטער קאָמעדיע משפּטן די פרויען אויף דעם יום־טוב פון טעסמאָפאָריע עוריפּידעסן פאַר זיינע אָנפאַלן אויף די פרויען. קעגן דעם באַרימטן טראַגיקער ווערן געהאַלטן באַשולדיקונגס־רעדעס. ער מאַכט אין זיינע טראַגעדיעס די פרויען צו שאַנד און זאָגט אויף זיי אַ ליגן, ווען ער באַהויפּט, אַז זיי זיינען „אויסגעלאַסענע, שוואַרצע ראָבן, שיכורטעס און דאָס אומגליק פון די מענער". די דאָזיקע אָנפאַלן מצד דעם פּאָעט טראָגן אַריין מחלוקתן אין די משפּחות. ווען די מענער קומען צוריק פון טעאַטער, קוקן זיי קרום אויף די ווייבער אונטער דער השפּעה פון דעם טראַגיקערס אָנפאַלן, וואָס זיי האָבן דאָרט געהערט. אַלטע לייט האָבן מער ניט קיין חתונה מיט יונגע מיידלעך, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי יונגע ווייבער נאַרן אָפּ דעם אַלטן מאַן. אייפערזיכטיקע מאַנען פאַרשפאַרן די ווייבער אונטערן שלאָס, און האַלטן אַזעלכע הינט, וועלכע וואַרפן אויף אַלעמען אַ מורא. איינע פון די פרויען פאַרשילט עוריפּידעסן דערפאַר, וואָס ער האָט איר געלאָזן אָן פאַרדינסט: זי האָט זיך פאַרנומען מיט פלעכטן און פאַרקויפן קרענץ; איצט האָט עוריפּידעס צעשטערט דעם גלויבן אין די געטער, און עס ווערן געפאָדערט קרענץ צוויי מאָל ווייניקער. אַריסטאָפאַנעס נוצט אויס דעם שעת־הכושר, כדי אַ ביס צו טאָן דעם שריפטשטעלער, וועלכן ער האָט ניט ליב, און

לייגט אָפט אַריין אין מויל פון די פרויען די רייד וועגן דעם, וואָס עוריפּידעס איז אַ זון פון אַ הענדלערין מיט גרינס. די דאָזיקע קאָמעדיע איז ניט בלויז אַן אָנפאַל אויף עוריפּידעסן, זי איז אין דער זעלביקער צייט אויך אַ סאַטירע אויף דער מאָראַל פון דעם אַוואָרם צייט. דער מאַנסביל מנעזילאָכאָס, וועלכער האָט זיך אַדורכגעשמוגלט אין ווייבערשע קליידער אויף דעם יום־טוב, דערוויזט, אַז עוריפּידעס האָט געשילדערט נאָר דעם קלענסטן טייל פון יענע פעלערן, וועלכע געפינען זיך אין די פרויען. כדי צו באַפעסטיקן זיין געדאַנק, ברענגט מנעזילאָכאָס אַ שורה פאַקטן, וואָס פּובליקירן זיי וואָלט ניט יעדע צענזור ערלויבט. די דאָזיקע ביידע קאָמעדיעס, פונקט ווי די פיל שפּעטער אָנגעשריבענע קאָמעדיע ווייבער אין דער פאָלקספאַרזאַמלונג, זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ברייט אַנטוויקלטער פרויען־באַוועגונג. שוין ביי עוריפּידעסן באַגעגענען מיר שטאַרקע פרויען (מעדעיע), וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער אונטערטעניקער לאַגע פון די פרויען. אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיעס, מיט אַלע גוזמאות, וואָס זיי האַלטן אין זיך איין, דערוויזן, אַז די פרויען האָבן פאַר זיך ענערגיש געפאָדערט רעכט, האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, און אַז דער קאַמף פון די פרויען פאַר גלייכבאַרעכטיקונג איז געווען אַן אָנגעווייטאָגטע טאָג־פראַגע. באַזונדער כאַראַקטעריסטיש איז די דריטע קאָמעדיע ווייבער אין דער פאָלקספאַרזאַמלונג, וואו אונטער דער אָנפירונג פון דער ענערגישער פּראַקסאַגאָרען קריטיקירן די פרויען שאַרף די הנהגה פון די מאַנסבילן און זיי פאָדערן אַ נייע מלוכה־אָרדענונג אויף יסודות פון פרייהייט און גלייכהייט, געמיינשאַפט פון ווייבער און פאַרמעגן.

אַריסטאָפאַנעס האָט ניט בלויז אָנגערירט אַלע גרונט־פראַגן, וועלכע עס האָט אַרויסגערוקט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דעמאָלטיקן אַטען: ער האָט אויפגעהויבן אַ ריי פראַגן פון דער ספערע, צו וועלכער ער האָט געהערט פּראָפעסיאָנעל. ליטעראַטור און שאַפונג, די שריפטשטעלער פון זיין צייט, די געזעצן פון עסטעטיק, די מעטאָדן פון די דעמאָלטיקע דראַמאַטורגן און די באַציִונג צו זיי מצד דער אַטענער געזעלשאַפט — אַלע טעמעס זיינען ניט איינמאָל באַרירט געוואָרן אין דער אַריסטאָפאַנישער קאָמעדיע. מיר האָבן געזען, ווי פאָרזיכטיק עס האָט זיך צו זיין ליטעראַרישער קאַריערע באַצויגן דער באַרימטער קאָמיקער, וועלכער האָט זיך אַ לאַנגע צייט ניט באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן אונטער זיין אייגענעם נאָמען. ער האָט גוט אויסגעשטודירט די ענדערלעכקייט פון דעם אַטענער פאָלק, האָט גוט געוואוסט די אומשטאַנד־

האַפטיקייט פון זיינע ליטעראַרישע געשמאַקן און סימפּאַטיעס. מיר האָבן געזען, אַז אַריסטאָפאַנעס האָט אַנטוויקלט ברייט און דרייסט די ליטעראַרישע פּאָלעמיק אין זיינע קאָמעדיעס, באַזונדער שאַרף קריטיקירנדיק עוריפּידעסן. דאָס ווערק, וואָס איז אַממערסטן כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט, איז די קאָמעדיע פרעש. זי איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ ביסל פריער פאַר דעם באַוואוסטן שלאַכט ביי עגאָס-פּאָטאַמאָס, — דעם שלאַכט, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אַמאָליקער מאַכט פון אַטען. דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער קאָמעדיע — דער דועל צווישן אייסכילאָסן מיט עוריפּידעסן אין דער אונטערערדישער מלוכה.ביידע פּאָעטן זיינען שוין געשטאָרבן, און דאָ אין האַדעס אַמפּערן זיי זיך פאַר דיאָניזאָסן. זייער אַמפּעריי איז אַ טייערער מוסטער פון דער דעמאָלטיקער קריטיק און פּאָלעמיק. פילע פון די געדאַנקען, וואָס סיי דער, סיי יענער פּאָעט זאָגן אַרויס, ווייזן אונז אויס ווי קליינלעכע, וועלכע פאַרדינען ניט קיין אויפמערקזאַמקייט. פונדעסטוועגן זיינען אָבער אין דעם דאָזיקן קריג קלאָר אָנגעצייכנט די באַזונדערהייטן פון דער שאַפונג פון ביידע פּאָעטן, און קענטיק, אַז די דאָזיקע באַזונדערהייטן זיינען ניט געבליבן פאַרהוילן פון אַריסטאָפאַנעסעס בליק. עוריפּידעס באַשולדיקט זיין קעגנער, אַז ער איז אַ רמאַי און אַ באַרימער, נאַרט די צושויער, וועלכע פאַרשטייען גאָרנישט אין דער קונסט. „ער פלעגט אַוועקזעצן אַ פּערזאָן, גוט פאַרוויקלט, ווי אַכילעסן, צי ניאָבען, און אַפילו דעם פּנים ניט באַווייזן, פּונקט ווי טראַגישע ליאַלקעס, וועלכע קאָנען ניט קיין פּיפּס טאָן אַפילו". דיאָניזאָס אַליין באַשטעטיקט די דאָזיקע באַשולדיקונג קעגן אייסכילאָסן, וועלכער פירט אָפּטמאָל אַרויס שווייגעדיקע פּערזאָנען, הגם ער גיט צו, אַז ס'דאָזיקע שווייגן געפעלט אים מער, איידער די רייד פון די היינטיקע פּלאַפּלער. ווייטער שטעלט עוריפּידעס אַרויס קעגן אייסכילאָסן די באַשולדיקונג, אַז די רייד פון די דאָזיקע שווייגעדיקע סוביעקטן, ווען זיי הייבן שוין אָן צו ריידן, צייכנט זיך אויס מיט אומקלאָרקייט; זייערע ווערטער זיינען: „סטראַשידלעס שרעקלעכע, וועלכע די צושויער פאַרשטייען ניט". להיפּך צו זיין קעגנער, שרייבט עוריפּידעס זיך צו דעם פאַרדינסט, וואָס איבערגענומען פון אייסכילאָסן „אַ טראַגעדיע, אַ צעשוואָלענע פון הויכע און שווערוואָגיקע ווערטער", האָט ער זי לכתחילה אַוועקגעזעצט אויף אַ דיעטע, און „דאָס פעטס פון איר אַראָפּגעטריבן מיט לייכטע ווערטער, מיט שפּאַצירן און מיט ווייסע בוריקעס, און געגעבן אַ מיקסטור פון פּלאַפּלעריי, וועלכע ער האָט אויסגעקאָכט פון ביכער". „איך, — זאָגט ער, — האָב ניט געפּלאַפּלט, וואָס עס איז געקומען אויף דער צונג און האָב ניט אַלץ צענויפגעזאַמלט אין אַ קופּע, און די, וועמען איך האָב

אויף דער סצענע אַרויסגעפירט, האָבן גלייך געמאָלדן וועגן דעם, וואָס איז עס פאַר אַ מין פיעסע". ביי גאָר דער פּאָלעמישער היץ און די קאַריקאַטורישע גוזמאות איז קלאָר, אַז עוריפּידעס האָט אַרויסגעשטעלט די איינפאַכקייט אָן דעם רעאַלן כאַראַקטער פון זיין שאַפן קעגן דעם סימבאָליזם און דער נעפּלהאַפטקייט פון דער אייסכילישער טראַגעדיע. ער שטרייכט אונטער דעם פאַקט, אַז ער האָט ניט אַרויסגעפירט קיין שווייגעדיקע העלדן, אַז תיכף נאָך די ערשטע פערזן האָבן שוין ביי אים גערעדט „סיי די פרוי, סיי אויך אַזוי דער קנעכט און דער האַר, סיי די יונגע מיידל, סיי די זקנה". אייסכילאָס, פאַרקערט, האַלט, אַז ס'איז אַ דערנידערונג פאַר דער טראַגעדיע די רעפאָרם, וואָס עוריפּידעס האָט אַריינגעבראַכט. אין דער ווייטערדיקער פּאָלעמיק ווערן קלאָר די אויפגאַבן, וואָס די פּאָעזיע דאַרף פאַרפאָלגן. לויט עוריפּידעסעס מיינונג דאַרפן מיר זיך „בוקן צו די פּאָעטן פאַר זייער קונסט און ראַט, וועלכע פירן די מענטשן צו גוטס אין זייערע מלוכות". אייסכילאָס מאַכט דערויף אַ באַמערקונג, אַז עוריפּידעס האָט ניט בלויז דאָס ניט געטאָן, נאָר פאַרקערט, ער האָט ערלעכע און גוטע מענטשן פאַרוואַנדלט אין טויגעניכטסן. ער, אייסכילאָס, האָט אים איבערגעלאָזן אַ ירושה פון גרויסע העלדן: אין דער טראַגעדיע זיבן קעגן טעבען לערנט ער די בירגער, זיי זאָלן פול זיין מיט קריגערישן מוט, די פּערסן האָבן אין זיי געוועקט דעם דאָרשט מנצח צו זיין די שונאים, און אַז. וו. עוריפּידעס, פאַרקערט, האָט אַרויסגעפירט אויף דער סצענע בילדער פון אויסגעלאַסנקייט און פון חרפּה, בשעת דער פּאָעט איז מחויב צו באַהאַלטן דאָס נידעריקע און צו שילדערן דאָס געהויבענע. מיט זיין סוזשעט באַנוצט זיך אַריסטאָפאַנעס צו פאָרמולירן זיינע באַשולדיקונגען קעגן עוריפּידעסן. דער אַווטאָר פון די פרעש שרייבט צו דעם דאָזיקן טראַגיקער אַ שעדלעכע השפּעה אויף דער מאַסע, און דערהויפּט אויף דער יוגנט. עוריפּידעס איז לויט זיין מיינונג געווען די סיבה דערפון, וואָס דער אַלטער גלויבן, די פרומקייט, די געהאָרכזאַמקייט פון אַמאָליקע צייטן איז געפאַלן, ער האָט אַריינגעבראַכט פּריווינקע געדאַנקען און די תאווה צו פוסטע דיבורים. די קאָמעדיע ענדיקט זיך מיט אייסכילאָסעס נצחון, און עוריפּידעס מוז אָפּטרעטן מיט חרפּה.

ווען מען זאָל נאָך דערמאָנען די קאָמעדיע פּלוטאָס, וועלכע איז אָנגעשריבן אַלץ אויף דעם זעלביקן סוזשעט וועגן די שלעכטע מידות פון דער אַטענער געזעלשאַפט און וועגן די פינסטערע זייטן פון דעם דעמאָלטיקן לעבן, וועט די ליטעראַרישע עשירות, וואָס איז געבליבן נאָך אַריסטאָפאַנעסן, זיין אויסגעשעפּט.

דער איבערזיכט פון די אַריסטאָפאַנישע קאָמעדיעס ערלויבט צו באַשטימען די עיקרשטע אייגנשאַפטן פון זיין שאַפן און די גרונדשטריכן פון זיין וועלט־אָנשויונג. אַריסטאָפאַנעס לאַכט אָן רחמנות אויס אַלע זייטן פון דעם נייען לעבן, אָבער אין דער זעלביקער צייט איז ער אַליין אַ זון פון דער דאָזיקער אויסגעלאַסענער עפּאָכע. אַרויסטרעטנדיק אין זיינע קאָמעדיעס אַלס פאַרטיידיקער פון דער גוטער אַלטער צייט, האָט ער אומבאַוואוסטזיניק איבערגענומען אַ פולע אידעען און שטימונגען, קעגן וועלכע ער האָט געקעמפט. ער לאַכט אָן רחמנות אויס די נייסטע אומגלויביקייט און די סאָפיסטישע פילאָסאָפיע, רופנדיק צו בוינגן זיך פאַר דער אַמאָליקער פרומקייט, און אין דער זעלביקער צייט האָט ער זיך אַליין ערלויבט חלול־הקודש קעגן די געטער. אָנפאַלנדיק אויף דער עוריפידישער טראַגעדיע, האָט אַריסטאָפאַנעס פונדעסטוועגן אַליין אַריבערגעטראָגן אין זיינע קאָמעדיעס יענע ענדערונגען, וועלכע די דראַמאַטישע קונסט האָט אָנגענומען. פאַרוואַנדלענדיק די סצענע אין אַ טריבונע און אין אַן אָרט פון פּאָליטישן קאַמף, האָט ער זיך מער פאַר אַלץ דערנענטערט דווקא צו עוריפידעסן. דער פאָעט איז פון זיין שטאַנדפונקט אַ לערער און אַ פריידיקער, וואָס זיין חוב איז באַשטאַנען אין דעם, צו פאַרוואַנדלען שלעכטע מענטשן אין אויפגעקלערטע און נוצלעכע בירגער. שוין ניט איינמאָל האָט מען באַמערקט, אַז ביי גאָר זיין פיינדלעכער באַציִונג צו עוריפידעסן, איז אַריסטאָפאַנעס אין פיל הינזיכטן אונטערגעפאַלן אונטער זיין השפעה. פונקט ווי ביי זיין קעגנער, אַזוי אויך ביי אים ווערט גאָר פון אָנהייב אָן אין דער פיעסע קלאָר איר פאַבולע, די כוונות און די פּלענער פון די העלדן. דערהויפּט ווייזט ער זיך אַרויס פאַר עוריפידעסעס אַ תלמיד אין דעם ענין פון רעפאָרמירן דעם כאָר, וועלכער איז ביי אים אָדער גאָר ניטאָ, אָדער ער ווערט פאַרביטן מיט אָרקעסטרישער, צי מוזיקאַלישער אויספירונג. אַ קעגנער פון ציניזם און פון פאַיאַציסקייט, אַ שונא פון כאָפּיזם, פּלפּול און פון לייכטזיניקער באַציִונג צו פּאָליטישע פראַגן, איז ער אין דער זעלביקער צייט ווייט ניט פריי פון די אַלע אייגנשאַפטן. זיין סאַטירע איז ניט פריי פון גראָבקייט און פון ציניזם, און זיינע אָנפאַלן אויף די געזעלשאַפטלעכע חסרונות און ליטעראַרישע קעגנער דערמאָנען אָפט אָן אַ פאַסקוויל. בכלל איז עס אַ סאַטירע, וועלכע איז דורכגעדרונגען לגמרי מיט דעם גייסט פון דער צייט, ווען דער קאַמף צווישן פרינציפּן איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ קאַמף צווישן פערזענלעכקייטן. דאָס איז געווען די עפּאָכע, ווען ברייטע פּאָליטישע ריכטונגען זיינען געפאַלן, ווען עס איז בטל געוואָרן די רעפּובליקאַנישע גבורה, ווען מיט דעם וואוילשטאַנד פון דעם פאָטערלאַנד האָט

מען געשפּילט לשם פּערזענלעכע אינטערעסן. און אויף אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די דאָזיקע ירידה פון דער אַטענער געזעלשאַפט. די אַטענער זיינען געוויינט געוואָרן צו דעם דאָזיקן טאָן, צו זידלעריי און ציניזם, און די גראָבע ערטער אין אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיעס האָבן פולקום אַנטשפּראָכן די געשמאַקן און די באַדערפענישן פון דעם עולם. ניט געקוקט אויף די דאָזיקע חסרונות, אויף דער גראָבקייט פון דער סאַטירע, וועלכע איז אָפטמאָל אַריבער אין פאָרם און קאַריקאַטור, בלייבן אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיעס איבער אַלס ווערטפול בילד פון די נעגאַטיווע זייטן פון דעם אַטענער לעבן, מחמת דער לעבעדיקייט פון די געשילדערטע פיגורן, דער רייכקייט און דער שפע פון בולטע שטייגערסצענעס, דעם אַלזייטיקן כאַראַקטער פון די באַרירטע פראַגן. דער שאָוויניזם פון דעם אַטענער פאָלק, זיין לייכטזיניקע תאווה צו אַוואַנטורעס, דאָס אייגנוצן און די ערגייציקייט פון די דעמאַגאָגן, די מאָראַלישע אויסגעלאַסנקייט פון די ריטערס און די סאָפיסטן, די פאָליטיקעריי און די פאַרקאָכטקייט אין געריכט-פּראָצעסן, דאָס פאַלן פון דעם אמתן עסטעטישן געשמאַק — אַלע חסרונות פון דער וואולגאַרגעוואָרענער דעמאָקראַטיע זיינען צוגעשטעלט געוואָרן צום שאַנדסלופּ דורך דעם גלענצנדן פאָרשטייער פון דער אַטענער קאָמעדיע.

אַריסטאָפאַנעס — דאָס איז דער לעצטער גרויסער נאָמען פון דעם קלאַסישן פּעריאָד פון דער גריכישער פּאָעזיע. אָבער די עטלעכע צענדליק פּיעסן, וועלכע זיינען געבליבן פון דער דראַמאַטישער שאַפונג פון דעם גריכישן פאָלק, זיינען ניט געווען דער איינציקער דענקמאָל, וועלכער איז אין אַ משך פון יאָרהונדערטן געשטאַנען אַלס אַן אומדערגרייכבאַרער מוסטער פאַר די אויגן פון די אייראָפּעישע דראַמאַטישע שריפטשטעלער. צו אונז איז אויך דערגאַנגען די טעאָריע פון דער טראַגעדיע. אמת, די אַריסטאָטעלישע פּאָעטיק איז פאַרבליבן אין אַ צעקאַלעטשעטער פאָרם, גיכער אין דער פאָרם פון אַ פראַגמענט, איידער פון אַ גאַנצן ווערק. אָבער דער דאָזיקער קליינער טראַקטאַט האָט געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף דער אייראָפּעישער געזעלשאַפט, אַז פאַרענדיקן דעם איבערזיכט פון דער גריכישער קינסטלערישער ליטעראַטור, ניט דערמאָנענדיק וועגן דעם באַרימטן ווערק פון אַריסטאָטעלעס, וואָלט געווען אַ גרויסער בלויז. אַריסטאָטעלעס איז געבוירן געוואָרן אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך אַריסטאָפאַנעסעס טויט, ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט דער סאַמע גלענצנדער פּעריאָד פון דער גריכישער ציוויליזאַציע, און ער האָט שוין געקענט אונטערפירן דעם סך-הכל פון איר פּאָעזיע. צום באַדויערן, ערלויבט אונז ניט דער פאַרדאָרבענער טעקסט, וואָס איז צו אונז דערגאַנגען, אויפצו-

שטעלן אין איר גאַנצקייט די עסטעטישע טעאָריע פון אַריסטאָטעלעסן, וועלכער האָט צוגעזאָגט אין זיין טראַקטאַט צו ריידן „סיי וועגן פּאָעזיע אין אַלגעמיין, סיי וועגן אירע באַזונדערע מינים בפרט". אין דעם פאַרבליבענעם טייל פון דער פּאָעטיק ווערט גערעדט וועגן דער טראַגעדיע און טיילווייז וועגן עפּאָס. די דראַמאַטישע קונסט שטייט אין צענטער פון דער אַריסטאָטעלישער טעאָריע, וועלכע איז אויסגעבילדעט געוואָרן אין דער עפּאָכע, ווען די דראַמע האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער גריכישער ליטעראַטור, און אפילו אין דעם עפּאָס איז אַריסטאָטעלעס מער איידער אַלץ פאַראינטערעסירט מיט דער דראַמאַטישער זייט.

פּאָעזיע דאָס איז אַ קונסט פון נאָכמאַכונג. די ערשטע קאַפּיטלען פון דעם טראַקטאַט זיינען פאַרנומען מיט דעם פּראָצעס פון נאָכמאַכונג. פאַרשיידענע קונסטן באַנוצן פאַרשיידענע מיטלען: איינע באַנוצן זיך מיט האַרמאָניע און מיט ריטם. די פּאָעזיע — מיט דעם וואָרט. אויסער די מיטלען, מיט וועלכע די נאָכמאַכונג באַנוצט זיך, קאָן זי זיך נאָך אונטערשיידן לויט דעם קעגנשטאַנד, וועלכן מען מאַכט נאָך. פאַראַן שריפטשטעלער, וועלכע שילדערן שלעכטע, אַנדערע — גוטע מענטשן. די קאָמעדיע שילדערט ערגערע מענטשן, די טראַגעדיע בעסערע, איידער די וואָס עקסיסטירן היינט. ענדלעך אין דער מעטאָד פון נאָכמאַכונג דער דריטער אונטערשייד. אין עפּאָס דערציילט דער פּאָעט וועגן דער געשעעניש, ווי וועגן עפּעס אַזוינס „וואָס איז באַזונדער פון אים". אין דער דראַמע שטעלט ער פאָר די געשילדערטע פּערזאָנען „ווי ווירקנדיקע און טעטיקע".

די נאָכמאַכונג איז דעם מענטשן איינגעשאַפטלעך לויט דער נאַטור. דערייבער איז דער עסטעטישער גענום ניט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר אַ פּראָצעס פון דערקענונג. דאָס, וואָס רופט אַרויס אַן עקלגעפיל אין דער ווירקלעכקייט, פאַרשאַפט פאַרגעניגן אין זיין שילדערונג, למשל, עקלהאַפטע חיות און טויטע פגרים. פעסטשטעלנדיק אַזוי־אַרום דעם מהות פון דער פּאָעזיע, נעמט זיך עם אַריסטאָטעל באַטראַכטן די קאָמעדיע און די טראַגעדיע. דער טעקסט, וואָס איז צו אונז דערגאַנגען, ערלויבט ניט קלאָר צו מאַכן זיין בליק אויף דער קאָמעדיע. אָבער וואָס איז שייך צו דער טראַגעדיע, גיט עם אַריסטאָטעלעס איר באַרימטע דעפיניציע, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע ליטעראַטור און אַמפּערייען אָן אַ סוף. אָט איז די דאָזיקע דעפיניציע: „די טראַגעדיע איז אַ נאָכמאַכונג פון אַן אַקציע אַ וויכטיקע און אַ פאַרענדיקטע, וועלכע האָט אַ באַשטימטן פאַרנעם, מיט דער הילף פון וואָרט, וואָס איז אין יעדן טייל זיינעם פאַרשיידן באַצפּוצט; ניט דורך ערציילונג, נאָר דורך אַקציע, וועלכע פאַרווירקלעכט, אַדאַנק רחמנות

און מורא, די אָפּרייניקונג פון ענלעכע אַפעקטן" 1). אין יעדער טראַגעדיע האַלט אַריסטאָטעלעס פאַר נייטיק זעקס טיילן: די פאַבולע, די כאַראַקטערן, דעם שטייגער פון דענקען (אָדער די פאַרשטאַנדיקייט), די סצענישע סביבה, דעם וואָרט-אויסדרוק און די מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע. היות ווי די טראַגעדיע איז אַ נאָכמאַכונג פון אַן אַקציע אַ פאַרענדיקטער און אַ גאַנצער, על-כן דאַרף איר געבוי פאָרשטעלן אַ געוויסע איינהייט און האַרמאָניע. דער אינהאַלט פון דער פאַבולע דאַרף באַשטיין ניט אין דעם, וואָס זי דרייט זיך אַרום איין העלד, וואָרעם מיט איין העלד קאָן פאָרקומען אַ ריי פאַרשיידענע געשעענישן, און זיינע אַקציעס קענען זיין פילצאָליקע. די איינהייט פון דער פאַבולע באַשטייט אין דעם, וואָס זי דאַרף זיין די שילדערונג פון איינער און דערביי אַ גאַנצלעכער אַקציע, און „די טיילן פון די געשעענישן דאַרפן זיין אַזוי צונויפגעשטעלט, אַז ווען מען וועט ענדערן אָדער אַראָפּנעמען אַ וועלכן ניט איז טייל, זאָל זיך ענדערן, אָדער זאָל קומען אין באַוועגונג דאָס גאַנצע, וואָרעם דאָס, וואָס זיין אָנוועזנהייט אָדער אָפּוועזנהייט איז ניט קענטיק, איז ניט קיין אָרגאַנישער טייל פונם גאַנצן". אַנטוויקלענדיק ווייטער זיין געדאַנק וועגן דער פאַבולע, פאָדערט אַריסטאָטעלעס, אַז דער פּאָעט זאָל ניט נאָכגיין דעם היסטאָריקער, ער זאָל שילדערן ניט דאָס, וואָס איז אין דערווירקלעכקייט פאָרגעקומען, נאָר דאָס, וואָס וואָלט געקאָנט פאָרגעקומען. צווישן פאַבולעס זיינען די סאַמע ניט ווינטשנסווערטע — עפּיזאָדישע, דאָס הייסט אַזעלכע, אין וועלכע „עפּיזאָדיעס קומען איינע נאָך דער אַנדערער אָן שום וואָרשיינלעכקייט און נויטווענדיקייט". ווייטער קלערט אויף אַריסטאָטעלעס, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס ווערט דערגרייכט די דאָזיקע איינהייט פון דער אַקציע, געבנדיק אַ ריי וויכטיקע אָנווייזונגען בנוגע די פּעריפּעטיעס, דער ערקענונג און די ליידן, און ער רעכנט אויס די באַזונדערע טיילן פון דער העראָישער טראַגעדיע: דעם פּראָלאָג, די עפּיזאָדיעם, דעם עקסאָד און דעם כאָרן-טייל· דער פּראָלאָג — דאָס איז דער גאַנצער טייל פון דער טראַגעדיע ביז דעם ערשיינען פונם כאָר. עפּיזאָדיעם — דער גאַנצער טייל פון דער טראַגעדיע צווישן די פאַרענדיקטע

---

1) מיר ברענגען לעסינגס מיינונג וועגן דער דאָזיקער באַרימטער לערע וועגן אָפּרייניקונג: „היות ווי די דאָזיקע אָפּרייניקונג באַשטייט פשוט אין פאַרוואַנדלען די תאוות און נטיות צו שיינע מידות, און ביי בײדע זייטן פון יעדער מידה-טובה ליגן, לויט דער לערע פון אונזער פילאָסאָף, די עקסטרעמען, צווישן וועלכע זי געפינט זיך, על-כן דאַרף די טראַגעדיע, כדי זי זאָל אונזער מיטלייד פאַרוואַנדלען אין אַ מידה-טובה, זיין אים-שטאַנד אָפּצורייניקן אונז פון ביידע עקסטרעמיטעטן פון דעם מיטלייד; דאָס זעלבע דאַרף מען אויך פאַרשטיין בנוגע דער מורא".

לידער פונם כאָר. עקסאָד — דאָס איז דער גאַנצער טייל פון דער טראַגעדיע, נאָך וועלכן עס איז שוין מער ניטאָ קיין לידער פונם כאָר.

כדי צו פאַרווירקלעכן דעם ציל פון דער טראַגעדיע, ד. ה. כדי צו דערגרייכן די אָפּריייניקנדיקע ווירקונג פון מורא און מיטלייד, טויגן ניט קיין געהויבענע העלדן, וועלכע גייען אַריבער פון גליק צו אומגליק אָדער, פאַרקערט, שלעכטע מענטשן, וועלכע דערגרייכן צו גליק, ווייל דאָס וואָלט אַרויסגערופן בלויז אַ געפיל פון עקל. „ס׳פאַרבלייבט נאָר דער העלד, וועלכער צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין (באַזונדערע) מידות־טובות און יושר, און וואָס פאַלט אַריין אין אַן אומגליק ניט פאַר זיין שלעכטס און זינדיקייט, נאָר מחמת עפּעס אַ טעות, בשעת פריער האָט ער געלעבט אין גרויס כבוד און גליק, ווי למשל, אוידיפוס, טיעסטעס און ענלעכע פון כלל אויסגעצייכנטע פּערזאָנען". דער דאָזיקער געדאַנק פון אַריסטאָטעלעס האָט געהאַט פונקט אַזאַ גרויסע השפּעה אויף די אייראָפּעישע עסטעטישע טעאָריעס, ווי די לערע וועגן דער אָפּריייניקונג דורך מורא און מיטלייד. די דייטשע עסטעטיק האָט אַנטוויקלט די באַוואוסטע לערע וועגן דער טראַגישער שולדיקייט און האָט זיך אַ לאַנגע צייט ניט געקענט באַפרייען פון דער געוויינהייט צו זוכן אין דעם העלד פון יעדער טראַגעדיע פריער פאַר אַלץ די דאָזיקע טראַגישע שולדיקייט, ד. ה. יענעם טעות, וואָס האָט אים געבראַכט צו אומגליק און אונטערגאַנג.

געענדיקט מיט דער פאַבולע, זאָגט אַריסטאָטעלעס אַרויס אַ ריי באַמערקונגען וועגן די כאַראַקטערן, — באַמערקונגען, וועלכע זיינען שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַלף־בית פון דער קינסטלערישער שאַפונג. היינטיקע צייטן ווייס יעדער, אַז דער כאַראַקטער פון דעם העלד דאַרף אַנטשפּרעכן זיין געשלעכט, זיין פּראָפעסיע, זיין עלטער; דאַרף האָבן אַ אינערלעכע קאָנזעקווענץ. אין כאַראַקטערן דאַרף מען אויך שטענדיק זוכן אָדער נייטווענדיקייט אָדער וואָרשיינלעכקייט, און דער סוף גופא פון דער טראַגעדיע דאַרף זיין אַ פועל־יוצא פון דער פאַבולע. אַריסטאָטעלעס טרעט אַרויס קעגן די געקינצלטע ענדונגען דורך מאַשינעס. דער אַנאַליז פון דער טראַגעדיע פאַרענדיקט זיך מיט אַ גאַנץ ברייטן מאמר וועגן „דעם וואָרט־אויסדרוק", וואו דער אַווטאָר מאַכט אַן עקסקורסיע אין דעם געביט פון שפּראַך און גראַמאַטישע דקדוקים. אויך דאָ ווייזט זיך אַרויס זיין אַלגעמיינע שטרעבונג צו האַרמאָניע. ער מאַכט קלאָר בפרטות, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס קאָן דערגרייכט ווערן די האַרמאָניע צווישן דעם אינהאַלט מיט דער פאָרם.

דער IV יאָרהונדערט איז געווען דער יאָרהונדערט פון דער פּאָר־

מעלער מפּלה פון דער גריכישער פרייהייט, וואָס איר ירידה האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פריער. איינגענומען דורך מאַצעדאָניע, האָט גריכנלאַנד, וואָס איז אין אַ משך פון פינף יאָרהונדערטן געווען דער צענטער פון דער פאַרציייטיקער קולטור, אין דעם געביט פון קינסטלערישער שאַפונג שוין מער גאָרנישט אויפגעטאָן אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען פאַרגליכן ווערן מיט דעם אַלטן קלאַסישן פעריאָד פון זיין ליטעראַטור־געשיכטע. די שפּעריִשע ראָלע פון גריכנלאַנד האָט זיך געענדיקט, אָבער דערפאַר איז פאַרברייטערט געוואָרן זיין גרויסע קולטורעלע מיסיע. די פרוכט פון זיין קולטור האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן ווייט אַריבער זיינע גרענעצן. אַלעקסאַנדער מוקדון האָט געטרוימט צו באַהעפטן צו דער גריכישער קולטור דעם מזרח. אַלעקסאַנדריע, די הויפּטשטאָט פון מצרים, האָט פאַרנומען דעם ערשטן אָרט צווישן די צאָלרייכע צענטערס פון דער פאַרציייטיקער וועלט, אין וועלכע עס האָט געקאָכט מיט לעבהאַפטער וויסנשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקייט. און דער אַלעקסאַנדריניִשער פעריאָד פון דער גריכישער ציוויליזאַציע, הגם ער קאָן ניט גיין אין פאַרגלייך מיט דעם קלאַסישן פעריאָד, שטעלט פונדעסטוועגן מיט זיך פאָר איינעם פון די סאַמע גלענצנדע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק. אין מיטן II יאָרהונדערט האָט גריכנלאַנד געמוזט זיך אונטערטעניקן צו אַ נייעם גרויסן פאָלק, און די קערנער פון דער גריכישער ציוויליזאַציע זיינען געפאַלן אויף אַ נייעם דאַנקבאַרן באָדן, וואָס האָט נעגעבן אַ רייכן אויפגאַנג. אויסבילדנדיק זיך אונטער דער השפּעה פון דער גריכישער ליטעראַטור, האָט די רוימישע ליטעראַטור ערשיינט אַלס פאַרמיטלערין צווישן דער גייסטיקער אַרבעט פון דעם גריכישן פאָלק מיט דער ציוויליזאַציע פון די היינטיקע אייראָפּעיִשע פעלקער.

אינהאַלט.

ערשטע אָפּטיילונג.

דער עפּאָס און דער אָנהייב פון דער ליריק.
האָמער. העסיאָד.

זייט

I. די באַדייטונג פון דער גריכישער ציוויליזאַציע און ליטעראַטור. — דער איינפלוס פון דער גריכישער ליטעראַטור אויף דער נייער אייראָפּעאישער. — די אַלמענטשלעכע באַדייטונג פון דער גריכישער ליטעראַטור. — דער איינפלוס פון די געאָגראַפישע באַדינגונגען אויף דער אויסבילדונג פון דעם גריכישן כאַראַקטער: די טיפע איינגעשניטנקייט פון די גריכישע ברעגן, די אָרעמקייט פון דעם באָדן, די שיינקייט פון די פייזאַזשן און דער קלימאַט. — די גרונדשטריכן פון גריכישן כאַראַקטער. — די באַזונדערהייטן פון דער גריכישער רעליגיע, פילאָסאָפיע, וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור. — די פאַר-האָמערישע ליטעראַטור. — די פראַגע וועגן דעם אַווטאָר פון דער „איליאַדע" און דער „אָדיסעע"; וועגן דער צייט און דעם אָרט פון זייער אַנטשטיין. — דער סוזשעט פון דער „איליאַדע". דער סוזשעט פון דער „אָדיסעע" 5

II. די אַריסטאָקראַטישע טענדענץ פון די האָמערישע פּאָעמען. — די שטריכן פון דער האָמערישער אַריסטאָקראַטיע: ניט-איינגעהאַלטנקייט, ניריקייט, דער גייסט פון אוטיליטאַריזם, פּאַרשייטקייט, לוקסוס און עפּיקורעיזם, דער פּאַטריאַרכאַלער שטייגער, די קולטורעלקייט און באַגיין זיך מיט מענטשן, דער עטיקעט, די אַכטונג צו קונסט און צו זינגער, די שיינקייט און דער העראָיזם. — די שילדערונג פון די נידעריקערע קלאַסן ביי האָמערן. — זיין באַציונג צו דער פאָלקסמאַסע. — דער ראַט און די פאָלקספאַרזאַמלונג. — טיפּן פון די נידעריקערע קלאַסן: טערסיטעס און אייטמאָיאָס. — טיפּן פון העראָיען: אַכילעס און אָדיסעוס. — טיפּן פון פרויען: פּענעלאָפּע. — די באַדייטונג פון דעם האָמערישן עפּאָס 40

III. האָמער און העסיאָד אַלס אידעאָלאָגן פון פאַרשיידענע קלאַסן. — ידיעות וועגן העסיאָדס פּערזענלעכקייט און וועגן זיין הייםאַט. — די שטימונג, וועלכע הערשט אין דער פּאָעמע „אַרבעטן אין טעג". — דער מיטאָס וועגן פּאַנדאָר און די לעגענדע וועגן פינף יאָרהונדערטן. — דער פּעסימיזם אין העסיאָדס מאָראַלישע און היסטאָרישע אַנשויונגען. — דער גייסט פון פּראָטעסט. — דאָס לעבן און דער אידעאַל פון אַגריקולטורעלן אַרבעטער-קלאַס לויט „אַרבעטן און טעג". — „טעאָגאָניע" און אַנדערע ווערק פון דער עפּישער פּאָעזיע. — קאָמישער עפּאָס. — „די מלחמה צווישן די מייז מיט די פרעש". — „מאַרגיטעס". — דער עמבריאָן פון די קינפטיקע אידעען אינם עפּאָס 78

צווייטע אָפּטיילונג.

די לירישע פּאָעזיע און דער אָנהייב פון דער דראַמע. אַרכילאָכוס. טירטאַיאָס. סאָלאָן. טעאָגניס. אַלקאַיאָס. סאַפּפאָ אַנאַקרעאָן. סימאָנידעס. פּינדאַר. אייסכילאָס.

זייט

VI. די ירידה פון דער אַריסטאָקראַטיע און די גריכישע שטעט אין VII און VI יאָרה. — די ערפאָלגן פון דער דעמאָקראַטיע. — די טיראַניי. — די געזעצן פון סאָלאָן און קליסטענעס. — די ווירקונג פון די נייע געשמאַקן און פאָדערונגען אויף דער ליטעראַטור. — די נייע פּאָעטישע פאָרמען. — דאָס עלעגישע, יאַמבישע, מעלישע און כאָראַלע ליד. — דער אָנהייב פון דער לירישער פּאָעזיע. — אַרכילאָכוס און די סאַטירישע ליריק. — די קריגערישע ליריק. — טירטאַיאָס. — די סאָציאַל-פּאָליטישע ליריק: סאָלאָן. — די אַריסטאָקראַטיש-רעאַקציאָנערע ריכטונג אין דער גריכישער ליריק: טעאָגניס 105

V. די עפּיקורעישע און די עראָטישע ריכטונג אין דער גריכישער ליריק. — דער אינזל לעסבאָס. — אַלקאַיאָס. — סאַפּפאָ און די קינסטלערישע באַזונדערהייטן פון איר ליריק. — אַנאַקרעאָן. — די פּערסישע מלחמות, זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעזולטאַטן פאַר גריכנלאַנד. — די דערהייבונג פון אַטען און דער נצחון פון דער דעמאָקראַטיע. — די עליה פונם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. — סימאָנידעס און פּינדאַר, אַלס די ערשטע אַלגעמיין גריכישע ליריקער. — סימאָנידעס אַלס נייער טיפּ פון אַ פּאָעט. — זיינע פּאַטריאָטישע לידער. — פּינדאַר. — די באַדייטונג פון די אָלימפּישע פייערונגען. — דער אַנאַליז פון פּינדאַרס ערשטער אָלימפּישער אָדע 137

IV. דער אָנהייב פון דער דראַמאַטישער קונסט. — טעספּיס. — די אייַנאָרדענונג פון דעם גריכישן טעאַטער. — די אַרטיסטן. — די פּובליק. — דעקאָראַציעס, מאַסקעס, קאָסטיומען. — דער כאָר. — אייסכילאָס. — זיינע טראַגעדיעס. — „די פּערסן". — „זיבן קעגן טעבען". — „די בעטערינס". — „דער געשמידטער פּראָמעטעוס". — די באַדייטונג פון דער דאָזיקער טראַגעדיע און שעללים „פּראָמעטעוס". — די טרילאָגיע „אָרעסטעיאַ". — אויספיר 176

דריטע אָפּטיילונג.

די בליונג פון דער דראַמאַטישער קונסט. סאָפאָקלעס. עוריפּידעס. אַריסטאָפאַנעס. אַריסטאָטעלעס.

IIV. סאָפאָקלעס — זיין לעבן און פּערזענלעכקייט. — די רעפאָרם פון דער דראַמאַטישער קונסט. — די טראַגעדיעס: „קיניג אוידיפּוס" און „אוידיפּוס אין קאָלאָן". — אוידיפּוסעס כאַראַקטער אין דער ערשטער און אין דער

צווייטער טראַגעדיע. — סאָפאָקלעסעס מאָראַלישע אָנשויונגען און זיין בליק אויפן גורל. — „אַנטיגאָנע". — די פרוי אין פעריקלעסעס עפּאָכע. — עלעקטראַ און דעיאַנירא. — „איאַקס" און „פילאָקטעט". — די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון סאָפאָקלעסעס שאַפן 210

VIII. עוריפידעס. — די ירידה-עפּאָכע פון דער דעמאָקראַטיע. — די שטימונגען פונם דעמאָס. — די העטעריעס. — די אויפקלערער. — רעליגיעזע פראָצעסן. — די סאָפיסטן. — עוריפידעסעס ווערק: „אַלקעסטידע" און די באַזונדערהייטן פון דעם עוריפידישן שאַפן, וואָס ווייזן זיך אין איר אַרויס. — „מעדעע". — די טרויעריקע טענדענץ אירע. — יאַזאָנס און מעדעעס כאַראַקטערן. — „היפּאָליטאָס". — די פּאַטריאָטישע טענדענץ אין עוריפידעסעס טראַגעדיעס: „די העראַקלידן", „יאָן", „די בעטערינס" און „דער וואוטיקער העראַקלעס". — „עלעקטרע", „איפיגעניע" און די איבעריקע ווערק עוריפידעסעס 239

XI. די קאָמעדיע. — אַריסטאָפאַנעסעס פאָרגייער און די חברים פון זיין ציים. — אַריסטאָפאַנעס. — דער פּראָטעסט קעגן שאָוויניזם: „די אַכאַרנאַיער". — דער פּראָטעסט קעגן די דעמאַגאָגן און זייערע מעטאָדן: „די רייטער". — די סאַטירע אויף דער סאָפיסטישער פילאָסאָפיע: „וואָלקנס". — די סאַטירע אויף די ליבהאָבער פון משפּטים: „די ווידפּעס". — פּיעסן פון טאָג-טעגלעכקיים מיט פאַנטאַסטישע סוזשעטן: „שלום" און „פויגלען". — פרויען אין אַריסטאָפאַנעסעס קאָמעדיעס: „ליזיסטראַטע", „פרויען אויף דעם יום-טוב פון טעסמאָפאָראַס" און „פרויען אויף דער פאָלקספאַרזאַמלונג". — ליטעראַרישע קריטיק און פּאָלעמיק אין דער אַריסטאָפאַנישער קאָמעדיע: „די פרעש". — דראַמאַטישע טעאָריע: אַריסטאָטעלעסעס „פּאָעטיק". — שלוס 270